This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-525

סאָוועטיש היימלאנד

4 1988

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

4

אַפּרעל —

1988

אינהאַלט

טעאַרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד״. וו. אפאנאסיעוו. וועגן דעם נײַעם אויפֿן פון פּאָליטישן דענקען 3
צום 45־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין וואַרשעווער געטאָ. פּ. מאַרקיש. טראָט פון דורעס . . 7
מ. צאנין. וואַרשע אין יענע טעג 17
שורעס, אָנגעשריבענע אין געטאָ. לידער פון ל. אָפּעסקין, אי. גראַדזיאַנאָווסקע, ק. ליס 24
כ.־אי. גאָלדשטיין. ייִדן אף די באַריקאַדן אין וואַרשע 25
שורעס פון צאָרן און נעקאָמע. לידער פון מ. שימעל, ל. אײַכענראַנד, נ. באָמזע, י. רובינשטיין, אי. פּעפּער 29
י. שרײַבמאַן. זיבן יאָר מיט זיבן כאַדאָשים (ראָמאַן, סאָף) 32
י. בוכבינדער. די מאָס פון גערעכטיקײַט (לידער) 67
ש. גאָרדאָן. די עלטער (דערציילונג) 70
פאַרצייכענונגען. ה. רעלעס (צום 75־טן געבורטסטאָג). ווי א דונער פון העלן הימל 88
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. אַווראָם גאָנטאַר (1908—1981). לידער פון פאַרשיידענע יאָרן . . 100
יויסעף ראַבין. אין יענעם יאָר (ראָמאַן) . . . 106
אונדזערע פּובליקאַציעס. ייִצכאָק באַשעוויס־זינגער. רעב כאַיִם גאָרשקאָווער און אַנדערע דערציילונגען 126
כאַסקל זײַען. דער מישפּעט 138
איבער לענדער און קאָנטינענטן. אָלעג געראַסימאָוו. אף די וועגן פון מעסאָפּאָטאַמיע . . . 141
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. יעווסיי יאַצאָווסקי. שעצן די געפילן פון אַלע פעלקער . . 151
גריגאָרי באָקאַנורסקי, אַנאַטאָלי באָקאַנורסקי. וועגן נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווּסטזײַן און נאַציאָנאַלער קולטור 153
אונדזער רעפּליק. זאַלמען ליבינזאָן. וועגן ראָמאַנטיק און ראָמאַנטיזם 158
דאָס איז טשיקאַווע. פּ. קוזנעצאָוו. הערבערט אוועלס קעגן אַן אַטאָם־מילכאָמע 160
פריילעכע שורעס. פון ב.־י. ביאַלאָסטאָצקיס בוך „ייִדישער הומאָר און ייִדישע לייצים״ 163
מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 165
זעלבסטלערער פון ייִדיש 167
כראָניק . . . . . VI, IV, II, 160, 150, 149, 140
רעזומע (רוסיש, ענגליש, שפּאַניש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), ש. גאָרדאָן, ט. גען, א. טווערסקאָי, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ב. סאַנדלער, ה. פּאָליאַנקער, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

וויקטאָר אַפאַנאַסיעוו

וועגן דעם נײַעם אופן פון פּאָליטישן דענקען

די שאַרפסטע פּראָבלעם, וועלכע שטייט הײַנט פאַר דער מענטשהײַט, איז די פּראָבלעם פון מילכאָמע און שאָלעם. אַז און פאַר זיך איז זי ניט קיין נײַע: מילכאָמעס זײַנען שטענדיק געווען „באַגלייטערס” פון דער מענטשהײַט. געלערנטע האָבן אונטערגערעכנט, אַז פאַר העכער פיר יאָר־טויזנטער פון דער געשיכטע, וואָס איז אונדז באַוווּסט, זײַנען בלויז דרײַ הונדערט יאָר געווען אַבסאָליוט פרידלעכע. אין דער איבעריקער צײַט האָט אין א גרויסן אָדער קליינעם רעגיאָן פון דער וועלט עמעצער מיט עמעצן מילכאָמע געהאַלטן. ביזן איצטיקן יאָרהונדערט זײַנען דאָס געווען לאָקאַלע מילכאָמעס — באַגרענעצטע לויט דער טעריטאָריע און לויט דער צאָל מעלוכעס, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין זיי. אַזעלכע מינים מילכאָמעס דויערן אויך הײַנט (די ניט־געמאָלדענע מילכאָמע קעגן אפגאניסטאן, די איראנער־איראקישע מילכאָמע אאוו.).

דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט האָט געבוירן א נײַעם טיפּ מילכאָמעס — אַלוועלטלעכע, אין וועלכע עס נעמען אָן אָנטייל צענדליקער לענדער און פיל מיליאָנען מענטשן. צוויי אַזעלכע מילכאָמעס האָט די מענטשהײַט איבערגעלעבט. אין דער ערשטער האָבן אָנטיילגענומען 38 מעלוכעס, עס זײַנען מאָביליזירט געוואָרן 74 מיליאָן מענטשן, אומגעקומען זײַנען 10 מיליאָן, פאַרוווּנדעט און קאָנטוזיעט געוואָרן — 20 מיליאָן, אין דער צווייטער האָבן אָנטיילגענומען 72 מעלוכעס, אונטער דער ביקס זײַנען געשטעלט געוואָרן ביז 110 מיליאָן, די אַלגעמיינע פאַרלוסטן האָבן דערגרייכט 55 מיליאָן מענטשן.

אין דער לופט פון אונדזערע טעג שוועבט דער געשפּענסט פון א נײַער וועלט־מילכאָמע — א שוידערלעכער, טערמאָ־נוקלעאַרער. דאָס איז אַפילע ניט קיין געשפּענסט, נאָר א רעאַלע געפאַר. עס זײַנען פאַראַן מיטלען צו פירן אַזאַ מילכאָמע — בערג מיט נוקלעאַרן וואָפן. ס׳זײַנען אויך דאָ מענטשן, וועלכע קאָנען מיט דעם אופרײַסן די גאַנצע וועלט — עס האַנדלט זיך דאָ וועגן די סאַמע שוואַרצע קויכעס פון דער אימפּעריאַליסטישער רעאַקציע.

אויב אַזאַ מילכאָמע וועט אויסברעכן, וועט זי זײַן מיסטאָמע די לעצטע. אינעם פאַרניכטנדיקן נוקלעאַרן פלאַם, אין אַן אַלץ רוינירנדיקער אופרײַס־כוואַליע, פון דעם ראַדיאַקטיוון גיפט וועט אומקומען די מענטשלעכע ציוויליזאַציע און, אַפאַנעם, אַלדאָס לעבעדיקע אַף דער ערד.

די מענטשהײַט וועט זײַן אָדער ניט זײַן — אַזאַ איז די פראַגע, וועלכע קלינגט ניט לאַכלוטן אַזוי פילאָסאָפיש־אַבסטראַקט, ווי בא שעקספירן די פראַגע „טו בי אָר נאָט טו בי”. וויאַזוי לייזן דעם פאַרמעסט פון מילכאָמע און שאָלעם לעטויוועס דעם שאָלעם? וויאַזוי אײַנהיטן דעם שאָלעם און גאַראַנטירן א פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט און פונעם מענטשן? — דאָס זײַנען גוירלדיקע, קאָנקרעטע פּראָבלעמען פון גלאָבאַלן מאַסשטאַב.

קעדיי ענטפערן אַף די דאָזיקע פראַגן, טויג ניט דער פריערדיקער „ביז־נוקלעאַרער”, „ביז־קאָסמישער” אופן פון דענקען אין דער פּאָליטיק. דאָ איז נייטיק א נײַ פּאָליטיש דענקען, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די הײַנטצײַטיקע היסטאָרישע באַדינגונגען.

באַ די יעסוידעס פון אַזאַ אַרט דענקען איז געשטאַנען וו. אי. לענין, דער לענינישער פּרינציפּ פון פרידלעכער קאָעקזיסטענץ פון מעלוכעס מיט אַ פאַרשיידענער סאָציאַלער אָרדענונג. לענין איז געווען טיף איבערציַיגט, אַז דער סאָציאַליזם וועט פריִער אָדער שפּעטער זיגן אין דער גאַרער וועלט. אָבער אַט דער זיג קאָן ניט איינציַיטיק און מיטאַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין אַלע לענדער. אָפּהענגיק פון דעם אַנטוויקלונגס־ניוואָ אין דער עקאָנאָמיק, פון דער מאַדרייגע פון דער שאַרפקיַיט פונעם קלאַסן־קאַמף, פון די סאָציאַלע קויכעס־פאַרהעלטענישן, ווי אויך פון אַנדערע באַדינגונגען, וועלן איינע לענדער קומען צום סאָציאַליזם פריִער פון אַנדערע. אַרויסגייענדיק פון דעם, האָט לענין געמאַכט אַן אויספיר, אַז בעמעשעך פון אַ לענגערן היסטאָרישן פּעריאָד, ווען באַגליַיך מיט די סאָציאַליסטישע לענדער וועלן עקזיסטירן קאַפּיטאַליסטישע, איז די קאָעקזיסטענץ, דאָס צוזאַמענלעבן אויף דער ערד צווישן די סאָציאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע לענדער אומפאַרמיַידלעך. לענין איז געווען אַן אָנהענגער פון פרידלעכער קאָעקזיסטענץ, און אַט דעם לענינישן פּרינציפּ האָבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטן־מעלוכע געלייגט אין יעסאָד פון די באַציִונגען מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אַ פרידלעכע קאָעקזיסטענץ זעט פאָר: אָפּזאָגן זיך פון מילכאָמע, פון אָנווענדן קויעך אָדער דראָען מיט קויעך אַלס מיטל צו לייזן שטריַיט־פראַגן, לייזן זיי מיטן וועג פון אונטערהאַנדלונגען; ניט אַריַינמישן זיך אין די אינערלעכע איניאָנים מיצאַד איין לאַנד אין דעם אַנדערן און נעמען אין אַכט די געזעצלעכע אינטערעסן פון יעדן לאַנד; אָנערקענען דאָס רעכט פון די פעלקער אַליין צו שאַפן זיך מיטן אייגענעם גוירל; ניט ברעכן און ניט מינערן דעם סוּווערעניטעט, די טעריטאָריִעלע גאַנצקיַיט פון די מעלוכעס און די אומבאַרירלעכקיַיט פון זייערע גרענעצן; מיטאַרבעטן אויף יעסאָד פון פולקומער גליַיכבאַרעכטיקונג און קעגנזיַיטיקער לויַנבאַרקיַיט; געוויסנהאַפטיק אויספילן די היסכייוועסן, וועלכע דרינגען אַרויס פון די אַלגעמיין־אָנערקענטע פּרינציפּן און נאָרמעס פון די צווישנפעלקערלעכע רעכט, פון די געשלאָסענע צווישנפעלקערלעכע אָפּמאַכן.

לענין האָט געלעבט און געאַרבעט, געדענקט און געקעמפט דעמלט, ווען די וויסנשאַפט האָט געמאַכט די ערשטע טריט אויפן וועג פון אַריַינדרינגען אין די געהיימניסן פונעם אַטאָם, און דאָס איז נאָך געווען אַ סאָד אונטער זיבן שלעסער. די נוקלעאַרע סאַקאָנע, וועלכע לויערט היַינט איבער דער מענטשהיַיט, איז נאָך ניט געווען אַזוי אָנשויליך און נאָענט.

נאָך וו. אי. לענינען האָט די היסטאָרישע אַטמאָספער, באַזונדערס פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער, אויף אַ ראַדיקאַלן אויפן זיך געענדערט. מיר זיַינען אַריַינגעטראָטן אין אַ נוקלעאַר־קאָסמישן יאָרהונדערט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נוקלעאַרער מאָנסטער, און מיט אים איז די עצעם מענטשהיַיט אַריַינגעפאַלן אין אַ קאָלאָסאַלער געפאַר.

אַליין די געשיכטע האָט געשטעלט פאַר דער טעאָריע און פּראַקטיק אַן אויפגאַבע פון אַ פונדאַמענטאַלן כאַראַקטער: וויִאַזוי פאַרהיטן דעם שאָלעם, אויסמיַידן אַ נוקלעאַרע סרייפע, וויִאַזוי, ניט פאַרמאַכנדיק די אויגן אויף די סאָציאַלע, פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע ווידערשפּרוכן, באַהערשן די וויסנשאַפט און די קונסט פון אויפירן זיך איַינגעהאַלטן און פאָרזיכטיק אויף דער וועלט־אַרענע, לעבן ציוויליזירט, ד.ה. אין באַדינגונגען פון קאָרעקטע צווישנפעלקערלעכע קאָנטאַקטן און פון מיטאַרבעט. די קפּסס האָט געלייזט די דאָזיקע אויפגאַבע. אויף די נאָרוואָס געשטעלטע פראַגן ענטפערט די קאָנצעפּציע פון אַ ניַיעם אויפן פון פּאָליטישן דענקען.

די גרונט־אידייען פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע, איר פאַרהאַנאַכע זיַינען פאָרמולירט אין די מאַטעריאַלן פונעם XXVII צוזאַמענפאָר פון קפּסס. די היַינטציַיטיקע וועלט איז געוואָרן צו קליין און ענג פאַר מילכאָמעס און קויעך־פּאָליטיק, — ווערט אָפּגעמערקט אינעם פּאָליטישן פאָרטראָג פון דעם צק פון קפּסס דעם צוזאַמענפאָר.

די וועלט איז געוואָרן קרישלדיק, וויַיל זי קאָן זיך, ווי אַ נוס, צעשיטן פון אַ קלאַפּ אַפילע פון אַ ניט־גרויסן טייל פון די אָנגעזאַמלטע נוקלעאַרע באָמבעס. די וועלט איז געוואָרן אַ קליינינקע, וויַיל עס זיַינען געשאַפן געוואָרן ראַקעטעס־טרעגער, וועלכע זיַינען פעיִק פאַר געציילטע מינוטן ברענגען די דאָזיקע באָמבעס אין אַ באַליביק ווינקל פונעם ערדקיַילעך.

„ראַטעווען און פאַרהיטן זי קאָן מען ניט, — ווערט געזאָגט אינעם פאָרטראָג, — אויב זיך ניט אָפּזאָגן אַנטשיידן און ענדגילטיק פונעם אויפן פון דענקען און האַנדלונגען, וועלכע האָבן דורעס־לאַנג זיך געבויט אויף אָנעמבאַרקיַיט, דערלאָזבאַרקיַיט פון מילכאָמעס און פון באַוואָפנטע קאָנפליקטן". אָפּזאָגן זיך פון מילכאָמעס און פון קויעך־פּאָליטיק אינעם יאָרהונדערט פון דעם אַטאָם און פון קאָסמאָס — דאָס איז די גרונט־קאָנצעפּציע פונעם ניַיעם אויפן פון פּאָליטישן דענקען. איר וויַיטערדיקע אַנטוויקלונג האָט די דאָזיקע קאָנצעפּציע באַקומען אין די שפּעטערדיקע דאָקומענטן פון דער פּאַרטיי, אין די אַרויסטרעטונגען פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק מ. ס. גאָרבאַטשאָוו.

די קאָנצעפּציע פון א נײַעם אויפן פון פּאָליטישן דענקען באַטײַט טיף און אָביעקטיוו באַנעמען די נוקלעאַר־קאָסמישע רעאַליטעטן פון אונדזער צײַט, באַנעמען, אַז:

אין אונדזערע טעג, ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ וואָפן, וואָס שטעלט אונטער א סאַפעק די עצעם עקזיסטענץ פון דער מענטשהײַט, שטייט די פראַגע בלויז אַזוי: קאָעקזיסטירן אָדער ניט עקזיסטירן. עס האַנדלט זיך, אַזויאַרום, ניט נאָר וועגן א פאַרמעסטונג און קאָנפראָנטאַציע פון צוויי געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען, נאָר וועגן דעם אויסוואַל צווישן לעבן און קעגנזײַטיקער פאַרניכטונג;

די קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען, די טיפע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן און קאָנפליקטן פון דער הײַנטצײַטיקער וועלט קאָן מען לייזן ניט מיט מיטלען פון וויסנשאַפט און טעכניק, ביפראַט נאָך ניט מיטן וועג פון מיליטערישן קויעך, מיטן קויעך פון געווער, נאָר בלויז מיט א פּאָליטישן וועג, מיטן וועג פון אונטערהאַנדלונגען;

דער אונטערשייד אין דער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער אָרדענונג, אין דער אידעאָלאָגיע, אין די נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און אַנדערע באַזונדערקײַטן קאָנען ניט זײַן קיין שטערונג פאַר א דיאַלאָג לעשעם דעם שאָלעם. ניט מעוואַטער זײַענדיק אַף קיין האָר די נאַציאָנאַלע ווירדע, די אייגענע אינטערעסן און ווערטן, איז יעדעס פאָלק, יעדעס לאַנד מעכוייעוו זיי ריכטן צום דערגרייכן דעם הויפּט־ציל — ראַטעווען די מענטשלעכע ציוויליזאַציע;

א נוקלעאַרע מילכאָמע איז אומעגלעך געווינען, אין איר קאָנען נישט זײַן ניט קיין זיגער, ניט קיין באַזיגטע;

די אידייען וועגן דערגרייכן א מיליטערישן פאַרצוג קאָנען ניט מעקוייעם ווערן, זיי זײַנען איליוזאָרישע;

דער קאָסמאָס געהערט דער גאַנצער מענטשהײַט, אויסניצן אים פון וועמען־עס־איז צוליב מיליטערישע צילן איז אַנטיהומאַניש, אַנטיגעזעצלעך;

קעדיי אויסלעבן, דאַרף די מענטשהײַט ניט דערלאָזן, עס זאָל מיליטאַריזירט ווערן דער קאָסמאָס, דאָס נוקלעאַרע וואָפן דאַרף ליקווידירט ווערן אַף דער ערד;

אַלע לענדער פון דער וועלט זײַנען קעגנזײַטיק פאַרבונדן צווישן זיך און אָפּהענגיק איינס פונעם אַנדערן, אַלע מענטשן לעבן אַף איין פּלאַנעטע, וועמענס נאָמען איז ערד;

אין דער בויונג פון דעם שאָלעם און פון גאַראַנטירטער זיכערהײַט דאַרפן אָנטיילנעמען אַלע לענדער, פעלקער, מעלוכעס — סײַ גרויסע, סײַ מיטעלע, סײַ קליינע;

די זיכערהײַט פון איינע לענדער קאָן ניט גאַראַנטירט ווערן אַפּן כעזשבן פון אַנדערע, די זיכערהײַט קאָן זײַן בלויז אַן אַלצײַנע, א קעגנזײַטיקע, אַלך־אַרומכאַפּנדיקע — א צווישנפעלקערלעכע זיכערהײַט; די וועלט איז אַן איין־איינציקע, און איר זיכערהײַט איז אומצעטיילבאַר;

דעם פּריאָריטעט דאַרף מען איצט אָפּגעבן די מענטשלעכע ווערטן, ווײַל די וועלט געהערט דעם מענטשן, דעם איצטיקן און קינפטיקן דאָר;

אַלס העכסטע ווערט דאַרף אַנערקענט ווערן דאָס מענטשלעכע לעבן, ווײַל בלויז דער מענטש איז דער שעפער פון די מאַטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן, וועלכע די געזעלשאַפט פאַרמאָגט, בלויז זײַן שעפערישער געני גאַראַנטירט דעם פּראָגרעס און די ציוויליזאַציע אין באַדינגונגען פון שאָלעם.

אָפּגעבנדיק דעם פּריאָריטעט די אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערטן, דעם מענטשנס לעבן, פּאַרטייִדיקנדיק די ניט־ווירקלעכע וועלט, זאָגט זיך די קפּסס לאַכלוטן ניט אָפּ פון א פּאַרטייִשן, קלאַסן־צוגאַנג צו די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, צו מילכאָמעס. דער הויפּט־ציל פון דער קפּסס איז געווען און פאַרבליבן דער ענדציל פונעם אַרבעטער־קלאַס — די אויסבויונג פונעם קאָמוניזם. די קפּסס אונטערשטיצט די צווישנפעלקערלעכע אַרבעטער־, קאָמוניסטישע און נאַציאָנאַל־באַפרײַערישע באַוועגונג, פירט א קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף מיט זײַן קלאַסן־קעגנער.

די מאַרקסיסטן זײַנען ניט קיין פּאַציפיסטן, זיי האַלטן פאַר נאַטירלעכע, געזעצמעסיקע, גערעכטיקע די פאַרטיידיקנדיקע און באַפרײַערישע מילכאָמעס.

די קפּסס און די סאָוועטישע מעלוכע פירן זייערע פּראַקטישע איניאָנים אַף דער וועלט־אַרענע, שטרענג באַזירנדיק זיך אַף די פּרינציפּן פון א נײַעם אויפן פון פּאָליטישן דענקען. דאָס אײַנהיטן און קרעפטיקן דעם שאָלעם, פאַרקירצן און שפּעטער אינגאַנצן ליקווידירן דאָס נוקלעאַרע און אַנדער וואָפן פון מאַסן־פאַרניכטונג — דאָס איז זייער וויכטיקסטע אויסערן־פּאָליטישע אויפגאַבע. און אַנדערש קאָן דאָך ניט זײַן, ווײַל שאָלעם, ווי וו. אי. לענין האָט געזאָגט, איז דער אידעאַל פונעם סאָציאַליזם. באַזונדערס איז אונדז נייטיק דער שאָלעם הײַנט, ווײַל בלויז אין באַדינגונגען פון שאָלעם קאָן מען פאַרווירקלעכן די גראַנדיעזע פּראָגראַמען פון איבערבויונג, פאַרשנעלערן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פונעם לאַנד.

קעדיי דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל — אײַנהיטן דעם שאָלעם, — ווענדט אָן די פּאַרטיי מאַקסימאַלע באַמיִונגען.

מיט א געפיל פון קאָלאָסאלער אכרײַעס פאַר די גויראָלעס פון דער מענטשהײַט, פאַר איר עקזיסטענץ איז דורכגעדרונגען די פּראָגראַם פון אויסבויען א נוקלעאַרלאָזן שאָלעם, וועלכע ס'האָט אַרויסגערוקט אין דער דערקלערונג פונעם 15 יאַנוואַר 1986 מ. ס. גאָרבאַטשאָוו.

האַנדלענדיק עטאַפּנווײַז און קאָנסעקווענט, איז מעגלעך פאַרווירקלעכן און פאַרענדיקן דעם פּראָצעס פון באַפרײַען די וועלט פון נוקלעאַרן וואָפן. נאַטירלעך, אויב מע וועט פולקום זיך אָפּזאָגן פון שאַפן שלאָג־באַוואָפענונגען אין קאָסמאָס.

אויב אָננעמען די דאָזיקע פּראָגראַם, וועט זיך פאָדערן בלויז פופצן יאָר, קעדײ פאַרקערפּערן זי אין לעבן, באַגעגענען דעם דריטן יאָרטויזנט אָן א געפאַר פון א „נוקלעאַרן ווינטער", אונטער א ריינעם הימל, אין וועלכן עס וועלן זיך ניט אַרײַנרײַסן טויטברענגענדיקע נוקלעאַרע וואָלקנס. צוליב דעם אָבער זײַנען נייטיק ריזיקע אָנשטרענגונגען פון רעגירונגען, פּאַרטייען, פון אַלע פרידנסליבנדיקע קרעפטן, פון אַלע פעלקער און מעלוכעס.

די פּראָגראַם זעט פאָר פולקום ליקווידירן דעם כימישן וואָפן און די עצעם אינדוסטריעלע באַזע פון זײַן פּראָדוצירונג, ווי אויך פאַרקלענערן די געוויינלעכע באַוואָפענונגען און די באַוואָפנטע קרעפטן.

אויפן XXVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען אַרויסגערוקט געוואָרן וויכטיקע איניציאַטיוון וועגן אַנטוואָפענונג. אינעם פּאָליטישן פּאָרטראָג פון צק קפּסס דעם צוזאַמענפאָר איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן א פאָרשלאָג וועגן שאַפן אַן אַלץ־אַרומכאַפנדיקע סיסטעם פון צווישנפעלקערלעכער געפאַרלאָזיקײַט, ס'זײַנען באַוויזן די פּרינציפּיעלע יעסוידעס פון אַזאַ סיסטעם אין מיליטערישן, פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און הומאַניטאַרן הינזיכט.

אַז די פּאַרטיי האַלט זיך קאָנסעקווענט בײַ אַזאַ פּאָליטיק און טוט אַלץ, קעדײ די אידייען, וועלכע זײַנען פּראָקלאַמירט געוואָרן אויפן XXVII צוזאַמענפאָר, זאָגן איידעס די רעזולטאַטן פון די סאָוועטיש־אַמעריקאַנער אונטערהאַנדלונגען. זיי האָבן זיך, ווי באַוווּסט, פאַרענדיקט מיט אונטערשרײַבן אַן אָפּמאַך וועגן דער ליקווידאַציע פון ראַקעטעס פון מיטעלער און קלענערער דיסטאַנץ. די דערגרייכטע פאַרשטענדיקונג איז אָט דער פּראַגע איז א גרויסע געשעעניש אין דער וועלט־פּאָליטיק, א זיג פונעם נײַעם פּאָליטישן דענקען.

דאָס איז געוואָרן מעגלעך אין רעזולטאַט פון בעהאַדראָגעדיקע ענדערונגען פונעם פּסיכאָלאָגישן קלימאַט אין דער וועלט. דאָ האָבן געשפּילט זייער ראַליע פאַרשיידענע פאַקטאָרן, און צווישן זיי — דער בײַטראָג פונעם וועלט־סאָציאַליזם אין דער אויפוואַכונג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן אימפּולס צו פאַרגעזינטערן, נאָרמאַליזירן די צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען, דער בײַטראָג, וואָס איז דירעקט פאַרבונדן מיט די טיפע ענדערונגען, מיט דער איבערבויונג, מיט דער באַנײַונג — מיט אַלץ, וואָס כאַראַקטעריזירט הײַנט די אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. ווײַל בלויז דער סאָציאַליזם זעט די פּערספּעקטיוו פון בויען א וועלט אָן געווער פון מאַסן־פאַרניכטונג.

...פאַרנונפט און אומזין זײַנען אייביקע אַנטיפּאָדן פון דער געשיכטע. ס'פלעגט טרעפן, אַז אומזין האָט גענומען די אויבערהאַנט איבערן פאַרנונפט. דאָס איז אָבער געווען א צײַטווײַליקער טריומף פונעם אומזין. אין דער אונטערשטער שורע האָט טריומפירט דער פאַרנונפט. מע דאַרף מיינען, אַז טריומפירן וועט ער אויך דאָס מאָל. די מענטשהײַט וועט ניט דערלאָזן, מע זאָל זי פאַרניכטן.

צום 45־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ

ס׳וועט די מאָרגן־זון באגילדן אונדז דעם הײַנט,
און דער נעכטן וועט פארשווינדן מיטן פײַנט,
נאָר אויב פארזאמען וועט די זון אין דעם קאיאָר —
ווי א פאראָל זאָל גיין די ליד פון דאָר צו דאָר.
די ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בלײַ,
ס׳איז ניט קיין לידל פון א פויגל אף דער פרײַ,
דאָס האָט א פאָלק צווישן פאלנדיקע ווענט
די ליד געזונגען מיט נאגאנעס אין די הענט.

הירש גליק

פערעץ מארקיש

טראָט פון דורות

פראגמענט פונעם ראָמאן

אף דער געטאָ האָט זיך אראָפּגעלאָזט די שטילקײַט.

לעצטע אופרײַסן האָבן נאָך ערגעץ אופגעדונערט, ווי פארגעסענע. אָבער קיין צילברעט, כויך דעם פּוסטקײַט, האָבן זיי ניט געהאט. ערטערווײַז האָט נאָך געטליִעט אש פון סרייפעס. אָבער קיינער האָט עס שוין ניט געזען, ווו־ניט־ווו איז נאָך אײַנגעפאלן אן איבערגעברענטער בראָכשטיק, אָבער דעם הילך האָט קיינער ניט געהערט.

איינזאם האָבן אינדערפרי מיט דעם זון־אופגאנג זיך געלייגט אף די וויסטע ברוקן פאנטאסטישע שאָטנס פון צעקריפלטע מויער־סקעלעטן און אײַנגעבראָכענע ווענט. און צו דעם זון־פארגאנג האָבן זיי זיך אופגעהויבן, די שאָטנס, און פארשוונדן ביז דעם צווייטן אינדערפרי.

די שאָטנס זײַנען געװען די אײנציקע אײַנװױנער פֿון דער געטאָ. די אײנציקע הערשער. זײ זײַנען אָפּגעלעגן גאַנצע טעג און זיך געררוקט אײנײנעם מיט דער זון. און אין די לעװאָנע־נעכט האָבן זײ װידער אױפֿגעטױכט און דערנאָך זיך צונױפֿגעגאָסן מיט דער פֿינצטערניש.

איבער די פֿאַרגליװערטע מױער־סקעלעטן האָט זיך נאָך געשטיקט דער אָפּהילך פֿון די לעצטע געשרײען, װאָס האָבן זיך געטראָגן פֿון די אונטערערדישע קאַנאַלן, װוּ עס זײַנען אױסגעגאַנגען די לעצטע זקײנים און קינדער פֿון דער געטאָ. עס האָבן עפּשער אױך ארומגעבלאָנדזשעט די אָפּהילכן פֿון דער שיסערײַ אין די טרױבן פֿון דער װאַסערלײטונג און קאַנאַליזאַציע. דאָס זײַנען די גרופּעס, אױסגעשפּירטע פֿון די פֿאַשיסטישע הענקער. עס האָט אױך ניט געפֿעלט אין די כאָרעװע פֿאַרבראָכענע געשפּענסטער פֿון הײַזער די דערמאָנונג װעגן די, װאָס זײַנען דורך די דײַטשן פֿאַרטרונקען געװאָרן אין די אונטערערדישע קאַנאַלן און אױף דער אױבערפֿלאַך זײַנען אַרױפֿגעשװוּמען בלױז זײערע טױטע קערפּערס.

אָבער אין די טיפֿענישן פֿון דער געטאָ האָט געקלונגען װי אַ לעבעדיקער קװאַל דער טומל פֿון די רעשטן אױפֿשטענדלער, װאָס מיט לעצטע שטיקער פֿײַער, געשלײַדערטע אין סױנע, זײַנען זײ אַװעקגעגאַנגען אין די װעלדער פֿאַרזעצן די שלאַכטן אױף דער פֿרײַ, אײנײנעם מיט די פּאַרטיזאַנער.

כורװעס זײַנען פֿאַרװאַקסן געװאָרן מיט גראָז. װי גאָלדענע צירונג האָט זיך אױף די הײליקע בראָכשטיקער אָנגעטאָן דער יונגער האַרבסט. מיט װײַסקײַט, װאָס איז נאָך זױבערער פֿון די הימלען, האָט זיך אױף זײ געלײגט דער שניי. יעדער אַרױסגעריסענער שטײן האָט אין זײַן טרױער געװאָרט. און שאָטנס, זיצנדיק שיװע אױף די ברוקן, האָבן זיך געצױגן אין דער װײַט, זיך אױסגעשפּרײט און זיך אונטערגעלײגט, — װי שװאַרצע סאַמעטענע טעפּיכער פֿאַר די דערפֿרײענדיקע טריט. פֿאַר דעם אױסלײזנדיקן געפֿאַך, װאָס האָט זיך שױן געטראָגן פֿון מיזרעך.

צו װאַרשע האָט זיך שױן גענעענטערט די רױטע אַרמײ.

זי האָט געטראָגן אױף אירע דורכגעװינטיקטע שלאַכט־פֿאָנען די פֿרײַהײַט פֿאַרן פּױלישן פֿאָלק, זי האָט געטראָגן דאָס מאַזל און דאָס גליק פֿאַר אַלע אונטערדריקטע און באַרױבטע, װאָס דאָס פֿאַשיסטישע געװער האָט פֿאַרקנעכטיקט.

זי האָט געטראָגן טכיאַס־האַמײסים.

מעכטיקע שטראָמען פֿון דער באַפֿרײַערישער אַרמײ האָבן געפֿלײצט, װי פֿרילינגדיק־צעבושעװעטע װאַסערן פֿון די בערג. מיט יעדער טראָט האָבן זײ אױפֿגעװעקט די פֿאַרכאַלעשטע ערד. בײמער האָבן פֿאַר דער צײַט זיך אָנגעטאָן אין גרינס. שטעט זײַנען אַרױסגעגאַנגען אַנטקעגן מיט זײערע כורװעס און מיט זײער װײטיק. און איבער דעם גאַנצן װעג פֿון דער מילכאָמע, װאָס איז געגאַנגען פֿון מיזרעך אױף מײַרעװ, איבערשנײַדנדיק בערג און טײַכן, איז מיטגעגאַנגען די דערװאַכונג.

אין װאַרשע האָט זיך דעמלט אָפּגעשפּילט אַ נײַע טראַגעדיע.

גראַף קאָמאַראָװסקי, װאָס איז די גאַנצע צײַט פֿון דעם קריג רויִק אָפּגעזעסן אין אַ װאַרשעװער מױזן־נאָרע מיט הירשן־הערנער אױף די װענט, האָט בעדײע געהאַט עטלעכע טעג פֿאַר דעם אַרײַנמאַרש פֿון די סאָװעטישע כאַיאָלעס קײן װאַרשע זיך דערקלערן פֿאַר דעם באַלעבאָס פֿון דער פּױלישער קרױנשטאָט.

אין דעם גרױסן סאָװעטישן אָנגריף, װאָס האָט זיך אָנגעהױבן בײַ דער װאָלגע און האָט געהאַלטן בײַ דער װײַסל, אין אָט דעם בלוטיק־פֿאַרהאַרעװעטן אָנגריף און אין דעם בליאַסקענדיקן גאָלד פֿון זײַן רום האָט זיך דעם ניט־װײַטזיכטיקן גראַף געכאָלעמט אַ פּאָר גאָלדענע עפּאָלעטן פֿון אַ פּױלישן בורבאָן.

צוליב דעם האָט ער אױסגעהיט דאָס געװער, ער האָט אױסגערעכנט, אַז דער מעכטיקער שלאַכט־דראַנג פֿון די סאָװעטישע אַרמײען װעט ביז װאָס, ביז װען זיכערן זײַן בונד קעגן די דײַטשן, װאָס פֿאַקעװען שױן די טשעמאָדאַנעס, און דערנאָך װעט ער דאָס אױסגעהיטע געװער דערפֿאָלגרײַך אױסקערעװען קעגן דער רױטער אַרמײ. ער האָט בלױז ניט אױסגערעכנט, דער גראַף, אַז מיט זײַן סטראַטעגיע און מיט זײַן טאַקטיק און מיט זײַן סײכל, װאָס איז געװען ניט מער װי טרױעריקע יערושע פֿון דער עמיגראַנטישער רעגירונג, װעט זיך אַן אײצע געבן אַפֿילע די לױפֿנדיקע, די צעפּאַטשטע דײַטשישע אַרמײ. און נאָך האָט ער אַ ביסל ניט דערשאַצט די סאָװעטישע מיליטערישע כאָכמע.

דאָס אײנציקע, װאָס ער האָט אױסגעפֿילט מיט דער העכסטער פֿולקומקײַט פֿון זײַן פּאָליטישן און מיליטערישן טאַלאַנט, איז געװען — פֿאַראַט. דער לעצטער פֿאַראַט קעגן פּױלישן פֿאָלק, דאָס בלוט זײַנס, אױסגעזײַט פֿאַר דער אַרדנטלעכער אװאַנטיורע פֿון די עמיגראַנטישע יאָרדים, װאָס האָבן געגעסן טעג בײַ די ענגלישע קאָנסערװאַטאָרן.

— פֿאַראַט!

דאָס איז געווען דער אַפּאָפּעאָז פֿון קאַמאַראָווסקיס מיסיע אין וואַרשע. דאָס פֿאַרקנעכטיקטע פֿאָלק האָט געזוכט אַן אויסוועג צו זײַן ווי און צו זײַן צאָרן. מיט פֿאַרבונדענע אויגן, ניט קוקנדיק וווהין, זײַנען צוויי הונדערט טויזנט אײַנוווינער פֿון וואַרשע אַרײַן אין די נעצן, וואָס די עמיגראַנטישע רעגירונג האָט פֿאַרוואָרפֿן איבער די כוראַוועס פֿון דער הויפּט־שטאָט, און צוגעבונדן צו זיי, ווי אַ שטיין, דעם גראַף, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן, כאָטש ער אַליין, לויט דעם בײַשפּיל פֿון די הויפּט־פֿאַרעטער, האָט געמאַכט פּלייטע דער ערשטער.

די דײַטשן האָבן געוואַרט אויף אַן אַרויסטרעטונג פֿון די פּאָליאַקן. זיי האָבן די אַרויסטרעטונג געדאַרפֿט, קעדיי צו האָבן אַ קאָשערן טערעץ אויף אומצוברעכנגען ביז צום גרונט די פּוילישע הויפּט־שטאָט, וווּ מער האָבן זיי שוין זיצן און הערשן ניט געקאָנט. זיי האָבן שוין געפֿילט דעם אורטייל איבער זיך, וואָס עס האָט זיי געטראָגן די רויטע אַרמיי. קיין קויכעס האָבן זיי די אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע וואַרשעווער אײַנוווינער ניט איבערגעלאָזט. און זיי האָבן ליב געהאַט אַ קעגנער, וואָס האָט זיך ניט מיט וואָס זיי קעגנשטעלן. זיי האָבן די רעפּעטיציע געמאַכט אין דעם ייִדישן טייל וואַרשע, אין געטאָ. איצט האָבן זיי דעם בלוטיקן געטאָ־ספּעקטאַקל אַריבערגעטראָגן אויף דער הויפּט־בינע, אויף די צענטראַלע טיילן פֿון וואַרשע. אויף דעם האָט זיי נאָך געקלעקט אי קויעך, אי טאַלאַנט.

און קאַמאַראָווסקי האָט אונטער זייערע האַרמאַטן אונטערגעלייגט די לעצטע צוויי הונדערט טויזנט וואַרשעווער אײַנוווינער, ווי ער האָט אונטערגעשטעלט די לעצטע וואַרשעווער מויערן אונטער די דײַטשישע פּוגאַסן. אַנטלויפֿן האָט ער אויך, ווי זײַן רעגירונג, באַוויזן דער ערשטער. און שוין אונטערוועגס האָט ער צוגעקוקט, ווי דאָס לעצטע בלוט פֿון וואַרשע גיסט זיך איבער די גאַסן און ווי די לעצטע מויערן פֿון דער קרוינשטאָט ברעכן זיך אונטער דעם געדונער פֿון די „הענקעלס" און „מעסערשמיטן".

„נאָך איין פֿאַרברעכן איז פֿאַרשריבן געוואָרן מיט בלוט אין דעם שוואַרצן ייִכעס־בריוו פֿון דער פּוילישער רעאַקציע, פֿון דעם פּוילישן פֿאַשיסטישן זיבעלע", — האָט בערנאַרד געטראַכט, ווען אין דער בריגאַדע פֿון די פּוילישע פּאַטריאָטן האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דער נײַער וואַרשעווער טראַגעדיע. נאָך מיט אַ שיכט טרויער האָט זיך באַדעקט די אויסגעבלוטיקטע פּוילישע ערד.

און פּראָפּאָרציאָנעל צום טרויער און דער אווילעס איז געוואַקסן דער צאָרן פֿונעם פֿאָלק. דאָס האָט זיך געפֿילט אין יעדער סאָלדאַט פֿון דער בריגאַדע. יעדער איינער פֿון זיי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין אָט דעם פֿאָלקס־בלוט מוז געבוירן ווערן אַ נײַ פּוילן. אַזאַ, וואָס קיין שלאַנג זאָל מער ניט אימשטאַנד זײַן צו לאָזן דעם גיפֿט אין זײַן לײַב.

אַן אויסגעפּײַניקטע, אַ פֿאַרכאַלעשטע, אַ דרײַ מאָל געשענדטע פֿון פּאַטערלענדישע פֿאַרברעכער און פֿון פֿרעמדלענדישע טאַליאַנים, האָט געוואַרט די פּוילישע ערד אויף איר באַפֿרײַערן און אויף אירע זין, וואָס זײַנען געגאַנגען אײנײנעם מיט די טיילן פֿון דער רויטער אַרמיי — זי אָפּמינטערן מיט זייער בלוט, ווי מיט לעבעדיק וואַסער, אָפּרייניקן זי פֿון דער שאַנד און אויפֿוועקן זי צו פֿרײַהײַט און צו גרויסקײַט. זי האָט געוואַרט אויף אירע זין, וואָס האָבן אין אַ ניט גלייך אויף גלײַכער שלאַכט זיך געשלאָגן פֿאַר איר קאָוועד אין אָנהייב קריג און, צעקלאַפּטע און פֿאַראַטענע, אויפֿגענומען געוואָרן אין דער שויס פֿון זייער סלאַווישן ברודער אויף מיזרעך, אויפֿגענומען און ווידער דערהויבן געוואָרן צו מעלוכישער גרעדולע.

איצט האָבן זיי זיך געאײַלט צו איר אויף די פֿליגל פֿון דער רויטער אַרמיי. זיך געאײַלט — זי אויפֿהייבן און אָפּווישן פֿון איר דעם טרויער און די שאַנד. זיי האָבן זיך געאײַלט צוליגן צו איר אַש מיט זייער וויטיק און מיט זייער ליבע און אַ בראָכע מאַכן אויף איר געבוירן־ווערנדיקער פֿרײַהײַט.

סאָלדאַטן זײַנען געווען אומגעדולדיק. זיי האָבן זיך געריסן אין פֿײַער. אַ סאַך זײַנען שוין געווען פֿאַרוווּנדעט. בײַ אייניקע זײַנען די ברוסטן שוין געווען באַצירט מיט גאָלדענע שטערנס. איצט, אויף די נאָענטע צוטריטן פֿון וואַרשע, איז זיי יעדער איבעריקער טאָג וואַרטן געווען שווער. פֿונווײַטן האָבן זיי שוין געזען די ווײַסל. פֿאַרשמידט פֿון די יאַנוואַר־פֿרעסט, האָט זי אויסגעזען, ווי אַ זילבער־געשטריקטער גאַרטל אויפֿן נאַקעטן לײַב פֿון פּוילן.

— ווי האַלט מען זיך אָפּ פֿון אַרײַנגאַנוועגען זיך אין שטאָט, — האָט בערנאַרד אײַנגערוימט אַ צווייטן סאָלדאַט, — אַרײַנגאַנוועגען זיך, אַ קוק טאָן, כאָטש אויף איין־אײנציקער רעגע... וואַרשע...

מיט קנאַפּע פֿיר יאָר צוריק האָט ער זי פֿאַרלאָזט — אַ וווּנדערלעכע און אַ טרויעריקע אין הערלעכקײַט און אין פּראַכט פֿון אַ יונג־האַרבסטיקן גאָלדענעם טאָג. פֿיר יאָר איז אויף איר געלעגן די נאַכט, דער אומגליק, דער מאַלעכהאַמאָוועס און געאָטעמט אויף איר מיט זײַן פֿאַרניכטנדיקן אָטעם. ווער ווייסט, וואָס ס'איז פֿון איר געבליבן? ווער ווייסט, וואָס ס'האָט זיך פֿאַרהיט אין אָט דער שיינער שטאָט פֿון זײַן קינדהײַט, כוצן צאַרטן טיולענעם בלויען הימל?

בערנאַרד קאָן זיך עס זייער לײַכט פֿאָרשטעלן לויט דעם, וואָס איז געבליבן פֿון בריסק. ער האָט געהאַט די געלעגנהײַט נאָכאַמאָל זען בריסק, ווען זייער טייל איז דורכגעגאַנגען דעם בוג און ער האָט זיך אויף אַ ווײַל אַ לאָז געטאָן איבער דער געשאָכטענער שטאָט. די ערשטע שטאָט פֿון זײַן

אָנהייבלעבן בא די סאָוועטן. די מילדע שטאָט מיט די גאָלדנשפּרוכיקע טאָפּאָליעס! און געבליבן איז פֿון איר א בעסאַלמען מיט אומגעוואַלגערטע מאַציייוועס און טרויער. אָן א שיר טרויער.

ס׳איז געווען אָפּדערנאַכט. באַם אָונטבריט. דער סאָלדאַט, וואָס צו אים האָט זיך געווענדט בערנאַרד, האָט, ניט דערקײַענדיק דעם ביסן, אויף א קוק געטאָן אַהין, אין דער זײַט פֿון וואַרשע, מיט טרויער אין די אויגן, און, לאַנג פֿאַרהאַלטנדיק דעם בליק, געענטפֿערט:

— ווער ווייסט, וואָס ס׳איז געבליבן פֿון וואַרשע? ס׳איז דאָרט צומאָל קיין דורכגאַנג ניט פֿאַראַן פֿון איין כורווע צו דער אַנדערער. די גאַסן, זאָגט מען, זײַנען אָפּגעווישט, קיין סימען פֿון זיי ניטאָ. ס׳איז שווער צו דערגיין, ווו א גאַס האָט זיך אָנגעהויבן און ווו האָט זי זיך געענדיקט. דו וועסט אין ערגעץ דאָרט אַצינד ניט טרעפֿן.

— ניט טרעפֿן זאָגסטו? — האָט בערנאַרד א הייב געטאָן דעם קאָפּ און אויסגעשטרעקט די האַנט צו דעם פֿאַרוואָונדעטן האָריזאָנט. — דורך אָט דעם גאַנצן בראָך אַפֿילע מיט פֿאַרבונדערנע אויגן. איך וועט זיך מיט דיר. נאַ, — האָט ער זיך אײַנגאַנצן א צי געטאָן צו דעם צווייטן סאָלדאַט, — פֿאַרבינד זיי מיר און הייס מיר גיין, וווּהין דו ווילסט. קראָליעווסקע? וועל איך דיר ברענגען א ציגל פֿונעם פֿאַרניכטעטן אוניווערסיטעט. מאַרשאַלקאָווסקע? ברענג איך דיר א סימען פֿונעם פּאַסאַזש. וואָס נאָך?

אויף א ווײַלע האָט ער זיך אַליין איבערגעריסן:

— זאָל עס מיר נאָר דערלויבט זײַן.

ער האָט א ווײַז געטאָן אויף דער דלאָניע:

— קוק. אָט האָסטו פּראָג. זע. דאָ הייבט זיך אָן די ווײַסל. רעכטס פֿונדאַנען — האָסטו אַלט-שטאָט. מיט פֿאַרבונדענע אויגן זאָג איך דיר. ס׳איז וואַרשע.

ער האָט, אַליין א פֿאַרכאַפּטער, ווײַזנדיק דעם סאָלדאַט די גאַסן פֿון וואַרשע אויף זײַן דלאָניע, פֿאַרמאַכט די אויגן און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן זיך אַליין רעגולירט דעם גאַנג איבער דעם אָנגע-וואָרפֿענעם און צעשלײַדערטן בראָך, וואָס אונטער אים איז שווער געווען זיך פֿאָרשטעלן קלאָר, ווו איז דאָ ערגעץ געווען א גאַס.

— קוק, — האָט ער אים ווײַטער געטײַט מיטן פֿינגער איבער דער דלאָניע, — אָט האָסטו די אויאַזדאָוווער אַלייען. נײַן. פּריִער — די וואָקזאַלן. אָט איז דער ווינער. און אָט האָסטו דאָ, פּונקט אַנטקעגן, — דעם גדאַנסקער. אָט גייען אַראָפּ עטלעכע גאַסן ביזן קאַטוילישן צווינטער. אָט האָסטו א קליין קאַסטיאַלכל, און דאָ הייבט זיך שוין אָן די געטאָ.

און ער איז אַנשוויגן געוואָרן.

— נו, בערנאַרד, ניט קיין דלאָניע איז בא דיר, נאָר א מאַפּע. אַן עכטע מאַפּע. און מאַכן מאַכסטו עס, ווי א שעד. דערלאַנג ווײַטער.

נאָר בערנאַרד האָט געשוויגן. דאָ האָט דער געדאַנק אַליין בא אים אָנגעהויבן גיין שטילער. פֿון דער געטאָ, האָט בערנאַרד געוווּסט, זײַנען געבליבן ניט מער ווי שאָטנס. וועגן דעטאַלן פֿונעם אויפֿשטאַנד זײַנען געווען קנאַפּע ידיעס. אָבער אַז די ייִדישע אויפֿשטענדלער האָבן אויסגעהאַלטן א קאַמף קעגן דער דײַטשישער אַרמיי מיט אירע טאַנקען, מיט אירע לופֿט-שיפֿן און אַרטילעריע דרײַ און פֿערציק טעג, — דאָס האָט געוווּסט יעדער סאָלדאַט פֿון דער בריגאַדע.

דרײַ און פֿערציק טעג און דרײַ און פֿערציק נעכט דורכויסיקע שלאַכטן. וואָס פֿאַר א הויכן גײַסט האָבן זיי באַדאַרפֿט אַנטפּלעקן! וואָס פֿאַר אַן אומדערהערטן קאַמפּס-לוסט, כאַכמע, דערפֿינ-דערישקײַט און לײַבן-העלדישקײַט! איינס אויף איינס קעגן דער מעלוכע פֿון הענקער! עס לייגט זיך ניט אײַן אין באַוווּסטזײַן.

בערנאַרד האָט געוווּסט לויט זײַטיקע ידיִעס, אַז דער לעצטער אויפֿשטענדלער האָט זיך איינער אַליין געשלאָגן קעגן א גאַנצער באַנדע פֿאַשיסטן אין א הויז. א שלאַכט איז געגאַנגען, שטײַגנדיק פֿון שטאָק צו שטאָק. די דײַטשן האָבן אָנגעגריפֿן, און דער לעצטער אויפֿשטענדלער האָט זיך קעגנ-געשטעלט, קלעטערנדיק אין דער הייך און פֿאַרניכטנדיק די אָנגרײַפֿנדיקע — איינעם נאָך איינעם. די פֿאָן האָט ער געהאַלטן אין איין האַנט, און אין דער צווייטער — געווער, און אַזוי איז ער געשטיגן אײַנײַנעם מיט דער פֿאָן אַלץ העכער און העכער ביז צו דעם העכסטן ציגל פֿון דעם הויז, און האָט זיך אַלץ אָפּגעשאָסן, און דײַטשן זײַנען געפֿאַלן אין דער נידער. און ווען ער האָט אויסגעשאָסן די לעצטע קויל און מער שוין ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט פֿאַרזעצן דעם לעצטן איינס-אויף-איינס, האָט ער זיך פֿאַרוויקלט אין דער פֿאָן און פֿונעם העכסטן שטאָק זיך אַליין אַראָפּגעוואָרפֿן אויף די כורוועס פֿון דער געטאָ. אָט אַזוי האָט ער זיך באַהעפֿט מיט די בראָכשטיקער פֿון דעם פּלאַצדאַרם, וואָס האָט געהייסן געטאָ. און דעמאָלט האָט די געטאָ פֿאַרענדיקט איר עקזיסטענץ. און אין געטאָ איז שטיל געוואָרן.

— ס'איז קימאַט לעגענדע, — האָט בערנאַרד זיך באַמיט פֿאָרשטעלן אין געדאַנק, ווי דער לעצטער אופֿשטענדלער וויקלט זיך אײַן אין דער פֿאָן, א פֿלאַטערנדיקער, ווי פֿליגל, לאָזט ער זיך אַראָפּ צו די הייליקע הארוגים, וואָס האָבן באַשטעטיקט די אײביקײַט פֿונעם פֿאָלק מיט זייער אומגעהײַער הויכן גײַסט און אומגעהײַער הויכער גבֿורה.

— ווער איז עס געווען דער לעצטער?

— וואָס איז דער אונטערשייד? יעדער איינער האָט עס געקאָנט זײַן, יעדער איינער איז אין דער זעלבער מאָס — לעגענדע. ווי דער לעצטער. אָן אונטערשייד, צי איז ער געפֿאַלן אײַנגעוויקלט אין דער פֿאָן, צי איז ער געפֿאַלן, אײַנגעהריזעט זיך אין גאָרגל פֿון א פֿאַשיסט!

און בערנאַרד האָט זיך ווידער דערמאָנט אין ווײגדען און אין סלאָוועקן. מעגלעך, אַז עמעצער פֿון זיי איז געווען דער לעצטער. מעגלעך, אַז אין די לעצטע מינוטן פֿון זייער לעגענדאַרן קאַמף האָבן זיי געזען די פֿײַערלעך פֿון יענער זײַט בוג, פּונקט ווי אין יענער נאַכט, ווען זיי האָבן זיך געשיידט מיטן לאַנד און זיך געלאָזט צוריק קיין פּוילן. מעגלעך, אַז אין יענע מינוטן האָבן זיך די פֿײַערלעך אַליין דערנעענטערט צו זיי און געלויכטן איבער זיי, ווי שטערן. און אונטער אָט דער דאָזיקער ווײַטער און נאָענטער שטערן־שײַן האָבן זיי אויסגעהויכט מיט גבֿורה און מיט העלדישקײַט זייערע נשמות. מעגלעך, אַז אין יענע לעצטע מינוטן האָבן זיי געזען די ווײַסע זאַווערוכעדיקע נאַכט באַם בוג, דעם שניי, וואָס האָט זיי דעמלט באַשאָטן, ווי מיט סערפּאַנטין.

און בערנאַרדן ווערט עפּעס טרויעריק פֿון דעם, וואָס ער האָט זיי דעמלט געפּרוווט אָפּהאַלטן. און ער ווערט טייקעף באַפֿליגלט פֿון דעם, וואָס זיי האָבן אים ניט געפֿאָלגט און זײַנען אוועק.

— און עפּשער האָט ער אַליין געהאַנדלט ניט ריכטיק, וואָס ער איז געבליבן דאָ? — גיט אים פּלוצעם א גיי דורך אַן אומרויִקער געדאַנק. — עפּשער האָט ער אויך באַדאַרפֿט געווען גיין אינאיינעם מיט סלאָוועקן און ווײגדען זייער גרויסן און טראַגישן וועג? עפּשער איז זײַן בלײַבן דאָ געווען ניט מער ווי א זיכערע באַהעלטעניש אונטער די ברייטע און שטאַרקע פֿליגל פֿונעם ראַטנלאַנד?

ער פֿאַרמאַכט א ווײַלע די אויגן.

איצט זעט ער דאָך, אַז גערעכט זײַנען געווען זיי... זיי זײַנען זיך געגאַנגען שלאָגן... צום אַלעם ערשטן פֿאַר זייערע געבליבענע עלטערן און באַקומען האָט זיך עס פֿאַרן פֿאָלק. זיי האָבן אַרויסגעוויזן געוואַגטקייט שוין דעמלט, אין יענער נאַכט. באַם בוג. באַ דער צעשיידונג. דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט דירעקט אין די צײַנקאַסטנס פֿונעם מאַלעכהאַמאָוועס. צי האָט ער, בערנאַרד, דען ניט פֿאַרשטאַנען דעמלט, אַז בלײַבן אינעם ראַטנלאַנד באַשיצט און דערוואַרעמט און פֿאַרזיכערט מיט א פֿעסטן הײַנט און מיט נאָך א פֿעסטערן מאָרגן, — איז שוין גאָר ניט פֿון די גרויסע העלדישקײַטן? און אַז א העלדישקײַט איז שוין געווען אין דעם פֿאַקט פֿון אומקערן זיך, וויסנדיק, וווּהין מע קערט זיך אום... עפּשער וועט ער, בערנאַרד, אויך איצט זאָגן, אַז ס'איז געווען אַן אומזין? יאָ. אַן אומזין. אָבער אין דעם דאָזיקן אומזין איז געווען גרויסקײַט. איז געווען גײַסט. איז געווען די נשמה פֿונעם פֿאָלק, וואָס האָט זיך באַקרוינט מיטן אופֿשטאַנד. אַלציינס, צי זיי האָבן עס פֿאַרשטאַנען, צי ניט.

און אַז אים, בערנאַרדן, איז פֿאַרגעשטאַנען אויסקלײַבן — האָט ער דאָך אויסגעקליבן פֿאַר זיך... די קלוגע מעגלעכקײַט צו שטיין איצטער אָט דאָ, אונטער וואַרשע, ווידער אין זײַן מיליטערישן מונדיר — ניט טיילן זייער גרויסקײַט און זייער העלדישקײַט, נאָר באַוווּנדערן זי... און ס'איז טאַקע גאַנץ באַקוועם צו שטיין אַזוי, באַ די שוועלן פֿון וואַרשע, און באַוווּנדערן די געפֿאַלענע אופֿשטענדלער... און ווער נאָך, ווי ער, בערנאַרד, וואָלט דאָרט געווען אויף זײַן ריכטיקן פּלאַץ בעשאַסן אופֿשטאַנד? ער, א געשולטער מיליטערמאַן... עפּשער וואָלט ער באַדאַרפֿט געווען זײַן דער לעצטער אופֿשטענדלער? מיט דער פֿאָן אין איין האַנט און מיט דער לעצטער גראַנאַטע אין דער צווייטער...

נו, און די פּלייטים? — פּרוּווט ער זיך אַליין אײַנריידן און פֿאַרענטפֿערן. — איז אים דען געגאַנגען דעמלט אין ראַטעווען זיך אַליין אָדער אין העלפֿן אָרגאַניזירן טויזנטער פּלייטים... נעמען אויף זיך דעם גאַנצן על פֿון איבערקוואַליפֿיצירן דערשלאָגענע און פֿאַריאָגטע באַלמעלאָכעס און לופֿטמענטשן אין פּראָדוקטיווע, נוצלעכע אַרבעטער, אַזעלכע, וואָס האָבן אויף אורל געהאָלפֿן זיך שלאָגן קעגן דײַטש און וואָס געפֿינען זיך אַצינד אינעם נײַעם פּוילישן מיליטער... מיט אים אָט דאָ, באַ וואַרשע, און שלאָגן זיך פֿאַר איר באַפֿרײַונג...

אָבער דאָך, — שטעלט ער זיך אַליין אָפּ, — וואָלט מען דאָ, אין לאַנד, געטאָן דאָס אַלץ מיט די פּלייטים אָן אים, אַזוי גוט, ווי מיט אים... א רײַע, פּלייטים זײַנען דאָך געווען ניט נאָר אין איין בריסק. און ס'האָט זיך אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד געפֿונען פֿאַר זיי אי א מײליך־ווײשער, אי א באַזאָרגער... און מע האָט געזאָרגט... איז וואָס נאָך האָט ער אָפּגעטאָן דאָ אין לאַנד אַזוינס, וואָס ער קאָן קעגנשטעלן סלאָוועקן און ווײגדען, וואָס האָבן זיך אומגעקערט און פֿאַרבייבקט דעם קאָוועד פֿונעם פֿאָלק אויף די באַריקאַדן פֿון געטאָ באַם אופֿשטאַנד, — וואָס, עפּשער דאָס, וואָס ער האָט באַקומען א בריוו פֿון בוגורוסלאַן, אַז זײַנע עלטערן געפֿינען זיך בעקאָוו־האַכאַיִם אין א קאַזאַכישן קאָלווירט? געהערט דאָס עפּשער אויך צו זײַנע אופֿטועכצן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, וואָס אויף זיי האָט ער געהאַט דאָס רעכט

א שילד אױף דער גרענעץ פון װאַרשעװער געטאָ: „דאָס װױנ־אָרט פון ײדן. אַרײַנגאַנג פאַר־באָטן".

די געטאָ הינטער שטעכלדראָט



וואַרשעווער געטאָ.
אַפּרעל 1943

אַ קאַצעטניק גראָבט פאַר זיך אַ גרוב

צו פֿאַרבײַטן זײַן אומקער אין געטאָ אַף צו שלאָגן זיך, ווי יענע, וועמען ער באַוווּנדערט איצט און איז זיי מעכאַבעד מיטן טיטל גיבוירים.

דער סאָלדאַט, וואָס פֿאַר אים האָט בערנאַרד דעמאָנסטרירט אַף דער דלאָניע דעם גאַנצן פּראָפֿיל פֿון וואַרשע, האָט שוין געהאַט, אָפּגעגעסן זײַן אָוונטברויט, פֿאַרטרונקען מיט אַקרעפּ און אָפּגעטרייסלט פֿון די קני די בריקלעך, זיך אויסגעהוסט און, הילכיק דורכבלאָזנדיק די נאָזלעכער, אויפֿגעוועקט בערנאַרדן פֿון זײַנע מאַכשאָווס.

— וואָס זשע האָסטו זיך, בערנאַרד, אָפּגעשטעלט באַם קאַטוילישן צווינטער און ווײַטער גייסטו ניט? די טיי איז דאָך שוין פֿאַרקילט געוואָרן.

— דאָ, — האָט זיך בערנאַרד אָנגערופֿן זייער שטיל, — דאָ, באַם קאַטוילישן צווינטער, הייבט זיך אָן די געטאָ...

— נו, איז די געטאָ. די געטאָ איז איצט — גאַנץ וואַרשע, — האָט אים דער סאָלדאַט אויפֿמערקזאַם געמאַכט, פֿאַנאַנדערלאָזנדיק דעם רימען נאָכן פֿעסטן אָוונטברויט, — אַלץ, וואָס דו האָסט אָנגערופֿן אַף דער דלאָניע, — קרוליעווסקע, מאַרשאַלקאָווסקע, אויאַזדאָווער אַלייען איז פּונקט אַזוי רויִנירט און פּונקט אַזוי כאָרעוו... מיט וואָס איז דאָס ווייניקער געטאָ, ווי די, וואָס הייבט זיך אָן באַם קאַטוילישן צווינטער?

בערנאַרדן האָט מען פּלוצעם אַרויסגערופֿן צום קאָמאַנדיר. און אין זעלבן אָוונט האָט זײַן וויזוואָד באַקומען אַ פֿאַראָרדענונג אַרויסשיקן אין אויסשפּירונג אַ גרופּע מענטשן. ס'איז פֿאָרגעשטאַנען זיך אַרײַנבאַקומען אין שטאָט, אַ שמעק טאָן עטלעכע אָביעקטן. צווישן זיי די וואָקזאַלן. דעם ווינער און דעם גדאַנסקער. ס'איז געווען געמאָלדן, אַז די אָביעקטן האָבן איצט ניט זייערע אויסגעשפּראָכענע סימאָנים און די גאַסן האָבן פֿאַרלוירן זייערע קאָנטורן צוליב די דורכויסיקע רויִנען. די אויסשפּירונג האָט באַדאַרפֿט ברענגען ידיִעס וועגן דעם באַשטאַנד פֿון די דײַטשישע מיליטער־טיילן, וואָס געפֿינען זיך בא די וואָקזאַלן, וועגן דעם לאָקאָמאָטיוון־פּאַרק און אויך אויסשפּירן זיכערע פּלעצער, ווו מע קאָן אַראָפּוואַרפֿן שפּײַז פֿאַר דער ציווילער באַפֿעלקערונג.

ווען איבער דעם וויזוואָד האָט דורכגעשוועבט די פּראַגע, ווער עס קען גרינטלעך דעם פּלאַן פֿון דער שטאָט וואַרשע, האָט איינער אַ סאָלדאַט, פֿון יענע, וואָס האָבן זיך געמאָלדן גיין אין אויסשפּיר, דערמאָנט בערנאַרדן מיט זײַן האַלטן גאַנץ וואַרשע אַף דער דלאָניע, ווי אַף אַ מאַפּע. נאָר בערנאַרד האָט איבערגעזעצט אין שטאַב פֿונעם קאָמאַנדיר אַ געהיימען באַפֿעל, וואָס מע האָט נאָרוואָס פֿאַרכאַפּט בא אַ געפֿאַנגענעם דײַטשישן אָפֿיצער.

און ווען בערנאַרד האָט זיך אומגעקערט און איז געוויר געוואָרן וועגן אַן אויסשפּיר־גרופּע, וואָס לאָזט זיך באַנאַכט קיין וואַרשע, האָט ער פֿאָרגעלייגט דעם קאָמאַנדיר די גרופּע באַגלייטן.

— איר האָט עמעצן אין וואַרשע? — האָט דער קאָמאַנדיר אים געפֿרעגט. — פֿון נאָענטע...

— איך האָב, — האָט בערנאַרד, ווי אַ פֿאַרקלעמטער, אַ דריי געטאָן דעם האַלדז. דער קאָמאַנדיר האָט אַף אים געקוקט. ער האָט געוווּסט, אַז בערנאַרד איז אַ ייִד. וועגן דעם, אַז די געטאָ האָבן די דײַטשן פֿאַרניכטעט אינאיינעם מיט דער באַפֿעלקערונג, האָט ער אויך געוווּסט. וועגן דעם אויפֿשטאַנד אין געטאָ זײַנען צו אים אויך דערגאַנגען אויספּירלעכע קלאַנגען, אויך וועגן זײַן טראַגישן סאָף. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז קיין ייִדן זײַנען אין וואַרשע איצט נישטאָ. האָט ער אים דעריבער ניט געוואָלט איבערפֿרעגן, וועמען, אייגנטלעך, האָט ער אין וואַרשע. נאָר בערנאַרד האָט, מיט אַ קאָל פֿון אַ דערשטיקטן, אים אַליין געזאָגט, פֿאַרזעצנדיק:

— קוואָרים האָב איך אין וואַרשע, כאַווער קאָמאַנדיר, קוואָרים פֿון אַ האַלבן מיליאָן ייִדן. געביין פֿון אופֿשטענדלער און פּוילישע פֿרײַנט.

דער קאָמאַנדיר האָט אים מער גאָרנישט ניט געפֿרעגט. ער האָט געזען, וואָס פֿאַר אַ פֿײַער עס האָט געברענט אין זײַנע אויגן און זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן איבער זײַן פּאָנעם. האָט ער אים אַרופֿגעלייגט די האַנט אַפֿן אַקסל:

— גוט... נאָר פֿאָרזיכטיק...

פֿון די וועלדער זײַנען געגאַנגען פּאַרטיזאַנער אַף זיך פֿאַרייניקן מיט דער אָנגרײַפֿנדיקער אַרמיי. פֿאַרוואַקסענע, בערדיקע, ווי אַרומגעוואַקסענע מיט מאָך, זײַנען זיי אַרויס פֿון זייערע ערדשטיבלעך, אײַנגעשפּאַנט אין זייער באַלעבאַטישקײַט און באַלאָדן מיט זייערע אַרסענאַלן. זיי זײַנען געגאַנגען מיט פֿריילעכן געפּײַף און מיט הילכיקן געפּילדער, אָנגעפּילט דעם אַרום מיט געזאַנג פֿון אויסגעבענקטע לידער און זיי געבראַכט ווי אַ מאַטאָנע דער אָנגרײַפֿנדיקער רויטער אַרמיי.

איינער אַן אָטריאַד, וואָס איז אָנגעקומען אין יענע טעג, האָט געצויגן באַזונדער אויפֿמערקזאַמקײַט מיט זײַן גוטער אויסשטאַטונג, עקיפּירונג און באַוואָפֿנטקײַט. קימאַט אַלע פּאַרטיזאַנער פֿון דעם אָטריאַד האָבן געטראָגן דײַטשיש געווער, וואָס זיי האָבן אָפּגעשלאָגן באַם סוינע. זייער באַוועגלעכער צעכהויז האָט זיך געקאָנט באַרימען מיט גוטע קאָמפּלעקטן דײַטשישע האַלבאַשע. און אַף די וואָגנס,

וואָס האָבן געפּירט פּראָדוקטן, האָבן ניט געפעלט קיין קאָנסערוון, וואָס די פּאַשיסטן האָבן אַנגעראַבעוועט אין פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע.

ווען דער קאָמאַנדיר פונעם אַטריאַד האָט צופעליק דערהערט וועגן איינעם אַ גענעראַל קאַראַווייעוו אין דער אַרמיי, וואָס איז צוגעגאַנגען צו דער ווייסל, האָט ער געבעטן, מע זאָל דעם גענעראַל מעלדן, אַז עס וויל אים זען דער סעקרעטאַר פונעם בריסקער געגנטקאָם נעזלאָבין.

נעזלאָבין האָט אומיסטן אָנגעגעבן אַט די אַלע זײַנע קאָאָרדינאַטן — מאַכמעס זײַן ניט־זיכער־קייט אין דעם, אַז דער דאָזיקער גענעראַל קאַראַווייעוו איז ווירקלעך דער זעלבער קיריל קאַראַווייעוו, וואָס מיט אים איינעם האָט ער געבויט די סאָוועטנמאַכט אין בריסק, מיט אים איינעם זיך דורכגעשלאָגן צון מעסלעס פון בריסק און זיך מיט אים צעשיידט אין יענער נאַכט, ווען די פעסטונג איז געפאַלן.

דעם נאָמען פונעם גענעראַל האָט ער ניט געוווּסט, און זײַן קיריל, דער פאָרזיצער פון בריסקער אויספּירקאָם, איז געווען אַ פּאָלקאָווניק. אָבער פאַר דער צײַט פון קריג, — האָט נעזלאָבין געטראַכט, — אויב אַ פּאָלקאָווניק איז ניט געהאַרגעט געוואָרן און שלאָגט זיך ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן, ווערט ער אַ גענעראַל. און ס׳קאָן זייער גוט זײַן, אַז ס׳איז קיריל.

אין דעם זעלבן אָפּדערנאַכט האָט אין שטאַב פון גענעראַל קאַראַווייעוו, וואָס האָט זיך געפונען באַם אָנהייב וועלדל פון דער רעכטער זײַט פּראַג, זײַן אַדיוטאַנט מיט אַנטשולדיקונג אין קאָל זיך געווענדט צו אים נאָך דעם, ווי ער האָט איבערגעגעבן די לויפיקע אינפאָרמאַציע:

— דערלויבט נאָך אַ מעלדונג, כאַווער גענעראַל.

קאַראַווייעוו האָט אויפגעהויבן די אויגן.

— עס האָט אײַך געבעטן איבערגעבן אַ גרוס דער סעקרעטאַר פונעם בריסקער געגנטקאָם...

דער גענעראַל האָט איבערגעשלאָגן דעם אַדיוטאַנט:

— ווער, ווער?

— דער סעקרעטאַר פונעם בריסקער געגנטקאָם, — האָט אויסדריקלעך אַרויסגערעדט דער אַדיוטאַנט, נאָר דער גענעראַל האָט אים ווידער איבערגעריסן:

— נעזלאָבין?

— אַזוי. פּינקטלעך, — האָט באַשטעטיקט דער אַדיוטאַנט.

קאַראַווייעוו האָט שוין מער ניט געוואָלט הערן דעם אַדיוטאַנט. ער האָט אים נאָר איבערגעפרעגט:

— וווּ איז ער?

— אין שטאַב פון דער אַרמיי, כאַווער גענעראַל.

קאַראַווייעוו האָט אַ קוק געטאָן אָפן זייגער און אָפן טיש, אַ בלעטער געטאָן די פּאַפּירן און ווידעראַמאָל אַ קוק געטאָן אָפן זייגער:

— הייסט גלײַך דערלאַנגען די מאַשין.

דער שטאַב פון דער אַרמיי איז געווען ניט ווײַט. אין איין האַלבער שאָ אַרום האָט נעזלאָבין געהאַט די מעגלעכקייט זיך איבערצײַגן אין דעם, אַז ער האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. אַ פּאַרסאָפּעטער, ווי פון אַ ווײַטן וועג, איז אַרײַנגעקומען קאַראַווייעוו און נאָך פון דער ווײַט אויסגעשטרעקט די הענט צו זײַן כאַווער. נעזלאָבינען האָט זיך נאָר אויסגעדאַכט, אַז קאַראַווייעוו איז נאָך געוואָרן גרעסער פון זינט זיי האָבן זיך צעשיידט.

— סערגיי, — האָט קאַראַווייעוו אויסגעשריגן נאָכדעם, ווי ער האָט אים אַרויסגעלאָזט פון זײַנע אָרעמס, — מיר לעבן!

— מיר לעבן, — האָט מיט אַ שטרענגן שמייכל זיך צוריק געגריסט נעזלאָבין.

— און שלאָגן די פּאַשיסטן.

— און שלאָגן זיי.

— און דו ביסט ווידער סעקרעטאַר פונעם בריסטער געגנטקאָם.

— פון דעם דאָזיקן פּאָסטן האָט מיך קיינער ניט אַראָפּגענומען.

— איך האָב אויך קיין רעגע ניט אופגעהערט זײַן פאָרזיצער פון בריסקער אויספּירקאָם...

נעזלאָבין האָט אים געהערט. און וואָס מער קאַראַווייעוו האָט גערעדט, אַלץ מער האָט נעזלאָבין אין אים דערקענט דעם גוטן באַריידעוודיקן קיריל און זײַן שטענדיקע זאָרג פאַר עמעצן.

נעזלאָבין האָט אַ טראַכט געטאָן און אַזוי קימאַט מיט צוגעמאַכטע ליפּן אים אַ זאָג געטאָן:

— עס וועט אונדז איצט אויסקומען דורכגיין דורך אַ סאַך קוואָרים, קיריל. דורך אַזעלכע, וואָס איבער זיי איז געבליבן אַ סימען, און דורך אַזעלכע, וואָס קיין סימען איז איבער זיי ניט געבליבן... אָבער איצט איז ניט די צײַט צו ריידן וועגן דעם. איצטער האָב איך זיך געזאָלט מיט דיר באַראַטן וועגן מײַן אַטריאַד.

— וועגן דײַנע פּאַרטיזאַנער?

— זיי זײַנען גוט באַוואָפנט און ניט שלעכט עקיפּירט און קאָנען זיך גלײַך אַרײַנגיסן אין דער אַרמיי, — האָט נעזלאָבין אַלץ אויסגעלייגט אַפּאַמאָל, קעדיי קאַראַווײַעוו זאָל אים פאַרשפּאָרן איבער־פרעגן וועגן דעטאַלן. — איז ווי מיינסטו, קיריל?

קאַראַווײַעוו האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט נעזלאָבינען. ס'האָט זיך אים נאָך ניט געוואָלט ריידן וועגן שלאַכט־איניאַנים. ער האָט, דערזעענדיק נעזלאָבינען, זיך דערמאָנט אין יענע טעג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג, ווען בריסק האָט זיך אַ הייב אויף געטאָן אין פײַער. נאָר פילנדיק, אַז בײַ נעזלאָבינען גייען איצט די געדאַנקען אין אַ מער זאַכלעכער ריכטונג, האָט ער זיך באַנוגנט בלויז מיט דער איבעראַשונג פון דער לעצטער שאָ:

— פאַרשטייסט עפּעס, ווי עס גייט אַרײַן דער אַדיוטאַנט און מיט אַזאַ שטים, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס פאַרשולדיקט: „כאַווער גענעראַל, דער סעקרעטאַר פונעם בריסקער געגנטקאָם". וואָסער סעקרעטאַר? וועלכער סעקרעטאַר? און ווי מיט אַ בליץ האָט עס מיר גלײַך אַ צעשפּאַלט געטאָן אַלע פיר יאָר אויף דער העלפט.

נעזלאָבין האָט פאַרשטאַנען, אַז גלײַך אַריבערגיין צו זאַכלעכע איניאַנים וועט זיך אים ניט אײַנ־געבן, ס'איז ניט דער אַדרעס. האָט ער אַרויסגעלייגט אַלץ וועגן זײַן מישפּאָכע און וועגן די עלטערן, וואָס בײַ זיי האָט זיך אויפגעהאַלטן זײַן פרוי מיט די קינדער, אַז ער אַליין איז צוויי מאָל געפלויגן קיין מאָסקווע אַ פאַרוווּנדעטער, אַז מע האָט אים צוויי מאָל אָפּערירט און אַז אַלץ איז, ווי קאַראַווײַעוו זעט, אַראָפּ אַזוי, אַז בעסער קאָן מען זיך ניט ווינטשן. און אַז באַלוינונגען האָט ער פאַרדינט, דאָס זעט קאַראַווײַעוו אַליין. וואָס נאָך זאָל ער אים דערציילן? אַז אין וואַלד האָט ער געהאַט פאַרבינדונ־גען מיט ייִדישע פּאַרטיזאַנער פון דער געטאָ... מיט ווילדע יונגען און מיט מיידלעך, וואָס קאָנען זיך פאַרגלײַכן צו זאָיע קאָסמאָדעמיאַנסקע.

— נו, וואָס נאָך זאָל איך דיר דערציילן, קיריל? עפּשער ווילן מיר פריִער אַ טראַכט טאָן וועגן מײַנע פּאַרטיזאַנער?

— וואָס קאָנען מיר דאָ באַטראַכטן וועגן דײַנע פּאַרטיזאַנער? — האָט זיך באַלעבאַטיש אָנגע־רופן קאַראַווײַעוו, — מירן אַרײַנגיין צום הויפּט־קאָמאַנדיר, וועט ער זען, וואָס ער קאָן אין איצטיקן מאָמענט טאָן מיט זיי. קום.

— אָט דאָס פאַרשטיי איך, — האָט זיך מיט צופרידנקײַט אַ לאָז געטאָן נעזלאָבין נאָך קאַ־ראַווײַעוון.

— קום, — האָט קאַראַווײַעוו איבערגעכאַזערט, — און אויפן וועג וועסטו מיר דערציילן וועגן דײַן וואַלד. אונדזער אַרבעט אין דער אַרמיי איז געווען אויבנאויף. אַלע האָבן זי געקאָנט זען. און דײַנע איז געווען פאַרשטעלט צווישן די ביימער. מיר האָבן זי נאָר געפילט. אָבער ניט געזען. און זאָגן זאָגט מען וועגן אײַך, אַז איר האָט דאָרטן באַוויזן וווּנדער. אַז איר האָט די דײַטשן קיין איין טאָג קיין רויִקן ניט געגעבן.

— נו, אָט דאָס, אייגנטלעך, טוען אומעטום פּאַרטיזאַנער. דאָס זעלבע האָבן געטאָן אַלע פּאַר־טיזאַנער אין אַלע וועלדער...

— יאָ, — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן קאַראַווײַעוו, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט. — בײַ אונדז איז דורכגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז איינע אַ פּאַרטיזאַנקע האָט זיך אַרײַנגעריסן אינמיטן העלן טאָג אין דער וואַרשעווער געסטאַפּאָ און אַוועקגעלייגט דעם שעף. דאָס איז טאַקע אַ פאַקט צי אַן אויסגעטראַכטע מײַסע?

— אַ פאַקט, אַ פאַקט, קיריל.

— און ווער איז זי געווען, די פּאַרטיזאַנקע?

— אַ ייִדיש מיידל פון דער געטאָ. זי איז ניט איין מאָל געווען בײַ מיר אין וואַלד. און איך האָב איר געגעבן געווער. ס'איז שוין באַלד, אויב דו ווילסט, יאָ אַ לעגענדע. אַ מיידל מיט צוויי העל־בלאָנדע צעפּ. נײַנצן יאָר אַלט. זי פלעגט אַריבערפירן מענטשן פון געטאָ אין וואַלד. אַליין איז זי געווען פאַרקאָנספּירירט אויף דער אַרישער זײַט.

— זי לעבט?

— ביזן אויפשטאַנד אין געטאָ האָט זי געלעבט. איצט ווייסט מען גאָרניט.

— טאַקע אַ לעגענדע, — האָט מיט באַוווּנדערונג אַ זאָג געטאָן קאַראַווײַעוו. — און פונעם אויפשטאַנד איז לעבעדיק קיינער ניט געבליבן? געשיקט זיך, אַז נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אַזוי העלדיש געשלאָגן, זאָל קיינער ניט האָבן זיך געראַטעוועט? כאָטש אַן איידעס...

נעזלאָבין האָט אַ טראַכט געטאָן:

— אין גרונט, דאַרף מען רעכענען, האָבן זיך געראַטעוועט בלויז די, וואָס זײַנען אַריבערגע־גאַנגען די גרענעץ צו אונדז אין נײַן־און־דרײַסיקסטן יאָר. אָט די, וואָס מיט זיי האָבן מיר ביידע זיך אין אַ געוויסער מאָס באַשעפטיקט. וואָס אַ טייל פון זיי האָבן מיר אַוועקגעשיקט אויף אוראַל.

פאר קאראווײַעווס אויגן איז געשטאנען דאָס ניינצניאריקע מיידל מיט די העל־בלאָנדע צעפּ, ווירק־לעך ווי פון א לעגענדע, — ער האָט זיך ניט געקאָנט באפרײַען פון דעם געדאנק וועגן איר אויסער־געוויינלעכן העלדנטאט און געטראכט, אז וויניק־וועך עס וואָלט געגלייבט, אז אין די דאזיקע צע־בראָכענע, פארמאטערטע, האלבגעשפּענסטיקע מענטשן, וואָס ער האָט געזען אין בריסק אין 1939, איז נאָך פאראן אזא אויסערגעוויינלעכע קראפט... ער וואָלט עס אליין אויך ניט געגלייבט, ווען נעז־לאָבין דערציילט עס אים ניט...

ער האָט איצטער אינגאנצן מיט אן אנדער מאָס אָפּגעשאַצט דעם פאל מיט דעם יידישן רויט־ארמייער פון פוילן — דעם זעלבן, וואָס איז געפאָרן מיט די פליטים אף אוראל און איז געווען דער־נאָך בא אים אין טייל. ער האָט זיך אָנגערופן צו נעזלאָבינען:

— יאָ, אויך די, וואָס האָבן זיך גראטעוועט, האָבן באוויזן, אז זיי טויגן זיך אויס ניט נאָר פאר גוטע ערדגרעבער, נאָר אויך פאר ניט קיין שלעכטע סאָלדאטן... עס וווערט פארשטענדלעך, פארוואָס זיי האָבן זיך גוט געשלאָגן באם אופשטאנד... פארוואָס א ניינצניאריק מיידל איז פעיק געווען אף אזא אויסערגעוויינלעכן אקט פון נעקאָמע...

ווי זיינען צוגעגאנגען צום שטאב. קאראווײַעוו האָט אָפּגעקלאפּט פון די שטיוול דעם שניי און זיך אָנגערופן:

— בא מיר אין מײַנע טײלן איז געווען אײנער פון די, וואָס מיר האָבן מיט זײ זיך געטראָפן אין בריסק, סערגיי. דער באפעלמעכטיקטער איבער דעם אוראלער עשעלאָן... געדענקסט? א קרעפטי־קער באָכער, האָסט אים געזען. א סאָלדאט פון דער געוועזענער פוילישער ארמיי...

— נו, נו? — האָט זיך געפרווט דערמאָנען נעזלאָבין.

— האָט ער בא מיר געכאפּט זעקס דיסציפּלינארע נאריאדן.

— דאָס גאָר? — האָט ניט פארשטאנען נעזלאָבין.

קאראווײַעוו האָט שוין ניט באוויזן דערציילן נעזלאָבינען אלץ, וואָס ס'איז געווען פארבונדן מיט די דאזיקע זעקס דיסציפּלינארע נאריאדן. ער האָט נאָר צוגעגעבן מיט אזא אויסדרוק, ווי ער וואָלט זיך געקוויקט:

— א ווילער יונג, און זיך געשלאָגן, ווי א לייב... אינדרייַען האָבן זיי פארטיידיקט א באטאריי עטלעכע טעג... ביז מע האָט זיי אומגעביטן... אים האָט מען געבראכט אָן באוווסטזיין. דאָס גאנצע לייב ווי א זיפּ.

■

מאָרדכע צאנין

ווארשע אין יענע טעג

דער שעדלעצער וואָקזאל איז אלעמאָל געווען אן אומהיימלעכער, אן אומגעלומפּערטער, אָבער נאָך ערגער איז געווען זײַן אטמאָספער דאָס מאָל. ער איז געווען האלב באלויכטן און ליידיקלעך. עטלעכע עלטערע פויערים האָבן זיך ארומגעדרייט אין די קאָרידאָרן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיך ארויסבאקומען פון דעם גרויזן ביניען און זיי זוכן דערצו א זייטיקן וועג, וואָס זיי געפינען ניט. קריסטלעכע ייִנגלעך האָבן אין א ווינקל געשפּילט קאָפּ־צי־שלאָק. אין דער בילעטן־קאַסע איז געזעסן אן אלטער מונדירטער דײַטש מיט ברילן אף דער שפּיץ נאָז און מיט דער שפּיץ צונג ארויסגעשטעקט צווישן די ליפּן. ער האָט עפּעס געשריבן אף א פּאפּיר און דעריבער דעם קאָפּ געהאלטן אויסגעבויגן אף א זײַט. ווען איך לייג אוועק דעם בלאָקנאָט אפן ברעטל פון דעם פענצטערל, דרייט ער זיך אויס מיטן גאנצן גוף און קוקט ניט אף מיר. ער זאָגט געלאַסן, ווי צו זיך אליין:

— יאָ, וואָהין, מײַן הער? וואָהין?

— כ'בעט א בילעט קיין ווארשע, — האָב איך געזאָגט אַף פּויליש. איצט הייבט ער אויף זײַן לעמעשקעוואַטע פּאָנעם, קוקט אַריבער צו מיר איבער זײַנע ברילן און זאָגט מיט א רויִקן, באַלערעוודיקן טאָן:

— נאָך ווארשאַו זאָגט מאַן, נאָך וואר־שאַו. פֿערשטאַנדען?

— איך בעט א בילעט קיין ווארשע, — כאַזער איך איבער, ווי איך וואָלט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט צו מיר. דאָס פּאָנעם פֿון דעם אַלטן דײַטש האָט זיך אָנגעפּילט מיט רויִקײַט. ער האָט העכער אַרופגערוקט די ברילן און א ביסל געטאָן מיט פֿלוצימער רוגזע:

— דו בלוטפֿאַרדאַמטער פּאָלע, קיין וואַרשאַווא מעהר. ווארשאַו, וואר־שאַו!

איך האָב ווידער געבעטן, ער זאָל מיר געבן א בילעט, אָבער דעם נאָמען פֿון דער שטאָט האָב איך אַרויסגעזאָגט, ווי ער האָט אים אַרויסגעזאָגט — סילאַביזירט — וואר־שאַו. דער קאַסיר איז געוועזן גליקלעך:

— יאָ, זאָ איזט עס גוט. וואר־שאַו, וואר־שאַו; ניע ווידער וואַרשאַווא, פֿערשטאַנדען?

איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך פֿאַרשטיי ניט קיין אײנציק וואָרט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט.

דאָס ניט פֿאַרשטיין דײַטש איז געווען א סגולע ניט פֿאַרדעכטיק צו ווערן, אַז מע איז א ייִד. קעדיי דעם קאַסירער נאָך מער צו איבערצײַגן אין מײַן פֿאַראַקשנטער פּוילישקײַט, האָב איך אים געפֿרעגט אַף פּויליש, ווען גייט אַוועק פֿון שעדלעץ און ווען גענוי ער וועט אָנקומען קיין „וואַרשאַווא". איך האָב דעם קאַסירער אַרויסגעבראַכט פֿון די קיילים און ער האָט מיך פֿאַרטריבן פֿון דעם קאַסע־פֿענצטערל מיט א יערוגזן, אַז איך בין „אײַן רעכט דומער פּאָלע". די פּאָר פּאָליאַקן, וואָס זײַנען געווען איידעס פֿון דער סצענע, האָבן מיט זייערע בליקן זיך סאָלידאַריזירט מיט מײַן פּאַטריאָטיזם.

דאָס אַלץ האָט אַף א רעגע ניט צוגעײַלט די צײַט. דער גרויסער זייגער מיט די אַלטמאָדישע ווײַזערס איז געבליבן שטיין אין א צײַט פֿון א פֿערטל אַף פֿינף אָן א דאַטע. אין דעם צײַטונגס־קיאָסק האָט מען אָנשטאָט צײַטונגען פֿאַרקױפֿט הארטע אייער און הארטע האָניק־קיכלעך מיט קראָכמאַל־צוקער. דער זאַל פֿונעם בופֿעט איז געווען געשלאָסן און דורך דער אויסגעשלאָגענער שויב אין דער טיר האָט די פֿינצטערניש געאָטעמט מיט דעם רייעך פֿון ביר און שימל. קעדיי זיך ניט צו וואַרפֿן אין די אויגן, האָב איך זיך אַפֿן שטייגער פֿון אַנדערע פּאַסאַזשירן אַוועקגעזעצט אַפֿן דיל אין א ווינקל און געוואַרט. ניט ווײַט פֿון מיר האָט א פּויערטע, וואָס איז אויך געזעסן אַפֿן דיל מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, געגעבן צו זויגן אַן אייפּעלע. דאָס אייפּעלע האָט מיטן הענטל געקנאָטן אין דער גרויסער ווײַסער ברוסט און געוועקט דערמיט א יאַם מיט ראַכמאָנעס.

א קלאַפּערײַ פֿון באַטשוועקעוועטע שטיוול האָט אָפּגעהילכט איבער די קאָרידאָרן. א כאָפּטע דײַטשישע מיליטערלײַט איז אָנגעקומען מיט כוצפּעדיקן טומל. די זעלנער האָבן גערעדט הויך, העפֿקערדיק. נאָך די זעלנער האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט אין וואָקזאַל פּוילישע מענער און פֿרויען, באַלאָדענע מיט קוישן און קאַנען. זיי האָבן זייער לאָדונג אַראָפּגעלאָזט בא די ווענט און זיך אַף דעם אַוועקגעזעצט, קעדיי ניט אויפֿצורײַסן די אויגן פֿון די דײַטשן, וואָרעם זיי האָבן געפֿירט פּראָדוקטן קיין ווארשע, און די דײַטשן זײַנען געווען לאָהוט אַף די גוטע זאַכן.

א גרופּע דײַטשישע זשאַנדאַרמען מיט שילדן אַף דער ברוסט זײַנען אין מיליטערישער אָרדענונג דורכגעגאַנגען דורכן וואָקזאַל און אַרויס צום פּעראָן. דאָס איז געווען א סימען, אַז באַלד וועט דער באַן קיין ווארשע אָנקומען. דער בילעטן־קאָנטראָליאָר בא דער טיר האָט אויסגערופֿן, אַז דער באַן „נאָך ווארשאַו" דערנעענטערט זיך, און פֿון אַלע ווינקלען האָבן זיך א לאָז געטאָן פּאַסאַזשירן צום אַרויסגאַנג. פֿריִער זײַנען גאָר אַפֿן וואָקזאַל ניט געווען אַזויפֿיל מענטשן וויפֿל עס זײַנען זיך אָנגעלאָפֿן. און אָט הערט זיך פֿון יענער זײַט טיר א געשריי נאָך הילף פֿון א פּאָליאַק. די זשאַנדאַרמען מאַכן שוין „אָרדענונג".

די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך געשטופּט פּאָרויס צום אַרויסגאַנג, זײַנען פֿון די הילף־רופֿן צוריקגעשטויסן געוואָרן. די פּוילישע שמוגלערס צעלויפֿן זיך אַף אַלע זײַטן. א זשאַנדאַרם קומט אַרײַנצולויפֿן מיט אַן אויפֿגעהויבענער ביקס און ער האַקט מיט דער קאָלבע אומבאַראַכמאָנעסדיק ווּעמען עס לאָזט זיך. קיינער ווייסט ניט פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען. דער זשאַנדאַרם שרײַט: „אָרדענונג, אָרדענונג!" און ער שלאָגט מערדעריש. מער שטופּט מען זיך ניט. די פּאַסאַזשירן דערנעענטערן זיך צום בילעטן־קאָנטראָליאָר אײנציקווײַז און מיט האַכנאָע. „יאָ, זאָ איזט עס גוט. אָרדענונג מוז זײַן". אין דער „אָרדענונג" קאָנען די זשאַנדאַרמען זען יעדן אײנציקן פּאַסאַזשיר, אַרײַנקוקן אים אין די אויגן, זען זײַן באַגאַזש. איך שאַר זיך צו צו דער פֿרוי, וואָס האָט פֿריִער געגעבן צו זויגן דעם קינד, און איך פֿאַרהאַלט זיך, אַזוי ווי זי וואָלט געהאַט צו מיר א נאָענטע שײַכעס. די צעשראָקענע פּויערטע האָט מיך אָנגעקוקט און פֿאַרשטאַנען, אַז מײַן האַנדלונג איז אַן אויסרייד פֿאַר די דײַטשישע זשאַנ־

דארמען. זי דערלויבט מיר נעמען אירע קוישלעך און איך זאָג איר, אַז איך וועל גיין פּאַרויס און וועל זיי אַרײַנטראָגן אין וואַגאָן, ווו עס וועט זײַן אַ פּלאַץ פאר איר. איך גיב דער פרוי אויך מײַן באַן־בילעט און זאָג איר, אַז זי זאָל דעם בילעטיאַר געבןביידע בילעטן, פאר זיך און פאר מיר. איך לאָז די פרוי גיין די ערשטע דורך דער טיר. זי גיט די צוויי בילעטן, די זשאנדארמען קוקן יעדן אין די אויגן. זיי זעען דאָס קינד אין די אָרעמס פון דער פרוי און קוקן שוין ווייניקער אַף מיר. באַלד ווי מיר דערווײַטערן זיך, הער איך אַן אופּשוידערנדיקן געשריי „יודע?!" איך קוק זיך ניט אום. אָבער איך הער, אַז דאָרט גיט מען שוין קלעפּ, אַ געשלאָגענער שרײַט, אַז ער איז ניט קיין ייִד, און די זשאנדארמען גרילצן „יודע! יודע!".

די קעלט אפן פּעראָן ווערט נאָך קעלטער, און דער שמוציקער צעטראָטענער שניי ווערט עקלהאַפט, ווי מע וואָלט געטאָפּטשעט אין צויע. איך גיי אַריבער מיט דער פרוי איבער דער ערשטער באַן־ליניע. דאָרט, אַף דער צווייטער באַן־ליניע, דאַרף אָנקומען דער באַן. פון דעם פּלאַץ, ווו עס איז פינצטער, קאָן מען זען, וואָס עס טוט זיך בא דער טיר. די זשאנדארמען שלעפּן אַ מענטשן אין שניי, ווי ער וואָלט געווען טויט. די פּאַליאַקן, וואָס דערנעענטערן זיך, זאָגן שטיל: „מיסטאמע וועלן זיי אים הארגענען, אַ זשיד. אויב ער זשיפּעט נאָך". די פרויערטע נעבן מיר זאָגט: „גאָט, וואָס פאר אַ וועלט איז עס געוואָרן" און איך אײַצע איר, זי זאָל שווײַגן, זי האָט אַ קינד מיט זיך.

דער באַן קומט אָן. ער גייט פון ביאַלא פּאָדלאַסקאַ. ער ברענגט מיט זיך אומהיימלעכקײַט. די וואַגאָנען זײַנען קוים באַלויכטן. די פּאַסאַזשירן אין די וואַגאָנען זעען אויס ווי טויטע. די גרינלעכע גאַז־ליכט שטרײַכט נאָך מער אונטער זייער בלייכקײַט. ס'איז אַ בעסוילעם אַף רעדער. ווי עס שווײַגן די פּאַסאַזשירן, ווען דער באַן שטייט, אַזוי שווײַגן זיי אויך, ווען דער באַן רירט פון אָרט. קיינער רעדט ניט צו קיינעם. אַלץ איז קלאָר, אַלץ איז פאַרענדיקט. דער באַן שטעלט זיך אָפּ אַף אַלע סטאַנציעס. אַלע זײַנען פאַרפינצטערט. אַלע פּאַסאַזשירן זעען אויס ווי שאָטנס, שטײַגן אײַן און שליסן זיך אָן צום שווײַגן. איין מאָל האָט דאָס אײפּעלע פון דער פרויערטע אָנגעהויבן וויינען. האָבן אַלע אויסגעדרייט די קעפּ ווי אַף עפּעס, וואָס איז אומנאַטירלעך. און אַז די מוטער האָט געזאָגט צום קינד „וויין ניט" — איז די פאַרוווּנדערונג געוואָרן נאָך גרעסער. אָבער אויך די פאַרוווּנדערונג איז געווען אָן לאָשן, אַ שווײַגנדיקע.

איך בין געווען נאָענט צום ציל. דער צוג האָט מיך געטראָגן קיין וואַרשע. איך בין דורכגעגאַנגען אַלע מאכשולים אין וועג און אָט בין איך אַף דעם לעצטן עטאַפּ, דאָך איז מיר אַזוי אומעטיק, אַזוי אומעטיק!

דער באַן איז פּלוצעם אַרופגעפאָרן אפן מיזרעך־וואָקזאַל אין פּראַגע, אַ פאָרשטאָט פון וואַרשע. זי איז שטיין געבליבן אומגעריכט פאר די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געהאַט דאָס באַוווּסטזײַן, אַז זיי פאָרן קיין וואַרשע. נאָר דאַכט זיך, אַז אינדערעמעסן האָט קיינער פון זיי דאָס ניט דערוואַרט. אין איין רעגע זײַנען די פּאַסאַזשירן אַרויס פון די וואַגאָנען און זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג, ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט, אַז איצט איז דער לעצטער שאַנס. אויך דאָס לויפעניש איז אין שווײַגן. בא די זײַטן שטייען זשאנדארמען מיט קליינע אווטאָמאַטישע ביקסן אַף די אַקסלען. לעבן די בילעטן־אָפּנעמער שטייען ווידער זשאנדארמען און קוקן אין די פּענעמער און אַף די הענט פון די פּאַסאַזשירן. ווער וועט איצט ווערן זייער קאָרבן? וועמען זוכן זיי? איך האַלט מײַן בילעט אַזוי, אַז יעדערער, וואָס האָט אויגן, זאָל זען, אַז איך בין אַ סאָלידער פּאַסאַזשיר, וואָס האָט אויסגעקויפט אַ בילעט און היט די „אָרדענונג".

— האַלט! — שרײַט אויס אַ זשאַנדאַרם. אַף וועמען קומט דער סאָף? אַלע וואַרטן. יעדערער מיינט: מיסטאמע פאַרהאַלט מען אים. דער זשאַנדאַרם מיינט איצט קיינעם ניט. ער וויל נאָר „אָרדענונג", די מאַסע פּאַסאַזשירן זאָל זיך ניט שטופּן און יעדערער זאָל אָפּגעבן דעם באַן־בילעט. „אָרדענונג!"

אַלץ איז אַדורך בעשאָלעם און אַלע סאַקאָנעס הייבן זיך אָן אפסניי. דער וואָקזאַל איז געשלאָסן. ס'איז שוין פאר האַלבער נאַכט און די באַן־באַוועגונג ווערט אָפּגעשטעלט ביז פינף באַגינען. טאָר קיינער דעמלט ניט זײַן צווישן די ווענט פון וואָקזאַל. די געקומענע פּאַסאַזשירן בלײַבן שטיין אין אַ צונויפגעשטופּטער מאַסע אפן פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל, ווי אַ סטאַדע בעהיימעס. וואָרעם אין שטאָט אַרײַן טאָר מען ניט גיין. ס'איז נאַכט־שפּערע פון זיבן פאַרנאַכט ביז זיבן אינדערפרי. אין די צוועלף שאָ האָט יעדער מיליטערישער פּאַטרול רעכט צו דערשיסן יעדן איינעם, וואָס געפינט זיך אין דער צײַט אַף דער גאַס. רעכט... די צונויפגעקוועטשטע מאַסע ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. הינטער מײַנע פּלייצעס שטייען עטלעכע ייִדן. זיי רעדן שטיל, זיי פּליסטערן קוים אין פּוילישן לאָשן, אָבער מײַן פאַרשאַרפטער געהער כאַפּט אויף די ייִדישע טענער. „דאָ טאָר מען ניט בלײַבן", — האָט איינער געזאָגט, — „פאַרטאָג כאַפּט מען צו אַרבעט"... אַף די טרעפּ פון וואָקזאַל רעדט אַ זשאַנדאַרם, ניט ער רעדט, נאָר ווי עס וואָלט אַרויסגעשאָסן זײַנע ווערטער פון דער קורצער אווטאָמאַטישער ביקס. פון די אַרויסגעשאָסענע ווערטער דאַרף מען פאַרשטיין אַזוי: די אַלע, וועלכע געפינען זיך אפן פּלאַץ,

געפֿינען זיך דאָ אומגעזעצלעך. נאָר די זשאַנדאַרם־קאָמאַנדע נעמט אין אַכט, אַז דער באַן האָט געבראַכט די מענטשן און דעריבער קאָן מען זיי ניט באַשטראָפֿן. די קאָמאַנדע קומט אַנטקעגן די פּאַסאַזשירן: באַם וואָקזאַל געפֿינען זיך פֿלאַטפֿאָרמעס, געשפּאַנטע מיט פֿערד. די פֿלאַטפֿאָרמעס האָבן דערלויבעניש צו באַוועגן זיך אין דער פֿאַרבאָטענער צײַט, ווײַל זיי באַזאָרגן די שטאָט מיט לעבנס־מיטלען. דעריבער באַקומען איצט די פֿלאַטפֿאָרמעס רעשוס אָוועקצופֿירן די פּאַסאַזשירן אין שטאָט אַרײַן, קיין וואַרשע, נאָר מיט אַ טנאַי, אַז יעדער איינער וועט צוגעפֿירט ווערן צום טויער פֿון דעם הויז, ווּ ער וווינט. יעדער איינער, וואָס וועט אַנטרונען ווערן פֿון דער פֿלאַטפֿאָרמע אויף איינער פֿון די גאַסן פֿון דער שטאָט, דאַרף זײַן געוואָרנט, אַז ער וועט דערשאָסן ווערן אָן יעדער מעלדונג. פֿאַרשטאַנען?!

ס'איז געוואָרן אַ לויפֿעניש צו די פֿלאַטפֿאָרמעס. מענטשן פֿאַלן איינער איבערן צווייטן. איינער טרעט אויפֿן צווייטן. יעדערער וויל פֿאַרכאַפּן אַן אָרט אויף אַ פֿלאַטפֿאָרמע. די געפֿאַלענע ווערן „טרעפֿ" פֿאַר די, וועלכע האַלטן זיך שוין אין ראַנד פֿון אַ פֿלאַטפֿאָרמע, נאָר קאָנען ניט אַרויסשפּרינגען. „האַלט, דאָנערוועטער!" — שנײַדט דורך אַ געשריי די פֿינצטערניש. די צעיאַכמערטע מאַסע ווערט טייקעף פֿאַרגליווערט. יעדערער פֿאַרהאַלט זיך אין דעם מײַמער, אין וועלכן עס האָט אים געטראָפֿן דער „האַלט!". אָרדענונג זאָל זײַן! די פֿאַרשאָלטענע באַנדע ווערט גלײַך צעשאָסן, אויב זי וועט ניט אָפּהיטן די „אָרדענונג". און דער באַפֿעל איז, אַז די גאַנצע „שווײַנען־באַנדע" זאָל זיך צוריקציִען פֿון די פֿלאַטפֿאָרמעס אויף צען טריט. אויך די, וועלכע זיצן שוין אויף די פֿלאַטפֿאָרמעס, דאַרפֿן זיך צוריקציִען אויף צען טריט. אַלע ציִען זיך צוריק. אַנטקעגן דער מאַסע, וואָס רוקט זיך הינטערווײַלעכס, גייען צוויי זשאַנדאַרמען מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן. וועלן זיי אַ צי טאָן דאָס צינגל? זיי באַוועגן מיט די ביקסן אַהין און אַהער, אַהין און אַהער. ריקווערטס, ריקווערטס!" דערנאָך קומט אַ צווייטער באַפֿעל: אַלע פּאַסאַזשירן דאַרפֿן אין אײַלעניש, אָבער אין פֿולער אָרדענונג פֿאַרנעמען פּלעצער אויף די פֿלאַטפֿאָרמעס. דאָס דאַרף געשען אין דער צײַט, ווען דער באַפֿעלגעבער וועט אָפּציילן פֿון איינס ביז צען. נאָך דער צאָל צען דאַרפֿן די פֿלאַטפֿאָרמעס זײַן גרייט צו פֿאָרן.

„אַכטונג! ניט לויפֿן... אָרדענונג... ניט לויפֿן... איינס... צוויי..."

די מאַסע טוט זיך אַ שפּאַר פֿאָרויס, נאָר זי לויפֿט ניט, זי שפּאַרט פֿאָרויס. ווער עס פֿאַלט, גייט מען איבער אים אַריבער און ער ווערט צעטראָטן. מענטשן שרײַען, פּרוּוון וויינען, וואָיען ווי די הינט, אָבער קיינעם אַרט עס ניט. די מאַסע שפּאַרט צו די פֿלאַטפֿאָרמעס. זעקס... זיבן... אַכט... אָר־דענונג... אָרדענונג... צען!

די פֿלאַטפֿאָרמעס רירן פֿון אָרט. צענדליקער מענטשן האַלטן זיך באַ די ראַנדן און שלעפּן זיך נאָך. אַנדערע בלײַבן ליגן אויף דער ערד. ווער עס איז צעטראָטן און ווער עס האָט באַקומען אַ קלאַפּ איבער דער האַנט מיט אַ שטיוול, ער זאָל ניט באַשווערן דעם פֿערד צו שלעפּן די פֿלאַטפֿאָרמע. און איך? וויאַזוי איז עס געשען, אַז איך געפֿין זיך אויף אַ פֿלאַטפֿאָרמע? ביז הײַנט פֿאַרשטיי איך ניט, פֿונוואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען די פֿלינקייט אַרויפֿצובאַקומען זיך אויף דער פֿלאַטפֿאָרמע. וואַרשעווער, בין איך דורך דער מאַסע אַרויפֿגעשטופּט געוואָרן, וואָרעם איך האָב געפֿילט אַ ווייטיק אין דער ברוסט, ווי מע וואָלט מיך צוגעקלעמט. אָבער איך בין ניט געבליבן!

פֿינף אָדער זעקס טונקעלע פֿלאַטפֿאָרמעס פֿאָרן מיט אַ פֿינצטערער גאַס, ווי אין אַ טונעל. פֿון ביידע זײַטן סטאַרטשען אַרויס נאָך מער פֿינצטערע גופֿים פֿון אויסבאָמבאַרדירטע הײַזער. דאָ, אין שטאָט, איז ניטאָ קיין סימען פֿון שניי. אַלץ איז טויט און פֿינצטער. די מענטשן אויף דער פֿלאַטפֿאָרמע זײַנען צונויפֿגעקוועטשט און זיי שווײַגן. אַ מידע אויסגעפּײַניקטע מאַסע מענטשן ווערט געפֿירט אין אַן אומגעווײנלעכער נאַכט. מ'האָט בעפֿייַרעש געפֿילט: איבער דער גאַס גייט דער טויט. נעבן דער בריק אויף דער זיגמונטאָווסקאַ־גאַס באָמבלט זיך אויף אַ זײַל דער ערשטער באַלויכטענער לאַמטערן. ער באָמבלט זיך אין ווינט ווי אַ געהאַנגענער.

לענגאויס דער זיגמונטאָווסקאַ לײַכטן עטלעכע לאַמטערנס. דאָס בלייכע ליכט באַלײַכט בלייכע מידע פּנעמער. די פֿיס טוען וויי פֿון זיצן צונויפֿגעדרענגט אויף דער פֿלאַטפֿאָרמע. נאָך אַ צען מינוט וועט מען קאָנען אַראָפּגיין און אויסגלײַכן די ביינער; זיך אַוועקלייגן שלאָפֿן און זיך אויסרוען, רוען אומגעשטערט.

„האַלט!" — האָט אַ גרילץ געטאָן אין דער פֿינצטערניש.

די פֿלאַטפֿאָרמעס פֿאַרהאַלטן זיך. מיר זײַנען באַם אַרײַנפֿאָר פֿון דער קערבעדזש־בריק איבער דער ווײַסל. עס קומט אַ באַפֿעל: „יודען הערונטער!" אַ דײַטש לויפֿט מיט אַן אויסגעשטרעקט אָנגע־צונדן באַטאַריי־לעמפּל און באַלײַכט פּנעמער אויף די פֿלאַטפֿאָרמעס: „יודען הערונטער! הערונטער!" איינצלנע ייִדן שפּרינגען אַראָפּ פֿון די פֿלאַטפֿאָרמעס און ווערן באַלד אונטערגעשטופּט מיט קלעפּ, אַנדערע ווערן אַראָפּגעשלעפּט און געטראָטן מיט די פֿיס. ביסלעכווײַז מערן זיך די ייִדן. איך בין אײַנגאַנצן רויִק. צופֿיל רויִק. מיך מיינט עס ניט. איך וועל זיך ניט מודיע זײַן, אַז איך בין אַ ייִד. מיט וואָס זע איך אויס אַנדערש פֿון די, וועלכע בלײַבן רויִק זיצן? „יודען הערונטער!". איינער,

וואָס זיצט נעבן מיר, מיט אַ טיפּיש סלאַוויש פּנים, האָט באַקומען אַ קלאַפּ אין קאָפּ — „יודע הערונטער!" און שוין איז ער אונטן. מײַן זיכערקײַט פּלאַצט. דער דײַטש פֿרעגט: „יודע?" איך לייקן: „ניע, אַ פּאָליאַק". ער שטעלט אָן אויף מיר דאָס לעמפּל: „יודע?" — „ניע, פּאָליאַק". ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן בײַ די פּיס און אַ כוואַליע פֿינצטערניש האָט מיך פֿאַרפֿלייצט. איך ווייס מער ניט, וואָס מיט מיר געשעט. קיין ווייטיק פֿיל איך ניט, כאָטש איך ווייס, אַז איך באַקום האַרטע קלעפּ. נאָר באַלד קום איך צום פֿולן באַוווסטזײַן און איך שטיי שוין צוזאַמען מיט אַלעמען אויפֿן טראָטואַר. אַ צוויי צענדליק זײַנען מיר געווען צוזאַמענגענומען. די פּלאַטפֿאָרמעס באַקומען אַ באַפֿעל אוועקצופֿאָרן, און מיר בלײַבן בײַ דער קערבעדזש־בריק. סאַכאַקל ווערן מיר באַהערשט פֿון צוויי דײַטשן מיט ביקסן און מיר זײַנען צוויי צענדליק ייִדן און פּאָליאַקן. נאָר אַלע זײַנען מיר געליימט, ווּעמען וועט אײַנפֿאַלן אין אַזאַ נאַכט זיך קעגנשטעלן? ווּעמען זיך קעגנשטעלן? ס'איז אַ נאַכט פֿון טויט.

עס קומט אַ באַפֿעל, אַלע זאָלן אויסשטרעקן די אָרעמס און אַראָפּנעמען די זייגערלעך. דער דײַטש זאַמלט אײַן די זייגערלעך און באַגלייט דאָס מיט אַ קלאַפּ אין דער האַנט, מע זאָל זיי אַראָפּלאָזן. קיינער שרײַט ניט פֿון ווייטיק. ס'איז ניט די צײַט אויף צו שרײַען. מײַן שכן, אַ יונגער ייִדישער באָכער, באַהאַלט נערוועז דאָס רימענדל פֿונעם זייגער. דער דײַטש באַמערקט עס און מיטן גאַנצן קויער טוט ער אים אַ זעץ אין פּנים מיט אַן אָפֿענער האַרטער האַנט. דער ייִד פֿאַלט. דער דײַטש טרעט אים מיט די פֿיס. „שטיי מאָל אויף!" — באַפֿעלט ער, און ווען דער ייִד וויל אויפֿשטיין, טוט ער דעם קאָרבן ווידער אַ זעץ, און יענער פֿאַלט צוריק. „שטיי מאָל אויף, יודע!" אַ טויטער, גאַלוואַניזירט פֿון ווייטיק, שטייט ער אויף מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט, און דער דײַטש רײַסט פֿון אים אַראָפּ דאָס זייגערל. איך באַמי זיך וואָס מער אויסצוציִען דעם אָרעם פֿונעם אַרבל אַרויס, ער זאָל זען, אַז איך האָב ניט קיין זייגערל. איידער איך האָב אים דאָס געזאָגט אויך מיט ווערטער, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין האַלדז. איך האָב זיך געוואַקלט, ווי אַ שיכּור, און אַרופֿגעפֿאַלן אויף דעם שויך־אַנלען פֿון דער בריק, נאָר פֿאַרלאָרן די קלאָרקײַט פֿון באַוווסטזײַן האָב איך ניט. איך האָב זיך אויסגעגלײַכט מיט צוויי רייען מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען באַם אָנלען.

אַלע זײַנען שוין „באַאַרבעט". וואָס וועט דער דײַטש ווײַטער טאָן? פּלוצעם נעמט ער אַרויס דעם רעוואָלווער פֿונעם זײַטן־טעשל, גייט אויף הינטערווײַלעכס אַ פּאָר טריט און צילט די רעוואָלווער־לופֿע צום צענטער פֿון די צוויי רייען מענטשן.

„אַלע די, וועלכע האָבן בײַ זיך געלט, לייגן אַרויס דאָס גאַנצע געלט און אויב עמעצער וועט עפּעס־וואָס אויסבאַהאַלטן, וועט ער דערשאָסן ווערן אויפֿן פּלאַץ". ייִדן האָבן אַרויסגענומען טײַסטערלעך און זעקעלעך און זיי אַרויסגעשטעלט צום צווייטן דײַטש, וואָס האָט דאָס געלט צוגענומען.

פּלוצעם הייבט אָן דער, וואָס מיטן רעוואָלווער, צו זידלען די ייִדן, אַז זיי זײַנען רויבער, גאַנאָווים, ספּעקוליאַנטן, וואָס וועלן באַלד דאָ אַלע אויסגעשאָסן ווערן, און אָנווײַזנדיק אויף דער בריק, גרילצט ער אויס:

„היער, היער, יודען אַאוסבויטלער, לאָופֿען, לאָופֿען!"

די גאַנצע מאַכנע האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער ערד און זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט איבערן וועג פֿאַר פֿוסגייער דורך דער בריק. דער דײַטש האָט בעהאָלע־מאַכנדיק געפֿײַערט מיט ווילדע געשרייען „לאָופֿען־לאָופֿען־לאָופֿען!" איינער איז געשפּרונגען איבערן צווייטן, איינער איז געפֿאַלן איבערן צווייטן, איינער האָט זיך אָנגעהאַקט אינעם צווייטן און אים אומגעוואָרפֿן. אָבער אין אימפּעט איז דער אַנידערגעפֿאַלענער גלײַך ווידער געשטאַנען אויף די פֿיס און געלאָפֿן. אין דעם הילצערנעם באָדן פֿון דער בריק האָבן די לויפֿנדיקע טריט אָפּגעקלאַפּט ווי דאָס גאַלאָפּעווען פֿון פֿערד. די גענוג לאַנגע בריק האָט מען דורכגעמאַכט אין געציילטע רעגעס. אָט־אָט און מע איז שוין אויף דער וואַרשעווער זײַט פֿון דער בריק, אַנטקעגן נאָווי זיאַזד. אָבער פּלוצעם — „האַלט!" אַ מונדירטער דײַטש מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס פֿאַרשטעלט דעם אַרויסלויף. „האַלט! ווער זײַט איר? צי ווייסט איר ניט, אַז איצט טאָר מען זיך ניט געפֿינען אויף דער גאַס?" נעבן דעם דײַטש רוקט זיך צו אַ פּוילישער פּאָליציִאַנט אין אַ פֿאַרמילכאָמעדיקן פּאָליצײַ־מונדיר. ער כאַזערט איבער אויף פּויליש דאָס זעלבע, וואָס דער דײַטש האָט געזאָגט אויף זײַן לאָשן. עטלעכע פֿון דער מאַכנע הייבן אָן פֿאַרענטפֿערן זיך, שטאַמלענדיק: דאָרט... צוגענומען... געלט... אור... לאָופֿען... דער דײַטש האָט זיך צעלאַכט אויפֿן קאָל. מיסטאָמע ווייסט ער, אין וואָס עס גייט. מיסטאָמע זײַנען מיר ניט די ערשטע לויפֿער איבער דער בריק. ער לאַכט אויפֿן קאָל און ווײַזט אָן מיט דער ביקסן־לופֿע: „אָבער גאָט, ווּאָרום שוויצן די יודען? איזט עס זאָ הייס?"

דער דײַטש איז געווען זייער גוטמוטיק. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ביקס און איינעם אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסל: „עס מאַכט ניכט, שוויצן איזט געזונד". און ער אייצעט, אַז גייענדיק דורך דער שטאָט, זאָל מען „שוויצן" זייער פֿאָרזיכטיק, אויב מע וויל דערלעבן דעם טאָג. דער פּוילישער פּאָליציִאַנט האָט פֿון זײַן זײַט צוגעגעבן, אַז מע זאָל זיך האַלטן בײַ די ווענט און זײַן פֿאָרזיכטיק אָנצוטרעפֿן זיך מיט פּאַטרולן. זיי שיסן מענטשן אָן וואָרעניש.

די פּאָר מענטשלעכע ווערטער האָבן געדירט ביז טרערן. נאָר אַף סענטימענטן איז ניטאָ קיין צייַט. דער טויט לויערט אַף די גאַסן פֿון דער באַנאַכטיקער וואַרשע. די שוואַרצע נאַכט, וואָס דעקט צו דעם אויסבאָמבאַרדירטן קיניגלעכן שלאָס; די שוואַרצע נאַכט, דורך וועלכער מע דאַרף אַדורכרייַסן דאָס געראַטעוועטע שטיקל לעבן, וואַרפֿט אָן אָן אימע. און באַלד אָן אַנטקעגן־מאַכשאָווע: צי זייַנען די פּאָר מענטשלעכע ווערטער אָן אויסרייד, אַז ווען מיר וועלן אַוועק פֿון דעם פּלאַץ, וועט דער דייַטש נאָכשיסן נאָך אונדז? ניין, ער כאַזערט איבער אין דעם זעלבן מענטשלעכן טאָן, מיר זאָלן גיין דורך די גאַסן קראָקעווער פּאָרשטאָט, מיאַדאָווע און דלוגע. דאָרט זייַנען פֿאַראַן אַ סאַך כורוועס. אויב מע הערט זעלנערישע טריט פֿונדערווייַטנס, איז בעסער זיך אויסבאַהאַלטן אין די כורוועס, ביז די טריט וועלן מער ניט געהערט ווערן. נאָר גיין ניט אַלע צוזאַמען. ס'איז ניט קיין ערשטע מיי־פֿייַערונג.

די מאַכנע האָט זיך צעשאָטן קעהערעף אייַן. צו צוויי און צו דרייַ האָבן זיך אַלע פֿאַרשטעקט אין דער נאַכט. דאָס איז געשען אינסטינקטיוו, ווי בא כייַעס אין צייַט פֿון סאַקאָנע. איך בין מיט נאָך צוויי אומבאַקאַנטע שנעל און אַף די שפּיץ פֿינגער אַרויף צו דער קראָקעווער פּאָרשטאָט און די ערשטע „אָבסערוויר"־סטאַנציע געמאַכט הינטערן דענקמאָל פֿונעם קיניג זיגמונט. אַנטקעגן, אינדערמיט פֿון דער ברייטער גאַס איז געשטאַנען אַן אַלמער אָפּגעפּאַרבט אַף וויַס און צו אים צוגעשלאָגן אַ ברעט, ווי אַ וועגווייַזער, מיט אַ גרויסן אויפֿשריפֿט „לובלין". אַ קורצע ווייַלע האָבן מיר זיך אייַנגעהערט אין דער שטילקייַט און ווידער אָפּגעלאָפֿן אַ הונדערט מעטער ביז צו דער מיאַדאָווע גאַס. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די כורוועס פֿון די ייִדישע געשעפֿטן און הייַזער. די נאַכט איז ניט געווען אַזאַ פֿינצטערע, בייַס די כורוועס האָבן געאָטעמט מיט שוואַרצקייַט. און נאָך שוואַרצער פֿון די כורוועס זייַנען געווען די לעכער פֿון די פֿענצטער און טירן.

ערגעץ אין אַ ווייַטערער גאַס זייַנען געפֿאַלן איינציקע שאָסן פֿון אַ ביקס. כאָטש די שאָסן זייַנען געווען ווייַטע, זייַנען מיר, די דרייַ, אַרייַן אין אַ כורווע און אָפּגעוואַרט, עס זאָל אַדורך דער אָפּהילך. ס'איז ווידער געווען שטיל, זייַנען מיר ווייַטער געלאָפֿן אַף די שפּיץ פֿינגער ביז צו דער דלוגע־גאַס. אַף דעם פּלאַץ קראַשינסקי, אין פּאַלאַץ פֿונעם אַפּעליאַציע־געריכט, געפֿינט זיך דער שטאַב פֿון דער געסטאַפּאָ; אין דעם היסטאָרישן אַרסענאַל אַף דלוגע־גאַס שטייט אייַן אַ גרויסע אָפּטיילונג פֿון דער ווערמאַכט. אָט די צוויי געפֿערלעכע פּונקטן מוז מען דורכגיין, אויב מע וויל אָנקומען צו דער ייִדישער געגנט פֿון פּשעיאַזד און נאָוואָליפּיע. אונדזער דרייַלינג רעדט ניט צווישן זיך. ניטאָ וועגן וואָס צו רעדן. צי קאָן עמעצער פֿאָרויסזאָגן, וואָס עס איז בעסער — צי ס'איז בעסער איצט ריזיקירן און דורכגיין די געפֿאַר, אָדער פֿאַרשטעקן זיך אין אַ כורווע און אָפּפּירן דאָרט, ביז עס וועט ווערן טאָג און מע וועט מעגן פֿרייַ גיין. און אַז מע מעג פֿרייַ גיין — כאַפּן די דייַטשן צו דער אַרבעט. צעשיידן מיר זיך און איינציקווייַז, אָפּגערוקט איינער פֿונעם צווייטן אַף אַ צען־פֿופֿצן טריט, שאַרט מען זיך בא די ווענט. אַף דלוגע־גאַס וואַקסן אויס, ווי אונטער דער ערד, צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן. לויפֿן איז שפּעט. זיי וועלן נאָכשיסן. דאָ זייַנען ניטאָ קיין כורוועס, און די טויערן זייַנען פֿאַרשלאָסן. איך שפּאַר זיך צו צו דער וואַנט, ווי איך וואָלט זיך אין איר אַרייַנגעקנאָטן. זיי באַמערקן מיך, אָבער פֿרעגן גאָרניט. זיי זייַנען פֿאַרנומען מיט אַ שמועס. איך הער ווי זיי זאָגן צו דעם, וואָס איז געווען הינטער מיר: „וואָס שלייַעט איר זיך אַרום אין גאַס אין אָט דער צייַט? זיי וועלן אייַך דערשיסן".

ענדלעך בין איך אַריבער אַף דעם טייל פֿון דער דלוגע־גאַס, וואָס איז איבער די נאַלעווקעס און ביעלאָנסקי. איצט דאַרף מען בייַקומען דעם אַרסענאַל. צום גליק ברענט דאָרט אין טויער אַן עלעקטרישע ליכט. איך געפֿין זיך אַף דער צווייטער זייַט גאַס, אין דער פֿינצטער. כאָטש אין טויער זע איך קיינעם ניט, אָבער צוליב מייַן וואַכזאַמקייַט דאַכט זיך מיר, אַז איך הער טריט פֿון באַטשוועקוועטע שטיוול. ס'האָט זיך מיר בלויז אויסגעדאַכט, און איך בין שוין אַף דער פּשעיאַזד־גאַס, אין סאַמע האַרץ פֿון דער ייִדישער וואַרשע.

פּשעיאַזד האָט פֿאַרבונדן די געגנט פֿון די נאַלעווקעס מיט גזשיבאָוו, זי איז געווען אַ בריק צווישן דער ייִדישער געגנט און די גאַסן פֿון אַן אַנדער וועלט, די הויפּט־אַרטעריע אינעם ייִדישן קראַך. אַהין האָבן אַרויסגעקוקט די פֿענצטער און דער באַלקאָן פֿון טלאָמאַצקע, 13.

ווען איך האָב זיך געשלייַכט בא די טויערן פֿון פּשעיאַזד, איז מייַן בליק געפֿאַלן צום ערשטן שטאָק, צום באַלקאָן פֿון טלאָמאַצקע, 13, וווהין עס זייַנען „אַמאָל" געווען געווענדט די אויגן ניט נאָר פֿון דער ייִדישער וואַרשע, נאָר פֿון אַלע פּוילישע שטעט און שטעטלעך, ווו ייִדישע יונגעלייַט און מיידלעך האָבן געבענקט צו זייַן נאָענט צו דער ייִדישער ליטעראַטור. אַז ייִדן פֿלעגן פֿאַרבייַגיין דעם פּשעיאַזד, האָבן זיי אַרופֿגעקוקט צום באַלקאָן, טאָמער וועלן זיי דערזען דעם שרייַבער, וועמענס ביכער זיי לייענען, אַף וועמענס אַרטיקלען אין די צייַטונגען זיי וואַרטן פֿון פֿרייַטיק צו פֿרייַטיק. פֿון דער גאַס־אַרויף האָבן זיי געקאָנט זען „מיט זייערע אייגענע אויגן" ווייַסענבערגן, צי נאָמבערגן, אָדער גאָר סעגאַלאָוויטשן, וואָס איבער זייַנע ראָמאַנען האָט מען געטראַכט לאַנגע טעג נאָכן איבערלייענען זיי, קעדיי „צו פֿאַרשטיין דעם מיין פֿון דעם שרייַבער"...

א שארפער קאלטער ווינט יאָגט אָן פון מילנע־געסל און טרײַבט מיך ארויס פון דער טויערטיפקײַט. איך בין געלאָפן צו דער נאָוואָליפיע, צום הויז נומער פערצן, ווו עס האָט געוווינט מײַן שוועסטער מיט איר קליין אייפעלע.

מיט א טאָג פריִער איז מײַן ייִנגערע שוועסטער מיט איר מאַן, דעם דיכטער סטאַניסלאַוו יעזשילעץ, אוועק צו דער גרענעץ, זיך אדורכצושמוגלען קיין לעמבערג, צו די סאָוועטן. צי וועלן זיי דערגיין אהין לעבעדיקע? — זיי האָבן אויסגעקליבן די שאנסן צו דערגיין לעבעדיקע. און אויב אומקומען אף דער גרענעץ, איז בעסער, איידער לעבן אין היטלערישן גענעם. דאָ, אין ווארשע, האָבן זיך געזעגנט אלע האָפענונגען.

פונעם בוך „גרענעצן ביז צום הימל", פארלאג „המנורה", טעל־אוויוו



די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" באַגריסט דעם פאָרזיצער פונעם ייִסראָעלדיקן ייִדישן שרײַבער־פארבאנד מאָרדכע צאנינען מיט זײַן אכציקיאָריקן יובילײ און ווינטשט אים פיל הויך־שעפערישע יאָרן.

דער אווטאָר פון די דאָזיקע ווארשעווער גרויל־בילדער מאָרדכע צאנין איז אלט געוואָרן 80 יאָר. ער איז באַזונדערס ברייט באַוווּסט מיט זײַן ציקל ראָמאנען (זיבן ביכער) וועגן די וואנדערונגען איבער די עפּאָכעס פון דער ייִדישער געשיכטע, וועלכע עס מאכט דורך, פונקט ווי אָן „אייביקער ייִד", דער אלעקסאנדריִער היסטאָריקער פונעם II יה. פאר אונדזער צײַט־רעכענונג אַרטאפאנוס. אָט וואָס עס שרײַבט דער ליטעראַטור־פאָרשער אווראָם ליס וועגן מ. צאנינען אין צוזאמענהאנג מיט זײַן אכציקסטן געבורטסטאָג: „אָנגעלאָדן און באַלאָדן מיט שעפערישער אקטיוויטעט און פול ווי א מילגרוים אי מיט פלענער, אי מיט טײַנעס, הויפּטזאכלעך לעגאבע די, וואָס פירן די מעדינע, טוט ער עס העפטיק, קאָנסעקווענט סײַ ווי א שרײַבער, סײַ ווי א באל פע. און כאָטש די אייפערדיקע טײַנעס דערמאָנען א יוגנטלעכן רעוואָליוציאָנער פונעם „פינפטן יאָר", איז אים דאָך גוט צו הערן..." אויב אראָפּנעמען די „כאָטש"־באַוואָרעניש, זײַנען מיר מאסקים מיט דער כאראקטעריסטיק, צורעכענענדיק צו איר די ווערטער, וואָס קומען ווײַטער, אז צאנין געהערט „צו די פראָדוקטיווסטע, אקטיווסטע (ייִדישע) וואָרט־שעפער".

מאָרדכע צאנין איז הײַנט־צו־טאָג אויך איינער פון די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע פובליציסטן, זשורנאליסטן. די סאָוועטישע ייִדישע ליטערארישע געזעלשאפטלעכקײַט געדענקט, אז ער איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָט ווארעם אופגענומען דאָס דערשײַנען פון „סאָוועטיש היימלאנד", פארטיידיקנדיק אין דער אויסלענדישער פרעסע דעם זשורנאל פון אומווירדיקע אָנפאלן.

שורעס, אָנגעשריבענע אין געטאָ

לייב אָפּעסקין

צען ברידער

צען ברידער זיַינען מיר געוועזן,
ס'האָט ניט געהאַנדלט קיינער.
ניַין פון אונדז האָט מען דערהאַרגעט
איז געבליבן איינער.

גיי איך און ברום דאָס לידל:
„ווינד איז מיר און וויי מיר —
צען ברידער זיַינען מיר געוועזן,
בין איך געבליבן איינער".

זע איך טרויער בלויז און טרערן
ווו איך גיי און שטיי נאָר. —

פון צען ברידער, וואָס זיַינען געוועזן,
איז נאָר געבליבן איינער.

גייט רעציכע אום און יובלט,
הינטער איר — געוויין נאָר.
גיי איך עלנט, ברום דאָס לידל:
„איינער, איינער, איינער".

בייַלט זיך ווו א פויסט א דאַרע,
קריצן ווו זיך ציינער.
פון צען ברידער, וואָס זיַינען געוועזן,
זאָל ניט בלייַבן קיינער?!

אידע גראַדזיאַנאָווסקע

שוין גענוג

יעדן פרי, יעדן פרי קלאַפּט דייַן פּוס יעדן טאָג אַפן הארטן ברוק.
און די פּיס, דייַנע פּיס, אין דעם גאַנג אַפן ברוק שוין געוואָרן מיד.
ווו דו גיסט זיך נאָר א קער און דו גיסט זיך נאָר א דריי,
זיַינען וועלטס אלע טירן געשלאָסן פאַר זיי.
שוין גענוג, שוין גענוג קלאַפּט דייַן פּוס יעדן טאָג אַפן הארטן ברוק.

און די שיך, דייַנע פּיס קלאַפּן אויס יעדן מאָרגן דעם ארבעטסטאָג פאַר זיך.
און די שיך, דייַנע פּיס, איז דער גאַנג אַפן ברוק שוין געוואָרן מיִעס.
נאָר די פּיס בינדן קייטן, וואָס קיינער זעט ניט זיי,
און זיי צווינגען צו שפּאַנען און גיין דאָ אין דער ריי.
און די שיך, דייַנע פּיס קלאַפּן אויס יעדן מאָרגן דעם ארבעטסטאָג פאַר זיך.

שוין גענוג, שוין גענוג קלאַפּט דייַן פּוס יעדן טאָג אַפן הארטן ברוק.
אָ, איר פּיס! איר מוזט גיין, כאָטש פאַרמאַטערט, פאַרבלוטיקט און בלייַבן שטיין...
אָ, איר פּיס! איר מוזט אלע דערפילן דעם באַפעל,
זאָל די צייַט אָבער קומען, דאַן וועט איר לויפן שנעל...
שוין גענוג, שוין גענוג קלאַפּט דייַן פּוס יעדן טאָג אַף דעם הארטן ברוק.

העניטעלער

ס'האָט זיך מיר דאָס לעבן היינט געעקט, —
עך, צו אַלדי רוכעס אזא לעבן!
ס'האָבן בלויע קינדער אויסגעשטרעקט
הענטעלעך, איך זאָל זיי עפּעס געבן...

הענטעלעך געשוואָלענע פון קעלט
מיט סיניאַקעס אויף יעדן איינעם פינגער,
וואָלט איך אָפּגעגעבן זיי מיין גאַנצע וועלט,
וואָלט איך זיי געשענקט אַליין דאָס זינגען.

בעטן אָבער קינדערלעך אויף ברויט,
וואָס זשע קאָן א דיכטער קינדער געבן,
בלייבט נאָר איינס... צוזאַמען מיט דער נויט
ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פאַר א נייעם לעבן...

ס'האָט זיך מיר דאָס לעבן היינט געעקט, —
עך, צו אַלדי רוכעס אזא לעבן!
ס'האָבן בלויע קינדער אויסגעשטרעקט
הענטעלעך, איך זאָל זיי עפּעס געבן...

■

כאַים־איצל גאָלדשטיין

יידן אויף די באַריקאַדן אין וואַרשע

ווען עס קומט אָן די דאַטע פון געטאָ־אופשטאַנד, וואַכן אוף אין מיין זיקאָרן עפּיזאָדן, געשעע־נישן, איבערלעבונגען פון יענער צייט.

איינע אזא איבערלעבונג וויל איך היינט דערמאָנען: וויאַזוי יידישע קאַצעטלער האָבן אין לאַ־גער, אונטער די נעזער פון עסעס־לייט געפייערט דעם ערשטן יאָרצייט פונעם געטאָ־אופשטאַנד.

דער אויסברוך פון געטאָ־אופשטאַנד האָט מיך געטראָפן אין טויט־לאַגער בירקענאו. דער אָפּקלאַנג פון די העראָישע קאַמפן, וואָס האָט אויך צו אונדז דערגרייכט, האָט אופגערודערט דעם גאַנצן לאַ־גער. די אויסווירקונג איז געווען אן אויסערגעוויינלעכע. א נייַ לעבן איז אריין אין די מענטשן־סקע־לעטן, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דער אופשטאַנד האָט אריינגעבלאָזן א פרישן גייסט אפילע אין די גאָר פאַרצווייפלטע, א נייע האָפענונג, א פרישן ווילן צו האַלטן זיך וואָס לענגער. איך זע נאָך איצט די שמייכלדיקע פענעמער פון האַלב־טויטע מענטשן בייסן איבערגעבן די נייַס איינער דעם אַנדערן.

די אָרגאַניזאַציע פונעם ווידערשטאַנד, וועלכע איז געווען טעטיק אין לאַגער, איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, און דאָס האָט זיך זייער א סאַך אויסגעווירקט אויף דער ווייטערדיקער סאָלידאַריטעט און אויף די שטילע ווידערשטאַנד־אַקציעס, וועלכע מע האָט שפּעטער דורכגעפירט. א גייסט פון קאַמף האָט ארומגענומען דעם גאַנצן לאַגער.

אויף די אַרבעטס־קאָמאַנדעס, ווען די קאַפּאָס האָבן זיך א ביסל דערווייטערט, און אויך אין דעם שטילן שעפּטשען באַנאַכט אויף די האַרטע נאַרעס פון די צונויפגעדריקטע, פאַרמאַטערטע יידן איז געווען איין טעמע: די געטאָ־קעמפער.

וועגן דעם פאַרנעם פונעם ווידערשטאַנד האָבן מיר אין לאַגער ניט געוווּסט, נאָר זיך בלויז פאַרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע. ערשט אין געציילטע מאָנאַטן שפּעטער האָב איך, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע קאַצעטלער, געהאַט די פּריווילעגיע און די מעגלעכקייט זיך צו איבערצייגן אויפן אָרט פון די קאַמפן — אויף די כורוועס פון וואַרשעווער געטאָ — ווי גוואַלדיק עס איז געווען דער ווידער־

שטאַנד, און ווי העלדיש די אופטועז פון די קעמפער, וועלכע האָבן ווײַט־ווײַט איבערגעשטיגן אונדזער פאַנטאַזיע.

געווען איז עס אָנהייב אָקטיאָבער 1943 אין לאַגער בירקענאַו. אַ טאָג אַ געוויינלעכער, ווי אַלע טעג אין לאַגער. מיטן שלאָגן און מיט דער געוויינלעכער נאָרמע פון טויטע, וועלכע די קאָמאַנדעס האָבן נאָך דער אַרבעט געפירט מיט זיך אין לאַגער אַרײַן. גלײַך ווי מיר זײַנען אַדורך דעם טויער, האָבן עסעס נישט געלאָזט גיין יעדן צו זײַן בלאָק, נאָר אַלעמען געפירט אויפן אַלגעמיינעם גרויסן אַפּעל־פּלאַץ.

זיכער אַ סעלעקציע אין גאַז־אויוון אַרײַן, האָב איך אַ טראַכט געטאָן און גענומען באַקוקן מײַנע הענט, מײַנע פיס און זיך געפרעגט — וועט הײַנט זײַן מײַן ריי?

„ס'איז ערעוו יאָמקיפּער".

דאָס האָט מיר אַ זאָג געגעבן איינער לעבן מיר. „זיי האָבן אויסגעקליבן די ריכטיקע צײַט, עס איז פּונקט ערעוו יאָמקיפּער און זיי גייען מיט אונדז שלאָגן קאַפּאָרעס" (מיסטאָמע אַ ניט לאַנג געקומענער אין לאַגער, נאָך געוווּסט די צײַט־רעכענונג).

אָבער גאַנץ שנעל בין איך אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ צווייטער זײַט, וווּ אַ סאַך רייען צו פינף זײַנען שוין געשטאַנען, און גלײַך האָט מען דערהערט אַ באַפעל: אָפּמאַרשירן. עסעס פון פאָרנט און פון די זײַטן האָבן אונדז געפירט צום טויער. ווען מיר זײַנען אַריבער דעם טויער, זײַנען שוין דאָרט געשטאַנען אַנדערע ייִדן אין די רייען און געוואַרט אויף אונדז. צוזאַמען זײַנען מיר געווען אַ צוויי טויזנט מאַן. מע האָט אונדז אַרײַנגעפּאַקט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, באַוואַכט פון עסעס אויפן וועג קיין וואַרשע.

ווי לאַנג האָט געדויערט דער וועג? אַן אייביקײַט!

דער לאַגער אין וואַרשע איז באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען גענשעווקע, ווײַל ער האָט זיך געפונען אויפן הויף פון דער מיליטערישער טורמע אויף גענשע־גאַס. שוין דעם ערשטן באַגינען, נאָכן אָנקומען קיין וואַרשע, זײַנען מיר דורכגעגאַנגען די גאַסן פּאַקאַרנע, פּלאַץ מוראַנאָווסקי, מילע, דזשיקע, גענשע, צום הויף פון דער טורמע. בלויז לויטן אויסזען פון די צעהאַקטע הײַזער האָט מען אומעטום דערקענט דעם שטאַרקן ווידערשטאַנד פון די געטאָ־קעמפער און פון זייער גוורע. עס האָבן זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן שטוב־כּלים, צעריסענע ביכער, שיימעס פון געמאָרעס, שטיקער פון סייפער־טוירעס. אָבער ערשט אין די ווײַטערדיקע טעג און וואָכן, ווען מיר זײַנען אַרויס צו דער אַרבעט אָפּצוריייניקן די כורוועס, באַזוכנדיק די קעלערס פאַרן אויפרײַסן די צעהאַקטע הײַזער, האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט דאָס בילד פונעם אויפשטאַנד און מיר האָבן באַגרײַפט און אָפּגעשאַצט דעם ריזיקן פאַרנעם פון דעם איבערמענטשלעכן העראָיִזם פון די קעמפער.

עס שטייען מיר נאָך איצט פאַר די אויגן די בילדער: אין דעם גרויסן הויף פון שווענטאָיערסקע, 32־34, ליגן אויף די כורוועס קערפּערס פון ייִדן, צווישן זיי די גרעסטע צאָל — ייִדן מיט בערד, ווי איך בין שפּעטער געוווירע געוואָרן, האָט זיך דאָרט געפונען דער בערשטער־שאָפּ, וווּ די מערהײַט איז באַשטאַנען פון רעליגיעזע ייִדן. ביז דעם לעצטן האָבן זיי זיך געשלאָגן און זיך ניט אונטערגעגעבן. אויף די נאַלעווקעס, באַם פּלאַץ קראַשינסקי, אויף מילע און אַנדערע גאַסן, אומעטום האָבן מיר געפונען ליגן קערפּערס, לעבן זיי — פאָטאָגראַפיעס פון מישפּאָכעס, אויפרופן, בלעטלעך אין ייִדיש און אין פּויליש. מיר האָבן זיי געלייענט, ווי עס וואָלט געווען אַ הייליקײַט. מיר האָבן אויך געטראָפן אַ לעבעדיקע יונגע פרוי אין אַ בונקער, וווּ זי איז געזעסן לעבן אַ טויטן יונגנמאַן. די עסעס האָבן זי אַרויסגענומען פון דאָרט און דערשאָסן.

יעדן טאָג פון אונדזער זײַן אין לאַגער האָב איך באַמערקט, אַז דער געטאָ־קאַמף איז נאָך ניט געענדיקט. ער גייט ווײַטער אָן. עמעס, ניט אין דעם זעלבן פאַרנעם, אָבער דער קאַמף דויערט.

מיטן אָנקומען פון פרילינג 1944, אָן ערעך אָנהייב אַפּרעל, האָט זיך פאַרשפּרייט די נײַעס, אַז דער סאָף פון דער מילכאָמע דערנעענטערט זיך און די מאַפּאָלע פון דײַטשלאַנד איז אַ געזיכערטע. צו אונדז אין לאַגער זײַנען די נײַעס אַרײַנגעקומען דורך פאַרשיידענע וועגן. דורך די, וואָס פלעגן גיין אין שטאָט אַרבעטן און אויך דורך דעם קאָנטאַקט, וועלכן אונדזער גרופּע פון ווידערשטאַנד אין אוישוויץ האָט אָנגעהאַלטן אויך דאָ מיט דער פּוילישער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע.

אין לאַגער האָט זיך גאָרניש געענדערט. די עסעס־לײַט זײַנען געוואָרן ניט מילדער, נאָר עפּשער נאָך מער פאַרביסן, דאָך האָט זיך געשטאַרקט אונדזער גלויבן און אונדזער האָפענונג, אַז מע וועט פאָרט איבערלעבן.

איך זע נאָך איצט, ווי די אויסגעלאָשענע אויגן פון די אויסגעמאַטערטע מענטשן האָבן צוריק באַקומען זייער גלאַנץ. די אײַנגעבויגענע פּלייצעס האָבן זיך אַ ביסל אויסגעגלײַכט. די טריט זײַנען פעסטער געוואָרן און עס האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף די פּנעמער. דער הונגער האָט ווייניקער געמאַטערט. אַפילו די קלעפּ פון עסעס האָבן ניט אַזוי ווי געטאָן.

ווען דער קאמענדאנט פון לאגער, א יונגער עסעס־מאן א סאדיסט, אומשמיץ האט ער געהייסן, האט באמערקט די ענדערונג, האט ער אלע טעג מער באשווערט די ארבעט. פרייט זיך ניט, שמוציקע יודן, איר וועט פריער דערשאסן ווערן איידער אייערע באלשעוויקעס וועלן אייך באפרייען, האט ער ניט פארפעלט יעדן טאג צו דערמאנען. מיר האבן זיי זייער גוט געקענט און מיר האבן זיי געקאנט גלייבן. אבער אויך דאס האט די גוטע שטימונג אונדזערע ניט געענדערט. אזוי האבן זיך געצויגן טעג און וואכן, פון פרייד צוליב זייער מאפאלע געמישט מיט האפענונג אויך פאר זיך.

דער געדאנק וועגן אפמערקן דעם ערשטן יארטאג פונעם געטא־אופשטאנד איז בא אונדזער־ווידערשטאנד־גרופע געבוירן געווארן אין די ערשטע כאדאשים פון אונדזער אנקומען. אויב מיר וועלן נאך לעבן... מיט דער נייער לאגע, מיטן דערנעענטערן זיך פון פראנט איז געווארן א נויטווענדיקייט נאך מער צו שטארקן די געהויבענע מאראל און צו האלטן זיך פעסט.

פונעם געדאנק וועגן אפמערקן איז ארויסגעקומען א גרויסע פייערונג. באם עק פונעם לאגער נאענט פון דער וואנט, פארצוימט מיט שטעכלדראט, האט מען געראד אופגעשטעלט א נייעם בלאק. א טראנספארט פון אונגארישע יידן האט געזאלט אנקומען און אים באוווינען. דערווייל איז ער נאך געווען ליידיק. עס האבן דארט געוווינט בלויז א בלאק־עלטסטער מיט צוויי הויז־דינסטן. דער בלאק־עלטסטער, א ייד פון פאריזש, איז אף דעם אמט באשטימט געווארן קעגן זיין ווילן. א גוטער, פאשעטער פאלקס־מענטש, האט ער דעם פאסטן געהאט צו פארדאנקען נאר זיין אויסזען. געווען איז ער א הויך־געוויקסיקער מיט א ברייטן געשטעל און א פעסטער שטימע. ווען סאלאמאן דער עלעקטריקער, וואס איז געווען זיין שאכן אין פאריזש, האט אים פארגעשלאגן צו געבן זיין בלאק פאר אזא אונטערנעמונג, איז ער בלאס געווארן פון שרעק, — האט סאלאמאן אונדז שפעטער דערציילט. און דאך איז ער מאסקים געווען, נאר מיטן באדינג, אז ער וועט ניט זיין דערביי. דער בלאק איז געווען צוגעפאסט ניט בלויז דערמיט, וואס ער איז געשטאנען ליידיק, נאר אויך ווייל ער איז געווען דער לעצטער פון די בלאקן. ווייט פונעם אריינגאנג־טויער, ווו עס האט זיך געפונען דער לאגער־קאמענדאנט.

און גלייך האט זיך אונדזער גרופע גענומען צום דורכפירן דעם פלאן.

אין געציילטע טעג האבן איבער צוויי הונדערט קאצעטניקעס געגעבן זייער האסקאמע אנטיילצונעמען אין דער פייערונג, ניט געקוקט אף דער דראענדיקער געפאר.

וואס פאר א דאטע עס איז אויסגעפאלן יענעם זונטיק, געדענק איך ניט. אבער ער האט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זיקארן.

געווען איז עס ארום 4 נאך מיטיק. איינציקווייז האבן די לאגערניקעס זיך גענומען אריינגאנוועזנען אין בלאק אריין. פון בלאק ביז צום טויער איז יעדע פיר מעטער געשטאנען איינער און געהיט. די אופגאבע צו היטן נאענט פון טויער און נאכצוקוקן די באוועגונגען פון די עסעס־לייט און קאפאס, איז איבערגעגעבן געווארן איידעלמאנען, אויך א פאריזשער, וואס איז געווען א מייסטער אין דער שניידעריי פאר די עסעס און קאפאס און יעדער פון זיי האט אים געקענט.

באם אריינקומען אין בלאק האט מיך באהערשט א מאדנע געפיל. די שטילקייט און די ערנסטקייט האבן דערמאנט אין א שול פאר קאלנידרע. אויך דער בלאק גופע מיט די זעלבע נארעס און מיטן זעלבן טיש האט עפעס אויסגעזען אנדערש. די טרויעריקע לאגער־אטמאספער, וועלכע האט פארפינצטערט די בלאקן אפילע אין די שטארקסטע זוניקע טעג, איז איצט ווי פארשווונדן און א ליכטיקייט האט דא געהערשט. קיין שום שרעק אדער נערוועזיטעט האט זיך ניט באמערקט בא די מענטשן. גיכער א קאמף־שטימונג. איך בין זיכער, אז ווען מע זאל אונדז באפאלן אין דעם מאמענט, וואלטן מיר געשטעלט א ווידערשטאנד. איך האב געהאט דעם איינדרוק, אז מיר האבן אראפגעווארפן פון זיך דעם לאגער־פאנצער און געווארן פרייע מענטשן.

די מינוט שטילשווייגן, וואס נאכקע פיינשטיין האט דערקלערט באם עפענען די צערעמאניע, האט זיך פארצויגן אף לענגערע מינוטן. ס'איז ניט מעגלעך געווען איבערצוגעבן, וואס מיר האבן דעמלט געשפירט. ס'האט זיך אונדז געדאכט, אז פון די כורוועס, וועלכע מיר האבן געזען ארום דעם בלאק, קומען ארויס די קעמפער און קוקן אריין דורך די פענצטער און דורך די טירן, קעדיי צו זיין אין די מינוטן צוזאמען מיט אונדז. מיר האבן זיי געזען און געפילט צווישן אונדז.

אין דער דאזיקער שטימונג זיינען די קורצע רעדעס פון כאים און נאכקע געווען א געמיש פון א פייערונג און א רוף צום קאמף, א פארערונג פון דעם העלדישן קאפיטל — א געטא־אופשטאנד און פאר די העראיִשע קעמפער, א קאפיטל, וואס איז נאך ניט געענדיקט און מיר וועלן דארפן פארזעצן זייער קאמף אין די לעצטע מינוטן, ווען די מערדער וועלן אונדז וועלן פארניכטן. ניט לאזן זיך, זיין צוגעגרייט צום קאמף — איז געווען דער לעצטער רוף, אונטערגעהאלטן פון אלע אנוועזנדע. און אזויווי א בונד מיט די געטא־קעמפער וואלט געשלאסן געווארן אף דער פייערונג. אופגעפרישטע, פול מיט מוט, האבן מיר איינציקווייז פארלאזט דעם בלאק מיט א נייעם גלויבן אין זיך.

ערשט אין א פּאָר כאַדאָשים שפּעטער — דעם 1־טן אויגוסט 1944 — איז אויסגעבראָכן דער פּוילישער אופשטאַנד אין וואַרשע. איבער פיר הונדערט ייִדן (איך בין געווען איינער פון זיי) האָבן פאַרגעזעצט דעם קאַמף, וועלכן עס האָבן אָנגעהויבן די געטאָ־קעמפער.

געווען איז עס אין די ערשטע טעג פון אויגוסט 1944, דער אופשטאַנד אין וואַרשע איז געווען אינמיטן ברען. די דײַטשן אַנטלויפן, א טייל גיבן זיך אונטער צו די אופשטענדלער. די באַפעלקערונג איז אין גאַס, מע יובלט פאַר פרייד, מע קושט זיך איינער מיטן אַנדערן. מיר האָבן געווונען! — הערט מען געשרייען. זאָל לעבן די פרײַהײַט! — פאַרהילכן די גאַסן די הויכרייידערס און ס'האָט טאַקע שוין אויסגעזען ווי מע וואָלט שוין געהאַט געוווּנען, דאָס אַנטלויפן פון די דײַטשן אין פּאַניק האָט עס באַשטעטיקט.

מיר, די באַפרײַטע פון לאַגער, אין אונדזערע געשטרייפטע מאַלבושים, דער צייכן פון די צום טויט פאַרמישפּעטע שקלאַפן, האָבן מיט אונדזער באַווײַזן זיך אויף די גאַסן פון וואַרשע צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. מיר זײַנען געוואָרן דער סימבאָל פון פרײַהײַט. בעסער געזאָגט: דורך אונדז האָט מען געזען די פרײַהײַט אויפלעבן, מאַרשירן, מיר זײַנען מיטגעריסן געוואָרן מיט דער פרייד, כאָטש זי איז געווען געמישט מיט טרויער און ווייטיק צוליב די מיליאָנען אומגעקומענע, צווישן זיי אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער. מיר האָבן אָבער אוועקגעטריבן אַלע מאַכשאָוועס פון זיך און אַרײַנגעפלאָכטן זיך אין דער מאַסע מענטשן, מיטגעזונגען מיט זיי. דרײַ טעג האָט וואַרשע געפּראַוועט א יאָמטעוו פון באַפרײַונג. מע האָט דעקאָרירט די גאַסן מיט פאָנען און מיט בילדער פון נאַציאָנאַלע העלדן און פרײַהײַטס־קעמפער. בלויז די כוראָוועס פון וואַרשעווער געטאָ־קוואַרטאַל האָבן אויך ווײַטער אָנגעוואָרפן א שרעק און אן אומעט.

אויפן פערטן טאָג האָבן דײַטשישע עראָפּלאַנען געוואָרפן פליִען זייער נידעריק איבער די גאַסן, וואַרפנדיק בלעטלעך אין דער פּוילישער שפּראַך. זייער אינהאַלט האָט זיך מיר גוט אײַנגעקריצט אין זיכּאָרן. ניט קיין סאַך אָנגעשריבן, נאָר מיט גרויסער שריפט: „פרײַנט פּאָליאַקן! לאָזט אײַך ניט פאַרפירן דורך די ייִדן, וואָס זײַנען אונדזער אַלעמענס סוינע, זיי האָבן אַרויסגערופן דעם אופשטאַנד מיטן ציל, אַז מע זאָל אײַך אומברענגען". צוגעשריבן מיט קליינער שריפט: „ביז מאָרגן 2 אַזייגער לייגט דאָס געווער און באַשטראָפט זיי אַליין". אַלע האָבן געכאַפּט און געלייענט די בלעטלעך און מיט איין מאָל איז די פרייד פאַרשוווּנדן.

איך האָב מיט מײַנע אויגן זיך אײַנגעגראָבן אין אַזאַ בלעטל. מײַן כאַווער איידעלמאַן האָט צו מיר טרויעריק א זאָג געטאָן:

— זעסט, כאַיִם, די טראַגעדיע הייבט זיך ווידער אָן, מיר, ייִדן, זײַנען שוין ווידער אויף דער אַרענע, מער ווי איינעם וועט דאָס בלעטל דערמאָנען, אַז עס זײַנען נאָך געבליבן א פּאָר לעבעדיקע ייִדן...

נאָך דער דײַטשישער וואָרענונג האָט מען זיך גענומען גרייטן צום קאַמף, געבויט באַריקאַדן, געגראָבן גריבער אַזוי ווי טראַנשייען, איבערגעדעקט מיט פאַרשיידענע זאַכן, וואָס מענטשן האָבן אַרויסגעבראַכט פון די הײַזער, ס'זאָל דינען פאַר א באַשיצונג און פאַר א שטערונג ניט צו דערלאָזן די דײַטשן צוריק אָפּנעמען די שוין באַפרײַטע גאַסן.

מיר, ייִדן, האָבן מיט אונדזער קליידונג זיך אַרויסגעזען גאַנץ ווײַט. מיט די לעצטע קויכעס האָבן מיר געגראָבן, ניט געבליבן הינטערשטעליק. די באַפרידיקונג, אַז מע וועט קעמפן און זיך ניט אונטערגעבן, האָט צוגעגעבן קראַפט און גלויבן, אַז עס האָט זיך פאַרט געענדערט, דער ייִד שרעקט זיך ניט מער, ער וועט קעמפן. ווען נאָכן צופאַלן פון דער נאַכט האָבן מיר זיך קוים צוגעשלעפּט אויף דעם גרויסן הויף מלאַווסקע־גאַס, נומער 5, זײַנען מיר אַוועקגעפאַלן ווי טויטע, אָבער פאָרט צופרידענע און מיר זײַנען אײַנגעשלאָפן.

צומאָרגנס נאָך מיטיק, ווען די זון האָט געוואָרפן אירע הייסע שטראַלן אויף די האַלב־נאַקעטע מענטשן, וואָס זײַנען געלעגן הינטער די באַריקאַדן און זיך געגרייט צום אָנקומענדיקן שטורעם, זײַנען מיר, ייִדן, ווידער געווען צווישן זיי.

די קאַמפן זײַנען געווען שווערע, און מיר אין די לאַגער־קליידער, וואָס האָבן אונטערגעשטראָכן אונדזער ייִדישן אָנטייל, האָבן געקעמפט מיט א מעסירעסנעפעש, מיט העראָיִזם.

■

שורעס פון צאָרן און נעקאָמע

מ ו י ש ע   ש י מ ע ל

צו א ייִנגעלע

ווייַן נישט, ייִנגעלע, ווישׂ אָפּ די טרערן, ס'וועט נאָך זיין גוט.
מיר וועלן פארהיילן די וווּנדן, וואָס טריפן מיט בלוט.

מיר שטייען אליין אף דער גאָרער וועלט קעגן זון, וואָס פארגייט.
אליין, אליין מיט אונדזער פּיין און מיט אונדזער אָרעמקייט.

מיר מוזן געפינען אליין א טרייסט פאר מיר און פאר דיר,
און אליין פארקלעפּן די וווּנט, און אליין פאריכטן די טיר.

זאָלן זיי שרעקן מיט מעסערס, זאָלן זיי שלאָגן און רויבן —
מיר וועלן פארלאַטען די קישנס, מיר וועלן אריינשטעלן שויבן.

איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, ביזן לעצטן מאָל דעם געגאַרטן,
מיר האָבן צייַט און געדולד, מיר קאָנען וואַרטן.

ווייַן נישט, ייִנגעלע, ווישׂ אָפּ די טרערן, זייַ שטיל,
מיר וועלן פאריכטן דעם טיש און די בענק און דעם דיל.

מיר וועלן אופשטעלן צוריק די שטוב, וואָס זיי האָבן פארברענט.
עס וועלן נאָך גליִען אין זון די געקאַלכטע ווענט.

ווייַן נישט, ייִנגעלע, א שאָד די אויגן, עס גייען לויטערע טעג.
דער פרילינג וועט נאָך געפינען צוריק צו אונדז דעם וועג.

ווייל אונטערגעהאַקט וועלן ווערן, ווי אלטע צעפוילטע שטאַמען,
די הענט, וואָס האָבן געקוילעט דיין טאַטן און דיין מאַמען.

■

ל ײ ז ע ר   א ײ כ ע נ ר א נ ד

די געטאָ ברענט

זייַנען אופגעריסן אלע טירן,
אופגעפראלט אלע פענצטער:
אין די בלויע פליגל פון ווינט
לאַכן רויטע געשפּענסטער:
— די געטאָ ברענט, די געטאָ ברענט!

אין מייַן טויטער שוועסטערס שאָטן
קיל דורך מייַנע אויגן
צו דער קאַלטער גרינער לעוואָנע
מיט איר ברענענדיק קינד געפלויגן:
— די געטאָ ברענט, די געטאָ ברענט!

האָט מייַן פאָטער פון אונטער דער ערד
זייַן האָרץ ארויסגעטראָגן,

ווי א בליץ געשליידערט עס פאַר גאָט
אַף זײַנע סקעלעטן־קני׳ען:
— די געטאָ ברענט, די געטאָ ברענט!
און צאָרנדיק אָנגעהויבן קלאָגן:
— די געטאָ ברענט, די געטאָ ברענט!
נאָר ער — ער איז קאַלט און שטום
ווי אײַז און גראַניט
און וויקלט די ערד ווי א נאַסע טוך
אַרום זײַנע הייסע טריט:
איז מײַן ברודערס אייביקער טרויער
געקומען פינצטער צו פלי׳ען,
— און די געטאָ ברענט, און די געטאָ
ברענט!
געשטעלט זיך שווײַגנדיק פאַר גאָט

■

נאָכעם באָמזע

און אז איך וועל קומען

און אז איך וועל קומען צו מײַן היים אינעם טאָל,
אין א גרויער שינעל מיט א ביקס פון שטאָל,
ווער וועט מיך דערקענען?
אז מײַן שאָכן איז טויט און מײַן שכיינע — טויט,
און מײַן קאָרעוו איז טויט, און מײַן קרויווע —
טויט,
און כאָרעוו די הײַזער.

אז מײַן טאטע איז טויט און מײַן מאמע — טויט,
און מײַן שוועסטער איז טויט, און מײַן
ברודער — טויט,
וועל איך דאַן נעמען אַפן אקסל די ביקס
און בא יעדן שטיין, בא יעדער געוויקס
אַן ענטפער מאָנען.
און די הײַזער ברענען.

און אז איך וועל וועלן געפינען דאָס אָרט
פון זייערע קוואָרים, פון זייער מאָרד,
ווער וועט עס ווײַזן?
און דערנאָך אַף די כורוועס פון הויפנס אש
וועל איך צעבלאָזן נאָך טיפער מײַן האס
צו אונדזערע סאָנים!

■

יויסעף רובינשטיין

די נאַלעווקעס נאָכן אופשטאַנד

...איך שוידער אוף: א ברוכווארג־יאַם, וואָס שפרייט זיך אויס אַף מײַלן,
וואָס פלייצט, פארשיט דאָ אַלץ אַרום, פארמישט דאָ גאַס מיט גאַס.
נאָר וווּ־ניט־וווּ אין ציגל־שטויס די פונדאַמענטן־זײַלן —
זיי סטאַרטשען פון דעם אש אַרויס ווי דענקמעלער פון האַס.

זיי שרײַען שטום־פאַרגליווערטע, זיי רײַסן זיך פון גרונטן,
פון ברוקן הייס־פאַרשאָטענע מיט אש און מיט לײַם,
ווו ס׳קרעכצן נאָך די לעבעדיק־באַגראָבענע דאָרט אונטן,
ווו ס׳וויל דאָס בלוט ניט שטילן זיך און קאָכט און זידט געהיים.

מיר דאכט זיך אויס: דער ציגל־בארג ער פאליעט זיך צעשטורעמט,
ער כוואליעט זיך, ווי ס׳וואָלטן אים פיל הונדערטער גאָר הענט,
פון אלע דאָ באגראָבענע, געהויבן אים, געטורעמט,
מיט הייזער נישט געזעענע, מיט גאָרנדיקע ווענט.

די אלע דאָ באגראָבענע אין לעצטן פאכעד־גליווער,
די לעבעדיק־פארשאָטענע מיט נישט־דערהערטן קלאָג —
זיי הייבן זיך, זיי קומען דאָ מיט מיר זיך זעצן שיווע
אף נאלעווקעס, אף מילע־גאס, אינמיטן העלן טאָג...

■

איציק פעפער

פון דער פאָעמע „שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ״

די שאָטנס די שטאָלצע פון ווארשעווער געטאָ —
זיי לעבן אין אונדז מיטן בראָך, מיטן ווייטיק,
און ניט ווי קיין נעפלען אין רויִקע שניי־טעג,
און ניט ווי קיין בליצן אף הארבסטיקע בלעטער,
און ניט ווי קיין ספינקסן פון שטיינער געטעסעט —
זיי לעבן ווי שפורן פון גנאָד און פון כעסעד,
ווי פונקען, וואָס וועלן פארלאָשן ניט ווערן,
ווי פאנצערס געוועבטע פון מוט און פון טרערן.
פון שייַטערס דער רויך זייער אייביקער דאך איז,
נעקאָמע פאר פייַן — זייער פינצטערער נאכעס...

עס שפרייט זיך די נאכט ווי א ריזיקע מיטע,
נאָר ס׳בלענדן אף גאסן נאָך בליצן צעגליטע,
און ס׳הילכן נאָך שאָסן אין געסלעך געשמידטע,
און ס׳ענטפערן שאָסן אין געטאָ פון ליטע.
און ס׳ענטפערן שאָסן פון וועלדער פאָלעסיער,
פון בערג יוגאָסלאווער, פון גריכישע ערדן,
די גאסן פון ריגע — ווי בליציקע מעסערס,
די ראָגן פון פראָג — ווי די שפיצן פון שווערדן,
און ס׳ליכט איבער אלע דער רום און די גוורע
פון שלאכט אף דער וואָלגע, פון רוסלאנדס באגנעטן,
פון יענעם געבענטשטן און שלאקסיקן שטורעם,
וואָס קומט נאָכן שניטער אין זומער אין שפעטן...

יעכיעל שרייבמאן

זיבן יאָר מיט זיבן כאַדאָשים

ראמאן

דאָס דריטע קאַפּיטל

א

אַלגע איז געווען עלטער פון מיר אַף גאַנצע אַכט יאָר. איך דעמלט — נײַנצן, זי — זיבן און צוואַנציק. דערצו איז אַלגע געווען א פּולבלעכע, האָט פאַרמאָגט אַן אָפּן ברייטלעך־מילד פּאָנעם, בלוי־גרויע אויגן, אייביק פריידיק־לאַכנדיקע, אפילע בא א טיפן טרויער האָט פון זיי קוים אַרויסגעבליקט דער אומעט. זי האָט אויסגעזען העכער פון מיר, גרעסער. איך לעבן איר — נאָך מאָגערער, באַנוּ־מענער. אפילע בא גאָר גוטע מינוטן האָט אין מײַנע אייביק אומעטיקע אויגן קוים אַרויסגעבליקט די פרייד.

מענטשן, מיין איך, האָבן קיינמאָל, ביפראַט אין דער ערשטער צײַט, ניט געזאָגט אַף אונדז „א פּאָרעלע פון גאָט". פאַרקערט: עפּעס גאָרניט קיין גלײַכע צוויפּאָרעניש, זי וועט אַוואַדע גאָר קיין סאך צײַט ניט האַלטן.

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 3.

מיר האָבן מיט אַלגען אָפּגעלעבט איניינעם פֿינף און דרײַסיק יאָר. מיר זײַנען אַזוי אַרײַנגעוואַקסן איינער אין אַנדערן, אַזוי צונויפֿגעגאָסן זיך איינער מיטן אַנדערן, אַז האָט בײַ מיר אַזוי איבערגענומען אַלצדינג מײַנס און אַזוי איבערגעגעבן מיר אַלצדינג אירס, מיר זײַנען ביידע אַזוי געוואָרן אײנס, איין מענטש, אַז מיר האָבן זיך גאָר קיינמאָל ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז אַמאָל, ביז אין דער דאָזיקער „ניט־גלײַכער צונויפֿפֿאָרעניש", האָבן מיר זיך אַפֿילו ניט געקענט, געווען איינער דעם אַנדערן ווילד־פֿרעמד, איך בין געווען באַזונדער איך, און זי — באַזונדער זי.

מיט דער צײַט האָבן מיר אַפֿילו אָנגעהויבן ווערן ענלעך איינער אויפֿן צווייטן. אין די מאַנירן, אין טאָן בײַם ריידן, אין כאַראַקטער און אין אָנבליק. אויף אונדזער זון זאָגן מענטשן: אַמאָל — „אײַנגעגאַנצן זי, די מוטער". און אַמאָל — „אײַנגעגאַנצן ער, דער פֿאָטער". איך אַליין זע אויך אין אים אַמאָל — זי און אַמאָל — זיך. אַמאָל — אײַנגעגאַנצן אירס, אַמאָל — אײַנגעגאַנצן מײַנס. שטענדיק, אַלקאַלפּאַנעם — אי מײַנס, אי אירס, אי זיך, אי זי.

אַלגע איז געשטאָרבן בײַ צוויי און זעכציק יאָר. בײַ אונדזער פֿריידיקן צונויפֿקומען זיך, און אין פֿינף און דרײַסיק יאָר אַרום, בײַ אונדזער טרויעריקן צעשיידן זיך, איז זי אַלץ געבליבן עלטער פֿון מיר אויף אַכט יאָר. הײַנט בין איך אויף אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר עלטער פֿון איר. דאָס איז ניט גלאַט אַריפֿמעטיק. ס'איז גורל. ס'איז לעבן.

מאַרינע איז אויף גאַנצע זיבן און צוואַנציק יאָר ייִנגער פֿון מיר. ווען איך האָב שוין געהייסן אַ שרײַבער, און גראָד אין יענעם יאָר, אין טויזנט נײַן הונדערט פֿערציק, ווען כ'האָב שוין אָנגעהויבן הייסן אַ סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער, איז מאַרינע געבוירן געוואָרן — אין אַ ווײַט אוראַלער דערפֿעלע פּאַפּאָווקע. אַלגע איז געווען אַ באָס־איר מײַנע, אויך אַ ראַשקעווער. פֿאָלג מיך אַ גאַנג, איבער טויזנטער קפֿיצעס־האַדערעכדיקע מײַלן, פֿונעם ייִדישן שטעטעלע ראַשקעוו בײַם דניעסטער ביז דעם רוסישן דערפֿל פּאַפּאָווקע בײַ די אוראַלער בערג. אַלגע איז, הייסט עס, עלטער געווען פֿון מאַרינען אויף פֿינף און דרײַסיק יאָר. זי האָט געקאָנט זײַן אַ מאַמע אירע. נאָר אין מאַרינעס האַרץ לעבט אַלגע, ווי אַ שוועסטער. אַן עלטערע שוועסטער, וואָס פֿירט דאָס ייִנגערע שוועסטערל אירס בײַם הענטל, און גיט דעם איבער אַלע אירע גוטע מידעס: קוק זיך צו, שוועסטערל, צו מיר, טו דאָס, וואָס איך טו, זײַ אַזוי, ווי איך בין. כ'ווייס ניט, וואָס אַלגע וואָלט אַ זאָג געטאָן, ווען זי כאַפּט זיך פּלוצעם אַראָפּ פֿון יענער־וועלט און טרעפֿט לעבן מיר מאַרינען. ס'הייסט, איך ווייס יאָ. „זע נאָר, אַ רוסיש מיידל און האָט זיך לעבן דיר אַזוי וווּיל אויסגעלערנט ייִדיש, און האָט אַזוי טיף ליב באַקומען אַלצדינג דײַנס, און טראָגט דיר אַנטקעגן די זעלבע געטרײַקייט, וואָס איך פֿלעג דיר אַנטקעגן טראָגן. האָסט געטאָן גלײַכער פֿון גלײַך". דאָס קאָן איך אַזוי נאָר פֿאָרשטעלן זיך. פּינקטלעך וויסן עס קאָן מען ניט. דערפֿאַר ווייס איך אָבער גוט, וואָס מאַרינע טראַכט און זאָגט קעסיידער וועגן אַלגען. אַלגע איז בײַ איר אַ גאָט. נאָך מערער גאָט, ווי איך בין בײַ איר. בײַ אַלע מײַסעס מײַנע, וואָס מאַרינע האָט ליב אויסצוהערן מיט אַ כידעשדיקער פֿאַרטראַכטקײַט אין אירע שוואַרץ־בלישטשענדיקע אויגן, פֿאַרצײַען זיך ניט די שוואַרצאַפּלען אירע מיט אַזאַ באַזונדער היסלײַוועסדיקער פֿײַכטקײַט, ווי דעמלט, ווען איך דערציי̆ל איר עפּעס וועגן אַלגען. אין די אַכצן יאָר, וואָס מיר זײַנען שוין מיט מאַרינען איניינעם, האָבן מיר אויך אָנגעהויבן ווערן ענלעך איינער אויפֿן אַנדערן. נאָר מערער, ווי אויף מיר, איז מאַרינע געוואָרן ענלעך אויף אַלגען. ניין, כ'זאָג ניט גוט. מאַרינעס ענלעכקײַט אויף אַלגען האָב איך דערזען און דערפֿילט אין איר דעם ערשטן טאָג, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט. אַנדערש וואָלט זי ניט געווען פֿאַרנומען לעבן מיר אַלגעס אָרט. אַנדערש וואָלט מײַן אָפּגעבן איר לעבן מיר אַלגעס אָרט געווען הוילע זינד. איך, דער זאָקן הײַנט, זיץ אין דער מיט, און אין איין זײַט לעבן מיר און אין דער צווייטער זײַט לעבן מיר זיצן זיי ביידע גלײַך אויף גלײַך. וואָס איז די נאָפֿקעמינע, ווער ס'איז עלטער און ווער ס'איז ייִנגער? ליבשאַפֿט דערנעענטערט ווײַטקײַטן, צעצויגענע אויף טויזנטער קפֿיצעס־האַדערעכדיקע מײַלן. די צוויי גלײַכווערטלעך „ליבע איז שטאַרקער פֿון טויט" און „ליבע ווייסט פֿון קיין עלטער ניט" וועלן אָפּאַנעם בלײַבן אייביקע גלײַכווערטלעך.

די דאָזיקע שורעס מײַנע זײַנען ניט גלאַט אינטימע מישפּאָכע־כראָניק. זיי זײַנען ניט פּלוצעם געקומען און אויסגעטאָן זיך פֿאַר יעדן אין די אויגן. און ס'איז אָוואַדע ניט גלאַט אַריפֿמעטיק. ס'איז, נאָכאַמאָל — גורל, לעבן.

און ס'איז דאָס, טראַכט איך, וואָס שורעס וואָלטן שטענדיק געדאַרפֿט זײַן: ווידע, נאַקעטע וואָר.

אַלקאַלפּאַנעם טראַכט איך אַזוי וועגן דער זעלטענער מענטשלעכער אייגנשאַפֿט, וואָס מיר רופֿן אָן „שרײַבן", איצט, אויף דער עלטער, נאָך גוטע עטלעכע צענדליק יאָר האַלטן אַ פּען אין דער האַנט.

ב

אַלגע האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס מע קאָן עס מיט ווערטער ניט אָנמאָלן. מ'האָט עס נאָר געקאָנט דערפילן. און מ'האָט וועגן דעם קיין באַזונדער שאַרפן זעקסטן כוש ניט געדאַרפט. אַזאַ סאָרט ברייט־צעפּראַלטע אָפּריכטיקייט, שוין באַלד אין קאָל אירן, אין איר געלעכטער, האָב איך צווישן הונדערטער מענטשן, וואָס זײַנען פאַר מיר אין מײַן לעבן דורכגעגאַנגען, גאָר זעלטן דער־שפּירט. אין געמיט בײַ די הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן אַלגען געקענט, איז איר געשטאַלט גע־בליבן פאַרסאַכאַקלט אין איין וואָרט: גוטסקײַט. אַלגעס פרוּוישקײַט איז אויך עפּעס געווען אַ באַזונ־דערע און זעלטענע. מעגלעך, אַזוי האָב נאָר איך זי געפילט. מעגלעך, די אַלע שוואַכים מײַנע דאָ זײַנען טאַקע צוליב דעם, מע זאָל וויסן, וויאַזוי איך האָב אַלגען געפילט און וויאַזוי איך האָב זי געזען.

צו איר פרוּוישקײַט בין איך אַף קיין איין רעגע ניט געבליבן קאַלטבלוטיק אַלע אונדזערע פינף און דרײַסיק יאָר. אין די לעצטע טעג פון איר לעבן, פונקט אַזוי, ווי אין די ערשטע טעג, ווען מיר זײַנען זיך צונויפגעקומען. אין שפּיטאָל, נאָך דער פאַטאַלער אָפּעראַציע אירער, בין איך מעסלעסנווײַז ניט אָפּגעטראָטן פון איר בעטל. אין עטלעכע טעג אַרום, ווען ס'איז איר קלוימערשט געוואָרן בעסער, אונדז ביידן — אַפן האַרצן פרײַלעכער, פלעג איך זי אָפּדעקן, זי פלעגט מיט ביידע הענט אַרומנעמען דעם האַלדז מײַנעם, איך האָב זי אונטערגעהויבן, אַרופגערוקט העכער אַפן קישן, מאַסאַזשירט איר די הענט, די פיס, און פלעג דערבײַ פילן, ווי דורך די שפּיץ פינגער מײַנע פליסט צו מיר פון איר דער זעלבער ליבע־שטראָם, דער זעלבער אָפּציטער, ווי מיט אַזויפיל יאָרן צוריק, אין יענעם ערשטן זומער, אין ערשטן צימערל אונדזערן, ווו מיר האָבן אײַנײנעם אָנגעהויבן וווינען.

אַ קליין צימערל. אַ דיוואַן, אַ שאַפע, אַ טישל, אַ קילימל אַף דער וואַנט איבערן דיוואַן, אַ טעפּיכל אַפן דיל, צווײַגן פון אַ בוים אין פענצטער דורכן פאָרהאַנג, פאָרנט אין קאָרידאָרל — אַ בעז־זעם אין אַ ווינקל. אַלגע האָט דעם קאָפּ מײַנעם אײַנגעטוליעט אין אירע בריסט. איך האָב איר אויס־געקושט אַלע אייוורים: דעם שטערן, די אויגן, דאָס גאַנצע פּאָנעם, ביז אונטן — די פינגער פון אירע פיס. דאָס קאָל אירס, איר לאַכן האָט געקישעפט ניט ווייניקער, ווי איר לײַב. אַלע יענע ערשטע זומער־נעכט זײַנען געווען וואַכנדיקע. גאַנצפרי פלעג איך שיר ניט פאַרשפּעטיקן צו די רעפּעטיציעס. כ'האָב אין יענע ערשטע טעג ניט געשריבן, ניט געלייענט, קיין ראַדיאָ האָבן מיר ניט געהאַט, קיין טעלעוויזאָר האָט נאָך דעמלט קיינער ניט פאַרמאָגט. אַלע ווינקעלעך אין אונדזער קליין צימערל זײַנען געווען פול נאָר מיט ליבע.

געוויינלעכע, וויל־באַקאַנטע זאַכן. נאָר זאַכן גראָד געוויינלעכע, אָפּט איבערגעכאַזערטע, קאָנען אין דיר אַרויסרופן קעסיידער, אַפילע אין לאַנגע יאָרן אַרום, די זעלבע דעמלטיקע געפילן און די זעלבע בענקשאַפטן נאָך זיי.

כ'האָב אַלגען געייפערט. מאַמעש, ווי אַ ניט־קלאָ־ער. שפּעט אין דער נאַכט, ווען איך פלעג אַהיים קומען פון מײַן סופלירן, אַלגע איז שוין געלעגן אין בעט, אונטערן לײַלעך אַ נאַקעטע, מיט צעלאָזטע האָר איבערן קישן, פלעג איך שטילערהייט, אַף די שפּיץ פינגער, זי זאָל זיך באַלד ניט אויפכאַפּן, צוגיין צו דער שאַפע אַ קוק טאָן, צי די קליידלעך אירע הענגען אַף די זעלבע הענגער, ווו זיי זײַנען געהאַנגען איידער איך בין אַוועק צו דער אַרבעט (פאַרן אַוועקגיין פלעג איך מיר מאַכן סימאָנים, ווו יעדער קליידל הענגט). איינמאָל האָט זיך מיר פלוצעם אויסגעדאַכט, אַז אַ קליידל הענגט ניט דאָרט, ווו פריער. אַלגע האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי טאָמיד, אַ לאַך געטאָן צו מיר:

— כ'האָב שוין געכאַפּט אַ גוטן דרעמל. וויפל איז דער זייגער? וואָס איז, וואָס ביסטו עפּעס אָנגעבלאָזן?

איך האָב געפרעגט מיט קאַס:

— ביסט אַפּדערנאַכט ערגעץ געווען?

— ווו האָב איך געזאָלט זײַן?

זי איז אַראָפּ פונעם געלעגער, אָנגעצונדן אַפן טישל די ספּירט־מאַשינקע, אַרופגעשטעלט אַף איר דאָס קאַכערל אויפצוזידן מיר אַ קאַווע. איך האָב אַ רעד געטאָן העכער:

— זאָג דעם עמעס, ווו ביסטו געווען?

— צעדרייטער מײַנער? — האָט מיך אַלגע אַ צי געטאָן צו זיך.

כ'האָב זיך אויסגעריסן פון אירע אָרעמס און אָנגעהויבן גיך צונויפוואַרפן אַלע זאַכן מײַנע אין מײַן טשעמאָדאַנטשיק. אַלגע איז אַ פּאַל געטאָן לעבן מיר אַפן דיל, אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט די פיס מײַנע. כ'האָב אַוועקגעשמיצט פון זיך דעם טשעמאָדאַן און בין אַרויס אין הויף. אַלגע איז מיר נאָכגעלאָפן מיט אַ געוויין. ערגעץ פון אַ פענצטערל אויבן אַפן גאָרן האָט אַ שכייניע אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אָנגעהויבן זידלען זיך. מיר זײַנען צוריק אַרײַן אין שטוב. די נאַכט איז אויך געווען אַ

װאכנדיקע, נאָר ניט מיט ליבע — מיט טרערן, מיט טײַנעס, מיט אופקלערענישן, מיר בלײַבן ליגן אײנער לעבן אנדערן שװײַגנדיקע, די אויגן פאריסן ארוף צו דער סטעליע. און סאָפּקאָלסאָף, ארום זעקס פארטאָג, אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן ליכטיק װערן, װידער אײַנגעקנוילטע אײנער אין אנדערן, װידער קושן זיך און האלדזן זיך, װי עס קומט פאָר אין אזעלכע פאלן בא יעדן.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך אָלגען אלע פארנאכט מיטגענומען מיט זיך אין טעאטער, אװעקגעזעצט זי אײנע אלײן אויבנאָן אין א פרײַער לאָזשע. דעם צװײטן טעאטער־סעזאָן מײַנעם האָב איך סופלירט אין זומערדיקן גאָרטן־טעאטער אף װאקארעשט „טעאטרול נאָו". כ'בין שוין דאָס מאָל געװען קליגער: אָפּגעמאכט מיטן דירעקטאָר, ער זאָל מיר צאָלן אפן כוידעש און ניט אפן טאָג. נאָר דער טעאטער־דירעקטאָר דאָמנו סאנדו איז געװען א בײזער ייִד מיט א רויט פארפלאמט פּאָנעם. בא זײַן בײז װערן פלעגן זיך אים אָנבלאָזן בײדע נאָזלעכער, ער פלעג אָנהײבן שמאָרען מיט זײ, גלײַך זײ װאָלטן אין אײן רעגע מעסוקן פארלײגט געװאָרן, און פלעג בײז ארויסשמאָרען פון זיך בלויז צװײ װערטער: „ניט — איז ניט!" פארן װאָרט „ניט" האָט מען דעמלט מוירע געהאט, װי פאר פײַער. אָפּגעמאכט האָב איך גוט, װאָס גוט הײסט, נאָר געצאָלטס פלעג איך סײַװיסײַ װידער באקומען נאָר פאר יעדער אָפּגעשפּילטער פאָרשטעלונג. און פונקט װי װינטער, בא בערל סעגאלן, אזויפיל, װיפל דעם נײַעם דירעקטאָר מײַנעם, דעם דאָמנו סאנדו, האָט זיך געגלוסט.

געגאנגען איז דעמלט אין „טעאטרול נאָו" יאָן פריביאגוס א רעװױ־שפּיל: װי־אזוי זי האָט געהײסן, געדענק איך שוין הײַנט ניט. יאָן פריביאגו איז געװען זײער א קלײנטשיקער, די הויכע אָפּצאסן אף זײַנע קלײנע געשנורעװעטע שטיװעלעך האָבן אים ניט געמאכט הויך, איבערן גרויסן שװארצן באנט באם האלדז, מיט די צװײ לאנגע עקן אראָפּ, האָט ער, פּארקערט, אויסגעזען נאָך נידעריקער. א שרײַבער איז יאָן פריביאגו געװען א הומאָריסט. מעגלעך, אף רומעניש האָט דער הומאָר זײַנער יאָ געהאט א טאם. נאָר איבערגעזעצט אין ייִדישן טעאטער אף ייִדיש, און אפּאָנעם ניט גאָר פויגלדיק איבערגעזעצט, האָבן די װיצן אין זײַן רעװױ־שפּיל דעם עולעם ניט גאָר געמאכט לאכנדיק. די לידלעך האָט קײנער ניט נאָכגעזונגען. די קאָזשעלקעס אף דער בינע האָבן זיך צום ייִדישן טעאטער־גײער עפּעס ניט געקלעפּט. די פארהויבענע נאקעטע פיס בא די טאנצנדיקע „גערלס" זײַנען אפּאָנעם קײנעם ניט געקומען צו כאָלעם. פריביאגוס רעװױ האָט מען געשפּילט א גאנצן זומער. פון טאָג צו טאָג זײַנען די בענק אין גאָרטן געװאָרן לײדיקער. אָפטמאָל, אין װאָכנטעג, פלעג זיך דאָס קאסע־פענצטערל אינגאנצן ניט עפענען. נישקאָשע, פאר די הונדערטער, װאָס דאָמנו סאנדו האָט מיר אין כוידעש ניט דערגעבן — מערער ניט דערגעבן, אײדער געגעבן — האָט אָלגע געמעגט זיצן אײנע אלײן אויבנאָן אין א לאָזשע, װארטן, די שײַן אין גאָרטן־טעאטער זאָל זיך אויסלעשן, זען, װי דער ליבסטער אירער יאװעט זיך ארויס מיט דער פּיעסע אונטערן אָרעם, הײבט זיך אוף דורך די פּאָרנטיקע טרעפּלעך אף דער בינע, א פּאָר רעגעס באליכטן די ראמפּע־לעמפּעלעך דאָס פּאָנעם זײַנס, ער לאָזט זיך דערנאָך אראָפּ אין סופליאָר־קאסטן, װי אין א ברונעם, װערט דאָרט פארשװונדן, װי אין אן אָפּגרונט.

װאָס האָט טאקע אָלגע אין מיר אזוינס דערזען? מיט װאָס האָב איך מיר בא איר קוינע געװען אירע שטענדיק פארליבטע אויגן? מע קאָן עס פארענטפערן און מע קאָן עס ניט פארענטפערן. כ'בין דאָך דעמלט נאָך קײנער ניט געװען. כ'האָב דאָך דעמלט נאָך גאָרניט פארמאָגט אין זיך. סײַדן די צענדליקער מײַסעס, װאָס איך פלעג אָלגען אויסדערצײלן געשמאקער און האנאָעדיקער, אײדער עמעצן אין דער װעלט ביז איר און נאָך איר. סײַדן דאָס העפטל אָנהײבעריש־אומבאהאָלפענע לידער מײַנע, װאָס אָלגע האָט באלד אויסגעלערנט אף אויסװײניק און פארפלאמט געטײַנעט פאר באקאנטע (װי זי פלעגט עס דערנאָך, אלע יאָרן, טאָן בא יעדער נײַ־אָנגעשריבענער שורע מײַנער), אז דאָס איז אײַ־אײַ, גאָר־גאָר, קימאט־קימאט געני־אָל...

עפשער האָט אָלגען פארקישעפט מײַן צעדרײט אײפערן זי? דער בעסטער סימען, אז כ'האָב זי ניט פּאָשעט ליב, װי איך זאָג איר און גיב איר אָנצוהערן, — כ'בין אויסער זיך, בין אזש קראנק פאר ליבשאפט.

און עפשער איז דאָס דאָזיקע אײפערן מײַנס, װאָס האָט מיר קעסײדער קײן רו ניט געגעבן, אָפּט פארצויגן מיר א טומאן פאר די אויגן, טאקע געװען דער צימצעם פון מײַן לײַדנשאפטלעך ניט־געװײנלעכער ליבשאפט צו אָלגען?

און עפשער איז דאָ גאָר פאָרגעקומען א נאָרמאל אײפערן? עפשער האָט מיר א באזונדער פארשפּיצטער כוש מײַנער קעסײדער אונטערגעזאָגט, אז ס'איז אָלגען דאָ פארװאָס צו אײפערן?

מיר האָבן אײנײנעם אָפּגעלעבט א לאנג לעבן. ס'איז מיר געװען באקאנט, מיט פארמאכטע אויגן, דאָס מינדסטע פּינטעלע און שטריכעלע אף אָלגעס לײַב, דאָס מינדסטע קעמערל אין אָלגעס נעשאָמע. פונדעסטװעגן — עפשער, עפשער, עפשער. עפשער אזוי און עפשער אזוי.

אַן אַ קאַפּעלע פֿאַרבאָרגנקייט קאָן אַפּאָנעם קיין לעבן ניט געמאָלט זײַן. דאָס איבערגעבליבענע ניט־אַנטפּלעקטע ביסל סוידעסדיקייט רעגט דיך, פּײַניקט דיך, לײַטערט דיך — טרעט ניט אָפּ קיין אָרט דער פֿאַרגעסנקייט.

אַלגע!.. אַלגע!.. אַלגע!..

הערסט, ווי איך רוף דיך צו זיך?

ג

ביז מיר האָט אַלע טאָג געגעכטיקט בײַ אַלגען אַ באַקאַנטע אירע, עלקע די האָרבאַטע. עלקע האָט פֿאַרמאָגט אַ האָרב הינטן און אַ האָרב פֿאָרנט, לאַנגע הענט קימאַט ביז אַראָפּ צו די קנעכל, אַ גרויס קײַלעכדיק פּנים מיט צוויי שוואַרצע אויגן — שיינע און קלוגע אויגן. צווישן אַלע ייִדישע מישפּאָכעס, וואָס האָבן זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פֿון פּעטליורעס פּאָגראָמען, הויל און בלויז אַריבער דעם דניעסטער קיין בעסאַראַביע, אוועק דערנאָך קיין אַמעריקע, קיין קאַנאַדע, קיין בראַזיליע, איז, דאַכט זיך, איין עלקע, אַפּאָנעם, איבער די האָרבן אירע, געבליבן שטעקן דאָ אין בוקאַרעשט ניט אַהער און ניט אַהין. ערגעץ אין אַנדערן עק דודעשט, אין אַ שטיבל טיף אין אַ לאַנגן קויטיקן הויף, האָט עלקע געוווינט מיט אַן אַלטער מאַמע אירער. און פֿאָרנט בײַם טויער איז געווען אָנגעשריבן מיט דער האַנט אויף אַ שטיק קאַרטאָן — אין יעדער וואָרט אַ גרײַז, — אַז אינעווייניק אין הויף פֿאַריכט עלקע זאַכן, „רעמאַירט", הייבט אויף בײַ זײַדענע זאָקן אַראָפּגעלאָזטע אייגלעך, אַז מע זעט גאָר אַזוינס ניט, מע זאָל זײַן מיט טויזנט קעפּ וועט מען ניט דערקענען צי אויפֿן זאָק איז געווען אַ ריס. מיר פֿלעגן טאַקע עלקען שטענדיק טרעפֿן זיצן, אונטערגעלייגט מיט אַ קישעלע, אויף אַ בענקל מיט אַ קײַלעכדיקן אַנלען, אין איין האַנט אירער — אַ דינער זאָק, וואָס מ'האָט פֿאַר דינקייט קוים אָנגעזען, אין דער אַנדערער האַנט — אַן אײַזערן קליטשיקל. געדרעדט האָט עלקע גיך־גיך, נאָך גיכער, ווי דאָס קליטשיקל איז אומגעלאָפֿן אין אירע הענט. בײַ אַלגען האָט זי זיך אויסגעלערנט לאַכן אויף אַ קאָל. נאָר פֿאַרן צעלאַכן זיך פֿלעג זי מיר יעדעס מאָל אַ זאָג טאָן קלוימערשט שטאַרק בייז:

— גייט, מיט אײַך רעד איך ניט. איר האָט בײַ מיר צוגענומען דאָס ווײַב.

עלקעס אַלטע מאַמע, פּעסל, אַן איין צאָן אין מויל, פֿלעגט שטענדיק האַלטן דעם שפּיציקן קין אירן אײַנגעגראָבן אין אַ פֿאַרקײַלעכיקטער דלאָניע, פֿלעגט צוקומען נאָענט צו מיר און צו אַלגען, באַטראַכטן אונדז, קוקן אויף אונדז אי מיט האַנאָע אין אירע אַלטע אויגן, אי, פֿאַרשטייט זיך, מיט אַ ביסעלע קינע:

— אַז ס'איז באַשערט, איז באַשערט. קומט עס דיר אַליין אַרײַן גלײַך אין שטוב. צו אַלצדינג דאַרף מען נאָך האָבן דאָס שטיקעלע מאַזל אויך...

און פֿלעגט זיך באַלד אַ ווענדט טאָן צו מיר, פֿאַרענטפֿערן עס, אַן ציין אין מויל האָט זי גערעדט מיט שינען אויפֿן אָרט פֿון זײַענס:

— נו, אַשאַ אַלגע. אַש שי באַווײַשט שיך נאָר אויף דער שוועל, ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך. ווי מיינט איר, פֿרײַנטל, מײַן עלקע וועט נאָך אויך אַמאָל אופגעריכט ווערן?

מיר פֿלעגן אַמאָל קומען צו עלקען מיט אַלגעס אַ זאָק, אַמאָל גלאַט אַרײַנכאַפּן זיך פֿאַרבײַגייענדיק איר הויף. אײַנמאָל, ס'איז שוין דעמלט געווען סוף זומער, האָבן מיר געטראָפֿן בײַ איר זיצן אויפֿן סאָפּקעלע אַ יונגערמאַן מיט שוואַרצע וואָנצעלעך, מיט קוטשעראַווע הערעלעך אויפֿן קאָפּ, מיט אַ ווייל שמייכעלע אין די אויגן — גאָר אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן. עלקע האָט זיך אומגעדרייט אין שטוב אַ פֿאַרפּודערטע, אַ פֿאַרקעמטע, אין שאַבעסדיקן געבלימלטן קליידל אירן. די אַלטע פּעסל האָט מיך באַלד אַוועקגעכאַפּט אין אַ זײַט:

— ווי מיינט איר, פֿרײַנטל מײַנס, מע מעג אים גלייבן? ער זאָגט, ער וויל מיט איר כאַסענע האָבן. געשיקט זיך, אַז ס'איז עמעסע רייד?

עלקע האָט אונדז באַקענט. דער יונגערמאַן הייסט מאַקס און איז אַ פֿאַבריקמאַכער. כ'האָב זיך מיט אים דורכגעשמועסט. נישקאָשע. אַ גאַנץ טאָלקאָווער יונגערמאַן. פּעסל האָט מיך ווידער אַוועקגעכאַפּט אין אַ זײַט:

— אָט דאָס־אָ, וואָס איר זעט אויף אים, דאָס איינע שטיקל קאָסטיומל, דאָס פֿאַרמאָגט ער. און אַ קעסטעלע מיט אַ פּאָר בריטוועס און מיט אַ פּאָר מאַשינקעס. אָט שטייט עס דאָרט, ס'קעסטעלע, בײַם פֿענצטער. איז וואָס זשע זאָגט איר? ער נאַרט זי ניט אָפּ? ער טײַנעט, אַז ער האָט זי ליב. ער זעט אײַך ניט אויס קיין שווינדלער? ווי מיינט איר, מע מעג אים גלייבן?

— מע מעג, מומע פּעסל, — האָט אַלגע פֿונדערווײַטנס געענטפֿערט פֿאַר מיר.

עלקע האָט זיך אַזש צעשײַנט:

— כ'האָב געוווּסט, אַז אַלגע וועט זאָגן „יאָ".

פּעסל:

— כ׳האָב מוירע, ס׳זאָל ניט זײַן אַף דערוווײַל. וואָס וועלן מענטשן זאָגן? געלאָפן און געכאַפּט. מירן נאָר בלײַבן דערנאָך מיט פאַרשוואַרצטע פּנעמער.

עלקע:

— מיש זיך ניט, מאַמע. זאָל זײַן אַף דערווײַל. די גאַנצע וועלט איז שווינדל.

האקיצער, מאַקס האָט מיט עלקען כאַסענע געהאַט. כ׳האָב אָנגעהויבן קומען צו אים גאָלן זיך. ער פלעג אַמאָל מיטן קעסטעלע זײַנעם אַראָפּכאַפּן זיך צו מיר, אָפּשערן מיך און אָפּגאָלן מיך אײַנדערהיים. מיר זײַנען מיט אים געוואָרן שטיקלעך גוטע־ברידער. כ׳האָב זייער געוואָלט דערגיין דעם סאָד — וואָס טוט זיך אָפּ בא דעם דאָזיקן מאַקסן אינווייניק? אין אַ טאָג, נאָכן אַרומשפּרינגען מיטן שערל אַרום מיר, — אַלגע האָט אונדז דערלאַנגט צו שעלעכלעך קאַווע, מאַקס איז געווען אויפגעלייגט, געשיט מיט ווערטלעך, — האָב איך מיטאַמאָל געפֿויעלט בא זיך: איצטער־אָ וועל איך אַ רעד טאָן מיט אים אָפנע דיבורים. און כ׳האָב אים געפרעגט:

— זאָג מיר, מאַקס, וויאַזוי דאַרף מען דאָס פאַרשטיין, וואָס פלוצעם אַזאַ עלקען?

אין איין רעגע האָט זיך מאַקס געביטן אַפן פּנעם. אַ רויטקייט האָט אים באַשלאָגן. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף מיר און מיר געענטפערט:

— פאַרשטייסט, איך האָב ליב, אַז ס׳איז קרום?

און ער האָט זיך ווידער געביטן אַפן פּנעם — פון רייך־רויט געוואָרן ווײַס, ווי אַ ווײַס בייגעלע פּאַפּיר.

כ׳האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז כ׳האָב אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט, און עס אָנגעהויבן פאַרגלעטן, פאַרדרייען אין אַ זײַט:

— פאַרוואָס עפּעס קרום? ס׳איז זייער אַ גלײַכע זאַך. עלקע איז זייער אַ ווילע, אַ קלוגע, אירע אויגן זײַנען פול מיט כאָכמע, מיט שיינקייט...

מאַקס האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַז דו ווייסט, וואָס זשע פרעגסטו? וויאַזוי דו האָסט מיך געפרעגט, אַזוי האָב איך דיר געענטפערט. וועגן אַזעלכע זאַכן פרעגט מען ניט.

און שוין. מער האָב איך וועגן דעם אַלע יאָרן מיט מאַקסן ניט גערעדט. מאַקס איז געווען מיט עלקען ניט אַף דערווײַל. זיי האָבן אָפּגעלעבט אינײנעם ביזן סאָף פון זייערע ביידנס טעג...

כ׳פלעג זיי אַמאָל אין פאַרנאַכטן באַגעגענען ביידע שפּאַצירן; צווישן אַלע שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך, פּאָרנט אַף דער באַלויכטענער וואָקזאַלשט. מאַקס פלעגט טאָמיד פירן עלקען געאָרעמט. ער — אַ געשטרעקטער, מיט אַרומגעשוירן־צוגעפּוצטע וואָנצעלעך, זי (די האָרבן אירע פאָרנט און הינטן זײַנען, פאַרשטייט זיך, ניט קלענער געוואָרן) — יאָמטעוודיק־אָנגעגוידערט, שטאָלץ בא זיך. זיי פלעגן שפּאַנען ביידע פּאַוואָליע, די קעפּ אין דער הייך, וואַזשנע, שווײַגנדיקע, אַ ביסעלע פאַרקלערטע. כ׳פלעג טראַכטן: טאָמיד, ווי כאָסן־קאַלע, אין זייער כופּע־טאָג, צו דער כופּע.

אין פערציקסטן יאָר, ווען בעסאַראַביע איז צוריק געוואָרן סאָוועטיש, האָבן מאַקס און עלקע געראַשט זיך, גיך צונויפגעפּאַקעוועט זיך (די אַלטע פּעסל איז שוין ניט געווען) און אינײנעם מיט אַלע בעסאַראַבער געטראָגן זיך איבער בערג און איבער טאָלן אַהיים, קיין סאָוועטנפאַרבאַנד.

איין יאָר צײַט האָבן נאָך עלקע און מאַקס געלעבט אין אַ שטעטל ערגעץ הינטער בעלץ. אין אַ יאָר אַרום, ווען די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן, די קוילערס זײַנען אַריבער די גרענעצן און דער אוילעם האָט זיך אָנגעהויבן ראַטעווען, עוואַקוירן זיך, האָט עלקע, דערציילן מענטשן, געטײַנעט, אַז זי קאָן שוין אַזוי פיל ניט לויפן אַהין און צוריק, זאָל געשען, וואָס עס וועט געשען.

און ס׳איז געשען. די קוילערס, דערציילן מענטשן, האָבן עלקען און מאַקסן, אינײנעם מיט נאָך איבערגעבליבענע אַלטע לײַט, ווײַבער און קינדערלעך, אַרויסגעפירט שיסן צו די „לוטניצעס" אַרויס דעם שטעטל, צו די געלע און רויטע גריבער ליים.

כ׳זע, ווי צווישן אוילעם פירט מאַקס עלקען געאָרעמט. זיי שפּאַנען ביידע מיט אויפגעהויבענע קעפּ, שווײַגנדיקע, טרויעריק־פאַרקלערטע, אַלץ נאָך, ווי כאָסן־קאַלע, אין זייער כופּע־טאָג, צו דער כופּע...

זאָלן די דאָזיקע שורעס מײַנע זײַן אַ יִזכּער־טפילע נאָך דעם ליבן און טשודאַקישן פּאָרל.

ד

נאָך אַלעמען האָב איך געטראַכט, אַז דער זומער איז אַ פּוסטער זומער: ניט כ׳האָב געשריבן, ניט כ׳האָב געלייענט, כ׳האָב זיך ניט באַגעגנט און ניט געאַמפּערט זיך וועגן עפּעס רעכטס מיט כאַווײרים, אין דער סטודענטן־היים איז מײַן פוס מער ניט געווען, אַלע ווינקעלעך אין מײַן צימערל,

ווי כ'האָב שוין געזאָגט, און אַלע ווינקעלעך אין מײַן גוף און אין מײַן נעשאָמע זײַנען געווען פֿול מיט איין זאַך — מיט ליבע.

און אַז ליבע, הוילע ליבע אַליין, איז אַ זאַך אַ פּוסטע, ניט אַף אונדזער מיסט געוואַקסן, איז בײַ קיינעם דעמלט צווישן אונדזער אוילעם אַפֿילע קיין ספֿק ניט געווען.

ס'הייסט, ניט דער גאַנצער זומער. לייענען האָב איך ווידער אָנגעהויבן גאָר אײַנגיכן. און נאָך אַזאַ לייענען. אײַנײַנעם מיט אַלגען, אַף אַ הויך קאָל. איך האָב געלייענט, און זי האָט געהערט, כ'בין, לייענענדיק, זיך צעגאַנגען, צעפֿלאַקערט זיך, אַף נאָך אַ העכער קאָל דאָס איבערגעלייענטע קאָמענטירט, אויסגעטײַטשט, מאַמעש ווי די מעלאַמדים אין כײדער פֿלעגן פֿאַר די קינדערלעך אויסטײַטשן, „אַרויסרעדן" יעדן כומעש־פּאָסעק אין דער סעדרע פֿון דער וואָך.

מײַן לייענען אײַנײַנעם מיט אַלגען, וואָס האָט זיך דערנאָך אוועקגעצויגן יאָרנלאַנג, האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי. כ'האָב פּלוצעם באַגעגנט אין גאַס עטעלע שינדער. עטעלע שינדער איז געווען אווראָם שינדערס ווײַבל. אווראָם שינדער, דאַפֿקע ניט מער ווי אַ שנײַדער (עמעס, פֿון די גאָר גוטע שנײַדערס), האָט אָבער געוווּסט, אַז איציק מאַנגער איז פֿריִער אויך געווען ניט מער ווי אַ שנײַדער, און מאַנגערס ברודער, נאָטע, מ'האָט אַף אים געזאָגט, אַז אין ליטעראַטור איז ער נאָך אַ גרעסערער באָקי איידער איציק, איז אַדהײַנעם ניט מער, ווי אַ שנײַדער, שנײַדערײַ און שרײַבערײַ קערן זיך, הייסט עס, אַפּאָנעם אָן גאָענטע קרויווים. האַקיצער, אווראָם שינדערס און עטעלע שינדערס שטוב איז — לאָמיר עס זאָגן באַפֿליגלט — געווען אַ מין ליטעראַרישער סאַלאָן. אין זונטיקדיקע אָפּדערנאַכטן שטייט די נײַמאַשין איבערגעדעקט מיט אַ טישטעך, די לאַנגע שנײַדערשע באַנק — פֿאַרשפּרייט מיט אַ קילימל, קײַלעכיק, אַרום און אַרום — בענקלעך אײַנס לעבן ס'אַנדערע. אווראָם שינדער, מיטן הויכן שטערן זײַנעם און מיט די לענגלעכע האָר הינטן איבערן קאַרק אַריבער, דרייט זיך דאַפֿקע אום אַ שווײַגנדיקער, אַפֿילע אַ שעמעוודיקער, רעדט ניט, הערט נאָר. רעדן רעדט עטעלע. זי באַגעגנט דעם אוילעם און זעצט אים אויס. זי באַקענט, אויב מע דאַרף, עמעצן מיט עמעצן. זי עפֿנט דעם אָפּדערנאַכט אוף. ווער עס לייענט עפּעס איבער זײַנס אייגנס, ווער עס דעקלאַמירט אַ צווייטנס. ווען מע טוט אַ הייב ביז צום הימל אַרוף, ווען מ'איז מעכאַבעד מיט אַ גוטן פּסאָק. צו די שינדערס, זאָגט מען, כאַפּט זיך אַפֿילע אַמאָל אַרײַן מוישע אַלטמאַן. יאַנקעוו גראָפּער טוט זיך אַמאָל אַ באַווײַז אַף אַ פּאָר מינוט און פֿאַרשווינדט. שפּעטער פֿלעגן צו די שינדערס אָפּט אַרײַנקומען זישע באַגיש, אַרן אָקניצער, צעלמאַן, בראָנשטיין. עטעלע אַליין, האָט מען געוווּסט, זינדיקט אויך מיט דער פּען. נאָר זי ווײַזט דערווײַל אירע שאַפֿונגען קיינעם ניט. און זי האָט זיי, דאַכט זיך, קיינמאָל דערנאָך קיינעם ניט געוויזן. (וועגן אַזאַ העלדישקײַט האָט מען אי געדאַרפֿט האָבן אין זיך אַ שטאַרקײַט, אי גלאַט זײַן אַ ווײַבל אַ כאַכאָמעס...)

עטעלע האָט זיך מיט מיר דערפֿרייט. זי האָט אַף מיר אַ מאַבל געטאָן מיט פֿראַגעס. פֿאַרוואָס האָט מען מיך אַזוי לאַנג ניט געזען? ווו בין איך עס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? האָב איך עפּעס אָנגעשריבן נײַס? און פֿאַרוואָס זע איך אַזוי אויס צעשויבערט? און וואָס בלישטשען מיר אַזוי די אויגן? זי האָט שוין, זעט אויס, וועגן אַלגען געוווּסט. נאָר ווען זי האָט דערהערט פֿון מיר אַלגעס נאָמען, האָט זי אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט בײדע הענט. וואָס רעד איך? טאַקע? זייער קלוג. אַ קינסטלער דאַרף לעבן זיך טאָמיד האָבן אַ נאָענטסטן מענטשן, אַ כאַווערטע. און זי האָט „אויסגעדריקט איר גרייטקײַט" טאַקע באַלד גיין מיט מיר אַהיים און מיט אַלגען באַקענען זיך.

אַלגע האָט, ווי געווײַנלעך, אופֿגעזאָטן אַ קאָכערל קאַווע. אין די אײַנע אָנדערהאַלבן שאָ האָבן מיר, עטעלע און איך, איבערגעוואָרפֿן אַף אונדזערע ליפּן די גאַנצן דעמלטיקע יידישע דיכטונג. לייוויקן, און מוישע־לייב האַלפּערן, און מאַני לייבן, און קולבאַקן, און מאַרקישן, און האָפּשטיינען, און, פֿאַרשטייט זיך, אונדזערע היגע שטײנבאַרגן, שטערנבערגן און מאַנגערן. ס'הייסט, גערעדט און געשיט האָט מערער עטעלע. זי האָט דעקלאַמירט סטראָפֿעס נאָך סטראָפֿעס, ציטירט קריטיקערס אַרויסזאָגונגען וועגן דעם דיכטער און יענעם דיכטער. מיך האָט זי ניט געלאָזט קומען צום וואָרט. און איך בין דערמיט גראַדע געווען צופֿרידן. אַניט וואָלט מען באַלד געזען, אַז קעגן עטעלעס אַזוי וויסן, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט, בין איך נאָך גאָר־גאָר אַ מעלופּן־ייִנגל.

כ'האָב דערנאָך עטעלען אַרויסבאַגלייט ביז צום טירל פֿון אונדזער הויף. אומגעקערט זיך, האָב איך, באַלד אין קאָרידאָרל, דערהערט אַלגעס כליפּען. אַלגע איז געלעגן אַפֿן דיוואַן, ס'פּאָנעם אײַנגעגראָבן אין אַ קישעלע, און ס'האָבן זיך איר געטרייסלט די אַקסלען. — „וואָס איז געשען? — „גאָרניט". — „פּאָרט, וואָס פּלוצעם אַ געוויין?" אַהין און אַהער, כ'האָב בײַ איר קוים אַרויסגעצויגן, אַז זי זעט שוין גוט: ס'וועט זיך בײַ אונדז גאָרניט באַקומען. כ'האָב אַפֿילע ניט מיט איר וועגן וואָס צו רעדן. כ'וועל סײַוויסײַ סאָפֿקאָלסאָף אָפּזוכן זיך אַזאַ עטעלען. וויפֿל כ'האָב איר ניט געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז נעקראַסאָוו און לערמאָנטאָוו און יעסענין שטייען אַ קאַפּעלע העכער פֿון עטעלעס אויסגערעכנטע דיכטער (אַלגע האָט נאָך פֿאַרכאַפּט אין ראַשקעוו אַ פּאָר קלאַסן רוסישע גימנאַזיע, האָט גוט גערעדט און געלייענט רוסיש), וויפֿל כ'האָב איר ניט אויסגעברייַעט, אַז סאַדאָוויאַנו און רעבריאַנו און טעאָ־

דאָריאנו גייען אויך ניט צופוס (אַלגע איז צוביסלעך געוואָרן אָנגעלייענט אין דער רומענישער ליטעראטור) — ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן, ניין און ניין, איך שרײַב ייִדיש, און אין מײַן ליטעראטור, אין דער ייִדישער ליטעראטור, ווייסט זי ניט ווו א טיר עפנט זיך, איז זי בלינדער פון בלינד.
האקיצער. שוין באלד דעם אנדערן טאָג בין איך אוועק אין דער ייִדישער ביבליאָטעק און געבראכט פון דאָרט צו טראָגן, גערענק איך, אָפּאטאָשוס „פּוילישע וועלדער".

(אגעוו. אין בוקארעשט האָבן דעמלט געלעבט הונדערט טויזנט ייִדן, און די איינציקע ייִדישע ביבליאָטעק האָט איבער גאָר פארמאָגט זיבעציק פארשרײַבענע לייענער, אי דאָס — מייִנסטנס בעסאַראַבער ייִנגלעך און מיידלעך. טעאטערס, אין זומער-סעזאָן, זײַנען געווען אָפן גאנצע דרײַ: פּאָרנט אָף וואקארעשט — „טעאטרול נאָו", א ביסל אין א זײַט — די היסטאָרישע „זשיגניצע", ערגעץ אָף קאָמפּאדוטש, צווישן הינטערגעסלעך — א קליין פאָלקס-טעאטערל. טעאטער, הייסט עס, מע זאָל עס דיר פּאַרטיק ארײַנגעבן אין מויל ארײַן — יאָ. א ביכל איבערלייענען, זאָלסט עס מיט די אייגענע ציין, הייסט עס, אליין צעקײַען — וועגן דעם האָט שוין דעם אָם־האָסייפער, אפּאָנעם, קיין קויעך ניט געקלעקט. דאָס זאָג איך דאָ אזוי זיך. ניט צום איניען.)

פון יענעם טאָג אָן, מיט אָפּאטאָשוס „פּוילישע וועלדער", האָט זיך אָנגעהויבן מײַן לייענען אינײנעם מיט אַלגען. כ׳האָב מיט איר נאָכאמאָל איבערגעלייענט ביכלעך, וואָס כ׳האָב שוין ביז איר געהאט געלייענט, און קיין שום נײַ ביכל דערנאָך פלעג איך שוין ניט לייענען אָן איר. ס׳איז געווען גאָר אן אנדער מין לייענען. צוליב אַלגען — אזא לייענען, וואָס איך האָב געדארפט.

און כ׳האָב איינגיכן, מעגלעך טאקע אדאנק דעם דאָזיקן לייענען, ווידער אָנגעהויבן שרײַבן אויך. כ׳געדענק גוט דאָס טישל, צונויפגעקלאפּט פון פראָסטע ברעטלעך, אין דרויסן לעבן אונדזער פענצטער, אונטער די צווײַגן פונעם בוים אין הויף. עס וואָלט געווען דאָס בעסטע אָרט אָף צו זיצן און שרײַבן. ווען ניט דאָס נאסע, אין שווייס אויסגעווייקטע העמד פונקט אקעגן מײַנע אויגן אָף דער פאָרענטשע פון אונדזער א שאָכנס גאנעקל. אין הויף אנטקעגן אונדזער פענצטער האָט אויך געוווינט א יונג פּאָרל. זי פלעג איך שטענדיק זען אין גאָר א דינינקער פּיזשאמע, שטענדיק מיט טויזנט קלעמערלעך אין די האָר. ער, נעבעך, פלעגט א גאנצן טאָג, אזא הייסן און לאנגן זומער-טאָג, אומשפּאנען צווישן גאלאנטעריי-קלייטלעך מיט א רענצל מוסטערן אין די הענט, אָנעמען באשטעלונגען פאר א גאלאנטעריי-פאבריקל. אָנבײַסן-צײַט און פארנאכט פלעג ער זיך ארײַנשאָקלען אין הויף א פּיטש-נאסער, גלײַך מע וואָלט אים נאָרוואָס ארויסגעשלעפּט פון א טײַך. און פלעג דערנאָך דאָס אײַנגעטונקענע אין שווייס העמד זײַנס ארויסהענגען אָפן גאנעקל טריקענען זיך. און דאָס דאָזיקע העמד האָט מיר קיין רו ניט געגעבן. כ׳האָב נאָך דעמלט ניט געוווּסט, אז שרײַבן, אפילע אין דער קיל, אונטער צווײַגן פון א בוים, איז פונקט אזא ביטערע האָרעוואַניע, ווי אלע ביטערע האָרעוואַניעס אין דער וועלט, ציט פון דיר ארויס דעם לעצטן טראָפּן שווייס און דאָס לעצטע ביסל מארך פון דײַנע ביינער.

שפּעט אין דער נאכט, נאָך מײַן אָפּסופלירן, פלעגן מיר מיט אַלגען, אָפן וועג אהיים, ארײַנכאפּן זיך אמאָל אין א רעסטאָראנדל, באשטעלן א פּאָר מיטיטייעס, א פּאָרציע לעבער, אָפּגעבראָטן אָפן גראטאר, אז דער אָפּדערנאכט איז געווען א גוטער, סאנדו האָט זיך מיט מיר גוט אָפּגערעכנט — אפילע א פערטעלע ווײַן צו דער דאָזיקער ווײַטשערע פארן שלאָף. כ׳פלעג זיצן און זיך צוהערן צום בענקענדיקן צימבלען פונעם צימבל, צום באנאכטיקן הו־הא אין רעסטאָראנדל. כ׳פלעג קוקן אָף די מידע און ווויליונגערישע קעלנערס פענעמער, אָף די פעכלדיק־ווײַסע אָנגעקראָכמאליעטע כאלאטלעך זייערע, וואָס האָבן אלצדינג אין די קעלנער פארדעקט און פארגלעט. כ׳פלעג זיצן און באטראכטן, ווי עס דרייען זיך אום צווישן די טישלעך ייִנגעלעך מיט קעסטעלעך בא די העלדזער, לייגן פאָר דעם אוילעם שפּילקעס צו שניפּסן, קעמעלעך, האָרנאָדלען, רופן אויס זייער סכוירע שיר ניט מיט גאָלדפאדענס ניגן „קויפט, קויפט, קוינים!" (בא גאָלדפאדענען טראָגט כאָטש אזא קעסטעלע האָצמאָך, א טאטע פון דערוואקסענע טעכטער, וואָס מע דאַרף כאסענע מאכן, דאָ דרייען זיך אום מיטן צעלניקקעסטעלע באם האלדז עלף־צוועלפיאָריקע קינדער — איינינקלעך האָצמאכס...)

אין אונדזער צימערל פלעגן מיר שטענדיק נאָר פארשליסן די אינוויינקסטע טיר, דאָס קאָרידאָרל, מיטן בעזעם אין א ווינקל, פלעג בלײַבן אָפן. קומען מיר אין איינעם אזא באנאכט אהיים, טרעטן אריבער די שוועל פונעם קאָרידאָרל און שפּרינגען אָפּ דערשראָקענע. אָף דער ערד, אונטערגעלייגט דעם בעזעם צוקאָפּנס, ליגן און שלאָפן צוויי מיידלעך. ווער? זשע, מיינט איר? פייגע שפּרינץ און עסטער בודעשעסקי. פייגע שפּרינץ געדענקט מינאסטאם דער לייענער גוט. עסטער בודעשעסקי, פייגעס א כאווערטע, האָב איך שוין אויך ערגעץ־ווו דערמאָנט, באם אוילעם פלעג זי דערנאָך אלע יאָרן הייסן „סטעלא". סײַ פייגע, סײַ עסטער זײַנען שוין הײַנט אָף דער וועלט נישטאָ. (טו נאָר א קוק, אזויפיל מענטשן ביז איצט אויסגערעכנט, און קיינער, קימאט קיינער איז שוין הײַנט אָף דער וועלט נישטאָ...)

— פֿונוואַנען זענט איר אַראָפּגעפֿאַלן? ווו האָט איר גענומען אונדזער אַדרעס? און פֿאַרוואָס אַזוי אומגעריכט? אײַ־אײַ, נאָך אַ גליק, וואָס דאָס קאָרידאָרל איז געשטאַנען אָפֿן.

פֿייגע האָט געשוויגן. געענטפֿערט האָט עסטער:

— וואָס זשע, מיינסט, אַז בוקאַרעשט איז נאָר פֿאַר דיר? אַלגעס אַדרעס ווייסט מען אין ראַש־קעוו. און אַז דו ביסט מיט אַלגען, ווייסט מען שוין אויך. האָסט שוין געזען ראַשקעוו זאָל עפּעס ניט וויסן?

מיר האָבן זיך צעקושט. אַלגע איז מיט די מיידלעך באַלד געוואָרן היימיש. זי האָט זיי דער־לאַנגט אַ שיסל וואַסער אָפּצוואַשן זיך. זי האָט אויפֿגעשטעלט אויף דער ספּירטאָווקע אַ טשײַניקל טיי, אָנגעשמירט אַ פּאָר ריפּטלעך ברויט מיט פּוטער, שטיקלעך קעז אויף דער פּוטער, באַ די מיידלעך זײַנען נאָך געבליבן פּונעם וועג גאָר געשמאַקע פּלעצלעך מיט מאָן. עסטער האָט מיך פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן:

— הער נאָר, דאַכט זיך, סע שמעקט פֿון דיר ווײַן.

פֿייגע איז אַזש רויט געוואָרן:

— עסטער!..

— יאָ. מיר האָבן טאַקע ניט לאַנג אויסגעטרונקען מיט אַלגען צו גלעזלעך. איך אַרבעט אין אַ טעאַטער. אַז מיר גייען נאָך דער פֿאָרשטעלונג אַרײַן עפּעס אָפּעסן, נעמען מיר אַמאָל צום עסן אַ גלאָז ווײַן. וואָס זשע, ס'איז אַ כעט? מיינסט אַוואַדע, עסטער, אַז צו אַלע צרות בין איך אין בוקאַ־רעשט נאָך געוואָרן אַ שיקער אויך.

עסטער האָט מיך אַרומגעכאַפּט:

— פֿאַרוואָס רעדסטו אַזוי? ווער מיינט? כ'האָב געפֿילט, סע שמעקט, האָב איך אָן שטיק גע־פֿרעגט. אַ כעט? געזונטערהייט. כ'בין דען אַזאַ קליינשטעטלדיקע?

ביז גאָר שפּעט האָבן מיר גערעדט, אויסגעפֿרעגט, דערציילט. אַלגע און עסטער האָבן געשמועסט צווישן זיך אויפֿן דיוואַן. איך און פֿייגע, לעבן טישל, האָבן געשוויגן. מיטאַמאָל האָט זיך פֿייגע אַ בייג געטאָן צו מיר:

— זאָג מיר, פֿאַרוואָס האָסטו מיר די גאַנצע צײַט ניט געשריבן? ביסט עפּעס אויף מיר באַ־רויגעז?

וואָס זאָל איך איר ענטפֿערן? באַרויגעז? אויף פֿייגען? כ'האָב זי גראָדע די גאַנצע צײַט געטראָגן אין מײַן האַרצן. וואָס איז זי שולדיק, אַז דער דאָזיקער דאָדי איז אַ שלעכטער באָכער, טרוקן, ווי אַ פֿאַרדאַרטע צווײַג, קאַלט, ווי אַ קליאַמקע פֿון אַ טיר אויפֿן פֿראָסט, מיינט, אָפּאַנעם, אַז נאָך דער רע־וואָליוציע וועט ער זײַן העט־העט אויבן, און אַלע איבעריקע אַרום אים — העט־העט אונטן, קוקט שוין אויף דיר פֿון אויבן אַראָפּ. נאָר וואָס קער זיך דאָס אָן מיט פֿייגען? זי קען אים אַפֿילו ניט. זי האָט מיך געשיקט צו בוזיעלע גרינבערגן. וואָס איז זי שולדיק, אַז בוזיעלע גרינבערג האָט זיך אָפּגע־טרעסעט פֿון מיר און איבערגעגעבן מיך דאָדין? וואָס שײַעך דער ליבע צווישן אונדז — איז מיר אין די גוטע זיבן כאַדאָשים מײַנע, ביז אַלגען, קיין שום ליבע ניט געגאַנגען אין קאָפּ. און ווען ס'איז מיר נאָכן ווינטער, פֿרילינגצײַט, אויפֿן האַרצן געוואָרן אַ ביסל וואַרעמער, איז מיר אַרויסגעקומען אין וועג אַלגע. פֿייגע און אַלגע. ניין, מיט פֿייגען זײַנען די שיינע פּאָר טעג אונדזערע געווען נאָר אַן אויפֿבליץ, אַ דורכלויף. עמעס ליב און אויף שטענדיק ליב, פֿיל איך, האָב איך זי — אַלגען. און כ'האָב פֿייגען געענטפֿערט:

— ס'האָט זיך אַזוי געפֿירט. אַזוי האָט זיך עס אויסגעדרייט.

— כ'האָב צו דיר גאָרניט. ביסט באַ מיר געבליבן דער זעלבער, וואָס דו ביסט געווען. איך אַנטויש זיך ניט.

— שרעק זיך ניט, איך האָב זיך אויך ניט אַנטוישט, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז פֿייגע מיינט עפּשער גאָר אַן אַנדער אַנטוישונג.

פֿייגע האָט אַ ווײַז געטאָן מיט די אויגן אויף אַלגען:

— ס'איז דיר מיט איר גוט?

איך האָב ניט מער, ווי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— זי פֿאַרשטייט דיך?

— מיר פֿאַרשטייען זיך גוט איינער דעם אַנדערן. (דעם עמעס געזאָגט, בין איך נאָך דעמלט ניט גאָר געווען זיכער, צי ס'איז אַזוי.)

— געדענקסט, ווען מיר האָבן זיך דעם לעצטן טאָג צעשיידט, האָסטו מיר צוגעזאָגט, אַז וואָס עס זאָל מיט דיר ניט פֿאָרקומען, וועסטו דאָס שרײַבן דײַנס ניט פֿאַרבייגן. שרײַבסט?

— כ'שרײַב. ס'הייסט, דאַפֿקע יענע כאַדאָשים, אין הונגער און אין מוירע, האָב איך געשריבן מערער. איצט שרײַב איך דערווײַל ווייניקער.

— מיט אַלגען ווייניקער?

— וואָס זשע, פאַרשטייסט אַליין ניט? ס׳וועט איבערגיין. מיט אַלגען וועל איך שרײַבן. און א סאַך שרײַבן (כ׳האָב שיר ניט געזאָגט: „און גוט שרײַבן”).

— דאָס איז דער איקער. מער וויל איך פון דיר גאָרניט און האָב צו דיר גאָרניט.

עסטער און אַלגע האָבן אויסגעשאָסן א געלעכטער. אַלגע, ווי שטענדיק, אױף איר הויך קלינגענדיק קאָל. עסטער — מיט א גאַנצער אָקטאַווע נידעריקער, ווײַטער. גלײַך ווי איין געלעכטער וואָלט נאָכגעלאָפן דעם אַנדערן. אַלגע האָט דערנאָך א מאַך געטאָן:

— אַ־די עסטער איז גאָר ניט קיין נאַר. נעם, זאָגט זי, און ברענג אַרײַן דעם בעזעם, דעם צוקאָפּנס אונדזערן, און לאָמיר זיך שוין לייגן שלאָפֿן. הער, וואָס א ראשקעווער מיידל טוט א לאָז ארויס פונעם מויל. אַפילו פּאַר קיין כאַכמעלע טויג עס ניט. ניין, קינדערלעך, מירן באַלד אויסבעטן אפן דיוואַן א געלעגער פאַר אַלע פיר. מירן הײַנט שלאָפֿן אין דער ברייט, פּאַפּערעק. די פיס אונדזערע וועלן א קאָפּעלע אַראָפּהענגען, די קעפּ אָבער וועלן מיר האַלטן אױף די קישנס אין דער הייך, ווי עס פּאַסט פּאַר עמעסע ראשקעווער.

צום דיוואַן האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, צוגעשטעלט בענקלעך. אין איין זײַט דיוואַן זײַנען עסטער און פייגע באַלד אַנשלאָפֿן געוואָרן. א ביסל אָפּגערוקט פון זיי, אין דער אַנדערער זײַט דיוואַן, האָבן מיר מיט אַלגען זיך ארומגענומען. שטילערהייט געהאַלדזט זיך און געקושט זיך, ס׳איז געווען די פּאַסיקסטע צײַט, איך זאָל איר אַרײַנשעפּטשען אין די אויערן: „שענסטע מײַנע און בעסטע מײַנע”.

אין אונדזער שטוב זײַנען דערנאָך ניט נאָר איין מאָל כאַווײרים געשלאָפֿן מיט אונדז אינפירן, אַזוי־אָ פּאַפּערעק אױף אונדזער דיוואַן.

אין פענצטער האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. ארום די פיר ראשקעווערס קאַפּיר געלעגער איז געוואָרן ליכטיקער און ליכטיקער.

ה

דער צווייטער גאַסט אין אונדזער שטוב איז געווען כאַיִם.

כ׳האָב אין יענעם באַטאָג געטרעסעט אין הויף קילימלעך, געשטאַנען אין הוילן לײַב א פּאָר־פּאַרעכטער, נאָרוואָס אָפּגעוואַשן אין צימערל דאָס פּאַלכל, צוגערעמט. אַלגע איז שוין אַריבער א מעסלעס געווען בא א קימפּעטאָרן, וואָס איז שווער געגאַנגען צו קינד. מ׳האָט זי שיר־שיר ניט פאַרלוירן, עטלעכע דאָקטוירים האָבן זי קוים אָפּגעראַטעוועט. ס׳קינד איז טאַקע געבוירן געוואָרן א טויטס. אַלגע איז דערנאָך אַרײַן אין שטוב מיט איר אַקושערקע־רענצעלע אזש פארשוואָלן אפן פּאָנעם, מיט רויטע אָנגעצונדענע אויגן; אוועקגעפּאַלן אפן דיוואַן מיט א געוויין, כ׳האָב זי קוים אײַנגעשטילט. נאָר דאָס איז געווען שפּעטער, נאָכן צווייטן מעסלעס. דערווײַל איז אַנטקעגן מיר געשטאַנען אין אומבאַקאַנטער באָכער מיט פּוכקע באַקן, מיט א בערעט אפן קאָפּ, געזשמורעט צו מיר א פּאָר פּריילעך־כיטרעוואַטע אויגן, און א זאָג געטאָן:

— יאָ, דו ביסט עס. כ׳דערקען דיך אַפילו א נאַקעטן. כאָטש דו האָסט מיך קיינמאָל ניט געזען, און איך האָב דיך קיינמאָל ניט געזען.

— איין מינוט. אָט וועלן מיר באַלד אַרײַנגיין אין שטוב.

— נישקאָשע. אין דרויסן איז אויך ניט שלעכט. הייסן הייס איך כאַיִם און בין קיילע גאָלדנשטיינס א ברודער. נעכטן פאַרנאַכט געקומען צו פאָרן פון בוהוש. מאַכט צו מיר קיילע: „ס׳ערשטע גיי אַרײַן צו אים. באַקען דיך ס׳ערשטע מיט אים. איר זענט דאָך עפּעס, ווי מע זאָגט, קאָלעגן”.

(קיילע. קיילע גאָלדנשטיין. גאָרניט קיין שיין מיידל זאָל האָבן אין זיך אַזויפיל כיין! אַפּאָנעם, אַדאַנק דער קלוגשאַפט אירער. אין א גאַנצפרי באַגעגנט זי מיך לעבן טעאַטער און טוט מיר א זאָג: „עס שמעקט פון דיר מיט פּרוי”. כ׳האָב זיך אי פאַרלוירן, אי ס׳איז מיר נאָך געבליבן א פּאָר גע־ציילטע מינוטן ביז צו דער רעפּעטיציע. כ׳האָב איר געגעבן אונדזער אַדרעס און איר געענטפערט: „קום אַרײַן, וועסטו זען, מיט וואָס עס שמעקט פון מיר”. נאָר ס׳האָט מיך גוט געקאָרטעט: מיט איר זאָג האָט זי געמיינט גוט, צי געמיינט שלעכט? איצט, אַז זי האָט כאַיִמען געהייסן ס׳ערשטע גיין צו מיר, איז עס פאַרטײַטשט. וואָס זשע דען, אַזאַ קיילע וועט אויך ניט פאַרשטיין, ווי עס דאַרף צו זײַן?)

— קיילע פלעג מיר טאַקע זאָגן, אַז זי האָט א ברודערל, וואָס שרײַבט לידער.

— גראָדע פּראָזע, ניט קיין לידער. לידער שרײַבן גימנאַזיסטן, וואָס זײַנען צופיל פאַרליבט אין זיך, טראַכטן וועגן אַלצדינג אין גראַמען. ס׳הייסט, פּראָזע פאַרמאָגט אויך איר גראַם. נאָך א מין גראַם. דו שרײַבסט, דאַכט זיך, אויך פּראָזע.

— ניין, דאַפּקע לידער. באַלד פונעם ערשטן טאָג אָן. די לעצטע צײַט האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן דערציילונגען אויך.

— טוסטו, ווי א כאַכעם. אז מ׳האָט עפּעס־וואָס צו זאָגן, דאַרף מען עס זאָגן דורך פּראָזע.

— פּראָזע, הייסט עס, שטייט העכער פון פּאָעזיע?

— ווען פּאָעזיע זאָל שטיין העכער, וואָלט דער כומעש געווען אָנגעשריבן געוואָרן אין גראַמען. פּראָזע איז אַן אייבערהשטע מאַדרייגע. א העכערער סאָרט פּאָעזיע. דער בעסטער באַווײַז איז טאָלסטאָי, טשעכאָוו, טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם, מענדעלע, ווילסט, איך זאָל דיר נאָך אויסרעכענען? ס׳איז אָן א שיר און אָן א סאָף. האקלאַל — מײַסעס שפּעטער. אָט וועל איך דיר העלפן אויסטרעסען די קילימלעך, וועסט אַרײַנגיין און זיך אָפּוואַשן, אָנטאָן זיך, און מיר וועלן ביידע פּאַוואָלינקע דורכשפּאַצירן זיך צו מוישע אַלטמאַנען.

— צו אַלטמאַנען? מע דאַרף דאָך וויסן, ווו ער וווינט. און מע דאַרף דאָך וויסן, צי וויל ער, מיר זאָלן קומען צו אים. און עפּשער איז ער גאָר נישטאָ אינדערהיים? עפּשער איז ער גאָר אין שטאָט נישטאָ?

— כאַפּ ניט. אי איך וויס, ווו ער וווינט, אי איך וויס, אַז ער וויל, מיר זאָלן קומען צו אים. מוישע אַלטמאַן קען מיך נאָך, ווען איך פּלעג זיך אומדרייען אונטערן טיש, ווען ער פּלעגט מיך א נעם טאָן אַף די קני און מיר אָנקנײַפּן די בעקלעך. אַז אַלטמאַן קומט קיין בוהוש האַלטן א לעקציע, פאַרבעט אים טאָמיד צו אונדז די מאַמע מײַנע אַף מילכיקע בייגעלעך. אַמאָל אים, אַמאָל שטיינבאַרגן, אַלעווהאַשאָלעם, און אַמאָל טאַקע מאַנגערן. אונדזער שטוב זשומעט טאָמיד, ווי א בינשטאָק. די גאַנצע בוהושער „קולטור־ליגע״, אַלע בעסאַראַבער ייִנגלעך און מיידלעך אין דער בוהושער וועבער־פאַבריק גייען דורך דורך אונדזער שטוב. קיין איין שטרײַק אין פאַבריק איז ניט פאָרגעקומען אָן אונדזער שטוב. קיילע האָט עס דיר קיינמאָל ניט דערציילט? דער טאַטע אונדזערער איז דאַפקע א שויכעט, א פרומער ייִד, טאָמיד אין טאַלעס־און־טפילן איבער א געמאָרע. נאָר גיב אים א פרעג, וואָס עס טוט זיך אין „קאַפּיטאַל״, ווייסט ער דאָרטן ניט ערגער, ווי אין די מעסעכטעס זײַנע. אַז קינדער, זאָגט ער, וואַקסן אונטער, דאַרפן די טאַטעס פאָלגן זיי, ניט זיי — די טאַטעס. „פּינכעס, — טײַנעט די מאַמע, — בא דער גאַנצער וועלט גייט אָן דאָס ווערטל „ס׳עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פונעם ביימעלע״, בא דיר איז קאַפּויר: די עפּעלעך מיט די רויטע בעקעלעך לערנען דעם בוים סייכל. נעם זיך אָן מיט די קינדער בא די הענט און גיי מיט זיי זיצן אין די טורמעס״. „אַז מ׳עט דאַרפן, — ענטפערט דער טאַטע, — וועל איך גיין!״ קיילע האָט עס דיר ניט דערציילט? מע זאָל זיצן בא דער זײַט און אויסהערן די וויקוכים, וואָס דער טאַטע מײַנער פירט מיטן בוהושער גוטן־ייִדן, מיט רעב דאָווידלען, דאַרף מען קיין שענערס ניט און קיין בעסערס ניט. רעב דאָווידל ברענגט דעם טאַטן פּסוקים פון אַלטע ספאָרים, אַז פון זינט די וועלט שטייט, זײַנען מענטשן ניט געווען גלײַך, און וועלן, וויפל די וועלט וועט שטיין, ניט זײַן גלײַך. קאָמוניזם וועט קיינמאָל ניט צו שטאַנד קומען. ענטפערט אים דער טאַטע: „רעב דאָווידל, יעדער זוכט זיך אָפּ אין ספאָרים דעם פּאָסעק, וואָס אים לוינט. צוליב וואָס דאַרף איך די פּסוקים אײַערע, וואָס עמעצער האָט עפּשער גוט אָנגעשריבן און עמעצער לייענט זיי שלעכט איבער? איך האָב מיר מײַן אייגנציקע רײַע: פון מוישע־ראַבייני אָן, פון די נעוויִים אָן, ביז קאַרל מאַרקסן, און מע שמועסט שוין ניט — נאָך קאַרל מאַרקסן, ציִען זיך ייִדן, די בעסטע ייִדן, צו דער דאָזיקער גרויסער יוישערדיקער זאַך, וואָס הייסט היינט קאָמוניזם!״ אָט אזא טאַטן פאַרמאָגט כאַיִם — דעם טאַטנס זון.

איך האָב מיט ביידע הענט געהאַלטן א קילימל בא איין עק, כאַיִם — באַם אַנדערן עק, און אינמיטן כאַיִמס טיראַדע האָט דאָס קילימל אַלעמאָל א קנאַל געטאָן מיט א ווידערקאָל. כאַיִם האָט דערנאָך געזאָגט:

— נו, שוין, קיין שטויבעלע ניט איבערגעבליבן. אַפּילע אַף קיין רעפּועע ניט. קאַטשע די קילימלעך צונויף און קום אַרײַן אינווייניק. לאָמיר א קוק טאָן אַף דײַן פּאַלאַץ.

כ׳האָב זיך אָפּגעוואַשן, איבערגעטאָן זיך, און מיר זײַנען מיט כאַיִמען אַרויס אַף דער גאַס. מוישע אַלטמאַן האָט געוווינט הינטער דודעשט, ערגעץ אונטן לעבן נערוואַ־טראַיאַן אין א ליק. מיר האָבן געדאַרפט דורכגיין די בוקאַרעשטער באַרימטע „קרוטשע־דע־פּיאַטרע״. מ׳האָט זי געקאָנט אויסמײַדן, אַרומרינגלען — נאָר פאַרוואָס אויסמײַדן? לעבן אַן אַפּטייק אַף דודעשט, טאַקע מיט א גרויסן שטיינערנעם צײַלעם פאַרנט אַפן טראָטואַר באַם ראָג, האָבן מיר פאַרקערעוועט אין דאַפקע אַספאַלטירטן, נאָר גאָר ניט זויבערן און גאָר ניט לײַטישן געסל. כ׳האָב זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. נאָר כאַיִם האָט באַלד דערזען די גרינע טויערלעך בא די צוויי שורעס הײַפלעך אין ביידע זײַטן געסל, די פאַרמאָלטע מיידלעך אין זייערע כאַלאַטלעך אַפן הוילן לײַב — בא יעדער טויערל א מיידל. ער איז שטיין געבליבן און א זשמורע געטאָן די אויגן:

— זע נאָר, מיר זײַנען, דאַכט זיך, אַרײַן אין גאַניידן־האַטאַכטן. וואַרט א ביסל, לאָמיך זיך אַרומקוקן. אינמיטן העלן טאָג? אַזוי־אָ אַפן און פראָסט? כ׳האָב זיך .עס מיר פאָרגעשטעלט גאָר אַנדערש.

אין געסל האָבן זיך אומגעדרייט עטלעכע סאָלדאַטן. א שיקער איז געפאַלן פון די פיס, גע־קראָכן אַף די קני. פון איין טראָטואַר צום צווייטן איז דעם וועג אַריבערגעגאַנגען א נידעריטשקע פרוי מיט צוויי גראָבע קורצע פיס אין שטעקשיך, מיט עטלעכע גוידערס באַם האַלדז, אָפּאָנעם א באַלעבאָסטע פון א הייפל, א „צאַצע". א מיידל באַ א טויערל, פונקט קעגן אונדז, האָט צעגומען די פּאָלעס פון איר כאַלאַט און פאַר אונדזערע אויגן האָט א שווינדל געטאָן די גאַנצע נאַקעטקייט אירע. כאַים האָט א זאָג געטאָן:

— קום, לאָמיר אַרײַנגיין.

— ביסט פון זינען?

— דו ביסט גאָר קיינמאָל דאָ ניט געווען?

— נאָר אַזוי־אָ, דורכגייענדיק.

— ביסטו ניט קיין שרײַבער. ס'אינטערעסירט דיך גאָרניט? ס'טוט דיך גאָר קיין צופּ ניט באַ דער לעבער? זיי ווייסן כאָטש, וואָס זיי פאַרקויפן, ווען זיי דינען, און וואָס פאַר אַן אָפּגרונט זיי פאַלן? און קיינער זאָגט עס זיי ניט, עפנט זיי ניט אוף די אויגן? געדענקסט באַ טאָלסטאָיען א דערציי־לונג מיט א שוועסטער? א שרײַבער דאַרף וועגן יעדער געסנפרוי טראַכטן, אַז ס'איז א שוועסטער זײַנע. קום, לאָמיר אַרײַנגיין.

אין דער רעגע האָב איך זיך דערמאָנט, אַז כ'האָב ערגעץ געלייענט, צי געהערט דערציילן, ווי אין בוענאָס־אײַרעס פירט די אַרגענטינער קאָמפּאַרטיי אַן אַרבעט צווישן די גאַסנמיידלעך, נעמט זיי פון די שאַנדהײַזער אַרויס, זוכט ערגעץ אויס פאַר זיי א טועכץ, עס טרעפט אַפילע, אַז כאַווײרים האָבן כאַסענע מיט אַזעלכע געוועזענע געפאַלענע. עס גייט דאָרטן אום א וויץ, צי, מעגלעך, א פאַקט, ווי איינע אַזאַ געפאַלענע פלעג אַף דעמאָנסטראַציעס שרײַען העכער פון יעדן, פאָכען מיט די פויסטן, זידלען די רעגירונג מיטן ערגסטן זילדוואָרט: „פּראָסטיטוטקעס! פּראָסטיטוטקעס!" כ'האָב כאַימען א זאָג געטאָן:

— עפּשער לאָזן מיר עס אַף א צווייט מאָל, ווען מירן האָבן מערער צײַט?

— ניין, איצטער. ווילסט ניט, וועל איך אַליין אַרײַנגיין.

און מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען. א שמאָל הייפל, אויסגעפלאַסטערט מיט ציגעלעך. טיף אין הייפל, אַנטקעגן טויערל, הילצערנע טרעפּלעך אַרוף. אָפּאָנעם, אין די צימערלעך. רעכטס, אַף א הויכן אָפּ־געקאַלכטן פלויט, הויך און ווײַס, ווי א וואַנט, — אויטאָמאַטישע אַפּאַראַטלעך, אַרײַנצוואַרפן אַהין א פּאָר מאַטבייעס און אַרויסקריגן פון דאָרט א קליין פּאַפּירן בײַטעלע מיט אָפּגעשטעמפּלטע אויסיעס פון דער באַוווּסטער „אַלאַ"־פירמע און מיט א רויט ציילעמל אונטער די אויסיעס. אַקעגן פלויט — איין גרויסע און ברייטע שויב, א וויטרינע־שויב. דורך דער וויטרינע, אינווייניק, אַף פּליושענע בענק־לעך, אַף א דיוואַנדל, אַף וויגשטולן — די מיידלעך. א צען, פופצן מיידלעך. עלטערע און ייִנגערע, דינערע און דיקערע, העלע און טונקעלע. אין הוילע באָד־קאָסטיומען, ווי באַם יאַם אַף דעם זאַמד. ווער — א פוס איבער א פוס; ווער — מיט אַן עלנבויגן אַפן בענקל־אָנלען, מיט א באַק אין דער דלאָניע; ווער — א גלעט טוענדיק דאָס אייגענע, נאַקעטע לײַב; ווער — צעשאָקלענדיק זיך אַף דער וויגשטול; ווער — אַפילע צוגענעצנדיק, פּעטשלענדיק דערבײַ מיט די פינגער דאָס מויל. קלייִענטן קאָנען דורך דער גלעזערנער וויטרינע אויסקלײַבן זיך, וואָס מע וויל. איין ווונק טאָן, אָדער איין מאַך טאָן מיט דער האַנט, און באַלד אופהייבן זיך מיט דער „אויסדערוויילטער" אַף די טרעפּלעך. כוץ מיר און כאַימען, זײַנען דעמלט קיין קלייִענטן אין הייפל ניט געווען. מיר זײַנען ביידע געשטאַנען אַנט־קעגן דער וויטרינע, צווישן די אויטאָמאַטישע אַפּאַראַטלעך אַפן פלויט, אַלעמאָל איבערגעקוקט זיך, און ביידע, דאַכט זיך, גלײַך געטראַכט, אַז דאָ, אינווייניק אין הייפל, איז אַלצדינג פונקט אַזוי פּראָסט, ווי דאָרטן, אין דרויסן, לעבן יעדן טויערל אין געסל. פּראָסט, און געוויינלעך, און עפּעס זעלבסט־פאַרשטענדלעך, און עפּעס, וויאַזוי דאַרף דאָס זײַן. און די דאָזיקע פּראָסטקײַט האָט דערשיטערט, האָט געריסן שטיקער. כאַימס פרײַלעכע אויגן זײַנען, וואָס א מאָל מערער, פאַרצויגן געוואָרן מיט שוואַרצע וואָלקנדלעך. ער איז געשטאַנען אײַנגעהויקערט, מיט א האַנט געריבן זיך דאָס פּאָנעם, דעם האַלדז, שטיל, ווי פאַרטראָגן, געמורמלט:

— פּיפּי, מימי, קיצי... קורצע נעמען, צוגעטשעפּעטע, ווי באַנטיקלעך... עס קלינגט אין זיי הינטיש־קנעכטיש, בילנדיקס... ווער זײַנען זיי?.. פונוואַנען קומען זיי? שטאָטישע? דאָרפישע? שטעטל־דיקע?.. ווער האָט זיי אין אָפּגרונט אַראָפּגעשטויסן?.. הונגער?.. אוולעס?.. אָפּגענאַרטקײַט?.. אויסגע־לאָזטקײַט?.. פאַרוואָס זיצן זיי אין א ראָד מיט טרויעריק־אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי ס'וואָלט געלעגן א מעס אין דער מיט?.. הערסט געיאָמער?.. פילסט גערווין?.. הערסט באַרמינען־רייכעס?.. ווער זשע איז דער מעס?.. ווער זשע איז דער מעס?

כ'האָב געקוקט אַף כאַימען און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז געוויין און געיאָמער הערט זיך אַליין אין אים. ניין, ס'האָט זיך מיר ניט אויסגעדאַכט. אין די פאַרוואָלקנטע אויגן זײַנע האָבן

אופגעבליצט פײַערלעך, ליכט־פּלעמלעך. און איבער זײַנע פּוקעס באַקן האָט א פלייץ געטאָן טרער נאָך טרער.

כ׳לעבן, ס׳האָט זיך מיר ניט אויסגעדאַכט.

און כ׳זע אין דעם ניט קיין טראָפּן סענטימענטאַלקײַט.

ו

מוישע אַלטמאַנען האָבן מיר געטראָפן אין דרויסן אף דער וועראַנדע זיצן אין א שטרויענער שטול און טרינקען א גלאָז טיי. ער האָט מיר אויסגעזען אַלט, כאָטש ער איז נאָך דעמלט געווען ווײַטלעך צו די פופציק. ער פלעג מיר קיינמאָל דערנאָך, אין יאָרן ארום, בא זײַנע זיבעציק, בא די אכציק, און אפילע צום סאָף — בא די נײַנציק, ניט אויסזען אף קיין סאך עלטער, ווי דעמלט. מעגלעך, מאכמעס מיר זײַנען דעמלט געווען גאָר יונגע צוציקעס און אַלצדינג עלטערס פון אונדז האָט אונדז אויסגעזען אַלט.

ער האָט זיך מיט אונדז דערפרייט? אפן ערשטן אויגנבליק — ניט גאָר־גאָר. אײַנגעקוקט זיך אין אונדז עפּעס קילבלעך־פרעמדלעך, באַלד אָבער אופגעהויבן זיך פון דעם שטול, א זאָג געטאָן: „אָ, כאַים, ווי קומסטו אהער?” און ארײַנגעשריגן אין שטוב, צום ווײַב, זי זאָל ארויסברענגען גלעזער. אַלטמאַנס ווײַב איז געווען א דאָקטערן. אין דער טיר האָט זיך באַוויזן א פרוי מיט א גראָוער לעבן אָפּגעלייגטן קאָפּ האָר, אין א פּראָסט ציצן קליידל, א שמייכל געטאָן און א גריס געטאָן זיך צו אונדז, און טאַקע באַלד ארויסגעבראַכט אי צוויי גלעזער און צוויי לעפעלעך אין שאָלן, אי א פריש טשײַניקל טיי, אי א טעצל מיט אָנגעשניטן געבעקס. זי האָט אונדז געזאָגט: „זעצט אײַך אַוועק, שטערט אײַך ניט”. און איז באַלד פארשוווּנדן. מער האָבן מיר זי ניט געזען.

כאַים האָט זיך ברייט צעזעצט אין דעם צווייטן שטרויענעם שטול; אַלטמאַן האָט אָנגעגאָסן טיי אין די גלעזער און כאַימען געפרעגט:

— וואָס טוט דער טאַטע? ער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעשוירן די באָרד־און־פּייעס?

איך בין געשטאַנען אף די פיס. געקוקט אף אַלטמאַנס שלייקעס איבערן העמד, אף זײַנע קירצלעכע הויזן, אף די שיטערלעך־באַזילבערטע האָר זײַנע; כ׳האָב געוואָרפן א בליק אף דעם צוקער־קלעמערל אין דער פושקע צוקער; געקוקט, ווי אַלטמאַן קאַטשעט די הייסע גלאָז טיי אין ביידע דלאָניעס, קילט זי אָפּ; און דאָס אַלץ האָט מיך דערמאָנט עפּעס גאָר היימישס: א שאַבעס באַטאָג אינדערהיים בא א גלעזל טיי, נאָכן באַטאָגיקן צולייגן זיך א ביסל. אַלטמאַן האָט מיר אויסגעזען זייער ענלעך אף עמעצן. אף וועמען? אפן דאָקטער פּאַראַט, דעם ליטעראַטור־לערער מײַנעם אין טשערנאָוויצער סעמינאַר? אפן ראַשקעווער אַפּטייקער ראַבינאָוויטשן? אף געצל מאָלדאַווסקי, דעם ווערטלזאָגער און שטאָט־כאָכעם? אף הערשל גוריעווסקי, וואָס טראָגט זומער שטיוול, באַארבעטנדיק דעם גאָרטן זײַנעם, און איז ווינטער, מיט א ווײַס „הערצל” אונטערן רעקל, קאַסירער אין דער ראַשקעווער „לײַ־ און שפּאָרקאַסע”? ענלעך אף יעדן און אף קיינעם ניט. אף קיינעם ניט און אף יעדן.

כאַים האָט דערזען, אז איך שטיי עפּעס ניט אהער און ניט אהין, האָט ער זיך אָפּאָנעם דערמאָנט אין מיר און אָנגעהויבן פאר אַלטמאַנען ארויסשיטן:

— א כאַווער מײַנער. אויך א בעסאַראַבער. שרײַבט אויך. אי לידער, אי פּראָזע. מיר זײַנען ביידע געקומען איבערלייענען אײַך עפּעס.

אַלטמאַן האָט צוגעלייגט א האַנט צו אן אויער:

— האַ?.. (בייזע צינגער פלעגן זאָגן, אז אַלטמאַן דערהערט ניט נאָר דאָס, וואָס ער וויל ניט.)

— מיר ווילן אײַך עפּעס איבערלייענען! — האָט כאַים א ביסל העכער איבערגעכאַזערט נאָר דאָס לעצטע.

— איבערלייענען? אבי סאַ׳יז נאָר דאָ, וואָס צו הערן — מאַכעטייסע.

— איר געדענקט, כאַווער אַלטמאַן, — איז כאַים פּלוצעם ארײַן, — ווען כ׳האָב אין בוהוש צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט אײַער „רוזשאַנקע” און האָב אײַך א זאָג געטאָן: „איך פארשטיי ניט”, האָט איר מיר געענטפערט: „לייען נאָכאַמאָל!” האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעלייענט און ווידער א זאָג געטאָן: „איך פארשטיי ניט”.

— אַזוי? וואָס זשע איז געוואָרן?

— האָט איר מיר געענטפערט: „לייען א דריט מאָל”.

— און דו האָסט געלייענט א דריט מאָל? און האָסט פארשטאַנען, מאַמזער, האַ? אײַ, א ווײַלע טעלעצע, רוזשאַנקע. געכאַפּט דעם מאָסער אף די הערנער, געמיימעסט דעם מאָסער. א שיינע ריינע קאַפּאָרע פאר איר. נו, כעווּרע, נעמט ארויס, וואָס איר האָט געבראַכט. צי מירן ארײַנגיין אין שטוב? אין שטוב הער איך בעסער.

אין שטוב איז געווען פֿינצטערלעך, אָנגעשטעלט. שאַפֿקעלעך מיט ביכער, קאָמאָדלעך, א שרײַב־טישל און אזוי א טיש, צוויי בעטלעך, בענקלעך, ס׳פֿענצטער — פֿארהאנגען. מוישע אלטמאַן האָט זיך אוועקגעזעצט באם שרײַבטישל, א קוועטש געטאָן דאָס טישלעמפּל, פֿארקײַלעכיקט א האנט זײַנע באם אויער. דער ערשטער האָט, פֿארשטייט זיך, געלייענט כאַים, און האָט דער ערשטער ארײַנגעכאַפּט דעם גוטן פּסק:

— נע, כאַימל, פֿאַראיאָרן אין בוהוש האָסטו מיר, דאַכט זיך, איבערגעלייענט עפּעס טאָכי־קערס. שטייסט אָפּ אין אָרט, כאַימל, רוקסט זיך ניט, רוקסט זיך ניט ווײַטער. און צו וואָס טויג דיר דער דאָזיקער פֿלאַסקעדריגע באָרעכל? האָסט אין בוהוש אזא פֿאַבריק. א פֿולע פֿאַבריק מיט וועבערנס־מיידלעך. אזעלכע מיידלעך. און טראַכטסט דיר אויס א באַטלאָנישן באָרעכלען. כ׳וויל זען בא דיר א וועבערנס א פּלייצע, א האנט, כ׳וויל הערן א קרעכץ אירן, א געשריי, א לאַך. ווו איז דאָס יונגע בלוט אײַערס, כעוורע?

— וועגן וועבער־ליבע האָט שוין געשריבן פּערעץ... — איז כאַים געווען איבערגעביטן אָפּן פּאָנעם ניט אָפּ צו דערקענען אים.

— זעסטו, דאָס געפֿעלט מיר גראָדע. שרײַבן, וואָס מ׳האָט שוין געשריבן, טויג ניט. טויג ניט. נאָר דו האָסט דאָך א גאַנצע פֿאַבריק. הונדערטער וועבערנס־מיידלעך און וועבער־ייִנגלעך. ווען פּערעץ זאָל געווען פֿאַרמאָגן אזא בוהושער אוילעם — וואָס רעדסטו וואָס? האקלאַל, האָב עס אין זינען, געדענק עס, כאַימל. נו, כאַווער, — האָט זיך אלטמאַן א קער געטאָן צו מיר, — איר האָט נאָך כיישעק צו ווײַזן, וואָס איר קענט? ווײַזט, ווײַזט, שעמט זיך ניט.

כ׳האָב שוין, פֿאַרשטייט זיך, געלייענט מיט א געפֿאַלן קאָל. אײַנגאַנצן צוויי זײַטעלעך. דאָס ערשטע זײַטל איז עפּעס געווען צו צעצויגן, צו געפּלאָנטערט, ביז אראָפּ — אָן איין אָפּשטעל, אָן איין פּינטעלע. כ׳האָב דאָ, לייענענדיק, ערשט דערזען, אז ס׳איז קיין סבוירע ניט, בין אזש אלעמאָל



רויט געוואָרן. אויפֿן צווייטן זײַטל זײַנען די פּאָר דיאַלאָגן געווען נישקאָשעדיקע (פּאַרט אַ טעאַטער־מענטש). כ׳האָב דערציילט, ווי אַ באָכער באַהאַלט זיך אויס פֿאַר דער סיגוראַנצע אין אַ דאָרפֿיש שטיבל. די באַלעבאַטים פֿון דער כאַטקע, פּויערים, זײַנען אויפֿן פֿעלד. ער דרייט זיך אום אינווייניק איינער אַליין. אין דרויסן שאָקלט דער ווינט אַ קייטעלע באַם פֿענצטער, און דער באָכער, וואָס איז שוין געזעסן אין טורמעס, שוין דורכגעגאַנגען קאַלטס און וואָרעמס, טוט יעדעס מאָל, ווען דאָס קייטעלע קלאַפּט זיך אָן אין דער שויב, אַ ציטער אויף. אַלטמאַן האָט מיך אַ פֿרעג געטאָן:

— דאָס קייטעלע אײַערס איז אַ פּאַשעט קייטעלע, צי ס׳איז אַ סימבאָל — קייטן אויף די פֿיס און אויף די הענט, אויפֿן גאַנצן לײַב־און־לעבן?

כ׳האָב ניט געוווּסט, צי אַזוי איז גוט, צי אַנדערש איז גוט, און האָב דעריבער געענטפֿערט אַזוי, ווי עס איז:

— אַ קייטעלע, ווי אַ קייטעלע.

— ריכטיק. אַ קייטעלע דאַרף זײַן אַ קייטעלע. ניט מער. גוט, קינדערלעך, שרײַבט, שרײַבט. איר וועט זיך אויסשרײַבן דעם פּאַטשערק.

אַקוראַט, אויפֿן אָפּגענעם, ווי סטראַדיוואַריוס האָט די פֿידל־סודות זײַנע — פֿון וואָס פֿאַר אַ האָלץ ער מאַכט די פֿידלען, ווו ער נעמט דאָס האָלץ, וויאַזוי ער טריקנט עס, וואָס ער לייגט אַרײַן אין קליי, אין לאַק צו די פֿידלען, אאַוו. — אַפֿילו דעם אייגענעם זון ניט אויסגעזאָגט, מיטגענומען זיי מיט זיך אויף יענער־וועלט און קיינער ווייסט ניט נאָך די סודות ביז הײַנט, אַזוי זײַנען שרײַבער דעמלט געווען קאַרג אויף אַ וואָרט, די שרײַב־סודות זייערע ניט צעטיילט, פֿאַר קיינעם ניט אויסגעפּלאַפּלט, געלאָזט זיי פֿאַר זיך אַליין — סאָד איז געבליבן אַ סאָד. ניט, אַגעוו, ווי מיר הײַנט זײַנען גרייט אין איינע עטלעכע אָפּדערנאַכטן אַרויסלייגן פֿאַר אַ יונגן כאַווער אַלע פֿערעלעך, וואָס מיר האָבן אַ גאַנץ לעבן, אַליין, מיט די אייגענע פֿינגער, אויסגעפּאָרפּלט אין הויפֿנס זאַמד, אין הויפֿנס מיסט — גיט אים אונדז נאָר אַהער, דעם יונגן כאַווער. נאָר דאָס זאָג איך אַזוי זיך. ניט צום איניען. פֿון אַלטמאַנען בין איך נאָך יענער ערשטער באַגעגעניש גראַדע יאָ אַוועקגעגאַנגען מיט אַ פֿערעלע: „אַ קייטעלע דאַרף זײַן אַ קייטעלע". און האָב דעם דאָזיקן זאָג אין זינען געהאַט אַלע יאָרן. און האָב אים נאָך אין זינען איצט.

מיר האָבן זיך מיט אַלטמאַנען געזעגנט, ווען די זון האָט זיך שוין געזעצט. איך האָב זיך געאײַלט אין טעאַטער. געאײַלט זיך אַ קוק טאָן, וואָס מיט אַלגען הערט זיך, צי זי איז שוין געקומען פֿון דער קימפּעטאָרן. כאַיִם האָט געשפּאַנט פֿאַרכמורעט, שווײַגנדיק, און האָט בײַ אונדזער צעשיידן זיך אַ זאָג געטאָן:

— ניין. מער שרײַב איך ניט. מיט אונדזער שרײַבן וועלן מיר די וועלט ניט איבערמאַכן. כ׳פֿאָר אַוועק. מע דאַרף זיך פֿאַרקאַטשען די אַרבל און אָנהייבן טאָן עפּעס מאַמאָשעסדיקערס.

כ׳ווייס ניט, צי כאַיִם איז צוריקגעפֿאָרן אַהיים, קיין בוהוש, צי ער איז טאַקע שוין דעמלט אַוועק אין דער ווײַטער וועלט. כ׳ווייס, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג אין שפּאַניע, האָט כאַיִם, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, געשלאָגן זיך אויף די שפּאַנישע פֿראָנטן ביזן סאַמע סאָף. ער איז דערנאָך געווען אינטערנירט אין אַ פֿראַנצויזישן לאַגער. מילכאָמע־צײַט געקעמפּט אין פֿראַנקרײַך קעגן די היטלעריסטן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ווידער געזעסן אין קאָנצלאַגערס, דורך ניסים געבליבן לעבן. אומגעקערט זיך דערנאָך אַהיים, קיין בוקאַרעשט. אַ שטיק צײַט געווען אינסטרוקטאָר אין צק פֿון דער רומענישער קאָמפּאַרטיי. געאַרבעט אַ שטיק צײַט אין דער פּרעסע־אַגענטור. און ערשט גאָר שפּעטער, ווען ער איז שוין אַרויס אויף פּענסיע, אויף דער עלטער, קאָן מען זאָגן, זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל געשריבן, און דאָס ערשטע פּראָזע־ביכל זײַנס איז אין בוקאַרעשט אַרויס אויף רומעניש. דערנאָך האָט ער זיך, אויפֿן אָפּגענעם, דערמאָנט, אַז געשריבן האָט ער אַמאָל אין ייִדיש, פֿאַרשטאַנען, אַז אָן דער שפּראַך און אָן דער סוויווע, וואָס אַ שרײַבער זאַפּט אין זיך אײַן אין די קינדער־יאָרן, פֿאַרמאָגט ער קיין ערד ניט אונטער די פֿיס, באַמבלט זיך אינדערלופֿטן, ווי אַ פּאַפּירענער — און מיר האָבן הײַנט כאַיִם גאָלדנשטיינס אַ פּאָר ייִדישע ביכלעך: „צופֿיל אין איין וואָך", „דאָס צוואַנציקסטע שווײַגנדיקע יאָרהונדערט", „צוויי מײַסעס מיט אַ שמיץ".

דאָס אַלץ איז, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרגעקומען ניט אַזוי פּראָסט און אַוואַדע ניט אַזוי גיך, ווי כ׳האָב דאָס נאָרוואָס דערציילט אין די עטלעכע שורעס.

אַנומלטן האָב איך געלייענט אין דער פּאַריזשער „נײַער פּרעסע", אַז כאַיִם גאָלדנשטיין האָט אין פּאַריזש געהאַלטן אַ פֿאָרטראָג „מײַנע באַגעגענישן מיט ייִדישע שרײַבער". כ׳בין ניט זיכער, צי ער האָט אין די באַגעגענישן זײַנע מיך אויך אַרײַנגעשטעלט. איך אָבער האָב שוין, דאַנקען גאָט, פֿונוואַנען אים אין מײַנע „באַגעגענישן" דאַפֿקע יאָ אַרײַנשטעלן...

ז

די גאַס, וווּ מיר האָבן מיט אַלגען געוווינט אין אונדזער ערשטן פֿאַרפֿאַלק־צימערל, האָט געהייסן „קאַלאַנעל אַרעראָ“. אַ קורצע גאַס, אַן קלייטן, צווישן דודעשט און וואַקאַרעשט. אַ שטילע גאַס, קאָן מען זאָגן. דעם איינציקן ראַש — אַ טראַסקערײַ און אַ קלינגערײַ — האָבן אָנגעמאַכט די טראַמווײַען, דורכפּאַטשנדיק אַלע צוויי־דרײַ מינוט די גאַס — טראַמווײַ נאָך טראַמווײַ. אַלגע האָט די טראַמווײַען געדאַרפֿט צוליב איר שילדל „אַקושערקע מיט אַ דיפּלאָם“, וואָס איז געהאַנגען אין דרויסן אויף אַ וואַנט לעבן אײַזערנעם טירל פֿון אונדזער הויף — טראָגעדיקע זאָלן, דורכפֿאָרנדיק אין טראַמווײַ, דערזען דאָס שילדל און עס פֿאַרגעדענקען. ביז מיר האָט אַלגע געאַרבעט אין ייִדישן שפּיטאָל „יובי־ריאַ־דע־אַמען“ — ליבשאַפֿט צו מענטשן איז די טײַטש דערפֿון. דאָקטוירים און שפּיטאָל־שוועסטער האָבן זיך צעבונטעוועט, געמאָנט בעסערע באַדינגונגען און אַ קאַפּל העכערע לוינען, זײַנען ניט אַרויס צו דער אַרבעט, פֿאַרשטרײַקט, הייסט עס, און דעם שטרײַק ניט געוווּנען, געבליבן דערנאָך אין דרויסן, אויסער דער „ליבשאַפֿט צו מענטשן“. אַלגע איז אויך געווען צווישן זיי. די איינציקע אַקושערקע־פּראַקטיק האָט איר איצט געבראַכט נאָר דאָס שילדל אויף דער וואַנט, וואָס אין גאַס אַרויס. מיר האָבן זיך ווינטער־צו איבערגעפֿירט אין אַן אַנדער דירע: אַ גרויסער צימער מיט אַ קיכל — אַלגע האָט אָנגעהויבן קאָכן אינדערהיים, באַלעבאַטעווען. מיר האָבן זיך דערנאָך איבערגעפֿירט אין אַ צווייצימערדיק בוידעם־שטיבל אויף אַ גאָרן; מיט קאָסע סטעליעס, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ בוידעם־שטיבל, און מיט אַ סאַך קליינע שײַבלעך אין די פֿענצטער — פֿענצטער אויסגעקעסטלטע, מאַמעש ווי אַ שאָקאָלאַד־פּליטקע. נאָר ביידע אַנדערע דירעס — ווידער אויף „קאַלאַנעל אַרעראָ“. ווידער, קעדיי מענטשן אין די דורכפֿאָרנדיקע טראַמווײַען זאָל זיך וואַרפֿן אין די אויגן דאָס שילדל „אַקושערקע מיט אַ דיפּלאָם“.

פּונקט אַנטקעגן אונדז, איבערן וועג, האָט אין אַ באַזונדערער שטוב געוווינט אַ טראַנסילוואַנער ראַוו. מע פֿלעג אים, דאַכט זיך, טאַקע רופֿן „דער סיגעטער“. כ'פֿלעג זען, ווי עס גייען אַהין אַרײַן טראַנסילוואַנער ייִדן, גאַבאַים צי שאַמאָסים, אָדער גלאַט ייִדן, מיט לאַנגע געקרײַזלטע פּייעס, מיט פּליושענע קאַפּעליושן אויף די קעפּ. שטאַרק געראַשט אַרום סיגעטער האָט זיך ניט. נאָר איך האָב פֿונדעסטוועגן געמעגט אַרײַנגיין אַמאָל אַ קוק טאָן אויפֿן אוילעם, מיטן ראַוו זיך באַקענען. און כ'האָב עס, ליידער, ניט געטאָן. כ'געדענק נאָר, ווי דער סיגעטער — נאָך גאָר אַ יונגער מענטש — פֿלעג לאַנג שטיין באַם פֿענצטער, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין בײַשטידל, קוקן אויף די דורכיאָגנדיקע טראַמווײַען, אויף די דורכגייער אין גאַס, שטיין מיט אַ פּיצל יאַרמעלקעלע אויפֿן שפּיץ קאָפּ, דאָס פּאָנעם — באַרעמלט מיט אַ שיין שוואַרץ בערדל. עס פֿלעג זיך מיר דאַכטן, אַז די אויגן זײַנע זײַנען איבער די ברעגעס אָנגעגאָסן מיט בענקשאַפֿט. וווּהין? נאָך וועמען? עפּשער אַהיים — קיין סיגעט? עפּשער — נאָך דער זומערדיקער האַוועניש אויף דער גאַס? יונגעלײַט, ווײַבלעך, ייִנגלעך און מיידלעך, מיט זומערדיק־אָפּגעבריענטע פּענעמער, מיט זומערדיק־נאַקעטע הענט פֿליִען דורך אין די טראַמווײַען, וואַרפֿן זיך איבער אויף דער גאַס מיט רייד, לאַכן, לויפֿן, שפּרינגען, טראָגן ניט אויף זייערע פּלייצעס דעם שווערן יאָך פֿון אַ ראַוו, זײַן יאָך...

דער קאַלאַנעל אַרעראָ האָט מינאַסטאַם אויסגעצייכנט זיך אַמאָל אין שלאַכטן אויף פֿראָנטן, צי עפּשער באַם דערשטיקן פּויערים־אויפֿשטאַנדן. גאָר פֿויגלדיקע מײַסים־טויווים האָט ער, זעט אויס, ניט אָפּגעטאָן. מאַכמעס הײַנט, אין דער סאָציאַליסטישער רומעניע, טראָגט מער די גאַס ניט זײַן נאָמען, הייסט אַנדערש, טראָגט, מאָלט אײַך, דעם נאָמען פֿון אַווראָם גאָלדפֿאַדן — סטראַדאַ אַבראַם גאָלדפֿאַדן. דאָס איז ניט סימבאָליש. און ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט דערפֿאַר, ווײַל ס'האָט אַמאָל דאָ, אויף דער גאַס, געוווינט אַ סופֿליאָר אין ייִדישן טעאַטער. גאָלדפֿאַדענס נאָמען האָט צופֿעליק שיין געקאָנט טראָגן אַן אַנדער גאַס. נאָר מיר טוט בעפֿיירעש שטאַרק האַנאָע, וואָס גראַדע אויף דער גאַס, וואָס הייסט הײַנט „אַווראָם גאָלדפֿאַדן“, האָב איך אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר; אין פֿאַרנאַכטן פֿונדאַנען אוועקגעשפּאַנט אין מײַן סופֿליאָר־קאַסטן; דאָ געזעסן און געשריבן מײַנע ערשטע ייִנגלשע דערציילונגען; אַהער געהערט דעם האַנדל־וואַנדל־הו־האַ אויף די דודעשטער טראָטואַרן, וווּ עס פֿלעגן באַלד אָנהייב אָסיען קאָכן זיך אין קעסלען גרינע פּאַפּשויעס, ייִנגלעך פֿלעגן אומלויפֿן פֿאַרקויפֿן לעקעכלעך אויף הילצערנע טאַצן, און עס פֿלעגט זיך מיר טאָמיד דאַכטן, אַז איך הער דינע קעלכלעך אויסשרײַען גאָלדפֿאַדענס „הייסע באַבקעלעך, ייִדעלעך, הייס“...

אַלגע איז ביז מיר געווען אַן עלעגאַנט מיידל. געגאַנגען עלעגאַנט אָנגעטאָן, מאָדערן פֿאַרקעמט זיך די האָר, געריוועט זיך די ליפּן. כ'האָב איר איינמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז איך וויל ניט, זי זאָל זיך די ליפּן פֿאַרבן, האָט זי מיר אָן מײַסעס געענטפֿערט: „איך וואַרט שוין פֿון לאַנג, זאָלסט עס מיר זאָגן“. פֿון דעמאָלט אָן האָבן די ליפּן אירע מער ניט געוווּסט פֿון קיין פֿרעמד ביסל פֿאַרב, ביז העטהעט, אין לאַנגע יאָרן אַרום, ווען זיי האָבן זיך שוין פּאַשעט געבעטן, מע זאָל זיי אַ ביסעלע צורויטן...

אַלגע האָט פאַרמאָגט א סאַך באַקאַנטע אירע. געוועזענע קימפּעטאָרנס, מאַמעס פון קימפּעטאָרנס, שוועסטער, שוועגערנס, גאַנצע מישפּאָכעס. זי פלעג ליב האָבן דורכגיין זיך צו זיי, א כאַפּ טאָן דאָס אונטערגעוואַקסענע קינד אַף די הענט, אָנפילן די פרעמדע שטוב מיטן געלעכטער אירן. זי פלעג מיך אַמאָל אויך מיטנעמען מיט זיך. כ'פלעג זיצן באַם שעלעכל אײַנגעמאַכטס א סקוטשנער, ניט אין מײַנע וואַסערן, זיצן און שווײַגן. אַלגע פלעג מיר דערנאָך א זאָג טאָן:

— כ'האָב געזען, ווי דו ביסט געזעסן און געמוטשעט זיך. מער גיי איך אהער ניט. ס'איז ניט דײַן וועלט...

ווער זשע איז יאָ געווען מײַן וועלט? מענדל פּאַלאַק, לעמאַשל, א באָכער מיט קאַסאָקלעכע אויגן, א געוועזענער יעשיווע־באָכער אין מאַרמאַרעש, הײַנט — א האַנטוועבער (אָן אַרבעט דערווײַל). פלעגט צו מיר אַרײַנקומען קימאַט יעדן טאָג. מיר פלעגן שאָענווײַז זיצן און רעדן, רעדן און רייכערן. פּאַלאַק האָט פאַרמאָגט א זעלטענעם זיקאָרן; אין קאָפּ — צום זיקאָרן. ער פלעגט אַף אויסווייניק ציטירן היינען און פּעטעפין, כ'שמועס שוין ניט וועגן יעהודע האַלייווין און איבן עזרען, פּערעצן, לייוויקן, האָפשטיינען, פעפערן, אַלטע אַגאַדעטעס און פיירעק־אַפאָריזמען. ער פלעג טאָמיד אומגיין ניט געגאָלט, פאַרוואַקסן: די הויזן אונטן — פאַרדריפּעט, כאָטש אין דרויסן איז קיין שום בלאָטקעלע ניט געווען: דער קאָלנער באַם העמד און טאַקע דאָס העמד אַליין — שטענדיק קויטיק. ער פלעג פּיפּקען דעם ציגאַרעט, אָנמאַכנדיק אין צימער אַזאַ רויך, ניט אַף אָנצוזען זיך איינער דעם אַנדערן; פלעג דערנאָך דעם אויסגערייכערטן ציגאַרעט פאַרקוועטשן אונטן אין פּיסל פונעם דיוואַן. כ'האָב געפלעג דערנאָך דעם אויסגערייכערטן ציגאַרעט פאַרקוועטשן אונטן אין פּיסל פונעם דיוואַן. כ'האָב געוואָרט, אַלגע זאָל מיר סאָפּקאָלסאָף א זאָג טאָן: „הער אויס, וויפל איז דער שיר? טו א קוק, וואָס אין שטוב טוט זיך. ס'קען אַרײַנקומען צו מיר א פּאַציִענטקע. זי וועט אַרײַנקומען דאָס ערשטע מאָל און דאָס לעצטע מאָל". נאָר אין דעם דאָזיקן וואָרטן מײַנעם איז געלעגן אי בילבל, אי ניט־פאַרשטענדעניש. אַלגע האָט אַזוינס קיינמאָל, קיינמאָל אין איר לעבן ניט געזאָגט. וואָס זשע פלעג זי יאָ זאָגן? „פּאַלאַק, זײַט אַזוי גוט, טוט אויס דאָס העמד און דערלאַנגט עס אהער!" מענדל פּאַלאַק פלעג בלײַבן זיצן אַף אונדזער דיוואַן א האַלב־נאַקעטער, מיט א בלאָוולעך לײַב, אָן איין מוסקול אַף זײַנע אָרעמס, כאָטש ער איז שוין היפּשלעך לאַנג געווען א האַנטוועבער. די קאַסאָקלעכע אויגן זײַנע פלעגן זיך דערנאָך צעפינטלען אַפן אויסגעוואַשענעם און אויסגעפּרעסטן העמד, פלעגן א קוק טאָן מיט כידעש אי אַף אַלגען, אי אַף מיר — א פּאַסיקל שײַן פון אַלגעס גוטסקײַט איז אויך אַף מיר געפאַלן...

א געוועזענע כאַווערטע אַלגעס, א בוקאָווינער מיידל, אויך א קראַנקן־שוועסטער, בעקאַ, האָט איינמאָל אַלגען א זאָג געטאָן (דאַכט זיך, אפילע פאַרקנייטשנדיק די נאָז):

— אַלגע, וואָס איז מיט דיר, וואָס האָסטו זיך אַזוי אָפּגעלאָזט? געפונען צוליב וועמען!..

כ'האָב צום ערשטן מאָל געזען אַלגען אַזוי בייז ווערן. און איך פלעג זי דערנאָך, אַלע יאָרן, זען אַזוי אופגעבראַכט, אויב עמעצער האָט מיך מיט איין פינגער אָנגערירט.

ווען איך פלעג זיצן אונטערן בוים און שרײַבן, פלעג זיך אַלגע אומדרייען אַרום מיר אַף די שפּיץ פינגער. ניין, אַף די שפּיץ פינגער אויך ניט. זי פלעג אומשוועבן אַרום מיר, ווי ניט אַף דער ערד; אַרום מיר, איבער מיר, ווי מיט פליגל באַ די אַקסלען.

קיינער האָט נאָך דעמלט ניט געגלייבט — איך אַליין אויך ניט — אַז פון דעם דאָזיקן שרײַבן מײַנעם וועט אַמאָל עפּעס אַרויס. איין אַלגע — יאָ. כ'האָב עס שוין, דאַכט זיך, געזאָגט. עס פלעגט צו אונדז אַרײַנקומען א צווייטע כאַווערטע אַלגעס, א מאַסאַזשיסטקע, מאַרוסיע. אַף עטלעכע יאָר עלטער פון אַלגען. אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז זי געווען א באַרעמהאַרציקע שוועסטער אין דער רוסישער אַרמיי. דאָ אין בוקאַרעשט — געלעבט איינע אַליין, אָן א מאַן און אָן קיינעם ניט, אויסגעגאַן פאַר בענקשאַפט אַהיים, קיין רוסלאַנד: די בענקשאַפט ערשט געלאָשן אין פאַרציקסטן יאָר, ווען בעסאַראַביע האָט זיך צוריק פאַרייניקט מיט סאָוועטנפאַרבאַנד, און מאַרוסיע איז איינעם מיט אַלע בעסאַראַבער אַוועק פון רומעניע און זיך באַזעצט אין קעשענעוו. אין דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, דער פּאַטערלענדישער און אַנטי־היטלעריסטישער, איז מאַרוסיע ווידער געווען אַפן פראָנט. געפירט פאַרוווּנדעטע אין א סאַניטאַר־צוג, געאַרבעט אין אַרמיי־שפּיטאָלן, די מילכאָמע איבערגעלעבט, צוריק אומגעקערט זיך קיין קעשענעוו און ווידער אַזוי געלעבט אָן א מאַן און אָן א קינד ביזן סאָף פון אירע טעג. אַז מאַרוסיע פלעג אַרײַנקומען צו אונדז און מיך אפילע ניט טרעפן זיצן באַם טישל און שרײַבן, פלעגט זי סיַוויסיַי אומגיין אין שטוב אָן א שאָרך, ווי אין די הוילע זאָקן. זי פלעגט זיך אַוועקזעצן מיט אַלגען אין אַן עק פונעם דיוואַן און ביידע פלעגן רעדן צווישן זיך אַף רוסיש. רוסיש האָב איך נאָך דעמלט קיין איין וואָרט ניט געקענט. נאָר אין אַלגעס פּאָנעם פלעג איך פאַרשטיין, אַז זי שמועסט מיט מאַרוסיען ווידער אַף דער זעלבער טעמע: זי דערציילט איר, וואָס פאַר א שרײַבער איך בין און וואָס פאַר א שרײַבער איך וועל ערשט זײַן. און זי רעדט עס מאַרוסיען אײַן. און מאַרוסיע גלייבט אין דעם. כ'פלעג עס זען אין אָפּשײַ, אין כידעש און אין דער פרייד, מיט וועלכע מאַרוסיעס אויגן פלעגן קוקן אַף מיר. און כ'מוז זיך מודע זײַן, אַז דאָס דאָזיקע גלייבן אין מיר אַלגעס און מאַרוסיעס פלעג זיך דעמלט מיר אַליין אויך צוביסלעך איבערגעבן...

דאָס קאַפּיטל וועגן ערשטן יאָר מײַנעם אינײנעם מיט אַלגען וויל איך ענדיקן מיט א הייסן זומער־טאָג אין א וואלד ארויס דער שטאָט.

דער טאָג איז אזא הייסער, אז אפילע אין וואלד איז ניט קיל. פאַרקערט: דושנע, פאַרנע, עפשער וועט שפעטער, פאַרנאַכט־צו, זיך פאַרכמאַרען און ס׳וועט זיך אָפּרײַסן א מעכטיעדיק אָפּרישנדיק רעגנדל.

מיר זײַנען איינע אליין. קוילעס און ווידערקוילעס הערן זיך ערגעץ גאָר־גאָר ווײַט. ארום אונדז איז הוילער וואלד. קליאָנעו, דעמבעס און פאסן הימל אויבן צווישן די ביימער־קרוינען. מיר האָבן אראָפגעוואָרפן פון זיך דאָס אָנטועכץ און געבליבן אין הוילע באָד־הייזלעך. מאמעש אָדאָם און כאווע אין זייערע פײַגנבלעטער. אָדאָם — א מאָגערלעכער, שפיציקע קני און עלנבויגנס. כאווע — א פולבלעכע, א געפאַקטע, גלײַך ניט זי איז אויסגעפורעמט געוואָרן פון זײַנער א ריפּ, נאָר פאַרקערט: ער — פון אירער א ריפּ. קיין כיטרער נאָכאָש דאַרף אונדז שוין קיין נארישקײַטן ניט אײַנריידן. דעם טאַם פונעם אייץ־האדאאס־עפּלע האָבן מיר ביידע פאַרזוכט. קיינער וועט אונדז דערנאָך פונדאנען ניט ארויסטרײַבן. פאַרנאַכט־צו, די זון וועט נאָר א ביסל אראָפּ, וועלן מיר אליין אוועקגיין. ארויספלאָנטערן זיך צווישן צווײַגן און צווײַגלעך צום וועג, אָפּשטעלן א פאַרבײַפאָרנדיק פורל, אָדער אוועקשפאנען צופוס ביזן טראַמווײַ און דערשלאָגן זיך אהיים צו דער צײַט. פאַרשפעטיקן אין טעאַטער טאָר איך ניט; דער רעגן זאָל נאָר ניט זײַן קיין שטאַרקער און די פאַרשטעלונג, כאָלילע, ניט אָפּשאַפן. אַלגע ליגט אין גראָז מיטן פּאָנעם ארויף, איך האלט דעם קאָפּ מײַנעם אָנגעשפאַרט אף איר בויך און לייען איר פאָר אף א קאָל קולבאקס „זעלמעניאנער". איך לייען זיי שוין דאָס ווִיפלטע מאָל, מיט אַלגען — שוין דאָס צווייטע מאָל, און וואָלט זיי געלייענט, ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל. איבער אונדזערע קעפּ צוויטשערן פייגל און פייגעלעך — גרעבערע צוויטשערײַען און דינערע צוויטשערײַען. אין די גראָזן גרילצן גרילן, זשוקלעך שורשען אונטער אראָפּגעפאַלענע פאַרטריקנטע בלעטלעך, פון א מוראשקע־בערגל האָבן פאַרבלאָנדזעט אף אונדזערע לײַבער א וועלט מיט מוראשקעס און מוראשקעלעך. אַלגע האָט מיטגענומען מיט זיך א פעקעלע עסנווארג: א האלב ברויטל, פּאָמידאָרן, קעז, א פּאָר ציבעלקעלעך, א שקאַרמיציקל זאלץ, א פלעשל סיטראָ. מיר האָבן אָפּגעגעסן, פאַרטרונקען, און אַלגע האָט אָנגעהויבן טראָגן זיך, ווי א ווײכער, ארום די ביימער. איך בין איר נאָכגעלאָפן. דערנאָך איז זי מיר נאָכגעלאָפן. מיר זײַנען אוועקגעפאלן אין גראָז, א קאַטשע געטאָן זיך אין די גראָזן ארומגענומענע, און אף אונדזערע לײַבער האָבן זיך אָפּגעשטעמפלט אָן א שיר הײַראָגליפן. אַלגע איז געלעגן אונטערגעשפאַרט דעם קאָפּ מיט א האנט און איז אזוי אנדרעמלט געוואָרן. איך בין געזעסן אנטקעגן איר, געקוקט אף איר פּאָנעם, אף אירע אראָפּגעלאָזטע וויִעס, און געטראַכט, אז איך האָב זי ליב, ליב. פאַרוואָס זאָגט זי מיר דאָס דאָזיקע וואָרט אָפּט, און אף א קאָל, און איך איר — זעלטן, און שטיל, אין זיך? ארום אונדז איז מיטאַמאָל טונקעלער געוואָרן. כ׳בין געזעסן א פאַרטונקלטער און געטראַכט נארישקײַטן: דאָס וואָרט „ליבע" האָט מיך פאַרפּענטעט, אָפּגעזונדערט פון מענטשן, פאַרטריבן אין א וואלד. כ׳האָב נאָך דעמלט א סאך זאכן ניט געוווּסט, כ׳האָב נאָך ניט געוווּסט, צי ניט געוואָלט וויסן, אז גראָד ליבע איז דאָס אייביקסטע וואָרט אין דער וועלט. עס פּעדעמט זיך צווישן מענטשן און מענטשן טויזנטער יאָרן, פאַרפּעדעמט דוירעס, פאַרוועבט דעם מענטשן הײַנט, אין טויזנטער יאָרן ארום, מיטן ערשטן אָדאָמען אף דער ערד. כ׳האָב נאָך דעמלט ניט געוווּסט, צי ניט געוואָלט וויסן, אז מיטן וואָרט „ליבשאַפט" ווערט דער מענטש געבוירן, וואַקסט, ציט זיך צו הייכן, שאַפט, קעמפט, שלאָגט זיך אין שלאַכטן, שטאַרבט, קעדיי ווידעראַמאָל געבוירן צו ווערן.

איבער אונדזערע קעפּ האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן פויקן אין די בלעטלעך אף צווײַגן רעגנטראָפּנס, און אײן אויגנבליק אָנגעהויבן גיסן זיך איבער אונדז. אַלגע האָט זיך אויפגעכאַפּט. מיר האָבן זיך גיך אָנגעטאָן און זײַנען ארויס צום שאָסיי־וועג.

אין ביידע זײַטן וועג האָבן בולבענדיק געיאָגט זומערדיקע רעגן־ריטשקעס. איך האָב פאַרקאָטשעט די הויזן, אַלגע האָט אונטערגעהויבן דאָס קליידל; אזוי־אָ באָרוועסע, נאסע, מיט די שיך אין די הענט, האָבן מיר פליוסקענדיק געשפּאַנט אין די ריטשקעס, ווי קינדער.

איך האָב זיך געפרעגט (צי עפשער פרעג איך זיך איצטער): „פאַרוואָס זײַנען קינדער די סאמע גליקלעכסטע?" און האָב זיך געענטפערט: „דערפאַר, אפּאָנעם, ווײַל זיי ווייסן נאָך גאָרניט. ווייסן נאָך אינגאנצן גאָרניט...

דאָס פֿערטע קאַפּיטל

א

וואָס זשע איז געווען צו וויסן?

ניט אַלע האָבן עס שוין דעמלט פֿאַרשטאַנען און ניט יעדער האָט עס שוין אַפֿילע געשפּירט: אויף דער וועלט רוקט זיך אָן דער היטלעריזם, רוקט זיך אָן, ווי שוואַרצע מאַבל־כמאַרעס, פֿאַרפֿלייצן, אומצוברענגען אַ וועלט.

אייניקע האָבן געטראַכט: די כמאַרעס וועלן זיך צעגיין; אַנדערע: „אין מײַן טייווע, ווו איך זיץ, וועט דער מאַבל מיך ניט טשעפּען"; דריטע האָבן זיך געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט: אַ־די וועלט, וואָס היטלער גייט אומברענגען, דאַרף מען אומברענגען...

אין זומערדיקע פֿאַרנאַכטן, אויף שטילע אַספֿאַלטירטע געסלעך, האָבן זיך דורך אָפֿענע פֿענצטער אין נײַינקע בלאַקהײַזער אַרויסגעהערט פֿון די ראַדיאָס היטלערס ווילדע ריטשערײַען. טאָג בײַ טאָג האָט מען אין די בוקאַרעשטער צײַטונגען געזען זײַנע קורצע וואָנצעלעך אונטער דער נאָז, דאָס שייטל־פּאַסיקל אין איין זײַט קאָפּ, און דאָס שויבערל האָר, אין דער אַנדערער זײַט, אַראָפּגעגליטשט אויפֿן שטערן.

היגע „אײַזערנע־גוואַרדיע"־יונגען האָבן אויף די גאַסן אָנגעהויבן אָנטשעפּען דורכגייער אין די לאַצן האַקנקרייץ־שפּילקעלעך, געמאָנט, מע זאָל פֿאַר די האַקנקרייצלעך אַרײַנוואַרפֿן מאַטבייעס אין זאַמל־פּושקעס. צוליב כויזעק, אָדער גלאַט צוליב האַנאָע, צי עפּשער, ווי אַ מין וואָרענונג, דאַפֿקע געזוכט צווישן די דורכגייער ייִדישע פּנימער. אַלגע האָט מיר אַמאָל, בײַ אַזאַ שפּאַציר אונדזערן אין שטאָט, אַ זאָג געטאָן: „כ'האָב זיי שיר ניט אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם אַרײַן". נאָר אַזעלכע אָנשפּײַערס פֿלעגן די יונגען, ווי ס'האָט זיך ניט נאָר איין מאָל געטראָפֿן, פֿאַרשלעפּן מיט פֿאַרבונדענע אויגן ערגעץ אין אָן אָפּגעזונדערט הויז ניט ווײַט פֿונעם צענטער (פּינקטלעך, ווו דאָס הויז געפֿינט זיך, האָט קיינער ניט געוווּסט. מ'האָט גאָר געוווּסט, אַז מע רופֿט עס „דאָס בלויע הויז") און פֿון דאָרטן פֿלעג מען שוין אַרויס צוריק אָדער מיט צעבראָכענע הענט און פֿיס, אָדער מיט אָפּגעשלאָגענע לונגען — אויב מ'איז נאָך אַרויס צוריק. וועגן דעם האָבן די „גרויסע" צײַטונגען געשוויגן. די פּאָליצײַ האָט בעשום־אויפֿן „ניט געקאָנט אָפּזוכן" דאָס דאָזיקע הויז.

פֿונדעסטוועגן פֿלעגן טאַקע אין סאַמע צענטער און טאַקע אַנטקעגן דער פּאָליצײַ־פּרעפֿעקטור אָפּט פֿאָרקומען דעמאָנסטראַציעס. ניט גאָר קיין גרויסע. ניט, פֿאַרשטייט זיך, ווי עס קומען הײַנט פֿאָר אויף דער וועלט די אַנטימילכאָמע־דעמאָנסטראַציעס. צי, זאָלן מיר זאָגן, אין טשילי — די אַנטי־פּינאָטשעט־אַרויסטרעטונגען אויף די גאַסן. נאָר פּאָרט — דעמאָנסטראַציעס. ייִנגלעך און מיידלעך, אָרעמע, אַרבעטלאָזע, האָבן אײַנגענומען מיט זייערע שטענדיקע געשרייען „אַרבעט און ברויט" אָנגעהויבן אויסשרײַען: „נידער מיטן פֿאַשיזם!", „דער פֿאַשיזם וועט ניט דורכגיין!" פּאָליצײַ־אַטריאַדן אויף פֿערד האָבן די דעמאָנסטראַציעס צעטריבן, מיט די פֿערדס קאָפּיטעס די דעמאָנסטראַנטן צעטראָטן. יענע, וואָס מ'האָט פֿאַרשלעפּט טאַקע אַהער, אין דער פּאָליצײַ־פּרעפֿעקטור, זײַנען פֿונדאַנען אויך אַרויס מיט צעבראָכענע הענט און פֿיס אָדער מיט אָפּגעשלאָגענע לונגען — אויב זיי זײַנען אַרויס. אויב מ'האָט זיי אײַנציקווײַז ניט אָפּגעשיקט צופֿוס, פֿון איין זשאַנדאַרם־פּאָסט צום אַנדערן, אַהיים, אין שטעטל צי אין דערפֿל, פֿונוואַנען זיי זײַנען אַהער געקומען. אויב מ'האָט פֿאַר די דאָזיקע עטלעכע ווערטער, וואָס זיי האָבן אויסגעשריגן אויף אַ קאָל, זיי ניט פֿאַרמישפּעט אויף יאָרן טפֿיסע.

כ'האָב דעמלט ניט געפֿירט קיין טאָגביכלעך; איצטער ניט געגראָבן זיך אין אַרכיוון, אַפֿילע ניט דורכגעבלעטערט דעמלטיקע צײַטונגען. כ'פֿאַרלאָז זיך נאָר אויף מײַן זיקאָרן. דאַטעס, פּינקטלעכע טעג אָדער כאָדאָשים, באַקומען זיך, מעגלעך, איבערגעמישט, געשעענישן — איבערגעשטעלט. אין זיקאָרן אָבער איז פֿאַרקריצט דאָס איקערדיקסטע. ס'האָט זיך דאָרט אָפּגעזעצט דאָס געדיכטסטע, די געדיכט־אָנגעלאָדענע פֿולווערדיקע לופֿט אין יענע ערעוו־מילכאָמעדיקע דרײַסיקער יאָרן.

אַזוי, דרויסנדיק, בפֿראַט אין דער הויפּט־שטאָט, האָט אַלץ קלוימערשט אויסגעזען פֿאַרפּוצט, צוגעקעמט. טאַנגאָס און שימיס, נאַציאָנאַלע קלעזמער־קאַפּעלעס, דיסערן־זינגער, רייכעס פֿון געבראָטן פֿלייש — אין ראַשיקע רעסטאָראַנען אויף יעדן ראָג. אין די האַנדל־גאַסן — בלישטשענדיקע וויטרינעס, אַ געדיכטער אוילעם אָפּ און אויף. כאַסענעס און בריסן, טעאַטערס, פּורים־קאַרנאַוואַלן, האַנדל־וואַנדל־זשום אַפֿילע אין ייִדישן פּערטל — אויף וואַקאַרעשט און דודעשט.

נאָר ערגעץ אינווייניק, אין טיפֿענישן, האָבן שוין געזאָטן ערדציטערנישן. דעם עפּל מיט די גלאַנצנדיקע בעקעלעך האָט אינווייניק געפֿרעסן אַן אײַנגעקאָרטשעט ווערעמל.

באנקראָטן. זעלבסטמאָרדן. פאַרמאַכטע פאַבריקן. שטרײַקן. אַרבעטלאָזע. אין אַ פּאָר יאָר אַרום נאָך די מאַסן־דערשיסונגען אין קוילנגרעבער־שטעטל לופּען — די בוקאַרעשטער גריוויצע־געשעענישן: נאָך בלוטיקערע שיסערײַען אין טויזנטער שטרײַקנדיקע אַרבעטער בײַ די מעכאַנישע אײַזנבאַן־וואַרשטאַטן אַף גריוויצע. הונדערטער טויטע און פאַרוווּנדעטע.

רעגירונגען פאַלן. נײַע, אַ ביסל אַנדערש געפאַרבטע רעגירונגען שפּילן ווײַטער די זעלבע שפּיל. דער קיניג קאַראָל אַנטלויפט פּלוצעם קיין אויסלאַנד; אין לאַנד קיניגט דער זעקסיאָריקער טראָן־יורעש זײַנער מיכאַי; מע ברענגט דערנאָך קאַראָלן צוריק. אײַזנגוואַרדייער שלעפּן אַרויס דעם אייגיקן פּרעמיער־מיניסטער קאַלינעסקון פון זײַן אויטאָמאָביל אַפן וועג צום קיניגס הייפל, דערשיסן אים אײַנמיטן גאַס, פאַר יעדן אין די אויגן. אַף מאָרגן הענגען אין אַ סאַך שטעט, אַף טעלעפאָן־סלופּעס, אויך אײַנמיטן גאַס פאַר יעדן אין די אויגן, אײַזנגוואַרדייער. איבערן גאַנצן לאַנד הייבן זיך אָן טעראָר־אַקציעס קעגן קאָמוניסטן. עס שאַפן זיך אַנטיפאַשיסטישע קאָמיטעטן. עס קומען פאָר אַנטיפאַשיסטישע מיטינגען. און עס קומען פאָר ניט ווייניקער פּראָצעסן קעגן אַנטיפאַשיסטן. די טפיסעס זײַנען פול מיט פאַרמישפּעטע. לעגאַלע, מער־ווייניקער פּראָגרעסיווע צײַטונגען דערשײַנען מיט ווײַסע צענזור־פלעקן. די זודעניש אין די טיפענישן וואַקסט. און איבער אַלעמען — היטלערס ווילדע רײַ־טשערײַ אין די ראַדיאָס. ס'איז שוין נאָך דער באַוווּסטער קרישטאָל־נאַכט. די סרייפע־פּראָוואָקאַציע אין רײַכסטאַג איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן. אַלבערט איינשטיין, לעאָן פויכטוואַנגער, טאָמאַס מאַן און היינריך מאַן, שטעפאַן צווייג און אַרנאָלד צווייג, בערטאָלד ברעכט, ערנסט טאָלער, ווילי ברעדעל, אַנאַ זעגערס זײַנען שוין פון דער היים זייערער פאַרטריבן געוואָרן...

ב

ווער איז, מײַנס איר, אין יענע טעג געווען בײַ אונדזער אוילעם דער באַליבטסטער מענטש אין דער וועלט?

מאָלט אײַך, דאַפקע ניט סטאַלין. סטאַלין איז אין אונדזערע אויגן געווען „דער געניאַלסטער", „דער אַלמעכטיקסטער", נאָר דאַפקע ניט דער באַליבטסטער. מיר האָבן מיט דער גרעסטער ליבשאַפט און בענקשאַפט, מאַמעש ווי אַ לײַבלעכע מאַמע, ליב געהאַט דאָס סאָוועטנלאַנד. אויסגעטרוימט און אויסגעצערטלט עס אין אונדזערע שענסטע געפילן. דאָס גאַנצע לאַנד. אַלצדינג, יעדן אין לאַנד. דעם טראַקטאָריסט אַף זײַן טראַקטאָר. דעם רויטאַרמייער מיטן שטערן אַפן היטל. די מאַרשירנדיק־לאַכנדיקע מיידלעך איבער די גאַסן. די לידער, די ליטעראַרישע העלדן אין די געציילטע עטלעכע ביכלעך און אין די פּאָר פילמען, וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען. אַפילע די אויטאָמאָביל־סיגנאַלן — באַנאַכט דורך דער ראַדיאָ — אַפן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע. אַלצדינג, יעדן און קיינעם ניט באַזונדער אַליין — דאָס לאַנד אײַנגאַנצן.

צו סטאַלינען האָבן מיר געפילט כוץ־לעדערעך־האַטעוועדיקן אָפּשײַ, פאַרגעטערטקײַט, יִיראַס־שאָמאַיִמדיקײַט. דעריבער, אַפאַנעם — ניט־היימישקײַט, ווײַטקײַט, דאָס פּראָסטע וואָרט „באַליבטקײַט" האָט זיך עפּעס צווישן דעם ניט אַרײַנגעפּאַסט.

כ'זאָג דאָס ניט איצטער אַזוי, ווײַל איך קוק איצט מיט אַנדערע אויגן. כ'זיץ און וועג און מעסט און רוף אין זיך אַרויס מיט אַלע פּינקטלעכקײַטן די געפילן, וואָס זײַנען געווען אין מיר, קוקנדיק מיט די דעמאָלטיקע אויגן. דאָס, וואָס מיר ווייסן וועגן סטאַלינען הײַנט, האָבן מיר דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, אַף קיין האָר ניט געוווּסט. פאַרוואָס מיר האָבן צו אים געפילט מערער אָפּשײַ, פאַרגעטערטקײַט, יִיראַס־שאָמאַיִמדיקײַט און ווייניקער ליבשאַפט, קאָן איך מיר נאָך הײַנט גוט ניט פאַרטײַטשן. נאָר אַזוי איז דאָס געשען. אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען.

ווער זשע איז דעמאָלט יאָ געווען בײַ אונדזער אוילעם דער סאַמע באַליבטסטער מענטש? און ניט נאָר בײַ אונדזער אוילעם — אויך בײַ אַזוינע, וואָס זײַנען געשטאַנען ווײַט פון אונדז. און אַפילע בײַ אַזוינע, וואָס האָבן פון אונדז אָוועקגעמאַכט, זײַנען געווען קעגן אונדז.

מאָלט אײַך — אַ מענטש, וואָס האָט מיט קיין לאַנד ניט אָנגעפירט, איז ביז דעמאָלט אַף דער וועלט קיין נאָמען ניט געווען, אַן אומבאַוווּסטער צווישן אַלע טויזנטער און הונדערטער אומבאַוווּסטע אַף דער ערד.

און אָט דער דאָזיקער אומבאַוווּסטער און פּראָסטער נאָמען געאָרגי דימיטראָוו האָט מיטאַמאָל אַ קלונג געטאָן איבער דער גאָרער וועלט.

מיר פלעגן אים, געדענק איך, טאָג בײַ טאָג איבערכאַזערן צווישן זיך, ווי אַ בראָכע, ווי אַ מאַזלטאָוו. ער האָט אין אונדזערע שטיבער אָנגעבראַכט האָפענונג און טרייסט: די ווילדע כײַע, וואָס רוקט זיך אָן אַף דער וועלט אומצוברענגען זי, איז אינדערעמעסן נישטיק און קליינלעך, האַלט זיך אַף אַן אופגעבלאָזענער ליידיקײַט, אַף ליגנערישקײַט, די אופגעבלאָזנקײַט וועט סאָפּקאָלסאָף פּלאַצן,

מיט איר שעקער וועט די כײַע סאָפּקאָלסאָף זיך אַליין פֿאַרטיליקן. דער בילבל, אַז דימיטראָוו מיט זײַנע כאַווײרים האָבן אונטערגעצונדן דעם רײַכסטאַג, דער פּראָצעס זײערער דערנאָך אין לײַפּציג — לאַנגע כאַדאָשים און וואָכן זײַנען דערמיט פֿול געווען אַלע גרויסע און קליינע צײַטונגען. דאָס איז דעמאָלט געווען די סענסאַציע פֿונעם טאָג. אַלע ווערטער, וואָס דימיטראָוו האָט אויפֿן פּראָצעס, — איינער אַליין, קאָן מען זאָגן, צווישן דער כײַעס נעגל, — אַ וואָרף געטאָן די ריכטער זײַנע אין פּאָנעם אַרײַן, פֿלעגן מיר אין די צײַטונגען אַרויסלייענען מיט בלישטשענדיקע אויגן, איבערכאַזערן זיי דערנאָך צווישן זיך מיט אַזאַ באַזונדערן עקסטאַז, ווי אַ מין שפּרוך, אַ קלאָלע דעם פֿאַשיזם. פֿון דימיטראָווס צענדליקער פּאַטאָס טאָג בײַ טאָג אין די בלעטער האָט קוידעמקאָל אַרויסגעקוקט רויִקײַט, פֿאַשטעטקײַט און גוטסקײַט; אַמאָל צאָרן, אופֿגעבראַכטקײַט; אַמאָל — זיכערקײַט, אַז כאָטש ער איז אַרומגערינגלט מיט אַזויפֿיל מיליטערישע פּרענטשן, שליפּעס און אַקסלבענדער, אַזויפֿיל רעוואָלווערן בײַ די לענדן און ביקסן אויף די אַקסלען, וועט דאָפֿקע ער, אין זײַן פּראָסטן אָפּגעבליאַקעוועטן רעקל, באַוואָפֿנט מיטן אייניציקן וואָפֿן זײַנעם, וואָס הייסט „עמעס“, אַרויס דער זיגער; אַמאָל — גרייטקײַט פֿאַרן עמעס אומקומען, נאָר אויסשרײַען אים אויף אַ קאָל, אַ וואָרף טאָן אים די שאָפֿטים זײַנע אין די פּענעמער.

דימיטראָוו האָט זיך צוגעקלעפּט צו אונדזערע הערצער. מיר האָבן אים אײַ ליב באַקומען, אײַ באַוווּנדערט. זײַן ניצאָכן אויפֿן לײַפּציגער פּראָצעס איז דעמאָלט געווען אײַ דער ערשטער ניצאָכן איבערן פֿאַשיזם, אײַ דאָס ערשטע מישפּעטן, פֿאַר דער גאַנצער וועלט, דעם פֿאַשיזם.

אין דימיטראָווס פּראָסטן און שטאָלצן האַלטן זיך אויפֿן פּראָצעס, אין זײַן מאַכן קעסיידער טילטעל פֿון די פֿאַלשע באַשולדיקונגען קעגן אים און זײַנע כאַווײרים; אין די לאָגישע אַרגומענטן זײַנע, אַז ניט די באַשולדיקטע, נאָר אַליין די באַשולדיקער זײַנען שולדיק אין דער דאָזיקער גאַנצער צונויפֿגעשטעלטער שפּיל; און לעסאָף — אײנעם מוזן באַפֿרײַען אים, האָט די וועלט ווידעראַמאָל געזען, אַז דער גרעסטער קויעך אין אַלע צײַטן איז פֿונדעסטוועגן דער עמעס.

דעם פֿאַשיזם, אין זײַן גאַנצן דעמאָלטיקן גלאַנץ, האָט מען אויפֿן פּראָצעס דערזען נעבעכדיק און פֿאַרנאַרישט. ענלעך צום פּראָוואָקאַטאָר זײערן וואַן־דער־ליובע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן אויפֿן פּראָצעס פֿאַרטשאַדעט, מיט שלאַבעריק־אַראָפּגעהאַנגענע הענט, קײן וואָרט פֿונעם מויל ניט אַרויסגעבראַכט, שוין אויפֿן פּאָנעם גוט דערפֿילט, אַז פֿון דער דאָזיקער פֿאַרדרייעניש, וואָס מ׳האָט מיט אים פֿאַרדרייט, וועט ער אַליין מוזן גיין צו דער טליִע...

ביכלאַל זײַנען די דעמאָלטיקע דרײַסיקער יאָרן געווען פֿול מיט פּראָצעסן. אין זיקאָרן איז געבליבן פֿאַרקריצט דער היימישער, רומענישער פּראָצעס קעגן די גריוויצער אײַזנבאַן־שטרײַקער. עטלעכע הונדערט אַרבעטער זײַנען בעשאַסן שטרײַק אויף דער גריוויצע דערשאָסן געוואָרן צווישן טאָג און נאַכט בײַ די טויערן פֿון די מעכאַנישע אײַזנבאַן־וואַרשטאַטן. אַ גאַנצע ווינטער־נאַכט האָבן לאַסט־אויטאָס צעפֿירט איבער די בוקאַרעשטער גאַסן טויטע גופֿים. מ׳האָט זיי פֿאַרברענט אין קרעמאַטאָריעס, צי בישטיקע באַגראָבן ערגעץ אַרויס דער שטאָט אויף פּוסטע פֿעלדער. שאַ־שטיל. קײן שפּור זאָל דערפֿון ניט בלײַבן. די פּרימאַרגן־בלעטער זאָלן קאָנען מודיִע זײַן, אַז „די רעגירונג האָט געמוזט אָנעמען מיטלען, די געשעענישן אויף גריוויצע זאָלן זיך פֿאַרענדיקן. עס זײַנען פֿאָרגעקומען איבערשיסונגען. אין סאַכאַקל — דרײַ אָדער פֿיר טויטע...“

געמישפּעט האָט מען דערנאָך, פֿאַרשטייט זיך, ניט די צעשיסער, נאָר, ווידער, די צעשאָסענע. ס׳הייסט, די, וועלכע זײַנען נאָך דער האַריגע געבליבן לעבן. בִיפֿראַט יענע, וואָס האָבן מיט דעם שטרײַק אָנגעפֿירט, האָבן דעם אוילעם צום שטרײַק „אָנגערייצט“.

די מאַכט האָט אויפֿן פּאָנעם מוירע געהאַט, דער פּראָצעס זאָל פֿאָרקומען אין בוקאַרעשט. מ׳האָט אים אַרויסגעפֿירט אין דער זײַטיקער שטילערער שטאָט קראַיאָווע. אַזוי טאַקע, דאַכט זיך, אָנגערופֿן אים: דער קראַיאָווער פּראָצעס. ער האָט זיך אויך אָוועקגעצויגן לאַנגע כאַדאָשים און וואָכן. געצויגן זיך, אַלעמאָל אָפּגעלייגט געוואָרן, איבער נאַרישע פּראָצעדור־קלייניקײַטן. מע׳רער אויפֿן פּאָנעם צוליב דעם, דער אוילעם זאָל זיך צום פּראָצעס צוגעוווינען. עס זאָל ווערן אַ וואָכעדיקער גאַנג. דער פּסאַק־דין באַם סאָף זאָל אויפֿגענומען ווערן קילער, אָן לײַדנשאַפֿטן.

נאָר גראָדע באַם סאַמע סאָף, מ׳האָט דעם פּסאַק־דין אָט־אָט שוין געזאָלט אַרויסטראָגן, האָט ערשט גוט אַ ראַש געטאָן.

ווען די שאָמרים האָבן צוויי הויפּט־באַשולדיקטע אָפּגעפֿירט צופֿוס פֿונעם טריבונאַל צוריק אין טפֿיסע אַרײַן, איז אויפֿן וועג אײנעם פּלוצעם שלעכט געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם האַרצן און איז אַוועקגעפֿאַלן אויף דער ערד אַ פֿאַרכאַלעשטער. מ׳האָט בײדע באַשולדיקטע אַרײַנגעזעצט מיט אַ שוימער אין אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז גראָד געשטאַנען בײַ דער זײַט. דעם שוימער האָט מען דערנאָך געפֿונען אין אַ וועלדל אַרויס דער שטאָט מיט פֿאַרבונדענע הענט און פֿיס, ס׳מויל — פֿאַרשטאָפּט מיט אַ האַנטעך. די צײַטונגען האָבן, ווי געוויינלעך, געשריבן, אַז אין דאָזיקן שטיקל אַרבעט שטעקט „די מאָסקווער האַנט“. ס׳האָבן זיך אַפֿילע פֿאַרשפּרייט יעדיִעס, אַז טאַקע באַלד, אין אַ פּאָר טעג

אַרום, האָט מען ביידע „באַשולדיקטע", אָנפֿירער פֿונעם גריוויצער שטרײַק, געהערט אַרויסטרעטן אין מאָסקווער ראַדיאָ.

מאָסקווע האָבן די „גרויסע" צײַטונגען דעמאָלט אין רומעניע באַזונדער געהאַלטן אויפֿן אויג. דערגרייכונגען — פֿאַרמינערט, אויסגעטײַטשט קאַפּויר, אָדער אָפּגעפּאַטערט מיט אַ פּאָר שורעלעך, פֿאַרשטופּט ערגעץ אויף דער לעצטער זײַט אין אַ טונקל ווינקל. אומדערפֿאָלגן, מינדסטע שוועריקײַטן — צעבלאָזן, פֿאַסמאַקעוועט מיט די פֿעטסטע אויסיעס, פֿאָרנט, אין סאַמע אויבנאָן. גאָר אַ געשמאַקער ביסן פֿאַר אַזאַ סאָרט צײַטונגען זײַנען דעמאָלט געווען די „מאָסקווער פּראָצעסן". מ׳האָט זיי צעלייגט אויף טעלערלעך, צעשמירט מיט אַלע פֿישטשעווקעס אויף גאַנצע זײַטן, באַפּוצט מיט קאַריקאַטורן, סטאַלינען אָנגעמאָלט מיט אַ האַק אין דער האַנט אַנטקעגן אייגענעם האַלדז. בײַ אונדזער אוילעם האָבן די פּראָצעסן דעמאָלט אין מאָסקווע אויך אַרויסגערופֿן פֿאַרשיידענע טאָלקן. ווער ס׳האָט זיי אָן שום צווייפֿל באַגיטיקט: ס׳איז אַ גלײַכער גאַנג, אַ מוז. אין ביטערן קאַמף איצט אויף דער וועלט צווישן ליכטיקײַט און פֿינצטערניש איז עס אַ נאַטירלעכע נויטווענדיקײַט. פֿאַרעטער, ביפֿראַט אייגענע, מוזן, אָן דער מינדסטער פּשרה, באַשטראָפֿט ווערן מיט דער גרעסטער שטראָף. ווער ס׳האָט שטילערהייט, אין זיך, געוויטיקט: פֿונוואַנען זשע האָבן זיך צווישן אייגענע גענומען פֿאַרעטער, אַזויפֿיל פֿאַרעטער? און ווער ס׳האָט געהויבן מיט די אַקסלען: ער פֿאַרשטייט ניט, ער באַגרײַפֿט עס ניט. אויף אַ קאָל געזאָגט, אַז אויב ס׳איז אַזוי, דאַרף עס אַוודאי אַזוי זײַן. און אין די מאַכשאָוועס זײַנע, קיינער זאָל עס, כאָלילע, ניט דערהערן, געטראַכט, אַז עפּעס קומט דאָ פֿאָר אַזוינס, וואָס דאַרף, אין אַזויפֿיל יאָרן אַרום נאָך אַזאַ אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ניט פֿאָרקומען.

וואָס האָב איך אַליין דעמאָלט געטראַכט?

(אויך אין דער שטיל, קיינער זאָל עס, כאָלילע, ניט דערהערן. איצט מעג איך עס שוין אַרויסזאָגן אויף אַ קאָל.)

איך זיץ איצטער, און וועג, און מעסט, און רוף אַרויס אין זיך, ניט פֿאַרגרײַזט, מיין איך, די דעמאָלטיקע טראַכטונגען און געפֿילן מײַנע. ס׳האָבן מיך אין די נעכט געמוטשעט אַזעלכע מאַכשאָוועס: פֿאַרוואָס האָט דימיטראָוו, אין די סאַמע נעגל פֿון צעווילדעוועטע מענטשנפֿרעסער, געהאַלטן זיך מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, ווירדיק אָפּגעקלאַפּט אַלע באַשולדיקונגען קעגן זיך, דערוויזן דער וועלט דעם עמעס, געזיגט, זיך און זײַנע כאַווײרים פֿונעם טויט אַרויסגעראַטעוועט? און זיי, די מאָסקווער באַשולדיקטע, אַזאַ בוכאַרין, לעמאַשל, צי אַזאַ יאַקיר. מענטשן, וואָס האָבן די רעוואָליוציע אויסגעטראָגן אויף זיך, באַגרינדעט זי, פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין איר, אַרמיי־פֿירער, וואָס האָבן אין בירגערקריג די רעוואָליוציע אויסגעקעמפֿט, פֿאַרוואָס האָבן זיי, אויף די מאָסקווער פּראָצעסן, צווישן אייגענע, געהאַלטן זיך אַזוי פֿאַרלוירן, אָנמעכטיק, אָנערקענט אויף זיך די גרעסטע פֿאַרברעכנס, מיט קיין איין וואָרט ניט פֿאַרטיידיקט זיך, אַפֿילע קיין פּרוּוו ניט געמאַכט ריין צו וואַשן זיך? איז דימיטראָוו פּאַשעט אַזאַ גרויסער, אַזאַ שטאַרקער, און זיי — אַזעלכע קליינע, שוואַכע? צי עפּשער איז דימיטראָוו געווען שטאַרק, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אומשולדיק, און זיי — שוואַך, ווײַל זיי ווייסן גוט, אַז זיי זײַנען יאָ שולדיק? וויאַזוי זשע האָבן אַזעלכע מענטשן אַזוי געקענט אַראָפּפֿאַלן? אַזוי פֿאַרברעכעריש פֿאַרשולדיקן זיך קעגן דער רעוואָליוציע? ניין, עפּעס לייגט זיך עס ניט אויפֿן סייכל. דער מענטש קאָן ניט פֿון זײַן הייך, אויב ער איז אויף אַ הייך, אַזוי נידעריק אַראָפּזינקען. אויב זיי זײַנען, ווידער, ניט שולדיק, פֿאַרוואָס זשע האָט מען זיי געמאַכט פֿאַר שולדיק? און ווער האָט זיי געמאַכט פֿאַר שולדיק?

ס׳איז מיר אַזוי ניט געווען רעכט און ס׳איז מיר אַנדערש ניט געווען רעכט. גאַנצע נעכט האָבן מיך די מאַכשאָוועס געמוטשעט און כ׳האָב זיי מיר ניט געקאָנט פֿויסער זײַן. עס זײַנען געבליבן אין מיר ניט פֿאַרטײַטשטע רעטענישן.

הײַנט ווייסן מיר שוין אַלע גוט, אַז די באַשולדיקטע אויף די מאָסקווער פּראָצעסן זײַנען ניט געווען קיין פֿאַרברעכער. זייער קאָוועד איז צוריק אויפֿגעשטעלט געוואָרן. זייערע נעמען — ווידער ריינע, מיר ווייסן דאָס ערשט הײַנט, זיי אַליין אָבער האָבן עס דעמאָלט שוין געוווּסט. פֿרעגט זיך: פֿאַרוואָס זשע האָבן זיי אויף די פּראָצעסן געשוויגן, ניט אויסגעשריגן זייער אומשולד אויף אַ קאָל?

איך פֿאַרענטפֿער עס מיר הײַנט אַזוי: דאָס איז געווען אַ לאָגישער המשך פֿון זייערע רעוואָליוציאָנערע לעבנס־געשיכטעס — קאָרבאָנעס־גרייטקײַט פֿאַר דער רעוואָליוציע, פֿאַר דער ריינקײַט פֿון די אידייען, וועמען זיי האָבן דאָס גאַנצע לעבן זייערס געדינט.

אויפֿן לייפּציגער פּראָצעס איז דימיטראָוו פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון אַ באַשולדיקטן אין אַ באַשולדיקער, קעדיי דעם היטלעריזם אַראָפּרײַסן די מאַסקע פֿונעם פּאָנעם. זיי, אויף די מאָסקווער פּראָצעסן, האָבן געשוויגן, באַוווּסטזיניק געגאַנגען שטאַרבן ווי שולדיקע, קעדיי עס זאָל ניט פֿאַרפֿלעקט ווערן דאָס אויסגעבענקטע און אויסגעקעמפֿטע סאָוועטנלאַנד זייערס, די פֿרייד און די האָפֿענונג פֿון אַלע געקריוודעטע און פֿאַרשטויסענע אין דער וועלט. ניט אומזיסט, זעט אויס, האָט יאַקיר פֿאַר זײַן טויט אַ געשריי געטאָן: „זאָל לעבן סטאַלין!" ער האָט גוט געוווּסט, אַז ער פֿאַלט אַ קאָרבן אומשולדיק. און

האָט אוואדע אויך געוווּסט, ווער ס'איז אין זײַן טויט שולדיק. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז מיט סטאַלינס נאָמען אָטעמט דער גאַנצער אַנטיפאַשיסטישער פראָנט אויף דער וועלט. און ער האָט אפילו אין די לעצטע מינוטן זײַנע אין זינען געהאַט דעם דאָזיקן פראָנט. געוואָלט, ער זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערן. אַזוי פאַרטײַטש איך מיר די אַלע טראַגישע קאַליזיעס. מעגלעך, כ'בין ניט גערעכט. מעגלעך, דאָס איז ניט די בעסטע פאַרטײַטשונג. כ'בין אָבער זיכער, אַז פאַרטײַטשן דאַרף מען דאָס נאָר צו גוטן, נאָר דערהויבן, נאָר ווי העלדישקײַט. איך גלייב אין דעם. אַנדערש וואָלט איך ניט געקאָנט גלייבן דעם זאָג: דאָס וואָרט מענטש קלינגט שטאָלץ!..

ג

איך פאַרמאַך די אויגן און דערזע פאַר זיך צעהוידעט די צוויי בוקאַרעשטער ייִדישע גאַסן. אין דער מיט — מײַן גאַס, קאַלאַנעל אַררע (הײַנט — „אבראַם גאָלדפאַדן") און אין ביידע זײַטן — וואַקאַרעשט און דודעשט.

ייִדן לויפן, ראַשן, דרייען; שרײַען אויס: „קויפט, קוינים!"; זיצן אויף שוסטער־בענקלעך; שטעפּן אויף ניימאַשינען; רוקן אַרום מיט אַ טראַסקערײַ די אײַזערנע שטאַרעס בײַ זייערע גאַלאַנטערײַ־קליטלעך; קוויקן זיך פרײַטיק אין מערכעץ; אײַלן שאַבעס אין שול אַרײַן, זונטיק — אין די טעאַטערס; מאַכן בריסן; פּראַוון כאַסענעס; ניאַנטשען אייניקלעך; זינגען בעגילופנדיק אויף פּורים־סודעס; גייען, לעד־האָודל, נאָך נאָך לעוויִעס; שפּאַרן זיך, היצן זיך, בעטן זיך איבער, קלאַפּן זיך אין די פּלייצעס; לויפן, ראַשן, לעבן.

פּונקט אַזוי, ווי אין פּאַריזש אויפן „פּלעצל". אין לאָנדאָן — אויפן ווײַטשעפּל. קימאַט אַזוי, ווי אויף די וואַרשעווער נאַלעווקעס.

קיינער זעט נאָך דערווײַל ניט, אפילו אין קיין בייזן כאָלעם, דאָס, וואָס ס'וועט מיט אים פּאַסירן קומען אַט־אַט, אין איינע פּאָר יאָר אַרום.

אַ הויכער צעשויבערטער יונגערמאַן, אויסגעמאָגערט און אויסגעדאַרט, ווי אַ פּאַרצײַטיקער פּאַרעש. ס'פּאָנעם זײַנס — פּאַרוואַקסן, אַרום האַלדז — אַ לאַנג שאַרפל, עטלעכע מאָל אַרומגעוויקלט, לויפט אָן מיט צעפּאָכעטע הענט, צעשרײַט זיך אינמיטן גאַס מיט אַ פאַרכריפּעט קאָל:

— שטייט, ייִדן!.. כאַפּט ניט!.. לאָזט זיך ניט אַרײַנשטופּן אין די וואַגאָנען... מע פירט אײַך אויף יענער־וועלט... הארגענען אײַך פירט מען...

דעם יונגנמאַן רעדלט אַרום אַן אוילעם. דער יונגערמאַן שרײַט וואָס אַ מאָל העכער. ניט ער שרײַט — ער יעכצט:

— מענטשן, מ'עט אײַך אויסשטעלן איינעם הינטערן אַנדערן. מיט די רענצלעך אין די הענט. מיטן האָב־און־גוטס אין די רענצלעך. שורעסווײַז. אַלע. יעדן. מענער און ווײַבער. אַלטע לײַט און קינדער. אויפן טויער וועט שטיין אויפגעשריבן: „אַרבײַט מאַכט דאס לעבן זיס!" און אָרקעסטער וועט אײַך צושפּילן „אַ בריוועלע דער מאַמען". מ'עט אײַך אויסטאָן נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אײַך געהאַט. אַרײַנפירן אָפּבאָדן זיך. פון די דושן וועט אַ שפּריץ טאָן ניט קיין וואַסער. גאַז... גאַז... פאַר־סאַמטער גאַז... איר וועט פאַרגאַזט ווערן און פאַרברענט ווערן. קיין אַש וועט פון אײַך אפילו ניט בלײַבן...

איינער צווישן אוילעם:

— אַ צעדרייטער. אַפּאָנעם אַנטלאָפן פון אַ מעשוגאָיִם־הויז.

דער יונגערמאַן יעכצט ווײַטער:

— מ'עט פון אײַך קאָכן זייף... „ריינעס יודן־פעטס"... מיט אײַערע טעכטערס האָר וועט מען אָנשטאָפּן מאַטראַצן... פון אײַער הויט וועט מען אויספלעכטן דאַמען־טעשלעך, רידיקיולעכלעך...

אַ צווייטער צווישן אוילעם:

— אַ קראַנקער, נעבעך. מע דאַרף עפּעס זען טאָן.

אַ דריטער:

— כ'האָב שוין געטאָן. באַלד וועט אָנפאָרן די „גיכע הילף".

דער יונגערמאַן:

— אַ הויכער באַרג מיט קינדער־שיכעלעך... אַ פּיראַמידע פון היימישע קינדער־שיכעלעך... קינדער־שיכעלעך...

פּאָליציי טרײַבט דעם אוילעם: „צעגייט אײַך! צעגייט אײַך!" די „גיכע־הילף"־קאַרעטע מיט די צוויי רויטע צײלעמס אין ביידע זײַטן פאָרט אָפּ מיט אַ פײַפערײַ. די גאַס ווערט מיטאַמאָל פּוסט. אין דער פּוסטקײַט הילכט אָפּ אַ ווידערקאָל פון אַ געלעכטער.

מיט פאַרמאַכטע אויגן דערזע איך מיטאַמאָל פאַריגלטע, קאָפּ אױף קאָפּ אָנגעשטופּטע וואַגאָנען. לאַנגע־לאַנגע שורעס מענטשן, מיט רענצלעך אין די הענט, איינער הינטערן אַנדערן. כ׳דערהער אַן אָרקעסטער שפּילן „א בריוועלע דער מאַמען"...

אין מײַן וויזיע באַווײַזט זיך דאָס באַקאַנטע ייִנגעלע מיט די אויפגעהויבענע הענטלעך, פאַרן אַפּפירן עס צום „שלאָג־פּלאַץ". כ׳האָב דאָס ייִנגעלע ניט נאָר איין מאָל געזען אין צײַטונגען, אין געטאָ־ביכלעך. עס איז אין מיר פאַרבליבן, ווי א סימבאָל פון אומגעבראַכטער שיינקײַט און ריינקײַט. א געקעסטלט באַכעריש היטעלע מיט א קנעפּל אויבן. א גראָיסשטאָטיש געקעסטלט פּאַלטאָכל. שוואַרצע קאַרשן־אייגעלעך. א פּנעמל, פול מיט צער, מיט טמימעסדיקײַט, מיט קינדערשער זויבערקײַט און קינדערשן כיין...

מיר פאַר דיר, ייִנגעלע מײַנס. פאַרמוטשעט און אויסגעהאַרגעט פאָלק מײַנס.

ד

בערל שנאַבל האָט גערעדט א „ברײַטן", באַזונדער זינגעוודיקן טראַנסילוואַנער ייִדיש. ער איז ערשט מיט א פּאָר יאָר צוריק אוועק פון דער מאַראַמאַרעש־סיגעטער יעשיווע און האָט שוין ניט פאַרמאָגט אין זיך קיין סימען פון יעשיווע־באָכערישקײַט. מיט זײַן געפּאַקטקײַט און קײַלעכדיקײַט, מיט די צוויי שורעס גלײַכע, בלישטשענדיק־ווײַסע ציין אין מויל, מיט זײַנע העלע, אַמאָל צוגעקעמטע, מערער מאָל צעכאָרשטענע האָר אַפן קאָפּ, מיט די שטענדיק פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיטן האַרטלעך־נידעריקלעכן קאָל באַם אויסזינגען זײַנע רייד, האָט ער מערער דערמאָנט א טראַנסילוואַנער וואַלדטעסלער, א „זעג"־אַרבעטער, אָדער — שלעפּט אױף אים אַרוף א פּאָר פאַרמעליקטע הויזן און פּודערט אים א ביסל צו די ברעמען — א מילנער־יונג פון די יונגען, וואָס ער האָט אויסגעדיכטעט אין זײַן ערשט לידער־ביכל „די מילנער־גאַס".

לידער האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן נאָך אין דער יעשיווע. לידער, פאַרשטייט זיך, אַפּיקאָרסישע, שקאָציש־צעכראַסטעטע, לאַנגע און ברייטע פערזן, ווי שליאַכן, די ברייט פונעם זײַטל האָט זיי ניט געקלעקט, יעדער פערז אין יעדער ליד האָט געמוזט ווערן אָנדערהאַלבן פערזן. פולע מיט צאָרן קעגן אייבערשטנס סיידער־האָוילעם, נאָך פולער מיט פּראָסטער ערדישער ליבע־האַנאָע, אויסגעטרוימט און אויסגעוויייטיקט, געזען בלויז אין זײַנע באַנאַכטיקע כאַלוימעס אױף דער האַרטער קוועטשנדיקער יעשיווע־שלאָפבאַנק.

וועגן דער יעשיווע פלעג ער קיינמאָל ניט רעדן. וועגן דער „מילנער־גאַס" זײַנער — אויך זעלטן. דאָס אַלץ, פלעג ער זאָגן, איז געווען פריִער. לאָמיר בעסער רעדן וועגן שפּעטער.

בערל שנאַבל איז אַרײַן צו מיר שפּעטלעך אין דער נאַכט, מיר האָבן זיך שוין געזאָלט לייגן שלאָפן, פאַרענטפערט זיך פאַר אָלגען, אַז ער איז שוין הײַנט צוויי מאָל געווען דאָ און די טיר געטראָפן פאַרשלאָסן, מיר דערנאָך א זאָג געטאָן:

— מאָרגן גייען מיר צו פאַנאַיִט איסטראַטין. כ׳האָב אים הײַנט אָליין אָנגעקלונגען. מאָרגן פונקט דרײַ אַזייגער נעמט ער אונדז בײדע אויף.

— וואָס האָסטו אים געזאָגט? האָסט אים געזאָגט, ווער מיר זײַנען?

— וואָדען, ניט געזאָגט? צוויי יונגע שרײַבער, וואָס גיבן אַרויס א ליטעראַרישן זשורנאַל, ווילן האָבן מיט אים א שמועס.

— אַז דאָס זײַנען צוויי ייִדישע יונגע שרײַבער, האָסטו אים מודיִע געווען?

— מודיִע געווען, מודיִע געווען.

— וואָס זשע האָט ער געענטפערט?

— גאָרניט. מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. כ׳וויל טאַקע זייער, מאַכט ער, טרעפן זיך מיט אײַך.

— און מיט וואָס פאַר א קאָל האָט ער גערעדט? כ׳מיין, ניט בייז, ווייך?

— מיט גאָר א שוואַך קאָל. קוים געציילט די ווערטער. ער ליגט צו בעט, קראַנק. עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט: מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— און ער נעמט אונדז אויף אַזוי־אָ, קראַנקערהייט? וואָס זשע מיינסטו, ער קער, מעגלעך, כאַראַטע האָבן אױף דער גאַנצער מײַסע, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. פאָרט — אַזא שרײַבער.

— אײַ, גיי. כאַראָטע וועט ער שוין האָבן אױף יענער־וועלט. אַוואַדע פּאַסט אים ניט אַזא מיִעסער ראַש וועגן אים אומעטום. ער וואָלט אַוואַדע געוואָלט הייסן א צאַדיק.

— ער מיינט, מיסטאַמע, אַז ס׳איז עפּעס אַן עכטער זשורנאַל. און ס׳זײַנען צוויי שרײַבער, ווי ס׳קער צו זײַן.

— וואָס ער מיינט, ווועלן מיר שוין זען מאָרגן. האַקלאַל, א גוטע נאַכט. אַרום איינס, האַלב צוויי בין איך בא דיר. מיר דאַרפן זיך צו דער באַגעגעניש נאָך עפּעס צוגרייטן אויך. ניין?

דאָס ליטעראַרישע זשורנאַלכל, וואָס מיר האָבן מיט שנאַבלען זיך געקליבן אַרויסצוגעבן, האָבן מיר אָנגערופֿן „קלאַרקײַט“. דער פּלאַן איז געווען שנאַבלס. אַ פּראָלעטאַרישע כּוידעש־שריפֿט פֿון זעקס־אַכט זײַטן פֿאַר יונגע ייִדישע שרײַבער. דאָ, אין בוקאַרעשט, קאָן וועגן אַזאַ זשורנאַל אַפֿילע קיין רייד ניט זײַן — קיינער וועט אים דיר אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש ניט אָפּדרוקן. דרוקן וועלן מיר אים, — האָבן באַ שנאַבלען אַזש געגלאַנצט די אויגן, — טאַקע אין דער מאַרמאָרעש־סיגעטער טיפּאָגראַפֿיע, ווו עס דרוקן זיך מישנײַעסן, מאַכזיירים, כומאָשים און סידורים, ווו ער אַליין האָט אָפּגעדרוקט זײַן ערשט ביכל לידער „די מילנער־גאַס“. דעם נאָמען דעם זשורנאַלכל — „קלאַרקײַט“ — האָב איך געגעבן. (אײַנײַנעם מיט מײַן כיילעק געלט, די פֿינף הונדערט לײַ, וואָס זײַנען געלעגן באַ־האַלטן אינווייניק אין אונדזער דיוואַן, אָפּגעשפּאָרט אָלגען אויף אַ זומער־מאַנטל. אָלגע האָט זיי מיר דערלאַנגט אַ גליקלעכע, אַזש אָנגעשפּיגן אין זיי: טפֿו, טפֿו, זאָלן זיי דיר ברענגען פֿרייד און האַצלאָכע.) איך האָב אויך אָנגעשריבן, פֿאַר דער ערשטער זײַט, דאָס רעדאַקציע־אַרטיקל. דעם אידײיִשן און קינסטלערישן, אַזוי צו זאָגן, גאַנג פֿונעם זשורנאַלכל. עס ליגט נאָך הײַנט באַ מיר, אין מײַן אַרכיוו, די קאָרעקטור פֿונעם דאָזיקן ערשטן אַרטיקל. זי איז אָפּגעצויגן, לעשעם עקאָנאָמיע אַפּאָנעם, ניט אויף קיין לײַדיקן בויגן. אויף איין זײַט בויגן — דער אַרטיקל, אויף דער אַנדערער זײַט, מיט אַזאַ ראַשע־קסאַוו — פּסוקים פֿון אַ מישנײַעס, צי פֿון אַן „אײן־יאַנקעוו“. די ליכטיקע שײַן האָט אונדזער זשורנאַלכל, פֿאַרשטייט זיך, ניט דערלעבט. אין דער מאַרמאָרעשער טיפּאָגראַפֿיע איז, ווײַזט אויס, צווישן די מאַכזיירים און סידורים געווען אַן אויג, וואָס האָט געקוקט, געזען, אַכטונג געגעבן און, ווײַזט אויס, גוט געוווּסט, וואָס עס קוקט און וואָס עס זעט.

אין זשורנאַלכל האָט זיך געזאָלט אָפּדרוקן בערל שנאַבלס אַ נײַער ציקל לידער, מײַנע אַ דערציילונג, מאָרדכע שקאָלניקס אַ ליד, ייִסראָעל בראָנשטיינס צוויי לידער, ליטעראַרישע נאָטיצן, און אויב מיר וועלן דאָס קענען דערגרייכן, — אַן אינטערוויו מיט פּאַנאַיִט איסטראַטין. פּאַנאַיִט איסטראַטי זאָל אין דאָזיקן אינטערוויו אַליין פֿאַר דער גאַנצער וועלט זיך דעמאַסקירן.

מיט פּאַנאַיִט איסטראַטין, ביפֿראַט מיט זײַן בוך „קירא קיראַלינאַ“, האָט די וועלט געראַשט. פֿון רומעניע, אין דער שטאָט בראַילע באַם דונײַ, ווו ער האָט פֿון קינדווײַז אָן אָפּגעלעבט אַ שווער וואַגאַבונדן־לעבן, אַרויסגעטראָטן דערנאָך מיט פּאַמפּלעטן קעגן רומענישע רעגירער, איז ער פֿאַר־טריבן געוואָרן קיין פּאַריזש, אָנגעהויבן דאָרטן שרײַבן אויף פֿראַנצויזיש. נאָך אַ פּרווו זײַנעם צו באַגיין זעלבסטמאָרד איז ראָמען ראָלאַן געקומען צו אים אין שפּיטאָל, אויסגעהערט פֿון אים באַם שפּיטאָל־בעטל געשיכטעס פֿון זײַן לעבן, און אים אַ זאָג געטאָן: „שרײַבט דאָס אָן! איבער אַזעלכע געשיכטעס דאַרפֿן אַנדערע נעמען זיך דאָס לעבן“. „קירא קיראַלינאַ“ איז אַרויס מיט ראָמען ראָלאַנס אַ פֿאָרוואָרט. פּאַנאַיִט איסטראַטי האָט מיט דער צײַט אָנגעהויבן הייסן אַ גרויסער פּראָלעטאַרישער שרײַבער. מ׳האָט אים אַפֿילע אָנגעהויבן רופֿן „דער באַלקאַנישער גאָרקי“. צוריקקומענדיק פֿון אַ רײַזע זײַנער קיין ראַטנ־פֿאַרבאַנד, האָט ער זיך מיטאַמאָל איבערגעקערט. אַרויסגעלאָזט אַן אַנטיסאָוועטיש ביכל: „אַ ווידע פֿון אַ באַזיגטן“. ביז דעמאָלט פֿלעג מען איסטראַטין ניט אַרײַנלאָזן קיין רומעניע. נאָכן דאָזיקן ביכל האָט די רומענישע רעגירונג אַליין געבעטן אים אומצוקערן זיך אין לאַנד. מ׳האָט אים אויפֿגענומען מיט פּאַראַד. ער האָט אָנגעהויבן אַרומפֿאָרן אין די שטעט האַלטן לעקציעס. אַרבעטער האָבן אים, פֿאַרשטייט זיך, אויסגעפֿײַפֿט. רעאַקציאָנערע סטודענטלעך האָבן אים פֿון די לעקציעס אַרויסגעטראָגן אויף די הענט. צווישן אונדזער אויִלעם האָט איסטראַטי אָנגעהויבן הייסן רענעגאַט. נאָך מערער. אין יענער צײַט האָט די „אײַזערנע גוואַרדיע“ אין רומעניע פּלוצעם צעשפּאָלטן זיך אויף צוויי. איין טייל, אין שפּיץ מיטן „פּירער“ זייערן זעליאַ קאָדריאַנו, איז געבליבן דעם קיניג קאַראָלס קעגנער. דער צווייטער טייל, אָנגעפֿירט פֿון איינעם אַ מיכאַיִל סטעלעסקו, האָט, פֿאַרקערט, אָנגעהויבן שעצן דעם קיניג קאַראָל. (מ׳האָט געשמועסט, אַז די דאָזיקע שפּאַלטונג האָט אויסגעאַרבעט קאַראָלס מוטער, די אַלטע קיניגן מאַריִע.) האָקיצער. מיכאַיִל סטעלעסקו האָט אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „קרוטשיאַדאַ רומאַניסמולוי“ — „דער רומענישער האַקנקרייץ“ — און פּאַנאַיִט איסטראַטי פֿלעגט דאָרטן וואָך באַ וואָך דרוקן עסייען זײַנע. אויב אונדזער זשורנאַל הייסט „קלאָרקײַט“, — האָט בערל שנאַבל געטײַנעט, — דאַרפֿן מיר קלאָר מאַכן פֿאַר דער וועלט, אַז דער געוועזענער „פּראָלעטאַרישער“ שרײַבער פּאַנאַיִט איסטראַטי איז הײַנט אַ וואָס־אין־דער־קאָרט. ער איז ניט נאָר אַוועק פֿון אונדז — ער איז אַריבער צו אונדזער גרעסטן סוינע, צו די פֿאַשיסטן און אַנטיסעמיטן, קעמפֿן קעגן אונדז. און קלאָר מאַכן דאַרפֿן מיר דאָס מיט זײַנע אייגענע רייד, מיט זײַנע אייגענע ווערטער.

מיר זײַנעןביידע געשטאַנען לעבן פּאַנאַיִט איסטראַטיס טיר, אין אַ צווייגאָרנדיק נײַ הויז אויף אַ שטיל פֿריציש געסל, די טרעפּ אַרויף — הילער מאַרמאָר און מעש. שנאַבל — אין אַ שוואַרצן באַסק, אויבן מיט אַ טשיפּטשיקל, איך — אין אַ קאַפּעליוש, ביידע אין ווינטערדיקע פּאַלטאָ און אין קאַלאָשן. קאַלאָשן, אַגעוו, סאָוועטישע. אין די בוקאַרעשטער קלייטן האָבן זיך אין יענעם ווינטער פֿאַרקויפֿט קאַלאָשן מיט רוסישע אויסיִעס, אָפּגעשטעמפּלט אויף די פּאָדעשוועס.

מיר האָבן אײנער אױפֿן אַנדערן אַ קוק געטאָן, שטיל אױסגעהוסט זיך און אָנגעקלונגען. די טיר האָט אונדז געעפֿנט אַ יונגע שװאַרצכײנעװדיקע רומענערן, פֿאַנאַיִט איסטראַטיס פֿרױ, צי עפּשער פּאַשעט אַ ניאַניע, אַ הױזװירטן זײַנע. זי האָט צו אונדז ליבלעך אַ שמײכל געטאָן, אונדז געהאָלפֿן אױסטאָן די פּאַלטאָ, צוגעפֿירט צו אַ צװײטער טיר, אָנגעקלאַפּט און אונדז אַרײַנגעלאָזט.

פֿאַנאַיִט איסטראַטי איז געלעגן אין אַ שמאָלער הילצערנער בעט; אַ הױכער, האָט מען געזען — פֿון אײן עק בעט צום אַנדערן; אַ מאָגער אױסגעשױבן פּאָנעם, אײַנגעפֿאַלענע באַקן; באַזילבערטע, גאָר נידעריק אָפּגעשױרענע האָר אױפֿן קאָפּ; אױגן — אונטערגעבראָטענע, אין די װינקלען רױטלעכע, מידע צי ניט־אױסגעשלאָפֿענע, האָט מען געזען. ער האָט זיך אױפֿן געלעגער אונטערגעהױבן, אָנגעשפּאַרט זיך אױף אַן עלנבױגן, אַ פּאָר רגעס אונדז באַטראַכט, מיט אַ האַנט אונדז געװיזן, מיר זאָלן זיך אַװעקזעצן, און דער קאָפּ זײַנער איז װידער געבליבן ליגן אױפֿן קישן. ס׳איז געװאָרן אַזױ שטיל, אַז מ׳האָט אַזש דערהערט ערגעץ קלאַפּן אַ זײגערל. פֿאַנאַיִט איסטראַטי האָט די שטילקײַט איבערגעריסן מיט אַ שװאַך פֿאַמעלעכדיק קאָל:

— שרײַבט איר, הײסט עס, ייִנגלעך, אױף ייִדיש? פּראָסט אױף ייִדיש? גוט. זײער גוט. נו? זאָגט, װאָס איר װילט זאָגן. צי איר װילט עפּעס פֿרעגן? פֿרעגט, פֿרעגט. זאָגט און פֿרעגט אַלצדינג. שעמט זיך ניט.

איך האָב אַ קוק געטאָן צו שנאַבלען, שנאַבל — צו מיר; אָנגעהױבן רעדן, אין אַ רגע אַרום, האָט שנאַבל. ער האָט זיך אױפֿגעשטעלט, שמאָל געװאָרן, די װײַס זײַנע האָבן זיך צעפֿינטלט. כ׳האָב צום ערשטן מאָל, גראָד דעמלט, דערזען אין אים דעם יעשיװע־באָכער. ער האָט גערעדט גיך, מיט אַן אונטערציטערנדיק קאָל, צוגעשאָקלט זיך בעשאַסן רעדן, דעם רומעניש זײַנעם אױסגעזונגען מיט אַ געמאָרע־ניגן:

— װי זשע קומט עס, מאַעסטראָ? װיאַזױ זשע קאָן מען דאָס אױסדרינגען? מיר, יונגװאַרג, האָבן שטענדיק געװוּסט, אַז איר זענט אַ גרױסער הומאַניסט, אַ מענטשן־פֿרײַנט. מיר האָבן זיך געטוליעט און געװאַרעמט אין אײַך. אײַער „קירא קיראַלינאַ״ האָט מען אין אונדזערע שטיבער ניט פּאַשעט געלײענט — יעדע שורע אױסגעקושט און פֿאַרקריצט אין האַרצן. װיאַזױ זשע קאָן מען דאָס פֿאַרטײַטשן, װאָס איר זענט אַװעק פֿון זיך אַלײן, אַרױס קעגן זיך אַלײן? אַלע געדרױדעפּטע און באַװאָלטע אין דער װעלט האָבן אײַך געקרױנט מיטן נאָמען „באַלקאַנישער גאָרקי“. װי זשע קומט עס, מאַעסטראָ?

אַן ערעך אַזױ. לענגער אַ ביסל, דאַכט זיך. איסטראַטין האָט, מעגלעך, מערער געריִרט שנאַבלס טפֿילעדיק אױסשאָקלען און אױסזינגען די רעדע זײַנע, אײדער די רעדע אַלײן. מעגלעך, אי דאָס, אי יענץ. ער האָט זיך מיטאַמאָל אױפֿגעזעצט, אַרומגעכאַפּט אונדז מיט די מידע אױגן, עטלעכע מאָל, שעפּטשענדיק, איבערגעכאַזערט — דאַכט זיך, מיט שנאַבלס ניגן — די צװײ װערטער „באַלקאַנישער גאָרקי“, און איך מיט שנאַבלען האָבן געשטױנט: פֿון פֿאַנאַיִט איסטראַטיס אױגן האָבן זיך געקײַקלט טרערן. ער האָט געװײנט.

ער האָט זיך באַלד גענומען אין די הענט אַרײַן און אָנגעהױבן קלאַפּן מיט אַ פֿױסט אין הילצערנעם װענטל פֿון דעם בעט:

— ס׳איז רעכילעס... מע טרײַבט אױף מיר רעכילעס... ס׳איז נאָך אין דער װעלט ניט געװען אַזאַ שרײַבער, אַן עמעסער שרײַבער, װעמען מע זאָל ניט דערגײן די יאָרן, ניט אױסטראַכטן אױף אים ניט־געשטױגנס און ניט־געפֿלױגנס... איר זײַט נאָך ייִנגלעך... איר קענט עס נאָך ניט פֿאַרשטײן... אױב ס׳װעט אַמאָל פֿון אײַך עפּעס װערן... — און ער האָט זיך פֿאַרהוסט, פֿאַרקײַכט, איז װײַס געװאָרן אױפֿן פּאָנעם, און דער קאָפּ איז אים װידער געבליבן ליגן אױפֿן קישן.

מיר זײַנען דעמלט געזעסן בײַ פֿאַנאַיִט איסטראַטין גאַנצע פֿיר שאָ. אין די פֿיר שאָ האָט ער צװײ מאָל געװײנט.

דאָס צװײטע מאָל — װען ער איז אַראָפּגעגאַן פֿונעם בעט שענקען אונדז אַ בוך זײַנעם, װאָס איז ניט לאַנג אַרױס. עטלעכע פּעקלעך מיטן נײַעם בוך זײַנעם געלעגן אױבן אױף זײַן ביכער־שאַפֿע. די שאַפֿע אַלײן — פֿול מיט „קירא קיראַלינאַ“, איבערגעזעצט אױף אַ סאַך שפּראַכן. ער האָט זיך אױפֿגעשטעלט אױף אַ בענקל, אַ צי געטאָן זיך צו די פּעקלעך און דערװײַל, אינמיטנדערינען, מיט אײן האַנט אַרױסגעכאַפּט פֿון דער שאַפֿע „קירא קיראַלינאַ“ אױף ייִדיש, מיט דער אַנדערער האַנט — אױף העברעיִש, אױסגעדרײט זיך מיט בײדע ביכער אין די הענט צו אונדז, און מיר האָבן װידער דערזען, װי עס קײַקלען זיך טרערן פֿון זײַנע אױגן. ער האָט די ביכער אַ הײב געטאָן אין דער הײך, איבערן קאָפּ, געטערעסעט מיט זײ:

— און איך בין עס דער אַנטיסעמיט?.. מיך מאַכט מען פֿאַר אַן אַנטיסעמיט?.. אין מײַנע קינדער־יאָרן זײַנען אַלע כאַװײרים מײַנע געװען ייִדן... ס׳גאַנצע לעבן געכאַװערט זיך מיט ייִדן... כ׳װאָלט נאָך הײַנט געזעסן אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ ייִדישער קאָמפּאַניע ערגעץ אױף װאָקזאַלשטע אין דרױסן

בא א קאַפֿע־הויז און געזונגען ייִדישע לידלעך. יאָ, יאָ. כ׳קען א סאַך ייִדישע לידלעך. וואָרט נאָר. „אוי, אוי, מע שאָקלט זיך. אוי, אוי, מע וואַקלט זיך...״

ער האָט הייזעריקלעך א זינג געטאָן און זיך צעלאַכט. צעלאַכט זיך, ווי א קינד — מיט נאָך ניט אויסגעטריקנטע טרערן אין די אייגלעך.

אין די פֿיר שאָ האָבן זיך אין אים איבערגעמישט קאָלערליי פֿאַרבן. פֿון טונקל־שוואַרץ ביז העל־ווײַס. איין פֿאַרב האָט סויסער געווען די צווייטע, אָפּגעלייקנט די צווייטע. אָט האָט א שפּיל געטאָן נאַיִווע קינדישקייט און אָט האָט צעשיפּעט זיך פֿאַרביטערט־פֿאַרביסענע זקײַנישקייט. האַמלעט־טראַגישקייט האָט געביטן זיך מיט קלאָונישער קאָמישקייט. און איבער אַלעמען — פּאַשעט קראַנקהייט: די אַלטע טובערקוליאָז־קרענק זײַנע איבערגעמישט, אָפּאַנעם, מיט א נײַער נערוון־קרענק. אָט איז ער געלעגן אין בעט דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן קישן, אָט איז ער מיטאַמאָל פֿונעם בעט אַרויסגע־שפּרונגען, מיט א צעכראַסטעטער פּיזשאַמע, הויט און ביין, צעשפּאַנט זיך אַהין און צוריק איבערן צימער, ספּריטנע אונטערגעטענצלט, ווי א ייִנגעלע. פֿיר שאָ הוילע סטירע און רעטעניש.

שנאַבל האָט אים א פֿרעג געטאָן:

— ווי זשע קומט עס, מאַעסטראָ, וואָס איר אַרבעט מיט אין אַזאַ שוואַרצער וואָכנצײַטונג?

פּאַנאַיִט איסטראַטי האָט אונדז אָנגעקוקט פֿאַרכידעשט, א רײַב געטאָן זיך א פֿאַרקנייטשטן שטערן, א רעגע צוויי איינגאַנצן ניט געדענקט, וועגן וואָס עס גייט די רייד:

— וואָס פֿאַר א שוואַרצע וואָכנצײַטונג? א, סטעלעסקוס בלעטל? אייסעך, דאָס איז בלויז אַן עפּיזאָד אין מײַן לעבן. כוץ דעם: א מענטש דאַרף האָבן רעכט א זינדיק צו טאָן אויך. כוץ דעם, שרײַב איך דאָרטן ניט דאָס, וואָס זיי ווילן, נאָר דאָס, וואָס איך וויל.

— אונטערהאַלטן אַזאַ אָפֿן־אַנטיסעמיטישע צײַטונג?

— ניט עמעס. סטעלעסקון קאָן מען ניט אָנרופֿן אַנטיסעמיט. די ייִדן־פּראָבלעם וויל ער לייזן פֿרידלעך. אָן פּאָגראָמען. אָן אויסגעזעצטע שויבן און אויפֿגעריסענע קישעלעך. אין זייער לאַנגער געשיכטע האָבן די ייִדן, ניט מיט זייער שולד, פֿאַרשטייט זיך, אײַנגעזאַפּט אין זיך א סאַך שלעכטס. סטעלעסקו וויל די ייִדן אויסמישן צווישן אַלע פֿעלקער. פֿון דעם דאָזיקן שלעכטס זאָל מיט דער צײַט קיין סימען ניט בלײַבן. ייִדן זאָלן זײַן, ווי אַלע מענטשן...

מיר האָבן זיך מיט שנאַבלען איבערגעקוקט. שנאַבל האָט איסטראַטיס ענטפֿער פֿאַרצייכנט אין זײַן בלאָקנאָט. איך האָב געפֿרעגט:

— און וואָס פֿאַר א מיינונג האָט דער מאַעסטראָ וועגן היטלערן?

פּאַנאַיִט איסטראַטי האָט זיך א רײַב געטאָן דעם שטערן, שנאַבלען געמאַכט א סימען, ער זאָל ניט פֿאַרשרײַבן, און געענטפֿערט:

— היטלער איז דײַטשלאַנדס טראַגעדיע. דײַטשלאַנדס פֿאַרצווייפֿלטקייט. דאָס דײַטשישע פֿאָלק האָט מען באַוועלט, באַליידיקט די נאַציאָנאַלע געפֿילן. א שפּיל טאָן אויף באַליידיקטע נאַציאָנאַלע געפֿילן איז די סאַמע גרינגסטע און סאַמע זיכערסטע שפּיל. היטלער וועט ווײַט אַוועקגיין...

אָפּאַנעם, קעדיי אָפּצופּאַטערן זיך פֿונעם דאָזיקן שמועס, האָט פּאַנאַיִט איסטראַטי פּלוצעם, אינ־מיטן „אינטערוויו״, אונדז אָנגעהויבן שטעלן פֿראַגעס: וויאַזוי מיר לעבן, צי אַרבעטן מיר ערגעץ, וואָס שרײַבן מיר, ווי זעט אויס די ייִדישע ליטעראַטור, צי האָט מען איבערגעזעצט אויף ייִדיש רומע־נישע שרײַבער.

איך האָב דערציילט, אַז כ׳האָב אַנומלטן איבערגעזעצט ליוויו רעבריאַנוס נאָוועלע „איציק־סרול דעזערטיר״. ס׳האָט מיך שטאַרק גערירט, האָב איך געזאָגט, ווי איציק־סרול נעמט זיך גיכער דאָס לעבן, אַבי ניט זײַן קיין דעזערטיר. ווען דער סערזשאַנט דערציילט איציק־סרולן אויפֿן וועג, אַז די אָפּיצערן האָבן געהייסן מיטנעמען אים מיט זיך אויף אויסשפּיר, דערשיסן אים און דערנאָך ראַפּאָרטירן, אַז ער האָט געוואָלט דעזערטירן, אַוועק צום סוינע; פֿירט אים צו צו דער פֿראָנט־ליניע און טוט אים א זאָג: „אַנטלויף, איציק־סרול, אַנטקעגן זײַנען די אונגאַרן, ראַטעווע דיר דאָס לעבן!״ און לאָזט אים איבער אַליין צווישן די פֿעלדזן, הענגט זיך איציק־סרול אויף אויף א פֿעלדז און וויל ניט זײַן קיין דע־זערטיר, וויל ניט הייסן דעזערטיר. (די נאָוועלע האָב איך איבערדערציילט מיט א מיין, יעדעס מאָל דאָס וואָרט „דעזערטיר״ אונטערגעשטראָכן, אַרויסגעזאָגט מיט א באַזונדערן טאָן. נאָר איסטראַטי האָט דערויף ניט רעאַגירט. בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: ער קען, ער קען די נאָוועלע.) כ׳האָב רע־בריאַנון, האָב איך ווײַטער דערציילט, אָנגעשריבן א בריוו, געבעטן בא אים א דערלויבעניש די איבערגעזעצטע דערציילונג אָפּצודרוקן. זײַן סעקרעטאַרשע האָט מיר געענטפֿערט, אַז רעבריאַנו וויל מיך זען, כ׳זאָל אין דעם און אין דעם טאָג קומען צו אים. אין רעבריאַנוס קאַבינעט בין איך געזעסן ניט מער, ווי א פּאָר מינוט. ער האָט מיך באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז פֿיס און מיר א זאָג געטאָן: „פֿאַר דער דערלויבעניש דאַרף מען באַצאָלן צען טויזנט ליי!״

פּאַנאַיִט איסטראַטי איז אַזש אויפֿגעשפּרונגען:

— ס׳קאָן ניט זײַן! ליוויו רעבריאַנו זאָל אַזוי זאָגן? עפּעס גלייבט זיך עס ניט...

ער האָט זיך צוגערוקט צום שרײַבטיש לעבן בעט, אַרויסגענומען פֿון אַ שופֿלאָדל אַ וויזיט־קאַרטל זײַנס און דערויף אָנגעשריבן: „טײַערער רעבריאַנו! מײַן פֿרײַנט און אײַער פֿאַרערער י. ש. האָט איבערגעזעצט אויף ייִדיש „איציק־סרול דעזערטיר". און אַזויווי לײַטישע מענטשן זײַנען, ווי באַוווּסט, אָרעם, בעט אָך אײַדי, איר זאָלט אים געבן די דערלויבעניש אָן געלט".

דאָס וויזיט־קאַרטל האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, קיינמאָל ליוויו רעבריאַנו ניט אָפּגעגעבן. ס'האָבן מיך ניט אַזוי געאַרט די צוויי ווערטער דעמלט „מײַן פֿרײַנט", ווי ס'האָבן מיך געלאָקט, בין איך זיך מוידע, און כ'האָב געוואָלט, עס זאָל בלײַבן בײַ מיר די אויסגעציקלטע, פֿון אַ סאַך ביכער זײַנע באַקאַנטע אונטערשריפֿט אויפֿן וויזיט־קאַרטל: „פּאַנאַיִט איסטראַטי".

בעשאַסמײַסע האָט איסטראַטי אַרויסגענומען פֿונעם שופֿלאָדל ראָמען ראָלאַנס אַ פֿרישן בריוו, אָנגעהויבן לייענען אים אויף פֿראַנצויזיש, געפּאָכעט מיט אים:

— אָט קוקט, „ווילע אָלגאַ". ער שרײַבט מיר פֿון דער ווילע זײַנער הינטער פּאַריז. ער רופֿט מיך „האַרציקער פֿרײַנט מײַנער". ער פֿרעגט מיך דאָס זעלבע: ווי קומט עס, מאַעסטראָ? וויאַזוי דאַרף מען דאָס פֿאַרשטיין? געשיקט זיך, אַז איך וועל אויך זײַן פֿרײַנטשאַפֿט פֿאַרלירן? שוידערלעך!

אין קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ קלונג. אויף דער שוועל איז שטיין געבליבן פּאַנאַיִט איסטראַטיס פֿרוי, צי די הויז־ווירטן זײַנע:

— מיכאַיִל סטעלעסקו!

פּאַנאַיִט איסטראַטי האָט זיך צעשריגן:

— זאָל ער וואַרטן! איך בין איצט פֿאַרנומען... מיט ביכלערס... וואָס איז ער געקומען? וואָס וויל ער וואָס? וואַרטן! וואַרטן!

ער איז אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן בעט, שווער געאָטעמט, ביידע דלאָניעס אַרונטערגערוקט אונטערן קאָפּ, באַרויִקט זיך און אַ זאָג געטאָן:

— פֿרעגט, פֿרעגט. אויב איר האָט נאָך, וואָס צו פֿרעגן...

אַ פּאָר רעגעס איז געשטאַנען אַ פּריקרע שטילקייט. ס'האָט זיך דערהערט קלאַפּן דאָס זייגערל. מיר האָבן זיך מיט שנאַבלען איבערגעקוקט. איך האָב דערנאָך געפֿרעגט:

— און וואָס פֿאַר אַ מיינונג האָט דער מאַעסטראָ וועגן סטאַלינען?

פּאַנאַיִט איסטראַטי האָט זיך אויפֿגעזעצט, די פֿיס אַראָפּגעלאָזט אויפֿן דיל און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט דער פֿויסט אין בעט:

— אונטער זײַנע שטיוול... — און האָט זיך באַלד פֿאַרהוסט, פֿאַרקײַכט, צוריק אַוועקגעלייגט זיך, הוסטנדיק געקרעכצט, אַנשוויגן געוואָרן, און מיר האָבן פֿון אים מערער קיין איין וואָרט ניט געהערט.

און מיר האָבן מערער ניט געהאַט אים, וואָס צו פֿרעגן.

אין קאָרידאָר האָט זיך סטעלעסקו אומגעדרייט אַפֿ און אויף צעטראָגן, שיר ניט אָנגעקלאַפּט זיך אין אונדז. מיר האָבן באַם הענגער געפּאָרעט זיך מיט אונדזערע פּאַלטאָ און אים היטנאַרומער באַטראַכט. אַ קײַלעכיקער, מיט קורצע הענט, אין אַן ענגן געפּאַסטן קאָסטיום, אַ שניפּס באַם האַלדז, די האָר פֿאַרקעמט מיט אַ שײַטל. באַגעגן אים אויף דער גאַס, וועסטו זאָגן: אַ בוכהאַלטערל, צי אַ קאַסירערל ערגעץ אין אַ דריטראַנגיקער קאָנטאָר. שנאַבל האָט צו מיר אַ שעפּטשע געטאָן, דאַפּקע אויף ייִדיש:

— און דאָס־אָ נעפּעשל וויל, עס זאָל פֿון אונדז קיין זייכער ניט בלײַבן, פֿרידלעך, אָן פּאָגראָמען, מיט גוטן...

מיר זײַנען אַרויס אויף דער גאַס, לאַנג געגאַנגען און געשוויגן. שנאַבל האָט דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— בײַ אַ גרויסן שרײַבער קאָנען די ביכער זײַנע קיינמאָל ניט האָבן אין זיך קיין שלעכטס. נאָר ער אַליין, אַפּאָנעם, — אָט, זעסטו דאָך...

— ס'אַ טראַגעדיע, — האָב איך געענטפֿערט. — ער איז, זעט מען, שטאַרק קראַנק. קיין סאַך וועט ער שוין ניט ציִען...

— ס'וועט זײַן בעסער אי פֿאַר אים, אי פֿאַר יעדן. — האָט שנאַבל געזאָגט.

אין אַ כוידעש אַרום, אין יאַס, וווּהין מ'האָט מיך גענומען דינען אין דער אַרמיי, האָב איך, שפּאַנענדיק אין דער קאָלאָנע סאָלדאַטן צוריק אין קאַזאַרמע אַרײַן, דערזען אויף אַ פּלויט אַן אַפֿישע, ווו ס'איז געשטאַנען אויסגערעכנט דער אינהאַלט פֿון אַ נאָרוואָס דערשינענער אָוונט־צײַטונג. צווישן די קעפּלעך מיט לעצטע נײַעס האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן גרויסע פֿעטע אויסיִעס: „פּאַנאַיִט איסטראַטיס טויט".

ס'האָט פֿונדעסטוועגן אַ קלעם געטאָן באַם האַרצן.

ה

אפוואשן זיך פארטאג דאס פאנעם פלעגן מיר אלע אינײנעם אין איין גרויסער, אײַזערנער פאס. אף דער אויבערפלאך זײַנען אומגעשווומען בלויע פעטע פלעקן, מאמעש ווי אויגן אין א פעטער יויך. געביטן די וואסער האט מען זעלטן. די נעכטיקע פארשטויבטקײַט אף אונדזערע פענעמער פלעג זיך אין פאס אפזעצן אונטן, ווי שטויב האט פון טאמיד אן א טעווע אפצוזעצן זיך.

דאס דערצייל איך אזוי קורץ, א ביסעלע צעשויבערט, וועגן טעג מײַנע אין דער קאזארמע, וו איך האב געדינט.

אלע יאוואנים האבן איין פאנעם. כ'פלעג בעשום־אויפן ניט קאנען אפזוכן די ראטע מײַנע, זיך אליין ניט קאנען אפזוכן, ביפראט צווישן טאג און נאכט, באם דארפן אויסשטעלן זיך צום אונט־אפעל, פארן ארײַנגיין אינווייניק אין קאזארמע לייגן זיך שלאפן. אלע סאלדאטן ארום און ארום האבן מיר אויסגעזען, ווי איין סטאדע גרינע שאף. באלד וועט די סטאדע צעבלעקען זיך מיט איין טרויעריקער בלעקעניש, ווי שאף בלעקען ביין האשמאשעס, באם ארײַנטרײַבן פארשפארן זיי אין די שטאלן.

א לאנגער זאל, מע זעט דעם אנדערן עק ניט אן. איין בעטל אפן צווייטן, אן א שיר און אן א צאל בעטלעך, אויסגערייעטע איינס לעבן אנדערן, ווי אפצומארשירן. מיר שפאנען ארײַן אין די הוילע פארלעך גרעט, די בארוועסע פיס — אין די באקאנקעס, אף אן אופגעהויבענער דלאניע — דאס גרינע פעקל מאלבושים. אינווייניק באגעגענען אונדז די „גראדאטן" — קאפראלן און פרונטאשן. וועמען זיי גלוסט זיך טוען זיי א כאפ ארויס פון דער ריי און שלעפן אים צו צו זיך. א פרונטאש זעצט זיך אוועק אף א בעטל, נעמט ארײַן דעם ארויסגעכאפטנס קאפ צווישן די קני, און א קאפראל ציילט אים אן אין הינטערכיילעך מיטן שפראנטשעק פון זײַן גארטל, וויפל עס גייט אהין ארײַן. גלאט אזוי. לעמאן יעידו. מע זאל וויסן, אז מ'איז סאלדאטן, ס'הייסט, דערוויל רעקרוטן, און צו רעקרוטן לאזט זיך דאס „דינען" אלע באנאכט אראפ פונעם „בוידעם" אט אזוי־א, אף אזא אויפן.

געדינט האב איך איבגאנצן צוויי מיט א האלבן כאדאשים. פונעם ערשטן מארט ביזן פופצנטן מײַ.

כ'האב אמאל איציק מאנגערן געזען פאטאגראפירט אין א זשורנאל, לעבן די באלאדעס זײַנע, אין א מיליטעריש רעקל, אפן קאפ — די רומענישע „קאפעלע" מיט די צוויי שפיצן ארוף, ווי הערנערלעך צוויי, אויסגעוואקסענע ניט אין דער ברייט פונעם קאפ, נאר אין דער לענג. כ'האב מינאסטאם א טראכט געטאן, אז ווען איך וועל דינען, וועל איך זיך אויך אזוי אפפאטאגראפירן. נאר נאכן זען דאס דינען מיט די אייגענע אויגן, האב איך ניט געקאנט פארשטיין, וויאזוי מאנגער האט געגעבן אין א זשורנאל אזא פאטאגראפיע, ביפראט לעבן זײַנע קישעפדיקע פאלקס־באלאדעס. ביטערס, האב איך געטראכט, אויב דו אליין האסט עס פארזוכט, אויב ס'איז ארײַן אין דײַן ביאגראפיע, ווערט דיר, זעט אויס, אויך ליב. איך בין, אפאנעם, פון אן אנדער טייג געקנאטן. מיר איז פון יענע טעג מײַנע איבערגעבליבן הוילע ביטערקײַט און דערנידעריקטקײַט.

זונטיק. אינווייניק אין קאזארמע טומלט זיך. דער אוילעם אף די בעטלעך גאלט זיך, רייניקט זיך, נייט זיך צו אפגעריסענע קנעפלעך. די „עלטסטע" זײַנען אין דרויסן. הײַנט ביסטו פרײַ, רוסט זיך אפ. גיי וויס, אז אין קארידאר, בא דער סאמע שוועל פון דער טיר, האבן זיי מיט קרײַד אנגעצייכנט „קלאסן", און דו טארסט אין די דאזיקע קלאסן, וואס דערמאנען דיך די דײַנע קינדער־יארן, ניט ארײַנטרעטן. דער סערזשאנט האט פארמאגט א האנט, ווי א לאפעטע. כ'האב זיך עטלעכע מאל איבערגעקאטשעט די פאר טרעפ אראפ. כ'האב זיך קוים אופגעהויבן, א טאפ געטאן מיט א פינגער, צי די נאז איז אפן ארט, צי דאס אונטערמויל רירט זיך נאך, געפילט, ווי עס שווילט מיר א ליפ, און בין אזוי־א, א „פרײַער" הײַנט, אוועק איבערן הויף.

א קאפראל האלט א שטעקן אין דער האנט, שניצט דעם שטעקן מיט א מעסערל, און סאלדאטן גייען נאך אנגעבויגענע, קלײַבן אוף פון דער ערד די אנגעשניצטע סטרוזשקעס, מאכן אזוי דעם הויף ריין לעקאוועד זונטיק.

ערגעץ הינטער א פלויטל באהאלטן זיך סאלדאטלעך פון א בייז אויג, שטייען אײַנגעשרומפענע, פארקארטשעטע, ווי אפגערעגנטע הינער.

כ'דערהער מיטאמאל געלעכטערס, און דערזע אינמיטן הויף, ארומגערינגלט מיט א געדיכט רעדל סאלדאטן, מײַן בען־איר וועלוול רוומאן — וועלוול דעם שויכעטס. ס'הייסט, כ'דערזע נאר דעם קאפ זײַנעם: וועלוול איז א דארער און א הויכער, העכער פונעם גאנצן רעדל ארום אים. דאס סאלדאטסקע רעקל זײַנס איז אף אים גאר קורץ — דער גארטל אף די לענדן פארכאפט עס קוים־קוים; די „קאפעלע" איז וועלוולען פארוקט אפן שפיץ קאפ. די סאלדאטן האבן אים דערלאנגט א ביקס אין די הענט און אים באפוילן, ער זאל מאכן מיט זיך אליין „אינסטרוקציע". וועלוול שרײַט אויס אף א קאל צו זיך אליין די קאמאנדעס, פילט זיי באלד אויס, און דאס גאנצע רעדל ארום אים שיסט אלעמאל אויס א געלעכטער. ווי אפצולאכעס זײַנען אין די קאמאנדעס פאראן א סאך ריישן. „אר־מא לא

אַר־מערן!" (די ביקס אָפּן אַקסל!), „אַר־מאַ לאַ פּי־טשאַר!" (די ביקס צו די פֿיס!) אַאוו. כ׳שטײ הינטערן רעדלס פּלײצעס און זע דורך די אַקסלען ווי וועלוול גײט אָפּ מיט שווײס, דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים איז אים אָפּגעצאַפּט. אַ קאַפּראַל טוט אַ זאָג: „אַ כיטרע זשידאָן. גיט זיך נאָר גרינגע קאָמאַנדעס. צעלײגן זיך אויף דער ערד וויל ער ניט, האַ?" און טוט באַלד אַ באַפֿעל: „סאָלדאַט, קולקאַין!" (סאָלדאַט, אַוועקלײגן זיך!) וועלוול שטײט אַ רגע אַ פֿאַרלוירענער, קוקט זיך אַרום: ווי־אַזוי שטרעקט מען זיך אויס אויף דער ערד, מיט דער ביקס אין דער האַנט, אין אַזאַ ענגשאַפֿט? מיט אַ ראַכמאָנעס־פּנים טוט ער עמעצן לעבן זיך אַ בעט: „ציניע פּושקאַ" (האַלט מיר די ביקס), און דער גאַנצער אוילעם אַרום אים, קאַפּראַלן און פּרונטאַשן, קאַטשען זיך פֿאַר געלעכטער.

מיר שפּאַנען דערנאָך בײדע אין הויף אײנער לעבן אַנדערן. איך — מיט אַ פֿאַרשוואָלענער ליפּ; אָן אויסגעפּאַטשטער. ער — מיט צעשמירטע טראָפּנס שווײס אויפֿן פּנים: אָן אָפּגעכויזעקטער. מיר שווײַגן בײדע. וואָס איז דאָ דאָ וואָס צו רעדן? מיר פֿאַרשטײען זיך אײַן אָן רייד. ס׳קומט אונדז אַנטקעגן אַ דריטער בען־איר אונדזערער: פֿרידל שלוימע־אַרן שוסטערס. וועלוול איז אַ הויכער, איך — אַ מיטעלער, פֿרידל — גאָר אַ קלײנינקער. אין די גרינע מאַלבושים אָבער זעען מיר אַלע אויס גלײַך. פֿרידלען טוט, זעט אויס, האַנאָע, וואָס דאָס דינען האָט אונדז אויסגעגלײַכט. אין זײַן סאָלדאַטסקע רעקל שווימט פֿרידל אום, די קאַפּעלע ליגט אים אויף די אויערן. ער טוט אונדז פֿרײלעך אַ זאָג:

— איר ווייסט, כעווריע, נאָכן צענטן מײַ, נאָכן אָפּשווערן, וועט מען אונדז אויסטאָן, צונעמען בײַ אונדז די ביקסן און מ׳עט אונדז אַוועקשיקן אויף מונקאַ קימפּעלוי (אויף פֿעלד־אַרבעט). מיר, די בעסאַראַבער, הײסן קאַטעגאָריע „טשע" — קײן ביקסן געטרויעט מען אונדז ניט...

— פֿונוואַנען ווייסטו עס, פֿרידל?

— וואָס איז דער כילעק פֿונוואַנען? איך, אַז איך זאָג, ווײס איך. שאַ, פֿאַראײאָרן איז פּונקט אַזוי פֿאָרגעקומען.

— צוליב וואָס זשע דאַרף מען דאָס שווערן, פֿרידל?

— דאָס ווײס איך שוין ניט. מיסטאַמע, אַז מע דאַרף, דאַרף מען. וואָס זשע, שווערן איז אויך אַ שווערע זאַך?

האַקיצער. געשען איז טאַקע אַזוי, ווי פֿרידל האָט נעוויִעס געזאָגט. דער צענטער מײַ איז געווען גאָר אַ הײסער טאָג. מ׳האָט אונדז פֿאַרפּוצט אין גראָבע יאָמטעוודיקע פֿרענטשן. מיט די ביקסן אויף די אַקסלען האָבן מיר מאַרשירט, דעפֿילירט, פּיטש־נאַס געוואָרן, אַ גאַנצן טאָג אויסגעגאַנגען נאָך אַ טרונק. מיט די ײִדישע סאָלדאַטן האָט אָפּגעשווירן אַ יאַסער ראָוו אין אַ שוואַרץ קורץ סורדוטל, מיט אַ פּיצל יאַרמעלקעלע אויפֿן קאָפּ. פֿאַרנאַכט זײַנען מיר אַרײַנגעפֿאַלן אין קאַזאַרמע אָן פֿיס. דער קאַזאַרמע־הויף איז אין דער לענג און אין דער ברײט געווען באַהאַנגען מיט לעמפּעלעך. אַן אָרקעסטערל האָט געשפּילט, רעדלעך סאָלדאַטן, מיט די הענט אײנער אויפֿן אַנדערנס האַלדז־און־נאַקן, האָבן געהעפּעט. די גרויסע גדוילע האָט זיך געענדיקט שפּעטלעך אין דער נאַכט. און טאַקע באַלד גאַנץ־פֿרי, באַם פֿרימאָרגן־אַפּעל, האָט אָן אָפּיצער פֿאַרן גאַנצן אויסגעשטעלטן פּאָלק אַרויסגעלײענט אין אַ צעטל נעמען פֿון בעסאַראַבער ײדן און אוקראַיִנער, אַ קאָמאַנדע געטאָן, די אויסגערעכנטע זאָלן אַרויסשפּאַנען דרײַ שפּאַן פֿונעם סטראָי, אָפּגעבן די ביקסן און אויסטאָן די קלײדער. מיר, די אַרויסגעשפּאַנטע, זײַנען דאָ און דאָרט געשטאַנען ווײַסע, אין הויזן אונטערוועש, און האָבן אויפֿן גרינעם פּאָן פֿון די שורעס־שורעס עמעסע סאָלדאַטן מיסטאַמע אויסגעזען, ווי ווײַסע פֿלעקן. פֿונעם קאַזאַרמע־בוידעם האָט מען אונדז אַראָפּגעבראַכט אונדזערע אײגענע מאַלבושים, און שוין אין יענעם טאָג האָבן מיר אַוועקמאַרשירט אַרויס דער שטאָט צו אַ יאַסער פּאָרעץ מיט אָן אַ שיר העקטאַרן ווײַנגאָרטן און ברויט־פֿעלדער און מיט אַ לאַנגן פּוסטן באַראַק, נאַרע אויף נאַרע, פֿאַר אונדזערטוועגן, ווי אָנגעמאָסטן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיך אין באַראַק אַרײַנגעיאָוועט מעקלערס, שטאַדלאָנים. זײ האָבן אונדז אויסגעטאָלקעוועט, אַז דער פּאָרעץ צאָלט דעם פּאָלק פֿאַר יעדן פֿון אונדז צען לײ אַ טאָג, דרײַ הונדערט לײ, הײסט עס, אַ כוידעש. אויב מיר ווילן אַרבעטן אינדערהײם, בײַ דער אַרבעט, וואָס מיר האָבן פֿריִער געאַרבעט, וועט עס אונדז דאַרפֿן קאָסטן פֿופֿצן לײ אַ טאָג, פֿיר הונדערט פֿופֿציק לײ, הײסט עס, אַ כוידעש. אײנגיכן בין איך צוריק געווען אין בוקאַרעשט. כוידעש בײַ כוידעש פֿלעג איך פֿונעם פּאָלק באַקומען אַ קאָנווערט מיט אַ קוויטל אויף דרײַסיק טעג, פֿלעג אין פּאַטשט אָפּצאָלן פֿאַרן קאָנווערט די פֿיר הונדערט פֿופֿציק לײ, און האָב אַזוי אין אַ יאָר מיט אַכט כאָדאָשים אַרום געהײסן אָן אָפּגעדינטער. געטרײַ אָפּגעדינט, ווי כ׳האָב פֿאַרן יאַסער ראָוו געשווירן, דעם לאַנד און דעם קײסער...

פאַרט אין צוג אַ ראַשקעווער ייִד קיין בוקאַרעשט. ניט די געשעפטן זײַנע פירן אים אַהין, ער פאַרט אַהין ניט צוגאַסט — אין זײַן גאַנץ לעבן איז ער נאָך קיינמאָל אין ערגעץ צו קיינעם צו גאַסט ניט געפאָרן. ער פאָרט מיט אַ מעסוקן קראַנק מיידעלע זײַנס, דער זון און די שנור זאָלן אײַנלייגן וועלטן, בייגן דעם הימל צו דער ערד און זאָלן דאָס קינד ראַטעווען.

אַ גאַנץ יאָר גייט דער ייִד אום אַ פאַרוואַקסענער, אַ פאַרפאָרעכטער, אַ פאַרשמאָלצעוועטער און פאַרלאַטעטער. און פונקט איצט, ווי עפּעס אַ קאַפּויערע זאַך, ווי אַלצדינג איז בײַ אים קאַפּויר, פונקט איצט, ווען ער פירט דאָס מעסוקן קראַנקע קינד קיין בוקאַרעשט און ווער ווייסט צי וועט ער עס נאָך צוריקפירן, זיצט ער אין וואַגאָן אַ פריש־אונטערגעשוירענער, מיט אַ פריש־אונטערגעגאָלטער באָרד, אָנגעטאָן אין קאָסטיום זײַנעם, וואָס ער טוט אָן עפּשער צוויי־דרײַ מאָל אין יאָר, יאָמים־נויראָים אין שול אַרײַן: אין אַ ווײַס העמד, ניט טאָקע מיט קיין האַרטן אָנגעקראָכמאַליעטן קאָלנער, נאָר פאָרט אַ נישקאָשעדיק העמד, וואָס זוגאָסי רייזל האָט עס אים פאָרן פאָרן צוגעצערעוועט און אויסגעפּרעסט; אָפּן הענגער אין וואַגאָן הענגט זײַן פאַסנדיק פאַלטאָכל מיט די פערלמוטערנע קנעפּ, וואָס ער פלעג נאָך טראָגן העט־העט אַמאָל, דאַכט זיך, כאָסנבאָכערווײַז נאָך; אויסגעפּוצט, האַקלאַל, ווי גלײַך ער וואָלט געפאָרן, מע זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד, אויף אַ כאַסענע, צי גלאַט אויף עפּעס אַ וואַזשנער סימכע, און ניט, כאָלילע, מע קאָן דאָס גאָר מיטן מויל ניט אַרויסברענגען, אויף אַ לעווײַע.

בעטעווע איז דער דאָזיקער ראַשקעווער ייִד, רעב איציק, אַ שווײַגער. אַ גרויסער שווײַגער. אַ זיפּצער, אַ קרעכצער, אַ טראַכטער און באַקלערער, נאָר ניט קיין רעדער. אַלקאָלפּאָנעם, ניט גאָר קיין רעדער. ס׳הייסט, אַז ער צעלאָזט זיך און צעגייט זיך אַמאָל, צעפליגלט זיך, „דער סויפער צעשפּילט זיך אין אים", ווי זוגאָסי רייזל זאָגט, ווערסטו אים מיט קיין פאָר אָקסן ניט אָפּהאַלטן. נאָר געשען געשעט אַזוינס גאָר־גאָר זעלטן. מע קאָן עס אים אין כעזשבן ניט אַרײַנשטעלן. און גראָד דאָ, אין וואַגאָן, פונקט איצט, ווען עס מאָנט זיך מאַמעש, מע זאָל שווײַגן, בײַסט אים די צונג סאַקאָנעס־נעפּאַשעס. דאָס כּיעס גייט אים אויס, אַזוי וואָלט ער געוואָלט מענטשן דערציילן, מענטשן זאָלן הערן, וואָס פאַר אַ מין קינד איז בײַ אים אַזוי שרעקלעך קראַנק געוואָרן, און צו וואָס פאַר אַ מין זון און שנור ער פירט דאָס קראַנקע קינד ראַטעווען. נאָר גיי, וועמען דערציילן און וועמען זאָגן? וועמען קריכן אין קאָפּ אַרײַן זײַנע אומגליקן און זײַנע ווייטיקן?

ער האָט גראַדע אָנגעטראָפן אויף ווילדע מענטשן. דאָס גאַלעכל מיטן אויסגעפלאָכטענעם צעפל הינטן אויף דער פּלייצע האָט דעם קינד אָפּגעטראָטן דאָס אָרט, זיצט איצט אַנטקעגן אויף אַ שפּיץ באַנק, אַ ווערשקע די גרייס. דער סאָלדאַט לעבן גאַלעכל האָט אַ פאָר מאָל שוין אַרײַנגעבראַכט אַ פרישע פלאַש וואַסער, איבערצובײַטן דעם קינד דעם קאָמפּרעס אויפן שטערן. די דיקע דאַמע מיטן לויטערן פאָנעם און מיט די צוויי גוידערס באַם האַלדז האָט באַלד נאָך דער ערשטער סטאַנציע אָנגעהויבן קײַען האַרטע אייער, עפּשער אַ האַלב טוץ אייער אויפגעקײַט. איצט וויקלט זי אויס פון אַ פעטן שטיק פּאַפּיר אַ געפּרעגלטע הון, רײַסט אָפּ פון דער הון אַ פולקע און שטרעקט זי אויס איציקן:

— נאַט, נעמט. ס׳מיידעלע, זע איך, האָט נאָך הײַנט אין איר מויל ניט געהאַט. אַ קראַנקן דאַרף מען פּילנעווען. אַלעמאָל צו ביסעלעך.

— דאָס קינד עסט שוין ניט אַריבער צוויי וואָכן. די דאָקטוירים האָבן געהייסן ניט געבן קיין עסן.

— קיין עסן ניט געבן? מע זאָל אָפּגעהיט ווערן! וואָס זײַנען דאָס פאַר אַ דאָקטוירים? נאַט, נעמט. איר דאַרפט דאָך אויך עפּעס איבערכאַפּן. איר פאַלט שוין, זעט מען, פון די פיס.

— אייסעך. פון ניט־עסן שטאַרבט מען ניט. ס׳גייט הען אין האַלדז אַרײַן? — האָט איציק געענטפערט.

די אָנגעקנאָבלטע און אָנגעפּעפּערטע הון קיצלט, אָפּאָנעם, דעם קינד אין די נאָזלעכלעך, דאָס קינד פאַרקנייטשט דאָס נעזל, דרייט מיטן קעפּל אויפן אונטערגעלייגטן בינטל, עפנט אויף איין אויג, עפנט דאָס צווייטע אויג, טוט צו איציקן אַ שמייכל און פאַרמאַכט די אויגן צוריק. פאַר אַ שמייכעלע דעם קינדס וואָלט איציק אוועקגעגעבן מיליאָנען. ער פאַריכט דעם נאַסן האַנטעך אויפן קינדס שטערן און טוט מיט די שפּיץ פינגער דעם שטערן אַ גלעט:

— פייגעלע... ווי׳אַזוי פילסטו זיך? ס׳איז דיר אַ קאַפּעלע בעסער? ווילסט עפּעס, פייגעניו? שעם זיך ניט. ס׳זײַנען היימישע מענטשן...

די רעדער אונטערן וואַגאָן קלאַפּן. דער צוג לויפט גיכער פון די בעסטע פערד מיטן שענסטן פאַעטאָן. אַזוי דאַפקע ווײַזט זיך דיר אויס, אַז ער שטייט אויף אַן אָרט. כאַפּסט אַ קוק דורכן פענצ־

טער, שווינדלט דיר אזש אין די אויגן. אלצדינג יאָגט, דרייט זיך, אַנטלויפט אַף צוריק, בלײַבט הינטן, הינטן... האַלטסט די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו פּייגעלען, דאַכט זיך דיר אויס — דער צוג שטייט אפן אָרט. אין דעם, אפּאָנעם, ליגט דער גאַנצער סייכל: וואָס גיכער ער לויפט, אַלץ מער מיינט מען, אז ער שטייט. אָט איז, דאַכט זיך, נאָרוואָס געווען גאַנצפרי, ט'האָט מען זיך נאָרוואָס אַרײַנגעזעצט אין וואַגאָן, און אָט פאַרגייט שוין די זון אַף א שפּיץ פון א קײַלעכיק קלויסטערל, אָט איז שוין פאַרנאַכט. מ'איז שוין, דאַכט זיך, דורכגעפאָרן בעלץ, אָט־אָ באַלד וועט שוין זײַן יאַס. אײַ, א וועלט מיט וועלטעלעך! ס'איז דאָ, וווּהין צו קוקן און ס'איז דאָ, וואָס צו זען. ער אָבער קוקט די גאַנצע צײַט נאָר אַף פּייגעלען. א שאָטן איז געבליבן פונעם קינד. אויסגעדייוורטע הענטעלעך, הוילע ביינדעלעך. דאָס הערצעלע טראָגט ארוף און אראָפּ, ארוף און אראָפּ, דאָס קינד, דאַנקען גאָט, אָטעמט. דער טאָג איז איבערגעלאָפן בעשאָלעם. זאָל די נאַכט אויך איבערגיין אָן אן איבערשלאָג, וועט מען, מירטשעם, באַלד גאַנצפרי זײַן דאָרט. און שוין — דאָס קינד איז געראַטעוועט.

אַלעמאָל גיט ער דעם קינד א לעפעלע טיי. א לעפעלע הוילע טיי — דאָס גאַנצע טרינקעכץ און דאָס גאַנצע עסעכץ דעם קינדס. פּייגעלע באַלעקט זיך די ליפּעלעך. אוי, פּייגעלע, פּייגעלע, מיליאָנען וואָלט ער אוועקגעגעבן, דאָס קינד זאָל ווערן געזונט. ס'וויסט דען עמעצער, וואָס פאַר א מין קינד דאָס איז? אינגאַנצן ער, דער עלטסטער זון, דאָרטן אין בוקאַרעשט. גייט שוין, קיין אײַנהאָרע, אין ערשטן קלאַס גימנאַזיע. מיט וויפל בויך־גרימעניש און קאָפּדרייעניש אַרײַן אין גימנאַזיע! א שאַרף קעפּל. שטיל און בענימעסדיק, ווי א טויב. ניאַנטשעט אינדערהיים די קלענערע קינדער, און איז דאָרטן, באַם לערנען, פון די בעסטע. אַלע לערער ראַשן מיטן קינד. האָט שוין געשריבן לידער. ווײַ איז מיר — „האָט שוין"? עס זאָל גאָרניט גערדאַכט ווערן! שרײַבט שוין, שרײַבט שוין לידער. איז אינגאַנצן געראָטן אין אים, אין עלטסטן זון דאָרטן אין בוקאַרעשט. דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע, ניט גאָר קיין ייִדן־פרײַנט, זאָגט מען, האָט געבראַכט צוויי הונדערטער צו שטאָר אַף הויצאָעס: „לויפט. לויפט מיטן מיידעלע קיין בוקאַרעשט. אזא קינד טאָר ניט שטאַרבן!" אוי, פּייגעלע, פּייגעלע.

וועמען עס זאָגן און וועמען עס דערציילן?

דאָס גאַלעכל האָט ארופגעשטעלט אַף די קני זײַן טשעמאָדאַנטשיק, אָנגעשפּאַרט אין אים די עלנבויגנס, ס'פּאָנעם אײַנגעטוליעט אין בײדע דלאָניעס און כאַפּט אזוי א גוטן דרעמל. דער סאָלדאַט שלאָפט אַף דער אײבערשטער פּאָליצע, אײַנגעקנוילט, ווי א בינט, צווישן די בינטן. די דיקע דאַמע בלעזלט אַף א קאָל מיט די ליפּן, א בלעזל און א פּײַף, א פּײַף און א בלעזל, טוט אַלעמאָל א פאַל צו צום גאַלעכל, כאַפּט זיך אויף, קוקט זיך א רעגע ארום, און בלעזלט באַלד ווײַטער מיט די ליפּן, א בלעזל און א פּײַף, א פּײַף און א בלעזל.

אין וואַגאָן ווערט מיטאַמאָל טונקל. אין איין עק וואַגאָן און אין אַנדערן עק וואַגאָן זײַנען געבליבן ברענען נאָר צוויי לעמפּעלעך. דער ראַשקעווער ייִד, רעב איציק, נעמט אַרײַן אין דער האַנט זײַנער דעם קראַנקן טעכטערלס הענטל, דריקט עס, גלעט עס: זאָל דאָס קינד, אין דער פינצטער, צי אין שלאָף, פילן, אז דער טאַטע זיצט בא דער זײַט, וואַכט, היט, דער אויצער זײַנער זאָל, כאָלילע, ניט אויסגעכאַפּט ווערן.

אַלע טראַכטעניש און אַלע קלערעניש זײַנען שוין עטלעכע מאָל, פונעם אָנהייב אָן, איבערגעטראַכט און איבערגעקלערט געוואָרן. טאָמער; כאָלילע; ווער ווייסט; די שאָ זאָל ניט זײַן. עס באַפאַלט אים אזש א ציטערניש. מענטשן טײַנען, אז איין קינד, א בעניאָכידל צי א באַסיעכידקעלע, איז דעריבער ציטעריק מאַכמעס ס'איז איין קינד, איין אויג אין קאָפּ. נאַרישקײַטן! ער פאַרמאָגט, קיין אײַנהאָרע, א פולע שטוב מיט קינדער, און אַלע זײַנען גלײַך אַף גלײַך ציטעריקע. טאַקע ניט טאָמיד זאַט, און טאַקע קיינמאָל ניט אָנגעטאָן, און טאַקע שטענדיק גוט פאַרשוואַרצט און אויסגעריסן, נאָר טאָמיד טײַער און שטענדיק ציטעריק. אַוודע איז אָרעם ניט רײַך. נאָר, צוריקגערעדט, איז טאַקע דאָס־אָ זײַן רײַכקײַט. און נאָכאַמאָל צוריקגערעדט: אזוי־אָ, מיט דער־אָ רײַכקײַט וואָלט ער זיך ניט געביטן מיטן גרעסטן אוישער אין דער וועלט. וואָס ציילט אָן אוישער? געלט. אָט איז עס דאָ און אָט איז עס ניטאָ. וואָס ציילט ער? אויצערס! איין זון, דער עלטסטער זון — אין בוקאַרעשט. אזא זון! אינדערהיים, לעבן זיך — אזא סראָליקל, אזא יאָסעלע, אזא בוזיעלע, אזא זיסעלע, אזא כאַנציעלע, אזא אידעטשקע! אייסעך, ווער קאָן זיך צו דעם גלײַכן? אויצערס! אָט וועט ער טאַקע באַלד א צייל טאָן. ניט איינס, ניט צוויי, ניט דרײַ, ניט פיר, ניט פינף, ניט זעקס, ניט זיבן... וואַרט נאָר. זיבן? אַנו, נאָכאַמאָל. יאָ. זיבן! ווער זשע איז דער אכטער? ווו זשע איז דאָס אכטע קינד?..

א גאַנצע נאַכט האָט איציק נאָכאַמאָל געציילט און ווידעראַמאָל געציילט און דער כעזשבן איז אים בעשום־אויפן ניט ארויס: איין קינד, איין אויצער, פעלט אים.

ערשט פאַרטאָג־צו, אין די וואַגאָן־פענצטער האָט שוין אָנגעהויבן בלאָווען, דער אוילעם אין וואַגאָן רירט זיך שוין אויף, מע פאָרט שוין אָט־אָט צו צו בוקאַרעשט, אַף פּייגעלעס פּאָנעם האָבן אָנגעהויבן אומשווינדלען פּאַסן שײַן, ערשט דאַן האָט ער זיך א פּאַטש געטאָן אין שטערן:

הער, הער, וואָס מיט אַ מענטשן קאָן זיך פאַרלויפן. אַ גאַנצע צײַט געהאַלטן אין דער האַנט פייגעלעס הענטל; דאָס גאַנצע פאַרעכץ, דאָס גאַנצע טראַכטעכץ איז וועגן איר, וועגן פייגעלען; און פונקט זי, פונקט פייגעלען האָט ער פאַרצײַלט...

דער זון און די שנור האָבן צום וואָקזאַל צוגעבראַכט אַ דראָזשקע. פייגעלען האָט דער זון אַרויסגעטראָגן פונעם וואַגאָן אויף די הענט. דער טאַטע איז נאָכגעגאַנגען הינטן מיט אַ צעקנײטשט קאַפּעליושל אויפן קאָפּ, אין פּאַלטאָכל זײַנעם מיט די פּערלמוטערנע קנעפּ. פייגעלע האָט די אויגן געהאַלטן אָפן, אַלעמאָל געשענקט אַ שמייכעלע דער שוועגערן אַלגען לעבן ברודער. אוי, מיליאָנען איז ווערט געווען דאָס דאָזיקע שמייכעלע דעמלט פייגעלעס...

אויבנאָן אין דער דראָזשקע, אונטערן לעדערנעם דעכל, האָבן דער טאַטע און אַלגע געהאַלטן פייגעלען אויף זייערע שויסן. איך בין געזעסן אַנטקעגן און קיין צײַט ניט געהאַט, שוין געוואָלט דערגיין באַם טאַטן, פאַרוואָס מ'האָט זיך ערשט איצטער דערמאָנט, פאַרוואָס מ'האָט אַפילו קיין בריוו ניט אָנגעשריבן און וואָס פאָרט זאָגן די ראַשקעווער דאָקטוירים איז עס. דער טאַטע האָט מיר געענטפערט, אַז וועגן די אַלע זאַכן וועלן מיר רעדן שפּעטער. אַצינד וויל ער אונדז נאָר דערציילן, וואָס ס'האָט מיט אים די נאַכט פּאַסירט אין וואַגאָן. די דראָזשקע איז געלאָפן איבער די בוקאַרעשטער גאַסן. דער קוטשער אויבן אויף דער קעלניע האָט געסמאָטשקעט צו די פערד. די פערד, פון זייער זײַט, האָבן אים אָפּגעענטפערט מיט אַ צאָקערײַ אויף די געקעסטלטע ברוקאָווקעס. און דער טאַטע מיטן צעקנײטשטן קאַפּעליושל, פאַרוקט אויפן שטערן, האָט פון אַלע פּאַסירונגען, וואָס ער האָט געהאַט



צו דערציילן, אויסגעקליבן די סאמע וואזשנע פאסירונג מיט אים דאָ ניט לאנג באנאכט, דערציילט זי בעזע האלאָשן:

— ס'איז, הערט איר, גאָרניט קיין פוסטע זאך... און כ'האָב עס ניט געזען אין קיין כאָלעם... ס'איז א סימען צו גוטן, א מין גוטע אָנגעזאָגטע בסורע, ווי איר זעט מיך לעבן... זיץ איך אזוי אין וואגאָן אין דער פינצטער, גלעט פייגעלעס הענטל און טראכט, קעמאשמאָעס, די גאנצע צײַט וועגן איר. אוואדע, נאָר וועגן איר. פלוצעם פאלט מיר ארײַן א געדאנק אין קאָפּ, כ'זאָל אזוי־אָ, ווי איך זיץ, נעמען און מיר איבערציילן די קינדער. דאָס קינד און יענץ קינד. א דריט קינד און א פערט קינד. כ'צייל און צייל. און וואָס מיינט איר? איין קינד פעלט מיר. כ'רעכן אהער, רעכן אהין — איין קינד איז נישטאָ, גלײַך ס'איז גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. און ווער מיינט איר? פייגעלע. פונקט פייגעלע איז מיר ארויס פונעם קאָפּ. וואָס זשע איז דאָס פאר א גוטער סימען? א גוטער. זייער א גוטער. א סימען אויף קאַפּויר. פייגעלע וועט, מירטשעם, לעבן און געזונט זײַן. ווי איר זעט אונדז דאָ איצטערביידע, בעשאָלעם איבערגעפאָרן דעם וועג...

צאַק, צאַק, צאַק, צאַק, צאַק...

ז

פייגעלע איז ניט געזונט געוואָרן.

פייגעלע איז געשטאָרבן.

אַלגע האָט געבראכט דעם בעסטן קינדער־דאָקטער, דעם באוווסטן אלטיטשקן דאָקטער געלער־טער. ער איז קוים ארופגעגאנגען אונדזערע טרעפּ, אלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעסאָפּעט זיך, געקרעכצט. אין אונדזער צווייט צימערל, וווּ פייגעלע איז געלעגן, איז ער אָפּגעזעסן איינעם מיט אַלגען עפשער א שאָ צײַט. ער האָט פייגעלען אויסגעטאָן נאקעט, אויסגעטאפּט איר אלע אייוורימ־לעך, פונעם שפּיץ קאָפּ, ביז אונטן די שפּיץ פינגער. וואָס ער האָט געזאָגט, האָבן מיר דערווײַל ניט געהערט. מיר האָבן נאָר געהערט, ווי ער האָט א פּאָר מאָל עפּעס א בייזער געטאָן זיך, א זידל גע־טאָן עמעצן, און מיר האָבן נאָר געזען, ווי אַלגע איז ארויס פונעם צימערל א ריק־רויטע אויפן פּאָנעם, ניט צו דערקענען זי. דער טאטע איז צו צו איר אזוי אײַנגעבויגן, גלײַך באלד וועט ער איר פאלן צו די פיס. ער האָט פונעם מויל ארויסגעבראכט נאָר איין וואָרט: „נו?" אַלגע האָט דעם טאטן געענט־פערט, אז זי גייט נאָר דעם דאָקטער ארויספירן, קערט זי זיך באלד אום צוריק. מיך האָט זי א צי געטאָן באם ארבל, כ'זאָל גיין מיט איר. איך בין אונטן געשטאנען אין א זײַט, און אַלגע האָט אײַנ־געטײַנעט מיטן דאָקטער געלערטער באם אָפּענעם טירל פון זײַן מאשין. ווען די מאשין איז אָפּגע־פאָרן, איז זי צו צו מיר, ארופגעפאלן מיר אויפן האלדז און אויסגעשאָסן א געוויין, גלײַך ווי פייגעלע וואלט געווען איר שוועסטערל און מײַן שוועגערן, ניט מײַן שוועסטערל און איר שוועגערן.

— דאָס קינד איז פארפאלן... געלערטער זאָגט, אז ס'איז קיין שום האָפענונג נישטאָ... מעניג־גיט... אי דאָס טובערקוליאָזער מענינגיט. אזוינע דאָקטוירים, זאָגט ער, דארף מען די קעפּ אראָפּ־נעמען. אויף וואָס פאר א סמאך האָבן זיי אָפּגעשטעלט בויך־טיפוס און באם קראנקן אוועקגענומען דאָס עסן? ס'איז געווען א געווײנלעכער טובערקוליאָז, און פון דער היץ און פון דער אָפּגעשוואכט־קייט האָט זיך אויסגעקאטשעט א מענינגיט. מע דארף דעם קינד, זאָגט ער, מאכן אין א שפּיטאָל א פונקציע, ארויסנעמען מארך פונעם רוקנביין אויף אן אנאליז. וויפל דער כוילע לעבט נאָך, האלט ער, דארף מען אים היילן, פאָרשן...

אזוי טאקע האָבן מיר געזאָגט דעם טאטן: מע דארף פייגעלען היילן. ארײַנלייגן אין א שפּיטאָל און היילן. באם קינדס שפּיטאָל־בעטל פלעגן מיר טעגווײַז זיצן אלע דרײַ: איך, אַלגע און דער טאטע. נאָר קיין סאך טעג האָבן מיר ניט געדארפט זיצן. אלע יאָרן דערנאָך פלעג אַלגע זאָגן, אז עס קלינ־גען איר נאָך אין די אויערן די איינציקע דרײַ ווערטער, וואָס זי האָט פון פייגעלען געהערט: „כ'האָב אײַך ליב, אַלגע!" מיר קלינגט נאָך הײַנט אין די אויערן פייגעלעס איין רעגע שטילשווײַגן. דאָס איז געווען בא אירע לעצטע מינוטן. זי איז שוין געלעגן מיט פארגלאָצטע אויגן, פארטײַעט, מ'האָט נאָך נאָר געזען, ווי זי אָטעמט. איך האָב זיך איבערגעבויגן איבער איר און זי א רוף געטאָן: „פייגעלע, פייגעלע!" זי האָט א רעגע אופגעהערט אָטעמען, אײַנגעהערט זיך, און איין אויגנבליק האָט מען געזען אויף איר פּאָנעם דאָס שמייכעלע אירס. אין עטלעכע מינוטן ארום איז זי אויסגעגאנגען.

א סאך פראָטים וועגן דער לעווײַע, וועגן טאטן אויף דער לעווײַע, וועגן ביז דער לעווײַע און נאָך דער לעווײַע, איז מיר שווער צו באשרײַבן. צו דער לעווײַע איז געקומען א גרויסער אוילעם. ס'איז געווען א „שיינע" לעווײַע. מײַן בען־איר וועלוול רוומאַן, כאזן דעמלט אין דער בוקארעשטער „גרויסער שול", האָט אויפן בעסוילעם געמאכט א כאזאָנישע מאָלע מיט מעשוירערים. באם „עס ניש־מאס" האָט ער זיך פארהאלטן עפשער פינף מינוט, אויסגעדריידלט אים און אויסגעציקלט, מיט א

נידעריקער הארץ־שטים און מיט גאַר א הויכער און דינער קאָפּ־שטים, מיט הישטאַפּכעסן און קאָלאַראטורן, די מעשוירערים האָבן אונטערגעכאַפּט, איין מעשוירערל — אַליין, א צווייט מעשוירערל — אַליין: א „גרויסאַרטיקע" מאָלע. א שיינעם דאַנק אים, פאַרשטייט זיך, וועלוול רוּוומאַנען. נאָר דעם עמעס געזאָגט, האָט ניט פייגעלען, ניט דעם טאַטן, ניט מיר און ניט אָלגען אזא „שיינע" מאָלע געפעלט.

די זיבן טעג שיווע איז דער טאַטע אָפּגעזעסן אין צווייטן צימערל, אונטן, לעבן דיוואַנדל. געזעסן די גאַנצע צײַט פאַרשטיינערט, אפילע ניט געזיפצט און ניט געקרעכצט, ווי זײַן שטייגער איז געווען. ביכלאַל האָט ער, ניט אין שפּיטאָל בא פייגעלעס אויסגיין און ניט אפן בעסוילעם באַם אראָפּלאָזן דעם אָרן אין קייווער ארײַן, אַף א הויך קאָל ניט געוויינט. ריטשקעס טרערן זײַנען אים אָן אופֿהער גערונען איבער די באַקן שטילערהייט, ווי זיי וואָלטן ארויסגערונען פון א גרויס געוויין ערגעץ טיף־טיף אינווייניק. צוויי מאָל נאָר, שוין אינמיטן די שיווע־טעג, האָט פּלוצעם ארויסגעזיפצט פון אים אזא געיאָמער, ניט אַף צו באַשרײַבן עס. אזא יאָמערן האָב איך ביז דעמלט ניט געהערט, נאָך דעמלט ניט געהערט. און וועל שוין, מיין איך, ניט הערן ביזן סאָף פון מײַנע טעג.

די אַלע זאַכן קאָן זיך דער לייענער אַליין גוט פאַרשטעלן. כ'וויל איצט באַם סאָף דערציילן אַזוינס, וואָס דער לייענער וועט אָן מיר אפילע זיך פאַרשטעלן עס ניט קאָנען.

נאָך שיווע האָב איך אָנגעהויבן ארויסגיין מיטן טאַטן אין גאַס. ווײַזן אים די שטאָט — איז ניט שײַעך צו זאָגן. גלאַט צעשלאָגן אים די געדאַנקען, זײַן מיט אים א שאַ־צוויי אַף דער לופט.

ער האָט, פאַרשטייט זיך, קוים געשלעפּט די פיס, געגאַנגען, ווי געווײַנלעך, און געשוויגן. גערעדט האָב איך. מיט וואָס זאָל איך דעם טאַטן טרייסטן? מיט וואָס זאָל איך זיך אַליין טרייסטן? כ'האָב אים ווידעראמאָל אויסגעברײַטעט, אז שולדיק זײַנען ניט די ראַשקעווער דאָקטוירים, שולדיק איז די ראַשקעווער טשעכאָטקע. דאָס ניט־דערעסן, די ענגשאַפט, דאָס פאַרפינצטערטקייט. פאַרפאַלן. פייגעלע איז א קאָרבן. וואָס טוט מען מיט די איבעריקע פיצלעך קינדער? וויאַזוי ראַטעוועט מען זיי ארויס? ס'וואָלט אוודע גוט געווען, ווען דער טאַטע וואָלט דאָרטן אַלצדינג געקענט אויספאַרקויפן, די שטוב פאַרדינגען, צי אויך פאַרקויפן, און מיטן גאַנצן אוילעם אריבערפּעקלען זיך אַהער. די עלטערע קינדער וואָלטן שוין געקאָנט ערגעץ עפּעס ארבעטן, צופאַרדינען, די קערלעך זײַנע, וואָס עטערע פראַזשעט דאָרטן אינדערהיים, וועט ער דאָ אויך קאָנען פראַזשען... פּאַרט — א גרויס אָרט, א גרויסע וועלט. כ'האָב אַליין ניט געגלייבט אין דעם, וואָס כ'האָב געזאָגט. נאָר כ'האָב עס געזאָגט, כ'האָב זיך עס אײַנגערעדט, און א ביסל האָט עס געטרייסט. דער טאַטע האָט מיר ניט געענטפערט. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, נאָר מ'האָט געזען, אז די געדאַנקען זײַנע זײַנען גאָר־גאָר ערגעץ אַנדערש. ער האָט, דאַכט זיך, אפילע ניט גוט געהערט, וואָס איך רעד.

אַף מאָרגן האָב איך אים מיטגענומען אין מארק, אין דער בוקאַרעשער „פּיאַצא מארע". דער טאַטע האָט מיט א שפּיץ אויג געכאַפּט א קוק אַף די הויכע קופּעס גרינע פּעפּערס, בלאָווע און רויטע פּאָמידאָרן, ציבעלעס, מערן און אַנדערע שאַר יעראָקעס. לעבן א הויפן קנאָבל, גאַנצע קרענץ קנאָבל, וואָס ער זיך א רעגע אָפּגעשטעלט און, ווי אַליין פאַר זיך, א מורמל געטאָן:

— אין ראַשקעוו איז דאָס יאָר אַף קנאָבל אַן אויסכאַפּעניש... אפילע אַף א רעפּוע וועסטו קיין ציינדל קנאָבל ניט קריגן...

כ'האָב זיך, פאַרשטייט זיך, דערפרייט, וואָס דער טאַטע האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש אויך... כ'בין אָבער געבליבן פאַרגאַפט און פאַרטרויערט, ווען כ'האָב אין לעצטן טאָג ערעוו דעם טאַטנס אָוועקפאָרן פּלוצעם דערזען אים אָנקומען פון דער גאַס מיט צוויי גרויסע קרענץ קנאָבל אין די הענט. ס'האָט זיך מיר א דאַכט געטאָן: ניט אין די הענט, נאָר אפן האַלדז, מאַמעש ווי צוויי לאַרבערקרענץ... ס'איז מיר אַזש דורכגעגאַן א שוידער איבערן לײַב. אָוועקגעפאָרן פון דער היים מיט אזא קינד, אזא טעכטערל, און קערט זיך אום מיט צוויי קרענץ קנאָבל אפן האַלדז...

דער טאַטע האָט א קוק געטאָן אַף מיר, א דריי געטאָן זיך לעבן מיר און מיט אָנגעגאָסענע אויגן מיר א זאָג געטאָן:

— פאַרשטייסט?.. קענסט דאָך די מאַמע... זי, אז זי וועט מיך דערזען אָנקומען מיטן באַלעגאָלע אָן פייגעלען, פאַלט זי באַלד אוועק אפן אָרט... אַזוי אָבער... דער מאַמען דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט ארײַנלייגן... אויב דער קאָפּ איז מיר נאָך בא א ביסל קנאָבל פאַרן קלייטל, איז א סימען, אז דאָס קינד איז אָדער געבליבן אין שפּיטאָל, אָדער — בא אײַך, צוגאַסט אַף עטלעכע טעג...

ביז הײַנט בין איך נאָך ניט אינגאַנצן זיכער, צי איז עס טאַקע אַזוי געווען, ווי ער האָט מיר געזאָגט, צי האָט ער זיך נאָר אַזוי פאַר מיר פאַרענטפערט...

אוי, לעבן, לעבן...

(סאָף פונעם ערשטן טייל)

די מאָס פון גערעכטיקײט

* * *

כ׳וויל פאַרמעקן אין זיקאָרן
יענע שוידערלעכע טעג,
ווען כ׳בין אומגעגאַן פאַרלאָרן,
א פאַרצווייפלטער פון שרעק.
ווען געהוליעט און געוועלטיקט
האָט אף וועגן דער ווילקיר,
ווען באַגלייט האָבן פאַרדעכטיק
בליקן פײַנטלעכע נאָך מיר.
אך, ווי גוט, וואָס ס׳איז פאַרשוווּנדן
יענער שוידער איבער מיר...

גערעכטיקײט

איך שטיי מיט פאַרדראָס אף די וועגן פון טרויער,
אף וועגן פון בענקשאַפט, וואָס פירן צום האַרצן,
עס האָט מיך א בילבל געבראַכט צו א טויער,
פאַרשלאָסן, פאַריגלט מײַן נאָמען אין שוואַרצן.
די בענקשאַפט, דער פיקהאַלץ, געפיקט האָט אין האַרצן.
א בענקשאַפט א שווערע און גרויסע פאַרדראָסן.
א זאַק אף דער פּלייצע, פון דר׳היים א באַגלייטער,
פאַרגאַנגענע זון האָט די רויטקײַט צעגאָסן.
אין קאָזאַכישן הימל צעשפּרייט זיך אַלץ ברייטער,
מײַן זאַק אף דער פּלייצע, מײַן שטילער באַגלייטער.
פון זאָרגן פאַרמאַטערט, פון אומרעכט צעבראָכן,
די אויגן פון מידקײַט פאַרמאַכן אַליין זיך,
דערשראָקן באַטראַכט איך מײַן נאָענטן שאָכן
און צווישן קאָווילן א ווינט האָט צעוויינט זיך.
עס האָבן צוויי הערצער נאָך פרײַהײַט פאַרבענקט זיך.
קאָזאַכישע קאַנטן, פּילזאַמדיקע וועגן,
צום ערשטן מאָל זע איך פון רויערד דײַן שיינקײַט.
נאָר כ׳ווייס ניט, בא וועמען איך זאָל איצטער פרעגן:
פאַרוואָס האָט א שאָטן פאַרפלעקט מיר מײַן ריינקײַט?
אז ליב כ׳האָב דײַן רויערד, ווי ליב כ׳האָב דײַן שיינקײַט.
נאָר פרעגן בא וועמען, און בעטן בא וועמען, —
פאַרוואָס האָסטו, אומרעכט, צעשניידט מיך מיט פרײַנט מײַנע בעסטע?
געקומען באַנאַכט איז א בילבל מיך נעמען,

פאַרוואָרפֿן פֿון מענטשן, נאָך פֿריַיהייט כ'זאָל לעכצן,
מײַן האַרץ זאָל נאָר הערן פֿון בענקשאַפֿט ד קרעכצן.
זאָל פּיקן דער טרויער, זאָל גריזשען דער צאָרן,
זאָל מערער דאָס אומרעכט מיך רייצן און ווארגן,
אַלציינס וועט דער עמעס ניט ווערן פֿאַרלאָרן,
ווי ס'וועט ניט אין הײמלאַנד גערעכטיקייט שטאַרבן.
די זון, וואָס פֿאַרגייט, גייט ניט אויס צווישן פֿאַרבן.
אין זאַג, וואָס דיר ווילט זיך, איך קען דײַנע איידעס —
ווילקיר און רעכילעס, דעם צווילינג פֿון פֿאַלשקייט,
אין זאָל אַט די פֿאַלשקייט פֿאַרשווינדן פֿון אויגן,
פֿאַרלאָזן וואָס גיכער דאָס ערלעכע לעבן.
פֿון קינדוויז נאָך טראָג איך אַ מעכטיקן גלויבן,
אַז אַלץ, וואָס גערעכטיקייט האָט מיר געגעבן,
וועט לעבן אומשטערבלעך אַזוי ווי דאָס לעבן.
איך הער אים, דעם עכאָ פֿון גערעכטיקייט גרויסער,
איך זע, ווי די ערלעכקייט שפּאַנט צו מיר ווידער,
און ס'רופֿן מיך וויַיטן פֿון ליטערן דרויסן,
פֿון מאַסקווע זיי טראָגן דעם צאַפּל פֿון לידער.
די גערעכטיקייט האַלדזט מיך ווי ס'האַלדזן זיך ברידער.
אין דאַנק איך דיר, הײמלאַנד, פֿאַר פֿריַיהייט גערעכטער,
וואָס דו האָסט פֿון קינדהייט פֿאַרפּלאַנצט אין מײַן האַרצן,
און איך ווי אַ דיכטער, און ערלעכער שעפֿער,
גיב אָפּ פֿאַרן עמעס מײַן לעבן אינגאַנצן.

ווער פֿרוווט?

ווער פּרוווט דאָס האַרץ מײַנס אויסשליסן
פֿון ערלעכער טרײַשאַפֿט צו דיר,
אַוועלכער עמעצער וויל אָפּזוכן שליסלען
צום שלאָס, וואָס העגנט בלויז פֿאַר פֿײַנט אַף מײַן טיר.
ס'איז מײַן האַרץ דאָך שטענדיק אָפֿן
פֿאַר מענטשן לײַטישע, פֿאַר גוטע פֿרײַנט
כאָטש כ'האָב ניט איין מאָל אַנגעטראָפֿן
אַף פֿײַנע שמייכלעך פֿון פֿײַנט.
נאָר פֿון זיי האָט קיינער ניט צעבראָכן
די טיפֿע וואָרצלען פֿון מײַן ביטאָכן.
ווײַל עכטע פֿרײַנט זײַנען פֿאַראַן אויך הײַנט
און בלויז פֿאַר זיי מײַן האַרץ איז אָפֿן
אַף טויזנט שלעסער איז מײַן האַרץ פֿאַרשלאָסן
פֿאַר דינע שמייכלעך פֿון עכטע פֿײַנט.

זאָרג

ווער באַדאַרף אַט די זאָרג,
וואָס בלענדט אויף און פֿאַרגייט,
ווער באַדאַרף אַזאַ פֿרייד,
וואָס פֿאַרשווינדט ווי אַ רעגע,
איך באַוואָפֿן מײַן האַרץ מיט זאָרג און מיט פֿרייד,
ניט פֿאַר זיך בלויז אַליין,
נאָר פֿאַר מענטשן אויך פֿרעמדע,
וואָס האָבן זיך קײנמאָל נאָך הילף צו מיר ניט געווענדט,

נאָר וואָס מער איך בין זאָרגפול פאַר יענעם,
אַלץ אָפטער לעבט אויפעט מײַן פרייד,
ווען איך זע, אַז מײַן הילף
האָט ווירקלעך דעם מענטשן געהאָלפן
און זײַן האַרץ איז געוואָרן מיט ליידן צעשיידט,
ווי די זון ווערט צעשיידט מיט אַ האַרבסטיקן וואָלקן.
כ'האָב פרײַנטשאַפט פאַרפלאַנצט ניט בלויז אױף מײַן בייט,
טראָגט מען בלומען צו מיר פאַר ערלעכע זאָרגן.

ווען דערמאָנונגען קומען צו גיין

אין רעגעס אין שווערע,
ווען דערמאָנונגען קומען צו גיין
מיט טראָפּנס פאַרטײַעטע טרערן
און שטיקן דאָס האַרץ מיט געוויין,
רוף איך, מײַן דרייסטקײַט זאָל קומען צו גיין
און זאָל זי מײַן ייִעש צעשטערן.
אַז לײַכטער זאָל עטוואָס מיר ווערן
צו טראָגן באַרעכטיקטן ווייטיק,
צו טראָגן דערמאָנונגען שווערע,
וואָס קאָנען ביז איצט ניט פאַרגיין.
ווײַזט אויס, אַז פאַרגיין
טאָר מײַן ווייטיק ניט קיינמאָל,
ווײַל כ'ווייס ניט,
ווו שטעלט מען אוועק אָט דעם דענקמאָל
פאַר אַלע, וואָס זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען,
ווײַל אָפּזוכן כ'קאָן ניט פון זיי דאָס געביין.

שמועל גאָרדאָן

די עלטער

שוין עטלעכע טעג ווי רינע האָט באַמערקט, אַז מיט איר מאַן קומט עפּעס פֿאָר. קיווע האָט זיך מיטאַמאָל אַזוי געביטן, אַז זי הערט אים צײַטנווײַז אויף צו דערקענען.

ניין, אויסערלעך איז ניט צו זען, אַז קיווע זאָל פֿאַר אָט די עטלעכע טעג זיך האָבן געענדערט. ער איז פֿאַרבליבן דער זעלבער שטאַלטנער, שיינער מאַנצביל, ווי ביזן אַרויסבאַגלייטן אים מיט אַ כּאַדאָשים פֿיר צוריק אויף פּענסיע. אַלנפֿאַלס, צווישן די געסט אויפֿן פֿײַערלעכן באַנקעט לכּבֿוד דעם יובילייאַר איז ניט געווען קיין איינער — איז רינע זיכער, — וועמען ס׳זאָל ניט געווען צווייפֿלען, אַז דעם באַל־יויוול איז טאַקע ווירקלעך שוין פֿינף און זיבעציק יאָר. אַפֿילע דער רעקטאָר פֿונעם אינסטיטוט, פּראָפֿעסאָר אַנטאָנאָוויטש גאָרעלאָוו, האָט דערינען געזאָגט, כאָטש גאָרעלאָוו האָט ניט פֿאַרגעסן, אַז ווען ער איז אָנגעקומען זיך לערנען אין דאָזיקן אינסטיטוט, איז קיווע לאַזאַרעוויטש קאַבלענץ צו יענער צײַט שוין געווען אַ דאָצענט און אַז ער איז שיִער ניט דער איינציקער, וועמען ס׳האָט דאָ געאַרבעט נאָך פֿאַר דער מילכאָמע. ווי פֿאַרויסזעענדיק, אַפּאַנעם, אַז די בײַווײַזנדע געסט קאָנען אַ פֿרעג טאָן, ווי זשע קומט עס, וואָס קיווע לאַזאַרעוויטש איז פֿאַרבליבן בלויז אַ קאַנדידאַט, בײַ פֿיל פֿון זײַנע קאָלעגן און אַפֿילע אייניקלעך פֿון זײַנע געוועזענע סטודענטן האָבן באַוויזן פֿאַר דער צײַט ווערן דאָקטאָרן, פּראָפֿעסאָרן, האָט גאָרעלאָוו, פֿאַרגעבנדיק זיך אַליין די דאָזיקע פֿראַגע, געענטפֿערט אויף איר דאָס זעלבע, וואָס ס׳וואָלטן געקאָנט דערויף ענטפֿערן אויך אַנדערע באַם טיש: קיווע לאַזאַרעוויטש קאַבלענץ געהערט צו די, וועלכע זאָרגן דאָס גאַנצע לעבן וועגן יענעם און פֿאַרגעסן דערבײַ אינגאַנצן וועגן זיך. אַנשטאָט דעם, מע זאָל שאַנעווען אַזעלכע מענטשן, באַגייט מען זיך מיט זיי געוויינלעך פּונקט פֿאַרקערט. מע לאָדט זיי וואָס מער אָן. קיווע קאַבלענץ איז אַ לענגערע צײַט געווען דער פֿאָרזיצער פֿונעם פּראָפֿקאָם, עטלעכע יאָר — סעקרעטאַר פֿון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט, פֿאָרזיצער פֿון דער אופֿנאַם־קאָמיסיע בײַ די אַרײַנטריט־עקזאַמענעס אין אינסטיטוט, מיטגליד פֿון אַלערלײַ געזעלשאַפֿטלעכע קאָמיסיעס. אויסער דעם, וואָס ער איז קימאַט פֿון די ערשטע און ביז די לעצטע טעג געווען אויף דער מילכאָמע, האָט מען אים פֿיל שפּעטער פֿון אַנדערע פֿונעם זעלבן ראַנג און עלטער דעמאָביליזירט פֿון דער אַרמיי.

פֿאַרענדיקט האָט פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש גאָרעלאָוו דערמיט, אַז ער וואָלט דער ערשטער אופֿגעהויבן ביידע הענט פֿאַר דעם, אַז מע זאָל אָן אַ דיסערטאַציע צוויגענען דעם דאָצענט קאַבלענצן דעם טיטל פּראָפֿעסאָר, וואָרעם, אויב אָפֿן גערעדט, זעט ער דערווײַל ניט, ווער עס זאָל קאָנען פֿאַרבײַטן קיווע לאַזאַרעוויטשן אין דער לאַבאָראַטאָריע, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפֿירט די לעצטע צוויי צענדליק יאָר. ער וואָלט אים אין קיין שום פֿאַל ניט אָפּגעלאָזט, ווען קיווע לאַזאַרעוויטש אַליין זאָל ניט געווען דערויף אַזוי באַשטיין.

— פֿינף און זיבעציק יאָר איז אַפֿילע הײַנטיקע צײַטן אויך שוין אַ גאַנץ סאָלידע עלטער. נאָר ווער וועט גלייבן, אַז אונדזערן יובילייאַר איז דרײַ פֿערטל יאָרהונדערט? איך, אַשטייגער, וואָלט אונדזער פֿילגעאַכטן קיווע לאַזאַרעוויטשן מער פֿון זעכציק, פֿינף און זעכציק ניט געגעבן.

— פּופֿציק, — האָבן זיך אָפּגערופֿן באַם טיש עטלעכע שטימען מיטאַמאָל, — ניט מער פֿון פּופֿציק.

דאָס איז שוין, פֿאַרשטייט זיך, געווען איבערגעטריבן. נאָר ווי זאָל מען ניט געווען איבערטרײַבן, זעענדיק זיצן לעבן אים אויבנאָן באַם טיש די יונגע, בלאָנדע פֿרוי, וועמען אַלע האָבן פֿון אָנפֿאַנג געהאַט אָנגענומען פֿאַר זײַנער אַ טאָכטער. מיטן פֿאַרשטעלן איר מאַן שיִר ניט פֿאַר קיין פֿופֿציקיאָריקן איז מען גיכער פֿון אַלץ אָפּאַנעם אויסן געווען ניט אַרויסצוּווײַזן פֿאַר קיווען דעם גרויסן אונטערשייד אינעם עלטער צווישן אים און איר. רינע האָט עס געקאָנט אויך אויסטײַטשן: און עפּשער איז מען דערמיט אויך אויסן געווען, אַז זי זאָל ווייניקער באַמערקן אין אים די עמעסע עלטער זײַנע?

נאָר דאָס איז שוין זיכער געווען איבעריק. רינע האָט ניט געמאַכט דערפֿון קיין וועזן, ניט איבעריקס באַמערקט דעם גרויסן אונטערשייד אין זייער עלטער, ווען איר איז קוים געווען צוואַנציק און אים נאָענט שוין צו די פֿופֿציק.

צווישן די פֿאַרזאַמלטע באַם טיש האָט מיסטאָמע ניט איינער, דערזעענדיק זיי ביידן, אַ קלער געטאָן וועגן איר, אַז זי האָט כאַסענע געהאַט פֿאַר קיווען ניט אַזוי דערפֿאַר, ווײַל ער איז געווען אַ שטאַלטנער, שיינער מאַנצבל און צו זײַנע קאָרעוו פֿופֿציק יאָר נאָך אויסגעזען גענוג יונג, מע זאָל זיך אין אים פֿאַרליבן. גיכער פֿון אַלץ האָט זי פֿאַר אים מיסטאָמע כאַסענע געהאַט, ווײַל ער איז געווען אַ גוט באַזאָרגטער מענטש, וועט מיט דער צײַט זיכער ווערן אַ פּראָפֿעסאָר און פֿאַרנעמען אינעם אינסטיטוט אַ סאַך אַ העכערע שטעלע. פֿאַר אַ מיידל אין איר דעמאָלטיקן עלטער האָט אַזוינס פֿיל צו זאָגן. סע וועגט צומאָל אַלץ אַריבער באַם אויסוויילן זיך אַ מאַן. אַלנפֿאַלס, קיינער פֿון די בײַזיצנדיקע באַם טיש, איז רינע געווען זיכער, וואָלט ניט געגלייבט, פּונקט ווי ס'האָבן ניט געגלייבט קימאַט אַלע אירע באַקאַנטע, אַז בעשאַס זי האָט כאַסענע געהאַט פֿאַר קיווען איז ער ניט געווען פֿון די איבעריקס באַזאָרגטע, כאָטש ער האָט, זײַענדיק אַ דאָצענט, געקאָנט אייגנטלעך פֿאַרנעמען די שטעלע פֿון אַ פּראָפֿעסאָר. און געלעבט האָט קיווע ניט אין קיין באַזונדערער דירע, געהאַט אַ צימער אין אַ קאָמונאַלער וווינונג. דער צימער איז געווען ניט קיין גרויסער און אָרעם מעבלירט. אין דער קליידער־שאַפֿע איז געווען גענוג פֿרײַ אָרט. מער ווי איין אַרויסגאַנג־גאַרניטער, אַ צוויי־דרײַ העמדלעך און אַ מאַנטל פֿאַר אַלע צײַטן פֿון יאָר איז אין שאַפֿע גאָרניט געהאַנגען. קימאַט האַלב פֿונעם פֿאַרדינסט האָט קיווע אָפּגעגעבן דער געגעטער טאָכטער, וועלכע איז געבליבן מיט אַ קליין קינד.

סײַווי אָבער וואָלט זיך גאָרניט געענדערט, ווען רינע דערוויסט זיך פֿון דעם אַלעם בעשאַס זי האָט זיך צופֿעליק באַקאַנט מיט קיווען, שטייענדיק אין דער ריי בײַ דער קאַסע פֿונעם קינאָ־טעאַטער „אודארניק“.

די געסט באַם טיש וואָלטן מיסטאָמע אויך ניט געגלייבט, אַז אירע טאַטע־מאַמע, ווען זי האָט זיי געזאָגט, אַז זי קלײַבט זיך כאַסענע האָבן פֿאַר אַ פֿיל עלטערן פֿון זיך, האָבן עס געהאַט אויפֿגענומען אַזוי, ווי זי האָט פֿון זיי דערוואַרט, כאָטש זיי האָבן זיך געריכט, אַז זייער רינאַטאַ, זייער צירונג, ווי די מאַמע האָט זי גערופֿן, וועט נעמען אירן אַ גלײַכן — אַ יונגן באָכער, און יונגע שיינע באָכערים האָבן ניט אויסגעפֿעלט אין פּיאַרנו, וווּ זיי האָבן געוווינט. ניט צוליב דעם, אַז זי זאָל זוכן אַ כאָסן אין דער פֿרעמד, כאַסענע האָבן ניט פֿאַר קיין אייגענעם, נאָר פֿאַר אַ ייִדן, האָבן זיי זי געשיקט אין דער הויפּטשטאָט זיך לערנען. נאָר קוים האָט זי צוליב דעם פֿיל עלטערן פֿון זיך מאַנצבל אַלץ געוואָרפֿן, האָבן טאַטע־מאַמע עס אויפֿגענומען ווי אַ באַשערטע זאַך און באַוויליקט אַלץ, וואָס זייער טאָכטער האָט געוואָלט.

דער ערשטער פֿאַרטראַכט איר ער איז געווען, נאָך דעם ווי זי האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין אינסטיטוט פֿאַר פֿיזקולטור און ספּאָרט, ניט נאָכטאָן אייניקע און אויך פּרוּוון אָפּגעבן עקזאַמען אין אַן אַנדער אינסטיטוט. מעגלעך, ווײַל אומעטום איז געווען אַ גרויסער קאָנקורס. און עפּשער דערפֿאַר, ווײַל אין אַ יאָר צי צוויי אַרום וואָלט איר אַלציינס אויסגעקומען צו וואַרפֿן דאָס לערנען. איר פֿאָטער איז ניט געווען אַף קיין סאַך עלטער פֿון דער מוטער, ווען זי האָט געבוירן דאָס ערשטע קינד, רינעס עלטערן ברודערל. די מאַמע איז דעמאָלט געווען אַף אַ יאָר ייִנגער, וויפֿל רינע איז געווען צו דער כאַסענע. זי וואָלט, פֿאַרשטייט זיך, ניט פֿאַרשפּעטיקט, רינע, ווערן אַ מוטער אין אַ פּאָר יאָר אַרום אויך. זי האָט אָבער ניט געקאָנט קלערן בלויז וועגן זיך. פֿריִער פֿון אַלץ האָט זי געמוזט זאָרגן וועגן דעם פֿאָטער פֿון זייער קינד, ניט פֿאַרגעסן, אַז ווי יונג קיווע זאָל ניט אויסזען, איז אים שוין פֿאָרט בײַ די פֿופֿציק. וועגן דעם האָט ניט פֿאַרגעסן איר צו דערמאָנען די מאַמע פֿאַר דער כאַסענע.

און טאַקע דערפֿאַר, ווי שווער און שרעקלעך איר איז עס ניט געווען, האָט רינע זיך געמוזט אָפּזאָגן ווערן נאָכאַמאָל אַ מוטער, נאָך דעם ווי פֿון אַ לונגען־אָנצינדונג איז געשטאָרבן זייער ערשטלינג — אַ מיידעלע פֿון דריטהאַלבן יאָר. זי האָט אַנדערש ניט געקאָנט. אין קיוועס עלטער, זײַענדיק שוין אַ זיידע, ווערן אַ טאַטע פֿון אַ קינד, וואָס וועט זײַן ייִנגער פֿון זײַן ייִנגסטן אייניקל... אָפּריידן זי פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרטראַכט אירן איז קיווע ניט געווען אימשטאַנד, אָבער פֿאַרשטאַנען האָט ער, אַז רינע איז גערעכט. ער וואָלט זיך דאָך געשעמט פֿאַר דער אייגענער טאָכטער ניאַנטשען זיך בײַ אַזאַ עלטער מיט אַן אייפֿעלע.

צווישן איר, רינען, און קיווס טאָכטער, בעטיען, איז פון סאַמע אָנפאַנג ניט געווען קיין גרויסע פרײַנטשאַפט. ס'איז אָבער אויך ניט געווען צווישן זיי קיין סינע. און פאַרוואָס האָט געדאַרפט זײַן צווישן זיי, אייגנטלעך, א סינע? זי האָט דאָך ניט אָפגענומען בא איר מוטער דעם מאַן. און אין דעם, וואָס בעטיעס פאָטער האָט כאַסענע געהאַט פאַר א פרוי, וועלכע איז ייִנגער פון זײַן טאָכטער, און ניט אַף איין יאָר, איז זי דאָך, רינע, געוויס ניט שולדיק.

בעטיעס צוריקגעהאַלטנקײַט בענעגייע איר לאָזט זיך לײַכט פאַרשטיין. זי לעבט איבער צוליב דער מוטער, וועלכע פייניקט זיך, מיסטאָמע, וואָס זי איז אַף דער עלטער געבליבן אַליין בייס בא איר געוועזענעם מאַן איז א יונגע, שיינע פרוי. בעטיען, ווי א טאָכטער, איז פאַרט נעענטער די מאַמע, איידער דער טאַטע, כאָטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין דעם, וואָס אירע עלטערן זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז דער פאָטער ניט שולדיק.

רינע האָט זי איינמאָל געזען. דאָס איז געווען אין א יאָר צוויי-דרײַ אַרום נאָך דער כאַסענע. קיווס איייניקל, באָרינקע, איז געווען שטאַרק שלאָף, און קיווע איז קימאַט יעדן טאָג, נאָך דער אַרבעט, געפאָרן אים געוויר ווערן.

אין איינעם פון יענע טעג האָט קיווע זי מיטגענומען מיט זיך. קיין שטאַרקן כיישעק זיך זען אַן איבעריקס מאָל מיט זײַן טאָכטער האָט רינע ניט געהאַט. זי האָט אָבער נאָכגעגעבן דעם מאַן און איז מיטגעפאָרן.

אַרײַנקומענדיק מיטן מאַן צו זײַן טאָכטער, האָט רינע דערזען זיצן בא באָרינקעס בעטל א דאַרע פרוי מיט גרויסע האַלב-אויסגעלאָשענע אויגן אַפן לענגלעכן צעקנייטשטן געזיכט. קיווע האָט זי ווי ניט באַמערקט; בלויז א שאָקל געטאָן צו איר קוים מיטן קאָפ און זיך גלײַך אָפגעקערט. רינע האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז דאָס דאַרף זײַן קיווס געוועזענע פרוי, מאַלקע. די טיפע קנייטשן אַף איר געזיכט האָבן ניט באַוויזן אײַנגאַנצן נאָך אויסבאַהאַלטן, אַז זי איז געווען אַמאָל א רייצנדיק־שיינע, פיל שענער און צוציִענדיקער, ווי קיווע האָט זי אויסגעמאָלט, ווען ער האָט רינען געהאַט דערציילט, פאַרוואָס זײַנען זיי זיך מיט יאָרן צוריק פאַנאַנדערגעגאַנגען שיִר ניט ווי פאַרביסענע סאָנים.

פונעם דערציילן האָט רינע פאַרשטאַנען, אַז קיווע האָט נישט געקאָנט זיך ניט פאַנאַנדערגיין מיט זײַן געוועזענער פרוי. יעדער מאַנצבל אַף זײַן אָרט, וואָס האָט די מינדסטע אייגנליבע, וואָלט אין אַזא פאַל זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן ווײַב. אָבער ניט אַזוי, ווי קיווע. און עפשער... צוליב דעם דאַרף מען, אַפאָנעם, זײַן אַזא־אָ, ווי קיווע, א מאַנצבל מיט עכטער מאַנצבלשער אייגנליבע און עכטן מאַנצבלשן ווילן. רינע האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין זײַן פרוי: ווי האָט זי געקאָנט זיך אַזוי אופירן, ניט זײַן טרײַ אַזא שיינעם, שטאַלטנעם געבילדעטן מאַן?

לענגער בײַזײַן בייס קיווס באַגעגעניש מיט זײַן געוועזענער פרוי באַם בעטל פון זייער איייניקל האָט רינע ניט געוואָלט. זי איז אַרויס אין דרויסן, צוּוואַרטן דאָרט אַפן מאַן. נאָר אויך דאָ האָט רינע ווי געפילט אַף זיך מאַלקעס פרעגנדיקן בליק: צי ווייסט זי, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין יענער נאַכט צווישן איר, מאַלקען, און קיווען?

און פאַרלאָפן איז זיך אין יענער נאַכט אַזוינס, אַז רינען גייט ביז איצט נאָך דורך א קעלט בייס זי דערמאָנט זיך דערפון.

אַף גאַנצע צוויי כאַדאָשים איז קיווע אוועקגעפאָרן אין א וויסנשאַפטלעכער קאָמאַנדירונג. ביידע קינדער מיטן ווײַב האָט ער אַף אָט די צוויי זומערדיקע כאַדאָשים אוועקגעשיקט אַף דאָרעם, צו מאַלקעס א קרויווע אין דאָרף.

פאַסירט האָט אָבער אַזוי, אַז קיווע האָט זיך אומגעקערט אַהיים מיט עטלעכע טעג פאַר דעם, ווי מאַלקע איז צוריקגעקומען פונעם דאָרף. די קינדער האָט זי אַף א וואָך צײַט נאָך איבערגעלאָזט דאָרט, די קרויווע האָט זיך געקליבן קיין מאָסקווע, וועט זי זיי ברענגען מיט זיך צו פירן. קיווס אומקערן זיך אַהיים אַף עטלעכע טעג פריִער איז געווען פאַר מאַלקען אײַנגאַנצן אומגעריכט.

באַנאַכט, ליגנדיק צוגעטוליעט צו איר הייסן רייצנדיקן לײַב, האָט קיווע אין א שפּאַס א זאָג געטאָן, אַז איר וועט אויסקומען א פאָר כאַדאָשים צוהונגערן, אַראָפּוואַרפן די קילאָגראַמען וואָג, וועלכע זי האָט אָנגענומען אַף זיך בא דער קרויווע אין דאָרף.

מיטאַמאָל, אײַנדרעמלענדיק שוין, האָט קיווע באַם סאַמע אויער דערהערט איר שעפּטשען: „איך האָב דיר אָנצוזאָגן א פריידיקע נײַס... א גרויסע פריידיקע נײַס...”

קיווע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון איר שווער אָטעמענדיקער שטײַפער ברוסט און, ניט פרווונדיק טרעפן, ווי זי האָט עס, קענטיק, פון אים דערוואַרט, געפרעגט:

— וואָס פאַר א נײַס?

— און אַליין שטויסטו זיך ניט אָן? — זי האָט לײַכט צוגעדריקט זײַן האַנט צו איר באַמערקבאַר שוין פולבלעכן בויך. — בא אונדז וועט זײַן נאָך א קינד. דאָס מאָל וועל איך דיר געבוירן א ייִנגעלע.

ער האָט זיך האַסטיק אופגעזעצט, און ניט גלייבנדיק זיך אַליין, אַז ער האָט דאָס אַלץ ווירקלעך געהערט פון דער פרוי, וועלכע ליגט לעבן אים, שטיל איבערגעפרעגט:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך בין שוואַנגער, — זי האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט און גענומען הייס קושן. קיווע האָט זי האַרב אָפּגעשטויסן, און, קוים אײַנהאַלטנדיק אין זיך דעם שטורעם, וועלכער האָט אין אים געווילדעוועט, געפרעגט, ניט קונקדיק אויף איר:

— פון וועמען?

— וואָס הייסט דו פרעגסט פון וועמען? נאַרעלע, פון וועמען האָב איך געקאָנט פאַרגיין אין טראָגן, אויב ניט פון דיר?

— פון מיר? פון וועמען זאָגסטו? פון מיר?!

קיווע איז אַרויסגעשפרונגען פונעם בעט, אַראָפּגעשלעפּט מאַלקען אַ הוילע אויפן דיל און גענומען זי שמײַסן מיטן נאָך פאַרהיטן פון דער מילכאָמע־מיליטערישן רימען.

— פון וועמען ביסטו שוואַנגער? פון מיר!? פון מיר!?

אירע געשרייען האָבן אויפגעהויבן פון די בעטן די שכיינים פון דער דירע, מע האָט בײַ אים קוים אָפּגענומען דעם רימען.

וואָס האָט מאַלקע אים דערציילט וועגן דעם יונגנמאַן, מיט וועמען זי איז אין דאָרף זיך נאָענט צונויפגעגאַנגען, ניט באַנעמענדיק, וויאַזוי האָט מיט איר געקאָנט אַזעלכס זיך פאַרלויפן, האָט קיווע שוין ניט געהערט. ער האָט זיך האַסטיק אָנגעטאָן, צונויפגעלייגט אין טשעמאָדאַן זײַנע זאַכן, פאַרכאַפּט מיט זיך עטלעכע ביכער און פאַרלאָזט דעם צימער, פאַרלאָזט אויף שטענדיק.

ווען רינע, אויסהערנדיק די געשיכטע, האָט געפרעגט בײַ קיווען, וויאַזוי האָט זיך געקאָנט אויפהייבן בײַ אים די האַנט אויף אַ פרוי, האָט ער איר דערויף געענטפערט, אַז ער האָט אויפגעהויבן אויף דער געוועזענער פרוי זײַנער די האַנט ניט ווײַל זי האָט אים פאַראַטן מיט אַ צווייטן. אַזוינס, אויב מע האָט ליב דאָס ווײַב, קאָן מען צומאָל מויכל זײַן, און מאַלקען, לייקנט ער ניט, האָט ער זייער ליב געהאַט. אָבער פאַר פאַכדאָנעס, אַרופוואַרפן די שולד אויף אַ צווייטן! אַזוינס קאָן ער ניט מויכל זײַן! פאַכדאָנעס איז געפערלעכער ווי פאַראַט, ווײַל פאַראַט נעמט זיך דאָך אייגנטלעך פון פאַכדאָנעס.

רינע האָט וועגן דעם אַלעמען זיך געהאַט אַזוי פאַרקלערט, אַז צו איר איז קיין וואָרט ניט דערגאַנגען פון דעם טאָסט, וועלכן ס'האָט געהאַלטן דער פאַרוואַלטער פון דער קאַפעדרע, אינגאַנצן אַ יונגער מענטש נאָך, נאָר אָן אַ סימען פון האָר אויפן קאָפּ. רינע האָט בלויז פאַרכאַפּט דעם סאָף פון זײַן רעדע, אַז ער איז פולקום אײַנשטימיק מיט פאַוועל אַנטאָנאָוויטשן. קיווע לאַזאַרעוויטש זעט ווירקלעך אויס פיל ייִנגער פון זײַן עלטער. מער פון זעכציק וועט דעם יובילאַר קיינער ניט געבן.

דאָס זעלבע, אָן ערעך, וואָלט אויך רינע מיסטאָמע געזאָגט, ווען בײַם טיש וואָלט געגאַנגען אַ רייד ניט וועגן איר מאַן, נאָר וועגן אַן אַנדערן. אייגנטלעך איז דאָך טאַקע אַזוי. קיווע האָט בײַם אַרויסבאַגלייטן אים אויפן פײַערלעכן באַנקעט אויף פענסיע אויסגעזען פיל ייִנגער פון זײַן עלטער. אויב ניט פון קיין פופציק, פינף־און־פופציקיאָריקן, איז אַלנפאַלס ניט מער פון אַ זעכציק, פינף־און־זעכציק־יאָריקן. אפילו דאָס קאָל בײַ אים האָט נאָך פאַרהיט אין זיך די שטײַפקײַט.

ווי אַ שעמעוודיק מיידל, האָט רינע זיך פאַרויטלט, ווען קיווע, אָפּדאַנקענדיק די געסט פאַר די וואַרעמע ווערטער, האָט מיטאַמאָל גענומען ריידן וועגן איר, אַז דאָס איז איר פאַרדינסט, אויב ער האָט בײַ אַזאַ עלטער זיך אַזוי פאַרהיט. בלויז איר האָט ער דערפאַר צו פאַרדאַנקען. פאַרענדיקט האָט קיווע דערמיט, אַז ער ווינטשט אַלעמען, אַז בײַ זייערע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך זאָלן זײַן אַזעלכע טרײַע, איבערגעגעבענע פרויען, ווי זײַן רינע.

— גאָרקאָ! — האָט עמעצער פון די געסט הויך אויסגעשריִען, און אַלע בײַם טיש, פאַטשנדיק הילכיק מיט די הענט, האָבן צוגעהאָלפן שרײַען: — גאָרקאָ! גאָרקאָ!

קיווע מיט רינען האָבן ניט געלאָזט זיך לאַנג בעטן. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט, זיך אַרומגענומען און, ווי אַ יונג פאָרפאָלק, געקומענע נאָרוואָס פון זאַגס, פאַר אַלעמען אין די אויגן, מע זאָל זען און הערן, זיך דרײַ מאָל צעקושט.

נאָך די אַלע אַרויסגעזאָגטע שוואָכים האָט קיווע אין יענעם אָוונט בעפּירעש אויסגעזען אין רינעס אויגן פיל ייִנגער, עלעהיי מע זאָל זי געווען אײַנריידן, אַז זיי זײַנען שיר ניט אין איינע יאָרן... אויף אַזויפיל אָבער נאַרן זיך האָט רינע ניט געקאָנט. ווער־ווער, נאָר זי האָט גוט געוווּסט, וואָס איז איר קיווע אויסגעשטאַנען און וואָס ער האָט איבערגעטראָגן, ביז ער האָט זיך דערקליבן צום אַכטן יאָרצענדליק. די לעצטע פאַר יאָר האָט ער מער פאַרבראַכט אין די שפּיטאָלן, איידער אינדערהיים. דאָס האָט ער זיך אויסגעגליטשט און צעבראָכן אַ פוס, דאָס איז די קאַטאַראַקטע אינעם לינקן אויג געוואָרן צײַטיק און מע האָט עס געמוזט דרינגענדיק אָפּערירן, און אין אַ טאָג אַרום, אינמיטן דער נאַכט, האָט געגעבן וועגן זיך צו וויסן מיט שרעקלעכע ווייטיקן די מענערשע קרענק און ער איז בײַ צוויי כאַדאָשים אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל.

די דאָזיקע צוויי כאַדאָשים זײַנען געווען בײַ רינען די גרוילעכסטע טעג אין איר לעבן. דער דאָקטער האָט ניט אויסבאַהאַלטן, וואָס עס דערוואַרט איר געפערלעכער קראַנקן מאַן. און ווען די געפאַר

איז אַריבער, האָט דער דאָקטער פאַרזיכערט קיווען, אַז דאָס, וואָס ער האָט בײַ אַזאַ עלטער זיך אַרויסגעקראַבקעט פון אָט דער שווערער קרענק, האָט ער צו פאַרדאַנקען פריִער פון אַלץ דער פרוי זײַנער. זי האָט די צוויי כאַדאָשים קימאַט ניט פאַרלאָזט די פאַלאַטע, געשלאָפן זיצנדיק בײַ זײַן געלעגער, ווי אַ מאַמע באַם וויגעלע פון אַ שלאָף קינד.

ניט באַוויזן נאָך רעכט קומען צו־זיך, האָט קיווע זיך ווידער אַרײַנגעלייגט אין שפּיטאָל, דאָס מאָל מיט דער געפערלעכסטער קרענק בײַ אַזעלכע יאָרן, מיט אַ שווערן אינפאַרקט, כאָטש ער האָט ביז דעם זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אַפן האַרץ.

אַרײַנלייגנדיק זיך דאָס מאָל אין שפּיטאָל, האָט קיווע קענטיק ניט געהאָפט, אַז ער וועט זיך אומקערן אַהיים. רינע האָט עס אַרויסגעזען פונעם בריוו, וועלכן זי האָט נאָכן אָפּפירן דעם מאַן אין שפּיטאָל געפונען בײַ אים אונטער דער קישן — זי האָט דעם בריוו ניט דערלייענט ביזן סאָף, ניט געקאָנט אים דערלייענען... זי איז ניט קיין קינד, פאַרשטייט אַליין, אַז אַלץ קאָן פּאַסירן. קיינער איז דערפון ניט געזיכערט. נאָר וויִאַזוי נעמט עס אַ לעבעדיקער מענטש שרײַבן וועגן זיך, ווי וועגן אַ טויטן שוין, אָנשרײַבן, וויִאַזוי מע זאָל אים אַרויסבאַגלייטן אין זײַן לעצטן וועג, אָנווײַזן, ווו זאָל מען אים מעקאַבער זײַן. אַף דעם דאַרף מען, זעט אויס, זײַן זייער אַ מוטיקער, העלדישער מענטש. און אַז איר קיווע איז אַזאַ, האָט רינע עס געוווּסט ניט בלויז דערפון, וואָס מע האָט אים אַף דער מילכאָמע באַלוינט מיט פיל אָרדענס און מעדאַלן. זי האָט געזען, ווי קיווע האָט איינמאָל זיך קעגנגעשטעלט שיקורים, וועלכע זײַנען באַפאַלן הילפלאָזע מענטשן.

דאָס ניט־דערלייענטע ביזן סאָף אינעם געפונענעם בריוול האָט קיווע איר אַרויסגעזאָגט אין שפּיטאָל אין דער נאַכט, ווען זי האָט מוירע געהאַט, אַז ס'איז די לעצטע.

— איך גיי אַוועק. אַזויפיל יאָר אָפּגעלעבט מיט דיר און לאָז דיר נאָך אַלעמען גאָרניט איבער. ניט באַוויזן אַפילע אויסצאָלן פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער דירע. וויִאַזוי וועסטו אויסקומען? בײַ דיר וועט דאָך זײַן אַ קליינע פּענסיע, און ביז דער פּענסיע איז דיר נאָך זייער ווײַט...

רינע האָט אים צוגעמאַכט מיט דער האַנט דאָס מויל, ניט געלאָזט קיין וואָרט מער אַרויסברענגען וועגן דעם:

— דער דאָקטער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט דיך אויסהיילן. פאַראַן אַזאַ אימפּאָרטנע רעפוּע, וואָס וועט דיך שטעלן אַף די פיס. איך וועל קריגן די רעפוּע! וויפל ס'זאָל ניט קאָסטן. נאָר כ'וועל זי קריגן!

ווי ער זאָל ניט דערהערן, וואָס האָט זי אים געזאָגט, און עפּשער זײַנען צו אים ניט דערגאַנגען אירע רייד, ווײַל ער איז געווען אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זיך, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, אויסבאַהאַלטנדיק פון רינען די שאַרפע ווייען, וואָס האָבן אים ווידער אַרומגעכאַפּט, האָט ער מיט אַ שטיל פאַרשמאַכט קאָל פונסנײַ זיך אָנגערופן:

— דו ביסט נאָך יונג. אַ שיינע, וועסט געוויס כאַסענע האָבן...

רינע האָט אים ווידער צוגעמאַכט דאָס מויל מיט איר האַנט:

— הער אויף. כ'בעט דיך. הער אויף...

עס איז דורך אַ רעכטע ווײַלע. רינע איז געווען זיכער, אַז קיווע האָט אײַנגעדרעמלט. זי האָט אָבער ניט באַוויזן זיך אויפהייבן פונעם בענקל. איר האָט פאַרהאַלטן זײַנע מיטאַמאָל ברייט צעעפנטע אויגן:

— זאָג מיר צו, אַז דו וועסט כאַסענע האָבן פאַר אים ניט פריִער, ווי אין אַ יאָר אַרום.

רינע האָט אים צעטומלט אָנגעקוקט.

— גאָט מײַנער, — זי האָט אין פאַרצווייפלונג שיִער ניט אויסגעשריִען, — וועגן וואָס רעדסטו, טײַערער מײַנער?

ער האָט אַוועקגעלייגט זײַן בלייכע אויסגעצערטע האַנט אַף אירער און ערשט איצט באַמערקט, אַז ס'איז ניטאָ דאָס פינגערל מיטן שטיינדל, וואָס ער האָט איר געקויפט פאַראַיאָרן צום געבורטסטאָג.

— האָסט עס פאַרלוירן? — האָט ער אָן איבעריקן פאַרדראָס זי געפרעגט.

— ניין.

— פאַרוואָס זשע טראָגסטו עס ניט?

זי האָט אָפּגעפירט פון אים די אויגן.

— האָסט עס פאַרקויפט?

— כ'האָב געמוזט...

— איך פאַרשטיי...

— וועסט געזונט ווערן, וועסטו מיר קויפן אַן אַנדערס. אַ בעסערס נאָך.

— יאָ, יאָ, — ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, נאָר איר האַנט ניט אָפּגעלאָזט.

— כ'האָב געזען, ווי ער האָט געקוקט אַף דיר.

— ווער?

— און אַליין ווייסטו ניט? דער כירורג יאַקאָוו סערגייעוויטש. ער איז נאָך אַ יונגער מענטש, אַן איינזאַמער. אויב ער איז דיר געפעלן, איז האָב כאַסענע פאַר אים... מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז ער דאַרף זײַן אַ ווױלער מענטש.

נאָר פון דעם אַלעמען, וואָס איר איז אויסגעקומען צו אויסשטיין, וויפל האָט זי איבערגעטראָגן פונעם טאָג, ווען קיווע האָט דערפילט אין זיך דעם אָנקום פון דער עלטער מיט אַלע אירע כאַלאַסן און שוואַכקייטן, האָט זי דאָך ניט געקאָנט דערציילן די געסט, ניט באַם יאָמטעוודיקן טיש אַף דער קאַפעדרע אין אינסטיטוט, ניט באַם יאָמטעוודיקן טיש אין אַ פּאָר טעג אַרום אין שטוב בא זיך פאַר זייערע נאָענטע און באַקאַנטע.

...אָבער ניט דערפאַר, ווײַל ס'האָט, כאַלילע, געקאָנט געשען אַזוי, ווי קיווע האָט דערוואַרט אין יענער שרעקלעכער נאַכט, און זײַענדיק זיכער, אַז ס'איז שוין דער סאָף און אַזוי איבערגעלעבט פון דעם, וואָס ער לאָזט איר גאַרניט איבער, אַפילע ניט אויסגעצאָלט נאָך פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער דירע, איז רינע אָנגעקומען אַף קורסן, ווו מע גרייט גידן פאַר אויסלענדישע טוריסטן. זי איז אָנגעקומען אַהין מיט אַ צײַט נאָך פריִער. איר איז מיטאַמאָל פּאָשעט געוואָרן לאַנגווײַליק זײַן בלויז אַ פרוי פאַרן מאַן, ווי די מוטער אירע איז געווען פאַרן פאָטער. די מוטער אירע האָט אָבער אויך געהאַט צו טאָן מיט דערציִען קינדער, און דערפון איז זי דאָך, רינע, פריַי. מעגלעך, אַז זי איז באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, וואָס זי האָט נאָכן אומגליק מיט זייער טעכטערל ניט געוואָלט האָבן מער קיין קינדער. זי איז אײַנגעגאַנגען דערויף בלויז צוליב קיווען, בלויז צוליב אים, אָבער ער איז דערינען ניט שולדיק. יעדעס מאָל, ווען זי איז איבער דער אייגענער שולד פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט זי עס אויסבאַהאַלטן פונעם מאַן, דערציילט אים דערפון שוין נאָך דעם, ווי זי פלעגט אַרויסגיין פונעם שפיטאָל.

אָנגעקומען איז רינע זיך לערנען אַף דער פינישער אָפּטיילונג. פיניש האָט זי אַ ביסל געקענט פון דער קינדהײַט. זייערע שכיינים אַפן כוטער זײַנען געווען פינלענדער. זי האָט זיך געכאַווערט מיט זייערע קינדער. פאַר דער צײַט האָט זי שוין פיל פאַרגעסן, ווי יעדער שפּראַך, מיט וועלכער מע ניצט זיך לאַנג ניט. אָבער אַלציינס איז איר לײַכטער געווען דערלערנען פיניש, ס'איז פאַרט קרוּויִשנאָענט צו איר מוטער־שפּראַך, צו עסטאָניש.

נאָכן פאַרענדיקן די קורסן האָט רינע געקאָנט פײַן פאַרדינען. דאָס איז געווען בלויז פון איר געוועגדט. צוליב דעם האָט זי אָבער געדאַרפט אָפט אַרומרײַזן מיט די אינטוריסטן איבערן לאַנד. איינגאַנצן אָפּזאָגן זיך דערפון, קוים איז זי אָנגעקומען אַף אַ שטעלע, האָט רינע ניט געקאָנט, כאָטש זי האָט געוווסט, ווי קיווע לעבט איבער, אַפילע ווען זי פאַרהאַלט זיך צומאָל אַף דער אַרבעט. באַזונדערס קומט איר אויס זיך פאַרהאַלטן, ווען זי באַגלייט די אינטוריסטן אין טעאַטער.

אַנומלטן האָט זיך צופעליק געמאַכט אַן איבעריקער בילעט אינעם קליינעם אַקאַדעמישן טעאַטער אַפן ספּעקטאַקל „דער קייסער פיאָדער יאָהאַנאָוויטש". איינער פון די אינטוריסטן איז פלוצעם פאַרשלאָפט געוואָרן און ניט געקאָנט גיין. אָנשטאָט אים האָט רינע מיטגענומען דעם מאַן. פאַר קיווען איז עס געווען אַ יאָמטעוו. די הויפּט־ראָל אין דער פאָרשטעלונג האָט געשפילט אינאָקענטי סמאָקטונאָווסקי, וועמען קיווע האָט געהאַלטן פאַרן געניִאַלסטן שוישפּילער פון דער צײַט. אַפן דאָזיקן ספּעקטאַקל, כאָטש מע שפילט אים שוין דאָס דריטע צי דאָס פערטע יאָר, האָט מען אין קאַסע קימאַט ביכלאָל ניט פאַרקויפט קיין בילעטן. מע האָט זיי פאַנאַנדערגעטיילט צווישן הויכבאַאַמטע, נאָך מער צווישן געשעפט־לײַט, פון וועמען די אַדמיניסטראַטאָרן און קאַסירשעס, איז דער באַאוולטער אוילעם בא דער קאַסע געווען זיכער, האָבן געהאַט דערפון פאַר זי אַ נוץ.

די פינישע אינטוריסטן, מיט וועמען קיווע איז געזעסן אין דער ריי, זײַנען מערסטנטייל געווען יונגע מאַנצבלען און ניט אויסבאַהאַלטן, ווי באַצויבערט זיי זײַנען פון זייער גיד, פון דער בלאָנדער שיינער פרײַלין רינאַלטאַ און, פאַרשטייט זיך, מיסטאַמע ניט געגלייבט, אַז דער באַיאָרטער מאַנצבל, מיט וועמען זי איז געקומען, איז איר מאַן. קיווע האָט געוויס עס באַמערקט, נישט געקאָנט אַזוינס ניט באַמערקן, נאָר האָט עס אויסבאַהאַלטן פון איר.

אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָט זיך איר ווידער געמאַכט אַ געלעגנהײַט מיטנעמען קיווען אין קינסטלערישן טעאַטער אַף אַ פאָרשטעלונג, אַף וועלכער ס'איז אויך קימאַט אומעגלעך געווען קריגן אַ בילעט. צו יענער צײַט האָט דאָרט געהאַט שוין געשפילט זײַן אויסדערווײַלטער אַקטיאָר סמאָקטונאָווסקי, קיווע האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט. דערפון האָט רינע פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אויך פּאַריקס מאָל ניט געדאַרפט אים מיטנעמען אין טעאַטער צוזאַמען מיט די אינטוריסטן. דערזעענדיק זי אַרומגערינגלט מיט יונגעלײַט, וועלכע באַהאַלטן ניט אויס, ווי אַנציקט זיי זײַנען פון איר שיינקײַט, פון איר יונגן, קימאַט מיידלשן אויסזען, האָט קיווע געוויס דערפילט אין זיך שטאַרקער די עלטער און דערבײַ מיסטאַמע אַ קלער געטאָן, אַז ווען זי זאָל ניט געווען דעמלט שטיין לעבן אים אין דער ריי בא דער קאַסע פונעם קינאָ־טעאַטער „אודאַרניק" און ער זאָל ניט געווען פאַרפירן מיט איר, סטאַם

אַזוי זיך, אַ רייד, זיי געדענקען שוין ביידע ניט וועגן וואָס, וואָלט זי געקאָנט זײַן די פרוי פון נאָך גאָר אַ יונגן מענטשן, און דערצו פון אַ פיל מער באַזאָרגטן פון אים.

„דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, — האָט רינע אים דערוף פאַר זיך געענטפערט, גלײַך זי וואָלט ווירקלעך געהערט פון אים אַזוינס זאָגן, — אַז איך האָב דיך קיינמאָל דערינען ניט באַשולדיקט. פאַרקערט. איך האָב די אַלע יאָרן געהאַלטן און דיר ניט איין מאָל איבערגעכאַזערט, אַז איך בין גליקלעך, און אַז דו ביסט ביז איצט פאַרבליבן פאַר מיר דער זעלבער, ווי געווען, דער בעסטער, דער קליגסטער, דער שענסטער...“

בלויז איין מאָל האָט זי, דאַכט זיך, אַנשוילעך באַמערקט דעם גרויסן אונטערשייד אין די יאָרן צווישן איר און אים. דאָס איז געווען אין שפּיטאָל, אין די געפערלעכע טעג, ווען דער טויט האָט אים אונטערגעהיט באַם צוקאָפּנס. אָבער נאָך דעם, ווי זי האָט אים אַרויסגעגאַנוועט באַם טויט פון די הענט און געבראַכט אַהיים, האָט קיווע ווידער אויסגעזען אין אירע אויגן דער זעלבער שיינער, שטאַלטנער מאַנצביל, און אַזאַ איז ער פאַר איר פאַרבליבן באַם אַרויסבאַגלייטן אים אין אינסטיטוט אויף פּענסיע.

רינע ווייסט ניט, צי אין ווירקלעך אַזוי גרויס איר פאַרדינסט, וואָס קיווע האָט בײַ אַזאַ עלטער זיך אַזוי פאַרהיט, ווי ער האָט דערפון גערעדט באַם יאָמטעוודיקן טיש אויף דער קאַפעדרע. נאָר אין דעם, אַז זי האָט אויף מאָרגן, נאָכן באַנקעט און נאָך די פײַערלעכע טאָסטן, אַלץ געטאָן, אַז קיווע זאָל אַפילע אויף קיין מינוט ניט דערלאָזן צו זיך דעם געדאַנק, אַז אין זײַן לעבן האָט זיך עפּעס וויכטיקס געענדערט, דאָס איז שוין געוויס איר פאַרדינסט. זי האָט אים יעדן אינדערפרי, פּינקטלעך ווי ביז אַהער, לויטן זייגער, אויפגעהויבן פון בעט, ניט געלאָזט אויף קיין רגע פאַרשפּעטיקן צו דער גימנאַסטיק און געצוווּנגען צוגלײַך מיט איר דורכמאַכן די זעלבע גימנאַסטישע איבונגען, עלעהיי זי זאָל פאַרגעסן דעם אונטערשייד אין די יאָרן. זי האָט, ווי ביז אַהער, ניט דערלאָזט, ער זאָל פילן די עלטער, קלערן דערפון. פאַר עלטערע מענטשן איז עס, לויט איר פאַרשטאַנד, די גרעסטע געפאַר.

לאַנג אָבער האָט דאָס אַלץ ניט אָנגעהאַלטן. מיט יעדן טאָג איז איר געוואָרן שווערער אים אופהייבן אינדערפרי פון בעט און צווינגען זיך שטעלן צוזאַמען מיט איר מאַכן גימנאַסטיק. לעצטנס האָט זי אויף אים אַפילע אָנגעשריִען. דאָס איז געווען, דאַכט זיך, ס'ערשטע מאָל פאַר אַלע יאָרן, ווען זי האָט געהעכערט אויף אים דאָס קאָל. ער האָט איר צוליב געטאָן און איז אַראָפּ פונעם געלעגער, נאָר געפרעגט דערבײַ הייזעריקלעך שטיל:

— נו, צו וואָס הייבסטו מיך אוף אַזוי פרי פונעם בעט? נו, צו וואָס? דו האָסט, ווּהין צו אײַלן, ס'וואַרט אויף דיר די אַרבעט, אָבער ווּהין האָב איך צו אײַלן? וואָס וועל איך אָנווערן, אויב כ'וועל זיך פּעדערן אויף אַ שאָ צי צוויי שפּעטער?

— דו ווייסט דאָך אָבער אָן מיר ניט מאַכן קיין גימנאַסטיק.

— איך זאָג דיר צו.

קיווע האָט איר צוגעזאָגט ניט בלויז דאָס. ער האָט איר צוגעזאָגט פאָלגן, וואָס זי זאָל אים ניט הייסן, געגעבן דאָס וואָרט, אַז ער וועט זיצן ווייניקער אין שטוב, מערער שפּאַצירן, בײַ יעטווידן וועטער זיך דורכגיין אַמווייניקסטנס אַ דרײַ־פיר קילאָמעטער.

די שטוב האָט אים אָבער קעגן זײַן ווילן געצויגן צו זיך מיט עפּעס אַ מין סוידעספולער קראַפט, ניט געלאָזט זיך דערווײַטערן פון איר. מער ווי אַ האַלבע שאָ האָט דאָס שפּאַצירן בײַ אים ניט געדויערט, און איטלעכס מאָל האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר רינען, אַז די פיס פאָלגן ניט, זיי ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ שוואַכער און שוואַכער. רינע האָט אים ניט נאָכגעגעבן, ניט אַרויסגעוויזן קיין מיטלײַד, ווי ער האָט פון איר דערוואַרט. פאַרקערט, זי האָט אים אָנגעלאָדן מיט פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, געמאַכט פאַרן פאַרגרייטער פון אַלע שפּײַז־פּראָדוקטן, דערבײַ אָנגעוויזן, אין וועלכע קראָמען זאָל ער אײַנקויפן, אויסקלײַבנדיק פאַר דעם די מער ווײַטערע פון זייער הויז.

קיווע האָט זי קיין איין מאָל ניט אונטערגעפּירט. צו רינעס אומקערן זיך אַהיים פון דער אַרבעט איז אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט באַשטעלט, געווען אײַנגעקויפט, כאָטש ניט אַלץ איז איר אין דעם טאָג געווען נייטיק. זי האָט פרײַ געקאָנט אויסקומען אָן זיי אַפילע אַ וואָך. איר איז געגאַנגען אין עפּעס אַנדערס גאָר, ער זאָל ווייניקער זיצן אין שטוב, מערער אַרומגיין. בײַ קיווען זײַנען ניט געווען קיין סוידעס פון דער פרוי, האָט ער ניט געמאַכט קיין סאָד אויך דערפון, אַז צופוס גייט ער בלויז ביז דער קלייט. צוריקוועגס אָבער פאָרט ער. אויף אַהינצו און צוריק קלעקט אים שוין ניט קיין קויעך, ביפראַט נאָך מיט אָן אָנגעלאָדן קוישל. רינע האָט אים געגלייבט, מיטגעפילט, אָבער ניט אַרויסגעוויזן עס. אַלציינס האָט זי אויך אויף ווײַטער צוגעטראַכט פאַר אים פאַרשיידענע גענג, נאָר אָן אַ קוישל און ניט אַזוי ווײַט שוין פון דער שטוב.

דער געראַנגל צווישן איר און דעם מאַן, ער זאָל זיך ניט אונטערגעבן די עלטער, וואָלט זיך מיסטאָמע געצויגן אַזוי און געצויגן, און ווער ווייסט, וויפל צײַט נאָך וואָלט זי זיך ניט געכאַפּט,

אַז מיט איר קיווען קומט עפּעס מאָדנע פֿאָר, ווען זי זאָל מיט עטלעכע טעג צוריק ניט געווען קומען אַהיים פֿון דער אַרבעט פֿריִער ווי געוויינלעך.

פֿאַר קיווען איז רינעס קומען פֿרי פֿון דער אַרבעט געווען אַף אַזויפֿיל אומגעריכט, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי זי איז אַרײַן אין שטוב. איר האָט זיך געדאַכט, אַז ווען זי זאָל אַפֿילע ראַשיקער געווען צומאַכן די טיר, וואָלט קיווע אויך ניט דערהערט. ער איז געזעסן אַפֿן באַלקאָן און זיך דאָרט מיט עמעצן הויך דורכגערעדט. זי זאָל זײַ ניט שטערן, איז רינע שטיל צוגעגאַנגען צום פֿענצטער אין שכיינעסדיקן צימער אַ קוק טאָן, מיט וועמען שמועסט ער זיך דאָס דורך אַזוי הויך, און איז געבליבן שטיין אַ דערשטוינטע. אויסער דעם מאַן איז אַפֿן באַלקאָן מער קיינער ניט געווען. קיווע האָט געהאַלטן אין די הענט דעם פּאָרטאַטיוון יאַפּאַנישן טראַנזיסטאָר „שאַרפּ", וועלכן מע האָט אים געשאָנקען צום יובילײ, און איז געווען אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין דעם, וואָס מע האָט טראַנסלירט, מוירע געהאַט, ווי צו זען, דורכלאָזן אַ וואָרט. און ווען ס'איז אַף אַ ווײַלע פּלוצעם פֿאַרלוירן געגאַנגען די שטים פֿונעם דיקטאָר, האָט קיווע, ווי רינע האָט באַוויזן צו באַמערקן, זיך דערפֿון געערגערט, געבייזערט. ער האָט זיך געיאָגט נאָך דער פֿאַרשווונדענער ראַדיאָ־כוואַליע, דרייענדיק דעם טראַנזיסטאָר אין אַלע זײַטן. און ווען אים איז סאָפֿקאָלסאָף געלונגען כאַפּן צוריק די פֿאַרשווונדענע כוואַליע, האָט ער פּונסנײַ גענומען שפּאַרן זיך מיטן דיקטאָר. קענטיק, אַז ניט אין אַלץ איז קיווע געווען מאַסקים מיט יענעם, און הויך דערווידערט.

קיוועס אָפּגעבן זיך אַזוי דעם טראַנזיסטאָר, דאָס דורכשמועסן זיך הינטער־אויגיק מיטן דיקטאָר, זײַן אונטערזינגען בײַס מע טראַנסלירט מוזיק, מאַכנדיק דערבײַ מאָדנע האַווײַעס, האָט רינען שטאַרק אָנגעשראָקן. קיין איין וואָרט האָט זי פֿון דעם אַלעם ניט פֿאַרשטאַנען, בלויז אָנגעשטויסן זיך, אַז ס'איז אַף ייִדיש. אין דער קינדהײַט האָט זי אַ קורצע צײַט געלערנט דײַטש און געוווּסט, אַז ייִדיש איז ענלעך צו דײַטש. פֿאַר די אַלע יאָרן, וואָס זי איז קיוועס פֿרוי, האָט זי אים אָבער קיינמאָל ניט געהערט ריידן אַף ייִדיש. געווען זיכער, אַז די שפּראַך קען ער פּאַשעט ניט, פּונקט ווי אַלע זייערע ייִדישע באַקאַנטע. צווישן די עסטאָנער איז אַזוינס ניט צו טרעפֿן. זי, אַלנפֿאַלס, האָט ניט באַגעגנט דערווײַל קיין איין עסטאָנער, וועלכער זאָל ניט קאָנען ריידן אַף עסטאָניש.

דאָס אויסגעלערנטע ביסל דײַטש האָט איר אין דער קינדהײַט געהאָלפֿן זיך דורכריידן מיטן ייִדן, וועלכער האָט עטלעכע כאָדאָשים זיך אויסבאַהאַלטן בײַ זײַ אין כוטער, בײַס די דײַטשן האָבן געוועלטיקט אין עסטלאַנד.

...ס'איז געווען שוין אָוונט, ווען זי האָט זיך אומגעקערט מיטן טאַטן אַהיים פֿון אַ ווײַטלעכן דאָרף, וווּ ס'האָט געוווינט איר מומע אינגע.

דערנעענטערנדיק זיך צום כוטער, האָבן זײַ מיטאַמאָל דערהערט אַ פֿאַרשטיקט קרעכצן. דער פֿאָטער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פֿערד און זײַ זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער פֿור. ניט ווײַט פֿונעם וועג האָבן זײַ דערזען אַ פֿאַרשאָטענע גרוב, און פֿון דער גרוב האָט אַרויסגעשטעקט אַ פֿאַרבלוטיקטער קאָפּ. דער מענטש האָט מיט די לעצטע קויכעס געגראַבלט די פֿריש אָנגעשאָטענע ערד. בײַ זײַ אין כוטער האָבן קיין ייִדן ניט געלעבט. דאָס האָט מען, ווי זײַ האָבן זיך נאָכדעם דערוווּסט פֿונעם גראַטעוועטן, געבראַכט אַהער צו פֿירן די ייִדן פֿון די שכיינעסדיקע שטעטלעך און זײַ אַלע דאָ דערשאָסן. דער מענטש, וועמ ס'האָט ביז האַלב זיך אָפּגעגראָבן, איז געווען דער איינציקער לעבנגעבליבענער ייִד. די קויל האָט אים בלויז לײַכט פֿאַרווונדעט און מע האָט אים אַ לעבעדיקן פֿאַרשאָטן.

דער פֿאָטער האָט געהאָלפֿן דעם פֿאַרווונדעטן אַרויסקלײַבן זיך פֿון דער פֿאַרשאָטענער גרוב און אים באַהאַלטן אַף דער פֿור אונטערן היי, וואָס ער האָט אָנגעוואָרפֿן פֿון אַ דערבײַיִקער סטערטע. רינען האָט דער פֿאָטער אַוועקגעזעצט פֿון אויבן, אַף דער הויכער קופּע היי.

אין וועג האָבן זײַ זיך אָנגעשטויסן אַף פּאָליצײַאַנטן. איינער פֿון זײַ איז געווען דעם פֿאָטערס אַ באַקאַנטער, האָט ער ניט געמאַכט קיין אונטערזוכונג, בלויז אַ טאַפּ געטאָן אויבנאויפֿיק דאָס היי אונטער איר.

עטלעכע וואָכן, ביז דער פֿאָטער האָט ניט אָפּגעזוכט בײַ זײַנעם אַ גוטן־פֿרײַנט אין אַ שכיינעסדיקן דאָרף אַ מער זיכער אָרט, האָט דער געראַטעוועטער ייִד זיך אויסבאַהאַלטן בײַ זײַ אַפֿן בוידעם. רינע פֿלעגט אָפּט אַרויפֿקריכן אַהין, ברענגען אים עסן. עסטאָניש האָט דער ייִד ניט געקענט, ער איז געווען ניט קיין היגער, אַן אָנגעפֿאָרענער פֿון אוקראַיִנע, האָט זי זיך דורכגערעדט מיט אים אַף דײַטש, אַרײַנמישנדיק אין די רייד עסטאָניש, און ער האָט אַרײַנגעמישט אינעם דײַטש ייִדיש. עטלעכע ווערטער האָבן זיך בײַ איר פֿון יענער צײַט פֿאַרהיט אין זיקאָרן ביז איצט נאָך, און זײַ האָבן איר אונטערגעזאָגט, אַף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך רעדט זיך קיווע איבער מיטן טראַנזיסטאָר.

— דו קענסט ייִדיש? — האָט רינע פֿאַרכידעשט געפֿרעגט דעם מאַן.

— דיך וווּנדערט עס? — קיווע האָט דערבײַ העכער נאָך אײַנגעשלאָסן דעם טראַנזיסטאָר.

— כ'האָב קיינמאָל ניט געהערט, זאָלסט ריידן אַף ייִדיש.

— מיר איז פּאַשעט ניט אויסגעקומען. אין דער קינדהייט האָב איך אפילע געקענט א ביסל לאַשנקוידעש, איצט רופט זיך עס איווריט. און דאָס, וואָס מע האָט געקענט אין דער קינדהייט, לאָזט זיך אופשטעלן אף דער עלטער. ביפראט, אז כ׳האָב אזא לערער, ווי דער טראַנזיסטאָר.

דער יאפּאַנישער פּאַרטאטיווער ראדיאָ־אופנעמער איז געוואָרן קיווס נאָענטסטער פריינט. שאָענלאנג האָט ער געקאָנט אָפּזיצן מיט אים און זיך דורכריידן.

רינע האָט דערלאָזט דעם געדאנק, אז אף דער עלטער קאָן מען צומאָל אופשטעלן פיל פון דעם, וואָס מע האָט געוווסט אין דער קינדהייט און געהאט עס פארגעסן. זי האָט אָבער אויך דערלאָזט דעם געדאנק, אז דאָס אָפּגעבן זיך גאנצע טעג אזוי דעם טראַנזיסטאָר, ווי איר קיווע, קאָן ברענגען דערצו, אז מע זאָל אף דער עלטער זיך פארוואנדלען אין א קינד, און פאר דעם האָט זי שרעקלעך מוירע געהאט, פארלאָרן די רו.

ווי גיך ס׳איז זיך מיט אים דאָס אלץ פארלאָפן! פיר כאדאָשים ערשט, אז ער איז אוועק אף פּענסיע, א געזונטער, א שטאלטנער, א שיינער, און מיטאמאָל אזוי זיך געענדערט, אז זי הערט אוף אים מאמעש צו דערקענען. צייטנווייז דוכט זיך איר, אז ער רעדט מיט זיך אליין, און דאָס, האָט רינע געוווסט, איז א זיכערער סימען פון עלטער, ווען דעם מענטשן גייט שוין קיין זאך ניט אָן, ער ווערט צו אלץ גלייכגילטיק, צו אלץ און צו אלעמען. נאָר פונוואנען האָט זיך צו קיווען גענומען אָט די גלייכגילטיקייט אי צו זיך, אי צו איר? ער איז דאָך גאָרניט אזוי אלט. אפילע די לעצטע צייט איז זעלטן דורך די נאכט, אז ער זאָל ניט ארויסווייזן צו איר זיין מענערישקייט.

ניין! זי קאָן ניט גלייכגילטיק צוקוקן זיך, וואָס עס קומט פאָר מיט איר מאַן. בא קיווען נעמט זיך עס ניט פון אלטקייט, ניין, און בלויז זי איינע ווייסט די רעפוע דערצו.

אף מאָרגן האָט רינע זיך אָפּגעבעטן אף א טאָג פון דער ארבעט און איז אוועק אין אינסטיטוט, ווו מע האָט ניט אזוי לאנג צוריק ארויסבאגלייט איר קיווען אף פארדינטן אָפּרו.

...צווישן די, וועלכע האָבן געוואַרט אינעם לענגלעכן אופנאם־צימער אפן רעקטאָר פונעם אינסטיטוט, אף פּאווּל אנטאָנאָוויטש גאָרעלאָוון, איז רינע געווען די לעצטע אין דער ריי. נאָר ניט דאָס האָט זי געקימערט. דערפון, וואָס זי איז געקומען שפּעטער פון אנדערע, ווערט זי דאָך, אייגנטלעך, גאָרניט אָן. סיי־ווי וואָלט איר אויסגעקומען וואַרטן לענגער פון אלעמען, ווען זי זאָל אפילע געווען זיין די ערשטע אין דער ריי. אלע, וועמען זי האָט דאָ געטראָפן, האָבן מיט עטלעכע טעג נאָך צוריק זי פארשריבן צו גאָרעלאָוון אף אן אופנאם, און דאָס צוגעגרייטע צעטל ליגט שוין אין קאבינעט בא אים אפן טיש. צי וועט דער רעקטאָר אויסער די זיך פארשריבענע צו אים באווייזן נאָך עמעצן אופנעמען היינט, קאָן די סעקרעטארשע איר ניט זאָגן. גיכער פון אלץ מיסטאמע ניט. ס׳וועט אים פּאַשעט ניט קלעקן דערוף קיין צייט. אין אָנדערהאלבן שאָ ארום איז בא אים א זיצונג און ער איז נאָך אלץ ניטאָ, כאָטש ער האָט מיט א רעכטער צייט צוריק אָנגעקלונגען, אז ער פאָרט ארויס. אפּאָנעם, אז ער האָט זיך אין וועג ערגעץ פארהאלטן. די סעקרעטארשע האָט איר אָבער צוגעזאָגט, זי וועט אומבאדינגט איבערגעבן פּאווּל אנטאָנאָוויטשן, אז עס וואַרט צו אים אף אן אופנאם די פרוי פונעם דאָצענט קיווע לאזאַרעוויטש קאָבלענץ. זי וועט ניט פארגעסן. פיל גלייכער וואָלט אָבער געווען און זיכערער אף געוויס, האָט די סעקרעטארשע דערביי צוגעגעבן, ווען רינע פארשרייבט זיך צו אים אף אן אנדערש מאָל און ניט פאטערן דאָ היינט אומזיסט קיין צייט.

רינע האָט אליין פארשטאנען, אז גאָרעלאָווס סעקרעטארשע, דאָס ווייבל מיט די האלב־לעוואָנעדיקע אוירינדלעך און פערלמוטערנע בלייך געפארבטע ליפן, איז גערעכט, אז אומזיסט זיצט זי דאָ היינט מיסטאמע און וואַרט, פונדעסטוועגן איז זי פארבליבן. דער טאָג איז בא איר אלציינס דאָך א פארפאלענער. אף דער ארבעט וועט זי שוין היינט ניט גיין.

— כ׳האָב מוירע, — האָט רינע האלב ערנסט א זאָג געטאָן צו איר שאָכן, צו דעם יונגנמאַן מיטן געקרייזלטן בערדל, דערזעענדיק, ווי ער בלעטערט איבער אף די קני די פּאפּירן אין דער פּאַפּקע, — אז איבער אייך וועט דער רעקטאָר ניט באווייזן מיך אופנעמען. — זי האָט עס ארויסגעבראכט האלב אין שפאס, אָבער גענוג הויך, אז דאָס זאָל דערגיין צו די אנדערע באזוכער, ווי וועלנדיק דערמיט זאָגן, אז ס׳וואָלט ניט געווען קיין אוולע, ווען מע לאָזט זי דורך אפריער. ס׳זאָל געווען טאקע האלטן דערביי, וואָלט זי צוגעזאָגט זיך לאנג ניט פארהאלטן באם רעקטאָר. זיי זעען דאָך אליין, אז אין אונטערשייד פון אלע איבעריקע איז זי געקומען אהער מיט ליידיקע הענט, אָן א מינדסט פּאפּירל אפילע.

דער יונגערמאַן האָט אָבער ניט באוויזן איר אָפּענטפערן, ווייל אין דער זעלבער רעגע איז אריינגעקומען גאָרעלאָוו.

ניט אומקוקנדיק זיך קימאט אף קיינעם, ווי ער זאָל מוירע האָבן פארלירן איבער דעם אָן איבעריקע מינוט, איז גאָרעלאָוו פארשוווּנדן הינטער דער טונקל־ברוינער טיר פון זיין קאבינעט.

דער ערשטער פון דער ריי, א דיקלעכער פּאַרשוין מיט א שווערן פּאָרטפעל אין דער האַנט, האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט.

— מע קאָן שוין אַרײַן? — האָט ער געפרעגט בא דער מיטאמאָל שטרענג געוואָרענער סעקרעטארשע. אפילע די גרויסע האַלב־לעוואָנעדיקע אויערינגלעך, האָט זיך געדוכט, האָבן זיך אנדערש צעבליצט.

— ווארט דאָ צו. כ׳וועל אפריער אויסקלאָרן בא אים.

צוזאמען מיט דער סעקרעטארשע איז ארויס פונעם קאבינעט אויך גאָרעלאָוו.

— רינע אָסוואַלדאָוונע, — האָט פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש אויסגערופן, נאָך איידער ער האָט זי דערזען זיצן אין ווינקל באם ביכער־שראַנק, — ביטע. גייט אַרײַן. — ער זאָל מיט זײַן אַרײַנמישן זיך אין דער אָרדענונג פון דער ריי ניט ארויסרופן בא די באַזוכער קיין אומצופרידנקײַט, האָט ער צו זיי א זאָג געגעבן: — באַאומרויִקט זיך ניט. כ׳וועל אַלעמען אופנעמען.

גאָרעלאָוו איז אָפּגעטראָטן אין א זײַט און דורכגעלאָזט רינען פאָרויס זיך. ער האָט זי באַזעצט אין טיפן פאָטעל אנטקעגן זײַן שרײַבטיש און זיך צוגעגרייט הערן, וואָס האָט געבראַכט הײַנט אַהער אָט די שיינע יונגע פרוי, וועמען אַלע אַפּן באַנקעט און אויך ער האָבן פון אָנפאַנג געהאַט אָנגענומען פאר קאַבאַלעצס א טאָכטער. מיסטאמע געקומען בעטן פאר עמעצן פון אירע נאָענטע, וועמענס זונדל צי טעכטערל האָט ניט אָנגענומען אַף די אַרײַנטריט־עקזאַמענעס די נייטיקע צאָל באַלן. די מערהײַט באַזוכער, וועלכע ווארטן אינעם אופנאַם־צימער, זײַנען געקומען וועגן זעלבן. ער זעט עס ארויס פונעם פאָריקן אופנאַם. שיר ניט אַלע באַזוכער אין די טעג פון די אַרײַנטריט־עקזאַמענעס און נאָכן ארויסהענגען די צעטלען פון די אָנגענומענע אין אינסטיטוט קומען וועגן דעם זעלבן. קיווע לאַזאַרעוויטש ווייסט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, אז וועגן דעם איז ניטאָ וואָס צו גיין צום רעקטאָר. ער פארנעמט זיך ניט מיט אָט די איניאַנים, פאַראַן דערויף אַן אופנאַם־קאָמיסיע. וויִאַזוי זשע האָט עס קאָבלענץ ניט געוואָרנט וועגן דעם דער פרוי זײַנער? ניט אנדערש, אז זי איז געקומען אָן זײַן וויסן מיט דער האָפענונג, אז איר וועט ער ניט אָפּזאָגן אַליין אויסקלאָרן, צי איז מען ניט באַגאַנגען בענעגייע דעם אַביטוריִענט, פאר וועמען זי איז געקומען בעטן, קיין אומרעכט. און אז בלויז וועגן דעם איז זי געקומען, האָט גאָרעלאָוו ניט געצווייפלט. ער האָט עס דערפילט פון דער פאַרלוירנקײַט אירער, זי ווייסט ניט, פון וואָס און וויִאַזוי אָנהייבן דעם געשפרעך.

פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש האָט זי ניט צוגעײַלט. בא דער העלער זון אין פענצטער האָט זי אויסגעזען נאָך ייִנגער און שענער, און ער האָט ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פון איר זײַן באַגײַסטערטן בליק. רינע האָט מיידלש־פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ניט אָפּפירנדיק פון איר זײַן באַגײַסטערטן בליק, האָט גאָרעלאָוו, ווי דעמלט, אַפּן באַנקעט, און אויך אַצינד, ניט־ווילנדיק זי פאַרגלײַכט מיט זײַן אָלגען, וועלכע איז אין דער יוגנט אויך געווען א גאַנץ שיינע און איצטער, זײַענדיק קימאַט אין איינע יאָרן מיט אים, זעט זי אויס שיר ניט ווי זײַנע א מאַמע. אים איז שווער זיך פאָרשטעלן, אז ער האָט געקאָנט זי אײַפערן און נאָך וויִאַזוי געײַפערט. די פרוי, וואָס זיצט איצט אנטקעגן אים, האָט ניט געוווּסט און וועט מיסטאמע קיינמאָל ניט וויסן, ווי גרויזאַם עס איז די לייד פון אײַפערזוכט. קיין גרויזאַמערס דערפון איז ניטאָ! דערפאַר אָבער האָט איר מאַן...

קיווע האָט נישט געקאָנט ניט באַמערקן, ווי גאָרעלאָוו האָט געקוקט פאַרקישעפּט אַף איר באַם יאָמטעוודיקן טיש. גאָרעלאָוו האָט נישט געקאָנט באַנעמען ניט דעמלט און באַנעמט עס אויך איצט ניט, וואָס האָט זי אַזעלכס דערזען און געפונען אין קיווען, אז זי זאָל אײַנגיין ווערן זײַן פרוי? ער, אַשטייגער, פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש, וואָלט קיינמאָל ניט אײַנגעגאַנגען דערויף און איז ניט זיכער, צי וואָלט ער איצט דערויף אײַנגעגאַנגען. פונסנײַ איבערלעבן די פּײַנלעכע לייד פון אײַפערזוכט אין זײַנע יאָרן, כאָטש ער איז ניט אַף אַזוי־פיל אַלט, ווילט זיך שוין ניט. און אײַנריידן זיך, ווי קיווע, אז אַזאַ שיינהײַט, ווי זי, קאָן בא אַזאַ אונטערשייד אין די יאָרן בלײַבן טרײַ... אים גלוסט זיך אַף טשיקאַוועס פּאַשעט אויסקלאָרן עס פאר זיך, וואָס וואָלט זי אים געענטפערט, ווען ער לייגט איר פאָר זיך באַגעגענען מיט אים הײַנט אָוונט אין א רעסטאָראַן. קיין פאַרברעכן דערמיט בענעגייע דער פרוי זײַנער באַגייט ער ניט. ער האָט רעכט אָפּצאָלן זי מיטן זעלבן, בייס זי, בענעגייע אים, קאָן עס שוין ניט, און דאָס פאַרשאַפט אים מאַנצבלשן שטאָלץ.

— פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש... — אין אירע אויגן, אין אירע גרויסע העל־בלויע אויגן האָט ער דערזען טרערן. — פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש...

— וואָס איז געשען? — גאָרעלאָוו האָט פאַרשטאַנען, אז ניט וועגן דעם, אין וואָס ער איז זי געווען כוישעד, איז זי געקומען, אז איר האָט געבראַכט צו אים פיל וויכטיקערס. וואָס קאָן זײַן נאַרישער, ווי דערלאָזן דעם געדאַנק, אז זי האָט פּלוצעם אויך גענאָסן פונעם זעלבן פּײַנלעכן געפיל, וואָס האָט אים מיט יאָרן צוריק געהאַט אַזוי דערנידעריקט און פון וועלכן עס פּײַניקט זיך איצט זײַן פרוי. ס׳זאָל אָבער געווען געשען עפּעס מיט קיווען, וואָלט זי גלײַך באַם אַרײַנקומען עס אים געזאָגט. פונדעסטוועגן האָט גאָרעלאָוו זי געפרעגט:

— ס׳האָט עפּעס פּאַסירט מיט קיווע לאַזאַרעוויטשן?

רינע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און פון אירע גרויסע העל־בלויע אויגן האָבן זיך א צי געטאָן צו איר עטוואָס צעעפנטן מויל שנירלעך טרערן.

גאַרעלאָוו האָט איר אונטערגעטראָגן א גלאָז וואַסער.

— איך זאָג אייַך צו טאָן אַלץ, וואָס עס איז אין מייַנע מעגלעכקייַטן.

ס׳האָט אָנגעקלונגען דער טעלעפאָן. פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייַבל, געהאַלטן א פּאָר רגעס און שטיל געענטפערט:

— אַנטשולדיקט, איך בין איצט שטאַרק פאַרנומען. קלינגט מיר, ביטע, אָן עטוואָס שפּעטער.

דאָס טרייַבל האָט ער אוועקגעלייגט ניט אַפן הייבער, נאָר אַפן טיש, א דריי געבנדיק דערבייַ א פּאָר מאָל דעם דיסק פונעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט: ס׳האָט באַטייַט, אַז דער נומער פונעם טעלעפאָן בא אים אין קאַבינעט איז פאַרנומען.

— באַרויִקט זיך. איך וועל אַלץ טאָן. איך פאַרשטיי, אַז מיט אייַער מאַן האָט געטראָפן אַן אומגליק...

געענגע פאַנאַנדערפרעגן זי, וואָס עס איז געשען מיט איר מאַן, איז געווען ניט נייטיק. אים איז אַזוי אויך געווען קלאָר, אַז קאַבלענץ איז געפערלעך קראַנק און זי איז געקומען בעטן הילף, מע זאָל אים אַרייַנלייגן אין א גוטער קליניק אָדער העלפן קריגן רעפואס, וועלכע ס׳איז ניט צו באַקומען אין געוויינלעכע אַפּטייקן. און ווי זיכער גאַרעלאָוו איז ניט געווען, אַז אַלץ איז אַזוי, דאָך האָט ער זי איבערגעפרעגט:

— מיט וואָס קאָן איך אייַך באַהילפיק זייַן?

רינע האָט שווער אָפּגעעטעמט:

— כ׳ווייס ניט, ווי־אַזוי אייַך עס צו זאָגן. דאָס, וואָס סע האָט געטראָפן מיט קיווע לאַזאַרעוויטשן, איז ניט צו דערציילן. מיר איז שרעקלעך דערפון צו טראַכטן. — זי האָט טיף און שווער א זיפץ געטאָן. — אַנטשולדיקט, וואָס כ׳נעם אָפּ בא אייַך צייַט. כ׳זע אָבער ניט קיין אַנדער אויסוועג פאַר אים, ביזוואַנען ס׳איז נאָך ניט שפּעט.

אירע ליפּן האָבן געציטערט, אָט־אָט וועט זי זיך צעוויינען אַף א קאָל, און דאָס האָט איר צוגעגעבן עפּעס קינדערשס, וואָס רופט אַרויס צו זיך ראַכמאָנעס.

נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעהערט דאָס אַלץ, וואָס רינע האָט דערציילט וועגן איר מאַן, אַז דאָס האָט ניט קיין שייַכעס מיט אַרייַנלייגן אים אין א קליניק צי מיט קריגן רעפואס, האָט גאַרעלאָוו זיך אַף א לענגערער ווייַלע פאַרקלערט. אין א פרייַערדיקער צייַט וואָלט ער עס זיכער אופגענומען אַזוי, ווי מע האָט געקאָנט און געדאַרפט אין יענער צייַט עס אופנעמען, און ער וואָלט ניט בלויז אויס מוירע ניט געטאָרט אַזוינס אויסבאַהאַלטן. אָבער אַצינדער... ווען מען קאָן אַצינדער אָנגיין, וויפל שאָ זיצט עמעצער אָפּ בא א טראַנזיסטאָר און אַף וועלכע כוואַליעס שטעלט ער אים אָן. ניין, ניט וועגן דעם האָט גאַרעלאָוו זיך פאַרקלערט. אים איז פּלוצעם אייַנגעפאַלן, צי קלייַבט זיך ניט קאַבלענץ אוועקפאָרן? שווער, פאַרשטייט זיך, דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אַזא, ווי קאַבלענץ, וועלכער איז פון די יונגע יאָרן אין דער פּאַרטיי, אין די ערשטע טעג אוועק אַף דער מילכאָמע, ווען קיינער בא זיי אין אינסטיטוט, אַף וויפל ער ווייסט, האָט אין דער שענדלעכער צייַט אין א פּאָר יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע ניט געגעבן קאַבלענצן צו פילן, אַז ער איז א ייִד, עס ניט אויסגעוואָרפן אים, ווי א שווערע שולד, זאָל פון דער העלער הויט... נאָר מאַלע וואָס עס קאָן א מענטשן, אפילע אַזעלכן, ווי קאַבלענצן, פּלוצעם אייַנפאַלן. ס׳איז אַוואַדע מעשוגע אין זייַן עלטער פאַרנעמען אַזא רייַזע. און ווי גאַרעלאָוו שטויסט זיך אָן, ווייסט ניט קיווע פרוי, ווי־אַזוי אָפּהאַלטן דערפון דעם מאַן אירן. ס׳האָט קענטיק ניט געהאָלפן איר פרווון שרעקן דערמיט, אַז זי וועט ניט פאָרן מיט אים. גיכער פון אַלץ וועט זיך אַזוי טאַקע ענדיקן. זי האָט דאָך זיכער ניט נאָך וואָס צו פאָרן אַהין.

א קלער געבנדיק וועגן דעם, האָט גאַרעלאָוו, ווי אומגערן, אוועקגעלייגט זייַן ברייטע מאַנצבלשע האַנט אַף אירער. רינע האָט עס אופגענומען, ווי א מיטגעפיל צו איר, און זי האָט אים אָנגעטרויט אויך אַנדערע אייַנצלהייַטן, וועלכע זי האָט די לעצטע טעג באַמערקט אין קיווען און האָט מוירע, אַז דאָס קאָן אים, איין גאָט ווייסט, צו וואָס דערפירן, אויב מע זאָל באַצייַטנס זיך דערינען ניט אַרייַנמישן.

— מייַן מאַן איז דאָך ניט אַזא אַלטער מענטש נאָך, פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש. פאַראַן מער עלטערע לייַט פון אים, און זיי זייַנען נאָך ניט אַף פּענסיע. איך קען אפילע איינעם אַזא.

— קלאָר, אַז ס׳זייַנען פאַראַן מער עלטערע פון אייַער מאַן, און גאַנץ מעגלעך, אַז צווישן זיי זייַנען דאָ אויך אַזעלכע, וואָס אַרבעטן נאָך. איר ווייסט זייער גוט, רינע אָסוואַלדאָוונע, אַז מיר האָבן קיווע לאַזאַרעוויטשן ניט געגויט אוועקגיין אַף פּענסיע. ער איז אַליין באַשטאַנען דערויף.

— דאָס איז געווען מייַן שולד. איך האָב אים צוגערעדט. ווער האָט געקאָנט אַזוינס פאָרויסזען? מע דאַרף אים פאַרשטיין. ער איז פון קליינווייַז אויף געווינט צו אַרבעטן. ער קאָן אָן דעם ניט אויס-

קומען. טײַערער פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש, כ׳בעט אײַך, ראַטעוועט אים. בלויז איר אײנער קענט אים ראַטעווען.

— וויאַזוי? זאָגט מיר אונטער. כ׳וועל אַלץ טאָן, וואָס אין מײַנע מעגלעכקײַטן.

זי האָט אופגעהויבן אויף אים די אומעטיק־פאַרטראַכטע אויגן און זיי שוין מער ניט אָפּגעפירט פון גאַרעלאָווס באַגײַסטערטן בליק.

— נעמט אים אָן צוריק אויף דער אַרבעט, — האָט זי, שווער אָפּעטעמענדיק, אַרויסגעבראַכט.

פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש האָט ברייט צעפירט די הענט:

— ליבע רינע אַסוואַלדאָוונע, דאָס איז ניט אין מײַנע מעגלעכקײַטן. אים איז דאָך פינף און זיבעציק יאָר. — ער האָט עס איר געזאָגט, פּונקט זי זאָל האָבן דערפון פאַרגעסן און ער דאַרף זי וועגן דעם דערמאָנען. גאַרעלאָוו האָט אָבער באַלד כאַראָטע געהאַט, האַלעמײַ האָט ער עס געזאָגט: זי האָט דאָס געקאָנט אַנדערש אויפנעמען. ער האָט דאָך ניט אויסבאַהאַלטן פון איר זײַן באַגײַסטערטקייט. איצט איז ער אָבער געווען באַגײַסטערט ניט אַזוי פון איר יונגקייט און שיינקייט, ווי פון איר פרויישער טרײַהײַט און איבערגעגעבנקייט דעם מאַן.

— צום גרויסן באַדויערן, ליבע רינע אַסוואַלדאָוונע... — און גאַרעלאָוו האָט ווידער ברייט צעפירט די הענט.

— איך פאַרשטיי... טראַכט עפּעס צו פאַר אים, אַז ער זאָל זיך ניט פילן פאַר קיין איבעריקן, פאַר אַן אַרויסגעשטויסענעם פונעם לעבן. עס גייט ניט אין פאַרדינסט. מיר זײַנען ביידע באַזאָרגטע מענטשן. סע גייט אין דעם, אַז מײַן מאַן זאָל זיך ווידער פילן, אַז ער איז אויף דער אַרבעט. אַלצײנס אויף וועלכער...

— באַ אונדז זײַנען פאַרנומען אַלע שטעלעס. אַלע ביז איינע. און אָננעמען אַ מענטשן אויף אַרבעט, אויב ס׳איז ניטאָ פאַר אים קיין פרײַע שטעלע, האָב איך קיין רעכט ניט.

— איך פאַרשטיי. נו, און אויב פאַר אַ קאָנסולטאַנט אָן געהאַלט. איין מאָל, צוויי מאָל אין דער וואָך. וויפל אַן ערעך וואָלט באַקומען אַ קאָנסולטאַנט? פערציק, פופציק רובל? וועל איך די דאָזיקע סומע אַרײַנטראָגן יעדן כוידעש אין אינסטיטוט. און קעדיי ער זאָל זיך ניט אָנשטויסן, זאָל מען אים, ווי אַלעמען, אויסצאָלן דאָס געלט דורך דער קאַסע.

איר פאָרשלאָג איז געווען פאַרן רעקטאָר אויף אַזױפיל אומדערוואַרט, אַז ער האָט זיך אַזש אויפגעהויבן פונעם אָרט און זיך דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל אַהין און צוריק איבערן קאַבינעט. ענדלעך איז ער שטיין געבליבן אַנטקעגן איר:

— איך בין אַנציקט פון אײַער איבערגעגעבנקייט, פון אײַער טרײַהײַט, פון אײַער זאָרג...

ערשט איצט האָט רינע באַמערקט, אַז דער ברייטער וואָלענער אויסבונד פּאַסט לאַכלוטן ניט צו זײַן העמדל, און געמאַכט דערפון פאַר זיך אַן אויספיר, אַז מיסטאַמע איז ער ניט איבעריקס גליקלעך אין לעבן, און דערפאַר האָט אים פאַרוווּנדערט איר קומען הײַנט אַהער און אַזוי איבעראַשט דער פאָרשלאָג אירער. זי וואָלט איר קיווען קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון שטוב מיט אַן אויסבונד, וואָס גייט ניט אונטער צום העמדל.

ווידער דורכגעגאַנגען זיך אַהין און צוריק איבערן קאַבינעט, האָט גאַרעלאָוו, נאָך אַ קורצן ישעוו־הadaאַס מיט זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן צו רינען:

— מיר זײַנען ניט אַזוי אָרעם, אַז איר זאָלט דאַרפן אַרײַנטראָגן דאָס געהאַלט פאַרן קאָנסולטאַנט. ניט אין די פערציק־פופציק רובל גייט דאָ, נאָר אין גאָר עפּעס אַנדערש, און אויף דעם מוז איך קריגן אַ דערלויבעניש. דערווײַל קאָן איך אײַך גאָרניט צוזאָגן. כ׳מוז אָפּריער עס אויסקלאָרן, ווו מע דאַרף.

— ווען זאָל איך אײַך אָנקלינגען?

— דאָס קאָן איך אײַך פּינקטלעך ניט זאָגן. זײַט רויִק. ווי נאָר ס׳וועט זיך אויסקלאָרן, וועל איך אײַך גלײַך געבן צו וויסן. — ער האָט צוריק אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל אויפן הייבער פונעם טעלעפאָן, באַגלייט רינען ביז דער טיר און זיך אומגעקערט אין קאַבינעט צוזאַמען מיטן דיקלעכן פאַרשוין, וואָס איז געווען דער ערשטער אין דער ריי פון די פאַרשריבענע צו אים אויף אַן אויפנאַם.

פון זינט רינע האָט באַמערקט, אַז מיטן מאַן אירן קומט פאָר עפּעס אומפאַרשטענדלעכס און געציטערט, אַז ס׳זאָל זיך דערפון ניט ענדיקן, כאָלילע, מיט קיין אומגליק, איז ניט געווען דער טאָג, אויב נאָר זי איז ניט אַרומגעפאָרן מיט די אינטוריסטן און געהאַט אַ טעלעפאָן אונטער דער האַנט, זי זאָל אַ דרײַ־פיר מאָל ניט אָנקלינגען אַהיים. באַזונדערס נאָך איר באַגעגעניש מיטן רעקטאָר. קימאַט יעדעס מאָל, ווען זי האָט געקלונגען, האָט זי, ווי פאַרבײַגייענדיק, זיך נאָכגעפרעגט, צי איז פון קיינעם ניט געווען קיין בריוו, כאָטש זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען ס׳זאָל געווען זײַן פונעם אינסטיטוט אַן ענטפער, וואָלט קיווע איר אָנגעקלונגען וועגן דעם אויף דער אַרבעט. אין דער צווייטער העלפט טאָג איז זי אַמייִנסטנס אויף אַן אָרט אין אַנשטאַלט באַ זיך. איר וואָלט זיך אַוואַדע געוואָלט

זײַן אין שטוב, ווען ס'וועט אָנקומען דער ענטפֿער, אַף וועלכן זי קוקט אַזוי אַרויס. אויב ס'וועט זיך אויסלאָזן, אַז אומזיסט און אומנישט איז געווען איר גיין צו גאַרעלאָוו, וואָלט זי, ווען זי זאָל זײַן צו שטוב בעשאַס עס וועט אָנקומען אַזאַ ענטפֿער, אים אויסבאַהאַלטן פֿון קיווען, ווי זי באַהאַלט ביז איצט אויס פֿון אים, אַז זי איז געווען באַם רעקטאָר און וועגן וואָס עס איז צווישן זיי געגאַנגען אַ רייד. זי באַהאַלט עס פֿונעם מאַן, ווײַל גאַרעלאָוו האָט איר ווערזנטלעכס דאָך אייגנטלעך גאָרניט צוגעזאָגט. ער דאַרף זיך אַפֿריִער מיט עמעצן באַראַטן, און ווען ער וועט אַלץ אויסקלאָרן, וועט ער איר דעמלט געבן צו וויסן. וויפֿל צײַט אָבער דאַרף מען אַף אויסקלאָרן עס? און ווי קאָן ער, נאָך דעם, ווי זי האָט אים אַלץ אויסדערציילט, לאָזן אַזוי לאַנג וואַרטן אַף אַן ענטפֿער? עפּשער דאַרף מען אים דערמאָנען?

ניין, אַזויפֿיל געוואַרט, וועט זי צוּוואַרטן נאָך אַ צוויי־דרײַ טעג. אויב צו יענער צײַט וועט נאָך אויך ניט זײַן קיין ענטפֿער, וועט זי אים אָנקלינגען אָדער אַפֿילע צוגיין. זי קאָן ניט און טאָר ניט זיצן מיט צונויפֿגעלייגטע הענט. זי מוז עפּעס פֿאַרנעמען, בפֿרט ס'איז נאָך ניט שפּעט.

קיין גרויסע האָפֿענונג, אַז דער ענטפֿער וועט זײַן אַ גינסטיקער, וויבאַלד עס דויערט אַזוי לאַנג דאָס באַראַטן זיך וועגן נעמען קיווען פֿאַר אַ קאָנסולטאַנט, האָט זי ניט, רינע. גיכער פֿון אַלץ וועט גאַרעלאָוו איר מיסטאַמע ענטפֿערן, אַז עס דערלויבט זיך ניט נעמען אַף אַרבעט אַ מענטשן, מעג ער זײַן ניט נאָר אַ דאָצענט, אַפֿילע אַ דאָקטאָר, אויב אים גייט דאָס זעקס־און־זיבעציקסטע יאָר. דערמיט אַליין, וואָס גאַרעלאָוו האָט ביז איצט זיך נאָך ניט אָפּגערופֿן, האָט ער זי ווי צוגעגרייט צו אַזאַ ענטפֿער, און זי האָט אים ניט, קומט אויס, אויב אַזוי, וואָס צו קלינגען. זי מוז אָבער פֿאַרט עפּעס צוטראַכטן אַף אָפּפֿירן פֿון קיווען די געפֿאַר, וואָס היט אים אונטער. מיט יעדן טאָג גייט ער אַלץ מער אַרײַן אין זיך. דער איינציקער פֿרײַנט זײַנער, מיט וועמען ער רעדט זיך דורך גאַנצע טעג, איז דער טראַנזיסטאָר.

ביז זי וועט פֿאָרט עפּעס צוטראַכטן אַף דערווײַטערן פֿון אים די געפֿאַר — צוליב דעם איז זי אַפֿילע גרייט פֿאַרלאָזן די אַרבעט, — האָט רינע געפֿונען פֿאַר אים דערווײַל אַ רעטונג אינעם סקווערל, ניט ווײַט פֿון זייער הויז, וווּ פֿון אינדערפֿרי ביז אָוונט הערט מען דאָרט דאָס הילכיקע קלאַפּן פֿון די ביינדלעך און דעם טומל פֿון די שפּילער און פֿון די צוקוקער. זי וואָלט געווען גליקלעך, ווען קיווע ציט זיך אַרײַן אַף אַ שטיקל צײַט אין דער דאָמינאָ־שפּיל, בפֿרט ווען זי וועט ניט צוטראַכטן עפּעס אַנדערש, מער ווי כּטיקס און פֿאַרכאַפּנדיקס, אַז ער זאָל וואָס ווייניקער בלײַבן אויג אַף אויג מיט זיך אַליין.

אַפֿן אַנדערן טאָג אָבער, ווען זי האָט אָנגעקלונגען אַהיים אין די שאָען, ווען קיווע האָט גע־דאַרפֿט זײַן אין סקווערל, האָט זי דערהערט אין טרײַבל זײַן צוגעטויבטע שטים. פֿרעגן, פֿאַרוואָס איז ער אין שטוב און מיט וואָס פֿאַרנעמט ער זיך, איז געווען איבעריק. זי האָט אַליין פֿאַרשטאַנען, אַז ער זיצט אַפֿן באַלקאָן אָדער אַף דער קיך און רעדט זיך דורך מיטן טראַנזיסטאָר.

— דו ווייסט, וואָס מיר איז אײַנגעפֿאַלן? — האָט רינע, קומענדיק פֿון דער אַרבעט אַהיים, זיך אָנגערופֿן צום מאַן, — איך וועל קינפֿטיקע וואָך נעמען אורלויב און מירן זיך מיט דיר דורכפֿאָרן איבער דער וואָלגע. גיי מאָרגן צו אין קאַסע און דערוויס זיך, צי זײַנען אַף די נאָענטסטע טעג פֿאַראַן בילעטן.

צוגיין אַף מאָרגן אין דער בילעט־קאַסע זיך דערוויסן, צי זײַנען פֿאַראַן אַף די נאָענטסטע טעג פֿרײַע ערטער אַף דער שיף, איז קיווען ניט אויסגעקומען. ער איז שוין געווען באַ דער טיר, ווען ס'האָט אָנגעקלונגען דער טעלעפֿאָן און אַ קענטלעכע פֿרויען־שטים האָט אים איבערגעגעבן, אַז פּראָפֿעסאָר אַנטאָנאָוויטש בעט אים אַרײַנקומען מאָרגן צוויי באַטאָג.

— אַנטשולדיקט, ווער קלינגט עס מיר? — ער האָט ניט אינגאַנצן דערקענט די שטים.—

— אײַך קלינגט גאַרעלאָווס סעקרעטאַרשע.

— אַך, ווערע אַנדרייעוונאַ? אַנטשולדיקט, וואָס כ'האָב אײַך ניט גלײַך דערקענט. איר ווייסט ניט, נאָך וואָס רופֿט מיך אַרויס פּראָפֿעסאָר אַנטאָנאָוויטש? — האָט קאָבלענץ עטוואָס צעטומלט געפֿרעגט.

— ניין, קיווע לאַזאַרעוויטש. — אויסגעוואַרט אַ ווײַלע, האָט זי באַדײַטפֿול צוגעגעבן. — גלאַט אַזוי, ווי איר פֿאַרשטייט, וואָלט אונדזער רעקטאָר אײַך ניט באַאומרויִקט, — און צווינטשנדיק אים געזונט, אָװעקגעלייגט דאָס טרײַבל.

וועגן דעם, אַז פּראָפֿעסאָר אַנטאָנאָוויטש וועט אים גלאַט אַזוי ניט אַרויסרופֿן צו זיך, האָט קאָבלענץ אַליין פֿאַרשטאַנען. מיסטאַמע איז אין אינסטיטוט געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ שײַכעס אויך צו אים, צו זײַן געוועזענער אַרבעט. און כאָטש קיווע האָט זיך ניט געפֿילט אין קיין זאַך שולדיק, דאָך האָט דאָס אומגעריכטע אַרויסרופֿן אים פּלוצעם צום רעקטאָר פֿונדעסטוועגן באַאומרויִקט. נאָר וויפֿל ער האָט ניט איבערגעקלערט, האָט ער זיך צו גאָרניט געקאָנט דערטראַכטן. עפּשער וועט רינע אים קאָנען אונטערזאָגן. ער האָט איר אָנגעקלונגען אַף דער אַרבעט, נאָר זי שוין ניט געטראָפֿן. זי איז

אוועקגעפֿאָרן, האָט מען אים געענטפֿערט, אין דעם אַסטאַנקינאָ־מוזיי. קיווע האָט געוווּסט, אַז רינע האָט זיך געקליבן הײַנט פֿירן די אינטוריסטן אָדער אויפֿן אַסטאַנקינאָ־טורעם אָדער אין אַסטאַנקינאָ־מוזיי. אים האָט פֿאַרכידעשט, ווי רויִק רינע האָט אויפֿגענומען די נײַס, וועלכע ער האָט איר אָנגעזאָגט. אויסגעהערט אַלץ, וואָס ער האָט איר געהאַט צו זאָגן, האָט רינע אים דערויף געענטפֿערט:

— צו וואָס דאַרפֿסטו עס אויסלייגן צום שלעכטן? זאָגסט דאָך אַליין, אַז דו פֿילסט זיך אין גאַנצן ניט שולדיק.

— יאָ, אָבער סטאַם אַזוי, אָן קיין שום פֿאַרוואָס און פֿאַרווען וואָלט דאָך גאַרעלאָוו מיך ניט אַרויסגערופֿן.

— פֿונוואַנען ווייסטו? עפּשער האָט ער זיך נאָך דיר פֿאַרבענקט. דאָס שפּאַס איך, פֿאַרשטייט זיך. נאָר וואָס איז פֿאַראַן דאָ צו טרעפֿן? נעם זיך אָן ביז מאָרגן געדולד.

וואָס האָט זי געקאָנט אים אַנדערש זאָגן, אויב זי ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער גאַרעלאָוו האָט צוגעגרייט. זי וועט זיך דאָך ניט אוועקשטעלן אים דערציילן, אַז זי איז געווען בײַם רעקטאָר און וועגן וואָס עס איז געגאַנגען בײַ זיי אַ רייד.

און ווי אַפּצולאַכעס איז בײַ איר אויף מאָרגן, אינעם אַנדערן האַלבן טאָג, ניט געווען אונטער דער האַנט קיין טעלעפֿאָן, אַז זי זאָל אַפֿילו איין מאָל קאָנען אָנקלינגען אַהיים. און ווען ס'האָט זיך איר לסוף געמאַכט אַ געלעגנהייט אָנקלינגען פֿון אַ טעלעפֿאָן־אויטאָמאַט, איז קיווע אין שטוב ניט געווען, גאַרעלאָוו האָט אים, קענטיק, נאָך פֿאַרהאַלטן. און אין אָוונט האָט זי אַפֿילו קיין איין מאָל אויך ניט געקאָנט אים אָנקלינגען. זי איז געווען מיט אַ גרופּע אינטוריסטן פֿון פֿינלאַנד אין גרויסן טעאַטער אויפֿן באַלעט „די שוואַנען־אָזערע".

פֿאַר דער צײַט, זינט רינע איז אַ גיד און באַגלייט די אינטוריסטן אין טעאַטער, איז זי אויסגעווען אויף אַלע באַלעטן אי אין גרויסן, אי אין טעאַטער אויף סטאַניסלאַווסקיס און נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָס נאָמען. אויף אייניקע באַלעטן איז אַפֿילו איר אויסגעקומען זײַן צו עטלעכע מאָל. איר איז אָבער קיין איין מאָל ניט אויסגעקומען זען „די שוואַנען־אָזערע", ווען עס טאַנצט מאַיע פּליסעצקאַיאַ, און זען זי אין דאָזיקן באַלעט האָט רינע געטרוימט שוין פֿון לאַנג. זי איז אָבער אויף אַזויפֿיל געווען אַרײַנגעטאָן אין דעם, מיט וואָס עס האָט זיך פֿאַרענדיקט קיוועס באַגעגעניש מיטן רעקטאָר, אַז פֿאַר איר איז ווי פֿאַרבײַגעגאַנגען אין אַ זײַט די פֿײַערלעכע יאָמטעווודיקייט פֿונעם העל־באַלויכטענעם זאַל מיט זײַנע באַגילדעטע פֿאָטעלן, יאַרוסן, לאָזשעס, פֿון דער שטראַלנדיקער קרישטאָלענער ליוסטרע און פֿילצאָליקע בראַ. אין דער אָפּגעצאַמטער פֿונעם זאַל טיפֿעניש בײַ דער ראַמפּע האָבן זיך דורכגערעדט צווישן זיך די פֿאַרשיידענע מוזיקאַלע אינסטרומענטן, ווי מע זאָל געווען פֿרעגן איינער בײַם אַנדערן, צי פֿעלשט ניט זײַן שטים, צי שטייט ער אויפֿן ריכטיקן וועג. רינע האָט נאָכגעפֿאָלגט נאָך זייערע קלאַנגען, ווי זי וואָלט זיך ריכטן דערהערן אינעם איבעררייִדן זיך פֿון די אָנגעשטימטע מוזיקאַלע אינסטרומענטן גאַרעלאָווס ענטפֿער קיווען.

ביסלעכווײַז זײַנען די קלאַנגען פֿון דער טיפֿעניש בײַ דער ראַמפּע געוואָרן אַלץ שטילער. ס'איז טונקעלער געוואָרן די שײַן אין דער ליוסטרע און אין די באַגילדעטע וואַנטלײַכטער אויף די יאַרוסן און לאָזשעס, ביז זי איז צוזאַמען מיט די קלאַנגען פֿון די זיך־איבערופֿנדיקע אינסטרומענטן אין אָרקעסטער אינגאַנצן אויסגעגאַנגען, און אין זאַל האָט פֿון אויבן ביז אַראָפּ זיך באַזעצט אַ געדיכטער כוישעך.

ס'האָט ניט געדויערט קיין מינוט, און אַ וויכער פֿון קלאַנגען האָט אויפֿגעריסן די שטילקייט. ווי אַן אָנגעשראָקענער פֿונעם באַפֿאַלענעם שטורעם מיט דונערס און קוילע־קוילעס ביז הימל עפֿן זיך האָט אין דער גאַנצער גרויס זײַנער זיך צעעפֿנט דער פֿאָרהאַנג און אַנטפּלעקט די סוידעסדיקייט, וועלכע ער האָט אויסבאַהאַלטן הינטער זיך. שוין אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס אַלץ, וועגן וואָס רינע האָט אַ רעגע פֿריִער נאָך געהאַט געטראַכט, איר אויסגעוויזן קליינלעך אַנטקעגן דעם, וואָס זי האָט דערזען אויף דער בינע. זי האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען פֿאַרוואַנדלען זײַנע הענט אין פֿליגל. אין מאַיע פּליסעצקעס האָט פֿון די שפּיץ פֿינגער אויף די פֿיס ביז די האָר אויפֿן קאָפּ אַרויסגעקוקט דער ליידנדיקער שוואַן. רינע האָט ווי אַ פֿאַרקישעפֿטע נאָכגעשפּירט נאָך דער טענצערנס מינדסטן קער און ווענד. בײַ יעדן שפּרונג אירן, בײַ יעדן פֿאָך פֿון אירע פֿאַרוואַנדלטע אין פֿליגל צעשפּרייטע הענט האָט רינען זיך געדוכט, אַז די טענצערין וועט זיך באַלד אויף שטענדיק צעשיידן מיט דער ערד און זיך אַראָפּלאָזן פֿון דער בלויער הייך ערגעץ אויף אַן אָזערע אין דעם קיניגרײַך פֿון שוואַנען און זיי וועלן זי וואַלבן פֿאַר זייערן אַ קיניגין.

אין די לעצטע רעגעס פֿון זײַן לעבן, ווען דער שוואַן האָט זיך אונטערגעגעבן, צונויפֿגעלייגט די פֿליגל און אַ גויסעסדיקער פֿאַרהילט צווישן זיי דעם קאָפּ, האָט רינע אויך באַהאַלטן דאָס פֿאַרטרערטע געזיכט אירס אין די הענט. זי האָט אין די דאָזיקע רעגעס דערזען פֿאַר זיך קיווען אויפֿן שפּיטאָל־בעטל אין דער נאַכט, ווען דער, וועלכער פֿאַרפֿעלט קיינעם ניט, איז געשטאַנען בײַ זײַן צוקאָפּנס און קיווע האָט זי געניט אויסהערן, ווו און וויאַזוי אים ברענגען צו קוורע. ער האָט ניט

אויסגעזען, קיווע, אין יענע מינוטן אַ באַזיגטער, ווי ס'האָט ניט אויסגעזען ביזן אויסהויכן פֿון זיך דאָס לעבן דער שוואַן.

רינע איז געווען זיכער, אַז זי איז געווען די ערשטע, וועלכע איז אופֿגעשפּרונגען פֿונעם אָרט און היליכיקער פֿון אַלעמען אַפּלאָדירט, ווען אינעם אויסגעגאַנגענעם שוואַן האָט זיך צוריקגעקערט דאָס לעבן און די טענצערן האָט זיך אופֿגעהויבן פֿונעם דיל. אַ מידע, אַ גליקלעכע, אַ שײַנענדיקע, האָט פּליסעצקאַיאַ מיט לײַכטע טריט זיך געלאָזט גיין אַנטקעגן דעם בוראַן בלומען, וואָס איז גע־פֿלויגן צו איר פֿונעם פּאַרטער, פֿון די לאָזשעס, פֿון די יאַרוסן.

צוקוקנדיק זיך, ווי די אינטוריסטן, פּאַרקישעפֿטע, ווי זי, פֿונעם געזעענעם און איבערגעלעבטן, האָבן הילכיק אַפּלאָדירט און אַפֿן פֿולן קאָל געשריִען: „בראַוואָ, מאַיאַ פּליסעצקאַיאַ, בראַוואָ, בראַ־וואָ!", האָט רינע ניט געקאָנט זיך באַהערשן, אַז זי זאָל ניט אַ זאָג טאָן צו זיי:

— וויפֿל וואָלט די וועלט פֿאַרלוירן, ווען מאַיע זאָל בײַס דער מילכאָמע געווען אַרײַנפֿאַלן צו די דײַטשן!..

— זיי וואָלטן זי אומגעבראַכט? פֿאַרוואָס וואָלטן זיי זי אומגעבראַכט? — האָבן די אינטוריסטן געפֿרעגט.

— זי איז דאָך אַ ייִדישקע.

דאָס זעלבע האָט רינע אַנומלטן געהאַט געפֿרעגט באַ אַן אַנדער גרופּע אינטוריסטן אַפֿן קאָנ־צערט פֿונעם וועלט־באַרימטן פֿידלער לעאָניד קאָגאַנען. געפֿרעגט האָט זי עס באַ זיי ניט ווײַל איר מאַן איז פֿונעם זעלבן פֿאָלק, פֿון וועלכן עס זײַנען מאַיע פּליסעצקאַיאַ און לעאָניד קאָגאַן און ער נעמט זיך דערמיט איבער, שטעלט זיך דערמיט פֿאַר אַלעמען אַרויס. זי האָט עס פֿון קיווען ניט גע־הערט אַפֿילע אין די טעג, ווען ער האָט פּלוצעם גענומען זיך איבערריידן מיטן טראַנזיסטאָר אַף דער שפּראַך פֿון זײַנע טאַטע־מאַמע. אָבער דעם אויספֿאַרשער, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט געפֿינען די גאַנאַווים, וועלכע האָבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אין אַ מיטן העלן טאָג, באַרויבט זייער דירע, איבער־געלאָזט זיי ביידן, איר מיט קיווען, ווי זיי שטייען און גייען, האָט זי עס גראַדע יאָ געזאָגט.

קיינעם, אויסער זיך אַליין, האָט רינע ניט געמאַכט שולדיק אינעם אומגליק. וויאַזוי האָט זי געלײַך ניט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿון דער העלער הויט האָבן ניט געקאָנט פּלוצעם קאַליע ווערן ביידע שלעסער פֿון דער טיר צי ביידע שליסלען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. אַנשטאָט אָנקלאַפּן צו עמעצן פֿון די שכיינים אַפֿן עטאַזש, איז זי גאָר אַוועק אין דער וווינונגס־קאָנטאָר זוכן אַ שלאָסער. און ווען זי האָט זיך אומגעקערט מיטן שלאָסער, האָבן ביידע אירע שליסלען לײַכט געעפֿנט די טיר. נאָר אין שטוב איז אַלץ געווען איבערגעקערט און צעוואָרפֿן. די גאַנאַווים, וועלכע האָבן, ווי־זיט אויס, פֿון אַ לענגערער צײַט נאָכגעשפּירט נאָך זייער וווינונג, האָבן זיך ניט געריכט, אַז עמעצער פֿון די באַלעבאַטים קאָן אין די דאָזיקע באַטאָגיקע שאָען זיך אומקערן אַהיים. אַף יעדן פֿאַל, ווי ס'האָט דערקלערט איר דער שלאָסער, האָבן די גאַנאַווים זיך מיסטאָמע פֿאַרשפּאַרט פֿון אינעווייניק אַזוי, אַז ס'זאָל פֿון אויסן ניט אונטערגיין די שליסלען. און גראַדע דאָס האָט קיווע געהאַלטן פֿאַרן גרעסטן גליק, וואָרעם ווער ווייסט, מיט וואָס וואָלט זיך פֿאַר איר עס געענדיקט, ווען זי זאָל געווען עפֿענען די טיר און אַרײַן אין שטוב, בײַס די גאַנאַווים זײַנען נאָך דאָרט געווען. איר וואָלט עס געקאָנט קאָסטן דאָס לעבן.

נאָך דעם, ווי דער אויספֿאַרשער האָט באַ איר אַלץ אויסגעקלאָרט, ווען און ווי איז דאָס אַלץ געשען, וואָס האָבן די גאַנאַווים באַ זיי צוגענומען, האָט ער זי אַ פֿרעג געטאָן:

— אײַער מאַן איז אַ ייִד?

— וואָס פֿאַר אַ שײַכעס האָט עס, פֿאַרשטיי איך ניט, צו דער גניווע?

— ווײַל באַ ייִדן, זײַנען די גאַנאַווים זיכער, איז שטענדיק פֿאַראַן וואָס צו נעמען.

צו איר גרויס פֿאַרוווּנדערונג האָט זי פֿונעם אויספֿאַרשער, הינטער וועמען ס'איז געהאַנגען אַף דער וואַנט לעניניס בילד, מיטאַמאָל דערהערט:

— צו וואָס האָט איר כאַסענע געהאַט פֿאַר אַ ייִדן?

רינע האָט אים געענטפֿערט, אַז פֿאַר אַזעלכע, ווי ער, איז מער צוגעפּאַסט אַן אַנדער אָרט און ניט קיין קאַבינעט פֿון אַן אויספֿאַרשער.

נאָר וועגן דעם האָט רינע זיך דערמאָנט, זיצנדיק שוין אין טאַקסי, וואָס האָט אין אַ מינוט צוואַנציק אַרום נאָך דעם, ווי זי האָט באַגלייט די אינטוריסטן אין האָטעל, געבראַכט זי צו פֿירן אַהיים.

ווי נאָר רינע איז אַרויס פֿונעם ליפֿט, האָט די טיר פֿון זייער וווינונג, ווי פֿון זיך אַליין, ברייט אַ צעעפֿן געטאָן זיך און זי האָט דערזען שטיין קיווען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי אַף אַרומכאַפּן זי.

— ווו האָסטו זיך דאָס אַזוי לאַנג געזאַמט? — האָט קיווע זי געפֿרעגט, אַרײַנקומענדיק מיט איר אינעם העל־באַלויכטענעם צימער, — פֿאַרוואָס האָסטו מיר קיין איין מאָל ניט אָנגעקלונגען?

— טײַערער מײַנער, כ'האָב דיר עטלעכע מאָל געקלונגען, נאָר ביסט ניט געווען אין שטוב. און אין אָוונט האָב איך ניט געהאַט פּונוואַנען צו קלינגען. כ'האָב באַגלייט אַ גרופּע אינטוריסטן אין גרויסן טעאַטער. מאַיע פּליסעצקאַיאַ האָט הײַנט געטאַנצט. ס'איז ניט איבערצוגעבן, כ'האָב אויף מײַן לעבן נאָך אַזױנס ניט געזען. אַ מאַלער מיט פּליגל האָט געשוועבט איבער דער סצענע און ניט קיין מענטש. — און מיטאַמאָל, גלײַך ס'וואָלט איר ניט אָנגעגאַנגען, וויאַזוי האָט זיך פאַרענדיקט קיווס באַגעגעניש מיט גאַרעלאָוון, וואָס איז איר דעם גאַנצן טאָג פון זינען ניט אַרויס און זי האָט ניט געקאָנט זיך דערוואַרטן, ער זאָל עס זאָגן, האָט זיך באַ איר קעגן איר ווילן אומגעריכט אַרויסגעכאַפּט:

— ביסט געווען באַם שערער?

קיווע האָט ניט געגלייבט, אַז פאַר אים זיצט רינע. ניין, רינע וואָלט אין אַזאַ טאָג ניט געקאָנט אים אַזעלכעס פרעגן, כאָטש אומקערנדיק זיך פונעם אינסטיטוט, איז ער ווירקלעך פאַרגאַנגען אין דער שערערײַ און, ווי שטענדיק פאַר די לעצטע יאָרן, געבעטן דעם שערער לאָזן צורו די האָר אויפן קאָפּ, בלויז צורעכט מאַכן די פּייעס. ער קאָן ניט פאַרטראָגן, ווען זיי צעוואַקסן זיך מעשונעדיק אין דער ברייט, דעקן צו מיט זיך קימאַט די אויערן. אָפּאַנעם, אַז דער שערער איז זיך דורכגעגאַנגען איבער זײַן קאָפּ האָר מיטן שערל מער ווי ער האָט אים געבעטן, און דערפאַר האָט רינע עס מיס־טאַמע גלײַך באַמערקט. זי קאָן ניט פאַרטראָגן, ווען דער שערער כאַפּט איבער די מאָס, און אָנשטאָט אויסזען ייִנגער זעט קיווע אין אַזאַ פאַל גראָדע אויס עלטער און אַ ביסל אַפילע נאַרישלעך. ווען דאָס זאָל אַפילע זײַן אַזוי, קאָן קיווע זיך אויך ניט פאָרשטעלן, ווי פרעגט זי ניט, נאָך וואָס האָט אים אַרויסגערופן דער רעקטאָר און מיקויִעך וואָס איז געווען באַ זיי אַ רייד. זי האָט דאָך ניט געקאָנט פאַרגעסן, אַז ער האָט הײַנט צוויי באַטאָג געדאַרפט זײַן באַ גאָרעלאָוון. צי עפשער גייט עס איר ניט אָן?..

רינע האָט אויפגעכאַפּט אויף זיך זײַן פאַרוווּנדערט־פרעגנדיקן בליק. זי האָט אָבער צוגעוואַרט. איר האָט זיך געוואָלט אַפּרי̇ער אויסקלאָרן, צי פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש האָט אויסגעגעבן קיווען דעם סאָד, אַז דאָס איז איר אויפטו, אַז זי האָט עס געבעטן. קיווע וואָלט איר אַזױנס ניט מויכל געווען. ווי גייט זי אָן זײַן וויסן פאַרפירן מיטן רעקטאָר אַזאַ געשפּרעך? וויאַזוי האָט זי עס ביז אַהער נאָך ניט צוגעטראַכט, מיט וואָס זיך פאַרענטפערן פאַר קיווען, אויב ס'וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז גאָרעלאָוו האָט ניט געמאַכט פאַר אים דערפון קיין סאָד. רינע האָט אָבער ניט באַוויזן גאָרניט צוטראַכטן, קיווע האָט איר ניט איבערגעלאָזט אויף דעם קיין צײַט. נאָר די פראַגע, וואָס ער האָט איר פאַרגעבן, איז ניט געווען די, וועלכע זי האָט געקאָנט פון אים אין אַזאַ פאַל דערוואַרטן.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? צי האָט מען מיך גוט אונטערגעשוירן?

איר האָט געקלעקט געדולד רויִק אים דערויף ענטפערן:

— זייער גוט. כ'האָב עס באַלד באַמערקט.

— און מער האָסטו גאָרניט באַמערקט?

רינע האָט, ווי אין די יונגע יאָרן, אונטערגעהאַלטן מיט אים די שפּיל פון ניט דערליידן, פון מאַכן זיך ניט פאַרשטיין:

— וואָס, אַשטייגער, האָסטו געוואָלט, איך זאָל געווען נאָך באַמערקן? אַז דו ביסט אַ שיינער מאַנצבל און זעסט אויס אַ סאַך ייִנגער פון דײַנע יאָרן, האָב איך שוין לאַנג באַמערקט, ווי דו ווייסט. נו, גענוג שפּילן אין באַהעלטערלעך, ביסט געווען באַ גאָרעלאָוון?

— פאַרשטייט זיך.

— וועגן וואָס האָט ער דיך אַרויסגערופן?

— אָט דאָס, זעסטו, וועל איך דיר שוין ניט זאָגן. טרעף אַליין.

— פונוואַנען קאָן איך וויסן? איך בין דאָך דערבײַ ניט געשטאַנען.

— אָבער פונדעסטוועגן...

— איך זע לויט דיר, אַז ס'איז געגאַנגען אַ רייד ניט וועגן פעלערן, וועלכע דו האָסט געקאָנט דערלאָזן בײַס דו האָסט דאָרט געאַרבעט. כ'האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז ניט צוליב דעם, ווען דו וואָלסט אַפילע געווען דערלאָזן עפּעס אַ וויכטיקן פעלער, רופט ער דיך אַרויס. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אומזיסט און אומנישט ערגערסטו זיך, לייגסט אַלץ אויס צום שלעכטן.

— שטויסט זיך אַפילע, זאָגסטו, ניט אָן?

— ניין.

— איז הער מיט קאָפּ. — קיווע האָט זיך איבערגעזעצט פונעם בענקל באַם טיש צו רינען אויפן דיוואַן מיטן הײכן ווענטל. — פּאַוועל אַנטאָנאָוויטש האָט מיר פאַרגעלייגט, מאַממעש צוגערעדט, איך זאָל צוריק גיין אַרבעטן אין אינסטיטוט, נאָר אויף אַן אַנדער שטעלע. מײַן שטעלע איז שוין פאַרנומען. גאָרעלאָוו וויל מיך מאַכן פאַר אַ קאָנסולטאַנט. איך האָב אים דערווײַל ניט געגעבן נאָך קיין ענדגילטיקן ענטפער. כ'האָב אים געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך אַפּרי̇ער אויסייצענען מיט דיר. ווי דו וועסט זאָגן, אַזוי וועט זײַן.

— אָט אַזוי האָסטו אים טאַקע געענטפֿערט?

— נו, ניט אינגאַנצן אַזוי, אָבער אַן ערך. כ׳בין ניט זיכער, פֿאַרשטייסטו, צי וועל איך... ווי האַלטסטו, איך וועל נאָך קאָנען אַרבעטן? איך בין, ווי דו ווייסט...

— איך ווייס ניט און וויל ניט וויסן, — האָט רינע אים אָפּגעשטעלט, — ביסט דאָך פֿול נאָך מיט קרעפֿטן, איז פֿאַרוואָס זאָלסטו ניט קאָנען אַרבעטן? דו קוק וויניקער אַרײַן צו זיך אין פּאַס. כ׳האָב די טעג אַליין געהערט פֿון איינעם אַ דאָקטער, אַז ווען ס׳זאָל זײַן געווענדט אין אים, וואָלט ער אונדז, פּרויען, אָפּגעלאָזט אויף פּענסיע מיט עטלעכע יאָר פֿריִער, און אײַך, מאַנצבלען, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. וואָרעם אַ מאַנצבל, אַז ער גייט אַוועק אויף פּענסיע, האַלט ער זיך שוין פֿאַר אַן עלטערן מענטשן, און פֿאַר דעם, וועלכער קוקט אויף זיך, ווי אויף אַן אַלטן מאַן, איז עס די גרעסטע געפֿאַר. די איינציקע רעפֿואה זעט דער דאָקטער אין דעם, באַזונדערס פֿאַר אַזעלכע, ווי דו, וואָס זײַנען פֿון קינדווײַז אויף געוווינט זיך מיִען, ניט פֿאַרלאָזן די אַרבעט, ביזוואַנען מע פֿילט זיך נאָך אימשטאַנד. מיט איין וואָרט, וואָס קלײַבסטו זיך ענטפֿערן דעם רעקטאָר?

— איך בין אײַנגעגאַנגען. קאָנסולטירן צוויי מאָל אין דער וואָך צו צוויי־דרײַ שעה בין איך נאָך דערווײַל בעקוועם. דער געהאַלט, האָט ער מיר געזאָגט, וועט זײַן ניט קיין גרויסער, באַ די אַכציק רובל אַ כוידעש.

און וועגן וואָס פֿאַר אַ געהאַלט, וועלכן זי האָט געוואָלט אַרײַנטראָגן פֿון איר פֿאַרדינסט פֿאַר קיווען, איז געגאַנגען אַ רייד באַ איר מיט גאַרעלאָוון? פֿון פֿערציק־פֿופֿציק רובל, ניט פֿון אַכציק דאָך. הייסט עס... גאַרעלאָוו שטעלט זיך אַפֿילע ניט פֿאָר, ווי זי איז אים פֿאַר אַלץ דאַנקבאַר. מעגלעך, ער האָט עס געטאָן ניט אַזוי צוליב קיווען, ווי צוליב איר. זאָל זײַן אַזוי. איר גייט עס אָבער אינגאַנצן ניט אָן. זי איז אים פֿשוט דאַנקבאַר, ווי אַ מענטשן, וואָס איז געגאַנגען איר אַנטקעגן, גראַטעוועט דעם מאַן אירן פֿון דער געפֿאַר, וועלכע האָט אים געדראָט.

איר בליק איז געפֿאַלן אויפֿן ביכער־שראַנק. דאָרט איז געשטאַנען דער טראַנזיסטאָר. נאָר איצט האָט רינע שוין ניט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ סוינע, פֿון וועלכן זי האָט געוואָלט זיך באַפֿרײַען און ניט געוווּסט וויאַזוי.

זי איז אַרויס אין קיך צושטעלן טיי. ווען זי האָט זיך אומגעקערט אין צימער, האָט זי געטראָפֿן קיווען באַם וואַנט־שפּיגל. זי איז אויך צוגעגאַנגען און דערזען דאָרט אין דער טיף פֿונעם שפּיגל פֿיר גליקלעך־שײַנענדיקע אויגן — רינע האָט קוים באַוויזן אָפּלויפֿן פֿון קיוועס אויסגעשטרעקטע הענט. זי האָט מוירע געהאַט, אַז ער קאָן זיך מיטאַמאָל פֿאַרגעסן און וועט זי, ווי פֿאַר דער אָפּעראַציע פֿונעם אויג, אַ נעם טאָן אויף די הענט און זיך דורכגיין מיט איר איבערן צימער, איבערן קאָרידאָר, און ס׳וועט ניט העלפֿן איר דערמאָנען אים, אַז ער פֿאַרגעסט זיך, ווו ער האַלט אין דער וועלט. ניין, ניט מיטן דערמאָנען, וויפֿל איז ער אַלט — דאָס דערמאָנט זי אים קיינמאָל ניט, — נאָר וועגן דעם געזונט מוז זי דאָך אים דערמאָנען, כאָטש ער וויל דערפֿון ניט הערן. קיווע האָט דערויף איין ענטפֿער: ער איז שימשן הגיבער, און קאָן עס איר גלײַך דערווײַזן: אין איין אָטעם אויסטרינקען אַ קעלישעקל בראָנפֿן און ניט פֿאַרבײַסן. איצט, ווען קיווע וויל דערווײַזן מיטן זעלבן, אַז ער איז שימשן הגיבער, וואָלט זי אים, מעגלעך, ניט אָפּגעהאַלטן. זי האָט שוין פֿון אַ לענגערער צײַט ניט געזען אים אַזאַ אויפֿגעלעבטן.

אויפֿן אַנדערן טאָג אינדערפֿרי, כאָטש קיווע האָט ניט געהאַט דערווײַל נאָך וווּהין צו אײַלן, אין אינסטיטוט וועט ער ערשט גיין אין דער קינפֿטיקער וואָך, האָט ער אָבער זיך געפֿעדערט באַגלײַך מיט רינען און דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט איר אַלע גימנאַסטישע איבונגען, שוין ניט מיט אַזאַ אימפּעט, און בלויז דערפֿאַר, ווײַל זי האָט עס אים פֿאַרבאָטן.

אינעם טאָג פֿון זײַן אומקערן זיך צוריק אין אינסטיטוט איז קיווע אויפֿגעשטאַנען פֿריִער נאָך פֿון דער פֿרוי, אַראָפּגענומען פֿונעם ביכער־שראַנק דעם טראַנזיסטאָר און זיך פֿאַרקליבן מיט אים אין דער קיך. שטיל, קיין מינדסטער קלאַנג זאָל ניט דערגיין צום ווײַב, האָט ער אײַנגעשלאָסן דעם טראַנזיסטאָר אויף דער מאָסקווער ראַדיאָ־כוואַליע און אַפֿגיך אָפּגעפּאַטערט זיך מיט דער לעצטער נײַס, ווי דער טאַטע זײַנער, לייזער דער שנײַדער, פֿלעגט פֿאַר דער אַרבעט אָפּפּאַרטיקן זיך אָן טפֿילין מיטן שאַכרעס.

— שליס אים ניט אויס, — אין דער טיר איז האַלב אַ נאַקעטע געשטאַנען רינע. — שטעל אים אָן אויף אַ מוזיקאַלער כוואַליע, נאָר ניט אויף דער, וועלכע דו פֿלעגסט מיטזינגען.

אינעם וואַנט־צימער איז געווען צוגעגרייט פֿאַר אים אַ פֿרישער האַנטעך, פֿרישע וועש, געבראַכטע ניט פֿון דער וועשערײַ. רינע וואַשט קימאַט אַלץ אַליין. ווי ס׳האָט זי דערצו צוגעוווינט די מוטער. רינע האָט באַצײַטנס צוגעגרייט דעם נײַעם אַנצוג, וועלכן זי האָט אים געקויפֿט צום יובילײ. פֿון דער אייבערשטער קעשענקע אינעם רעקל האָט אַרויסגעקוקט אַ דרײַעקיקער שפּיץ פֿון אַ שטײַף אָנגעקראָכמאַליעט נאָזטיכל. רינע האָט איבערגעקוקט אַלע זײַנע האַלדזטוכן, ביז זי האָט צוגעקליבן דעם סאַמע פּאַסיקסטן פֿאַר דעם צאַרט־בלויען העמדל, און ניט־ווילנדיק אַ קלער געטאָן דערבײַ וועגן

גאַרעלאָווס ניט־פּאַסיקן שניפּס צום קאָליר פונעם העמדל. און ווידער האָט איר ווי עמעצער אונטער־געזאָגט, אַז גאַרעלאָוו איז געגאַנגען איר אַנטקעגן ניט אַזוי צוליב קיווען, ווי צוליב איר. נאָר רינע האָט אין דער זעלבער רגע ווידער איבערגעכאַזערט פאַר זיך דאָס זעלבע, אַז איר גייט עס ניט אָן.

— ווערסט הײַנט איבער מיר פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט. — האָט קיווע צו איר אַ זאָג געטאָן, ווען רינע האָט אים געמאַכט עטוואָס פרײַער דעם קנופּ פונעם שניפּס און פאַריכט דאָס נאָזטיכעלע אין קעשענע, ס׳זאָל זיך מער אַרויסזען.

— דײַגע ניט. כ׳האָב זיך דערעדט אויף דער אַרבעט, אַז כ׳וועל הײַנט אַ ביסל פאַרשפּעטיקן. איך וועל דיך באַגלייטן ביזן אינסטיטוט.

— צו וואָס?

— מיר ווילט זיך מיט דיר פּאַשעט אַ ביסל דורכגיין. זע, סאַראַ שיינער טאָג עס איז הײַנט, סאַראַ ריינער, בלויער הימל. — איר האָט זיך געוואָלט אים זאָגן, אַז ווען זיי האָבן זיך באַקאַנט אין דער ריי בײַ דער קאַסע פונעם קינאָ־טעאַטער „אודאַרניק“, איז אויך געווען, ווי איר געדענקט זיך, אַזאַ שיינער, זוניקער טאָג מיט אַזאַ בלויען לויטערן הימל. און נאָך האָט זיך איר געגלוסט אים זאָגן, אַז פאַר איר איז ער פאַרבליבן דער זעלבער שיינער, שלאַנקער מאַנצבל, ווי דעמלט, ווען זי האָט זיך אין אים פאַרליבט אויפן גאַנצן לעבן.

אין הויף פונעם אינסטיטוט איז רינע ניט אַרײַן. זי איז געבליבן שטיין באַם טויער און באַגלייט מיט די פײַכט־פאַרלאָפענע אויגן איר קיווען, ווי אַ יונגע מוטער, וואָס האָט צום ערשטן מאָל גע־בראַכט איר קינד צו פירן אין שול.

פֿאַרצייכענונגען

הירש רעלעס

ווי א דונער פון העלן הימל

דאָס איז פאַרגעקומען אין די פארמילכאָמעדיקע צײַטן, ווען איך האָב אונטעריכטעט יידישע שפראַך און ליטעראטור אין איינער פון די סלוצקער מיטלשולן.

נאָכן פערטן לימעד, ווען איך האָב נאָך ניט באוויזן ארויס פונעם קלאַס, גייט צו מיר צו די לערערן רימער און וואָרנט מיך:

— גייט גיכער אין לערער־צימער, דאָרט וואַרט אַף אײַך עפּעס א פארשוין. קאָנטיק, אן אָנגעפאָרענער. ער זיצט מאַמעש אַף הייסע קוילן. קוים זיך דערוואַרט די האַפסאָקע.

איך עפן די טיר פונעם לערער־צימער און דערזע פאר זיך דעם לינגוויסט ד—ן, מיט וועלכן איך האָב געהאַט די ערע צו באקענען זיך אין מינסק, ווען איך האָב זיך געלערנט אין פעדינסטיטוט. אַף וויפל מיר האָט זיך פארגעדענקט, האָט ער געארבעט אין דער אקאדעמיע, און דערצו איז ער נאָך געווען א קאָרעקטאָר אין דער ייִדישער קינדער־צײַטונג „יונגער לעניניעץ".

ד—ן איז שוין געווען ניט קיין יונגער, נאָר א זשוואָווער און א היציקער. פאר דער צײַט, וואָס ער האָט געארבעט אין דער רעדאקציע, האָט קיין איין מאָל ניט געטראָפן, אז אין צײַטונג זאָל דורכגיין א גרײַז. זאָל ער נאָר באמערקן א גרײַז אין עפּעס א צײַטונג אָדער אין א בוך, ווערט ער גלײַך אן אופגעקאָכטער, קלינגט אָן אין דער רעדאקציע פון דער דאָזיקער אויסגאבע און זידלט זיי אויס דערפאר. א גרײַז האָט ער פײַנט געהאַט, ווי א ציכטיקער מענטש אן אינזעקט. דערפאר האָט מען אים טאקע גערופן „דער יעגער נאָך גרײַזן".

דערזעענדיק מיך, איז ער אופגעשפרונגען פונעם אָרט, א דריק געטאָן מײַן האנט און איז טייקעף צוגעטראָטן צום איניען:

— דאָס פאָר איך פון טימקאָוויטשי אהיים, קיין מינסק. האָב איך דאָ געמאכט אן אָפּשטעל אַף עטלעכע שאָ. האָב איך צו אײַך א ביטע: איר דארפט מיך טייקעף באקענען מיט א ייִדן, וואָס איז א געבוירענער פונדאנען און זײַנע עלטערן שטאמען אויך פונדאנען. מיר שאפן איצט א ווערטערבוך פון דיאַלעקטן, דארף איך פארשרײַבן אייניקע סינאָנימען, וואָס זײַנען פארשפרייט צווישן די היגע אײַנוווינער.

— מיר שטייט פאָר דורכצופירן נאָך א לימעד, — זאָג איך אים. — אזוי אז, צום באדויערן, קאָן איך ניט אויספילן אײַער ביטע.

— סטײַטש, איר וועט מיט מיר ניט גיין? — ווערט ער אן אופגעקאָכטער. — נישקאָשע, אויב מע וועט אײַך אָפּלאָזן אַף א שאָ פריִער. איך האָב זיך ספּעציִעל אָפּגעשטעלט אין סלוצק צוליב דעם.

די פארוואלטערן פון דעם לערנטייל יעליזאָוועטע מאָיסייעוונע, זעענדיק, ווי דער גאסט איז צערודערט, האָט מיר פאָרגעלייגט:

— איר קאָנט גיין. איך וועל פארבײַטן אײַער לימעד מיט אן אנדערן קעגנשטאנד.

— נו, איז געגאנגען, — האָט ער א ציי געטאָן מיך פארן ארבל.

ס'איז געווען סאָף מײַ. דער טאָג איז געווען א הייסער, נאָר ד—ן איז געווען אָנגעטאָן אין א וואָלענעם קאָסטיום, און אַף די פיס האָט ער געטראָגן געזונטע שיך אַף גומענע זוילן. האָט ער, נעבעך, געשוויצט, אז ס'איז א צאר געווען אַף אים צו קוקן. דאָך האָט ער נאָך מיך אונטערגעײַלט.

איך האָב באַשטימט אים באַקענען מיט כאַיִם דעם באַלעגאָלע. אויף וויפֿל מיר איז באַוווּסט, שטאַמט ער גערוויס פֿונדאַנען. גראַדע איז היינט שאַבעס. און כאַיִם איז אַ פֿרומער, איז ער געוויס ניט אין אַ יאַזדע. און כאָטש ער וווינט אַ ביסל ווייטלעך פֿונדאַנען, קאָן מען אָבער זײַן זיכער, אַז מיר וועלן אים טרעפֿן אינדערהיים. עלע וואָס דען? עפּשער איז ער נאָך אין בעסמעדרעש. זאָל, כאָלילע, ניט אויסקומען וואַרטן אויף אים. דאַן וועל איך ערשט באַקומען דעם רעכטן כײַלעק פֿון ד—נען.

איך כאַפּ אַ קוק אויפֿן זייגער — שוין נאָך איינס באַטאָג. איז עס אַ סימען, אַז ער איז שוין געוויס אינדערהיים.

און אַזוי איז טאַקע געווען. מיר האָבן אים געטראָפֿן באַם טיש אין דער זײַדענער קאַפּאָטע. ער האָט געהאַלטן אַ סידער און געזאָגט זמירעס. הייסט עס, ס׳איז שוין נאָך דער סודע. דאָס ווײַב האָבן מיר אינדערהיים ניט געטראָפֿן.

באַגריסנדיק זיך מיט אונדז, האָט כאַיִם קוי־דעמקאָל געוואָרנט:

— אויב עס גייט וועגן אַ יאַזדע, איז עס אַרויסגעוואָרפֿענע רייד. ווען איר וועט אַפֿילע אַ הונדערטער אַוועקלייגן אויפֿן טיש, וועל איך אויך ניט פֿאָרן.

— ערגערט זיך ניט. איר האָט ניט גע־טראָפֿן, — האָב איך אים באַרויִקט. — דער כאָווער איז אַ געלערנטער. ער איז פֿון מינסקער אַקאַדע־מיע. וויל ער וועגן עפּעס דערקונדיקן זיך מיט אײַך.

— אויב אַזוי, הייב איך ניט אָן צו פֿאַרשטיין, מיט וואָס קאָן איך זײַ צוניץ קומען? אַן אַנדער זאַך, ווען איר קומט מיט אַ שאַ פּריִער, וואָלט אײַך מײַן פֿלוינעסטע מעכאַבעד געווען מיט שאַבעסדיקן טשאָלנט.

ד—ן האָט אַרויסגעצויגן פֿונעם פּאָרטפֿעל אַ ברייטן בלאָקנאָט. ווען ער האָט אים פֿאַנאַנדערגע־נומען, האָט ער פֿאַרנומען אַ האַלבן טיש. פֿון דער אייבערשטער קעשענע האָט דער גאַסט אַרויסגע־צויגן אַ בלײַער און איז גלײַך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. פּריִער פֿון אַלץ האָט ער פֿאַרשריבן כאַיִמס פֿאַמיליע־נאָמען און פּאָטערנאָמען. נאָכדעם האָט ער גענומען אים שטעלן פֿראַגן:

— ביכלאַל זאָגט מען אויף אַ גאַנעוו — אַ סטוילער, אַ לאַקכן. און ווי זאָגט מען נאָך בײַ אײַך, אין סלוצק, אויף אַזעלכע לײַט?

— מײַן טאַטע, וואָס איז אַ געבוירענער פֿון הלוסק... — האָט אַ זאָג געטאָן כאַיִם דער באַלע־גאָלע.

דאָ האָט אים ד—ן גלײַך איבערגעשלאָגן:

— אײַער טאַטע איז אַ געבוירענער פֿון הלוסק? האָב איך מיט אײַך ניט וועגן וואָס צו ריידן? — און אויף מיר האָט ער זיך צעשריִען: — צו וועמען האָט איר מיך געבראַכט?

ער האָט גלײַך פֿאַרמאַכט דעם בלאָקנאָט, אַרײַנגעלייגט אים אין פּאָרטפֿעל, זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם אָרט און מיט אַ באַפֿעלערישן טאָן אויסגע־שריִען צו מיר:

— געגאַנגען!

כאַיִם האָט זיך מאַמעש פֿאַרלוירן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם אָרט און מיט פֿאַרצווייפֿלונג אַ פֿרעג געטאָן:

— איך הייב ניט אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס אַרט עס אײַך אַזוי, וואָס מײַן טאַטע איז אַ גע־בוירענער פֿון הלוסק? וואָס האָט עס אײַך אַזוי אויפֿ־געערגט?

— ניטאָ קיין צײַט צו פֿירן מיט אײַך סיכסו־כים!

ער איז אויף אַזויפֿיל צעקאָכט געווען, אַז בײַסן אַרויסגיין פֿון דער שטוב האָט ער אַפֿילע פֿאַרגעסן צו זאָגן „אַ גוטן”.

דעם רעכטן כײַלעק האָב איך פֿון אים גע־קראָגן, ווען מיר זײַנען שוין געגאַנגען צוריק:

— סטײַטש! איך האָב דאָך אײַך קלאָר גע־זאָגט, אַז ניט נאָר ער דאַרף זײַן אַ געבוירענער פֿונדאַנען, נאָר אויך זײַנע עלטערן. איז צו וועמען האָט איר מיך געבראַכט? — און כאַפּנדיק אַ בליק אויפֿן האַנטזייגער, אַזש אונטערגעשפּרונגען. — אוי, ווײ איז מיר! אַ שאָ מיט צוואַנציק מינוט געבליבן, ביז דער צוג דאַרף אָפּגיין און צום באַן פֿונדאַנען וועט געדויערן אַ מינוט פֿערציק. איז ווו וועל איך שוין דאָ עפּעס אויפֿטאָן? אומזיסט געמאַכט אַזאַ קרײַז. כ׳האָב שוין לאַנג געקאָנט זײַן אין מינסק. נו, גיי ווייס, מיט וועמען מע האָט וואָס צו טאָן... — און גלײַך האָט ער מיר אַ ברום געטאָן: — גייט זיך אײַך, וווּהין איר דאַרפֿט. אײַער מיסיִע האָט איר שוין אויסגעפֿילט. און דעם וועג צום באַן וועל איך טרעפֿן אָן אײַך.

די דאָזיקע באַגעגעניש האָט אויף מיר איבער־געלאָזט אַ שווערן אײַנדרוק. ס׳איז מיר אַפֿילע ניט ניכע געווען, וואָס ס׳איז ערעוו אַן אָפּרו־טאָג. און דעריקער, איך האָב בעעמעס געפֿילט זיך שולדיק, וואָס איבער מיר האָט ער אין סלוצק ניט אויסגע־פֿילט זײַן מיסיִע.

אויף מאָרגן גאַנצפֿרי גייט צו מיר אַרײַן אין צימער דער באַלעבאָס פֿונעם הויז, ווו איך בין אײַנגעשטאַנען אויף דער דירע. באַמערקנדיק, אַז איך בין שוין וואַך, שטעלט ער מיר אַ פֿראַגע:

— איר קלײַבט זיך ערגעץ פֿאָרן, צי וואָס?

— פֿונוואַנען האָט איר עס גענומען?

— כאַיִם דער באַלעגאָלע וואַרט אויף אײַך אויפֿן הויף.

איך גיי אַרויס פֿון שטוב — ער זיצט אויפֿן גאַנעק און דרעמלט. דערזעענדיק מיך, האָט ער זיך גלײַך אויפֿגעהויבן:

— אַנטשולדיקט, וואָס איך קימער אײַך אַזוי פֿרי, נאָר צוליב אײַער נעכטיקן וויזיט האָב איך און מײַן פֿלוינעסטע אַ גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ באגריסן הארציק דעם שרײַבער הירש רעלעס מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

ניט צוגעמאכט. מיר הייבן ניט אָן צו פארשטיין, פארוואָס איז אײַער כאווער אזוי צעקאָכט געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אז מײַן טאטע איז א געבוירענער פון הלוסק? ניט שוין האָט ער געקענט מײַן טאטן? און אויב יאָ, איז וואָס האָט מײַן טאטע אים געקאָנט אזוינס אָפּטאָן, וואָס צוליב אים האָט ער ניט געוואָלט מיט מיר א וואָרט אויסריידן? עפּעס גלייבט זיך ניט, אז מײַן טאטע זאָל קאָנען אַף אזויפיל דערגאזען א מענטשן. געווען אן ערלעכער ייִד, א שטילער, ווי א טויב. אויך געווען א באלעגאָלע. דאָס איז בא אונדז א יערושע־פאך. קיין איין פאסאזשיר האָט ער קיינמאָל ניט באאוולט. ער איז ניט פעיִק געווען אופהייבן א קאָל אַף א מענטשן. פאר וואָס איז ער אזוי אופגעבערענט אַף מײַן טאטן? אײַך איז דאָך, מיסטאמע, באוווּסט.

און ווען איך האָב אים דערציילט, איז ער דערשטוינט געוואָרן:

— דאָס גאָר? טפו, זאָל עס ווערן? וואָס מיר האָבן פאר דער נאכט ניט איבערגעקלערט! ס'איז אונדז גאָר אפן געדאנק ניט געקומען, אז צוליב אזא נארישקייַט איז ער אזוי אופגעבראכט געוואָרן... טאָ כײַ וואָלט ער כאָטש דערקלערן... און ביכלאל, מיט וואָס א מענטש פארנעמט זיך. וואָס איז די נאפקעמינע, וויִאזוי אין סלוצק זאָגט מען אַף א גאנעוו? וואָס קאָן פון דעם בעסער אָדער ערגער ווערן? און צוליב וואָס דארף מען עס וויסן וועגן דעם? הערט א מײַסע! א מענטשן צאָלט מען צום געהאלט קאָמאנדיראָוואָטשנע, ער זאָל ארומפאָרן איבער דער וועלט דערוויסן זיך, וויִאזוי זאָגט מען דאָרט אַף א גאנעוו.

— ער אינטערעסירט זיך מיט אנדערע ווערטער אויך.

— אזוי גאָר! — ענטפערט ער מיט אן אָנשטעל. — הייסט עס, איז ער מיט ארבעט באזאָרגט אפן גאנצן לעבן. ער איז, קאָנטיק, פון יענע געלערנטע, וועגן וועלכע מע שרײַבט פעליעטאָנען. ניט אומזיסט זעט ער טאקע אויס, ווי מענאכעם־מענדל פון יעהופעץ. בעט איך אײַך, אז איר זאָלט מער אזוינע שלימאזאָלים צו מיר ניט פירן. איך האָב גענוג אייגענע דײַגעס. און כ'האָב קיין צײַט ניט צו פארנעמען זיך מיט אזעלכע נארישקײַטן. איך מיינט, אז היינטיקע צײַטן איז גרינג אויסצוהאלטן א פערד. ווען איר וואָלט פארמאָגן מײַנע קאָפּדרייענישן, וואָלט איר פארשטאנען, וואָס דאָס הייסט. מער פון א העלפט פון מײַנע פאהדינסטן גייט בא מיר אוועק אַף היי און אַף האָבער. הײַנט וויפל קומט מיר אויס זיך וואָזגען ארום אים. פעלט מיר נאָך קאָפּדרייענישן פון עפּעס א שלימאזל. צוליב דעם בין איך הײַנט אינדערפרי צום וואָקזאָל ניט געפאָרן.

און פלוצלינג צעלאכט ער זיך:

— איך שטעל זיך פאָר, ווי מײַן ווײַב וועט אופנעמען, ווען זי וועט זיך דערוויסן, צוליב וואָס מיר האָבן א גאנצע נאכט געבראָכן די מויכעס און בעשום־אויפן ניט געקאָנט זיך דערטראכטן. ווען עס האָט געקאָנט קומען אין זינען, אז צוליב אזא נארישקײַט איז ער אזוי צעקאָכט געוואָרן. ניט אומזיסט טאקע זאָגט מען, אז א נאר ווארפט ארײַן א שטיין אין וואסער, וועלן אים קיין צען קלוגע ניט ארויסציִען.

באַמערקנדיק, אַז איך האָב זיך אויך צעלאַכט, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט איר גאָר וואָס? זאָל עס בעסער בלײַבן צווישן אונדז. וואָרעם די דאָזיקע געשיכטע קאָן זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַן אַנעקדאָט, וואָס וועט זיך צעשפּרייטן אין אַלע הײַזער. קינד און קייט וועט פֿון אונדז לאַכן. נו, איז אָפּגערעדט?

ער האָט מיך געצוווּנגען, איך זאָל אים געבן די האַנט, אַז איך וועל האַלטן וואָרט. און איך האָב טאַקע וועגן דעם אין סלוצק קיינעם ניט דערציילט.

אין יענעם זומער

אין לעבן קומען פֿאָר געשעענישן, וואָס פֿאַרגעדענקען זיך אויף אייביק. פֿון צײַט צו צײַט שווימען זיי אויף אין זיכּרון מיט אַלע דעטאַלן און רעגן דיך קימאַט מיט דער זעלבער פֿרישקײַט, ווי דאַן, ווען זיי זײַנען פֿאָרגעקומען. און קעדיי לינדער מאַכן דאָס האַרץ פֿון די דאָזיקע דערמאָנונגען, קומט אויף אַ ווילן מיט עמעצן זיך טיילן דערמיט.

פֿאַר מענטשן פֿונעם איצטיקן דאָר, וועט דער עפּיזאָד, וועגן וועלכן איך וויל דערציילן, אויסקומען פֿאַנטאַסטיש און ס'וועט זיך ניט גלייבן, אַז אַזוינס האָט געקאָנט טרעפֿן אין דער ווירקלעכקײַט. און דאָס אַליין זאָגט זייער פֿיל לעטויוועס דער הײַנטצײַטיקייט. נאָר אויף וויפֿל דאָס איז יאָ פֿאָרגעקומען, טאָר עס ניט זײַן אינגאַנצן פֿאַרגעסן. און דער דאָזיקער עפּיזאָד איז נאָר איינער פֿון יענע טראַגישע געשעענישן, וואָס איז באַשערט געווען איבערצולעבן מענטשן פֿון מײַן דאָר.

דאָס איז פֿאָרגעקומען זומער 1937, ווען איך בין געקומען אויף קאַניקולן אַהיים, אין מײַן קליין שטעטעלע, וואָס האָט זיך דאַן גערעכנט אַלס טײַפּער העק. און טאַקע דערפֿאַר האָט מיך אין יענעם זומער באַזונדערס אַהין געצויגן.

ס'האָט געדוכט, אַז דאָרט, צווישן די וועלדער, פֿעלדער, באַם טײַכל, וועל איך כאַטש אויף אַ קליינער צײַט פֿאַרגעסן וועגן די אומגעלומפּערטע פֿאַרלוסטן, וועגן דעם כאַאָס און געווירבל און נערוועזקײַט, וואָס האָט דאַן געהערשט אינעם אַרומיקן לעבן. די סטודענטישע שטורמישע פֿאַרזאַמלונגען, וווּ מע האָט פֿון יעדן איינעם געפֿאָדערט, ער זאָל אָנריידן אויפֿן צווייטן. די אומופּהערלעכע אַרעסטן גראַדע פֿון די מער ערלעכע און מער איבערגעגעבענע צו דער לער און צו דער אַרבעט מענטשן, דער שוידערלעכער גורל, וואָס איז אויסגעפֿאַלן אויף די מער טאַלאַנטפֿולע שרײַבער, געלערנטע און אָנפֿירער פֿון אַנשטאַלטן, די פּראָצעסן און מאַטעריאַלן אין די צײַטונגען וועגן דעם, דאָס שטענדיקע ציטערניש און אָנגעשטרענגטקײַט, דו זאָלסט זיך צופֿעליק ניט אַרויסכאַפּן מיט עפּעס אַ וואָרט, וואָס קאָן אויסגעטײַטשט ווערן פֿאַרקריפּלט, האָט מיך אויף אַזוי פֿיל צערודערט, אַז ס'איז מיר נישט אָנגעגאַנגען ניט די לער, ניט מײַן שאַפֿונג, ניט קיין שום פֿאַרווײַלונגען. ס'האָט זיך געוואָלט דערווײַטערן פֿון דעם אַלץ: ניט זען, ניט הערן וועגן דעם און אַפֿילע גאָרנישט ניט וויסן.

אַהיים בין איך געקומען שפּעט אין דער נאַכט, און אויף מאָרגן פֿאַרטאָג האָט זיך צו אונדז געיאַוועט פּײַקע דער אוליטשקאָם קלוימערשט אַנטלײַען אַ שוועבעלע אויף אײַנהייצן דעם אויוון. דערווייסנדיק זיך באַם טאַטן, אַז איך בין שוין דאָ, האָט ער פֿאַרגעסן, נאָך וואָס ער איז געקומען, און איז אַוועק צוריק אָן אַ שוועבעלע. ניט בלויז איך, נאָר אַלע אין שטוב האָבן שוין פֿאַרשטאַנען דעם עמעסן ציל פֿון זײַן וויזיט.

— דײַגע ניט. ער שפּירט איצטער נאָך אַלעמען, — האָט דער טאַטע מיך באַרויִקט.

נאָר מיר איז פֿון דעם ניט געווען גרינגער. כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז די אַרומיקע סיטואַציע, וואָס האָט געהערשט, איז אַהער אויך אַרײַנגעדרונגען. האָב איך באַשטימט וואָס ווייניקער זײַן אין קאָמפּאַניעס און מער צײַט פֿאַרברענגען באַם טײַך אָדער אין וואַלד. און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן.

אײַנגיכן איז צו מיר צוגעשטאַנען מײַן כאַווער פֿון דער קינדהײַט לאַזאַר, דער זון פֿונעם היגן אַפּטייקער. ער האָט זיך געלערנט אין אָדעס, אין ראַדיאָ־אינסטיטוט, און איז אויך געקומען אַהיים צו זײַנע עלטערן אויף קאַניקולן. זײַן טאַטע לעוו אַבראַמאָוויטש איז געווען אין שטעטל פֿון די איינציקע, וועלכע מע האָט גערופֿן דאַן באַם נאָמען און פֿאָטערנאָמען. זײַן פֿרוי האָט געהייסן מיריאַם. נאָר מע האָט זי גערופֿן מערי, מאַכמעס דער מאַן פֿלעגט זי אַזוי רופֿן. מע האָט דערציילט, אַז אין דער יוגנט איז זי געווען אַ קראַסאַוויצע. איצט האָט זי אויסגעזען אָפּגעבליאַקעוועט און עלטער פֿון אירע יאָרן. זי איז נאָך קיין פֿערציק ניט אַלט געווען, און אַן אויסזען האָט זי געהאַט פֿון אַ באָבען. דאָס פּאָנעם אײַנגעדאַרט, אויפֿן שטערן און באַ

די ראנדן פון די ליפּן — טיפע קנייטשן. דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיט איר טאָכטער, האָט זי אינגאנצן איינגעבראָכן. א סאך יאָרן זיינען דורך, זינט זייער אלינע איז אומגעקומען אפן פּראָנט, און איז שטוב האָט מען עס אף קיין איין מינוט ניט פארגעסן. אין איר צימער האָט אלץ געהאט דעם זעלבן אויסזען, ווי בייס זי האָט געלעבט. איר געלעגער איז ווי דעמלט געווען פארבעט. אין אלמער זיינען געהאנגען אלע אירע קליידער. דאָס טישל צוגעקליבן, ווי דאַן. מערי האָט ניט דערלויבט צו גאָרנישט ניט צורירן זיך.

אלינע איז קיין זעכצן יאָר ניט אלט געווען, ווען זי איז פריוויליק אוועק אין ארמיי. שובינס קאוואלעריע־דיוויזיע האָט דאַן געטריבן די ווייס־פּאָליאקן אף מיירעוו, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט בא אונדז אין שטעטל אף איבערפאָרמירונג. האָט דאַן אלינע ביגנייווע פון די עלטערן זיך פארשריבן אלס סאניטארקע. באנאכט האָט זי זיך ארויסגעגאנוועט פון דער שטוב און איז מיט דער דיוויזיע אוועק אף לעפּעל. זי איז געפאָרן מיטן אָבאָז. אלינע האָט איבערגעלאָזט א צעטעלע, אז זי איז צוגעשטאנען צו די רייען פארטיידיקער פון דער יונגער ראטנמאכט, אינדערהיים זאָל מען וועגן איר זיך ניט באומרויִקן, זי וועט געבן וועגן זיך צו וויסן אין א בריוו.

ווען מערי האָט איבערגעלייענט דאָס צעטעלע, האָט זי זיך געלאָזט לויפן אפן וועג קיין לעפּעל אָניאָגן די דיוויזיע. זי וועט פאלן שובינען צו די פיס און וועט זיך בא אים בעטן ראכמים, ער זאָל אָפּלאָזן איר שוואך נאריש קינד, וואָס קאָן נאָך ניט אויסקומען אָן דער מאמעס אופזיכט, אזוי ווי אָן אייפעלע אָן א קוואָקע. און טאָמער וועט מיט דער טאָכטער עפּעס געשען, וועט זי, די מוטער אירע, עס ניט אויסהאלטן.

אף דעם צענטן ווייאָרסט פונעם שטעטל האָט לעוו אבראמאָוויטש אָנגעיאָגט זיין פלוינבעסטע און מיט גוואלד זי אָפּגעפירט אהיים.

דריי בריוו זיינען אָנגעקומען פון אלינען, און דער פערטער איז געווען די ידיִע, אז אלינע איז אומגעקומען לעבן דריסע בייס זי האָט אף דער פאָדערשטער ליניע פון דער שלאכט געוואָלט ארויסראטעווען א פארוואונדעטן רויטארמייער.

עטלעכע טעג איז מערי אָפּגעלעגן אין בעט אָן באוווּסטזיין. ווען זי איז עטוואָס געקומען צו־זיך, האָט זי געהאט טיינעס צום מאן, פארוואָס האָט ער זי אומגעקערט, בייס זי איז געלאָפן אָניאָגן די דיוויזיע. שובין וואָלט געוויס זיך צוגעהערט צו אירע ווערטער און וואָלט אָפּגעלאָזט אלינען.

— און ווען ער וואָלט יאָ אָפּגעלאָזט אלינען, וואָלט זי זיך סיי־ווי ניט אומגעקערט, — האָט לעוו אבראמאָוויטש דערווידערט. — וואָס, ווייסטו ניט, ווי זי איז שטאנדהאפטיק געווען אין דער דייע? א פארפלאמטע קאָמסאָמאָלקע, איז זי גרייט געווען מאקריוו צו זיין דאָס לעבן פאר דער ראטנמאכט.

ס׳זיינען דורך פיל יאָרן, און דער אָנווער האָט נאָך אלץ שווער געטאָטשעט די מישפּאָכע. אויך לאָזאר, וואָס איז דאַן נאָך געווען א קליין קינד, ווען די שוועסטער איז אומגעקומען, האָט טיף איבערגעלעבט דעם פארלוסט. באם דערמאָנען אלינען פלעגט ער זיך ענדערן אין פּאָנעם און אראָפּלאָזן דעם קאָפּ. פלעגט גלייך אויסקומען אריבערגיין אף אן אנדער טעמע.

ווי איך האָב באמערקט, האָט אין יענעם זומער לאזארן אויך באזונדערס ניט געצויגן צו קאָמפּאניעס, און, ווי איך האָב אים געקענט, איז ער פריִער זייער אָפּט געווען צווישן כאווײרים.

באטאָג פלעגן מיר בראָדיען מיטן שטראָם פונעם טייך און דערגיין אזש ביז קופּינע, וואָס האָט זיך געפונען אף א היפּשן מעהאלעך פון שטעטל. דאָרט פלעגן מיר זיך אויסציִען בא די קוסטעס אפן זאמדיקן ברעג און אָפּליגן ביז פארנאכט.

די ארומיקע שטילקייט, די פרישע זויבערע לופט און די צוויטשערייען פון די פייגעלעך האָבן אף אונדז אזוי געווירקט, ווי מיר וואָלטן מעגולגל געוואָרן גאָר אין אן אנדער וועלט, וווּ ס׳הערשן רו און טיינעג, שאָלעם־ווע־שאלווע, און די דאָזיקע וועלט האָט גאָר קיין שום שייכעס ניט צו יענער, פונוואנען מיר זיינען אָנגעפאָרן.

מיר פלעגן ליגן שווייגנדיק און פון צייט צו צייט זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער, וואָס האָבן ניט געהאט קיין שום שייכעס צו דעם, וואָס האָט אונדז טיף אין הארצן געטאָטשעט. די דאָזיקע קלעמענישן האָבן מיר איינעם פונעם צווייטן פארטייעט, ניט פון פאָרזיכטיקייט, נאָר קעדיי ניט ארויסגיין פון דעם געמיטלעכן צושטאנד, אין וועלכן מיר האָבן זיך דאָ געפונען.

בא אנדערע אומשטאנדן פלעגט מען צווישן נאָענטע און פריינט אויך ווייט זיך ניט פארטיפן אין וויקוכים וועגן די שרעקלעכע נייס, וועלכע פלעגן צו אונדז דערגיין. מע פלעגט נאָר איבערגעבן, אז דעם און דעם האָט מען צוגענומען. דאָס וואָרט „ארעסטירט” פלעגט מען ניט וואגן ארויסזאָגן. אָבער פארוואָס און פארוואן — איז פארשפּאָרט געווען צו פרעגן. מיר האָבן געוווּסט, אז פאר גאָרנישט. איינס האָט גערופעט צו פארשטיין: צוליב וואָס דארף מען עס? נאָר מוירע האָבנדיק פאר די אייגענע געדאנקען, פלעגן מיר ניט וואגן פארפירן א שמועס וועגן דעם. דאָך פלעגט דערגיין צו אזא גראד, אז ס׳איז אומעגלעך געווען צו פארשווייגן.

איינמאָל, זונטיק אינדערפרי, קום איך אריין צו לאזארן איינלאדן אים גיין אין וואלד קלייבן יאַגעדעס. די מישפּאָכע האָב איך געטראָפן בא פרישטיק. האָט מען מיך געצוווּנגען זיך זעצן צום טיש, כאָטש איך בין געווען זאט.

מיר האָבן געגעסן שווייגנדיק. פלוצלינג ווענדט זיך לעוו אבראמאָוויטש צום זון:

— דייַן כאַווער ווייסט שוין די לֿעצטע נייַס?

— וועמען? — האָט זיך בא מיר אַרויסגעריסן.

— דעם סעקרעטאַר פונעם ראַיקאָם אַלעקסייעוון און דעם פאַרזיצער פון דעם ראַי־אויספּירקאָם זוסמאַנען האָט מען נעכטן באַטאָג צוגענומען פון דער אַרבעט, — האָט מיר מיטגעטיילט לֿאַזאַר.

— נו, דאַרף מען שוין מער ערלֿעכע קאָמוניסטן פון זיי? — האָט מיט אַ ביטערקייַט אַרויסגעזאָגט לֿעוו אַבראַמאָוויטש.

— שוין זאָלֿסטו אויפהערן! — איז מיט שרעק אַף אים אָנגעפאַלן דאָס ווייַב, גלֿייַך זיך אַ הייב געטאָן פונעם אָרט און האָט פאַרמאַכט ביידע פענצטער.

— אויב ניט אַף זיך, איז האָב כאָטש ראַכמאָנעס אַף דייַן זון, — האָט זי זיך מאַמעש בא אים געבעטן.

נאָר לֿעוו אַבראַמאָוויטש איז ווייניק־וואָס ניספּאָעל געוואָרן פון אירע רייד און האָט פאָרגעזעצט:

— אַז כייַקע די בלֿעכערקע האָט זיך נעכטן אין אָוונט דערוווּסט וועגן דעם, איז זי שיר ניט געפאַלן כאַלֿאַשעס. אַלעקסייעווס ווייַב פלעג קויפן בא איר מילכיקס, האָט כייַקע מוירע, מע זאָל זי ניט באַשולדיקן, אַז זי האָט געשטיצט אַ סוינע פונעם פאָלק.

איך מיט לֿאַזאַרן האָבן זיך ביטער צעלֿאַכט.

— ניטאָ פון וואָס צו לֿאַכן, — האָט ער פאַרגעזעצט. — ס'קאָן אַלץ טרעפן. אָט האָט מען לֿייבעלֿע לֿיעבעלֿסקי, די פוסטע קיילֿע, דעם אַנאַלֿפאַבעט און הילֿיאַקע, וואָס האָט אַרומגעשטשעגאַלֿיאַיעט אין די גאַלֿיפע און בלֿאַנקענדיקע שטיוועלֿעך, אַרייַנגעזעצט נאָר דערפאַר, וואָס מע האָט אים געגעבן אַ צונעמעניש לֿייבעלֿע טראָצקי. אַז יענער איז נאָר פאַרטראָגן געוועז אין די נעקייוועס, און קיין שום פּאָלֿיטיק איז אים אין פּיאַטע ניט געלֿעגן. ס'וועט באַלד דערגיין, אַז דעם קאָסאַקן דאַניעלֿן וועט מען אויך צונעמען. מע וועט זיך צו אים צוטשעפען, אַז ער קוקט קאָסע אַף דער ראַטנמאַכט.

איך האָב זיך אַזוי צעלֿאַכט, אַז כ'האָב זיך אַזש פאַרכלֿינעט מיט דער טיי און זיך שטאַרק צעהוסט.

— איך בעט דיך ראַכמים, הער שוין אויף! — האָט אים מיט האַרץ געוואָרנט די פרוי. גלֿייַך איז ער טאַקע אַנשוויגן געוואָרן. פאַרטראַכט אין די שווערע ראַיוינעס, האָבן מיר שווייַגנדיק פאָרגעזעצט דעם פרישטיק. דאָך האָט די פּאַוזע געדויערט ניט לֿאַנג.

— דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט זיך לֿעוו אַבראַמאָוויטש געווענדט צו דער פרוי, — עפשער דאַרף אונדז אַזוי ניט מאַטערן, וואָס אונדזער אַלֿינאָטשקע איז ניטאָ אַף דער וועלֿט...

דערהערנדיק די דאָזיקע רייד, האָט זיך מערי אַ הייב געטאָן פונעם אָרט, זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, מיט שנעלֿע טריט אַוועק אין צימער און זיך פאַרשפּאַרט. אייַנגיכן האָט זיך פון דאָרטן דערטראָגן אַ ביטערער געיאָמער.

לֿעוו אַבראַמאָוויטש האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום צימער, געקלאַפּט אין טיר, נאָר אומזיסט. זי האָט ניט געעפנט.

האָט ער זיך ווידער געזעצט צום טיש און זיך גענומען צום עסן. נאָר דער גאָפּל האָט זיך אַזוי געטרייסלט בא אים אין האַנט, אַז אים איז שווער געווען אָנצונעמען אַ קאַרטאָפל.

— עסט, — האָט ער צו אונדז אַ ברום געטאָן.

כאָטש דאָס עסן איז אונדז אין מויל ניט געקראָכן, האָבן מיר אים געפאָלגט.

— מייַן פלוינעסטע איז אַ ווייניק געבילדעטע, — האָט ער אונדז געזאָגט מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים. — נאָר איר דאַרפט מיך יאָ פאַרשטיין. מיינט ניט, אַז דאָס איז גלֿאַט געזאָגט געוואָרן. איך האָב ניט ווייניק וועגן דעם געטראַכט. אַלֿינאָטשקע איז בא אונדז געווען אַ ביז גאָר אויפריכטיקע, אַ דרייסטע און אַ געוואַגטע. זי וואָלט דאָך געוויס ניט פאַרשוויגן וועגן דעם, וואָס איצט קומט פאָר. וואָלט זי דאָך דערפאַר פאַרמאָגט דעם עמעסן פּסאַק. מע וואָלט זי פאַרעכנט אַלֿס אַ סוינע פונעם פאָלק. איר שטעלֿט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ שרעקלֿעכע באַשולדיקונג דאָס איז! און אַף לֿאַזאַרן וואָלט זיך עס אויך אָפּגערופן. וועגן מיר און מערי רעדט זיך שוין ניט. מיר האָבן שוין אונדזערס אָפּגעלֿעבט... און אַזוי האָט זיך כאָטש פאַרהיט איר רום. זי האָט דאָך אָפּגעגעבן דאָס לֿעבן פאַר דער ראַטנמאַכט. טראַכט זיך נאָר אייַן, וואָס דאָס באַטייַט!

קאָנטיק, אַז די דאָזיקע ווערטער זייַנען דורכן ווענטל דערגאַנגען צו זייַן פלוינעסטע. זי איז אייַנגיכן אַרייַן אין צימער. דאָס פּאָנעם איז בא איר געווען צעפלאַמט, די אויגן — רויטע פון די אָקאָרשט פאַרגאָסענע טרערן. דאָך איז זי צוגעגאַנגען צום טיש, צונויפגעקלֿיבן דאָס געפעס און אָפּגעטראָגן אין קיך.

— נו, איר האָט זיך דאָך געקלֿיבן ערגעץ, — האָט זיך צו אונדז געווענדט לֿעוו אַבראַמאָוויטש.

...אין וואַלד האָבן מיר זיך ווידער דערפילט, ווי אין אַן אַנדער וועלט, וואָס האָט קיין שום שייַכעס ניט צו יענער, פונוואַנען מיר זייַנען אַהער געקומען. יאַגעדעס, שוואָמען — אַ וועלֿט! נאָר פויל זיך ניט און קלֿייַב.

פון אַ בוים האָט אַ קוקאַווע, ווי ווילֿנדיק אונדז אויפמונטערן, אָנגעציילֿט ביידן אַ וועלֿט מיט יאָרן. ריידנדיק אַף דער שפּראַך פון אָבערגלֿויביקע, זייַנען אירע ווינטשערייַען מעקויִעם געוואָרן נאָר בענעגייע מיר. מייַן כאַווער לֿאַזאַר איז אין דער

6*

פאַטערלענדישער מילכאָמע געפאַלן אין שלאַכט קעגן די פאַשיסטן. זײַנע עלטערן לעווי אבראַמאָ־וויטש און מערי זײַנען אומגעקומען אין געטאָ.

אַזוי אַז פון דער מישפּאָכע איז אַפילע ניט פאַר־בליבן קיין פעדעמל, וואָס זאָל זיך ציִען אין די ווײַטערדיקע דורעס. ערע זייער אָנדענק!

ווען ניט דער בלאָקנאָט

— זײַענדיק דאָ, אין באַריסאָוו, האָט מיך א ציִ געטאָן צו די הינטערגעסלעך פון דער אַלטער שטאָט: צו די הילצערנע הײַזער, גערטענער און סע־דער, ווו יעדער הויף איז אָפּגעטיילט פונעם צווייטן מיט א פּאַרקן פון דרענגלער אָדער פון ברעטער.

ס'איז זומער. די סעדער זײַנען פאַרפולט מיט אויבסן, די בייטן — מיט אויפּעס.

די קעץ, לאַכלוטן ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן, ליגן אַף די פּריזבעס און דרעמלען. מער פאַרנומען זײַנען די הינט. זיי זיצן, צוגעבונדענע צו די בײַד־לעך, און באַגלייטן יעדן פאַרבײַגייער מיט א ניט־צופרידענער וואָרקעניש. פּרווו נאָר אַרײַן אין א הויף, שפּרינגט ער אוף און הייבט אוף אַזא בײַ־לערײַ, פּונקט ווי דו וואָלסט מיט דײַן אַרײַנקומען אָפּגעטאָן ווער ווייסט וואָס פאַר א פאַרברעכן, און ער ווערט ניט באַרויִקט, ביזוואַנען עמעצער וועט ניט אַרויס פון דער שטוב און הייסן אים אַנשטומט ווערן.

אַף איינעם א הויף באַמערק איך, ווי ניט קיין הויכער דאַרער פאַרשוין אין א לײַכטן ספּאָרטיוון קאָסטיום און אין א ווײַס היטל אַפן קאָפּ אײַסעקט זיך אַרום א קלאָץ. ער וויל אים צעהאַקן, נאָר עס גייט זיך אים ניט אײַן, קאָנטיק, ניט געוווינט צו אַזעלכע אַרבעטן, און דערצו פעלט אים נאָך קראַפט אין די הענט.

דאָ האָט זיך אין מיר צעוועקט א פאַרלאַנג צו באַווײַזן, וואָס איך קען, כאָטש איך בין פּיל עלטער פון אים. עמעס, מיר איז שוין פּיל יאָרן ניט אויסגעקומען צו האַלטן א האַק אין די הענט, נאָר ס'קאָן ניט זײַן, אַז איך האָב זיך שוין אינ־גאַנצן דעקוואַליפיצירט. אַלנפאַלס, באַלד וועלן מיר זען: ס'איז אַזוי, צי ניט.

איך עפן דאָס טויערל, גיי אַרײַן אין הויף, טו א נעם באַם פאַרשוין די האַק און מיט איין טראַסק צעקלאַפּ איך דעם קלאָץ אַף צווייען. און ווײַטער גייט שוין, ווי א מיזמער.

— א דאַנק אײַך פאַר דער טירכע, — ווענדט זיך צו מיר דער פאַרשוין מיט א דין קאָל, וואָס אַנטשפּרעכט טאַקע זײַן ניט הויכן וווּקס און שלאַנ־קער פיגור.

איך טו אַף אים אויפמערקזאַם א קוק: אוי, ווי איז מיר! ס'איז גאָר ניט קיין מאַנצבל, נאָר א פרוי אין מיטעלן עלטער.

— אַנטשולדיקט, — רײַסט זיך באַ מיר אַרויס. אָבער גלײַך דערגייט צו מיר, אַז איך האָב ניט פאַר וואָס צו אַנטשולדיקן זיך, ווײַל איך האָב בלויז געדאַנקלעך זי אויפגענומען פאַר א מאַנצבל, נאָר קיין שום אָנצוהערעניש האָב איך איר ווען דעם ניט געגעבן.

— וואָס איז אײַך עפּעס געקומען אַפן גע־דאַנק נאָך אַנטשולדיקן זיך? פאַרקערט, איר זײַט זיך באַגאַנגען, ווי אַן עמעסער דזשענטלמען.

— דער מאַן האָט אײַך ניט געקאָנט אָנהאַקן האָלץ? — פאַרגיב איך איר א פראַגע.

אַף דעם ענטפערט זי מיר אַף רוסיש:

— מאָי מוזש אָביעלסיא גרוש.

דאָס הייסט, איר מאַן האָט זיך איבערגעגעסן מיט באַרן, פאַרשטיי איך שוין, אַז זי איז זיך מיט אים פאַנאַנדערגעגאַנגען, מאַכמעס אַזא ענטפער קאָן מען הערן נאָר פון אַן אָפּגעגעטער פרוי.

איבערן הויף בראָדזען אַרום ווײַסע הינדע־לעך, וועלכע זײַנען שוין אַרײַן אין די פעדערן, באַ א פופציק, אויב ניט מער. באַ דער זײַט פונעם שטעלכל שווימען אַרום אין א גרויסער קאָרעטע מיט וואַסער ענטלעך. און אין סטאַוואָק פּײַפן זיך איבער אינדיקלעך.

— מיר שײַנט, אַז איך האָב אָנגעטראָפן אַף אַן אויפּעס־קאָמבינאַט, — גיי איך איבער אַף אַן אַנדער טעמע.

— א צו קליינע האָסאָגע באַ אײַך, — ענט־פערט זי מיר.

— נו, פאַר א קאָמבינאַט איז עס טאַקע מיִ־זערנע, — סטאַרע איך זיך פאַרקלענערן די גוזמע, — נאָר פאַר איין מישפּאָכע איז עס איבער־גענוג.

— ס'וואָלט אַפילע געווען צופּיל, — ענט־פערט זי מער ווייכער. — נאָר מיר שטייט פאַר איבערצוטראָגן א סרייפע.

באַמערקנדיק, אַז איך בין אין פאַרלעגנהײַט, דערקלערט זי מיר:

6*

— נו, וואָס פֿאַרשטייט איר ניט? מיר שטייט פֿאַר כאַסענע מאַכן א טאָכטער. זי איז אַן אינזשעניער. ווערט עס טאַקע גוט אָפּקאָסטן. בא א הונדערט מאַן וועלן זײַן אויף דער כאַסענע, דאַרף מען זיך גוט צוגרייטן. נו, און איר, ווי איך פֿאַרשטיי, זײַט געקומען בענעגײַע די ראַנעטן. כ׳האָב נאָך נעכטן אָף אײַך געוואַרט.

— וואָס פֿאַר ראַנעטן? — פֿרעג איך מיט וווּנדער.

— א פֿײַנע מײַסע. א פֿאַרגרייטער פֿון אויבסן זאָל ניט וויסן, וואָס איז אַזוינס ראַנעטן. דאָס זײַנען אַזעלכע עפּעלעך מיט רויטינקע בעקלעך. זיי ווערן פּריצײַטיק און זײַנען זיס, ווי האָניק. בא א פֿיר־פֿינף זעק ראַנעטן ווערט זיך בא מיר אָנקלײַבן.

— פֿונוואַנען האָט איר גענומען, אַז איך בין א פֿאַרגרייטער פֿון אויבסן?

— איז פֿון וואָס זײַט איר א פֿאַרגרייטער?

— פֿון גאָרנישט.

זי באַטראַכט מיך אויפֿמערקזאַם און פֿרעגט:

— אויב אַזוי, איז מיט וועמען האָב איך די ערע?

דערוויסנדיק זיך, ווער איך בין, פֿרעגט זי:

— זײַט איר, הייסט עס, ספּעציעל צו מיר געקומען?

— ניין, צופֿעליק. דאָס בין איך געגאַנגען פֿאַרבײַ, זע איך, ווי איר מאַטערט זיך מיטן קלאָץ. האָב איך באַשטימט אײַך קומען צו הילף.

— איך ווייס ניט, וואָס שטעלט איר מיט זיך פֿאָר אַלס א שרײַבער. נאָר א האָלצהעקער זײַט איר אַן אויסגעצייכנטער.

— נו, ראַז איך בין שוין דאָ, וואָלט איך וועלן מיט אײַך א שמועס טאָן.

— פֿון מיר וועט איר זיך מיט מאַטעריאַל ניט באַרײַכערן. איך בין ניט פֿון די געלערנטע און ניט קיין באַוווּסטע מעלקערן, אַזוי אַז איך כאַפּ ניט קיין שטערן פֿונעם הימל. איך בין א פּאָשעטע פּרײַאָמשטשיצע אין א געוועלב, ווו מע רעמאָנטירט שוכוואַרג.

— מיך אינטערעסירן אַזעלכע מענטשן אויך.

— נו, אויב איר זײַט ניט פֿון די גרויסע איבערקלײַבער, איז ביטע. איר קאָנט מיט מיר שמועסן. נאָר איינס בעט איך: אויב אײַך וועט אויסקומען צו שרײַבן וועגן מיר, זאָלט איר מײַן עמעסע פֿאַמיליע ניט אַרויסשטעלן. וואָרעם מע ווייסט אײַער כעוורע — פֿון א וואָרט מאַכן זיי א קוואָרט, און גיי דערווײַז נאָכדעם, אַז דו ביסט ניט קיין ווערבליוד. דאָך וועט אײַך אויסקומען צוּוואַרטן עטלעכע מינוט. זעצט זיך צו דאָ, בא דער וועראַנדע.

זי קלײַבט צונויף אײַלנדיק די אָנגעהאַקטע קלעצלעך, פֿאַרכאַפּט מיט זיך די האַק און לויפֿט אַוועק אין הויז.

דורכן אָפֿענעם פֿענצטער הערט זיך, ווי עס סקריפּעט א טירל, קאָנטיק, פֿון אַן אַלמער, איבערן דיל קלאַפּן זיך אָפּ אירע באָרוועסע טריט. ווידער סקריפּעט דאָס טירל.

און אָט האָט זי זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר גאָר אַן אַנדערע. ניט צו דערקענען! אין א ציצן קלייד ביז די קנאָכן, אין סאַנדאַליעטן אויף הויכע אָפּצאַסן. די האָר פֿאַרקעמט אויף אַרויף, די דינע ליפּעלעך עטוואָס אונטערגעפּירט מיט ראָזעווע שמינקע.

וווּנדערלעך. וויאַזוי האָט זי עס באַוויזן אַזוי גיך אָנפּירן אויף זיך אַזאַ מאַראַפֿעט!

זי זעצט זיך צו אויפֿן בענקל און זאָגט:

— אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז א שרײַבער איז ווער ווייסט וואָס. איצט איז עס שוין פֿאַר מיר קיין נאָווינע ניט. ס׳טרעפֿט, אַז זיי קומען אַהער פֿון מינסק. פֿון צײַט צו צײַט טרעטן זיי אַרויס אויך בא אונדז אין קלוב, צווישן זיי זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע. ס׳טרעפֿן אַפֿילע אַזעלכע שלימזאָלים, אַז עס וווּנדערט, וויאַזוי איז אַזאַ פֿעיִק אָנשרײַבן א בוך. מיט איינעם א שרײַבער האָב איך געהאַט די ערע צו באַקענען זיך אויפֿן קוראָרט אין מאָרשין. ער איז פֿון די קאַווקאַזצעס. זײַן נאָמען איז איבראַהים, די פֿאַמיליע האָט זיך מיר ניט פֿאַרגעדענקט. ווערדיק מע האָט דאָרטן דערציילט, איז ער ניט קיין שלעכטער שרײַבער. נאָר וואָס איז די פּולע, אַז אין רוסיש זײַנען זײַנע ביכער ניטאָ, און אויף זײַן שפּראַך קען איך ניט לייענען. נו, און איר שרײַבט, מיסטאַמע, אויף רוסיש צי אויף ווײַסרוסיש.

— איר האָטביידע מאָל ניט געטראָפֿן. איך שרײַב אויף ייִדיש.

זי שטעלט אויף מיר אויס א פּאָר אויגן, ווי זי וואָלט פֿאַר זיך דערזען א מענטשן פֿון יענע צײַטן, איידער דער וועלט־מאַבל האָט זיך אָנגעהויבן.

— זײַט איר, הייסט עס, א ייִדישער שרײַבער?

— וואָס האָט עס אײַך אַזוי פֿאַרוווּנדערט?

— הערט זיך אײַן, — ווענדט זי זיך צו מיר מיט אַן ערנסטער שטים. — דורכן טעלעוויזאָר גיט מען איבער, אַז מע האָט פֿאַרפֿירט א רויטן בוך, וווּ מע רעגיסטרירט זעלטענע עקזעמפּליאַרן. זאָגט מיר, אײַך האָט מען אַהין אויך אַרײַנגעשריבן?

ווײַזט זיך אַרויס, אַז איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַזאַ, פֿון וועלכע איך סטאַרע זיך האַלטן פֿונדערווײַטן, מאַכמעס זי וועט דיר קאַליע מאַכן די שטימונג אויף א גאַנצער וואָך, אויב ניט מער.

— ניין, — זאָג איך איר מיט דער פֿולער ערנסטקײַט, — אין רויטן בוך פֿיגוריר איך ניט.

מיין איך, אַז איך בין שוין פּאַטער. ערשט ווו?

— יאָ, — באַשטעטיקט זי אַזוי קאַלטבלוטיק, — ניטאָ קיין נויט אַרײַנשרײַבן אײַך אַהין. קיין שום בראַקאָניער וועט אײַך קיין שאָדן ניט אָנטאָן. וואָס פֿאַר א נוץ וועט ער פֿון דעם האָבן?

נו, מײלע. איז אויב איר זײַט א ייִדישער שרײַבער, טאָ זאָגט מיר, פֿון וואָס לעבט איר?

איך זע, אז איך וועל זיך פֿון איר ניט אזוי גרינג אָפּטשעפּען. דאָך נעם איך זיך אָן מיט הארץ און ענטפֿער:

— צו דעם בין איך נאָך א לערער אויך.

— אוי, ווײ איז מיר! — גיט זי א פּליעסקע מיט די הענט. — א צווײיענדיקער קאַפּצן! א ייִדישער שרײַבער איז א קאַפּצן. און א לערער איז א קאַפּצן. איז אויב אזוי, ווי באַציט זיך צו אײַך דאָס ווײַב?

דאָ פּלאַצט שוין בא מיר דאָס געדולד. און איך באַצאָל איר מיט רעווען.

— מיט קײן באַרן האָט זי זיך ניט איבערגעגעסן, — ענטפֿער איך, מײנענדיק, אז אויף דעם וועט זי שוין ניט האָבן וואָס צו ענטפֿערן. נאָר זי פֿאַרלירט זיך ניט:

— האָבנדיק אזא מאַן, קאָן מען זיך מיט גאָרנישט ניט איבערעסן.

— אויף דעם קלאָגט זי זיך ניט.

— נו, איז מיט אײנס האָט אײַך כאָטש אָפּגעגאָלטן — מיט א ווײַב.

איך פֿיל, אז זי מאַכט פֿון מיר אויסצודרײען. און ניט אָפּצוטשעפּען זיך פֿון איר. אָט האָב איך זיך ארײַנגעפּאַקט! וועלכער מעכאַבל האָט מיך געשטויסן ארײַנצוגײן אין דאָזיקן הויף? און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אז איך האָב א מיטל, וויאזוי צווינגען איר אופֿהערן זיך וואַרפֿן מיט שטעכווערטלעך.

איך נעם ארויס פֿון דער זײַטיקער קעשענע דעם בלאָקנאָט, א קײַלעך־פּעדער.

גלײַך איז זי געוואָרן גאָר אן אנדערע.

זי זיצט שוין אן ערנסטע, און סטאַרעט זיך מיט אָנשטרענגונג לויטן סטיל פֿון א צײַטונגס־אַרטיקל ענטפֿערן אויף מײַנע פֿראַגן. זי געברויכט דערבײַ טראַפֿאַרעטע פֿראַזעס, וועלכע טרעפֿן זיך אין די טאָגטעגלעכע ראַדיאָ־טראַנסליאַציעס. מיט דעם סטאַרעט זי זיך דערווײַזן, אז זי איז אין דעם פֿאַל אויך ניט אבי־ווער, נאָר אן אָנגעלײענטע הײַנטצײַטיקע פֿרוי.

און כאָטש איך האָב זיך דאָ אן איבעריק מאָל איבערצײַגט, אז ווען מע פֿירט א שמועס בא אזא נוסעך, דאָס הײסט, מע שטעלט פֿראַגן און מע פֿאַרשרײַבט די ענטפֿערן, וועסטו מער ווי א צײַטונגס־אינפֿאָרמאַציע ניט דעראָבערן. אָבער אין דעם פֿאַל האָב איך מיט דער הילף פֿון דעם דאָזיקן מיטל זיך באַפֿרײַט פֿון איר פּיקירונג מיט שטעכווערטלעך, מיט וועלכע זי ניצט זיך ניט פֿון בײזוויליקײַט, נאָר קעדײ דעמאָנסטרירן, אויף וויפֿל זי איז שאַרפֿזיניק און קלוג.

און טאַקע, ווי נאָר איך האָב פֿאַרמאַכט דעם בלאָקנאָט און צוזאַמען מיטן קײַלעך־הענטל ארײַנגעלײגט אין קעשענע, האָט זי מיר א זאָג געטאָן:

— איך מײן, אז ס'איז איבעריק אַנטשולדיקן זיך פֿאַר דעם, וואָס איך האָב אײַך ארויסגעזאָגט, אײדער ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אינטערוויו. איר זײַט דאָך א שרײַבער, פֿאַרשטײט איר זיכער, אז דאָס האָב איך געשפּאַסט, וואָרעם צווישן דעם אַרומיקן אוילעם איז ניטאָ, מיט וועמען א שפּאַס טאָן. פֿאַרטשעפּע זײ מיט א וויץ, ווערן זײ מאָלע רעציכע. אײנפֿאַכע לײַט! האָב איך שוין מוירע מיט זײ אן איבעריק וואָרט אויסצורײדן. איך בין זיכער, אז איר זײַט גראָדע ניט פֿון די. נו, ראַז איר זײַט שוין דאָ, טאָ קומט שוין ארײַן אין שטוב, וועט איר כאָטש אן אָנונג האָבן וועגן אונדזער שטײגער־לעבן, און פֿאַרײנס וועל איך אײַך מעכאַבעד זײַן מיט ראַנעטן.

אויף דעם בין איך ניט אײַנגעגאַנגען, מאַכמעס איך בין זיכער געווען, אז דאָרט וועט זיך אָנהײבן דרײען די זעלבע פּלאַסטינקע, נאָר אן אנדער וואַריאַנט, און איך וועל ווידער ווערן א ציִלברעט פֿאַר אירע שפּאַסן, מעגלעך, אנדערע, נאָר פֿון זעלבן קאַליבער.

כ'האָב איר באַדאַנקט פֿאַר דער אופֿמערקזאַמקײַט צו מיר.

עפֿענענדיק דאָס טויערל, האָב איך פּאָנעם־אל־פּאָנעם זיך געטראָפֿן מיט א באַיאָרטן מאַנצבל אין א העלן כוויטער. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אן אָנגעשטאָפּטן פּאָרטפּעל. ניט אנדערש, אז דאָס איז געווען דער פֿאַרגרײטער פֿון די אויבסן, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט און לעכאַטכילע מיך אופֿגענומען פֿאַר אים. איך האָב געקוקט אויף אים מיט ראַכמאָנעס, ווי אויף אן אָרדנטלעכן קאָרבן. נאָר צוריקגערעדט, גײט ער כאָטש צוליב אן איניען. און איך בין גלאַט ארײַנגעפֿאַלן, ווי א יאָוון אין סוקע.

גיטע שילימס פֿון קוראַסאָווקע

ווער האָט פֿאַר דער מילכאָמע אין מינסק ניט געקענט גיטע שילימס פֿון קוראַסאָווקע? אין די זומערדיקע פֿאַרטאָגן האָט מען זי געקאָנט זען אן אײַנגעשפּאַנטע אין א בריטשקע, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט גאָרטנוואַרג. דאָס אַלץ האָט זי געפֿירט פֿאַרקויפֿן אופֿן סוראַזשער מאַרק. ניט געקוקט אויף דער שווערער מאַסע, איז זי מיט פֿעסטע טריט געגאַנגען אין שפּאַן סײַ באַרג־אַרויף, סײַ באַרג־אַראָפּ, סײַ מיטן גלאַטן וועג. קײן שום אָנשטרענגונג אויף איר רונדן פּאָנעם האָט

זיך דערבײַ ניט באמערקט. די ברישקע פֿלעג זי פֿירן ניט איבערן טראָטואַר, נאָר באַם ראַנד פֿונעם וועג.

לויט דער פּאַקלאַזשע אין דער ברישקע האָט זיך בוילעט אויסגעצייכנט דער כוידעש פֿונעם יאָר. ווען דער וואָגן איז אָנגעפּאַקט געווען מיט שטשאַוועל, גרינער ציבעלע, ריבעלעך, צווײַגלעך בעז, האָט זיך געפֿילט, אַז דער מײַ איז אין רעכטן ברען. און ווען צו די דאָזיקע גרינסן פֿלעגן צוקומען קערבלעך מיט ווײַמפּערלעך, אַגרעסן, שוואַרצער סמאָראָדינע און ווײַנשל, — איז קלאָר, אַז עס גייט צו ענדע יון. שפּעטער האָבן דעם אויבערגעוויכט אין וואָגן פֿאַרנומען זומערדיקע עפּל און בארן פֿון פֿאַרשיידענע מינים, פֿלוימען, פּאָמידאָרן, אוגערקעס און קאַרטאָפֿל — האָט עס געהייסן, אַז ס׳איז ערעוו האַרבסט. און אין האַרבסט פֿלעג צו דעם צוגעגעבן ווערן קעפּלעך קרויט, אַנטאָנאָווקע־עפּל און האַרבסטיקע קווייטן.

אין מאַרק האָט זי זיך לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן. מע פֿלעג עס בא איר אויסקויפֿן גיך. ניט מאַכמעס אירע קרײַטעכצער זײַנען געווען בעסער, איידער בא אַנדערע. נאָר זי האָט פֿײַנט געהאַט זיך דינגען מיט די קוינים. אָפּגעגעבן ביליקער, איידער בא אַנדערע האָט געקאָסט. פֿלעג זי שוין נאָך האַלבן טאָג שפּאַנען מיט דער פּוסטער ברישקע אַף צוריק. עמעס, זי האָט דערפֿאַר צווישן די פֿאַרקויפֿערנס אָנגעלעבט ניט ווייניק סאָנים. נאָר זי האָט זיי געהאַלטן אין אַרבל. אַבי די קוינים האָבן זיך צו איר גוט באַצויגן.

אינדערהיים האָט איר געסטײַעט אַרבעט איבערן האַלדז. מע האָט געדאַרפֿט אָנשנײַדן גראָז פֿאַר דער בעהיימע און פֿאַר דער ציג, אָנהאָדעווען די אויפֿעס, יעטן און באַגיסן דעם גאָרטן, אָנגרייטן געקעכטס אַף אַ טאָג, אײַנקויפֿן, וואָס מע דאַרף.

די היימישע באַלעבאַטישקײַט האָט זי געפֿירט אַליין. צוויי טעכטער האָט זי פֿאַרמאָגט. האָבן זיי געאַרבעט אַפֿן גאַלאַנטעריינעם זאַוואָד. פֿון דער אַרבעט פֿלעגן זיי קומען פֿאַרהאָרעוועטע. אָפּעסן און גיין שפּאַצירן. און דער מאַן אירער, שילים, האָט געאַרבעט אַלס פֿלייש־העקער אין אַ קאָאָפּעראַטיווער יאַטקע, וועלכע האָט זיך געפֿונען טאַקע אַפֿן סוראַזשער מאַרק, ווו גיטע האָט פֿאַרקויפֿט אירע קרײַטעכצער.

שילים האָט איר יאָ צוגעהאָלפֿן פֿירן די באַלעבאַטישקײַט. קומענדיק פֿון דער יאַטקע, פֿלעג ער האָרעווען אין גאָרטן און אין סאָד. נאָר פּרײַטיקצונאַכטס און שאַבעס האָט ער זיך צו גאָרנישט ניט צוגערירט, מאַכמעס ער איז געווען אַ פֿרומער. אין בעסמעדרעש איז ער געגאַנגען נאָר אין די שאַבאָסים און יאָמטויווים. אין די וואָכעדיקע טעג האָט ער געדאַוונט אינדערהיים. שאַבעס איז ער ניט געגאַנגען אַף דער אַרבעט, דער נאַפּאַרניק פֿלעגט אים פֿאַרבײַטן.

גיטע האָט זיך אין גאַנצן זאַכן געקווענקלט, נאָר דעם מאַנס ווילן פֿלעג זי אויספֿילן. וואָס שײַעך קאַשרעס, האָט זי עס אָפּגעהיט, ווי אַליין די רעבעצן. זי איז געווען נישט קיין איווערדיקע ניט אין רוסיש, ניט אין ייִדיש. נאָר עטלעכע בראָכעס האָט זי געוווּסט אַף אויסווייניק. דאָך האָט זי געהאַט איר כאַלאַס: אַלע שאַבייסענאַכטס פֿלעג זי גיין אין ייִדישן טעאַטער, און אַט דעם אָוונט האָט זי קיין איין שטעלונג ניט דורכגעלאָזט. און דעריבער איז איר ניט זעלטן אויסגעקומען עטלעכע מאָל בײַזײַן אַף איין און דעם זעלבן ספּעקטאַקל.

איר שטענדיק אָרט איז געווען דאָס דריטע אין דער ערשטער ריי. די קאַסירשע האָט שוין געוווּסט גיטעס אָרט אין טעאַטער און האָט עס פֿאַר איר געהאַלטן אַפֿן שאַבעסדיקן ספּעקטאַקל. און דערפֿאַר פֿלעג זי באַלוינט ווערן מיט אַ הויפֿן ווײַסע סעמעטשקעס פֿון גיטעס אייגענעם גאָרטן. אין טעאַטער פֿלעג זי קומען אין אַ שוואַרצן סאַמעטן קלייד, אַלטמאָדיש גענייט און שוין גאַנץ שמאָל אַף איר אין דער טאַליע. ניט אַנדערש, ווי דאָס קלייד האָבן די עלטערן איר כּפּראָוועט צו דער כאַסענע. אַף די פֿיס האָט זי געטראָגן שוואַראָווע שיך אַף לאַנגע כאַליעווקעס און אַף הויכע אָפּצאַסן. קאָנטיק, אַז די שיך זײַנען אַף איר געווען גוט ענג, מאַכמעס איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שטעלונג, פֿלעג זי זיי אויסטאָן און זיצן אין די זאָקן. דאָס פֿלעגן באַמערקן נאָר יענע צושויער, וועלכע זײַנען געזעסן דערנעבן, און ס׳האָט זיי נערווירט. דערהויפּט האָט עס געווירקט אַף די אַרטיסטן. די ערשטע צײַט פֿלעג זיי אויסקומען צולייגן ניט ווייניק מי, קעדיי ניט צעלאַכן זיך. אויסער דעם, האָט זיי שאָקירט איר אומקולטורעלקײַט און אומצערעמאָנישקײַט, ווי זי וואָלט מיט דעם געגעבן אָן אָנצוהערעניש, אַז זי ווערט ווייניק־וואָס דאָ ניספּאָעל פֿון אַלעמען.

איינמאָל, בייס אַן איבעררײַס, גייט צו איר צו דער אַדמיניסטראַטאָר און זאָגט:

— טוט אָן די שיך. ס׳איז אײַך ניט טישעבאָוו בא קינעס. צי שוין פֿילט איר ניט, אַז ס׳איז ניט העפֿלעך צו זיצן אין טעאַטער אין די זאָקן?

ער איז געווען זיכער, אַז די דאָזיקע רייד וועלן אַף איר ווירקן, און דעריבער איז ער דערשטוינט געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט:

— שוין זאָלסטו זיך אַרויסקוליען פֿונדאַנען! קוק ניט, וואָס איך בין אַ פּרוי. מײַנער אַ פּראַסק איז ווערט אַ פֿינף און צוואַנציק פֿאַר דעם, וועך עס דאַרף עס ניט. הערסט אַ האָזע! איך געפֿין זיך אַף אַ סימכע, וויל ער, איך זאָל לײַדן פֿון די מאָזאָליעס און מיט דעם זיך פֿאַרשטערן דעם גאַנצן פֿאַרגעניגן.

דער אַדמיניסטראַטאָר איז אַוועק הינטער די קוליסן, האָט געוואָלט אַרויסרופֿן אַ מיליציאָנער

און אים בעטן מעשאַלייער זײַן די דאַזיקע נאָכאַל־קע פונעם טעאַטער.

— וואָגט עס ניט טאָן! — האָט אים גע־וואָרנט דער רעזשיסער. — ס'וועט זיך אופהייבן אַ סקאַנדאַל, וועט עס ווירקן אויף דער שטעלונג.

דער אַרטיסט שיקאָוו, וועלכער האָט געלעבט אין קוראַסאָווקע און האָט גוט געוווּסט גיטקען, האָט אונטערגעהאַלטן דעם רעזשיסער:

— כּאַסכאַלילע! טשעפּעט זי ניט! וואָרעם ס'איז פֿײַער און פֿלאַם! זאָל זי זיצן, ווי זי זיצט. איינמאָל האָט אַ שאַכן זי פֿאַרטשעפּעט, האָט זי אים דערלאַנגט אַזאַ פּראַסק, אַז די באַק איז בײַ אים אופגעשוואָלן. איר רעדט עפּעס! די שכיינים ציטערן איר אַ וואָרט צו זאָגן. די טעכטער צווינ־גען זי גיין אין טעאַטער אין אויסגעפּוצטע. זײַנען ענג אויף איר די שיך. און קיין אַנדערע האָט זי ניט. דאָס האָט אויפן אַדמיניסטראַטאָר געווירקט, און ער האָט זי צורו געלאָזט.

פון צײַט צו צײַט פֿלעגן דעם טעאַטער באַזוכן אויסלענדישע געסט. פֿלעגט מען זיי זעצן אין דער ערשטער ריי, נאָר ווײַטער פון גיטען, מע זאָל, כּאַסכאַלילע, ניט באַמערקן, ווי זי זיצט אין די זאָקן.

די טענערן עסטער האָט איינמאָל פֿאַרגע־לייגט:

— לאָמיר זיך צונויפלייגן און קויפן איר גערעמע שיך, וועט זי ניט באַדאַרפן זיי אויסטאָן.

— כּײַעס ניט זיכער! — האָט געוואָרנט שי־קאָוו. — זי וועט בעשום־אויפן ניט נעמען, וואָרעם איר ווייסט ניט איר הויכווירדיקייט. איינמאָל האָט זי אָפּגעשטעלט אַן אויפגעפּודזשעט פערד, און מיט דעם איז ניצל געוואָרן אַ קינד, וואָס איז געזעסן אין וואָגן. די מוטער פונעם קינד האָט געוואָלט איר באַצאָלן, האָט איר גיטקע אַרײַנגעשפּאַרט צו־ריק דאָס געלט, און איר געגעבן, דער מוטער, דעם עמעסן כיילעק, פאַרוואָס זי האָט געלאָזט אַליין דאָס קינד אין וואָגן.

שיקאָווס דערציילונגען וועגן גיטקעס אופטוען האָבן אַרויסגערופן ניט קיין קליינעם אינטערעס צו איר. זי האָט זיך אויף אַזויפיל פאַרגעדענקט די אַר־טיסטן, אַז אַפילו בײַס דער מילכאָמע, ווען דער טעאַטער האָט זיך עוואַקויִרט קיין נאָוואָסיבירסק, פלעגט מען פון צײַט צו צײַט אין איר זיך דערמאָ־נען. מע איז געווען זיכער, אַז גיטקע האָט זיך ניט עוואַקויִרט, מאַכמעס זי האָט ניט געקאָנט זיך שיידן מיט איר באַלעבאַטישקייט.

— אויב אַפילו זי איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די בלוטיקע יעקעס, וועט זי אויך ניט פאַרפאַלן ווערן, — האָט געטײַנעט שיקאָוו, — זי וועט זיך ווי־ניט־איז אַרויסדרייען פון זיי, און וועט נאָך ראַטעווען די גאַנצע מישפּאָכע. אַז וואָס דאַרפט איר מער? ווען די ווײַספּאַליאַקן האָבן אָקו־פּירט מינסק, האָבן זיי געוואָרפן אַן אומכיין אויף שילימען און אים אַרײַנגעזעצט אין קאַטאָלאַזשקע, האָט זי אים אָרגאַניזירט אַ פּליטע, און זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד, ביז אונדזערע זײַנען געקומען. וועט זי איצט אויך קריגן אַן אייצע, ווי אַזוי אַרויסראַטעווען זיך פון די פאַשיסטישע ברוים.

נאָך דער מילכאָמע, ווען דער טעאַטער האָט זיך אומגעקערט קיין מינסק, האָט זיך שיקאָוו דערוווּסט, אַז איר איינציקע לײַבלעכע גליד, די מוטער, איז אומגעקומען אין געטאָ. קוראַסאָווקע איז אוועק מיטן פײַער. איינציקע הײַזער זײַנען נאָר פאַרבליבן. גיטעס הויז איז אויך פאַרברענט גע־וואָרן. פון די באַקאַנטע איז קיינער ניט פאַרבליבן. ס'איז אַפילו ניט געווען, בײַ וועמען צו פרעגן וועגן גיטען.

איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע שטעלונג אינעם טעאַטער, איז שיקאָוו צוגעגאַנגען צום פאָרהאַנג און האָט דורך אַ שפּעלטל אַרײַנ־געקוקט אין זאַל. גיטען האָט ער דאָרטן ניט באַ־מערקט.

— נו, וואָס? ניט מעקוים געוואָרן דײַנע נעוויִעס? — האָט מען מיט פאַרדראָס אים באַ־מערקט.

— לאָמיר דערוואַרטן שאַבעס אָפּדערנאַכט, — האָט ער נאָך אַלץ געהאָפט.

נאָר די דאָזיקע האָפענונג האָט זיך אויך אויסגעלאָזט צו גאָרנישט. שיקאָוו האָט זי געזוכט אין מאַרק צווישן די טישלעך, האָט ער זי דאָרטן אויך ניט געטראָפן און שוין אינגאַנצן פאַרלאָרן די האָפענונג צו זען זיך מיט איר.

ס'איז דורך אַ פּאָר כאָדאָשים. ס'האָט זיך שוין אײַנגעשטעלט דער ווינטער. איינמאָל שאַבעס אָפּדערנאַכט האָט זיך אין טעאַטער פאַרן אָנהייב פונעם ספּעקטאַקל אופגעהויבן אַ מעהומע:

— גיטע שילימס איז דאָ!

— ס'קאָן ניט זײַן! — האָט מען זיך גע־קוווּנקלט.

— אָן זיצט זי אויף איר שטענדיק אָרט.

— אין די זאָקן?

— ניין. אין מענערישע געזונטע שיך.

מע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די קוליסן און דורך די שפּעלטלעך געקוקט אין זאַל.

יאָ, טאַקע זי. אין אַ טונקל פּראָסטן קלייד. אויפן ברוסט מעדאַלן. נאָר זי זעט, נעבער, אויס ווײַט ניט, ווי געווען. כאָטש ס'איז ווינטער, נאָר דאָס פּאָנעם איז פאַרפאַליעט. די האָר זײַנען שוין ער־טערווײַז גרוי. זי זיצט אַזוי פאַרטראַכט. די אויגן ווי פאַרנעפּלט.

אין אָט דעם אָוונט איז געווען די פּרעמיערע פון „טעוויע דעם מילכיקן". די אַרטיסטן האָבן גע־שפּילט מיט אַזאַ באַגײַסטערונג, ווי קיינמאָל ניט. גיטע איז געזעסן אַ פאַרווייִנטע און האָט שווער געאָטעמט.

באַם ענדע פונעם ספּעקטאַקל, ווען בײַ דעם אָפּענעם פאָרהאַנג זײַנען געשטאַנען די אַרטיסטן

און דער זאַל האָט געדודערט פון אַפּלאָדיסמענטן, איז די באַוווּסטע אַקטריסע יודיף אַראָפּ פון דער בינע, איז צוגעגאַנגען צו גיטען און איר אונטערגעטראָגן דעם בוקעט בלומען, וואָס זי האָט באַקומען פון די צושויער.

גיטע איז געשטאַנען פאַרלאָרן און האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס קומט עס איר. זאָל זײַן דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַ פּאַרטיזאַנקע, האָט דאָך מער ווי אַ העלפט צושויער אין זאַל אָנטיילגענומען אין דער מילחמה.

אהיים האָט זי באַגלייט שיקאָוו. פון איר האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילחמה, האָט זי קוידעמקאָל די טעכטער אָפּגעשיקט אין עוואַקואַציע, זי מיט שילימען האָבן גענומען אַף אַ שטריקל די בעהיימע, די ציג, אין וועגל אײַנגעפּאַקט דאָס סאַמע נייטיקסטע, די אויפּעס, אַ טייל גענומען מיט זיך, אַ טייל אָפּגעגעבן די שכיינים, און מע איז אַוועק אין וואַלד. דאָרטן זײַנען זיי צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנער. זי האָט געדינט אין ווירטשאַפטלעכן טייל, און שילים איז געווען אַן אונטערײַסער. ווען ער פלעג גיין מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אויספילן אַ דיווערסיע, איז זי מיט אים אויך געגאַנגען, מאַכמעס ווען ער איז געגאַנגען אָן איר, פלעג זי בײַסן די פינגער אַף די הענט, ביז זי פלעג דערוואַרטן, ווען ער וועט זיך אומקערן. זיי האָבן צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּאָדריוווניקעס ניט איין עשעלאָן מיט געווער און מיליטער געלאָזט אונטערן אַטקאָס, און מיט דעם האָט מען הונדערטער פאַשיסטישע מערדער פאַרקירצט דעם וועג אַף יענער־וועלט.

איצט לעבן זיי אינעם ראַיאָן פון טשיזשאָווקע, אין אַ כיבאַרקע, וואָס מע האָט אַליין צונויפּגעשטעלט. שילים אַרבעט אַלס פורמאַן אין טעכסנאַב, זי איז אַ סאַניטאַרקע אין אַ קראַנקן־הויז. אַלס אַ פלייש־העקער וויל שילים מער ניט אַרבעטן. נאָך מער, צו דעם, וואָס ער איז נאָך אַלץ פרום, איז ער געוואָרן אַ וועגעטאַריאַנעץ. ער עסט ניט קיין פליישיקס, מילכיקס איז נאָך ווי־ניט־איז. קיין אייער געברויכט ער אויך ניט. דאָס האָט אים די מילכאָמע געמאַכט פאַר אַזאַ. מיט דער צײַט קלײַבן זיי זיך אויסבויען אַ שטוב אַפן אַלטן אָרט. מע דאַרף נאָר דערווײַל אַ ביסל קומען צו־זיך.

די טעכטער זײַנען געבליבן אַף אוראַל, זיי אַרבעטן דאָרט אַף אַ זאַוואָד, האָבן כאַסענע געהאַט און קלײַבן זיך ניט אומקערן קיין מינסק.

זײַענדיק אינעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, האָט גיטע גענומען אַף זיך אַ נײדער, אַז אויב מע וועט איבערלעבן די מילכאָמע, וועט זי אין טעאַטער קיינמאָל ניט גיין. מאַכמעס נאָך אַזעלכע צאָרעס, וואָס מע האָט איבערגעלעבט, דאַרף ניט אָנגיין אַזאַ פאַרגעניגן. נאָר ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז עס וועט ווערן געשטעלט „טעוויע דער מילכיקער", האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און איז געקומען. דערבײַ הייבט זי ניט אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מען איר אונטערגעטראָגן די בלומען. אויב גלאַט אַזוי, איז פאַרוואָס איז עס אויסגעפאַלן גראַדע אַף איר?

ווען שיקאָוו האָט איר דערציילט, האָט זי זיך פאַרוווּנדערט:

— כ'האָב זיך אַפילע גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז די אַרטיסטן ווייסן וועגן מיר. נו, אויב אַזוי, איז טאַקע דער בוקעט פאַר מיר טײַער. דעריקער, ער זאָל ניט פאַרפרוירן ווערן, אײדער איך וועל אים דערטראָגן אהיים. מײַן שילים וועט אַפילע ניט גלייבן, אַז דאָס האָבן די אַרטיסטן מיר אונטערגעטראָגן און אַז זיי געדענקען מיך נאָך פון פאַר דער מילכאָמע.



ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

אווראָם גאָנטאַר

(1981 — 1908)

אווראָם גאָנטאַר

לידער פון פאַרשיידענע יאָרן

דער בוים

אין הארטן שטיין פון הויכן בארג
האָט זיך א בוים פארוואָרצלט שטארק.
ס'איז אויסגעקרימט זײַן ווילדער שטאם,
ער קוקט אראָפּ צום גרויסן יאם.
א פויגל פליט — עס איז זײַן טרוים
א נעסט זיך מאכן אפן בוים,
וואָס וואקסט דאָ צווישן פעלדז און שטיין
און שטיין אין גרויזאמקײַט אליין.

און אלע בלײַבן שטיין פארגאפט:
ווו נעמען זײַנע וואָרצלען זאפט?
דעם פעלדז איז, דאכט זיך, איינס פארטרויט —
דער סאָד פון שטרענגן קאלטן טויט.
און ס'דוכט, דער בוים זאָגט שטיל, געהיים:
איך האָב באזיגט דעם טויט פון שטיין!
דערפאר פארוואָרף איך הויך מײַן צווײַג,
און ס'זעט דער הימל, ווי איך שטײַג.

לייעלע

דריַ סאָסנעס האָבן עס געזען,
דריַ שלאַנקע סאָסנע־ביימער,
איצט וויגן זיי די קרוינען
אַף א גרוב מיט ביימער.

ס׳האָט געבראַכט פון שטאָט אהער
קליינע קינדער שטילע.
אויסגעטאָן די העמדלעך,
די העמדלעך אפילע.

און א גרוב פאר אלעמען
איז שוין גרייט געשטאַנען,
און די קלענסטע לייעלע
האָט גאָרנישט ניט פארשטאַנען.

ס׳האָט געמיינט, די שטיפּערקע,
ס׳איז א שפּיל אזא מין.
לייעלע די לאַכערקע
האָט דעם קאָפּ פאַריסן:
ווער עס שיט עס זאמד אַף איר,
וויל די קליינע וויסן.

און געזאָגט האָט לייעלע
צו דעם דײַטש פון אויבן:
— פעטערל, וואָס שיט איר עס
זאמד מיר אין די אויגן.

ס׳האָט דאָס פעטערל געקייַכט
און געשאָטן פלינקער.
מיר פאר לייעס אייגעלעך,
מיר פאר אירע פינגער.

דריַ סאָסנעס האָבן עס געזען,
דריַ שלאַנקע ביימער שטומע.
וויגן זיי זיך וויינענדיק,
וויינען זיי און ברומען.

ניט קיין פעך פון ביימער טריפט,
בלוט אַף נאָדל־בלעטער.
קינדער מייַנע, טייַבעלעך,
אייביק לעבן וועט איר.

* * *

די כוואליע כ׳האָב געוואָרנט: שטעל זיך אָפּ,
צו וואָס די אײַלעניש? וואַרט צו א ביסל.
צעברעכן וועסט אין פעלדז דעם קאָפּ,
אין יאָגעניש די קראַפט צעגיסן.

און האָפּערדיק געענטפערט האָט די וועל:
— איין זעמדעלע באַשערט איז מיר צעמאָלן,
אַף אויספּילן דעם כיוון איך וועל
אָן צווייפל מיטן לעבן זיך צעצאָלן.

* * *

די ווערבע האָט זיך אײַנגעוואַשן,
און ס׳האָט א וואָגלענדיקער ווינט
אַף אלעמען צו איבעראַשן
פארקעמט זי קונציק מיט א שרונט.

פון דעמלט שטייט זי אײַנגעבויגן
און קוקט צום שמאָלן טײַך אַראָפּ.
פארליבט זי קוקט זיך אין די אויגן
און הייבט ניט אוף דעם שיינעם קאָפּ.

א בוים אפן אספאלט

אַף דעם אספאלט אָן איינציקע בעריאָזע
אין קרייַז פון מויערן, וואָס שטייען שטום.
ס׳האָט זי געשווינט דאָס שטאָל פון דעם בולדאָזער,
איצט שעמט דער בוים אינעם ארום.

אהער עס קומט אן אלטער מאן א גרויער,
און א פארליבטער בעט: — צו דער בעריאָזע קום!
געוויס האָט ניט געכאַלעמט זיך דעם בויער,
אז דאפקע די בעריאָזע וועט אים ברענגען רום...

* * *

אין שוואַרצע שטיוועלעך מיט ווײַסע זאָקן
עס שפּאַנען צוויי בעריאָזעס אינעם פֿעלד.
עס האָט דער ווינט צעפּאַטלט זיי די לאָקן,
האָבןביידע זיך פֿאַרשעמט, דערשראָקן
באַם שפּיגלדיקן טײַך זיך אָפּגעשטעלט.

די ווײַסע העלדזער צו דעם טײַך פֿאַרבויגן
און מיט די פֿלינקע רירעוודיקע הענט
די קוטשערן אַרומגעצויגן,
פֿאַרפֿלאָכטן שטײַף און שיין פֿאַרקעמט.
צוויי שוועלבעלעך עס זײַנען אָנגעפֿלויגן
און אויף די קעפּ בײַ זיי זיך אָפּגעשטעלט.

פֿאַרליבט זיי שטייען בײַ דעם ברעג דעם שטילן.
אָ, איך געדענק זיי לאַנג, שוין לאַנג.
אין שניי, אין רעגן, אין געפֿלעכט פֿון שטראַלן
זיי ציִען צו דער הייך זיך שלאַנק.

אין שטילע אָוונטן, אין שקיִע בלוילעך־ראָזער,
ווען ס'נאָגט אַ בענקעניש
און ווייסט גאָרניט פֿאַרוואָס,
עס קומען פֿאַר די אויגן די בעריאָזעס,
וואָס שפּאַנען אינעם ראָסעדיקן גראָז
אין שוואַרצע שטיוועלעך מיט ווײַסע זאָקן,
און ס'פּאַטלט זיי דער ווינט די גרינגע לאָקן.

זומער

דער זומער לויפֿט איבער די פֿעלדער
און פֿלעכט די זאַנגען אויס די צעפּ.
די סאָסנעס שטרעקן אויס די העלדזער —
פֿאַרײַסן צו דער זון די קעפּ.

דער הימל באָדט זיך אינעם טײַכל,
און ס'ווערט די וואַסער גרינלעך־בלוי.
און ווי אַ יאָמטעוודיקן מײַכל
עס טרינקט דאָס פֿי דעם מאָרגן־טוי.

פֿון פֿרייד פֿאַרײַסט דעם עק דאָס ביקל
און שפּרינגט און וואַלגערט זיך אין גראָז.
דאָס לאָשעקל האָט זיך צעציקלט —
עס ווייסט אַליין ניט איבער וואָס.

און פּלוצעם טוט אַ בליץ, אַ דונער,
די זאַנגען בייגן זיך פֿון שרעק —
עס קאָן, כאָלילע, נאָך דער זומער
צעפּאַטלען זיי די שטײַפֿע צעפּ.

זום־זום

די שאַדכנטע, די בין, אַ כאַסענע עס פּראַוועט —
פֿאַרמאַטערט פֿליט זי אום פֿון קווייט צו קווייט,
נאָר ווי זי זאָל ניט זײַן פֿאַרהאַוועט,
זי רוימט אַרײַן דער קאַלע שטילערהייט:
— זום־זום!

זום־זום!

כ'וועל אַלץ אײַך באַלד דערקלערן —
איר ווייסט דאָך, וואָס אַ שאַדכנטע עס זאָגט.
פֿאַרויטלט־שעמעוודיק, נאָר ס'וויל די קאַלע הערן
די מײַלעס, וואָס דער כאָסן עס פֿאַרמאָגט.

און זי, די בין, אָ־אָ! איז אַ געניטע,
זי ברענגט אַ שטויבעלע דער קאַלע אינעם שנוק:
— באַקענט זיך, אַדעראַבע, ביטע...
נעקטאַר דער כאָסן האָט גענוג.

ס'וועט מעד און האָניק אויף דער כאַסענע זיך גיסן,
די בינען גרייטן פֿאַר דעם מאָלצײַט דעם געטראַנק,
אין בלומען־בעכערלעך מע וועט צעגיסן
פֿון זון און ערד דעם זאַפֿטיקן געשאַנק.

די בלויערלעך, די שפּרינגערלעך, די גרילן —
די שכײַנעטעס, וואָס וווינען דאָ אַרום,
אויף פֿלייטן און אויף פֿידלען וועלן שפּילן,
און זינגען וועט די בין —
זום־זום,
זום־זום...

• • •

איך בין ניט גרייט נאָך צו דער לעצטער שאָ,
איך דאַרף נאָך אײַנזאַפּן דעם רעגנבויגן,
איך ווייס, ס'איז גאָר קיין מאָס ניטאָ
אַף זעטיקן דעם דורשט פון מײַנע אויגן.

ניין, ניין, ס'איז נאָך ניט צײַט, כ'באַשטיי! —
אַט איצטער וועל איך זײַן אַן אַקשן.
דער אָסיען האָט זײַן רעכט, כ'פאַרשטיי —
ס'איז דאָ א צײַט אַף וויאַנען און אַף וואַקסן.

וואָס האָט איר אָבער צו מײַן גראָוון קאָפּ?!
ער איז דאָך איינער, איינער, איינער.
די קרוין פון בוים אין אָסיען פאַלט אַראָפּ,
נאָר נײַע קרוינען וואַקסן אָן בא ביימער.

און איך האָב נאָך ניט אויסגעזונגען אַלץ,
עס ציטערן אין האַרץ נאָך טויזנט סטרונעס,
די שענסטע ליד עס שטייט מיר נאָך אין האַלדז,
און זינגען ווילט זיך — א סאַקאַנעס.

קיין אפריקע

קיין אַפריקע,
קיין אַפריקע,
קיין אַפריקע איך פאָר!
א פּאַפּוגײַ כ'וועל קויפן, וואָס לעבט דרײַ הונדערט יאָר.

כ'וועל מיט דעם פויגל זיך ערשט דאַן צעשיידן,
ווען כ'וועל אים אויסלערנען אַף יידיש ריידן.

און דעמלט מעג ער פליען זיך וווהין ער וויל —
אין הייסער קאָנגאָ, צו דעם געלן ניל.

און זאָל ער לעבן גאַנצע דרײַ יאָרהונדערט...
וואָס האָסטו זיך, מײַן אייניקל, פאַרוווּנדערט?

איך זע דאָס אין די אויגן דײַנע קלוגע —
דו טראַכסט געוויס: דער זיידע איז מעשוגע...

באַהאַלט אים ניט, דעם בליק, אין ווײַ־שאָטן,
אַף יידיש זאָגט מען איידעלער: „אַן אויווערבאָטל".

נאָר דו, דו ווייסט ניט פון אַזעלכע ווערטער
און כ'האָב קיין טײַנעס ניט, מײַן אייניק מײַן געדעכטער.

ווען ס'וועט דער לעצטער טאָג מײַן ליכטעלע פאַרלעשן,
ווען דײַנע קינדער וועלן אין מײַן נאָמען שוין פאַרגעסן,

וועט ערגעץ אומפליען דער פּאַפּוגײַ, וואָס רעדט אַף יידיש,
און זײַן וועט עס א רעטעניש, א כידעש.

א שפּראַך־פאַרשער אַן אַלטער וועט דעם פויגל פאַנגען.
מײַן לאָשן אויסלערנען לויט אַט די קלאַנגען.

קיין אַפריקע,
קיין אַפריקע,
קיין אַפריקע איך פאָר!
א פּאַפּוגײַ כ'דאַרף קויפן, א פּאַפּוגײַ און גאָר.

די קינדער פֿאָרן קיין סיביר

די ייִדעס בלײַבן אין דער הויפּט־שטאָט,
די קינדער —
פֿאָרן קיין סיביר.
דער ווײַסער צאָפּן
און די טונדרע
צעפּראַלן ברייט פֿאַר זיי די טיר.

און אויב ס׳איז דאָ ניטאָ קיין טירן,
נאָר שניי
און הוליענדיקער ווינט,
וועט ברענגען זיי א שטוב
דער וואָרטאַליאַט צו פֿירן
און אָפּפֿירן קיין מאָסקווע
אן ערשט געבוירן קינד.

און ס׳וועט די באָבע ערגעץ בולבעס שיילן —
אויף דער טאַגאַנקע
צי אַרבאַט —
און וועט דעם אייניקל
דערבײַ דערציילן:
— עס האָט די מאַמע אין דער טונדרע דיך געהאַט.

און ווען דו וועסט, מײַן קינד,
א גרויסער ווערן,
וועסט אויכעט אין א שיינעם טאָג אוועק
אהין, וווּ ס׳וואַקסן
נײַע ווײַסע בערן,
צי עפּשער גאָר אהין,
וווּ ס׳מינען זיך די שטערן,
אויסטרעטן אַן אויסגעטרויטן וועג.

ב ר ו י ט

דאָס ברויט, וואָס געגרייט איז
בא מיר אפֿן טיש,
איז ערשט פֿונעם אויוון,
געשמאַק ס׳איז און פֿריש.
געבראַכט ס׳האָט אהערצו
פֿון סטעפּעס דעם דופֿט,
א שקיִע־געזאַנג,
וועלכער הענגט אין דער לופֿט,
דעם פֿײַף פֿון דעם ווינט
און דעם ציטער פֿון־זאַנג,
וואָס רײַף איז געוואָרן
פֿון רעגן־געטראַנק,
פֿון שוואַלב דעם געפֿלאַטער,
וואָס טוקט זיך אין ווייץ.
דער סקריפּ פֿון דעם מילשטיין
מײַן שטוב האָט פֿאַרפֿלייצט.

דערזען כ׳האָב דעם גלאַנץ
פֿון א שטיפֿעריש אויג,
פֿאַרבראַנזעטע הענט
בא דעם פֿור׳מען א סטויג.
דערהערט כ׳האָב פֿונווײַטן
דעם רויש פֿון קאָמבײַן —
די זון און דער שאָטן
אין שטוב איז אַרײַן.
די שטילקײַט פֿון דאָרפֿישער נאַכט
כ׳האָב דערהערט.
כ׳האָב ווידער און ווידער
און ווידער געקלערט,
אַז ברויט אפֿן טיש —
דאָס איז ניט אזוי פּראָסט,
ס׳האָט בלוט און ס׳האָט פֿײַער —
ס׳האָט ליבע געקאָסט.

די אויגן

גוואַלד, וואָס טוט מען מיט די אויגן?!
זיי זײַנען נײַגעריק און דאָרשטיק,
זיי ווערן קיינמאָל זאַט
און מוטשען מיך מיט ניט־געשטויגן, ניט־געפֿלויגן,
גלײַך איך וואָלט קיין אנדער דײַגע ניט געהאַט,
ווי קוקן אויף דער נארישער לעוואָנע,
וואָס טוקט אין וואָלקנס זיך א גאַנצע נאַכט,
צי נאָכשפּירן, ווי ס׳שפּאַנט זיך די וואָראָנע
אין שוואַרצן סורדוטל — פּאַמעלעכן, באַדאַכט...

גוואַלד, וואָס טוט מען מיט די אויגן?!
זיי ווילן זען, ווי עס וואַקסט דאָס גראָז,
זיי וואָלטן אַלע פאַרבן איינגעזויגן,
און פרעג זיי — צוליב וועמען, צוליב וואָס?

דאָס האַרץ זאָל ווי טאָן, וואָס א צווייַג האָט זיך צעבראָכן,
וואָס רויפּעס פרעסן אויף דעם קליאָן,
וואָס טרויעריק דער בליק איז בא מייַן שאָכן
(ער איז פאַרליבט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן...)

נאָר אַלץ איז ווערט — א דאַנק אייך, מייַנע אויגן,
צו גאָר דער וועלט וואָס איר לייגט מיר דורך א בריק.
אָט הייַנט האָב איך געזען דעם רעגנבויגן
די שייַן פון הימל אין דייַן בליק.

* * *

דער היימישער וואַרעמער אָטעם
באַגלייט אונדז געטריי, ווי דער שאָטן,
אין נאָגנדיק־בלויע פאַרנאַכטן —
מיט דעם, וואָס געוועזן, און געגאַרטן.
אין פלאָנטער־געפלעכט פון כאַלוימעס
גיי טרעף, ווו די וואָר,
ווו דער טרוים איז?!

אוי, מאַמעניו טייַערע, ליבע,
אַריבער איז אַלץ שוין, אַריבער.
אוי, פאָטערל זיסער, געטרייַער,
פאַרבליבן דער אַש פון עם פייַער.

די בענקעניש וועקט דעם זיקאָרן,
וואָס בלאָנקעט דורך שפּורן און יאָרן,
אין דרעמל, אין אָנהייב באַגינען
און פלאָנטערט צונויף די כאַלוימעס,
נעמט ווידער און ווידער זיך שפּינען
און ווייסט ניט,
דער גאָלדענער פאָדעם דער דינער,
וואָס לעבט בלויז אין האַרץ און אין זינען. ווו וואָר און ווו טרוים איז.

יויסעף ראבין

אין יענעם יאָר

(ראָמאַן)

1

— דער ערשטער שניי. ווי שיין ער פאַלט... — זאָגט שטיל און מיט אנציקונג עטעלע גרינבערג.

דער שניי פאַלט לייכט, לאַנגזאַם, רויִק. פאַרבייגייער פרייען זיך, קלייבן נאכעס פון זיין פריש־קייט, פון דער העלקייט, מיט וועלכער ער באַדעקט די ערד, די דעכער, דיביימער.

— ווינטער! — ענטפערט הויך אפן קאָל שאָלעם סעגאַל און נעמט עטעלען אונטער דער האַנט.

דער שניי ווערט פון מינוט צו מינוט געדיכטער, שווערער. אַרום די אָנגעצונדענע עלעקטרישע לאָמפּן אויף די גאַסן ווימלט און שווינדלט מיט פּיצעלעך ווייסקייט, וועלכע נעמען צו אַלץ מער און מער שיין פאַר זיך און לאָזן איבער אַלץ ווינציקער און ווינציקער ליכט פאַר דער גאַס. עטעלע מיט שאָלעמען גייען איבערן שניי, ווי אין א יאַם, וואָס באַפאַלט זיי פון אַלע זייטן. זייערע פיס טאָפּן אין דער ווייסער פינצטערניש די ערד אונטער זיך. די אויגן זעען סיידווי גאָרניט. ביידע, אינגאַנצן פאַר־שנייטע, נעמען לאַכן, אַפילע זינגען. זיי פרייען זיך מיטן ליכטיקן מאַבל, וואָס האָט געבראַכט אַזויפיל שיינקייט. דערצו פילן זיי, אַז אין דער גאַנצער וועלט זיינען זיי איצט אַליין, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. זיי קושן זיך. און דערפאַר, מיסטאָמע, וואָס קיינער שטערט ניט און זעט ניט, קאָנען זיי אינמיטן בולוואַר בלייבן שטיין אונטערן שלאָקס־שניי אַרומגענומען, ווי איין מענטש. כאַפּן זיך בא שאָלעמען אַרויס יענע ווערטער, וואָס האָבן שוין עטלעכע מאָל געוואָלט זיך אַרויסכאַפּן.

— עטעלע, ווען גייען מיר אין זאַגס?

עטעלע, א שעמעוודיקע, וואָס קושט זיך בעכיפּאָזן, ווי זי זאָל באַגיין דעם גרעסטן פאַרברעכן אויף דער וועלט, פאַרלירט איצט איר שעמעוודיקייט און ענטפערט:

— ווען דו ווילסט...

זיי פאַרמאַכן די אויגן, נעמען זיך אַרום, מורמלען אַזוינס, וואָס קיינער וואָלט עס ניט געקאָנט פאַרשטיין. פאַר זיי איז עס גענוג.

זיי שטייען אַזוי גוטע עטלעכע מינוטן. ווען זיי עפענען די אויגן, דערזעען זיי, אַז דער שניי האָט שוין אופגעהערט צו שיטן, און א רויִקע ליכטיקייט איז צעגאָסן איבער דער שטאָט.

זיי טרייסלען אָפּ איינער פונעם אַנדערן דעם שניי. ער, מיט זיין שטאַרקער האַנט, קלאַפּט לייכט און איידל מיט דער וואָלענער הענטשקע, וואָס די מאַמע האָט אים אויסגעשטריקט. און זי, מיט איר איידעלער דינער האַנט, קלאַפּט שטאַרק מיט דער לייכטער הענטשקע פון זאַמש. אין דעם העל־ווייסן

ארום איז איצט נאָך מער קענטיקער עטעלעס לײַכטע און טונקעלע שײַנקײַט. די שוואַרצע האָר ליגן שטײַף צונויפגעלייגט אונטערן גרויען פוטערן היטעלע. די קאַרע אויגן שמייכלען שעמעוודיק, דאָס לענגלעך פּנים, וואָס איז איצט שטאַרק פאַרוויטלט, פאַרלירט אַ ביסל פון דער שטענדיקער גוטסקײַט און מיידלשער ווײַבלעכקײַט. שאָלעם האָט אָפּגעריינעקט פון איר דעם שניי און דעריבער זעט מען, ווי דער בלויער מאַנטל איז ענג אין דער טאַליע און ווי דאָס שמאָלע קעלנערל איז פונעם זעלבן גרויען פוטער, ווי דאָס היטעלע.

שאָלעם אַליין איז דערווײַל אָנגעטאָן ניט ווינטערדיק. אין אַ האַרבסט-מאַנטל, אין אַ זומער-קעפּקע און נאָר אויף די הענט טראָגט ער וואַרעמע הענטשקעס. ער איז אַ בלאָנדער, מיט קלוגע גרויע אויגן, וואָס זעען און באַמערקן אַלץ. זיי קאָנען מיט איין בליק אויסדריקן אַ מיינונג, אָפּשאַצן עמעצנס האַנדלונג. עטעלע ווייסט, אַז שאָלעם רעדט אָפּט ווינציקער וויפל אַ מויל וויל און פאַרלאַנגט. זי כאַפּט אָבער אויף זײַן בליק, זי פאַרשטייט אים. זײַנע גרויע באַוועגלעכע, לעבעדיקע אויגן גיבן פון זיך אַרויס אַ שטראַלונג. אירע שטילע און שעמעוודיקע אויגן נעמען עס אויף. זיי ענטפערן מיט אַ פריידיק שמייכעלע פון אונטער די לאַנגע וויעס, וואָס באַטײַט, אַז זי פאַרשטייט און באַוויליקט. זײַן טראָט איז פון אַ מענטשן, וואָס איז אויף דער האַרטער ערד אויסגעוואַקסן, זײַנע פיס זײַנען געוווינט צום גיין, זיי ווערן ניט מיד. אַזאַ באָכער, אַז ער נעמט אַ מיידל אונטער דער האַנט, פילט דאָס מיידל, אַז זי איז באַשיצט און באַזיכערט. פרויען געפעלט עס. עטעלען געפעלט עס אויך.

— שוין באַלד צוויי יאָר, ווי זיי זײַנען באַקאַנט צווישן זיך.

עטעלעס עלטערן זײַנען קאָמוניסטן. זי איז אַן איינציקע און גינציקע טאָכטער. דעם טאַטן האָט זי שטאַרק ליב. די ערשטע פראַגע, ווען זי קומט אַהיים, איז שטענדיק:

— דער פּאַפּאַ איז פאַראַן?

זי איז דערצויגן צו זײַן אַ גוטע, אַן אָרנטלעכע, אַן אָפנהאַרציקע. דעם טאַטן גלייבט זי און פאָלגט. איינס אָבער פאַרשטייט זי ניט: פאַרוואָס איז ער קעגן שאָלעמען? פאַרוואָס איז ער אומצופרידן, וואָס זיי שפּאַצירן צוזאַמען? אָפּטמאָל דוכט איר, אַז שאָלעם פאַרשטייט, פאַרוואָס דער טאַטע איז אומצופרידן, ער זאָגט אָבער וועגן דעם גאָרניט. איין מאָל איז שאָלעם געווען בא זיי אין שטוב, מער וויל ער אַהין ניט קומען.

עטעלע באַנעמט ניט: צי שאָלעם געפעלט ביכלאַל ניט דעם טאַטן, צי דער טאַטע געטרויט אים דערווײַל ניט אָן. זי קאָן זיך ניט אָנשטויסן, אַז דעם טאַטן אירן איז זיך שווער עפּשער פאָרצושטעלן, אַז זײַן איינציקע טאָכטער זאָל זײַן עמעצנס אַ ווײַב. זי זאָל שוין האָבן אַ מאַן... געהערן צו אַ מאַנצבל? די דאָזיקע געדאַנקען אָדער געפילן זײַנען באַם טאַטן ניט קיין שטענדיקע, זיי שוועבן אַרום און ענדערן זיך. נאָר וואָס מע קאָן אויף געוויס זאָגן וועגן טאַטן און וואָס ער אַליין באַנעמט עס ניט — איז דער פאַרלאַנג אַרײַנצוגיין אין ייִכעס, אין קאָוועד, מיט עפּעס זיך אויסטיילן. ער זעט, אַז אַנדערע טוען אַזוי, — טוט ער אויך. ס'איז איצט אַזאַ מאָדע. באַקאַנטשאַפט אָדער פרײַנטשאַפט מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן טוער, מיט אַ נאַטשאַלניק פון אַ גלאַווק, ווערט רעדט נאָך מיט אַ פאַרטרעטער פון אַ פאָלקס-קאָמיסאַר, אָדער מיט אַ געלערנטן, אַ שרײַבער, אַן אַרטיסט — דאָס גיט קאָוועד אין דער געזעלשאַפט, באַ אַזוינעם פרעגט מען נײַס, ווײַל מע האַלט, אַז דאָס גייט פון די הויכע פענצטער.

עטעלעס טאַטע, איסאַק גרינבערג, איז אַן אָרנטלעכער און אופריכטיקער מענטש. מיט אַ יאָר צען-פופצן צוריק וואָלט ער אָפּגעלאַכט פון זיך אַליין, ווען צו אים קומען אַזוינע געדאַנקען. הײַנט קוקט מען אָבער אַנדערש, קאָן ער דען זײַן אַן אויסנאַם?

באַ זיך אין אַנשטאַלט קען מען אים. נאָר ווײַטער פון זײַן אַנשטאַלט? ער וויל זיך אָנבינדן אין אַ גרויסן נאָמען. מע קאָן זאָגן, אַז דער נאָמען איז שוין קימאַט פאַראַן... האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ באָכער מיטן נאָמען שאָלעם (ניט קיין הײַנטצײַטיקער נאָמען), וואָס זײַן מאַמע איז אַ שנײַדערקע, כאָטש אַ קאָמוניסטקע. קיין טאַטע איז ניטאָ, ער איז אומגעקומען בייסן בירגערקריג אין קאַמף מיט די ווײַסע באַנדעס. איסאַק גרינבערג טײַנעט, אַז פאַר אַן אָנקעטע איז טאַקע גוט צו האָבן אַזאַ טאַטן, אָבער אין לעבן... פאַר זײַן קינד?

דער טאַטע איז זיכער, אַז די טאָכטער וועט אים ניט וועלן אָנטאָן קיין אַגמעסנעפעש, זי פאַרשטייט דאָך, אַז ער מיינט איר טויווע. ווען עטעלע הערט אַזוינע רייד, פאַרדריסט עס איר. ווען אַזוינס זאָל פּאַסירן מיט אַן אַנדער מענטשן, וואָלט זי אים אָנגערופן — קליינבירגער. אָבער וועגן אַן אייגענעם טאַטן קאָן זי דאָך אַזוי ניט טראַכטן.

הײַנט פילט זיך עטעלע, ווי זי וואָלט צוזאַמען מיט שאָלעמען דורכגעגאַנגען אַ געוויסע גרענעץ, זיי האָבן זיך ניט נאָר ליב, זיי האָבן שוין גערעדט וועגן זאַגס. זי איז איצט ניט נאָר שאָלעמס קאַלע, נאָר זײַן קומענדיקע פרוי, מעג זי אים פרעגן:

— מיט וואָס געפעלסטו ניט מײַן טאַטן, שאָלעם?

עטעלע מיט שאָלעמען גייען איבערן בולוואַר־רינג. איצט זײַנען זיי אויף טווערסקאָי בולוואַר, זיי גייען צו אַרבאַט.

— שווײַגסט? — פרעגט זי אים ווידער.

— וועגן דעם איז אַ סאַך צו ריידן, — ענטפערט ער.

— און דו פּוילסט זיך. אָדער ווילסט בכלל ניט ריידן...

— עטעלע, דו ווייסט דאָך אַליין, אַז דו ביסט אַ שיינע. מע זאָגט עס דיר אָפט. אָבער אויסער שיינקייט ביסטו נאָך אויך אַ גוטע, אַן אָפּנהאַרציקע, אַ קלוגע...

— צי איז פאַר דיר, שאָלעם, ניט צופיל אַ מיידל מיט אַזויפיל מײַלעס?

— פאַר מיר ביסטו פּונקט צוגעפּאַסט.

— פאַר דיר בין איך צוגעפּאַסט, פאַר וועמען ניט?

— פאַר דער צײַט.

— איך בין ניט קיין הײַנטצײַטיקע?

— דו ביסט אַ הײַנטצײַטיקע, נאָר די צײַט איז ניט קיין הײַנטיקע. שיינקייט קאָן נאָך הײַנט אויך גילטן. אָבער גוטסקייט, אָפּנהאַרציקייט, קלוגשאַפט...

— ווײַטער? רעד...

— עטעלע, בעסער איז שווײַגן.

— ווילסט מיט מיר שווײַגן און טראַכסט מיך פירן אין זאַגס... געטרויסט מיר ניט?

— איך געטרוי דיר דעם העכסטן געבאָט פון אונדזער צײַט — שווײַגן.

זי האָט זיך געוואָלט באַליידיקן. זײַנע ווערטער האָבן אין דער ערשטער רגע אָפּגעקלונגען, ווי שפּאָט. זי האָט אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן, געוואָלט דערזען, וואָס זאָגן זיי — זיי האָבן אויך געשוויגן. ניין, האָט זי זיך געזאָגט, ער שפּאַסט ניט, ער מיינט עס ערנסט. „דערפאַר טאַקע האָב איך אים ליב... ער איז מיט אַ כאַראַקטער... ער קען שווײַגן!" זי האָט זיך צו אים נעענטער צוגעטוליעט און דערבײַ אַ ציטער געטאָן, ווי אַ קעלט וואָלט איר דורכן לײַב דורך.

— דיר איז קאַלט?

— דו פאַרפרירסט מיך מיט שווײַגן. — זי האָט, עמעס, ניט צוגעגעבן דאָס, וואָס זי האָט נאָך דערבײַ געטראַכט: „פאַר מיר דאַרפסטו גאָרניט אויסבאַהאַלטן. באַליידיקסט מיך". דאָס מאָל האָט זי דערזען, ווי די אויסשטראַלונג פון זײַן אויג זאָגט: „איך פאַרשטיי אַלץ. ביסט גערעכט". זי טוליעט זיך נאָך נעענטער צו אים, און אירע אויגן זײַנען אַזוינע גוטע, האַרציקע, דאַנקבאַרע...

שאָלעם גיט איר נאָך. ער נעמט ריידן:

— די מאַמע מײַנע האָט מיר דערציילט וועגן אירער אַ כאַווערטע. באַנאַכט האָט מען צוגענו־מען איר מאַן.

— אַרעסטירט, הייסט עס?

— עטעלע, צי דען ווייסטו ניט, אַז אַזאַ וואָרט טאָר מען איצט ניט דערמאָנען. דערצו נאָך אויף דער גאַס.

— אַנטשולדיק, שאָלעם, איך האָב פאַרגעסן. דער נאַר שטופּט פון מיר. דערצייל, דערצייל...

— אינדערפרי איז די כאַווערטע אַוועקגעלאָפן אין זאַגס און געגעט דעם מאַן אירן. צו דער אַרבעט איז זי געקומען אַ ריינע, אַ צופרידענע. זי האָט געמאָלדן, אַז אירן אַ געוועזענעם באַקאַנטן האָט מען אַרײַנגעזעצט. געוויס איז ער ווערט דעם שטעקן!

עטעלע איז געבליבן שטיין. זי האָט אַליין, מיסטאָמע, ניט געוווּסט, פאַרוואָס זי נעמט אַראָפּ די הענטשקעס פון די הענט. זי האָט געפילט מיטלײַד צום אַרעסטירטן, זי איז אָפּגעבראַכט אויף זײַן ווײַב. שאָלעם קערט אויס צו איר דעם קאָפּ, דערזעט, ווי זי זוכט איר טיכעלע אין דער אינווייניקסטער מאַנטל־קעשענע. ער זעצט פאָר:

— פופצן יאָר האָבן זיי געלעבט צוזאַמען. צוויי קינדער האָבן זיי. אַזאַ ווײַב וואָלט מען געדאַרפט אַרײַנזעצן. אַזאַ וועט פאַראַטן אַ מאַן, קינדער, פרײַנט, זי וועט דאָס לאַנד פאַראַטן!

עטעלע האָט נאָך אַלץ געווישט דאָס פּאָנעם מיטן טיכעלע. אָבער זי האָט שוין מיט אַנציקונג געקוקט אויף שאָלעמען. אירע אויגן האָבן געמאַכט אַ שפּרונג פון טרערן צו שמייכל, זיי זײַנען גע־וואָרן ליכטיקער, שענער, זיי האָבן אַרויסגעשטראַלט מיט גוטסקייט און ליבע צו שאָלעמען פאַר זײַנע גוטע ווערטער, פאַר זײַן אויפרעגונג, פאַר וועלכן אַרײַנזעצן אַזאַ ווײַב, וואָס איז אַנטלאָפן פונעם מאַנס אומגליק. זי, עטעלע, וואָס קאָן אַ פליג ניט פאַרטשעפּען, וואָלט אויך געטאָן אַזוי ווי שאָלעם. ער איז אַ קלוגער, ער ווייסט אַלץ, ער פאַרשטייט... זי קוקט זיך אַפילו ניט אַרום, מיטן טיכעלע אין איין האַנט און מיט די הענטשקעס אין דער אַנדערער, נעמט זי אַרום שאָלעמען און קושט אים.

דערנאָך שפּאַצירן זיי לאַנג־לאַנג איבער די בולוואַרן פון סרעטענקע ביז אַרבאַט און פון אַרבאַט ביז סרעטענקע. איצט פירט זי אים שוין אונטער דער האַנט. זי איז זיך מודה, אַז זי פאַרשטייט ניט, וואָס אין מאָסקווע קומט פאָר. אַזויפיל באַקאַנטע האָט מען אַרײַנגעזעצט. פאַר וואָס? ער פאַרשטייט

מיסטאָמע מערער, אָבער זאָגן וויל ער ניט, זי זאָל זיך ניט ארויסכאַפּן מיט א וואָרט, ווו מען דאַרף ניט. שוין גאָר שפּעט האָט ער זי באַגלייט אַף גרויס־מאַלטשאַנאָווקע. עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאכט, דעריבער האָט זיך עטעלע פאַרוווּנדערט, ווען זי האָט דערזען, אז בא זיי אין שטוב ברענט פײַער. אַלע פענצטער לויכטן ארויס.

— אוי, שאָלעם, — האָט זי א זאָג געטאָן, צולייגנדיק ביידע הענט אין די זאַמשענע הענטשקעס צו די באַקן, — פון קאָפּ איז מיר ארויס. הײַנט איז מײַן געבורטסטאָג. אין שטוב וואַרט מען אַף מיר.

— און מיר האָסטו גאָרנישט ניט געזאָגט?

— בעקיוון ניט געזאָגט, זאָלסט קיין מאַטאַנעס ניט קויפן.

— צוואַנציק?

— צוואַנציק. אַן אַלטע מויד, עמעס?

— אַן אַלטע איז וויִנציק. א פאַרזעסענע!

עטעלע פאַרשטייט, אַז דער געבורטסטאָג איז א גוטער אויסרייד פאַר שאָלעמען, ער זאָל נאָך וועלן שטיין און שטיין בא איר הויז, זיך געזעגענען און זיך ווידער באַגריסן. אזוי קאָן עס דויערן א שאָ און מערער. זי איז פון דעם צופרידן, אָבער הײַנט מוז זי אײַלן אהיים. עס איז שוין שפּעט, און טאַטע־מאַמע וואַרטן אַף איר. דער טיש איז גרייט. אַפן טיש שטייען מאַטאַנעס. געוויס בייזערט מען זיך, וואָס זי האָט זיך פאַרהאַלטן. זיי זאָלן נאָך וויסן, אַז דאָס איז צוליב שאָלעמען, וועט זי ארײַנכאַפּן יענעם פּסאַק.

— שאָלעם, פאַר דיר איז מײַן געבורטסטאָג מאָרגן. — זי לויפט ארײַן אין פּאַראַד־ארײַנגאַנג און נעמט יאָגן איבער די טרעפּ. זי האָט שוין צוגעגרייט דאָס שליסעלע פון דער טיר, זי זאָל זיך א סעקונדע ניט דאַרפן פאַרהאַלטן. ווי נאָר איר שליסעלע האָט זיך צוגערירט צום שלאָס, האָט זיך טייקעף די טיר געעפנט פון זיך אַליין. די ערשטע רעגע האָט עטעלע געמיינט, אַז זי האָט א טאָעס, ארײַן אין א פרעמדער דירע — בא דער טיר שטייט א מיליטערמאַן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט בא דער שוועל. ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און ארײַנגעשלעפּט אין שטוב. ער האָט באַפוילן די הענט אופהייבן און געזוכט בא איר געווער. זי איז געשטאַנען אַן איבעראַשטע, געפּאַלגט אַלץ, וואָס מע זאָגט איר, און ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיט איר קומט פאָר. באַלד האָט זי דערזען, ווי אַנטקעגן גייט דער טאַטע, צוויי מיליטערישע פירן אים צו דער טיר. אונטער דער האַנט טראָגט ער א קישעלע מיט א קאָלדרע. הינטער אים גייט דער וועכטער — דער איידעס.

— פּאַפּאַ?

דער טאַטע האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן און איר עפּעס זאָגן, נאָר איינער פון די מיליטערישע האָט אים א שטופּ געטאָן פאָרויס צו דער טיר און דער טאַטע איז אוועק.

2

עטלעכע שאָ נאָכאַנאַנד איז עטעלע אין איר מאַנטל און ווינטערדיקן היטעלע ארומגעגאַנגען איבערן גרויסן באַלויכטענעם צימער הין און צוריק. די אויגן אירע זעען גאָרניט און פאַרשטייען גאָרניט. די פיס גייען אַליין פון זיך און עטעלע שלעפּט זיך נאָך זיי נאָך... אָט זעצט זי זיך אַף א שטול, זיצט עטלעכע מינוט און נעמט ווידער אומגיין. אָט בלײַבט זי שטיין באַם פענצטער, קוקט ארויס צו דער שטילער פאַרשלאָפענער ווײַסער גאַס, צו די טונקעלע פענצטער אין די אַנטקעגנדיקע הײַזער, און גייט ווידער צוריק. זי געפינט זיך קיין אָרט ניט. וויפל זי זאָל זיך ניט סטאַרען צונויפנעמען אירע געדאַנקען און עפּעס באַטראַכטן, גיט זיך איר עס ניט אײַן. עס ציט זי צו דער טיר, זי וויל ארויסקוקן צו די טרעפּ. עפּשער שטייט דאָרט דער טאַטע? און דעמלט קומט צו איר דער געדאַנק: צי איז עס בכלל געווען ניט מער ווי א שפּאַס? מע האָט אים ארויסגעפירט אַף די טרעפּ און געהייסן גיין אהיים. אָדער א טאָעס איז דאָ פאָרגעקומען. מע האָט אים ארויסגעפירט אַף דער גאַס און זיך געכאַפּט, אַז דאָ איז א מיספאַרשטייעניש — גייט דער טאַטע צוריק אהיים. זי האָט אָבער מוירע ארויסצוקוקן דורך דער טיר. אַף יענער זײַט שטייט געוויס א „מיטאַרבעטער", וואָס וועט הייסן אופהייבן די הענט און וועט זוכן בא איר געווער.

זי האָט ניט קיין מוט זיך דערנעענטערן צום ארויסגאַנג, ווײַל זי קאָן דאָרט ווידער דערזען, ווי מע שטופּט צו דער טיר דעם טאַטן מיטן קישעלע אונטערן אָרעם. א שרעק באַפאַלט זי. זי ציט זיך אַף צוריק, זי וויל זיך אויסבאַהאַלטן אין א ווינקל.

זי דערהערט אָבער טריט. עמעצער קומט אָן. עטעלע לויפט אַנטקעגן די טריט און דער אויסגעשריי „טאַטעו!" ליגט איר שוין אַפן גומען, זי וואָלט עס אויסגעשריִען, ווען איר פאַרכאַפּט ניט אזוי דער אָטעם. עס לאָזט זיך אויס: די טיר שטייט גאָר אָפן. אַף די טרעפּ איז קיינער ניט פאַראַן. זי פאַרמאַכט אָפּגיך די טיר.

אָפֿן קלאַפּ פֿון דער טיר איז די מאַמע אַרויסגעלאָפֿן פֿון איר צימער.

— ווער איז געקומען? — אירע אויגן זײַנען גרויסע, דערשראָקענע, צעטומלטע... זי האָפֿט צו דערזען דעם מאַן אירן. — ווו איז ער?

עטעלע פֿירט זי אַוועק אין גרויסן צימער, און די מאַמע לאָזט זיך שווער אַראָפּ אויף אַ שטול.

— אויב דײַן טאַטן, עטעלע, האָט מען גענומען — איז די וועלט קיין וועלט ניט. דײַן טאַטע איז אין גאָרניט שולדיק, זאָלסט עס פֿאַרגעדענקען, טאָכטער.

עטעלע נעמט אַרום די מאַמע. זי דערמאָנט זיך, וואָס שאָלעם האָט איר הײַנט דערציילט: אַ ווײַב האָט געגעבט דעם מאַן. דער מאַמעס ווערטער וועגן טאַטן זעען איצט אויס, ווי אַ געוויסע טרייסט אינעם אומגליק. עטעלע טוט אויס דעם מאַנטל און דאָס היטעלע. זי גייט ווידער צו דער מאַמען און זעצט זיך נעבן איר. איצט זיצן צוויי עטעלעך. איינע אַ יונגע און די צווייטע, וואָס איז אַמאָל געווען יונג. ביידע זעען אויס, ווי זיי וואָלטן שוין אַ סך נעכט ניט געשלאָפֿן. עטעלע איז אָבער סײַווי שיין. אירע ליפּן זײַנען, עמעס, פֿאַרטריקנט, ווי זיי וואָלטן זײַן דורשטיק אָדער וואָלטן געברענט פֿון היץ. די מאַמע אירע, מיט די בלאָנדזשענדיקע אויגן, אויך קאַרע, ווי בײַ איר טאָכטער, אַ פֿולע און דערפֿאַר אַ שווערלעכע, איז שטאַרק בלאַס. איר איז קאַלט און זי טוליעט זיך אינעם קורצן וואָלענעם טיכל.

עטעלעס מאַמע, סימע גרינבערג, האָט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק אויסגעזען, ווי איצט איר טאָכטער. עמעס, אין דער מאַמען איז דעמלט געווען מער ערדישקײַט, מער שוואַרצברויט, ווי ווײַסברויט, מער קאַרטאָפֿל, ווי מאַראַנצן. די הענט זײַנען פֿון דער אַרבעט געווען ניט אַזוינע אייד־לע, די אויגן ווינציקער נאַיִוו, כאָטש אויך גוטע און שטילע. מיידלווײַז איז זי שוין געווען אַ קלוגע, זי האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס אַרום טוט זיך. אין איטשען (דעמלט האָט מען איסאַקן גערופֿן — איטשע) האָט זי זיך פֿאַרליבט גלײַך פֿון דער ערשטער באַגעגעניש. און פֿאַר זיך האָט זי באַלד אָפּגעמאַכט: ער וועט זײַן מײַן מאַן. סימע איז איטשען אויך געפֿעלן געווען, נאָר ניט ער האָט וועגן דעם דער ערשטער געזאָגט, זי האָט אים די ערשטע וועגן דעם געפֿרעגט. אַ יאָר פֿאַר דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז איטשע אַוועק אין סאָלדאַטן. צוריק אין שטעטל איז ער געקומען אין זיבעצנטן יאָר. זיי האָבן כאַסענע געהאַט. סימע איז געבליבן מיט אַ קליין קינד, און איטשע איז אַוועק אויף דעם בירגערקריג. ווען ער איז אַהיים געקומען, זײַנען זיי אַריבערגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. סימע איז ניט נאָר אַלע יאָרן געווען אײַנגעליבט אין איר מאַן, נאָר זי האָט אים גוט פֿאַרשטאַנען, זי האָט אים געוווּסט, קאָן מען זאָגן, אויף אויסווייניק. ער איז געזעצט, ברייטפּלייציק, סאָליד און אַלץ איז בײַ אים אין דער מאָס. ער איז שיין. און אַפֿילע די קליינע אונטערגעשוירענע וואָנצעס, וואָס ער האָט זיך פֿאַרלאָזט, זײַנען אַלעמען געפֿעלן געווען. זײַנע ליכטיקע אויגן זײַנען אויסדריקלעכע. סימע האָט האַנאָע געהאַט, ווען אין גאַס וואַרפֿט אַ פֿרוי אויף איסאַקן אַ זײַטיקן קוק און שאַצט אים מיט מעווינעס אָפּ: אַ מאַנצבל! אָבער קליגער, דאָס האָט סימע געוווּסט, איז זי, פּראַקטישער, מיט אַ פֿלינקן קאָפּ אויף באַנעמען. ער איז ניט אַזאַ גיכער, נאָר וואָס ער לערנט אויס — איז פֿון אָרט ניט צו רירן. ווען זיי האָבן ביידע געלערנט אין אַרבפֿאַק, האָט זי אים געהאָלפֿן, דערקלערט, אויסגעפֿרעגט. זי האָט דערנאָך פֿאַרגעסן, וואָס זי האָט געלערנט. ער האָט אַלץ פֿאַרגעדענקט. ער איז געוואָרן אַן אינזשעניר, וואָס ווייסט זײַן פֿאַך, נאָר קיין נײַס וועט ער ניט אַנטדעקן.

די לעצטע צײַט האָט סימע ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס טוט זיך אין לאַנד. פֿאַרוואָס קומען פֿאָר אַזויפֿיל אַרעסטן? אַרנטלעכע און איבערגעגעבענע מענטשן דערקלערט מען פֿאַר סאָנים. אין האַרצן האָט עס בײַ איר אַרויסגערופֿן אומרו און כשאַד. איטשען האָט זי נאָר געזאָגט, אַז זי פֿאַרשטייט גאָרניט. פֿאַר אים איז דאַפֿקע אַלץ געווען פֿאַרשטענדלעך. ניט קיין אומרו און ניט קיין צווייפֿל איז צו אים געקומען. סאָנים דאַרף מען פֿאַרניכטן. ער אַליין איז גרייט זיי צו מישפּעטן. אויב ער האָט אין סימען דערפֿילט אַן אויסדרוק אָדער כאָטש אַ סימען פֿון צווייפֿל — איז ער געווען באַרויגעז.

— פֿאַרוואָס נעמט מען מיך ניט? פֿאַרוואָס נעמט מען דיך ניט? — ער פֿלעגט עס זאָגן מיט אַזאַ איבערצײַגונג, מיט אַזאַ גלויבן, אַז פֿון סימען פֿלעגט דער צווייפֿל אָפּטרעטן. אינדערעמעסן, ווע־מען איז זי כוישעד אין שלעכטס: די פּאַרטיי, די ראַטנמאַכט? אַוואַדע איז איסאַק גערעכט.

איצט זיצט זי מיטן וואַרעמען טיכל אײַנגעדעקט, איר איז קאַלט און פֿון איר טרעט ניט אָפּ דעם מאַנס קאָל: „פֿאַרוואָס נעמט מען מיך ניט?” זי קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן, אַז איסאַק איז ניט צוזאַמען מיט איר. זיי זײַנען דאָך איין מענטש. וויאַזוי איז ער אַוועק, און זי איז געבליבן? איצט מעג זי שוין געוויס זאָגן, אַז זי פֿאַרשטייט גאָרניט, וואָס אויף דער וועלט קומט פֿאָר.

אין אַ פֿענצטער פֿון דעם אַנטקעגנדיקן הויז צינדט זיך אָן פֿײַער. אָן אָנזאָג אויף טאָג. אַלץ, וואָס באַנאַכט האָט אויסגעזען פֿאַרהוילן, נעמט זיך אַנטפּלעקן. שטימונגען נעמען איבערגיין אין געדאַנקען. די מאַמע מיט דער טאָכטער שרעקן זיך פֿאַרן טאָג. מיט דער נאַכט איז די צאָרע נאָר זייער אייגענע, מיטן טאָג וועט עס באַוווּסט ווערן פֿאַר אַלעמען. די מאַמע בעט אויסלעשן דעם לאָמפּ. עס ווערט פֿינצטער אין צימער. די נאַכט קערט זיך אום און באַרויִקט. דער מאַמען מיט דער טאָכטער ווערט אַפֿילע לײַכטער. צו דער צאָרע פֿון דער נאַכט זײַנען זיי שוין אַ ביסל צוגעוווינט, צום אומגליק, וואָס

וועט קומען מיטן טאָג, זײַנען זיי נאָך ניט גרייט. עס צינדט זיך אָן נאָך א פענצטער. מענטשן רופן ארויס דעם טאָג. די עטלעכע ליכטיקע פענצטער אינעם גרויסן מויער נעמען וועקן זייערע שכיינים, מענע, און יעדער נײַער אָנגעצונדענער לאָמפּ אינעם גרויסן אנטקעגנדיקן מויער ציט זיי אלץ מער אַרײַן אינעם טאָג.

— דעם טאטן דארף מען ראטעווען. — זאָגט די מאמע. — וואָס אָבער הייבט מען אָן צו טאָן?

עטעלע ווארט, זי וויל נאָר וויסן, וואָס מע דארף טאָן, — וועט זי אלץ אויספילן.

— מע דארף זיך מיט עמעצן מעיאשעוו זײַן, באראטן זיך מיט אזוינעם, וואָס ווייסט און פארשטייט אין אזוינע זאכן.

עטעלע כאפט אוף איר יעדעס וואָרט.

— טאָכטער, הער מיך אויס. דער טאטע האָט זייער געוואָלט, אז דו זאָלסט פירן פרײַנטשאפט מיט סאשע ראָזענבליום. דער טאטע זײַנער האָט גרויסע באקאנטשאפטן. ער איז באקאנט מיט א פאָלקסקאָמיסאר. סאשעס טאטע קען א סאך העלפן, אז מע זאָל דעם טאטן באפרײַען. קלינג הײַנט אָן סאשען. בעט אים ארײַנקומען.

— גוט, מאמע, איך וועל אים הײַנט אָנקלינגען.

— און רעד מיט אים ניט אזוי שטרענג, ווי שטענדיק. דו ווייסט דאָך, אז אמאָל איז ער גוט און אן אנדערש מאָל — אן אקשן, א בייזער.

— גוט, מאמע.

— דערנאָך וועלן מיר ביידע ארײַנגיין צו זײַן טאטן.

— גוט, מאמע.

אין די צוויי גרויסע פענצטער האָט א שפראָץ געטאָן מיט גרויקײַט, דער שפעטער ווינטער־טאָג האָט גענומען ארײַנקוקן מיט זײַנע פארפאָראָשעטע ברעמען. עס טאָגט.

עטעלע וועט הײַנט אין אינסטיטוט ניט גיין. סימע צו דער ארבעט מוז אָבער.

— ווייסט, טאָכטערקע, איך גיי צו דער ארבעט הײַנט, ווי צו דער טליע. איך דארף דאָך מעלדן, אז דעם טאטן האָט מען ארעסטירט.

ווען די מאמע איז שוין אָנגעטאָן און איז גרייט אוועקצוגיין, דערזעט זי ערשט, ווי אין שטוב איז אָנגעוואָרפן און איבערגעקערט פון דער נעכטיקער אונטערזוכונג. זי בעט עטעלען אופראמען און ברענגען אלץ אין אָרדענונג.

די מאמע גייט אוועק. עטעלע קוקט זיך ארום און דערזעט דעם געגרייטן טיש, וואָס זעט איצט אויס, ווי א רײַכער מיסטקאסטן. דער סערוועט, וואָס הענגט אראָפּ בא די זײַטן, איז בלענדיק־ווײַס, דער טישטעך, וואָס דעקט צו דעם טיש, איז פול מיט פרישע פלעקן. צוזאמען מיטן פאָלומעסעק פיש, מיט די טעלער פעטשא, מיטן געהאַקטן הערינג ליגן אָנגעוואָרפן פארשיידענע פאפירן, ביכער, בריוו. אינעם געהאַקטן לעבער זײַנען פון דער הויכער וואזע אראָפּגעפאלן עטלעכע מאראנצן. א פלאַש ווײַן איז אומגעפאלן און צעבראָכן א גלאָז. דאָס טעפּעלע מיטן רויטן כריין איז אויסגעקערט אָף דער זײַט. אין דער באַוווסטער קאָנדיטערײַ אָף סטאָלעשניקאָוו־געסל, זײַנען פארשאָטן מיט בריוו און מיט די געבעקסן, סײַ די, וואָס די מאמע האָט אליין געבאקט, סײַ די, וואָס דער טאטע האָט געקויפט לײַדיקע קאָנווערטן: אלע בריוו, וואָס סימע האָט באקומען פון איסאקן, ווען ער איז געווען א כאָסן און א מאן און וועלכע זי האָט פארהיט, ווי אן אָנדענק פון די יונגע יאָרן, האָבן די „מיטארבעטער" געלייענט און געזוכט „קאָנטרע", געוואָרפן אפן דיל און אפן טיש אינעם עסנווארג. איסאק האָט גע־שוויגן. פאר אים איז אלץ געווען אזוי אומדערווארט, אז ער האָט קימאט פארלאָרן דאָס לאָשן. סימען האָט פארדראָסן זייער אופירונג, זי האָט זיי געמאכט א באמערקונג און געבעטן ניט ווארפן קיין בריוו און ניט רײַסן קיין ביכער. אָף דעם האָט איר דער עלטערער לייטענאנט געענטפערט:

— אז מירן קומען אײַך ארעסטירן, וועט איר זאָגן דײַעס. דערווײַל זײַנען מיר געקומען נאָך אײַער מאן — מישט זיך ניט.

עטעלע באטראכט דעם טיש פון איר נעכטיקן געבורטסטאָג. זי קלײַבט צונויף די בריוו, בינדט זיי איבער און באהאלט אין א טישקעסטל. דערנאָך קלײַבט זי צונויף די ביכער און שטעלט זיי צוריק אין ביכער־שראנק. זי נעמט צונויף אלע צעבראָכענע טעצעלעך, צעקלאפטע גלעזער און קעלישקעס. זי נעמט אראָפּ די פלעשער, זי זאמלט צונויף די פרוכטן אין די וואזעס, די קאָנפעטן אין די שאָלן, דעם כריין און די מארינירטע שוועמלעך אין די טעפלעך. וואָס מער זי רייניקט אָף דעם טיש, אלץ מער פלעקן באווײַזן זיך. אינעם סאמע אויבנאָן שטייט א קעסטעלע. עטעלען איז דאָס קעסטעלע גוט באקאנט — אהער לייגט מען ארײַן מאטאָנעס צו איר געבורטסטאָג. זי הייבט אוף דאָס דעקל און דערזעט אן אופשריפט: „עטעלען — פון סאשע ראָזענבליום". עטעלע מאכט טייקעף צו דאָס דעקל. זי טרעט אָפּ פון טיש. זי דערמאָנט זיך אין שאָלעמען. אים האָט זי ניט געוואָלט זאָגן וועגן איר געבורטסטאָג, ער זאָל קיין מאטאָנע ניט קויפן, קיין געלט ניט אויסגעבן. און אָט די מאטאָנע פון סאשען

(געוויס א ריַכע מאַמע) פֿאַרשאַפֿט איר קיין פֿאַרגעניגנס ניט, כאָטש דעם טאַטן איז עס געוויס געווען צום האַרצן. זי וויל אַפּילע ניט זען, וואָס האָט איר סאַשע געשענקט, דאָס קאָן באַליידיקן שאַ־לעמען. היינט דאַרף זי סאַשע קלינגען דורכן טעלעפֿאָן, ריידן מיט אים אײדל און בעטן אַריַינקומען אַהיים. צוליבן טאַטן וועט זי עס טאָן. זי וויל עס אָבער וואָס גיכער דערציילן שאַלעמען. און קעדיי וועגן דעם מער ניט טראַכטן און גיכער אויסגיסן, וואָס די מאַמע האָט געבעטן, קלינגט זי אָן צו די ראָזענבליומס.

— ווּעמען? — האָט מען דאָרט סיַי דערשראָקן און סיַי פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט. — ראָזענבליומען?

— סאַשע ראָזענבליום.

— אַך, אַזוי זאָגט... סאַשען... באַלד וועט ער צוגיין.

סאַשע איז צוגעגאַנגען צום טעלעפֿאָן. ער האָט גלייך דערקענט עטעלעס שטים. זיַין אייגן קאָל איז דאַפֿקע געווען, ווי אַפּגעפֿרעמדט, א טרוקענער, אָן דער שטענדיקער וואַרעמקייט, מיט וועל־כער ער רעדט צו איר.

— איך האָב געוווּסט, עטעלע, אַז דו ווּעסט קלינגען. — האָט ער דער ערשטער גענומען ריידן, ווי ער זאָל מוירע האָבן פֿאַר דעם, וואָס עטעלע וועט זאָגן אָדער פֿרעגן.

— געוווּסט?

— נו, ווי דען? איך קען דאָך דיך. עס קאָן דען פּאַסירן, אַז דו זאָלסט באַקומען א מאַטאָנע און ניט אַפּדאַנקען? — האָט שוין סאַשע געזאָגט מער האַפֿערדיק.

— אַך, וועגן דעם...

— וועגן וואָס זשע אַנדערש? — האָט סאַשע געפֿרעגט. און עטעלע האָט אין טריַיבל דערהערט, ווי סאַשע איז געוואָרן אומרויִק. ער האָט א הוסטל געטאָן, ווי אין האַלדז וואָלט אים טרוקן געוואָרן.

— פֿאַרשטייסט, סאַשע... וועגן טאַטן...

— דו ווייסט שוין?— האָט סאַשע מיט פֿאַרוווּנדערונג און מיט אַן אַפּגעשוואַכטער שטים קוים־קוים געָרעדט. — מיר זאָגן וועגן דעם קיינעם ניט. מיר בעטן דיך זייער, אַז אויך דו זאָלסט קיינעם וועגן דעם ניט זאָגן. פֿון ווּעמען האָסטו זיך עס דערוווּסט?

— ווי קען איך ניט וויסן? איך בין דערביַי געווען.

— דו ביסט דערביַי געווען? איך פֿאַרשטיי גאָרניט. ווי קאָן דאָס זיַין?

— איך קום נעכטן אַהיים...

— וואַרט אויס, עטעלע, וועגן ווּעמענס טאַטן רעדסטו?

— וועגן מיַין טאַטן.

— אויב אַזוי, עטעלע, זיַינען מיר ביידע אין דער זעלבער לאַגע. מיט מיַין טאַטן איז געשען, וואָס מיט דיַינעם. און דאַפֿקע נעכטן האָבן מיר זיך געקליבן צו אײַך אין געסט...

עטעלע מיט סאַשען האָלטן די טריַיבלעך בא די אויערן, הערן ווי זיי אָטעמען און שוויַיגן.

— אױף ווידערזען, עטעלע, — זאָגט סאַשע און לייגט אַוועק דאָס טריַיבל.

מיט ניט קיין גרינגע האַרץ איז סימע אַריַין צום סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. זי האָט אַף אים מוירע געהאַט צו קוקן. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט זי געזאָגט:

— איך דאַרף אײַך דערציילן וועגן אַן אומגליק, וואָס מיט מיר איז געשען.

— אַן אומגליק! וואָס איז מיט אײַך געשען, כאַווערטע גרינבערג?

— מיַין מאַן האָט מען באַנאַכט אַרעסטירט.

דער סעקרעטאַר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דערנאָך לאַנגזאַם אופֿגעהויבן און פֿאַרזשמורעט די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט סימען אָנקוקן. ער האָט געטראַכט. סימע האָט זיך דערפֿילט עטוואָס בעסער. דער מענטש, וואָס זיצט אַנטקעגן איר, פֿילט איר מיט, ער וועט באַלד זאָגן א טרייסטוואָרט. ווען דער געשפּרעך זאָל פֿאָרקומען בא סימען אין שטוב, צי באַם סעקרעטאַר אינדערהיים, וואָלט ער, מיסטאָמע, געוויס געפֿונען א טרייסטוואָרט. אָבער דאָ, אינעם קאַבינעט פֿונעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר, דאָ גילט די לעצטע ציַיט נאָר דער מידאַסהאַדין: לעצטנס, ווען מע קומט אים אָנזאָגן וועגן אַרעסטירטע מאַנען און וויַיבער, טאַטעס און מאַמעס, זין און טעכטער, ווילט זיך אים נעמען שריַיען: „וווּהין בעט איר דערציילן, וווּ ציט איר פֿאַר דער צונג?" ער וויל... אָבער ער שריַיט ניט, ער טאָר עס ניט. ער איז אויך ניט מער ווי א מענטש. און דערצו טראָגט ער אַפֿן האַרצן א סאָד, ניט נאָר א סאָד, נאָר אויך א ווונד, אַן אומגליק: זיַין טאַטע איז אַרעסטירט. שוין א כוידעש ציַיט, ווי ער קאָן ניט באַשטי־מען — מעלדן, צי ניט מעלדן? דערוויַיל באַהאַלט ער אויס. ער וואָלט שוין וועגן דעם דערציילט, שריַיט אַף אים אַלע טאָג דאָס וויַיב:

— ווּעסט זיך אומגליקלעך מאַכן און אונדז אַלעמען מאַכן אומגליקלעך. דיך וועט מען אויס־שליסן און אַרעסטירן, איך מיט די קינדער וועלן דאַרפֿן גיין איבער די היַיזער. דיַין טאַטע איז שולדיק, אָבער ניט דו. און דיַין טאַטע איז אויך ניט שולדיק.

ער געפֿינט זיך צווישן צוויי פֿײַערן. אַמאָל פֿאַרגעסט ער וועגן דעם. ווערט אים גרינגער, ווערט ער ווידער אַ גוטער. הײַנט איז ער געקומען צו דער אַרבעט אַן אויסגעשלאָפֿענער (ניט אַלע נאַכט שלאָפֿט זיך), אַ באַרויִקטער (קיינער ווייסט גאָרניט און ער איז ניט מעכוויעוו אַליין זיך שטעלן אונטערן כּאַלעף) — קומט אָן סימע גרינבערג מיט אַזאַ בשׂורה. און דערבײַ רופֿט זי עס אָן „אומגליק", ווי זי זאָל וועלן אַרויסרופֿן מיטגעפֿיל, פּונקט זי זאָל וויסן, אַז דאַפֿקע בײַ אים, בײַ וועמען אַ לײַבלעכער טאַטע זיצט, קאָן מען אַזאַ מיטגעפֿיל אַרויסרופֿן. ער מוז זיך טײַקעף נעמען פֿאַרטיידיקן, אַז אים זאָל קיין שום כּשאַד ניט פֿאַלן. ער הייבט אויף דעם קאָפּ העכער, ער עפֿנט ברייט די אויגן און זאָגט שטיל:

— איר האַלט עס פֿאַר אַן אומגליק? אויפֿגעדעקט אַ סוינע פֿון פֿאָלק — איז עס אַן אומגליק?

— מײַן מאַן איז אַן אָרנטלעכער מענטש, אַן עמעסער קאָמוניסט.

— איר ווילט זאָגן, אַז מע נעמט אָרנטלעכע מענטשן. יאָ? אָרנטלעכע קאָמוניסטן זעצט מען? יאָ?

— איך זאָג עס ניט. איך זאָג, אַז מיט מײַן מאַן איז פֿאָרגעקומען אַ טאָעס, אַ מיספֿאַרשטייעניש...

— האַלט איר, אַז די נ.ק.וו.ד. מאַכט טאָעסן? אַזוי דאַרף מען אײַך פֿאַרשטיין?

— איך זאָג עס ניט. איך זאָג נאָר, אַז מײַן מאַן...

— איר האַלט אים נאָך אַלץ פֿאַר אַ מאַן?

— אַוודאי!

— עפּשער זײַט איר גערעכט... הײַנט וועלן מיר עס באַשליסן אויף דער פֿאַרזאַמלונג.

אין אָוונט, ווען סימע איז געקומען אַהיים, האָט זיך טעלע פֿאַר איר דערשראָקן.

— וואָס איז מיט דיר, מאַמע?

גייענדיק אַהיים, האָט סימע גרינבערג געפֿילט, אַז די גלידער אירע האָבן זיך אָפּגעבונדן, לויז געוואָרן, יעדער גליד איז פֿאַר זיך אַליין. די פֿינגער זײַנען ניט פֿאַרבונדן מיט די הענט, יעדן פֿינגער טוט וויי פֿאַר זיך. די קנעכל זײַנען אָפּגעזונדערט פֿון די פֿיס. די פּיאַטעס זײַנען קאַלטע, דערפֿרוירענע. אויף מאַכן אַ טראָט דאַרף סימע מיט גרויס אָנשטרענגונג צונויפֿנעמען אַלע אירע גלידער, זי דאַרף אײַנריידן די פֿיס, אַז זיי זאָלן פֿאָלגן און זאָלן וועלן גיין. די הענט הענגען, ווי אויסגעהוילטע, אָן קויער, אָן ווילן. דער פֿרעמדער קערפּער אירער איז אינגאַנצן אַ צעבונדענער, אַ צעשרויפֿטער, אַ צענומענער אויף שטיקלעך.

— מאַמע, וואָס איז מיט דיר?

— גאָרניט, טעלע, גאָרניט. איך ווייס ניט, צי לעב איך צי בין איך געשטאָרבן. מאַך די בעט.

סימע האָט זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט, און טעלע האָט איר גוט אײַנגעדעקט. זי איז אײַנגעשלאָפֿן. אין עטלעכע שאָ אַרום האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט.

— ווו בין איך? אינדערהיים?

— אַוודאי אינדערהיים, מאַמע, וואָס איז מיט דיר?

— אוי, טאָכטער, אין מיר איז שוין אַרײַן דער שרעק, אַז מע גייט מיר נאָך, אַז מע קוקט אויף מיר, אַז מע וועט מיך נעמען.

— באַרויִק זיך, מאַמע, באַרויִק זיך.

— גוט צו זאָגן, באַרויִק זיך. מע האָט מיך הײַנט פֿון דער פּאַרטיי אויסגעשלאָסן.

— אויסגעשלאָסן?

— איך האָב עס געוווּסט, זיך פֿאָרגעשטעלט... אָבער אָן קיין שום מיטגעפֿיל. אַרויסגעוואָרפֿן, ווי אַ געפּלאַצטע גלאָז. אַ גלאָז באַדויערט מען כאָטש... יאָ, טאָכטער, איך האָב עס פֿאָרויסגעזען. זע אויך, וואָס ווײַטער וועט זײַן. ס'איז שלעכט צו זײַן אַ נאַר, נאָך ערגער איז — צו זײַן אַ קלוגע.

3

אינדערפֿרי האָט שאָלעם אַ קוק געטאָן דורכן פֿענצטער און דערזען דעם אַראָפּבאַרגיקן שטילן ראָזשדעסטווענסקי בולוואַר אין רויִקן שניי. שאָלעם האָט אַרויסגעקוקט צו די ווײַסע צווײַגן פֿון די לינדנביימער און געזען האָט ער פֿאַר זיך טעלען, ווי זי שטייט מיט איין פֿוס אינעם אַרײַנגאַנג פֿון דער פּאַראַד־טיר און שרײַט צו אים אַזוי היימיש־פֿאַרטרוילעך און האַרציק־צופֿרידן:

— פֿאַר דיר איז מײַן געבורטסטאָג מאָרגן.

„דער מאָרגן — איז הײַנט", — זאָגט ער זיך אַליין. ער טראַכט וועגן אַ מתּנה פֿאַר טעלען. דער מאַמען איז וווּנדערלעך, וואָס שאָלעם וואַשט זיך ניט, עסט ניט, גרייט זיך ניט גיין אין אינסטיטוט. ער שטייט און קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער. די מאַמע אײַלט זיך צו דער אַרבעט און האָט ניט קיין צײַט אויף לאַנגע געשפּרעכן. וועגן טעלען ווייסט זי, זי שטויסט זיך אויך אָן, אַז דער זון רעדט

איצט מיט איר. יונגע פֿאַרליבטע — פֿאַרשטייט זי — קאָנען ניט נאָר ריידן אַליין פֿאַר צוויי, נאָר קאָנען זיך אַפֿילע קושן פֿאַר צוויי. אָבער אינדערפֿרי, ווען מען אײַלט זיך און די צײַט שטייט ניט?

— שאָלעם, קלײַב זיך אין אינסטיטוט אַרײַן. וועסט מיט איר רעדן אין וועג.

— מיט וועמען, מאַמע?

— מיט וועמען? מיט עטעלען.

— און איך רעד גאָר איצט דאָפּקע מיט זיך אַליין.

— דאָס, מײַן זון, איז ערגער. וואָס איז געשען?

— הײַנט, מאַמע, איז בײַ עטעלען דער געבורטסטאָג. וואָס פֿאַר אַ מאַטאַנע קויפֿט מען איר?

— אַ מאַטאַנע? איך וועל קומען פֿון דער אַרבעט, וועלן מיר באַטראַכטן. — ענטפֿערט די מאַמע און לויפֿט אַרויס פֿון שטוב, אַ קוק געבנדיק אין אײַלעניש אויפֿן זייגער.

שאָלעם זאָל האָבן מער געלט, וואָלט ער, פֿאַרשטייט זיך, געוווּסט, וואָס צו קויפֿן. אָבער פֿאַר ווינציק געלט אַ שיינע מאַטאַנע? ער וועט וואַרטן אויף דער מאַמען. זי געפֿינט שטענדיק אַן אייצע.

שאָלעמס מאַמע, שיפֿרע, אַ גרויע, מיט אַ פּאָנעם, כאָטש אין קנייטשן און דאָך ניט קיין אַלטע. איר נאָך געניט פֿעסטער און באַוועגלעכער קערפּער איז ניט אָפּגעשוואַכט, ניט אויסגענוצט זײַנען די פֿיזישע קויכעס און די פּרויִשע וואַרעמקײַט. איר קאָל פֿאַרמאָגט נאָך יונגשאַפֿט. זי איז אַ פּאָשעטע, אַ גוטמוטיקע, וואָס האָט פֿײַנט אָנשטעל, פֿאַרלײַדט ניט קיין קלוגיטשקע ריידעלעך און האָט ניט ליב סײַ קיין זיסינקע און סײַ קיין זויערינקע מענטשן. אין גוטן מוט קאָן זי אַרײַנזאָגן דעם עמעס אין די אויגן. נאָר אַזוי ווי זי טוט עס אַלץ מיט שפּאַס, לאַכנדיק אַליין דערבײַ האַרציק, קאָן מען זיך אויף איר ניט באַליידיקן.

זאַלבעדריט — די מאַמע, שאָלעם און זײַן שוועסטער דינע — וווינען צוזאַמען אין איין צימער. זיי לעבן באַשיידן און שטיל. און אַלע דרײַ זײַנען פֿונעם לעבן צופֿרידן. פֿון דעמלט אָן, זינט שיפֿרע, אַ בלוט־יונגע, איז פֿאַרבליבן מיט צוויי קליינע קינדער אויף די הענט, איז שטענדיק דער מישפּאָכע בײַגעשטאַנען דער מאַמעס לעבנסווילן, וואָס האָט געהאָלפֿן איבערקומען שווערע צײַטן. מיטגעהאָלפֿן האָט אויך דער מאַמעס גלויבן — אין דער רעוואָליוציע, אין מענטשן, אין כאַווערים. אין דער רעוואָליוציע גלייבט זי אָן אַ מאָס, אין מענטשן און כאַווערים — מיט אַ מאָס. דאָס האָט זי אָפּגעהיט פֿון אַ סאַך אַנטוישונגען, וואָס וואָלטן מיט איר געקאָנט געשען. איר האַרץ איז אַ גוטס (און יונגער־הייט אויך אַ פֿרײַלעכס), וואָס קאָן אַמאָל אין איר גוטסקײַט קיין ברעג ניט וויסן. דערפֿאַר איז דער סייכל בײַ איר אַ פּאָרזיכטיקער, אַ ביסל אַ סקעפּטישער. איר סייכל האָט די טעווע צו וועלן אַרײַנקוקן טיפֿער, ווי פֿון אויבן. ער געטרויט, נאָר ער וויל זיך פֿריִער איבערצײַגן, און אַזוי ווי איר געפֿיל און געדאַנק גייען צוזאַמען און האַלטן זיך ווי צוויי געטרײַע שוועסטער פֿאַר די הענט, פֿאַרלויפֿט קיינער ניט פֿאָרויס.

ביידע פֿרויען אין דער מישפּאָכע — די מאַמע מיט דער טאָכטער — האַלטן, אַז די האָפֿענונג פֿון דער מישפּאָכע איז דער זון. ווי ווײַט אַ פֿרוי זאָל ניט אַוועקגיין — טראַכט די מאַמע, — וועלן די קינדער זי אָניאָגן און אָפּהאַלטן. און נאָך: כאָטש די מאַמע זאָגט עס קיינעם ניט, נאָר ערגעץ אין דער אַלט־ווערנדיקער ניט־אויסגעלעבטער יוגנט, אין דער אומזיסט פֿאַרלוירענער פֿרויִש־קײַט, לעבט באַהאַלטן דער געדאַנק אָדער דער פֿאַרלאַנג, אַז אַ פֿרוי דאַרף באַשײַנען די מישפּאָכע, זײַן איר לעבנסלוסט. ביכלאַל דאַרף אַ פֿרוי זײַן אַ שיינע, אַ גוטע, אַ ליבנדע. אין איר אייגענעם לעבן איז עס איר ניט באַשערט געווען. דאָס לעבן האָט איר ניט דערגעבן, וואָס איר קומט. די גאַנצע האָ־פֿענונג איז דער זון.

פֿאַרנאַכט, ווען די עלעקטרישע לאָמפּן אויף דער גאַס האָט מען שוין אָנגעצונדן, כאָטש די פֿינצ־טערניש איז נאָך געניג דורכזיכטיק און מע קאָן נאָך גוט זען, ווי דער הימל איז אָנגעקוואָלן מיט שניי, וואָס וועט באַנאַכט געוויס פֿאַלן, זײַנען אַלע דרײַ — די מאַמע, דינע און שאָלעם — קימאַט אין איין צײַט געקומען אַהיים צוריק. אַלע דרײַ זײַנען הונגעריק און דערפֿאַר ריידן זיי ווינציק. זיי טוען אַלץ שווײַגנדיק. די מאַמע שטעלט אויף דער גאַז־פּליטע וואַרעמען דעם מיטיק. דינע גרייט דעם טיש, שטעלט אויס די טעלער, לייגט לעפֿל און גאָפּל. שאָלעם שנײַדט אָן ברויט. יעדער ווייסט זײַן אָרט בײַם טיש. דאָס געקעכטס עסן אַלע דרײַ, אַרײַנקוקנדיק אין די טעלער. זיי עסן מיט אַפּעטיט. דאָס ברויט אונטער זייערע ציינער קײַט זיך גוט און געשמאַק, דעם לעפֿל געקעכטס נעמט מען אַרײַן אין מויל מיט האַנאָע. אָפּגעגעסן און אַוועקגעלייגט די לעפֿל אין די טעלער, אָטעמט מען אָפּ, און מע קאָן איינער אויפֿן אַנדערן קוקן מיט מער ווייכקײַט, מיט מער שמייכל. איצט קאָן מען שוין קוקן ניט נאָר אויפֿן טיש, נאָר אויך אויפֿן גאַנצן צימער.

דאָס שווערע מעבל אינעם צימער — דער שפּיגל־קאָמאָד פֿון נוסנבוים מיט די אויסגעשניצטע געזימסן אַרום דעם שווערן געשליפֿענעם גלאָז, דער הויכער שאַפֿע־זייגער מיט די גרויסע ווײַזערס און גלאַנציקן מעשענעם קײַלעך אויפֿן פּאָמפּעדיקל, די ברייטע פּאָלירטע הילצערנע בעט — איז דאָ אַן איבערבלײַבעניש פֿון די אַמאָליקע באַלעבאַטים, וואָס זײַנען אָנהייב רעוואָליוציע געלאָפֿן קיין אויסלאַנד.

דאָס זײַנען שווערע, סאָלידע כפּיצים, וואָס פֿאָדערן צו זיך אָפּשײַ. די קינדער זײַנען צו זיי געוווינט, ווי צו אייגנס, מיטן דאָזיקן מעבל זײַנען זיי אויסגעוואַקסן. די מאמע אָבער קוקט אויף זיי, ווי אויף זײַטיקע, פֿרעמדע געסט, וועלכע קיינער האָט ניט גערופֿן, זיי זײַנען אַליין געקומען און ווילן ניט אַוועקגיין. דער מאַמען איז מער צום האַרצן דער פּראָסטער הילצערנער טיש, וועלכן זי האָט געקויפֿט, די פּאָר שטעטע ווינער שטולן, דער קליידער־אַלמער, וואָס איז אָן באַפּוצונגען, נאָר וואָס זי דערקענט אין אים איר מי.

— די ערגסטע זאַך אין אַ שטוב, — זאָגט די מאמע, — איז פֿרעמד מעבל. ניט אַלעמאָל פֿיל איך זיך מיט זיי היימיש, זיי קוקן מיר אין טעלער אַרײַן, איך פֿאַרלײַד עס ניט.

— פֿאַרוואָס קוקט אונדז קיינער אין טעלער ניט אַרײַן? — פֿרעגן די קינדער.

נאָכן קאָטלעט מיט הרעטשענער קאַשע, ווען די זאַטקייט גייט אַרײַן אין די ביינער, די גלידער ווערן שווערלעך און וואַרעם, עס קומט אָן די פֿוילקייט פֿון וועלן דרעמלען, דער מויעך גייט אַרויס פֿון שפּיל און נאָר דער מאָגן באַלעבאַטעוועט, האָט די מאמע געזאָגט:

— אַ וואָרט פֿאַר אַ פֿאָרטראָג באַקומט שאָלעם סעגאַל.

— אַ מאַטאָנע... פֿאַר עטעלען. — ענטפֿערט שאָלעם.

— וויפֿל ווערט איר? — פֿרעגט דינע.

— צוואַנציק.

— אין מײַנע יאָרן. איך בין פֿאַר אַ מאַטאָנע.

— דאָס פֿאַרשטייט מען, דינעלע, באַ דיר וואָלט מען געפּויעלט, אַז דאָס זאָל שוין זײַן אַ באַסענע־מאַטאָנע.

— ריכטיק, מאמע, באַ מיר פּויעלסטו עס שוין לאַנג. ליאָוקע מײַנער האַלט מיר אין איין פֿרעגן: ווען גייען מיר אין זאַגס? און איך לייג אים אַלץ אָפּ: מאָרגן, מאָרגן... אַלע טאָג — מאָרגן. איך קאָן דאָך ניט פֿאַרלויפֿן דעם עלטערן ברודער דעם וועג.

— מע זאָל דיר לאָזן ריידן וועגן דײַן ליאָוועס, וועט דער טאָג ניט קלעקן. — זאָגט די מאַמע. — אויף דער טאָג־אָרדענונג שטייט עטעלע. וואָס קויפֿט מען?

אויף דעם ענטפֿערן די קינדער גאָרניט.

— איר ווייסט דאָך, קינדער, אַז גאָלד און זילבער האָב איך פֿײַנט. אויריננגלעך, בראַסלעטן איז אַן איבערבלײַבעניש פֿון דער נאַרישער פֿאַרגאַנגענהייט. זינט איך האָב געלייענט באַ לענינען, אַז פֿון גאָלד וועט מען, האָט קיין פֿאַריבל ניט, ניט באַם טיש דערמאָנענדיק, מאַכן רונאַלן, לאַך איך אַלעמאָל, ווען איך זע, ווי פֿרויען צירן זיך אין גאָלד. וואָס זשע קויפֿט מען אָבער?

— איך וואַרט אויף דײַן אייצע, מאַמע, — זאָגט שאָלעם.

— איך אַליין וואַרט אויך אויף מײַן אייצע, קינדער. הערט מיך אויס, וואָס איך האָב היינט באַטראַכט. ווען איך בין אַלט געווען 20 יאָר, האָט מיר אײַער טאַטע געשענקט אַ מאַטאָנע. איך בין דעמלט געווען זײַן קאַלע, דאָס איז נאָך געווען פֿאַר דער רעוואָליוציע. אַ מאַטאָנע קויפֿן האָט ער מיר געוואָלט, נאָר קיין געלט האָט ער ניט געהאַט. ער האָט עס שטאַרק איבערגעלעבט. האָב איך אים געזאָגט: שימען, אַ מאַטאָנע פֿון דיר וויל איך, נאָר אויב דאָס וועט זײַן פֿון גאָלד אָדער פֿון זילבער, וועל איך עס אַרויסוואַרפֿן. קויף אַ פּראָסטע זאַך, וואָס זאָל מיר זײַן צום האַרצן. ער האָט מיר געפֿאָלגט. אײַער טאַטע האָט מיר אַלעמאָל געפֿאָלגט. — די מאַמע האָט זיך אויפֿגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צום אַלמער, געעפֿנט דאָס טירל, אויפֿגעהויבן עטלעכע לײַלעכער און אַרויסגענומען פֿון דאָרט אַ שאַכטעלע, באַדעקט פֿון אַלע זײַטן מיט קליינע פֿאַרשיידנפֿאַרביקע מויערקעפּלעך. זי האָט צוגעמאַכט דאָס טירל פֿון אַלמער און זיך אומגעקערט צוריק אויף איר אָרט. דאָס שאַכטעלע האָט זי אוועקגעשטעלט אויפֿן טיש. דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פֿון דאָרט אַ שפּילקע מיט אַ קליינעם און קײַלעכדיק טונקעלן בורשטין, וואָס האָט דעם אויסזען פֿונעם ערדקײַלעך. אויף אים, ווי אַ צווײַגל פֿון אַ בוים, וואַקסט אַרויס אַ העל־געלע בורשטינענע זון. וואָס מער מע קוקט אויף דער זון, אַלץ מער ליכט זי און וואַרעמט, אַלץ פֿריילעכער ווערט. — אײַער טאַטנס מאַמע, אײַער באָבע, האָט דערזען, אַז איר זון האָט קיין געלט ניט אויף אַ שיינער מאַטאָנע, האָט זי מיר אַליין געבראַכט די דאָזיקע מאַטאָנע. זי האָט עס באַקומען אַ געשאַנק פֿון איר שוויגער. ביז דער טאַטע האָט געלעבט האָב איך עס געטראָגן. זאָל עס איצט טראָגן עטעלע. עס בלײַבט אין אונדזער מישפּאָכע.

שאָלעמען האָט שטאַרק פֿאַרוווּנדערט, ווען ער איז געקומען צום טימיריאַזעוו־דענקמאָל באַ די ניקיטסקער טויערן און עטעלען ניט געטראָפֿן. עטעלע קומט שטענדיק מיט אַ מינוט צען־פֿופֿצן פֿריִער, קעדיי אַרויסצוווײַזן געטרײַשאַפֿט. ער גייט הין און צוריק אַרום דענקמאָל און טאַפּט אַלע ווײַלע פֿאַרזיכטיק די בוזעם־קעשענע, וווּ די מאַטאָנע ליגט. פֿאַר איר וועט עס זײַן אומדערוואַרט. „צי וועט עס איר געפֿעלן? און וואָס וועט זי זאָגן, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז זײַן באָבע האָט עס געשענקט זײַן מאַמען, און די מאַמע שענקט עס איר?” עס גייט דורך אַ האַלבע שאָ, אַ שאָ. עטעלע קומט ניט. געוויס

האָט זי נעכטן באַקומען אַ גוטע פּאָרציע פאַרן קומען אַזוי שפּעט. הײַנט לאָזט מען איר אײַנגאַנצן פון שטוב ניט אַרויס. פונדעסטוועגן איז ער זיכער: זי מעג פאַרשפּעטיקן, נאָר קומען וועט זי. „הײַנט איז פאַר מיר איר געבורטסטאָג. ווי קאָן זי ניט קומען?‟ אָבער זי קומט ניט. קעדיי עס זאָל לײַכטער זײַן צו וואַרטן און די צײַט זאָל זיך אַזוי ניט ציִען, פאַרנעמט זיך שאָלעם מיט זײַטיקע זאַכן. אָט קומט אָן אַ גרויסער אויטאָמאָביל מיט אַן אופשריפט פון שיינע אויסיִעס „פרישע פיש‟. ער באַטראַכט אים פון אַלע זײַטן און דערבײַ טראַכט ער: „פאַרוואָס איז עטעלע ניט געקומען?‟

שאָלעם באַשליסט גיין צו גרויס־מאַלטשאַנאָווקע. עפשער וועט ער זי אין וועג באַגעגענען. ער גייט פאַרבײַ איר הויז. נאָר אין איין צימער ברענט שײַן. הײַנט איז בא זיי ניט אַזוי ליכטיק, ווי נעכטן. עטעלע איז, מיסטאָמע, אין שטוב ניטאָ. ער האָט זי אויסגעמיטן. שאָלעם לויפט צוריק צום טימיריאַזעוו־דענקמאָל, ער לויפט אינדערעמעסן. עטעלע איז ווידער ניטאָ. ער גייט נאָכאַמאָל צו גרויס־מאַלטשאַנאָווקע. ניט אַנדערש, אַז מיט איר איז עפּעס געשען, עס קאָן ניט זײַן, אַז דאַפקע הײַנט זאָל זי ניט קומען. ער וויל וויסן, וואָס האָט מיט עטעלען פּאַסירט? איר טאַטע וועט זײַן ניט צופרידן, איר מאַמע וועט קרום אַ קוק טאָן. מיילע... דאָס אַרט אים ניט. ער גייט אַרויף אַף די טרעפּ, קלינגט אָן. עטעלע עפנט די טיר. זי גיט אים אַ כאַפּ פאַר דער האַנט, ווי נעכטן האָט מען זי געכאַפּט, זי ציט אים אַרײַן אין שטוב, פאַלט אַף זײַן האַלדז און וויינט זיך פאַנאַנדער.

די מאַמע דערהערט, אַז אין דער טיר קלינגט מען, אַז עטעלע האָט די טיר געעפנט. און צי דוכט זיך איר עס נאָר... די טאָכטער וויינט... אײַלט זי צום אַרײַנגאַנג.

— איסאַק! — שרײַט די מאַמע אויס, ווען זי דערזעט, אַז דער טאָכטערס קאָפּ ליגט בא אַ מאַנצבל אַפן אַקסל...

— ס׳איז ניט דער טאַטע, מאַמע, ס׳איז שאָלעם.

— וואָס זשע שטייט איר בא דער טיר? קומט אַרײַן, שאָלעם.

עטעלע פירט אַרײַן פאַר דער האַנט שאָלעמען אין צימער.

פאַר דעם ניט־פולן מעסלעס, וואָס ציט זיך זינט מע האָט איסאַק גרינבערגן אַרויסגעפירט פון זײַן שטוב, האָבןביידע — די מאַמע מיט דער טאָכטער — אַ סאַך איבערגעטראַכט. ביידע האָבן אויך געטראַכט וועגן שאָלעמען.

עטעלעס טראַכטן וועגן אים איז געווען אַ קורצער און אַ דירעקטער. איר שטיצע ביז הײַנט — דער טאַטע — איז אַרויסגעריסן פון אירע הענט. איר בלײַבט די צווייטע שטיצע — שאָלעם. ער איז איר שוץ. זי טרויט אים אָן, זי צווייפלט ניט אין אים. נאָך מער: זי האָט געוווּסט, אַז ער וועט קומען, ער וועט פילן איר צושטאַנד. און אָט איז ער טאַקע געקומען, שאָלעם, איר שאָלעם.

דער מאַמעס געדאַנקען זײַנען אַנדערע — געדאַנקען פון אַ מענטשן אַ געפּרוּווטן, אַ ניכטערן, וואָס האָט רעכט סײַ גלייבן און סײַ קווענקלען. פון דער מינוט אָן, ווען מע האָט איסאַקן אַרויסגעפירט פון שטוב, איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז זי גייט אַרויס פונעם לעבן. וואָס וועט זײַן מיט דער טאָכטער? מע האָט געקאָנט האָפן אַף סאַשע ראָזענבליומען, האָט מען זײַן טאַטן אויך גענומען. און פון זיך אַליין האָבן זיך שוין די געדאַנקען געווענדט צו שאָלעמען. אַן אָרנטלעכער באָכער, זיי האָבן זיך ליב. ווייסט אָבער די מאַמע שוין ניט איין מאָל, ווען געליבטע, כאַסאַנים, אַפילע שוין כאַסענע געהאַטע, וואַרפן זייערע קאַלעס, פרויען און אַנטלויפן פון אַזאַ הויז, ווו מע האָט אַרעסטירט אַ טאַטן אָדער אַ מאַמען. וואָס וועט שאָלעם טאָן, ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז עטעלעס טאַטע זיצט? עפשער וועט ער ניט וועלן, ווי מע זאָגט עס, קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט? ער קאָן זיך נאָך דערמאָנען דערבײַ, אַז ניט זי, סימע, און ניט איר מאַן האָבן צו אים קיין סימפּאַטיעס ניט אַרויסגעוויזן, דאָס איינציקע מאָל, ווען ער איז בא זיי אין שטוב געווען, האָבן זיי אַף אים געקוקט קרום און אומצופרידן.

די מאַמע, וואָס האָט פריִער ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס נעמט מען אומזיסט מענטשן, האָט נאָכן אַרעסט פון איר מאַן שוין מער ניט געצווייפלט, אַז מע נעמט אומזיסט. זי קען בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס קומט דאָ פאָר? און אויב פריִער האָט זי געצווייפלט צי עמעצער איז אין דעם שולדיק — צווייפלט זי איצט ניט. אָבער ווער? מיט אַלץ פירט אָן סטאַלין, זאָל ער דערלאָזן אַזוינס? ניין, דאָס איז אויסגעשלאָסן. איז וואָס זשע קומט פאָר? אויב אַף דעם קאָן זי קיין ענטפער ניט געבן, ווייסט זי אָבער איינס גאַנץ גענוי: אַ מענטש, וואָס אין זײַן מישפּאָכע האָט מען עמעצן אַרעסטירט, איז טרייף, ער איז קימאַט ווי אויסערן געזעץ, מע נעמט אים ניט אַף קיין אַרבעט, מע טרויט אים ניט אָן. אַזוינער איז אַליין אַ קאַנדידאַט אַף אַרעסטירט צו ווערן. ווער וויל זיך מיט אַזאַ מענטשן כאַווערן, ציִען אַף זיך כשאַד, אַזוינעם מײַדט מען אויס. און דעריבער האָט זי געמעגט צווייפלען אין שאָלעמען. נאָר איצט, אַז ער איז געקומען, האָבן די מאַמע מיט דער טאָכטער דערפילט, אַז געקומען איז אָן אייגענער, אַ מאַנצבל אין שטוב, וואָס וועט שיצן און פאַרטיידיקן. נאָך אינעם זעלבן אָוונט האָט זיך די מאַמע צו אים געווענדט אַף „דו‟.

4

זינט יענעם אָוונט אַז איז שאָלעם סעגאַל געווען מער בא עטעלען אין שטוב, ווי בא זיך אין־דערהיים. סײַ סימע און סײַ עטעלע טוען גאָרניט אַן זײַן וויסן און אָן זײַן אייצע.

— מע דאַרף פרעגן שאָלעמען.

— וואָס וועט שאָלעם זאָגן?

די מאַמע מיט דער טאָכטער זײַנען געוואָרן אַזוי אומזיכער, פול מיט צווייפלען אין אַלץ, וואָס זיי טוען, אַז זיי האָבן געמוזט שטענדיק הערן פון עמעצן אַ „יאָ" אָדער אַ „ניין". זיי האָבן איסאַק גרינבערגן אַזויפיל ניט געפרעגט און אַזויפיל ניט געפאָלגט.

שאָלעם איז צופרידן, וואָס ער נעמט אָף זיך אַזאַ אָל. עטעלע איז אים געוואָרן נעענטער, זי קוקט אים אַרײַן אין די אויגן, זי נעמט אים אַרום אין דער אָנווערזנהײַט פון דער מאַמען. זי בענקט נאָך אים, זי וויל אים פון שטוב ניט אַרויסלאָזן.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך איסאַקס אַרעסט איז סימע געגאַנגען זיך נאָכפרעגן אָף איר מאַן. דאָס הויז פון דער נ.ק.וו.ד. (אָדער ווי מע פלעגט עס רופן פאַרשטעלט — די פיר אויס׳עס), ווו מע גיט יעדי׳עס וועגן אַרעסטירטע, האָט זיך געפונען אָפן ראָג פון קוזנעצקי מאָסט, לעבן דער לוביאַנקע־גאַס. דעם גאַנצן וועג, אַרויסגייענדיק פון איר שטוב, פילט סימע, ווי אין אירע גלידער גייט אַרום אַ ציטער, כאָטש זי איז אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען מאַנטל און אין וואַרעמע שיך. זי גייט לאַנגזאַם און צופוס, קעדיי וואָס שפּעטער אָנקומען. זי האָט מוירע אַרײַנצוגיין אין דעם דאָזיקן אַנשטאַלט, פון דאָרט קאָן מען צוריק ניט קומען. און פונקט ווי מיט אַ יאָר, מיט צוויי אָדער מיט צען צוריק, האָט זי זיך אַלס קאָמוניסטקע געפילט זיכער — מע טרויט איר אָן, זי אַליין האָט זיך אויך אָנגעטרויט — אַזוי פילט זי איצט דעם אומצוטרוי צו זיך, קיינער קוקט אָף איר ניט און איר דוכט זיך — די גאַנצע גאַס קוקט איר נאָך, קיינער גייט ניט נאָך איר און זי איז קימאַט זיכער, אַז אַלע, וואָס גייען הינטער איר, גייען איר נאָך פוסטריט. אין איר איז אַרײַן דער שרעק, די אומזיכערקייט, דער אומצוטרוי, זיך אַליין טרויט זי שוין ניט. זי קומט אַרײַן אין געל־געפאַרבטן הויז און שטעלט זיך אין דער ריי בא אַ פענצטערל. מיט קיינעם רעדט זי ניט, אָף קיינעם קוקט זי ניט. און ערשט שפּעטער הייבט זי אוף די אויגן און דערזעט מענטשן אַרום זיך. די געזיכטער זײַנען בא זיי בלאַסע, מידע, טרויעריקע. אין דער ריי שטייט מען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. די אויגן דענקען, די אויגן טראַכטן, זיי זײַנען פאַרטאָן אין זיך. סימע דערהערט אַ זיפץ, עמעצער האָט אַ קרעכץ געטאָן... און סימע ווייסט שוין ניט צי זי אַליין האָט געזיפצט, צי אַ שכיינע אין דער ריי. זי געדענקט ניט. אָבער דערשראָקן ווערט זי. זי געפינט זיך, עמעס, ניט מער, ווי אין דער „ספּראַוואָטשנאַיע ביוראָ" פון דער נ.ק.וו.ד., אָבער דאָ טאָר מען אויך ניט קרעכצן, ניט אויקען, דאָ דאַרף אַלעמען זײַן גוט. ווידער קוקט זי שוין אָף קיינעם ניט און איז צופרידן, וואָס מען קוקט אָף איר ניט. אין פענצטערל האָט מען איר געענטפערט, אַז זי זאָל קומען אין אַ וואָך אַרום. אין אַ וואָך אַרום האָט מען איר געזאָגט, אַז זיי ווייסן גאָרניט, זיי האָבן וועגן אים קיין יעדי׳עס ניט.

אַ שכיינע אין דער ריי, וואָס האָט דערזען, ווי סימע איז געבליבן שטיין אָף צום כאַלעשן, האָט איר געזאָגט:

— זוכט אים. איר וועט אים געפינען.

סימע גייט צוריק אַהיים און פאַרשטייט גאָרנישט ניט. אינעם געל־געפאַרבטן הויז האָט מען איר געזאָגט, אַז זיי ווייסן וועגן אים גאָרניט. ווו זשע איז ער? און אַ מענטש אין דער ריי האָט איר געזאָגט: זוכט אים. ווו זוכט מען אים? וויאַזוי געפינט מען אים? אין שטוב איז זי אַרײַן מיט אַ געוויין. עטעלע האָט זי געטרייסט.

— שאָלעם וועט קומען, וועט ער אַלץ זאָגן. שאָלעם ווייסט.

אָף מאָרגן איז שאָלעם אַוועק אָף קוזנעצקי מאָסט. אין דער ריי צום פענצטערל האָט ער זיך ניט געשטעלט. ער האָט נאָר געפרעגט בא אייניקע מענטשן אין דער ריי, צי קענען זיי אים ניט געבן אַן אייצע, ער זוכט אַ מענטשן. אין פענצטערל האָט מען געענטפערט: מע ווייסט ניט. נאָר אַ פרוי אין דער ריי האָט נעכטן געזאָגט: זוכט אים, איר וועט אים געפינען, ווו זוכט מען אים?

עס האָט זיך אויסגעלאָזט גאָר פּאַשעט. מע דאַרף גיין איבער די מאָסקווער טורמעס און זוכן, זיך נאָכפרעגן, ווו עס געפינט זיך דער אַרעסטירטער.

פון יענעם טאָג אָן איז סימע אויסגעווען אין אַלע מאָסקווער טורמעס. ביז אין איינער האָט מען געענטפערט: געווען אַזוינער און עטאַפּירט. ווּהין ווייסן זיי ניט. און ווידער האָט עמעצער פון די ווײַבער, וואָס גייען אַרום איבער די טפיסעס זוכן אַ מאַן אָדער אַ זון, איר געזאָגט: זוכט, איר וועט אים געפינען.

אַף מאָרגן איז שאָלעם געקומען אין דער טורמע זיך דערוויסן בא די פּרויען: וויאַזוי און ווו זוכט מען? און עס האָט זיך ווידער אויסגעלאָזט גאַנץ פּאַשעט. שיקן אין לאַגער איסאַק גרינבערגן קאָן מען נאָך ניט, מע האָט אים ערשט גענומען. הייסט עס, אַז מע האָט אים איבערגעשיקט אין אַן אַנדער טורמע. דאַרף מען אין יעדער גרויסער טורמע אַרײַנשיקן אַף איסאַק גרינבערגס נאָמען דרײַ רובל, פינף רובל. אויב ער איז ניטאָ — וועט מען דאָס געלט שיקן צוריק. אויב איז ער דאָ — וועט מען געבן צו וויסן, אַז דאָס געלט האָט מען אים איבערגעגעבן, אַפילע זײַן אונטערשריפט וועט זײַן.

יענער אָוונט איז אויסגעפאַלן אַ פּראָסטיקער און טרוקענער. אינעם אויסגעשײַערטן גלעזערנעם הימל, באַלויכטן מיט איר אייגענער שײַן, גליטשט זיך אַן אויסגעפּוצטע לעוואָנע. זי שמייכלט און קלײַבט נאַכעס פון דעם, וואָס מענטשן אײַלן אינעם קאַלטן דרויסן, און דער פּראָסט סקריפּעט אונטער זייערע פיס, ווי זי וואָלט געווען די באַלעבאָסטע פונעם ווינטער. שאָלעם גייט אַף איר אַ קוק — זי גייט אים נאָך, זי נעמט פון אים איר אויג ניט אַראָפּ, הערט זיך אײַן צו זײַנע גיכע טריט איבערן פאַרשנייטן בולוואַר. שאָלעם קאָן שטעלן אַ טראָט, ביפּראַט נאָך אינעם האַרבסט־מאַנטל, אין דער לײַכטער קעפּקע. דער מאַמעס געשטריקטע וואָלענע הענטשקעס וואַרעמען נאָר די הענט. אונטער דער שײַן פון דער לעוואָנע, וואָס יאָגט אים נאָך, טראַכט שאָלעם וועגן דעם, אַז אין שטוב איז מען מיט אים אומצופרידן, פאַרוואָס ער ווערט אָפּט פאַרפאַלן, פאַרוואָס ער איז זעלטן אינדערהיים. די מאַמע שווײַגט דערווײַל, די שוועסטער זאָגט עפּעס יאָ, נאָר ניט קלאָר. ער מאַכט זיך ניט־וויסנדיק. זיי שווײַגן — שווײַגט ער אויך. לאַנג וועט זיך עס אַזוי ניט ציִען, עס וועט אַרויספּלאַצן. און יעדעס מאָל, ווען ער גייט אַהיים, וואַרט ער אַף דעם. הײַנט, ווי נאָר ער איז אַרײַן צו זיך אַהיים, האָט ער זיך געזאָגט: עס הייבט זיך אָן. אין איר סאַמעט היטעלע אַף די שיטערע געפאַרבטע האָר, מיטן דינעם ווײַסן שאַרף אַף די אַקסלען איז אַף דער קושעטקע געזעסן דער מאַמעס כאַווערטע, יענע, וואָס האָט זיך געײַלט גלײַך אינדערפרי אָפּצוגעטן דעם מאַן. ווי אַלע מענטשן, האָט זי, פאַרשטייט זיך, אַ נאָמען מיט אַ פאַמיליע, נאָר בא שאָלעמען אין שטוב רופט מען זי פייגעלע פו. שאָלעם איז אָנגעקומען אינמיטן אַ געשפּרעך צווישן זײַן שוועסטער דינע מיט פייגעלען.

— אָט איז ער געקומען! — האָט די שוועסטער געזאָגט. — רעדט מיט אים, אײַך וועט ער עפשער גיכער הערן.

פייגעלע האָט היפשלעך געשוויגן, אירע ביסטרע אויגן אַף איר דאַרן פּאָנעם האָבן געשמייכלט, ווי זי זאָל אַף זיכער וויסן דעם סאָד, ווי צו ראַטעווען אַ גאַנצע וועלט. אירע שמאָלע ליפּן האָט זי נאָך מער צונויפגעפּרעסט. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— צי ווייסטו, שאָלעם, אין וואָס פאַר אַ צײַט מיר לעבן? מיר לעבן אין אַ צײַט, ווען יעדער מענטש דאַרף טראַכטן נאָר וועגן זיך. דאָס ווייסטו? — זי האָט געוואַרט, אַז שאָלעם זאָל ענטפערן, ער האָט אָבער געשוויגן. פייגעלע האָט פאַרגעזעצט: — הײַנט קאָן מען פאַר קיינעם ניט זײַן פאַראַנטוואָרטלעך. מע קאָן ניט וויסן, וועמען צו גלייבן. צי האָסטו וועגן דעם געטראַכט? — ווידער האָט זי געוואַרט אַף שאָלעמס ענטפער. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע קליינע באַוועגלעכע אויגן, געוואָלט אַרויסבאַקומען פון אים אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, וואָס זאָל אונטערזאָגן, ווי ער נעמט אוף אירע רייד. און כאָטש שאָלעם האָט איר געקוקט אין פּאָנעם, האָט זי גאָרניט געקענט אופכאַפּן און באַנעמען, וואָס ער טראַכט וועגן איר. — די מאַמע האָט דיך, אַפּאָנעם, געהאַט אַ שווײַגנדיקן... — האָט מיט פאַרדראָס געזאָגט פייגעלע פו.

— דערפאַר אָבער אַ הערנדיקן, — האָט געענטפערט שאָלעם.

פון זײַן ענטפער איז זי געווען ניט צופרידן. אין זײַנע רייד האָט זי אופגעכאַפּט אַ געוויסע גרינגשעצונג צו איר, און דאָס האָט איר פאַרדראָסן. פייגעלע פו האַלט פון זיך, רעכנט זיך פאַר אַ קלוגע און געניטע. זי לעבט שטאַרק איבער, ווען עמעצער דערשאַצט ניט אירע פעיִקײַטן.

— מעגסט זיך טאַקע צוהערן, וואָס איך רייד. אַ ביסל קליגער פאַר דיר בין איך, פאַרשטיי אַ ביסל מער, ווי דו... דערבײַ מיין איך דאָך דײַן טויווע. גרעסערע מענטשן פון דיר הערן מײַנע אייצעס. ערשט נעכטן בין איך געווען...

פייגעלע פו געהערט צו די מענטשן, וואָס קאָנען זיך ניט פאַרשטעלן, אַז זיי זאָלן זײַן גלײַך מיט אַנדערע און זאָלן זיך מיט גאָרניט אויסטיילן. אַזוינע מענטשן שטראָפט די נאַטור, זי גיט זיי נאָר דעם באַגער צו וועלן זײַן קליגער, שענער, טאַלאַנטפולער פון אַנדערע, נאָר שפּילט אָפּ מיט זיי אַ בייזע שפּיל — גיט זיי ניט קיין שיינקײַט, ניט קיין קלוגשאַפט און ניט קיין טאַלאַנט. דערפאַר אָבער איז גרויס בא זיי דער פאַרלאַנג צו באַרימען זיך, אויב ניט מיט זיך אַליין, איז מיט אַ באַקאַנטן, מיט אַ לאַנדסמאַן, מיט אַ קאָרעוו. אָן ייִכעס קאָן זי אַ טאָג ניט איבערלעבן, האָט זי כאַסענע געהאַט, ווי איר האָט זיך געדוכט, מיט אַ מענטשן, וואָס זײַן נאָמען וועט איר פאַרשאַפן קאָוועד. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז דעם מאַנס ייִכעס איז פאַר איר ווינציק. זי איז נאָך דעמלט געווען גענוג יונג,

נאָר שוין געהאַט סײַכל צו מאַכן דעם אויספּיר, אַז אַ פרעמדע זון, אַפילו פון אַן אייגענעם מאַן, וואַרעמט ניט לאַנג. האָט זי באַשלאָסן אַליין ווערן אַ זון. אויב מיט קיין זון, איז כאָטש אַ לעוואָנע. די לעוואָנע וואַרעמט ניט, אָבער אַלע זעען זי, זי איז שטענדיק פון אויבן. דעמאָלט איז זי אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ רעדאַקציע פון אַ ייִדישער צײַטונג. פייגעלע פּרי איז געוואָרן אַ זשורנאַליסטקע. אין דער רעדאַקציע האָט מען געוווּסט, אַז אַלע אירע אַרטיקלען זײַנען פון איין שניט: וויפל זײַנען אין דער שנײַדער-פאַבריק פאַראַן צעכן, וויפל פרויען און מענער אַרבעטן אין יעדן צעך, וויפל פּראָצענט פונעם פּלאַן האָט מען אויסגעפילט, באַזונדערס — דער מאַנטל-צעך. אין איר אַרבעט איז זי געווען פאַרליבט, דאָס איז געווען איר לעצטע ליבע. פון דער רעדאַקציע איז זי דערנאָך אַוועק, אָבער דעם באַרוף פון אַ זשורנאַליסטקע האָט זי מיטגענומען. פון דעמאָלט אָן האַלט זי, אַז בײַ איר דאַרף מען פרעגן אייצעס, אַז זי דאַרף זיך אומעטום אַרײַנמישן, אַז פאַר איר דאַרף מען האָבן אָפּשײַ. אויף יעדן טריט און שריט האָט זי פאַריבל, ווען מע גיט איר ניט אָפּ געבירנדיקן קאָוועד.

צו די סעגאָלס איז פייגעלע הײַנט געקומען ניט נאָר צוליב שאַלעמען, נאָר דעריקער צוליב זיך אַליין. און כאָטש זי שמייכלט, פּונקט זי זאָל וויסן, ווי די וועלט צו ראַטעווען, כאָטש זי מאַכט זיך האַרץ, ווי מיט איר וואָלט גאָרניט געשען, כאָטש זי מיינט, אַז זי איז קליגער פאַר אַנדערע, ווייסט זי זייער גוט, אַז מענטשן קוקן אויף איר קרום, עמעס, קיינער זאָגט איר גאָרניט. זי אַליין פאַרשטייט דען ניט: וואָס הייסט זיך אַנטזאָגן פון אַ מאַן, מיט וועמען זי האָט פּופצן יאָר אָפּגעלעבט? צוויי קינדער געהאַט. ווער טוט עס אַזוינס? זי מאַכט זיך אַ פריילעך פּנים, אָבער באַנאַכט שלאָפט זי ניט. זי זוכט אַלץ דעם טערעץ אויף זיך קאַשערן: זי האָט געמוזט, געמוזט ראַטעווען די קינדער, קינדער פון אַן אַרעסטירטן טאַטן זײַנען דאָך טרייפע מענטשן, קיינער געטרויט זיי ניט. זי האָט עס געמוזט טאָן צוליב זיך אַליין. אויב מע וועט זי איבערן מאַן אויך אַרעסטירן, בלײַבן די קינדער אויפן וואַסער. קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען, קיין אַנדער ברירע ניט געהאַט. און ניט געקוקט אויף אַלע באַרעכטיקונגען — אַנטלויפט דער שלאָף. קיינער פון אירע באַקאַנטע וואָלט אַזוי ניט געטאָן, קיינער וואָלט זיך אַזוי ניט באַגאַנגען מיט אַ מאַן, ווען מיט אים איז אַן אומגליק געשען. אַליין אין כיידער האָט זי ניט געלערנט, נאָר פון שטוב געדענקט זי דעם אויסדרוק — סדאָם. נאָר אין סדאָם האָט מען אַזוינס געטאָן. איר ליבע צו אויסערלעכקײַט, צו אָנשטעל, צו זײַן שטענדיק די גערעכטע — העלפט איר, אַז פאַר מענטשן זאָל זי גאָרניט אַרויסווײַזן. שאַלעמס באַציִונג צו עטעלען האַלט זי פאַר אַ בײַשפּיל, וואָס רעדט קעגן איר. זי האָט שוין פון עמעצן געהערט, ווי מע ליובעט שאַלעמען. אַז אַ באַקאַנטער דערמאָנט שאַלעמען צום גוטן, נעמט עס פייגעלע פּרי אויף, ווי מע זאָל ריידן וועגן איר צום שלעכטן. מיט שאַלעמס מאַמען, מיט שיפרען, האָט זי הײַנט גערעדט, געוואָלט דערווײַזן, אַז אַ מאַמע טאָר ניט שווײַגן, זי דאַרף זיך אַרײַנמישן, נאָר די מאַמע האָט דאָפקע געשוויגן, געהאַלטן דעם גרויען קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און נאָר פון צײַט צו צײַט האָבן די קנייטשן זיך באַוועגט אויף איר פּנים, מיסטאָמע האָט זי מער גערעדט מיט זיך אַליין, ווי מיט דער כאַווערטע. געטראַכט האָט זי גאָר וועגן דעם, וויאַזוי דער גוירל פון מענטשן איז פאַרשיידן. זי, שיפרע, האָט געהאַט אַ מאַן, זי האָט אים ליב געהאַט, און אַזויפיל יאָרן שוין נאָך זײַן טויט בענקט זי נאָך אים, רעדט מיט אים, וואַרט אויף אים... און אָט האָט אַ מענטש געהאַט אַ מאַן, ניט שלעכט געלעבט... און טרייסלט זיך אָפּ פון אים, ווי פון אַן אַלטן אויסגעריבענעם בעזעם. ווען מיט איר, מיט שיפרען, כאַסוועכאָלילע, טרעפט עס, וואָלט זי זיך געשעמט פאַר לײַטן די אויגן ווײַזן. און אָט די, וואָס בלאָזט פון זיך און האָט ליב צו ריידן וועגן הויכע מאַטעריעס, מאַכט פון גרין — רויט, פון שוואַרץ — ווײַס, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען. פייגעלע קען שיפרען, שווײַגט שיפרע — איז דאָס ריידן איבעריק. נאָר מיט דער טאָכטער, מיט דינען, האָט זיך באַקומען אַנדערש. פייגעלע האָט איר דערקלערט, אַז פאַר איר כאָסן, פאַר ליאָווען, וועלכער אַרבעט אויף אַ מיליטערישן זאַוואָד, איז עס געפערלעך. שאַלעם וועט כאַסענע האָבן, וועט ליאָווע האָבן אַ שלעכטע אַנקעטע... און צי וועט ליאָווע אײַנגיין אויף אַזאַ אַנקעטע? דינע האָט זיך פאַרטראַכט. מיט ליאָווען איז זי זיכער, אָבער פאַרוואָס זאָל זי אים פאַרשאַפן אומאָנגענעמלעכקײַטן.

— רעדט מיט אים, — האָט די שוועסטער געבעטן, — אײַך וועט ער עפּשער גיכער הערן.

נאָר שאַלעם הערט זי ניט. אַפילו זײַנע אויגן לאָזן קיין שטראַלונג ניט אַרויס, זיי שווײַגן אויך. פייגעלע וויל אָבער ניט אָפּטרעטן. זי פאַרטשעפּען טאָר מען ניט, אַרײַנמישן זיך, כאַסוועכאָלילע, אין אירן אַן איניען, וועט זי זיך שטעלן דיבאָם. אָבער אויף אַרײַנקריכן יענעם אין דער לעבער, אויף דעם נעמט זי זיך רעכט. כוץ דעם, וויל זי דאָס הויז ניט פאַרלירן, ס'איז פון די געציילטע, וווהין זי קומט אַרײַן. אירע כאַווערטעס קוקן אויף איר, ווי אַמאָל האָט מען בײַ ייִדן געקוקט אויף אַ מעשומעד.

— ביסט אַן אַקשן, שאַלעם, נאָר דו פירסט דאָך אַרײַן אַן אומגליק צו זיך אין שטוב. סאָפּקאָל-סאָף... פאַראַן גענוג שיינע מיידלעך... איך נעם זיך אונטער דיר באַקאָנען...

מער האָט זי ניט געקענט ריידן. זי האָט דערזען, ווי שאַלעמס אויגן האָבן גענומען אַרויסשטראַלן מיט אַזויפיל האַס, מיט אַזויפיל צאָרן, אַז זי האָט זיך גענומען שטיקן מיט די רייד.

— איר זייַט געוואָרן אַ גאַנצער זאַגס, מומע פֿייגעלע, מיך מאַכט איר כאַסענע, אייַער מאַן האָט איר געגעט... איך וואָלט אייַך אויך געדאַרפֿט ריידן אַ שידעך.

און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט זיך דערפֿילט שלעכט, האָט פֿייגעלע אַזיסערלעך רויִק געפֿרעגט:

— אַשטייגער... מיט וועמען?

— מיטן טייַוול, מומע פֿייגעלע, מיטן טייַוול.

דאָ האָט שוין פֿייגעלע פֿון געהאַט רעכט זיך צו באַליידיקן און אַוועקצוגיין.

5

פֿון די טורמעס איז דאָס געלט אָנגעקומען צוריק מיטן ענטפֿער, אַז אַזאַ מענטש געפֿינט זיך בייַ זיי ניט. דאָס צוריקגעקערטע געלט האָט מען צעשיקט אין טורמעס פֿון אַנדערע שטעט, און מע האָט ווידער געוואַרט אויף אַן ענטפֿער — עפּשער וועט זיך איסאַק גרינבערג ערגעץ אויפֿזוכן. דערווייַל איז געגאַנגען אַ כוידעש נאָך אַ כוידעש. עטעלען, ווי נאָר זי האָט געמאָלדן, אַז איר טאַטע איז אַרעסטירט, האָט מען פֿון אינסטיטוט אויסגעשלאָסן. וועגן אייַנאָרדענען זיך אויף אַרבעט קאָן גאָר קיין רייד ניט זייַן. זיצט זי גאַנצע טעג אין שטוב. אירע כאַווערטעס קומען וואָס ווייַטער, אַלץ זעלטענער צו איר. זי איז איצט די באַלעבאָסטע, ראַמט, וואַשט, קאָכט. אין דער פֿרייַער שאָ ווייסט זי ניט, וואָס צו טאָן מיט זיך. לייענען איז איר שווער. אין די ביכער געפֿינט זי ניט אַזוינס, וואָס זאָל איר איצט זייַן צום האַרצן אָדער אַזוינס, וואָס זאָל זי אַוועקפֿירן ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט, זי זאָל וועגן זיך פֿאַרגעסן. אַמאָל קוקט זי אין פֿענצטער און איז מעקאַנע די מענטשן, וואָס זייַנען פֿאַרנומען. אַמאָל קוקט זי אין שפּיגל. זי געפֿעלט זיך, זי איז נאָך שיין. דאָס פֿרייט זי, אָבער ניט ווי אַמאָל, ווען זי איז געווען זאָרגלאָז, ווען אַלץ איז געווען גוט און פֿאַרשטענדלעך, דעמלט האָט איר די שיינקייַט געפּאַסט. איצט צווייפֿלט זי, צי פּאַסט עס איר, צי וועט זי ניט ווערן מיִעסער. פֿריִער האָט מען זי פֿון אַלע זייַטן געבאַלעוועט מיט קאָמפּלימענטן, איצט זאָגט עס איר נאָר איין שאָלעם, דערפֿאַר איז זי עס גערן פֿון אים צו הערן.

אין אָוונט וואַרט זי אויף דער מאַמען. ווי נאָר די טיר עפֿנט זיך, לויפֿט זי אין האַרצקלאַפּעניש אַנטקעגן מיט איין פֿראַגע:

— נו?

דער „נו?" באַטייַט: וויִאַזוי איז בייַ דער מאַמען דורכגעגאַנגען דער טאָג, צי האָט מען זיך ווידער צו איר ניט געטשעפּעט, אַז זי אַרבעט שלעכט, צי האָט מען נאָכאַמאָל ניט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זי זאָל מיטן אייגענעם ווילן אַוועקגיין פֿון דער אַרבעט?

דערנאָך וואַרט זי אויף שאָלעמען.

אָנהייב פֿעוורואַל איז אויסגעפֿאַלן אַן אָוונט מיט אַ הויכן הימל, וואָס איז געווען גרין בייַ די ראַנדן. דער פֿראָסט איז געווען ניט קיין שטאַרקער, און אין דער לופֿט האָט אַ שמעק געטאָן מיט פֿרי־לינג. דער אָוונט האָט אַרויסגערופֿן אַ לייַכטן, לירישן אומעט, אַ בענקעניש נאָך עפּעס, וואָס איז פֿול מיט האָפֿענונג.

— קינדער, — זאָגט סימע, — גייט אַרויס שפּאַצירן.

שאָלעם מיט עטעלען זייַנען אַרויס אין גאַס. זיי גייען איבער די זעלבע בולוואַרן, וואָס מיט אַ כאַדאָשים דרייַ צוריק, אינעם אָוונט פֿון עטעלעס געבורטסטאָג. עטעלע פֿירט שאָלעמען אונטער דער האַנט און קוקט אויף אים מיט ליבשאַפֿט. זי איז אָנגעטאָן אינעם זעלבן בלויען מאַנטל מיטן גרויען קעל־נערל, אינעם זעלבן גרויען פֿוטער־היטעלע. שאָלעמס אויגן שטראַלן אַרויס מיט יונגקייַט, מיט סייכל, אָן ווערטער ריידן זיי און דערציילן, ווי גוט איז אַזוי שטענדיק גיין צוזאַמען, זי זאָל אים פֿירן אונטער דער האַנט, און ער זאָל פֿילן איר וואַרעמקייַט. אירע קאַרע און שטילע אויגן כאַפּן עס אויף, נעמען עס אַרייַן אין זיך, דערטראָגן עס צו איר האַנט, וואָס איז פֿול מיט טרייַהייַט. ביסלעכווייַז טרעט אויף דער טאַטע, עטעלעס טאַטע, וואָס גייט זיי נאָך מיט זאָרג און פֿאַרדראָס. אינעם ווינטער־אָוונט, ווען דער פֿרילינג שוועבט אַרום, צי איבער פֿאַרשנייטע ביימער אויף דער ערד, צי ערגעץ אונטערן הימל מיט די גרינע ראַנדן, איז אויף דער גאַנצער וועלט גאָרניט פֿאַראַן, אויסער שאָלעמען מיט עטעלען און זייער ליבע־פֿרייַנטשאַפֿט.

— עטעלע... — און דאָס איז גענוג. מערער דאַרף שאָלעם גאָרניט זאָגן, ווייַל די שטים, וואָס זאָגט עס אַרויס, איז אַזאַ ווייכע, אַזוי פֿרילינגדיק־האַרציק, אַזוי זינגעוודיק־ליריש, אַז אַלץ איז פֿאַר עטעלען קלאָר: זי איז אַ שיינע, אַ גוטע, אַן אָפֿנהאַרציקע, אַ קלוגע... עטעלע גלייבט אין דעם, זי גלייבט. און ס'איז איר גוט, גוט...

זיי גייען מיט די בולוואַרן — צווישן סרעטענקע און אַרבאַט. אויף טווערסקאָי בולוואַר, ערגעץ נעבן רוסישן קאַמער־טעאַטער אָדער נעבן דעם הערצען־הויז, דערהערט זיך אַ שטים:

— טעטעלע!

אַנטקעגן קומט אָן סאַשע ראָזענבליום. ער איז אָנגעטאָן אין אַ גוטן ווינטער־מאַנטל, אין אַ קאַ־טיקאָווע יאַלעם, נאָר גייט צעשפּיליעט דעם מאַנטל, און דער שניפּס איז בײַ אים צעבונדן. אים איז הייס. סאַשע איז פֿריילעך, ער האָט אויסגעטרונקען, נאָר ניט אויף אַזויפֿיל, אַז די פֿיס זאָלן ניט גיין, דערפֿאַר איז די צונג לויז געוואָרן. ער נעמט טעטעלען און שאָלעמען אונטער די הענט און פֿירט זיי איבערן בולוואַר. סאַשע איז העכער פֿון זיי. זיי שווײַגן, און ער רעדט.

— פֿרײַנט מײַנע, אַלץ האָב איך אָוועקגעטראָגן אין לאָמבאַרד. איך דאַרף איצט גאָרניט: ניט קיין געווויסן, ניט קיין אָרנטלעכקייט. אַלץ אין לאָמבאַרד! ווײַל אַ מענטש הײַנט לעבן און ניט זיצן אין די טורמעס, דאַרף ער גיין איבער קעפּ. קיינעם ניט שאָנעווען. איך לאַך איצט פֿון אַלץ, ווײַל אַלע לאַכן פֿון מיר. פֿאַרוואָס האָט מען געגומען מײַן טאַטן? פֿאַרוואָס האָט מען די מאַמע אַרויסגעשיקט אין עק וועלט? פֿאַרוואָס האָט מען מיך אויסגעשלאָסן פֿון אינסטיטוט? פֿאַרוואָס איז דער מאַן אַוועק פֿון מײַן שוועסטער און זי געלאָזט מיט אַ קליין קינד? איך וויל ניט זײַן בעסער פֿון אַלעמען. איך וויל זײַן אַזאַ, ווי אַלע. טרינקען, זויפֿן, הוליען. געלט? וועל איך ניט האָבן — וועל איך גאַנווענען. אויב באַקו־מען אַ סראַק — זאָל זײַן פֿאַר עפּעס. איך קען זײַן אַ ליגנער, איך קען אויך זײַן אַ מאָסער. הײַנט באַדאַרף מען אַזוינס. מײַן קאָמסאָמאָלישן בילעט האָב איך פֿאַרקויפֿט. איך גיי מיטן לעבן, וווּהין עס פֿירט — אַהין גיי איך. האָט קיין פֿאַריבל ניט, פֿרײַנט מײַנע, איך אײַל זיך, זײַט געזונט. אויף מיר וואַרטן גוטע־ברידער. פֿאַרגעדענקט: אונדזער לעבן איז געגליכן צו אַ קינדערש העמדל — עס איז קורץ און איז, האָט קיין פֿאַריבל ניט, פֿאַרדאָסט... — סאַשע איז גיך אַוועק פֿאָרזיס.

טעטעלע מיט שאָלעמען גייען לאַנגזאַם נאָך אים, זיי גייען, ווי אַ מאַגנעט וואָלט זיי געצויגן. ביידע זײַנען איבעראַשט. איבעראַשט ניט אַזוי פֿון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, ווי פֿון דעם, וואָס ער זאָגט עס. אַלע ווייסן, אַז מע דאַרף שווײַגן. אַ וואָרט מאַכט אומגליקלעך. אַ ברודער מיט אַ שוועסטער ריידן וועגן דעם ניט. אַ מאַן מיט אַ ווײַב מײַדן עס אויס. וווּנט האָבן אויערן, שטיינער האָבן צינגער. און סאַשע... אויפֿן בולוואַר... רעדט פֿאַר פֿײַער און פֿאַר וואַסער. טעטעלע איז מער איבעראַשט פֿון שאָלעמען, שאָלעם ווייסט אַליין אַ סאַך, נאָר זאָגט עס ניט. ער האַלט שוין ווײַטער: ער וויל וויסן, ווער איז אין אַלץ שולדיק? אַ כשאַד האָט זיך צו אים פֿאַרגאַנוועט...

סאַשע גייט גיך, באַם טימיריאַזעוו־דענקמאָל שפּרינגט ער שנעל אַראָפּ פֿון די טרעפּלעך און ווערט נעלעם. טעטעלע מיט שאָלעמען שטעלן זיך אָפּ. צווישן זיי שטייט שוין דער טאַטע, טעטעלעס טאַטע, וועלכן מע זוכט אין די טורמעס און מע געפֿינט ניט. טעטעלעס אויגן זײַנען שוין ווידער אומעטיקע, איר קאָפּ איז אַראָפּגעלאָזט. שאָלעם פֿירט זי אונטער דער האַנט און ער פֿילט, אַז טעטעלען איז קאַלט, איר שוידערט.

— שרעקלעך! — זאָגט זי. — ער וועט שלעכט ענדיקן. דאָס גוטס איז פֿון אים אַוועק. דאָס שלעכטס איז נאָר פֿאַרבליבן.

— דאָס ערגסטע איז, וואָס ער האָט פֿאַרלאָרן דעם גלויבן, ער גלייבט אין זיך ניט.

— אין וועמען זאָל ער גלייבן, שאָלעם?

דער נאָמען פֿונעם מענטשן, אין וועמען שאָלעם גלייבט און אין וועמען מיליאָנען מענטשן גלייבן, איז בײַ אים אַליין לעצטנס אונטער אַ כשאַד.

— העלפֿן קאָן נאָר איין מענטש, — ענטפֿערט טעטעלע.

שאָלעם שווײַגט. זי קוקט אים אַרײַן אין די אויגן — זיי שווײַגן אויך. טעטעלען וווּנדערט עס.

דער זעלבער כוידעש פֿעוורואַל. אַ פּראָסטיקער טאָג, נאָר אַ זוניקער. די זון שײַנט אַרײַן און וואַ־רעמט די שויבן בײַ טעטעלען אין שטוב. פֿונעם דאַך פֿאַלן און קלאַפּן טראָפּנס אויפֿן בלעך פֿון יענער זײַט פֿענצטער. אינעם אַנטקעגנדיקן הויף אויף אַ יונג ביימל זיצן איינס לעבן צווייטן שפּערלעך, וואָס זעען אויס, ווי פֿייגל־פֿרוכטן אויף די צווײַגן. נאָר... זיי באַוועגן צו אָפֿט מיט די צעוויטע עקעלעך. בײַ טעטעלען איז הײַנט אַ גוטע שטימונג. אַלץ טוט זיך איר גרינג. מיט פֿאַרגעניגן קוקט זי אַרויס דורכן פֿענצטער און ציילט די שפּערלעך אויפֿן ביימל. אַלע ווײַלע האָט זי אַ טאָעס אין כעזשבן. זי האָט אָנגעציילט איין און צוואַנציק, דערנאָך נײַנצן און אַ ביסעלע שפּעטער שוין גאָר אַכצן. פֿון דעם אַליין ווערט איר נאָך פֿריילעכער. זי מוז ווידעראַמאָל ציילן און זיך דערוויסן גענוי וויפֿל פֿייגעלעך זיצן אויפֿן בוים. אומדערוואַרט עפֿנט זיך אינעם הויף אַ סקריפּעדיקע טיר, די שפּערלעך צעלויפֿן זיך, פֿליִען אַריבער אויף אַ דאַך און שטעלן זיך אויס אויפֿן שטיק טרוקענעם בלעך באַם וואַרעמען קוימען, פֿונוואַנען עס גייט אַ רויך.

טעטעלע שליסט אײַן די ראַדיאָ. זי האָט שוין לאַנג ניט געהערט קיין מוזיק. זינט דעם טאַטן האָט מען אַוועקגעפֿירט פֿון שטוב, קאָן זי זיך אַזוינס ניט פֿאַרגינען. עס דערמאָנט איר, ווי צוזאַמען מיטן

טאַטן פֿלעגן זיי אָפֿט גײן אױף קאָנצערטן, ווי זיי פֿלעגן זינגען צוזאַמען. נאָר הײַנט מעג זי, אױפֿן האַרצן איז גוט. דערצו וואַרט זי, אַז הײַנט וועט פֿונעם טאַטן אָנקומען אַ גרוס — דאָס גלעט איז צו אים דערגאַנגען. נאָך הײַנט וועלן זיי וויסן, ווו דער טאַטע געפֿינט זיך. אויב פֿריִער איז דער העכסטער פֿאַרלאַנג און די בעסטע האָפֿענונג געווען, אַז דער טאַטע זאָל זיך אומקערן אַהיים, איז שוין איצט דאָס העכסטע און דאָס בעסטע — אופֿזוכן אים, געפֿינען אים, וויסן, אַז ער לעבט. אין ראַדיאָ האָט זי דערהערט אַ באַקאַנטן מאָטיוו, דאָס האַרץ האָט פֿון פֿרייד געגומען צאַפּלען — טשײַקאָווסקיס טאַנץ פֿון יונגע שוואַנען. אָן עטעלעס ווילן נעמען די פֿיס פֿון זיך אַליין טאַנצן, מאַכן אַלע באַוועגונגען, וועלכע זי האָט ניט איין מאָל געזען אין גרויסן טעאַטער. דעם דאָזיקן טאַנץ האָט זי קינדווײַז געלערנט, זי האָט געכאָלעמט צו ווערן אַ באַלערינע. צו עטעלען קומט אָן יענע קינדער־צײַט, וואָס וועגן איר שיינקײַט און גליקלעכקײַט דערוויסט מען זיך, ווען מע ווערט עלטער. הײַנט דאַרף זײַן אַ גוטער גרוס. אַלץ איז הײַנט לויט איר פֿאַרלאַנג און לויט איר געשמאַק.

— פּאַפּאַ, ווו ביסטו, פּאַפּאַ?

די מוזיק, וואָס דויערט ניט לאַנג, ענדיקט זיך. עטעלע לויפֿט צו דער מאַמעס טואַלעט־טישל און נעמט אַרויס דאָס טעשל קאָרטן, וואָס ליגט אין קליינעם שופֿלאָד.

אַמאָל האָבן סימע מיט איסאַקן אין אַ פֿרײַער שעה געשפּילט אין אַ „זעקס און זעכציק", אַ „טויזנט איינס" אָדער גאָר אין „אַ נאַר". קאָרטן זײַנען אין דער דאָזיקער שטוב געווען ניט מער, ווי אַ שפּיל. איצט האָט מען אין זיי גענומען זוכן אַ גלויבן, אַ באַשייד אין לעבן און אַן ענטפֿער אױף דעם, וואָס מאָרגן קאָן זײַן. די מאַמע האָט גענומען וואַרפֿן אין קאָרטן, די טאָכטער — אויך.

סײַ די אויסגעשלאָסענע קאָמוניסטקע סימע גרינבערג און סײַ איר טאָכטער, די אויסגעשלאָסענע קאָמסאָמאָלקע עטעלע גרינבערג, גלייבן אין טאָך ניט אין דעם קויעך פֿון קאָרטן. און דאָך... וואָס ווײַטער נעמט זיי זיך דוכטן, אַז אין זיי ליגט אַ שטיקל אָנשפּאַר, עפּעס זאָגן זיי, באַזונדערס ליגן זיי אַמאָל אויס צום גוטן, וואָס פֿון באַקאַנטע הערט מען עס איצט זעלטן. שיקט מען געלט אין אַ טורמע אױפֿן טאַטנס נאָמען — וואַרפֿט די מאַמע אויס אין קאָרטן, וואָס וועלן זיי זאָגן? וויל מען וויסן, צי וועט מען אופֿשטעלן עטעלען אין אינסטיטוט, — פֿרעגט מען בײַ די קאָרטן. ווען די מאַמע נעמט דאָס טעשל אין די הענט, שטייט די טאָכטער הינטער איר און קוקט, לעבט איבער. אָט לייגט זיך דאָס צענטל טרעף — דער מאַמעס אינטערעס. גוט. עטעלע איז צופֿרידן. אָט האָט זיך געלייגט דער גוטער מיילעך פּיק. עטעלע שײַנט — אַ מאָזלדיקע קאָרט. און ביידן, דער מאַמען מיט דער טאָכטער, ווערט לײַטער — דאָך אַ טרייסט, אַ שטיקל האָפֿענונג. נאָר, כאָטש וועכאָלילע, פֿאַלן שלעכטע קאָרטן, פֿאַלט בײַ זיי די שטימונג, נעמט מען מוירע האָבן פֿאַר נײַע צאָרעס, ווערן ביידע אומרויִק. און מע לייגט ווידער אויס, איין מאָל, אַ צווייטן מאָל... ביז עס פֿאַלט אויס צום גוטן.

איצט שטייט עטעלע מיטן טעשל אין דער האַנט. זי נעמט אויסלייגן די קאָרטן. און די הענט זײַנען בײַ איר אומרויִק, דאָס בלוט לויפֿט גיך, זי האַלט אין די הענט איר גורל. זי קוקט אַרײַן אין יעדער קאָרט, וואָס לייגט זיך אױפֿן טיש, ווי אין אַ שפּיגל, אין וועלכן זי דאַרף זיך דערזען. זי וואָלט זיך ניט שעמען, וואָלט זי צו די קאָרטן זיך געווענדט מיט אַ געבעט, זיי זאָלן גוט אײדעס זאָגן, זיי זאָלן איר בײַשטיין, זאָלן איר גוטס אָנזאָגן. איר באָבע עטל האָט אַמאָל אַזוי געבעטן בײַ גאָט. עטעלע גרינבערג איז געבוירן אָן אַ גאָט, דערפֿאַר מיט אַ גלויבן, מיט אַ שטאַרקן גלויבן אין דער רעוואָליוציע. איצט האָט זיך אינעם גלויבן אַרײַנגעריסן אַ צווייפֿל און פֿון ערגעץ נעמט גאָר גאָט אַרויסקוקן, אַמאָל גאָט און אַמאָל אַפֿילע ניט מער, ווי אַן אָפּגאָט. איצט האָט דער אָפּגאָט דעם אויסזען פֿון קאָרטן.

הײַנט גייט עס עטעלען צום גוטן. אַנטקעגן איר מאַלקע אייכל האָט זיך געלייגט דער טויז אייכל — נײַס וועט זײַן. און דערנאָך דעקן אױף אירע ציטערדיקע פֿינגער דאָס צענטל פּיק — גוטע נײַס וועט זײַן! און אונטן, בײַ דער שוועל, הייסט עס, לייגט זיך איר אינטערעס — דאָס צענטל אייכל, גלײַך נאָכדעם דער גוטער מיילעך פּיק און דאָס דריטע קאַרטל טויז דייַק. וואָס קען זײַן בעסער? זי וויל שוין וויסן, וואָס איז איר געפֿאַלן אױפֿן האַרצן, דאָס הייסט, די קאָרטן, וואָס ליגן זיך איבער דער מאַלקע אייכל. אױפֿן האַרצן איז געפֿאַלן ניט גוט. דאָס נײַנטל פּיק מיטן טויז פּיק צוזאַמען. שלעכטע יעדיִעס, שווערע איבערלעבונגען. אָבער אַרום און אַרום זײַנען דאָך אַזוינע גוטע קאָרטן, וואָס וועט איבערוועגן?

און דערנאָך לייגט זי ווידער אויס און עס פֿאַלט צום גוטן.

בײַ עטעלען איז דער מיטיק פֿאַרטיק, די שטוב אופֿגעראַמט. אין דער מאַמעס אַ קלייד האָט זי די קנעפּ איבערגעשטעלט, וועש געפּרעסט. דער אָוונט איז אָנגעקומען, באַלד וועט די מאַמע זיך אומקערן אַהיים, און עטעלע וועט איר לויפֿן אַנטקעגן מיטן „נו?". אין דער טיר האָט מען אָנגעקלונגען.

— שאָלעם! — האָט זי אויסגעשריִען און איז געלאָפֿן עפֿענען די טיר. — מאַמע? — בײַ דער טיר איז געשטאַנען די מאַמע מיטן שליסעלע אין דער אָפּגעשוואַכטער האַנט. אירע אויגן זײַנען בײַ איר געווען רויטע און פֿײַכטע. אַרײַנקומענדיק אין שטוב, האָט זי זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט. עטעלעס שטע־

דיקער „נו?" איז אינגאַנצן געווען איבעריק. ניט וויסנדיק נאָך, אין וואָס דער נייער אומגליק באַשטייט, בעט זיך עטעלע בײַ דער מאַמען:

— באַרויִק זיך, באַרויִק זיך... שאָלעם וועט קומען, וועט אַלץ זײַן גוט.

דערבײַ גיט זי אַ טראַכט: „אָט האָסטו דיר דאָס נײַנטל מיטן טויז צוזאַמען!" דערנאָך ווידער אַ טראַכט געטאָן: „ווי איך זע, זאָגן קאָרטן דעם עמעס נאָר אויף אַ העלפֿט. צו שלעכטן — ווערט מעקוייעם. צום גוטן — ניט".

די מאַמע האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און געזאָגט:

— באַפֿרײַט פֿון דער אַרבעט...

אײַנגיכן האָט זי די שטים געהעכערט און ווידער געזאָגט:

— פֿאַר אַרבעט וועל איך זיך שלאָגן! דאָס איז מײַן רעכט!

פֿון דער מינוט אָן האָט זיך די מאַמע גענומען ענדערן. זי האָט אויפֿגעהערט אָכצן און קרעכצן, זי האָט מער ניט אָנגעטאָן דאָס אַלטע קליידל מיט די אויסגעריסענע קנעפּלעך. עטעלע האָט באַמערקט, אַז דער מאַמעס טריט, וואָס האָבן די לעצטע וואָכן גענומען גיין, ווי אָפּגעשוואַכט פֿון עלטער, האָבן הײַנט ווידער באַקומען קראַפֿט און אימפּעט. די מאַמע האָט ווידער גענומען ווערן ענלעך אויף דער פֿריִערדיקער סימע גרינבערג. פֿונעם ערשטן קלאַפּ — אַרעסטירט דעם מאַן — האָט זיך סימע פֿאַרלאָרן. פֿונעם צווייטן — אויסגעשלאָסן פֿון דער פּאַרטיי — האָט זי געמיינט, אַז זי וועט ניט אויסהאַלטן. דער דריטער קלאַפּ — געבליבן אָן אַרבעט — האָט זי אויפֿגעוועקט צום לעבן. איין צאָרע — שלאָגט, אַ סך צאָרעס — האַלטן אונטער.

ווען שאָלעם איז געקומען צו עטעלען אַהיים און ער האָט דערזען סימען, האָט ער טייקעף געפֿרעגט:

— גוטע נײַעס?

כאָטש אַרויסגעזאָגט האָט עס שאָלעם מיט אַ פֿראַגע, איז אין דעם געווען מער באַשטעטיקונג, ווי פֿראַגע — גוטע נײַעס!

אין יענעם אָוונט איז בײַ שאָלעמען געבליבן, אַז ער פֿאַרלאָזט דעם אינסטיטוט און גייט אַרבעטן. סימע מיט עטעלען האָבן אים פֿון דעם אָפּגערעדט, כאָטש אַלע דרײַ האָבן גוט געוווּסט, אַז דאָס איז איצט דער איינציקער אויסוועג.

6

שוין לאַנג האָט אַזוינס ניט געטראָפֿן מיט שיפֿרע סעגאַל. זי האָט פֿאַרלאָרן איר שטילע רויִקייט, איר הומאָר, איר פֿאַרזיכטיקן סייכל. דאָס געפֿיל און דער געדאַנק, וואָס גייען שטענדיק בײַ איר צוזאַמען, האָבן זיך צעבונדן און שיפֿרע סעגאַל איז הײַנט ניט צו דערקענען. זי שרײַט, זי בייזערט זיך, זי זיצט ניט איין אויף איין אָרט. איין טײַנע האָט זי, וואָס קיינער אין דער וועלט וועט עס ניט פֿאַרענטפֿערן...

— פֿאַרוואָס איז שאָלעם אַוועק פֿון אינסטיטוט?

שיפֿרע, וועלכע האָט יונג פֿאַרלאָרן דעם מאַן און איז פֿאַרבליבן מיט צוויי קינדער, האָט געלעבט ניט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר די קינדער — פֿאַר דער טאָכטער און פֿאַרן זון.

אויסגעוואַקסן אין דער געדיכטער יידישער אָרעמקייט, האָט שיפֿרע פֿאַרהיט גרויס אָפּשײַ פֿאַר מענטשן פֿון בילדונג, פֿון וויסן — צו אַ לערער, צו אַ בוכהאַלטער. ווער רעדט נאָך צו אַ דאָקטער אָדער אינזשעניער. דערגיין צו אַ גראַד פֿון הויכער בילדונג איז פֿאַר אַ פּאָשעטן מענטשן געווען אומעגלעך. אַ דאָקטער איז געווען קימאַט אַן איבערמענטש. „פֿריִער גאָט און דערנאָך — איר". אַזוי פֿלעגן שיפֿרעס שכײנעס זאָגן אַמאָל צו אַ דאָקטער.

צווישן אַלע ווונדער פֿון דער רעוואָליוציע איז אויך געווען יענער ווונדער, וואָס אָרעמע קינדער, פֿאַר וועלכע אַמאָל איז געווען אַ קאָוועד אַראָפּצונעמען דאָס היטל פֿאַרן דאָקטער, זאָלן אַליין ווערן דאָקטוירים, אינזשעניערן, לערער. שיפֿרע כאָלעמט שוין לאַנג וועגן דעם. מיט יעדן יאָר האָט זיך איר פֿאַרלאַנג אַלץ מער דערנעענטערט. און פּלוצלינג... אויס! אַוועק פֿון אינסטיטוט, שיפֿרע איז באַליידיקט, זי איז באַליידיקט פֿאַר זיך און פֿאַר איר מאַן, זי איז באַליידיקט פֿאַר דער רעוואָליוציע. זי טײַנעט צום זון:

— האָסט ליב, ווער שטערט דיר? ווילסט אין שטוב אײַנגאַנצן ניט אַרײַנקוקן, קיינער מאָנט בײַ דיר ניט. אָבער וואַרפֿן דאָס לערנען איז אַ פֿאַרברעכן!

די שוועסטער דינע טראַכט, אַז דעם ברודערס פֿעלער באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ער איז זיך מאַקריוו ניט צוליב אייגענע, נאָר צוליב פֿרעמדע. ער וועט מאַכן אומגליקלעך ליאָווען.

די מאַמע טײַנעט:

— איך װאָלט װעלן װיסן, װאָס קאָנסטו מיר ענטפֿערן? װיאַזױ די צונג װעט זיך בא דיר איבער־דרײען? איך װיל עס הערן.

— אַז דו װילסט נאָר הערן, מאַמע, איז שױן שלעכט. אַלעמאָל האָסטו פֿאַרן הערן פֿריִער געפֿילט און פֿאַרשטאַנען.

— הײַנט פֿאַרשטײ איך ניט. א מאַמע זאָל זײַן אױפֿן לעצטן אָרט. א מאַמע איז בא דיר גאָרניט.

— א מאַמע — איז שטענדיק א מאַמע. זאָג מיר אָבער, דו האָסט אַלעמאָל געפֿאָלגט דײַן מאַמען? האָסט אַלײן דערצײלט, אַז װען דו זאָלסט געװען פֿאָלגן דײַן מאַמען, װאָלט דײַן פֿאַמיליע געװען ניט סעגאַל.

— װעמען דו האָסט אױסגעקליבן — מיט יענעם האָב כ'אַסענע. איך שטער דיר ניט. אָבער פֿאַר־װאָס גײסטו אַװעק פֿון לערנען?

— איך גײ ניט אַװעק, איך לײג עס אָפּ אױף שפּעטער.

— אַז מע לײגט אָפּ אױף שפּעטער — ענדערט זיך דער װעטער. עס װעט װערן שפּעט. אַנדערע דײַגעס װעלן קומען.

— מאַמע, די דײַגעס זײַנען שױן דאָ, זײ זײַנען געקומען. איך קען ניט דערלאָזן, אַז מײַן קאַלע מיט איר מאַמען זאָלן בלײַבן אָן ברױט. טעטעס מאַמע איז געבליבן אָן אַרבעט.

— אָן אַרבעט? אױף אַרבעט האָבן בא אונדז אַלע רעכט!

— פֿאַראַן צײַטן, מאַמע, װען מע לײענט ניט אין דער שורע, נאָר אונטער דער שורע. אָבער פּאָר שיפֿרען איז דאָס ניט געװען קײן ענטפֿער. אַלץ יאָ, נאָר ניט אַװעקגײן פֿון אינסטי־טוט. אַלץ קאָן זי פֿאַרשטײן, דאָס קאָן זי ניט באַנעמען. זי קאָן עס ניט מוחל זײַן.

— אױב אַזױ, שאָלעם, איז שױן בעסער, אַז דו װעסט פֿון אונדז אינגאַנצן אַװעקגײן.

שאָלעם איז אַװעק. אָבער ניט אױף לאַנג.

אָנהײב מאַרט, לױטן קאַלענדאַר איז שױן פֿרילינג, עס דאַרף שײַנען די זון און עס דאַרף שױן זײַן װאַרעם. אין מאָסקװע ליגט נאָך דער שנײ, עס פֿאַלט נאָך אַפֿילע א שנײ, עס פֿרעסטלט אָפּט אונ־טער, כאָטש די זון קוקט אַרײַן אין דער שטאָט, און פֿון די דעכער הענגען אַראָפּ טריפֿנדיקע אײַז־ליכטלעך. אָנהײב מאַרט, שאָלעם קערט זיך אום פֿון דער אַרבעט אַהײם, אַהײם — צו טעטלען. און ס'האָט הײַנט געטראָפֿן, װי ניט אײן מאָל — לױט דער געװױנהײַט איז שאָלעם אַװעק צו טרובנע־פּלאַץ. ער האָט זיך אױפֿגעהױבן אױפֿן באַרג און אינמיטן געבליבן שטײן. װוּהין גײט ער? ער קערט זיך אום צוריק, זעצט זיך אַרײַן אין טראַמװײַ «A» (אַנושקע) און פֿאָרט אַראָפּ צו אַרבאַט. שאָלעם װײסט, אַז ניט די געװױנהײַט איז דאָ שולדיק, נאָר זײַן פֿאַרטראַכטקײַט, װאָס צוליב דעם גיט זיך אײַן דער גע־װױנהײַט צו נעמען די איבערהאַנט. איצט אָבער, װען ער פֿאָרט צו אַרבאַט, פֿאַרטרײַבט ער אַלע גע־דאַנקען. ער טראַכט נאָר װעגן דעם, אַז טעטלע, װאָס צײלט יעדע מינוט פֿון זײַן קומען, װעט ניט פֿאַרשטײן, פֿאַרװאָס ער האָט פֿאַרשפּעטיקט. זי קוקט שױן געװיס אַרױס צו דער טיר, זי װאַרט, אַז די טיר זאָל זיך עפֿענען, װעט זי אים לױפֿן אַנטקעגן. זי איז שײן, טעטלע, זי איז גוט, זי איז אַזאַ, װי געװען. נאָר שאָלעם באַמערקט אין איר עפּעס א נײַס. די נײַס באַשטײט ניט נאָר אין דעם, װאָס טעטלע נעמט פֿאַרלירן איר זיכערקײַט, נאָר אױך איר זעלבשטענדיקײַט נעמט װערן געמינערט. אין טעטלעס שײנקײַט און גוטסקײַט איז אױך געװען א שטרענגקײַט — א שטרענגקײַט פֿון זעלבסטװירדע, פֿון װיסן, אַז זי איז שײן, פֿון פֿאַרשטײן, אַז אַלעמען איז אױף איר אָנגענעם צו קוקן, א שטרענגקײַט, װאָס האָט זיך, װי א ליניע, אָנגעהױבן פֿונעם גרױען פֿוטערנעם היטעלע איבער די געדיכטע שװאַרצע האָר און זיך אַראָפּגעלאָזט ביזן שטאָלצן לײַכטן מײדלשן טראָט. עס האָט אַפֿילע געקענט, עמעס, דוכטן, אַז אירע קאַרע גוטע אױגן שמײכלען אַלײן פֿון דער דאָזיקער שטרענגקײַט. איצט זעט שאָלעם, װי די דאָזיקע ליניע װערט אַלץ װינציקער, װי זי נעמט פֿאַרשװינדן. װאָס װײַטער, גײט אַלץ טעטלע מער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, װאָס װײַטער, אַז קײנער זאָל אױף איר ניט קוקן, זי האָט מוירע פֿאַר א פֿרעמדן בליק. און שאָלעמען איז עס א שאָד, ער האָט אַזױ ליב געהאַט טעטלעס שטאָלצקײַט. װעגן דעם טראַכט ער נאָך, װען ער גײט אַרױף אױף גרױס־מאָלטשאַנאָװקע. פֿונװײַטן דער־זעט ער, אַז טעטלע גײט אַרום באַם פֿאַראַד־אַרײַנגאַנג פֿון איר הױז, זי גײט הין און צוריק און קוקט זיך אַלע װײַלע אַרום, װי זי װאַרט אָדער זוכט עמעצן. שאָלעם פֿאַרגיכערט דעם טראָט. טעטלע דער־זעט אים. זי קוקט אױף אים מיט אַן אומעטיקן שמײכל, מיט א טרױער־שמײכל, װאָס איז נאָענט צו פֿאַרצװײפֿלונג. שאָלעם האָט זיך דערשראָקן.

— װאָס איז געשען, טעטלע?

— פֿון דער דירע אַרױסגעװאָרפֿן...

די זאַכן זײַנען געלעגן און געשטאַנען אױף די טרעפּ. נעבן די זאַכן איז געזעסן די מאַמע. סימע איז שױן נאָכאַמאָל אַלט און גרױ געװאָרן. זי באַמערקט ניט שאָלעמען. דער קאָפּ איז בא איר אַראָפּ־

געלאַזט, ריכטיקער — אראָפּגעפאלן. ער ליגט ניט אפן דיל, ווײַל מע האָט אים שלעכט אָפּגעהאקט. אין סימען איז איצט ניט צו באמערקן אזא קויעך, וואָס זאָל קענען אײַנהאלטן א קאָפּ אף די פּלייצעס.

— סימע באַריסאָוונע... — זאָגט שאָלעם. סימע קוקט אף אים מיט אויסגעלאָשענע אויגן. שאָלע־מען כאַפּט עס אָן באַם הארצן און ער זאָגט צו איר: — מאמע...

דאָס וואָרט „מאמע" ווײַזט וווּנדער. סימע הייבט זיך אוף און נעמט ארום שאָלעמען. אין איר וואקסן אָן קויכעס.

— איך טאָר זיך, שאָלעם, ניט אונטערגעבן. ערגער קאָן שוין ניט זײַן. דער עמעס וועט קומען.

דאָס הויז, ווו סימע וווינט, געהערט צום אנשטאלט, ווו סימע האָט געארבעט. וויבאלד זי ארבעט מער ניט, האָט זי דאָרט קיין רעכט ניט צו וווינען. און ווער קוקט הײַנט אף רעכט?

דאָס מעבל האָט מען דערווײַל געלאָזט שטיין אף די טרעפּ. טשעמאָדאנעס און פּעקלעך מיט זאכן, געשיר, וועש, היימישע כפייצים האָט שאָלעם געשטעלט באַזונדער. אַלע דרײַ האָבן זיך מיט די טשע־מאָדאנעס און פּעקלעך ארײַנגעזעצט אין טראַמווײַ, וואָס פירט צו ראָזשדעסטווענסקי בולוואר. דעם גאנצן וועג זײַנען סימע מיט דער טאָכטער געווען צופרידן, וואָס זיי פאָרן אוועק פון דער אלטער דירע, זיי לויפן פון דאָרט, ווי פון א פּעסט. זיי זײַנען גרייט איבערלאָזן דאָס מעבל, אבי זיך מער ניט אומקערן צוריק, ניט זען מער די שכיינים, וואָס קוקן אף זיי קרום, ווי אף פארברעכער. אָבער אז דער טראַמווײַ האָט זיך אָפּגעשטעלט אפן בארג און אַלע דרײַ זײַנען ארײַן אין בולוואר און זיך צוגעזעצט אף א באנק, האָט זיך פאר סימען מיט דער טאָכטער געשטעלט די פראגע: וווּהין? וווּהין פירט זיי שאָלעם? עטעלע האָט זיך אָנגעשטויסן, אז שאָלעם פירט זיי צו זיך אהיים. זי האָט עס דער מאמען געזאָגט. אָבער וויאַזוי וועט מען זיי באַגעגענען, ווי וועט מען זיי אופנעמען? ניט שאָלעם איז דער באַלעבאָס, זײַן מאמע און די שוועסטער. ווי קריכט מען צו פרעמדע מענטשן ארײַן אין שטוב, מע פאר־נעמט זייער בעט און זייער טיש? דערבײַ ווייסן סימע און עטעלע, אז זיי זײַנען געשטראָפטע, אז מיט אַזוינע, ווי זיי, וויל זיך קיינער ניט קענען...

אף דער גרינער באנק, וואָס שטייט מיט די אײַזערנע פיסלעך ביז א העלפט אין שניי, זיצן זיי נאָענט איינער לעבן אנדערן. בא די פיס שטייען די טשעמאָדאנעס, אף זיי ליגן די פּעק. שאָלעם האלט אין דער האנט עטעלעס ליזשעס. בא דער מאמען מיט דער טאָכטער זײַנען די קעפּ פארוויקלט אין פּראָסטע פאטשיילעס. ווער עס גייט פארבײַ, איז זיכער, אז א יונג פּאָרפאָלק מיט א מאמען (איר מאמע אָדער זײַן מאמע) קלײַבן זיך ערגעץ אין א ווײַטן וועג. שאָלעם נעמט אריבערטראָגן די זאכן צו זיך אהיים. די טשעמאָדאנעס, די פּעקלעך, די ליזשעס. עטעלע מיט דער מאמען זיצן אפן בולוואר און וואַרטן אף אים. עטעלע דערמאָנט זיך, אז בא איר אין קעשענע ליגן די שליסלען פון דער אלטער דירע.

— וואָס טוט מען מיט זיי? — פרעגט זי. — אוועקוואַרפן?

— גיב אָפּ שאָלעמען, — ענטפערט די מאמע.

שאָלעם קומט אָן. עטעלע גיט אים די שליסלען. ער לייגט זיי ארײַן אין דער קעשענע. דערנאָך נעמט ער ביידע פרויען אונטער דער האנט און פירט זיי אין דער נײַער דירע, כאָטש די שליסלען, וואָס זיי האָבן אהער געבראכט, וועלן ניט צוגיין. סימע גייט לאנגזאם, קוים זי שטעלט א טראָט. זי וויל כאָטש מיט עטלעכע מינוטן שפּעטער אָנקומען אין דער פרעמדער שטוב. אָבער די מינוט קומט אָן. פריער עפנט שאָלעם פאר איר די טיר פון דער דירע, דערנאָך די טיר פון דעם צימער. ביידע פרויען קומען ארײַן און בלײַבן שטיין בא דער שוועל. שאָלעמס מאמע שטעלט זיך אוף און גייט זיי אנטקעגן. שאָלעמס שוועסטער קוקט אפילו ניט אין זייער זײַט, זי טוט אָן דעם מאנטל און אנטלויפט.

אין דעם זעלבן מארט כוידעש, נאָר צום סאָף, איז מען געקומען באַנאכט און סימען ארעסטירט. אָנהייב אפּרעל האָט מען עטעלען ארויסגערופן און געהייסן אין מעשעך פון דרײַ טעג פארלאָזן מאָסק־ווע. אף מאָרגן זײַנען שאָלעם מיט עטעלען אוועק אין זאגס זיך פארשרײַבן. אפן דריטן טאָג זײַנען זיי ביידע פון מאָסקווע ארויסגעפאָרן.

(סאָף קומט)

אונדזערע פובליקאציעס

יִצחָק באשעוויס־זינגער

ווי באוווּסט, האָט דער ייִדישער שריפט־שטעלער ייִצחָק באשעוויס־זינגער באַקו־מען אין 1978 יאָר די נאָבל־פּרעמיע פאר ליטעראַטור. די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פּילט אויס די באַקאָשע פון אונ־דזערע לייענער, וועלכע דריקן אויס א פאר־לאַנג צו באַקאַנען זיך מיט זײַן שאַפונג. דאָס מאָל דרוקן מיר איבער פיר פראַגמענטן פון זײַן אויטאָביאָגראַפישן בוך „מײַן טאַטנס בעסדין־שטוב".

■ קורצע ביאָבליאָגראַפישע ידיעס

ייִצחָק באשעוויס־זינגער איז געבוירן געוואָרן אין מאָנטין (פּוילן) אין 1904. באַקומען א רעליגיעזע דערציִונג און נאָך אין דער יונגט זיך פאַרנומען, ווײַנענדיק אין וואַרשע, מיט זשורנאַליסטיק. אין 1935 אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע. זײַנע ערשטע יאָרן אין דער נײַער היים זײַנען געווען שווערע: „איך האָב צו יענער צײַט געקענט בלויז איין שפּראַך — ייִדיש... די צײַטונג „פאָרווערטס" האָט פון צײַט צו צײַט געדרוקט מײַנע א דערציילונג, אָבער דאָס איז געווען אזוי שלעכט אָפּגעצאָלט, אז אָן דער הילף פון מײַן ברודער יעשוע, אויך א שרײַבער — ווייס איך ניט, וואָס איך וואָלט געטאָן". ער האָט ניט געוואָלט פיגו־רירן אלס שריפטשטעלער אין שאָטן פון זײַן ברודער, דעם מעכאַבער פון „יאָסע קאַלב", „ברידער אשקענאַזי" און אנד. און דעריבער האָט ער צוגעגעבן צום נאָמען זײַנעם דעם אייגן־נאָמען פון זײַן מוטער — באשעווע, און ס'איז אַרויסגעקומען „באשעוויס־זינגער".

פאר זײַן לאַנגן שעפערישן וועג האָט ייִצחָק באשעוויס־זינגער געשאַפן א גרויסע צאָל ראָמאַנען און דערציילונגען, וועלכע ער פּובליקירט געוויינלעך אין ייִדיש אויף די זײַטן פונעם „פאָרווערטס" און אין דער איבערזעצונג אויף ענגליש מערסטנס אין דער פּעריאָדישער אויסגאַבע „ניו־יאָרקער". די איבערזעצונגען גייען אָפּט אַרויס נאָך איידער דער פּובליקאַציע אין אָריגינאַל.

באשעוויסעס גרונט־ווערק זײַנען: „פאַמיליע מושקאַט", „דער סאָטן פון גאָרעי", „דער קונצנמאַכער פון ליובלין", „דער קנעכט", „דער הויף", „מײַן טאַטנס בעסדין־שטוב", „א קורצער פרײַטיק", „שפּינאָזע פון דער גאַס מאַרשע". ווי עס ווערט געשריבן אין דער פּרעסע, זײַנען אַרום 20 ראָמאַנען פון באשעוויס־זינגער ניט איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש און אויך ניט דערשינען אויף ייִדיש אין א בוך־פאָרם. דאָס זײַנען: „א שיף קיין אַמעריקע", „בונטאַרן", „שאָטן איבערן הודזאָן", „דער פאַרלוירענער שייוועט", „דער מאַן פון כאַלומעס", „דער שאַרלאַטאַן" און אַנדערע. צו זײַן 80־יאָריקן יובילײ האָט באשע־וויס־זינגער פאַרענדיקט דרוקן מיט העמשאָכים אין „פאָרווערטס" דעם נײַעם ראָמאַן „דער וועג אַהיים". לעקאָוועד זײַן געבורטסטאָג איז אויף ענגליש אַרויס א נײַער באַנד פּראָזע־ווערק — „דאָס געשטאַלט און אַנדערע דערציילונגען" („די אייצע", „א טאָג פון גליק", „דער אינטערוויו", „שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע", „דער פּראָצעס" און אַנד.). ■

רעב כאַיִם גאָרשקאָווער

עס זײַנען געווען בא אונדז אין שטוב אַרײַנגייער, ייִדן אַזוינע, וואָס זײַנען געקומען צום מוירע־הויראהאָ גלאַט אַזוי, אויסריידן דאָס האַרץ, פֿרעגן אַן אייצע, אָדער גלאַט שמועסן. ס׳זײַנען אַפֿילע געווען אַזוינע, וואָס זײַנען געבליבן זיצן אין קיך און גערעדט מיט דער מאַמען. איינער פֿון די דאָזיקע ייִדן איז געווען רעב כאַיִם גאָרשקאָווער.

רעב כאַיִם איז געווען אַן אָרעמאַן און דער קאַפּצן איז אים געלעגן אויפֿן פּאָנעם. ער האָט געהאַט אַ רויטע נאָז, אַ לאַנגע באָרד, אַ געמיש פֿון געל, ברוין, גרוי און נאָך אַ סאַך אַנדערע קאָלירן. פֿון הינטער די געדיכטע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט אויגן אַזוינע, וואָס עס קאָן נאָר האָבן אַ ייִד. דער קאָליר זייערער איז געווען אַ געלער. ס׳האָט אַרויסגעשײַנט פֿון זיי אַ פֿאַרצײַטיקע ייִדישע גוטמוטיקײַט און אַן אונטערטעניקײַט, וואָס דוירעס גאַלעס און לײַדן האָבן געשאַפֿן. אַ דערעכערעץ און אַ מוירע איז געלעגן אין דעם ייִד ניט בלויז פֿאַר יעדן דערוואַקסענעם, פֿאַר יעדן קינד, נאָר אַפֿילע, דוכט זיך, פֿאַר יעדן באַשעפֿעניש. דאָס ייִדישע ווערטל: „ער טשעפּעט ניט קיין פֿליג" האָט אים מאָדנע געפּאַסט. עס פֿלעגט ניט זעלטן טרעפֿן, אַז אַ פֿליג האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אויף דער רויטער נאָז, אָבער ער האָט זי ניט אַראָפּגעיאָגט. וואָס הייסט עפּעס, ער, כאַיִם גאָרשקאָווער, וועט זאָגן אַ פֿליג אַ דייע ווו זי זאָל שטיין? דער טאַטע איז געווען פֿאַר רעב כאַיִם גאָרשקאָווער די צווייטע האַנט פֿון גאָט, און אויף דער מאַמען האָט ער געקוקט מיט אַ געמיש פֿון פּאַכעד און באַוווּנדערונג. רעב כאַיִם גאָרשקאָווער האָט ניט געקאָנט שרײַבן, און די מאַמע האָט פֿאַר אים געשריבן בריוו קיין אַמעריקע. רעב כאַיִם האָט בלויז געקענט דאַוונען און זאָגן טילים, אָבער די מאַמע איז געווען אַ קערנערן. יעדעס מאָל, וואָס ער איז געקומען צו אונדז, האָט ער נאָר געוואָלט באַדינען די מאַמע. ער האָט זיך נאָר געריסן צום בעזעם, צום גיין אַ גאַנג, אָבער די מאַמע האָט ניט געלאָזט, אַז אַ מאַנצבל זאָל זי באַדינען.

יאָ, רעב כאַיִם איז געווען אַן עוויען אין זיבן פּאָלעס. דאָס ווײַב זײַנס איז געווען אַ פֿליקערן אין יאַנאַשעס הויף. געוווינט האָט ער אין קעלערשטוב. די פּלייצע זײַנע איז געווען געבויגן און קײַלעכדיק. אַ קאָל האָט ער געהאַט פֿון אַ הון. די מאַלבושים זײַנען אָפּגעריסן, געלאַטעט, און עס האָט פֿון זיי אַרויסגעקוקט די זאַק־לײַוונט. פֿון די אויערן און פֿון דער נאָז האָבן אַרויסגעשטאַרצט בינטלעך האָר. די באָרד אַליין איז געוואַקסן שיר ניט ביז צו די אויגן. דער דאָזיקער ייִד האָט געהאַט צוויי טעוועס: איין טעווע צו זאָגן טילים און ביכלאַל זאָגן ייִדישע ווערטער. אַזויווי ער איז געזעסן און גערעדט מיט דער מאַמען, האָט דאָס אײַנגעפּאַלענע מויל זײַנס געגומען מורמלען, און מיר האָבן געוווּסט, אַז ער כאַפּט אַרײַן אַ פּאָסעק טילים, אָדער אַ גאַנץ קאַפּיטל. טילים האָט ער געקענט קימאַט פֿון אויסווייניק.

די צווייטע טעווע איז געווען צו רעדן וועגן גאָרשקאָוו. ער איז שוין געווען פֿון גאָרשקאָוו אַ סאַך יאָרן. אָבער פֿאַר דעם דאָזיקן ייִד איז גאָרשקאָוו געווען אַ קוואַל פֿון בענקשאַפֿט. אַלדאָס שיינע און גוטע איז געווען אין גאָרשקאָוו. אַלדאָס מיִעסע האָט זיך צונויפֿגענומען אין וואַרשע. גאָרשקאָוו איז געווען פֿאַר רעב כאַיִמען ערעץ־ייִסראָעל, אַ שטיק אוילעמהאַבע. וואַרשע איז פֿאַר אים געווען די סיטרע־אַכרע.

אַ נעסיִע פֿון וואַרשע קיין גאָרשקאָוו האָט געדאַרפֿט דויערן מער ווי צוויי מעסלעס, ווײַל די באַן איז געגאַנגען בלויז ביז רײַוויץ און ווײַטער האָט מען געמוזט פֿאָרן מיט אָקסן. אַ נעסיִע קיין גאָרשקאָוו איז פֿאַר דעם ייִד געווען אומעגלעך, אַ כאָלעם, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקאָנט ווערן מעקויִעם. קיין גאָרשקאָוו האָט מען בלויז געקאָנט גאַרן און לעכצן. ס׳איז גענוג געווען צו דערמאָנען גאָרשקאָוו, אַז בא רעב כאַיִמען זאָלן גלײַך אָנהייבן פֿאַלן טרערן איבער דער באָרד.

ווי אויסטערליש, נאָר רעב כאַיִם האָט געהאַט אַ הײַזל אין גאָרשקאָוו, אַן איינציק שטיבל, אַ האַלבע כורווע. ס׳האָט זיך דאָרט אויפֿגעהאַלטן זײַנער אַ קאָרעוו, וואָס האָט ניט געצאָלט קיין דירע־געלט. פֿון דעם דאָזיקן הײַזל האָט רעב כאַיִם געהאַט אַלערליי צאָרעס. אַ סאַניטאַרן־קאָמיסיע, וואָס דער ליובלינער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעשיקט, האָט געפֿונען, אַז ס׳איז דאָרט שמוציק, אַ וואַנט האַלט באַם אײַנפֿאַלן, און מע האָט רעב כאַיִמען אָנגעשריבן „קאָרע", שטראָף, הייסט עס. די פּאַפּירן זײַנען אָנגעקומען קיין וואַרשע. באַצאָלן די שטראָף האָט רעב כאַיִם ניט געקאָנט און ער איז אַוועק זיצן

אין „קאַזע". אכט טעג צײַט איז ער אָפּגעזעסן אין טפיסע צווישן גנאָווים און לאַטקעס. מע האָט בא אונדז אין שטוב אפילע ניט געוווּסט דערפון. ווען ער איז ארויסגעקומען און דערציילט בא אונדז די מײַסע, האָט די מאמע גענומען אים צורעדן, ער זאָל פארקויפן די דאָזיקע נאכלע, מישטיינס־געזאָגט, אָדער זי אוועקשענקען דעם קאַרעוו, וואָס האָט דאָרט געוווינט, נאָר רעב כאַיִם האָט געטײַנעט:

— ווי לאַנג ס'הײַזל איז מײַנס, בין איך נאָך א גאַרשקאָווער... עמעצער דערמאָנט נאָך מײַן נאָמען...

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, ווי רעב כאַיִם האָט ווידער באקומען א שטראָף. דער קוימענקערער האָט לאַנג ניט געהאט גערייניקט דעם רוס אין קוימען און ס'איז געוואָרן א סרייפע. דאָס הײַזל האָט ניט אָפּגעברענט, אָבער רעב כאַיִם האָט באַקומען א שטראָף, און ער איז פונסנײַ אוועק זיצן...

אכוץ שרײַבן צו די קינדער, איז רעב כאַיִם געקומען צו אונדז רעדן וועגן גאַרשקאָוו. מײַנע עלטערן האָבן ביידע געשטאמט פון יענע געגנטן. מיר, די קינדער, האָבן שוין געוווּסט, נאָך וואָס רעב כאַיִם קומט און אף וואָס ער וואַרט. איך פלעג א זאָג טאָן:

— רעב כאַיִם, וואָס הערט זיך עפּעס אין גאַרשקאָוו?

און עס האָט זיך באלד דערהערט א טיפער זיפץ, א ייִדישער זיפץ, וואָס רײַסט זיך ארויס פון סאמע אינגעווייד. די באָרד האָט זיך גענומען שאָקלען ווי א הינערשער עק. די וואָנצעס האָבן אָנגעהויבן ציטערן, און פון דעם אָנצייניקן מויל האָט זיך דערטראָגן א שאָרכעניש אזא און א מורמלעניש ווי פון אן אלטן זייגער, איידער ער הייבט אָן קלינגען.

— גאַרשקאָוו, הא? גאַרשקאָוו איז געווען א גאנײדן, און דאָ, רעבעצן, איז א גענעם. וואָס ווייסט מען דאָ פון א שאַבעס, פון א יאָמטעוו? מ'קאָן דען זײַן א ייִד אין ווארשע? ס'לעבן האָט דען א ווערט? מ'יאָגט, מ'לויפט. אין גאַרשקאָוו האָט מען שוין מיטוואָך אָנגעהויבן זיך גרייטן אפן שאַבעס. ס'איז אלעמאָל געשטאנען בא אונדז א זעקעלע קאָרן־מעל. די מאמע, מ'יִען זאָל זי זיך, האָט אליין געבאקן ברויט. אין שעפל איז געבליבן א ביסל טייג און איבער דער וואָך איז עס געוואָרן זויערטייג. ווער האָט געוווּסט אין גאַרשקאָוו פון קוילן? א פויער איז געקומען און געבראכט האָלץ פון וואלד. דער טאטע, אָלעווהאשאָלעם, האָט עס אליין צעזעגט און צעהאקט. מ'האָט אָנגעלייגט די שײַטלעך און אָנגעצונדן א שטיקל קין. דער פּעקעליק איז גלײַך געוואָרן ווארעם. אין ווארשע קאָן מען זיך דען אָנווארעמען? די קוילן זײַנען א קלאָלע. פארמאכט מען דעם שיבער, ווערט א טשאַד. לאָזט מען אָפן, ווערט א קעלט. אין גאַרשקאָוו, אז מ'האָט אײַנגעהייצט, איז געוואָרן א ליבע ווארעם. די מאמע האָט געבאקן פלאָם־פלעצלעך. דאָס ווארשעווער ברויט איז צו פריש און ס'האָט נישט קיין האַפט. מ'עסט און מ'עסט און מ'ווערט נישט זאט. דאָרט א שטיקל ברויט האָט געהאט טאם גאַניידן. ווער שמועסט, אז מ'האָט באשמירט מיט שמאלץ און ארופגעלייגט גריוון, איז עס צעגאנגען אין מויל. הײַנט די גאַרשקאָווער כאלע! וואָס פאר א טאַם האָט כאלע, וואָס מ'קויפט באַם בעקער? בא אונדז אין גאַרשקאָוו קימל איז געווען קימל, און מאָן איז געווען מאָן. די מאמע האָט אײַנגעטונקען א פלעדערוויש אין געלכל און באשמירט די כאלע. הײַנט די קיכלעך! הײַנט דער טשאָלנט! דאָ דער טשאָלנט איז אָדער רוי, אָדער פארברענט. מ'שטעלט אים ארײַן מיט א סאך אנדערע טשאָלנטן. אין גאַרשקאָוו האָט מען געשטעלט דעם טשאָלנט אין אונדזער אייגענעם אויוון, און די מאמע האָט פארקלעפּט ס'טירל מיט טייג. הײַנט דער קוגל! מ'ווייסט דען דאָ אין ווארשע, וויאַזוי צו מאכן א קוגל? אז די מאמע האָט געמאכט א לאָקשן־קוגל, א מעגעלע, אָדער א טייגעכץ, האָט עס פאריסן דעם האלדז. נו, און ס'צימעס! מיר האָבן געהאט אין הויף א בארנבוים און ס'זײַנען אף אים געוואקסן הארטע בארלעך, און די בארלעך האָט די מאמע געטריקנט און זיי זײַנען געוואָרן צוקער־זיס. ווען מ'האָט די בארלעך געקאָכט אין א צימעס־טעפּעלע און ארײַנגעטאָן א שטיקל צימרינג, האָבן זיי פארשמעקט ס'הויז. נו, און ס'בעסמעדרעש? און די שול? דאָ דאוונט מען דען? מ'כאַפּט אָפּ ס'דאווענען. נאָך איידער מ'זאָגט אָפּ אלײנו, לויפט מען שוין אוועק. בא אונדז האָט מען ניט אָפּגענארט מיטן דאווענען. אז אונדזער כאַזן האָט געזונגען לעכאָ דוידי, האָבן די ווענט מיטגעזונגען. הײַנט זײַן ווּעשאמרו! און דער גאַרשקאָווער ווײַן! דאָ קויפט מען א קווארטירל ווײַן באם ווײַן־סויכער, איז ער זויער ווי עסיק. דער טאטע פלעגט אליין אויסקאָכן ווײַן פון ראָזשינקעס. פּריִער האָט זיך דער ווײַן געקאָכט א גוטע שאָ און דערנאָך האָט מען אים אויסגעקוועטשט אין א האַנטעך, און אז מ'האָט אים געטרונקען צו קידעש, איז ער צעגאנגען אין אלע אייוורים...

די מאמע פלעגט טאָן א שמייכל. זי האָט געהערט דעם דאָזיקן פּיזמען יעדע וואָך. די מאמע האָט אויך געוווּסט, אז דער גאַרשקאָווער ראָזשינקע־ווײַן איז ווײַט ניט געווען אזוי גוואלדיק, ווי רעב כאַיִם האָט זיך אײַנגערעדט. אָבער זאָגן דעם ייִד א שלעכט וואָרט וועגן גאַרשקאָוו אָדער א גוט וואָרט וועגן ווארשע האָט זי ניט געקאָנט. זי האָט אים אויסגעהערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. איך, דער קונדעס, פלעג א זאָג טאָן:

— א טראמווײַ איז דאָ אין גאַרשקאָוו?

— א געזונט אף דיר! וואָס דארף מען אין גאַרשקאָוו א טראמווײַ?

— נו און א הויז מיט א פערטן שטאָק איז דאָ?

— וואָס דארף מען דאָס קריכן אף די טרעפּ? אין גאַרשקאָוו גייט מען גלײַך ארײַן אין שטוב, אפילע צום גרעסטן נאָגיד...

עפשער איז ווארשע געווען פאר רעב כאַיִמען צו ווייניק גוייִש, זײַנען אלע קינדער אוועק קיין ניו־יאָרק. איינער האָט אראָפּגענומען דעם אנדערן, און איידער רעב כאַיִם האָט זיך אומגעקוקט, איז ער געבליבן אָן קינדער. די זין האָבן געשריבן, אז קעגן ניו־יאָרק איז ווארשע א דאָרף. באַנען גייען אף די דעכער. די הײַזער זײַנען אזוי הויך, אז מע

מוז פאַרבײַסן דעם קאָפּ. אז מע וויל גיין ערגעץ אין דער אייגענער שטאָט, פאָרט מען מיט א באַן, וואָס לויפט אונטער דער ערד. רעב כאַיִמס קינדער האָבן געשריבן לאַנגע בריוו און מיט מוירעדיקע גרײַזן. קיינער האָט ניט געקאָנט לייענען די דאָזיקע שרײַבעכצער, אויסער מײַן מוטער. איך געדענק, אז איין מאָל האָט מײַן מוטער זיך פאַרהאַקט בא א וואָרט, וואָס האָט פאַרנומען א גאַנצע שורע. די מאַמע האָט געטראַכט און געטראַכט און בעשום־אויפן דאָס וואָרט ניט געקאָנט איבערלייענען. אַלע אין שטוב האָבן געפּרוּווט, אָבער ס'איז געווען אומעגלעך. מיטאמאָל, נאָך דעם ווי די מאַמע האָט זיך שוין געהאַט מעיִאש געווען איבערצולייענען דעם דאָזיקן היִעראָגליף, האָט זי זיך צעלאַכט. דאָס וואָרט האָט געמאַכט: כאַל־האַמויִעד סוקעס. ס'איז מאַמעש געווען א מוסטער, וויפל גרײַזן מע קאָן אַרײַנפּאַקן אין איין וואָרט!..

רעב כאַיִם האָט געהאַט אן עלטסטע טאָכטער, וואָס מיר האָבן ניט געקענט, ווײַל זי איז אַוועק קיין אַמעריקע נאָך איידער מײַנע עלטערן האָבן זיך אַרײַנגעצויגן קיין ווארשע, און די דאָזיקע טאָכטער האָט אין אירע בריוו זיך ביטער געקלאָגט אויף אַמעריקע. דאָס עסן האָט דאָרט ניט קיין טאַם. דאָס ברויט איז ניט קיין ברויט, די כאַלע איז ניט קיין כאַלע, דער שאַבעס איז ניט קיין שאַבעס, דער יאָמטעוו איז ניט קיין יאָמטעוו. פאָטאָגראַפיעס זײַנען אָנגעקומען פון רעב כאַיִמס זין, טעכטער, איידעמס, שניר, אָנגעטאָן אין הוטן, צילינדערס, פראַקן. רעב כאַיִם האָט רעכט ניט דערקענט זײַנע קינדער. עפשער איז ווארשע נאָך א קנאַפּער סדאָם, האָבן זײַנע קינדער אַוועקגעוואָגלט אין א וועלט, וווּ מענטשן גייען מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַלץ איז איבערגעקערט קאַפּויער!..

פון יאָר צו יאָר איז אַלץ שווערער געוואָרן צו לייענען די ניו־יאָרקער בריוו, ווײַל זיי זײַנען געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגעפּאַקט מיט ענגלישע ווערטער. זיי האָבן דאָרט, אַפּאַנעם, פאַרגעסן, אז אין ווארשע רעדט מען ניט קיין ענגליש. די קינדער האָבן אַלע פאַרלאַנגט, אז רעב כאַיִם און זײַן ווײַב זאָלן אַריבערקומען קיין ניו־יאָרק. זיי וועלן אים שיקן א שיפסקאַרטע. ער וועט וויסן פון א לעבן. אָבער רעב כאַיִם האָט געשמייכלט טרויעריק און געהויבן די אַקסלען. נאָך ניו־יאָרק פעלט אים צו די צאָרעס!.. קנאַפּ פּרעמדקײַט האָט ער אין ווארשע, — דאַרף ער נאָך זיך אַריבערפּעקלען אַהין...

רעב כאַיִם האָט געהאַט איין כאַלעם: ער האָט געוואָלט אויף די אַלטע יאָרן זיך אומקערן קיין גאָרשקאָוו און ליגן אויף דעם דאָרטיקן בעסוילעם. אויב ער קאָן ניט זײַן אין גאָרשקאָוו באַם לעבן, זאָל ער כאָטש דאָרט רוען אין קייווער. אָבער ס'איז אויסגעבראָכן די וועלט־מילכאָמע. ווארשע איז געוואָרן דײַטשלאַנד און גאָרשקאָוו איז אַריבער צו עסטרײַך. צו קומען קיין גאָרשקאָוו האָט מען איצט געדאַרפט א פּאַס, א וויזע, גיין איבער א גרענעץ...

ווען די דײַטשן זײַנען אַרײַן און ס'איז געוואָרן דער גרויסער הונגער, האָב איך געהערט רעב כאַיִמען רעדן וועגן דעם, וואָס פאַר א גאַניידן ווארשע איז געווען פאַר דער מילכאָמע, ווי אַלץ איז געווען וואָלוול, ווי זײַן יידענע האָט אַהיימגעבראַכט אויף שאַבעס א האַלבע גאַנדז, א קישקע, דרויב, כאַלע, קוכן. ווידער האָט רעב כאַיִם גערעדט מיט א ווײנענדיקן ניגן און ווידער האָט ער געגאָסן מיט טרערן. אָבער דאָס מאָל האָבן מיר מער ניט געלאַכט אויס אים. מיר זײַנען אַליין אויך געווען הונגעריק. איך בין שוין דעמאָלט געווען אן עלטער יינגל און איך האָב א זאָג געטאָן:

— איר געדענקט, ווי איר פלעגט האָבן טײַנעס אויף ווארשע? אײַך האָט נאָר געצויגן קיין גאָרשקאָוו...

רעב כאַיִם האָט געטאָן א הייב אויף די געלע אויגן. דער פײַכטער בליק זײַנער האָט שטומערהייט געזאָגט:

— ווער קאָן איצט טראַכטן וועגן גאָרשקאָוו?..

א באסענע

די קראָכמאַלנע גאַס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט שאַנד־הײַזלעך. ס'זאָגט זיך בלויז הײַזלעך. די גאַסן־פרויען האָבן זיך אופגעהאַלטן אין קעלערס. די פענצטערלעך זײַנען אָפט אַרויס אונטער די טרעפּ פון אַרײַנגאַנג. די מאַנסלײַט, וואָס זײַנען געגאַנגען אַהין, זײַנען געקראָכן דורך פינצטערע קאָרידאָרן, ענלעך צו היילן. אויפן פלאַץ, צוזאַמען מיט די גאַנאָווים, זײַנען געשטאַנען די אַלפאָנסן. איך האָב שוין אין יענע יאָרן געוווּסט, אז ס'זײַנען פאַראַן זוינעס, און אז מע טאָר אויף זיי ניט קוקן, ווײַל פון דעם בלויזן אָנקוקן זיי ווערט מען טאָמע. אָבער גענוי וואָס זיי זײַנען און וואָס זיי טוען, האָב איך מיר ניט אָפּגעגעבן קיין כעזשבן.

איך האָב זיי אָפט געזען שטיין באַם טויער, אָדער אויפן פלאַץ, די באַקן אָנגעריבן מיט רויטער פאַרב, די אויגן אונטערגעשוואַרצט, אין געבלימלטע שאַלעכלעך און אין רויטע אָדער בלויע שיך. טייל־מאָל האָט איינע פון זיי געררייכערט א פּאַפּיראָס. ווען איך בין פאַרבײַגעגאַנגען, האָבן זיי מיר נאָכגערופן צונעמען:

— היי, דו, צלאַפּ! היי, דו, גנייוּוישער כאָסיד! יאַלד!

און אַמאָל האָט איינע פון זיי מיר דערלאַנגט א שטיקל שאָקאָלאַד. איך האָב אָנגעהויבן לויפן און עס אַרײַנגעוואָרפן אין רינשטאָק. איך האָב געוווּסט, אז וואָס זיי רירן אָן, איז טאָמע. טיילמאָל פלעגן זיי אַרײַנקומען צו אונדז פרעגן שײַלעס. די מאַמע איז געוואָרן מעוואָיעש, ווען זיי האָבן געעפנט די טיר, און זי האָט פאַרלוירן דאָס לאָשן. אָבער מײַן פאָטער האָט ניט געוווּסט דעם כילעק.

ער האָט זיך אָפּגעקערט פון יעדער פרוי. אַלע שײַלעס פון די גאַסן־פרויען האָבן זיך געדרייט אַרום יאָרצײַט. דאָס איז געווען די איינציקע „מיצווע", וואָס זיי האָבן געהאַלטן. זיי האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט אויסרעכענען דעם טאָג, ווען אָנצוצינדן דאָס „לאַכט" (ליכט).

איינמאָל קומט אַרײַן צו אונדז אַ באָכער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַלמעלאָכע. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קליין ייִדיש היטעלע, אָבער אין אַ קורץ רעקל און אין שיך מיט קנעפּלעך. ער איז געווען אָן אַ קראַגן, בלויז אין אַ פּאַפּירענער פאָרלאַגע און ס'האָט פון איר אַרויסגעשטעקט אַ בלעכענע ספּינקע. דער באָכער איז געווען ניט־ראַזירט. די באַקן זײַנען געווען אײַנגעפאַלן. די קרומלעכע נאָז — בלאַס, ווי נאָך אַ שלאָפקײַט. ער האָט געהאַט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן און ס'האָט אַרויסגעקוקט פון זיי אַ מילדקײַט אַזאַ, וואָס האָט מיך דערמאָנט אין טאַנעס און לעווײַע. אַזוי האָבן טיילמאָל אויסגעקוקט אווילים, וואָס זײַנען געקומען פרעגן שײַלעס וועגן שיווע און שלוישים.

די מאַמע איז גראָד געווען אין בעסדין־שטוב, און איך בין געזעסן בײַ אַ געמאָרע און זיך געמאַכט לערנענדיק.

— וואָס זאָגסטו גוטס? — פרעגט דער טאַטע.

דער באָכער נעמט מורמלען און ווערט רויט און בלאַס.

— רעבע, מעג מען כאַסענע האָבן מיט אַ פּראָסטיטוטקע?

די מאַמע איז געבליבן אַ געפּלעפטע. דער טאַטע האָט יענעם עפּעס איבערגעפרעגט און געוואָרפן אויף מיר אַ שטרענגן בליק.

— גיי אַרויס!

איך בין אַרויס אין קיך, און דער באָכער איז לאַנג געבליבן אין בעסדין־שטוב. נאָך אַ ווײַל איז די מאַמע אַרײַנגעקומען אין קיך און אַ זאָג געטאָן:

— קאָלערליי מעשוגאָים זײַנען דאָ אויף דער וועלט.

דער טאַטע האָט געפּאַסקנט, אַז מע מעג. ניט בלויז מע מעג, נאָר ס'איז אַ מיצווע אַרויסצוראַטעווען אַ ייִדישע טאָכטער פון זינד. מער האָט דער באָכער ניט באַדאַרפט. ער האָט גלײַך באַשטעלט בײַם טאַטן אַ כאַסענע. ער איז אַוועק אַ האַפּערדיקער און געטאָן אַ היימישן קלאַפּ מיט דער טיר. דער טאַטע איז אַרײַנגעקומען אין קיך.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשוגאַס? — פרעגט די מאַמע.

— ר'האָט זיך, ווי הייסט עס דאָרט? פאַרליבט.

— אין אַ זוינע?

— נו...

און דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט צו די ספאָרים.

איך געדענק ניט, ווי לאַנג ס'האָט געדויערט ביז דער כאַסענע. די מויד האָט געדאַרפט אָפּציילן טעג און גיין אין מיקווע. ס'האָבן זיך גענומען פאָרן בײַ איר אַלערליי גאַבעטעס. די גאַנצע גאַס האָט זיך דערוווּסט און מע האָט גערעדט דערוועגן אין שפּײַז־קראָם, אין יאַטקע, אַפילע אין די שולן.

געוויינלעך, בײַ אַ שטילער כאַסענע זײַנען געקומען בלויז עטלעכע מענטשן. מײַן טאַטער האָט קימאַט אַלעמאָל מיך געמוזט שיקן אין כאַסידים־שטיבל אַרײַנרופן אַ מיניען. אָבער דאָס מאָל איז אונדזער שטוב געוואָרן, אַשטייגער, ווי די „ווינער סאַליע". די טיר האָט זיך יעדע מינוט געעפנט און ס'איז אַרײַנגעקומען אַ גאַנעוו, אַן אַלפאָנס. אַמערסטן זײַנען געקומען אויסגעלאַסענע מוידן, אויסגעפּוצט אין זײַד, כאַמעט און אין הוטן מיט שטרויספעדערן. ס'זײַנען געקומען מומעס אויך. דאָס, וואָס אַן אָרנטלעכער באָכער האָט זיך פאַרליבט אין אַ זוינע, איז געווען אַ ניצאָכן פון דער אונטערוועלט, דער איקער פאַר די ווײַבער. ס'איז געווען ווי אַ סימען, אַז ס'איז פאַר זיי, די פאַרשטויסענע, אויך פאַראַן אַ האָפענונג. די מומעס האָבן אָנגעטאָן די שײַטלען און די שאַלן, וואָס מיט זיי זײַנען זיי געגאַנגען ראָש־האַשאָנע און יאָמקיפּער אין שול. די גאַסן־פרויען האָבן געטראָגן קליידער אַן גאָרסן און מיט לאַנגע אַרבל. אַלע האָבן געקושט די מעזוזע און געזאָגט מײַן מוטער גוט־מאָרגן אָדער גוט־העלף. מײַן מוטער איז געשטאַנען אַ בלאַסע, אַ צעשויבערטע. שאָכנטעס זײַנען אַרײַנגעקומען און אַרומגערינגלט מײַן מוטער, ווי אַ וואָך, ס'זאָל זיך צו איר, כאָלילע, ניט צוקלעפּן דאָס אומריינקײַט. אָבער אויף מײַן טאַטער האָב איך ניט געזען קיין שום ענדערונג. די גאַנצע זאַך איז אים, אַפּאָנעם, ניט געלעגן אין דער לינקער פּיאַטע. ער איז געשטאַנען בײַ זײַן שטענדער און אַרײַנגעקוקט אין אַ סייפער און אַפילע געשריבן אַ כידעש אויף אַ שניצל פּאַפּיר. מע האָט געוואַרט אויף כאָסן־קאַלע.

איך בין אַרויס אויפן באַלקאָן און געזען, אַז מענטשן וואַרטן אויפן טראָטואַר און בײַם טויער. עטלעכע מוידן און מאַדאַמען זײַנען אויך אַרויס אויפן באַלקאָן. מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ גערודער. פון ערגעץ אַ הויף איז אַרויס דאָס פּאָרל. ס'האָט זיי געפירט אַ גאַנצע סוויטע. דער כאָסן איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ נײַעם סאַק און אין לאַקירטע שיך. די קאַלע איז געווען אַזאַ שמאָלע, אַזאַ טונקעלע. זי האָט אויסגעזען ווי אַ באַלעבאַטיש מיידל. גלײַך האָבן די נעקייוועס אויפן באַלקאָן אַרויסגעכאַפּט די שניפּ־טיכלעך און גענומען ווישן די טרערן.

— זעט נאָר, ווי בלאַס זי איז!..

— זי פּאַסט דען?

— שיין, ווי גאָלד!

— שוין אַזאַ יאָר אויף מיר!

— מערטשעם, בײַ אײַן!..

— גאָיען זי שוין, גאָיען זי שוין!..

— מ'טאָר קיינמאָל נישט פאַרלירן די האָפענונג!..

אַ ריזיקער אַלפאָנס מיט אײַן בלינד אויג און מיט אַ קרומען העפט אין שטערן האָט געמאַכט אָרדענונג. אַ מומע אין אַ ברייט שײַטל האָט זיך געבייזערט אויף די נעקייוועס, זיי געהייסן שטיין בײַ דער וואַנט. אַ מויד מיט אַ געשטופּלט פּאָנעם, ווי אַ ריבײַזן, האָט מיט אײַן אויג געלאַכט און מיטן אַנדערן געוויינט. דאָס איז ניט געווען גלאַט עפּעס קיין כאַסענע, נאָר אַ שטיק ווי אין קאַמינכקעס

טעאַטער. געוויינלעך איז מען זיך באגאנגען בא אונדז אָן א שאמעס, אָבער די אלפאָנסן האָבן געבראכט זייערן א שאמעס, א קליין יידל, וואָס האָט זיך געדרייט בא אָט די לײַט. די קאַלע איז ארײַן אין שטוב און אלע פרויען האָבן זיך געוואָרפן זי קושן. מע האָט זי ארומגעכאפּט, זיך מיט איר געשאָקלט, ניט געוואָלט אָפּלאָזן. מע האָט איר ניט אופגעהערט ווינטשן, ווינטשן. זי האָט קימאט יעדער איינער א זאָג געטאָן דאָס אייגענע.

— מערטשישעם, בא דיר...

און דער דאָזיקער ווונטש האָט בא יעדער איינער ארויסגערופן א פארשטיקטן שלוכץ.

דער טאטע האָט זיך אוועקגעזעצט שרײַבן די קסווע. אָבער דאָ איז געקומען א פּײַנלעכע מינוט. דער טאטע האָט זיך גענומען סוידען זיך מיטן שאמעס. ער האָט נאָכגעקוקט אין א כייפער. ס'האָט ניט געהאט קיין זין צו שרײַבן, אז די קאַלע איז א בסולע, אָבער קיין גרושע און קיין אלמאָנע איז זי אויך ניט געווען. געני וואָס מע האָט געטאָן און צי מע האָט ארײַנגעשריבן, אז די קאַלע דארף באקומען הונדערט גילדן אָדער צוויי הונדערט, — געדענק איך ניט. פיר אלפאָנסן האָבן אָנגענומען די כופּע־דרענגלעך. כאָסן־קאַלע זײַנען ביידע געווען יעסוימים און די אונטערפירער זײַנען געווען „פעטערס" און „מומעס". אַלץ איז געטאָן געוואָרן לויטן דין. מע האָט אָנגעטאָן דעם כאָסן א קיטל. די קאַלע האָט צוגעדעקט דאָס פּאָנעם מיט א טיכל. דער טאטע האָט געמאכט די בראָכעס, געגעבן כאָסן־קאַלע צו פארזוכן פון ווײַן. ווען די קאַלע האָט אויסגעשטרעקט דעם ווײַזפינגער און דער כאָסן האָט איר אָנגעטאָן דאָס פינגערל און געזאָגט הארייאט, האָבן אַלע זוינעס מיט איינמאָל אויסגעבראָכן אין א געוויין. איך האָב מיך נאָך קינדווײַז געוווּנדערט דערויף, ווי גיך ווײַבער קאָנען אָנהייבן וויינען און לאכן. נאָך דער כופּע איז געוואָרן א קורשניש, א ווינטשעניש. דער טיש איז געווען פול באשטעלט מיט ווײַנען, קאָניאק, ליקיאָרן, אַלערליי געטראנקען. ס'זײַנען געלעגן פּענעצן לעקעך. די נעקייווס האָבן אָנגענומען די שטיקער לעקעך מיט צוויי פינגער און דעם קליינעם פינגער גרויסארטיק אונטערגעהויבן, לײַטיש אָפּגעביסן קליינע שטיקלעך, און געטאָן קליינע שלוקעלעך פון דער מאשקע. הײַנט איז געווען זייער טאָג. הײַנט זײַנען זיי אַלע געווען ניט עפּעס קיין נאפקעס, וואָס וואלגערן זיך אין קעלערס, נאָר מעכוטענעסטעס, וואָס מע האָט פארבעטן אַף א כאסענע. די אלפאָנסן האָבן געטרונקען טיי־גלעזער מיט שנאפּס און גלײַך גענומען רעדן מיט א שטאמלענדיקן לאָשן, ווי געוויינלעך מאנסלײַט, וואָס ווערן פארשנאָשקעט. אָן אלפאָנס איז צוגעלאָפן צום טאטן און א געשריי געטאָן:

— רעבע, איר זײַט א טײַערער ייִד!

— ס'איז גענוג, אז מ'איז א ייִד, — האָט דער טאטע געענטפערט.

— רעבע, יאך זאָל זײַן אײַער קאפּאָרע!..

— ע, כאָלילע... מ'טאָר אזוי ניט רעדן.

— רעבע, יאך בין נישט ווערט די בלאָטע אַף אײַער פּאָדעשווע!

דער טאטע האָט גענומען קוקן צו די ספאָרים. ער האָט געוואָלט, די לײַט זאָלן אוועקגיין און ער זאָל זיך צוריקנעמען צום לערנען. אָבער זיי האָבן זיך ניט געײַלט. מ'האָט געטרונקען אַלץ מער און מער. א „פעטער" איז צוגעשטאנען צום טאטן, ער זאָל אויך טרינקען. דער טאטע האָט געזאָגט:

— כ'טאָר ניט טרינקען. איך האָב, לוי אלײכעם, א קאטאר אין מאָגן.

— רעבע, ס'איז פערציקער, ניט נײַנציקער.

— כ'טאָר ניט. דער דאָקטער האָט מיר פארבאָטן.

— וואָס ווייסן די דאָקטוירים? א קרענק און א קאדאָכעס.

נאָך א כאך רייד האָט דער טאטע פארזוכט אן איינציקן טראָפּן. די מעכוטענעסטעס האָבן געפּרוווט ארײַנעמען די מאמען אין זייער קרענצל. אָבער די מאמע איז באצײַטנס אוועק פון שטוב. זי האָט ניט בעדייע געהאט זיך אויסצומישן מיט דעם דאָזיקן געזינדל. איך האָב באקומען ווײַן, בראנפן און אזויפיל לעקעך און קיכלעך, אז איך האָב אָנגעשטופּט דערמיט אַלע קעשענעס.

נאָך א ווײַל האָט זיך די שטוב גענומען אויסליידיקן. איך בין ארויס אפן באלקאָן און געזען, ווי מע פירט אוועק כאָסן־קאַלע אין א פּאראד צוריק אין דעם הויף, פונוואנען מע האָט זיי ארויסגעפירט.

ערשט ווען די שטוב איז געוואָרן ליידיק, האָט די מאמע זיך אומגעקערט. אין דרויסן איז ניט געווען ווארעם, אָבער די מאמע האָט געעפנט אַלע פענצטער, קעדיי די רייכעס זאָלן זיך אויסלופטערן. די רעשטלעך לעקעך און געטראנקען האָט זי ארײַנגעוואָרפן אין מיסט. טעג דערנאָך איז די מאמע ארומגעגאנגען א צערודערטע. איך האָב איר געהערט זאָגן:

— כ'וואָלט נאָך געוואָלט דערלעבן פּאָטער צו ווערן פון דעם דאָזיקן געסל...

לאנג, לאנג האָב איך געהערט רעדן וועגן דעם פּאָרל. מע האָט דערציילט וועגן זיי ווונדער. די געוועזענע זוינע פירט זיך אוף ווי א קאָשער ווײַבל. זי גייט יעדן כוידעש אין מיקווע. זי קויפט אין יאטקע גלאט־קאָשער פלייש. זי קומט דאווענען שאבעס און יאָמטעוו אין ווײַבער־שול. דערנאָך האָב איך געהערט, אז זי איז טראָגעדיק. דערנאָך — אז זי האָט געבוירן א קינד. שאָכנטעס האָבן דערציילט, אז דאָס ווײַבל קוקט ניט אַף קיין פרעמדן מאנצבל. פון מאָל צו מאָל האָב איך געזען איר מאן. עס איז אראָפּ פון אים די שײַן פון כופּע־טאָג און ער איז ווידער ארומגעגאנגען אָן א קראגן און אין א פּאפּירענער פּאָרלאגע. אין געוועלבל, וווּ איך בין געגאנגען עפּעס קויפן פאר דער שטוב, האָב איך געהערט ווי א ווײַבל זאָגט:

— אָבער ווי קאָן א מאן מיט איר לעבן, אז ער ווייסט, וווּ זי האָט זיך ארומגעטליקעט?

— טשוווע העלפט אַף אַלץ! — האָט געענטפערט א ייִדענע אין א קאָפּקע.

— פאָרט, ס'נעמט אָן א מיגל...

— מיסטאמע האָט ער ליב, — האָט זיך אָנגערופן אן אנדער ווײַבל.

— וואָס איז דאָ ליב צו האָבן? דאַר, ווי א שטעקן.

— יעדער מאַנספּאַרשוין האָט זײַן גוסט.

— זאָל מיך שוין גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד! — האָט געזאָגט די קרעמערן. — פּיסקעלע, שוויַג...

און זי האָט געטאָן א פּעטשל דאָס מויל מיט צוויי פינגער.

פון דעמלט אָן האָב איך מיך אָנגעהויבן מער צוקוקן צו די מוידן, וואָס זײַנען געשטאַנען בא די טויערן און בא די לאַמטערנס. טייל האָבן אויסגעזען גראָב, מעגושעם, געמיין. פון די אונטערגעשוואַרצטע אויגן האָט אַרויסגעלאַכט א טרייפענע כוצפּע. אַנדערע האָבן אויסגעקוקט אַזוינע שטילע, טרויעריקע און אײַנגעשרומפּענע. איינע א זוינע האָט גערעדט ליטוויש און דאָס איז געווען א ווילדער כידעש. זי איז אַרײַנגעקומען צו עסטערן אין נאַש־געוועלבל און געזאָגט:

— וואָש איז דאָס הײַנט אַזאַ מעכײַע בא אײַך? גיט מיר א סטיקעלע קעז־קיכל, ס׳נאָגט מיר אונטערן לעפּעלע...

איך האָב געהערט דינסטן אין הויף דערציילן, אַז די אַלפאָנסן פאָרן אַרום באַנאַכט אין קעטשלעך און כאַפּן אויף אומשולדיקע מיידלעך, יעסוימעלעך און פּראָווינצערנס. מע צווינגט זיי צו שאַנד און דערנאָך זעצט מען זיי אַרויף אף שיפן און מע פירט זיי אַוועק קיין בוענאָס־אײַרעס. דאָרט הוליען זיי א צײַט אַרום מיט שוואַרצע מענטשן. שפּעטער קריגן זיי א וווערעמל אין בלוט און ס׳נעמען פאַלן פון זיי לעבעדיקע שטיקער... די דאָזיקע געשיכטעס זײַנען געווען זיס און גרויליק. עפּעס האָט זיך געטאָן אף סוידעס אין הימל, נאָר אויך אף דער ערד. איך האָב געהאַט א ברענענדיקן פאַרלאַנג וואָס גיכער אויפצוּוואַקסן און זיך צו דערוויסן די אַלע הימלשע און ערדישע כוידעס, וואָס קליינע ייִנגלעך האָבן צו זיי ניט קיין צוטריט...

רעב איטשעלע און שפּרינצע

וויַאַזוי קאָן א פרומער ייִד טרינקען שאַבעס הייסע טיי? אין די קליינע שטעטלעך האָט מען געשטעלט אין אויוון צוזאַמען מיטן טשאָלנט א באַניע הייס וואַסער אָדער גאָר וואַסער מיט ציקאָריע. אין די גרויסע שטעט זײַנען געווען אַזוינע טייהײַזער, וווּ ס׳האָט זיך געפונען א קעסל אף הייס וואַסער. מ׳האָט אײַנגעהייצט דעם אויוון פרײַטיק פאַרנאַכט און דאָס וואַסער איז געבליבן הייס שאַבעס א גאַנצן טאָג. באָכערים און מיידלעך זײַנען געקומען טרינקען הייסע טיי אין שאַבעס און דערבײַ האָט מען געוואָרפן א בליק איינער אפן אַנדערן און מע האָט אויסגערעדט א וואָרט. קינדער זײַנען געקומען מיט טשײַניקעס — טיי־קעסעלעך — און געקויפט אף באָרג הייס וואַסער. די דאָזיקע טיי איז געווען גלאַט קאָשער. מע האָט זי גענוצט בא אונדז אין שטוב. אָבער בלויז יענע טיי, וואָס מע האָט געקויפט בא רעב שמועל מיילעך, אָדער בא איטשעלע פון שפּײַז־געוועלב.

רעב איטשעלע האָט געהאַט זײַן געוועלב, דירע און טיי־הײַזל אף קראָכמאַלנע, נומער 15. זײַן ווײַב שפּרינצע איז געווען א גרויסע צעשויבערטע ייִדענע, שטענדיק צעיאַכמערט, צעטראָגן, און פול מיט גוטסקײַט. די דאָזיקע ייִדענע האָט מיט איר שווערער אַרבעט אויסגעהאַלטן א גרויסע מישפּאָכע. מיטן ייִנגל אירס, נויעך, בין איך געגאַנגען אין כיידער. שפּרינצע האָט אַלץ געטאָן: געטראָגן, געבוירן, געשטאַנען אין שפּײַז־קראָם, אײַנגעקויפט סכוירע, געזײַערט אוגערקעס, קרויט, אַכטונג געטאָן אפן קעסל מיט דער שאַבעסדיקער טיי, און געטאָן צדאָקע און אַנדערע גוטע מײַסים. די דאָזיקע פרוי איז געווען אַלעמאָל פאַרהאַוועט, פאַרשמײַעט. איין אויג האָט געקוקט צו א קוינעטע, וואָס האָט דאַפּקע געוואָלט אויסקלײַבן אָן אוגערקע באַם סאַמע דעק פון דער פאַס און געווייקט די האַנט אין ראָסל, וואָס אַנדערע דאַרפן טרינקען, און איין אויג

האָט אַכטונג געטאָן אף א ייִנגל, וואָס האָט זיך ליב געהאַט צו שפּילן מיט די בעבלעך אָדער אַרבעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אין זעק. שפּרינצע האָט קעסיידער געמוזט זיך בייזערן, אף עמעצן אָנשרײַען, ווײַל די קוינים האָבן צופיל געקליבן און זיך ביכלאַל אויפגעפירט, ווי די גאַנצע סכוירע וואָלט געהערט צו זיי. אַרומגעשמײַעט האָט שפּרינצע אין א ברייטן פאַרטעך מיט אַלערליי קאָלירן און פלעקן, אין א פּאָר צעפּאָרענע שיך. די הענט אירע זײַנען געווען גרויס און האַרט, ווי בא א מאַנצבל. פון שײַטל האָבן אַלעמאָל אַרויסגעשטאַרצט פּאַסמעס האָר — ניט, כאָלילע, אירע, שפּרינצעס, אייגענע האָר. איר קאָפּ איז געווען אָפּגעגאָלט. אָן ענגלישער אָדער פראַנצויזישער רײַזנדער, וואָס וואָלט אָנגעקוקט אַזאַ געוועלבל מיט אַזאַ סויכערטע, וואָלט זיכער געשריבן, אַז די ייִדן אין וואַרשע זײַנען באַרבאַרן, האַלב־ווילדע. אָבער די דאָזיקע שפּרינצע איז געווען א צאַדייקעס און געהאַט אין זיך אַלע מײַלעס פון דער איישעס־כאַיל.

ווײַל שפּרינצע איז געווען באַזעסן פון דעם העכסטן אידעאַל: אויפצוהאַלטן אין איר מישפּאָכע און ווי נאָר זי קאָן — דאָס ייִדישקײַט, דאָס לערנען טוירע. רעב איטשעלע, איר מאַן, איז קלוימערשט אויך געווען א סויכער, אָבער זײַן הויפּט־באַשעפטיקונג איז באַשטאַנען אין דאַווענען, לערנען מישנאָיעס, זאָגן זויהאַר און אײַן מאַכן סודעלעך פאַר כסידים און רעדן וועגן צאַדיקים. אַזוי ווי זי איז געווען גרויס, אַזוי איז ער געווען קליין. אַזוי ווי שפּרינצע איז געווען פאַרשמײַעט מיט אירע מיסכאָרים, אַזוי איז ער געווען פאַרהאַוועט מיט ייִדישקײַט. ער האָט געוואָלט אַלץ מיטאַמאָל: דאַווענען, לערנען, אַרײַנכאַפּן א קדושע, א בראָכע, הערן א מײַסע, וואָס רעב מייער טומטום האָט דערציילט וועגן א גוטן־ייִד, זיך דערוויסן דעם טײַטש פון א שווערן

פאַסעק, צונויפנעמען א פאַר גילדן פאַר אַן אָרעמאַן. שפּרינצע האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט אויספאַרען מיט אירע אוגערקעס, זעק שפּײַז, בינטלעך האָלץ, מיט די אַלע קוינעטעס, וואָס זײַנען געקומען קויפן, און אַף רעב איטשעלען האָבן אַלעמאָל געלויערט אומצאָליקע מיצוועס. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען א געלער, אָבער ווען איך האָב אים געקענט, איז שוין זײַן בערדל געווען געלבלעך־גרוי. ער האָט געהאַט א גיכן גאַנג. ווען ער האָט געדאַוונט, האָט ער געשלונגען די ווערטער, און א סאַך ווערטער איבערגעזאָגט עטלעכע מאָל. ער איז דערבײַ אַרומגעלאָפן איבערן שטיבל, געפּאַטשט מיט די הענט, געריבן די הענט. ער האָט מעשונע גיך א כאַפּ געטאָן די ציצעס און צוגעדריקט צו די ברעמען. דאָ האָט ער געקושט דעם שעלראָש און דאָ דעם שעליאַד (דורך צולייגן די פינגער). דאָ האָט ער מיט זײַן שאַרפן אויער דערהערט, אַז מע דאַרף נאָכזאָגן אָמיין יעהיי שמיי ראַבאָ, און דאָ האָט ער גלאַט אַרײַנגעכאַפּט אַן אָמיין. אין גאַטס הויז, ווי אין זײַן שפּײַז־קראָם, האָט מען געמוזט האַלטן אַף אַלץ אַן אויג, האָבן אָפענע אויערן, ווען ניט — האָט מען העזעק געהאַט מיצוועס.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען נישט געקאָנט רעדן ניט צו אים און ניט צו זײַן ווײַב. פון זייערע פּנעמער האָט אַראָפּגעקוקט א פּאַרנומענקײַט און א בעהאָלע. אָבער גאַנץ אַנדערש האָבן זיי אויסגעזען שאַבעס, ווען איך פלעג קומען מיטן טשײַניק נאָך טיי. געוווינט האָט די גאַנצע מישפּאָכע אין א קלײנער דירע הינטערן געוועלב. אויב כ׳האָב ניט קיין טאָעס, האָבן זיי געהאַט בלויז איין שטוב, און אין דער איינער שטוב איז געשטאַנען דער אויוון מיט דעם טיי־קעסל. אָבער אין דער איינער שטוב האָט געהערשט די שאַבעסדיקע מענוכע: א געדעקטער טיש, א קידעש־בעכער, א מויצע־מעסער. שפּרינצע איז געווען אָפּגעוואַשן און אָנגעטאָן אין א פּאַרקעמט שײַטל און אין א שאַבעס־קלייד אַזאַ מיט אַראַבעסקן. רעב איטשעלע איז געזעסן אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע און אין א שטרײַמל. ער האָט געהאַט צוויי טעכטער,ביידע פרומע מיידלעך, געראָטן איינע פון דער אַנדערער מיט א יאָר, אָדער נאָך ווייניקער.

ווען איך בין געווען נאָך א קליין ייִנגעלע, פלעגן די דאָזיקע מיידלעך מיך יעדן שאַבעס פרעגן די אייגענע פראַגע:

— ווּעמען פון אונדז ווילסטו פאַר א קאַלע?

איך האָב מיך פאַרשעמט, אָבער איך האָב אַלעמאָל אָנגעוויזן אַף דער קלענערער.

— פאַרוואָס עפּעס זי? — האָט די העכערע מיך געפרעגט, און איך האָב געענטפערט:

— דו ביסט צו גרויס.

דער דאָזיקער ענטפער מײַנער האָט יעדן שאַבעס פונסנײַ אַרויסגערופן געלעכטער און פרייד.

אָבער איך בין געוואָרן עלטער און מע האָט מיך אַלץ זעלטענער געפרעגט די דאָזיקע קאַשע. ביז ס׳איז געקומען א שאַבעס, ווען מע האָט באַשלאָסן, אַז מע קאָן מיט מיר אַזוינע וויצן ניט מאַכן. אָבער סײַ די מיידלעך און סײַ איך האָבן געדענקט, וואָס מיר האָבן גערעדט, און דערפון איז אַנטשטאַנען א סאָרט געמיש פון שעמעוודיקײַט און אײַנגעהאַלטן געלעכטער.

אין דער דאָזיקער שטוב, ווי בא אונדז, האָבן דאָס ייִדישקײַט און די וועלטלעכקײַט געפירט צווישן זיך מילכאָמע, כאָטש זי האָט דאָרט אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער.

רעב איטשעלעס עלטסטער זון האָט ניט געוואָלט לערנען, נאָר איז געוואָרן א באַלמעלאָכע און געגאָלט די באָרד. פרײַטיק צו ליכט־צינדן האָב איך אים אַלעמאָל געזען זיצן בא צייטאָגן, דעם פעלדשער, אַף א שטול און דער פריזירער האָט אים אָנגעזייפט דאָס פּאָנעם און געגאָלט מיט א בריטווע. וויפל יעסורים דאָס האָט פאַרשאַפט רעב איטשעלען און שפּרינצען, קאָן מען זיך לײַכט אויסמאָלן. דער יונג איז געזעסן שאַבעס באַם טיש אין א קליין היטעלע אַף די פּאָמאַדירטע האָר, אין א קורץ רעקל, אין א פּאַפּירענעם קאָלנער און אין א פּאַפּירענער פּאַרלאַגע. ער האָט זיך געאײַלט, געוואָלט וואָס גיכער פּאָטער ווערן פון דעם טשאָלנט, די זמירעס, ווײַל ער האָט געהאַט א ראַנדעוווּ מיט א פרײַלין און זי גענומען אין אילוזיאָן. רעב איטשעלע האָט אים ניט געוואָלט פאַרטרײַבן פון הויז, ווײַל ווער ווייסט, וואָס אַזאַ יונגאַטש קאָן אָפּטאָן? אָבער ער האָט אים ניט געקוקט גלײַך אין די אויגן. בא זײַן טיש איז געזעסן דער ווידערשפּעניקער זון, די טרייפקײַט, וואָס וועט ברענגען טאַטע־מאַמע אין גענעם אַרײַן.

פון מײַן כאַווער נויעך, וואָס מיט אים בין איך געגאַנגען אין כיידער, האָבן טאַטע־מאַמע אויך ניט געהאַט צופיל נאַכעס. עמעס, ער איז נאָך געווען א ייִנגל, אָבער ער האָט ניט געוואָלט לערנען. מ׳האָט אים געמוזט אַרויסנעמען פון כיידער. ער האָט אויך ניט געוואָלט טראָגן קיין פּייעס. ער איז אויסגעוואַקסן א פּראָסט ייִנגל. גראָד די מיידלעך זײַנען געווען קאָשערע טעכטער, אָבער עפּעס איז שווער געווען מיט זיי טאָן א שידעך. אַזאַ צײַט איז געהאַט אַרויסגעקומען, אַז פאַר א קאָשער מיידל, וואָס קעמט זיך ניט אין שאַבעס און לויפט ניט אַרום מיט קיין יונגען, איז שווער געווען צו געפינען א כאָסן. ווער שמועסט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין נאַדן. וואָרעם פון דעם שפּײַז־געוועלב האָט קוים געקלעקט אַף דער פּאַרנאָסע.

— גוט־שאַבעס, — האָב איך געזאָגט, — כ׳וויל טיי.

— וואָס דאַרפסטו זאָגן, אַז דו ווילסט טיי? — האָט רעב איטשעלע מיך געפרעגט מיט א געמאָרע־ניגן, — מ׳זעט דען ניט, אַז דו ווילסט טיי?

שפּרינצע האָט מיך גלײַך פאַרענטפערט.

— וואָס זאָל ער זאָגן?

— ס׳איז גענוג, אַז ער זאָגט גוט־שאַבעס.

— גוט־שאַבעס.

— גוט־שאַבעס, גוט־יאָר. ס׳שטייט, אַז מאָשיעך וועט קימען, וועט זײַן א יוים שעכאָלאָ שאַבעס. ס׳עט זײַן בלויז שאַבעס.

— אויב אַזוי, ווען וועט מען קאָכן? — האָט געפרעגט איינע פון די מיידלעך.

— מ׳עט ניט דאַרפן קאָכן. אַף דער וועלט וועט זײַן ס׳גאַניידן. די צאַדיקים וועלן זיצן באַם טיש און עסן א סודע. מ׳עט לערנען טוירע, מ׳עט

מעגאַלע זייַן די סודעס האַטוירע. דער פאַרגעניגן דערפון וועט זייַן גאָר אָן א שיר.

— כאַוועלע, צאַפּ אים אָן די טיי, — האָט שפּרינצע באַפוילן.

— וואָס איז ס׳איילעניש? וואָס מאַכט דער טאַטע, האַ?

— אַזוי.

— א טייַערער ייִד. א צאַדיק. וועסט כאָטש גיין אין זייַנע וועגן?

— יאָ.

— האָסט מייַוועער געוועזן די סעדרע, האַ?

— יאָ.

— וואָס וועסטו טאָן נאָכן עסן?

— גאָ׳ניש׳.

— פאַרוואָס זאָלסטו ניט נעמען מייַן נויעכן און צוזאַמען מיט אים עפּעס לערנען? לערנען אַליין איז א גרויסע מיצווע, אָבער לערנען מיט יענעם איז נאָך א גרעסערע מיצווע.

— טאַטע, ניט הייַנט, — האָט נויעך זיך אַרייַנגעמישט.

— פאַרוואָס ניט הייַנט?

— כ׳דאַרף גיין צו א ייִנגל.

— ווער איז דאָס ייִנגל? ווו דאַרפסטו גיין? ס׳שטייט, אַז האַשעם ייִסבאָרעך האָט געוואָלט מעזאַקע זייַן ייִדן און דעריבער האָט ער זיי געגעבן די טוירע און די מיצוועס. איז וואָס זשע לייגסטו אָפּ? ווען עמעץ וואָלט דיר געגעבן א זאַק מיט גאָלד און פּערל און רענדלעך, וואָלסטו אים אויך געהייסן וואַרטן, ווייַל דו גייסט צו א ייִנגל? גאָלד און דימענטן זייַנען גוט בלויז אָף דער וועלט. אַז מ׳שטאַרבט, נעמט מען גאָרניט מיט. אָבער די טוירע און מיצוועס באַלייטן דעם מענטש אָף יענערוועלט.

— יאָ, טאַטע, אָבער ער וואַרט אָף מיר.

— וואָס וואַרט ער? ווער איז ער? וואָס טוט איר צוזאַמען?

איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס נויעך טוט. ער האָט געהאַט א פולע קעשענע מיט קנעפּ און „מאַניאַקעס", זעלנערשע קנעפּ מיט קריינדלעך אָדער אָדלערס. ער האָט א גאַנצן שאַבעס געשפּילט אין קנעפּ. ער האָט זיך שוין אויך געשאַרט צווישן די יונגען, וואָס גייען מיט מיידלעך אין איליוזיאָן. ער האָט זיך באַרימט פאַר מיר, אַז ער האָט זיך שאַבעס נאָכגעהאַנגען נאָך א דראַזשקע. מאַלע וואָס נויעך האָט אַלץ געטאָן אין שאַבעס! און דאָ זיצט רעב איטשעלע און קוקט אָף אים קרום פון הינטער די געלע ברעמען, און זאָגט אים מוסער, וואָס קאָן העלפן, ווי א טויטן באַנקעס.

— נו, וואָס זאָגסטו, האַ?

— אָן אַנדערשט מאָל.

— נו, און דו ווילסט ניט, איז ניט. כאַוועלע, צאַפּ אים אָן די טיי.

כאַוועלע האָט גענומען בא מיר דעם טשייַניק און אָנגעצאַפּט הייס וואַסער.

— זאָג דעם טאַטן, אַז, מערטשישעם, איפּדערוואָך דינסטיק איז דעם רעבנס יאָרצייַט. ס׳עט זייַן א סודע, — האָט רעב איטשעלע זיך אָנגערופן.

— יאָ, כ׳וועל זאָגן.

— גייסט נאָך אין כיידער אַרייַן?

— ניין. כ׳לייען שוין אַליין א בלאַט געמאָרע.

— אַזוי? דו הערסט, נויעך? וואָסער געמאָרע לערנסטו?

— בייצע.

— און פאַרשטייסט שוין אַליין?

— יאָ, כ׳פאַרשטיי. אַז כ׳פאַרשטיי ניט, קוק איך אַרייַן אין ראַשי.

— און אַז פאַרשטייסט ניט, וואָס ראַשי מאַכט?

— פרעג איך דעם טאַטן.

— אַוואַדע אַזוי. שעאַל אָוויכאָ וועיאַגעדכאָ — פרעג דעם טאַטן, וועט ער דיר זאָגן. אָבער ס׳איז אַרויסגעקומען א דאָר, וואָס וויל ניט פרעגן דעם טאַטן. דער טאַטע ווייסט גאָרניט, אָבער די ווילדע יונגען ווייסן אַלץ. וואָס ווערט פון א ייִד, אַז ער וואַרפט אַראָפּ ס׳ייִדישקייַט? בא די גוייִם איז ער נאָך אַלץ א זשיד. ניט ר׳האָט אויפגעמהאַזע, ניט אויפגעמהאַבע. נו, גיי, די טיי ווערט קאַלט.

— גריס די מאַמעשי, — האָט שפּרינצע נאָכגערופן.

דורך א האַלב פאַרהאַנגענער טיר האָב איך געזען דאָס געוועלב. א גאַנצע וואָך האָט דאָרט געשוויבלט און געגריבלט מיט קוינים. מ׳האָט דאָרט אַלעמאָל געברענט דעם גאַז. אָבער איצט איז געשטאַנען א שאַבעס־באַטאָגיקע פינצטערניש, א סוידעסדיקע שטילקייַט. אַלץ האָט זיך געדוכט, איז אַרייַנגעטאָן אין שאַבעסדיקע טראַכטערצער אַזוינע, וואָס עס טראַכטן יענע זאַכן, וואָס זייַנען מוקצע און מע טאָר זיי ניט אָנרירן. אַלץ שווייַגט מיט א שאַבעסדיק שווייַגעניש; יעדעס פּעקל ציקאָריע, יעדעס בינטל האָלץ, יעדעס פּעקל הייוון, יעדע אַרבעס אין זאַק. גאָט האָט גערוט אין זיבעטן טאָג, און אַלץ רוט פון דעמלט אָן. וועט טאַקע קומען אַזא טאָג, ווען ס׳איז שטענדיק שאַבעס?..

אין דרויסן האָב איך דערזען רעב מייער טומטום. דער דאָזיקער ייִד איז געווען איין גרויס רעטעניש. ער איז געווען א טומטום, און ס׳איז אים ניט געוואַקסן קיין באָרד. וואָס קאָן זייַן אויסטערלישער, ווי א ייִד מיט א נאַקעט פּאָנעם? דערצו איז ער איין האַלבן כוידעש געווען צערודערט און דעם אַנדערן האַלבן כוידעש — מעיאַשעוו. ווען ער איז געווען צערודערט, האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, געמורמלט, געשמייכלט, געריבן די הענט. ווען ער איז געווען מעיאַשעוו, האָט זיך געשאָטן פון זייַן מויל טוירע, כסידישע גלייַכווערטלעך, לוימדעס, מייַסעס פון גוטע־ייִדן. איצט איז ער, ווייַזט אויס, מעיאַשעוו. ער גייט איבער דער גאַס אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע און מיט א שטרייַמל אַפן קאָפּ. ער דאַוונט שפּעט, רעב מייער טומטום. נאָכן דאַוונען זעצט ער זיך לערנען אַפן קאַצקער שטייגער. ערשט איצט גייט ער אַהיים. אָבער ווו גייט ער? צו וועמען גייט ער? קיין ווייַב האָט ער ניט, קיין קינדער קאָן ער ניט האָבן. קיין טאַטע־מאַמע האָט ער שוין אויך ניט. ווער זשע גרייט צו שאַבעס פאַר אים? ווער וויל האָבן בא זיך אין שטוב א טומטום, וואָס איז דערצו צוויי וואָכן אין כוידעש מעשוגע?

עמעץ וויל אים האָבן. עמעץ טוט אָף אים אַכטונג. עמעץ וואַשט זייַנע וועש. עמעץ בעט באַנאַכט

זײַן געלעגער. ערגעץ אין א הויף איז דאָ א ייִדענע אזא, וואָס האָט אַף זיך גענומען די דאָזיקע מיצווע.

— גוט־שאבעס, רעב מייער.

— גוט־שאבעס. עץ האלט שוין נאָכן טשאָלנט, האַ? דערמאָן דעם טאַטן, אז איפדערוואָך איז דעם רעבנס יאָרצײַט. ס'עט זײַן א סודעלע.

און רעב מייער טומטום איז אוועק אהיים מאכן קידעש און זינגען זמירעס. ווײַל א ייִד איז א ייִד, יאָ־טומטום אָדער ניט־טומטום, מעיאשעוו אָדער מעשוגע...

דער דין־טוירע

ס'האָט זיך געפונען איין ייִדישער שריפטשטעלער, וואָס האָט געקענט דעם שרײַבער פון די שורעס, ווען ער איז נאָך געווען א קינד: דאָס איז געווען סימכע פּיעטרושקא, דער באַרימטער אילוי, דער איבערזעצער פון מישנאיעס אַף ייִדיש. סימכע פּיעטרושקא איז געווען מײַן פאָטערס טאַלמיד בייס ער איז געווען ראָש־יעשיווע אין ראַדזימין. סימכע פּיעטרושקא האָט אמאָל בא אונדז געגעסן שאבעס. מײַן פאָטער פלעג אָפט דערציילן וועגן פּיעטרושקאָס גאָענשאפט. איין מײַסע האָב איך געהערט א סאך מאָל. סימכע פּיעטרושקא האָט זיך געוועט, אז ער וועט אין א זומער־נאכט אויסלערנען צוויי מעסיכטעס: זעוואָכים און מענוכעס. די געמאָרעס זעוואָכים און מענוכעס זײַנען באַרימט מיט זייער שווערקײַט. עס רעדט זיך דאָרט וועגן קאָרבאָנעס און אויך וועגן דעם געבוי און די געפעסן פון בייס־האמיקדעש. ס'זײַנען פאַראַן א סאך לאָמדים, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געלערנט די דאָזיקע געמאָרעס. א זומער־נאכט איז קורץ. אפילע גלאַט אַף צו זאָגן דעם טעקסט פון די דאָזיקע צוויי געמאָרעס איז א זומער־נאכט צו קורץ. אָבער סימכע פּיעטרושקא האָט ניט געזאָגט, נאָר געקוקט, געמורמלט און געבלעטערט — א גאנצע נאכט. אינדערפרי האָט אים מײַן פאָטער פאַרהערט, און ער האָט געדענקט יעדעס צײַטל, יעדן זאָג פון א טאַנע אָדער אן אמוירע, יעדן טויספעס.

א סקעפּטיקער קאָן זאָגן, אז פּיעטרושקא האָט שוין אמאָל געהאט געלערנט די דאָזיקע צוויי מעסיכטעס, אָבער אפילע אזוי איז דאָס נאָך אלץ א וואונדער, ווען א יונגער באָכער קאָן געדענקען זעוואָכים מיט מענוכעס מיט אלע טויספעסן. מײַן פאָטער האָט אים גענוי אויסגעפרעגט, און אלץ איז געווען פריש אין זײַן קאָפּ.

אן אויסטערלישער אילוי איז געווען דער זון פון דעם רעבן, וואָס האָט געוווינט אַף גזשיבאָווסקע, נומער 11. דוכט זיך, אז זײַן נאָמען איז געווען רעב מייערל. זײַן זון איז באָכערווײַז געווען אן אילוי. שפּעטער איז ער, ווי פּיעטרושקא, געוואָרן „קאליע”. ער האָט גענומען פאַרפאַסן אן אייגענע ענציקלאָפּעדיע, און די נאָטיצן האָט ער געהאלטן אין זעק אפן בוידעם. מענטשן, וואָס האָבן געזען די אַרטיקלען פון דער דאָזיקער קיינמאָל ניט צו שטאַנד געקומענער ענציקלאָפּעדיע, האָבן געזאָגט אז זי איז געווען פול מיט גויאָנעס. רעב מייערלס זון האָט בוכשטעבלעך געקענט שאס אויסווייניק.

ווען איך בין געווען א קליין ייִנגל, האָט א וואַרשעווער קלאָל־טוער און פאַבריקאַנט פון זייגערס, רעב מייער־יויעל שוואַרצשטיין, געלאָזט וויסן אין די צײַטונגען, אז יעדער באָכער, וואָס וועט קענען פּופּציק בלאַט געמאָרע פון אויסווייניק, וועט קריגן פון אים אומזיסט א זייגער. איך האָב וויפל מאָל געזען די דאָזיקע זייגערס: זיי האָבן געהאט א ייִדיש ציפערבלעטל און אין קליינע אויסיעס איז געווען אָפּגעדרוקט: „בעבור שהצטיין בלי־מודו”, ווײַל ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין זײַן לערנען. צו קריגן אזא זייגער (וואָס איז מיסטאמע ניט ווערט געווען מער ווי דרײַ אָדער פיר רובל) האָט דער באָכער געדאַרפט ברענגען בריוו פון דרײַ מוירע־הוירעאָס, אז יענע האָבן אים פאַרהערט און ער קען זײַנע פופציק בלאַט. די דאָזיקע פּרעמיע האָט אַרויסגערופן א בעהאָלע אין אלע שטיבלעך און באַטעמעדראָשים. הונדערטער אָדער עפּשער טויזנטער באָכערים האָבן זיך געלערנט געמאָרע אויסווייניק. אונדזער שטוב איז מאמעש באַלאַגערט געוואָרן פון די דאָזיקע באָכערים. די פאַרמעגלעכע מוירע־הוירעאָס האָבן זעלטן געהאט צײַט פאַר אזוינע באָכערים. אָבער מײַן פאָטער האָט געהאט סײַ צײַט און סײַ דעם גוטן ווילן. ער האָט אויפגענומען די באָכערים פרײַנטלעך, זיי גרינטלעך פאַרהערט, און ווען א באָכער האָט אמאָל זיך פאַרהאַקט, האָט דער טאַטע אים אונטערגעזאָגט א וואָרט. דערנאָך האָט ער אים געגעבן א וואַרעם בריוול און אַרופגעלייגט א שטעמפּל. איך פלעג אלעמאָל שטיין דערבײַ, ווי דער טאַטע האָט פאַרהערט די באָכערים. איך אליין האָב שוין דעמלט זיך געלערנט מישנאיעס פון אויסווייניק און פאַר יעדן פּיירעק מישנאיעס האָב איך באַקומען פון מײַן פאָטער א קאָפּיקע. עטלעכע פּיירוקים מישנאיעס זײַנען מיר געבליבן שטעקן אין זיקאָרן ביז הײַנט־צו־טאָג.

מײַן פאָטער איז געווען א מעכאַבער פון ספאָרים, אַף זײַן שטייגער א „ליטעראַט”, און ער האָט ליב געהאט צו רעדן וועגן זײַן „ליטעראַטור”. איך בין נײַגעריק געווען צו הערן, און מײַן פאָטער האָט מיר פאַרטרויט א סאך זאכן. ער האָט געהאט צווישן די מעפאָרשים זײַנע ליבלינגס און אויך אזוינע, וואָס דער טאַטע פלעג זאָגן, אז ער „פאַרשטייט זיי ניט”. ער האָט אָנגענומען, אז ווען איך וועל אויפוואַקסן, וועל איך אויך זײַן א מעכאַבער פון ספאָרים, און ער פלעג טײַנען צו מיר:

— גיי מיטן גלײַכן סייכל. לאָז דיך ניט אַרײַן אין קיין פּשאַטלעך. די גרויסע האָבן אלע געלערנט

אפן אָרט. זיי האָבן געגראָבן אין דער טיף, ניט צונויפגעפירט א וואנט מיט א וואנט.

דער טאטע האָט געלערנט און געשריבן, גערייכערט א ליולקע און געטרונקען א סאך גלעזער הייסע טיי פארן דאווענען. געלערנט האָט ער באם פענצטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט קעגן פלעצל. ס'איז שווער זיך אויסצומאָלן א גרעסערן קאָנטראסט, ווי צווישן דעם דאָזיקן ייִד און די לײַט אפן פלעצל, וואָס איז געווען עטלעכע טריט ווײַט פון דעם פענצטער. מאמעש פארן טאטנס אויגן האָבן גאנאָווים געשניטן קעשענעס באַ פארבײַגייער, אויסגעכאפּט פעקלעך, זיך אָפּגעגעבן מיט אלערליי גנייווישע לאָטעריעס. אָבער דער טאטע האָט זיי ניט געזען און מאמעש ניט געוווּסט פון זייער עקזיסטענץ. ארום האָט געשווירבלט און געגריבלט מיט ציִעניסטן, סאָציאַליסטן, טעריטאָריאַליסטן, אסימיליאטאָרן. ס'איז געווען א ייִדישע ליטעראטור, א העברעישע, שוין ניט רעדנדיק וועגן דער פּוילישער און דער רוסישער. אָבער פאר מײַן פאָטער איז דאָס אַלץ געווען „גויִשקײַט" און מער האָט ער דערוועגן ניט דערוווּסט און ניט געוואָלט וויסן.

איינמאָל אין א שאבעסצונאכטס האָט זיך דערהערט איבער דער קראָכמאלנע א יאָמערלעך געשריי פון א פרוי. אין א מינוט איז די גאס געוואָרן שווארץ. פון אַלע טויערן האָבן גענומען לויפן יונגען, מיידן. דער טאטע איז ארויס אפן באלקאָן. ס'איז פארבײַ א ייִד, רעב כאיִם, און דער טאטע האָט צו אים א זאָג געטאָן:

— וואָס איז דאָ געשען, רעב כאיִם?

— גאָרנישט, רעבע, מ'האָט פארגוואלדיקט א מויד...

דער ייִד האָט ניט גענוצט דאָס וואָרט פארגוואלדיקט, נאָר א מיִעס וואָרט. דער טאטע איז געוואָרן פארשעמט. ער איז ארײַן אין שטוב און געהייסן פארמאכן די פענצטער. איין טריט פון זײַן הויז האָט מען אָפּגעטאָן אומווירדיקע מײַסים. א דינע וואנט און א שטאָק שטיגן האָט אָפּגעטיילט צווישן זײַן בעסדין־שטוב און די שווארצע קויכעס.

אַן אנדער מאָל האָט מען געוויזן אין אונדזער שטוב א רעוואָלווער. ס'איז געשען אזוי: די טיר האָט זיך געעפנט און ס'זײַנען ארײַנגעקומען עטלעכע פארשוינען. גלײַך דער ארײַנקום זייערער איז געווען פון ווילדע יונגען. זיי זײַנען געווען אָנגעטאָן אין עפּעס אזוינע העלע רעקלעך, ברייטע הויזן, גלאנציקע שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס. ארײַן זײַנען זיי מיט א געשריי, מיט ווילדע רייד, מיט גראָבע קוילעס. זיי האָבן ארײַנגעבראכט א גערוך פון בראנפן און נאָך עפּעס גראָב־יונגישס און טרייפס. צוזאמען מיט די ווילדע פארשוינען איז געגאנגען א קליין ייִדעלע, א געבויגענער, א צעקנייטשטער, מיט א האלב אויסגעקראָכן בערדל, אָנגעטאָן האלב־קורץ, האלב־לאנג. ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי דער ייִד איז א זאָקן, וואָס האלט זיך קוים אַף די פיס, אָדער א קראנקער, וואָס ס'איז פריי אַף אים ארוף די עלטער. די אויגן זײַנען געווען פארוואקסן מיט ברעמען־בערשטלעך און ס'האָבן אונטער זיי געהאנגען טאָרבעלעך אזוינע און א סאָרט פּיאַלעטער מאָך. דער טאטע האָט זיך דערשראָקן פאר די לײַט, אָבער ער האָט זיי פונדעסטוועגן געהייסן זיך זעצן.

— וואָס זאָגט עץ גוטס?

— רעבע, מיר ווילן האָבן א דין־טוירע.

— נו, אדרבא. ווער מאָנט וועמען?

— מיר מאָנען אים! — האָט דער עלטסטער און דער פירשפּרעכער פון די ווילדע יונגען אָנגעוויזן אַף דעם צעבראָכענעם מענטשל.

— דער, וואָס מאָנט, רעדט פריִער.

— רעבע! — האָט דער ווילדעריונג געטאָן א געשריי. — מיר האנדלען שוין מיט דעם דאָזיקן מענטש צוואנציק יאָר. ער האָט באַ אונדז פארדינט א פארמעגן. אָבער ער איז א גאנעוו, א מארוויכער, א באַרײַסער. ער האָט אונדז באגאנוועט, רעבע! ער האָט באַ אונדז ארויסגענארט שווערע טויזנטער. ער האָט ניט געהאנדלט מיט אונדז ווי אַן אייגענער מענטש, נאָר ווי א גראנדאָווניק, א רויבער, א פאָלע־שנײַדער. מירן עים געגלייבט, רעבע. מירן עים געגלייבט, ווי אַן אייגענעם טאטן, אָבער ער'ט אונדז גענומען אפן זיכער. רעבע, דאָס איז ניש' קאָ' ייִד מיט א ייִדיש הארץ, נאָר א גאזלען, א באנדיט. מיר זײַנען געווען יאָלדן, רעבע, און ער'ט געהאט אין אונדז ס'גענאר. אויב כ'זאָג א וואָרט ליגן, רעבע, זאָל יאך ניש' דערלעבן צו פירן מײַן טאָכטער צו דער כופּע!

— רעדט געלאסן. וואָס האָט עץ מיט אים געהאנדלט? — האָט דער טאטע געפרעגט.

— וואָס איז די נאפקעמינע וואָס? מירן געהאנדלט!

— באַ א דין־טוירע מוז מען וויסן.

— מירן געקויפט באַ עים אלערליי סכוירעס. פערד, היי, אמאָל א בריטשקע אויך. ער'ט אונדז צוגעשטעלט וואָס מירן געדארפט. ער איז געווען באַ אונדז אַן אייגענער מענטש און מירן עים געטרויט, ווי א ברודער. מ'האָט געהאנדלט, ווי מ'זאָגט, אַף נעמאָנעס, אָבער ער'ט אונדז אָנגעפּײַפט, רעבע, פון קאָפּ ביז די פיס. ער'ט געמאכט דעם אָנשטעל, אז ער גיט אונדז אַלץ אַף קאָסטן, אָבער ר'האָט געריסן א פּאס. די הויט האָט ער געשונדן! מיר מאָנען צוריק ס'גאנצע געלט! צוואנציק טויזנט רובל.

— עץ האָט א כעזשבן, הא?

— מיר פירן ניש' קאָ' כעזשבוינעס. באַ אונדז איז אַלץ אפן וואָרט. מיר זײַנען ניש' קאָ' בוכהאלטערס. באַ אונדז א וואָרט איז הייליק, ווי א טוירע. מירן זיך ניט געדונגען. מירן אַלץ אָפּגערעדט באַ א גלאָז ביר. רעבע, ווען עמעץ וואָלט גערעדט אַף דעם מענטש א שלעכט וואָרט, וואָלטן מיר יענעם די קישקעס ארויסגעזעצט. ער איז געווען איינער פון אונדזערע. אָבער איצט, רעבע, זעען מיר, אז דאָס איז א הויטרײַסער, א פּראָצענטניק, א שפּעקולאנט איינער אין ווארשע. מיר ווילן צוריק אונדזער געלט, אז ניט — וועלן מיר וויסן, וואָס צו טאָן!

און דער פארשפּרעכער האָט אוועקגעלייגט אפן טיש א שווערע פויסט.

דער אלטער האָט געמאכט א באוועגונג, ווי צו רעדן, נאָר ס'זײַנען ניט ארויסגעקומען קיין ווערטער. ער האָט זיך גענומען קרעקען, ווי אַן

אַלטער וואַנטזייגער, איידער ער נעמט קלינגען. דאָס אַנצייניקע מויל האָט זיך באַוועגט, די אײַנגעשרומפּענע באָרד האָט זיך גענומען שאָקלען און קרימען. דער גאַנצער גוף האָט זיך געטרייסלט און געציטערט. אָבער דאָס איז ניט געווען די ציטערניש פֿון מוירע, ווײַל מיטאַמאָל האָט דער אַלטער גענומען רעדן קלאָרע דיבורים.

— רעבע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — ווייסט איר, ווער די לײַט זײַנען? דאָס זײַנען גאַנאָווים, לאַבוזעס. איר ווייסט, פֿאַרוואָס זיי האָבן ניט פֿאַרשריבן? ווײַל זיי קאָנען קאַ' פֿען ניט האַלטן, און ווײַל זיי זײַנען געזעסן אין טורמע, און ווען יאָך וואָלט ניט אַרויסגעהאָלפֿן זייערע ווײַבער, וואָלטן זיי געשוואָלן געוואָרן פֿון הונגער. זיי, רעבע, האָבן ניט פֿאַרשריבן, אָבער יאָך האָב אַ ביכל, וווּ אַלץ איז פֿאַרצייכנט — יעדער רובל, יעדער גראָשן. אָט, רעבע, איז ס'ביכל!

און דער אַלטער האָט מיט אַ קרום הענטל אַרויסגעצויגן פֿון בוזעם־קעשענע אַ ביכל, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי אַלט און צעקנוידערט, ווי ער אַליין. די בלעטלעך זײַנען געווען אָפּגעצופּט אין די ראַנדן. פֿאַרשריבן איז אַלץ געווען אין אַ האַלב־אָפּגעמעקטער און אָפּבלאַקירטער שריפֿט און אַזוי געדיכט, אַז איין שורע איז מאַמעש אַרײַנגעקראָכן אין דער אַנדערער.

— זעט, רעבע! קוקט!

דער טאַטע האָט גענומען דאָס ביכל, געבלעטערט אַ ווײַל, עס אים צוריקגעגעבן.

— איך קען זיך ניט אָפּ קיין כעזשבוינעס.

— זאָלן זיי דינגען אַ בוכהאַלטער. דאָ איז אַלץ פֿאַרשריבן!..

— מיר דאַרפֿן ניש' קאַ' בוכהאַלטער. איר גיט בעסער אָפּ די מאַמטאַקים!

— כ'על ענק אָפּגעבן אַ קרענק און אַ קאַדאַכעס און אַ מאַקע אין דער זײַט! — האָט דער זאַקן געצויגן די ווערטער. ער האָט אויפֿגעהויבן די ברעמען און געקוקט, ווי פֿון אַ טיפֿער הייל. ס'איז געווען אין זײַן בליק די טאַקיפֿעס פֿון אַ כײַע.

— ווײַז עים דעם שפּײַער!

אַ יונג האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער. ס'איז געווען צום ערשטן מאָל, ווי כ'האָב געזען אַזאַ קיילע־מאַשכעס. דער טאַטע איז געוואָרן ווײַס. בא מיר איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן דער אָטעם. דער אַלטער האָט געטאָן אַ כאָרכל און אַ לאַך.

— נו, שיס! באַלוואַנעס, כאַמעס, געמיינע יונגען!.. מיינען, אַז זיי וועלן מיך אָפּשרעקן מיט אַ רעוואָלווער!..

דער טאַטע האָט מיטאַמאָל גענומען רעדן מיט אַ הייזעריקלעך קאָל:

— ייִדן, דאָס איז אַ בעכדין־שטוב. אויב עץ לאָזט אײַך אָפּ אַזוינע דראָכים, זײַט מויכל און גייט געזונטערהייט!

— האָט'ץ ניש' קאַ' מוירע, רעבע, אײַך וועט מען גאָרניש' טאָן!..

— צו מיר קומט מען מיט אַ דין־טוירע, נישט מיט קאַ' קלייזײַען. פֿון אַזוינע זאַכן קומט קאַ' גוטס ניט אַרויס!

— לייג אַרײַן דעם שפּײַער!

די טײַנעס, געשרייען און זידלערײַען האָבן נאָך געדויערט אַ גוטע שאָ. די יונגען האָבן גערעדט מיט גוטן און מיט בייזן. זיי האָבן דערמאָנט אַמאָליקע צײַטן, גוט־ברודערשע סודעלעך אין אַלערליי רעסטאָראַציעס און גאָרקיכן. זיי האָבן זיך געפּויקט אין דער ברוסט און געגעבן האַרבע שוווּעס. דער אַלטער האָט אָפּ אַלץ אָפּגעענטפֿערט מיט רוגזע, מיט זידלערײַען, גערופֿן זיי: לאַטקעס, געהינטעכץ, פּרעטענסיע־נעמערס, קרימינאַלניקעס. די ווערטער זײַנע האָבן געמאַכט פֿון זיי אַש און בלאָטע. דער טאַטע האָט געקוקט אַ דערשטוינטער. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער געוואָרפֿן אַ פֿרעגנדיקן בליק אָפּ מיר. צומאָל האָט זיך אָפּילע באַוויזן אין טאַטנס באָרד עפּעס אַזוינס ווי אַ שמייכל. דער דאָזיקער זאַקן, וואָס האָט אויסגעזען האַלב־פּאַראַליזירט, האָט אין זיך געהאַט אַ שטאַרקײַט, וואָס איז שווער געווען צו פֿאַרשטיין. אָבער פֿונוואַנען האָט זי זיך גענומען? ווי קאָן אַן אַלטער קראַנקער מענטש זיך אַקעגנשטעלן אַזוינע בויאַנעס? צו קיין פּסאַק איז ניט געקומען. מ'האָט זיך אַזוי לאַנג געקריגט און געזידלט, ביז מ'איז אַוועקגעגאַנגען.

מאָדנע, נאָר די מוטיקײַט און האַרטנעקיקײַט פֿון דעם דאָזיקן זאָקן איז דעם טאַטן עפּעס ווי געפֿעלן. ער האָט לאַנג גערעדט דערוועגן. ס'איז געווען ווי אַן אָנצוהערעניש, אַז אָפּילע אין די איניאָנים פֿון אוילעמהאַזע איז קויעך ניט אַלץ. דאָס וואָרט איז בײַגעקומען דעם רעוואָלווער. ס'איז געווען ווי אַ דערמאָנונג פֿון דער מײַסע מיט דאָווידן און גאָליאַסן. איין זאַך האָט דער טאַטע ניט געוווּסט: אַז דאָס דאָזיקע ייִדעלע איז אויך געווען אַן אונטערוועלט־פֿאַרשוין. ער האָט אויך געהאַט אַ צאַד, וואָס האָט געטראָגן רעוואָלווערן. דער טאַטע האָט איבערדערציילט די מײַסע אין ראַדזימינער שטיבל, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מע קען דעם אַלטן גוט. ער איז געווען אַ באַקאַנטער פּאַסער, אַן אויפֿקויפֿער פֿון גנייווישע סכוירעס און אַ סאָרט „רעבע" בא די גאַנאָווים.

• • •

דער מישפּעט

די צייַטונג „ראַדיאַנסקאַ זשיטאָמירשטשינאַ" האָט געמאָלדן אין דעקאַבער כוידעש פאַריקס יאָר, אַז אין דזערזשינסק וועט פאָרקומען אַ געריכט איבער דרייַ פאַרעטער, וועלכע האָבן אייַנגעטונקען זייערע הענט אין בלוט פון אומשולדיקע סאָוועטישע בירגער אין דער צייַט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

אין איבערגעפּולטן זאַל פונעם ראַיאָנישן קולטור־הויז האָבן צענדליקער איידעס דעמאַסקירט דעם פאַרצעף פון די ראָצכים. די געריכט־קאָלעגיע פונעם קרייַז־געריכט האָט אַנערקענט גנאַטיוקן, לעסקאָן און ריבאַקן פאַר שולדיקע אין דערמאָרדן אַ גרויסע צאָל פרידלעכע מענטשן. פאַר די אַכזאָריעסדיקע מייַסים זייַנען גנאַטיוק און לעסקאָ פאַרמישפּעט געוואָרן צום טויט, ריבאַק האָט באַקומען 15 יאָר טפיסע, ווייַל ער איז געווען נאָך יונג אין דער צייַט פון דער מילכאָמע.

עס האָט זיך פאַרהיט אַ מאַגניטאָפאָן־פאַרצייכענונג. אָפּט הערט זיך אין זאַל אַ געוויין, און ווי אַנדערש, ווען עס ווערט אויפגעדעקט מיט פּראָטים אַזאַ טראַגישע געשיכטע? אַ ביטערער קנויל שטעלט זיך אין האַלדז, ווען ליודמילע דאַווידאָווּנע בלעכמאַן, איר מיידלשער פאַמיליע־נאָמען איז געווען צימרינג, דערמאָנט זיך אין דעם איבערגעלעבטן (זי לעבט אין מאָסקווע, און איבער איר געזונט־צושטאַנד האָט זי ניט געקאָנט קומען צום פּראָצעס).

זי דערציילט וועגן די פינצטערע געשעענישן אין האַרבסט 1941 יאָר: „זונטיק פאַרטאָג, ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן ליכטיק ווערן, האָבן זיך צו אונדז אין שטוב אַרייַנגעריסן עטלעכע פּאָליצייַען. זיי זייַנען געווען שיקער און מיט זידלווערטער זיך געשאָלטן. איינער פון זיי האָט געמאָלדן, אַז מיר זאָלן מיט זיך נעמען די בעסערע זאַכן און אויך עסן, ווייַל מע דאַרף אונדז קלוימערשט אַריבערפירן אַף אַן אַנדער אָרט. דאָס קליינע שוועסטערל פאַניע האָט געפרעגט: „וווּהין גייען מיר?". די מאַמע האָט געענטפערט: „אין וואַלד אַריַין", און פאַניעטשקע האָט געזאָגט: „נעם מיט מייַן קוקלע, מאַמע".

ביטערע טרערן לאָזן ווייַטער ניט דערציילן ליודמילע דאַווידאָווּנען. גלייַך ווי עס זייַנען ניט דורכגעגאַן קיין 45 יאָר, שטייט נאָך פאַר אירע אויגן די גרויסע גרוב פונעם מיראָפּאָליער פּאַרק. אַהין האָבן די פּאָליצייַען צונויפגעטריבן מער פון 750 יידן — פרויען, קינדער, אַלטע מענטשן. מע האָט זיי אַוועקגעשטעלט נעבן דער גרוב און באַפוילן זיך אויסטאָן ביז דעם הינטערשטן וועש. די ווערטפולע זאַכן האָבן זיי געלייגט אַף איין אָרט און די בגאָדים אַף אַ צווייטן. די מענטשן האָט מען אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער גרוב, יעדער פּאָליציאַנט האָט אויסגעקליבן זייַן קאָרבן און געשאָסן אין אים. דערנאָך האָט מען געבראַכט נאָך אַ גרופּע קאָרבאָנעס און זיי דערשאָסן. אַזוי האָבן די פּאָליצייַען מעטאָדיש פאַרניכטעט אַלעמען.

— איך געדענק, וויאַזוי די מאַמע און דער טאַטע זייַנען געשטאַנען אַפן ראַנד פון דער גרוב, האַלטנדיק דאָס שוועסטערל בא די הענט. זי האָט שטאַרק געשריגן און געפּרווט זיך אַרויסרייַסן. די אַקציע האָט געדויערט אַן ערעך דרייַ שאָ, איך בין צופעליק געבליבן אין דער לעצטער גרופּע. מע האָט מיך אַוועקגעשטעלט אַפן ראַנד פון דער גרוב. אייניקע אין דער גרוב זייַנען געווען נאָך לעבעדיק און געשריען: „מאַכט מיט אונדז אַ סאָף!" די געשרייען און די קרעכצן זייַנען געווען גרויליק. עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס, און איך בין אַרייַנגעפאַלן אין דער גרוב.

— דער באַוווּסטזייַן האָט זיך צו מיר אומגעקערט שפּעט באַנאַכט. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען דעם הימל. איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר. שווער, אַפילע אומעגלעך איז געווען צו גלייבן, אַז כ'בין לעבעדיק. איך ליג צווישן טויטע קערפּערס און דערמאָן זיך, וואָס עס איז פאָרגעקומען, מיט אַלע אייַנצלהייַטן. לעבן מיר און אַרום מיר האָבן נאָך געגויסעט מענטשן. די גרוב איז געווען פול מיט מייסים. שטיל און פּאַמעלעך בין איך אַרויסגעקראָכן און זיך דערקליבן ביז צו דער לאָנקע. פון דאָרט — אין וואַלד. זיך אויסבאַהאַלטן בא אַ באַקאַנטער פּויערטע. זי האָט מיך אַרומגעוואַשן, געגעבן אַ העמד און עסן, נאָר באַלד מיך אַרויסבאַגלייט פון שטוב. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מייַנע צוויי עלטערע שוועסטער, אַניע און מאַריע, האָבן צופעליק אויסגעמיטן דעם טויט און, טראַכטנדיק, אַז דערמיט האָבן זיך געענדיקט אַלע אונדזערע צאָרעס, בין איך געקומען צו זיי.

אָבער דאָס איבערגעלעבטע איז אויסגעקומען איבערצולעבן נאָכאַמאָל. מיט דעם נאָר אונטערשייד, וואָס בייס דער צווייטער שכיטע איז שוין געווען קאַלט און ס'איז אויסגעפאַלן אַ שניי. איצט האָבן די הענקער געבראַכט די פאַרורטיילטע מענטשן צו אַ גרוב, איבער וועלכער ס'איז געווען איבערגעלייגט אַ ברעט. ד מענטשן האָט מען געטריבן אַף דער ברעט, און זיי צעשאָסן. דאָס אייגענע שרעקלעכע בילד. צווישן די האָרוגים — ליודמילעס ביידע שוועסטער — אַניע און מאַריע. זי אַליין האָט אַ סעקונדע פאַרן שאָס פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזייַן און איז אַרייַנגע־

פֿאַלן אין גרוב. די קעלט האָט זי ניט געפֿילט, געלעגן צווישן די טויטע און שווער־פֿאַרווּנדעטע. איינער אַ פֿאַרווּנדעטער האָט זי געבענטשט און אָנגעזאָגט, זי זאָל דערציילן וועגן דעם שרעקלעכן טאָג. ניט ווײַט זײַנען געזעסן די מערדער, זיי האָבן זיך געכאָכמעט און געלאַכט. ווען פֿון דער גרוב איז אַרויסגעקראָכן אַ קינד פֿון אַ יאָר פֿינף־זעקס, האָבן זיי עס דערזען און גלײַך דערשאָסן.

ליודמילע האָט געבלאָנדזשעט אין וואַלד, זיך דערנערט מיט יאַגדעס, וועלכע זײַנען געוואַקסן אַרום. דער צונג איז געשוואָלן געוואָרן, אין האַלדז איז ענג. פֿאַר יעדן שאָרך האָט זי געציטערט, די פּאָליצײַען האָבן גענישטערט, זוכנדיק מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. מיט גרויסע שוועריקײַטן האָט זי זיך דערקליבן צום שטעטל אָסטראָפּאָל, ווו עס האָט געלעבט איר אַ פֿעטער. די אייגענע האָבן זי קוים אָפּגעראַטעוועט, אַזוי איז זי געווען קראַנק און אויסגעהונגערט.

די אָסטראָפּאָליער ייִדן האָבן געאַרבעט בא די אָקופּאַנטן, יעדערער לויט זײַן פֿאַך: שנײַדערײַ, שוסטערײַ, שמידערײַ. העכער אַ יאָר צײַט האָבן זיי געלעבט אין האָפֿענונג און אין שרעק. אין איינעם אַ טאָג האָט זיך אַהין געיאָוועט אַ פּאָליציי־גרופּע מיט אָרעמבאַנדן, שטאַרק באַוואָפֿנט. דאָס איז געווען דער ערשטער באַווײַז פֿון גיכער אויסראָטונג. מע האָט די אָסטראָפּאָליער ייִדן אומגעבראַכט — קינד און קייט, ווי אין אַנדערע ערטער, וויניק־ווער האָט זיך געראַטעוועט. ליודמילע איז ווידער אַוועק אין וואַלד און דאָרט זיך אָנגעשטויסן אַף פּאַרטיזאַנער. דער אָטריאַד האָט זיך אָבער פּונקט דעמאָלט איבערדיסלאָצירט אַף אַן אַנדער אָרט. ליודמילע האָט ווידער אַליין געבלאָנדזשעט אין וואַלד, און אַזוי זיך דערקליבן אין שטעטעלע ליובאַר. דאָס, וואָס זי האָט גוט באַהערשט די אוקראַיִנישע שפּראַך, האָט זי געראַטעוועט פֿון דער געסטאַפּאָ.

פֿון ליובאַר האָט זי זיך דערקליבן קיין אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו. זי האָט אין ערגעץ ניט געפֿונען קיין מאָקעם־מעונעכע, ווו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט. אומעטום האָט זי געזען סרייפֿעס און אויסראָטונג. דער ווילקיר פֿון דער „העכסטער נאַציע" האָט זיך אַף יעדער טריט און שריט געלאָזט פֿילן. ליודמילע האָט פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג זיך צו ראַטעווען.

אַפֿן האַרץ איז גרינגער געוואָרן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז די רויטע אַרמיי טרײַבט די פֿאַשיסטן אַף מײַרעוו און דערנעענטערט זיך צו די אוקראַיִנישע שטעט און דערפֿער, די הויט האָט שוין געברענט אַף די אָרטיקע פֿאַרברעכער. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין אַנדערע שטעט, ווו מע ווייסט ניט פֿון זייערע פֿאַרברעכנס. ס׳האָט זיך שוין געהערט אַ האַרמאַטן־קאַנאָנאַדע. ליודמילע איז ווידער אַוועק אין וואַלד און פֿון דאָרט צו אַ דאָרף, וואָס ליגט ווײַט פֿון דער שטאָט. נאָר גראָד די אָנגרײַפֿנדיקע סאָוועטישע אַרמיי האָט ניט אויסגעמיטן דאָס ווײַטע דאָרף. ליודמילע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קאַרטאָפֿל־גרוב, וועלכע איז געווען צוגעדעקט מיט שטרוי. עטלעכע טעג איז זי געזעסן אין דער גרוב, זיך דערנערט מיט פֿוילע קאַרטאָפֿל. ווען זי איז אַנדערעמלט געוואָרן, האָבן זי געביסן מײַז און שטשורעס. דאָ איז ווידער פֿאָרגעקומען אַ נעס: אַ פֿערד פֿון אַ רויטאַרמייער האָט זיך אָפּגעשטעלט בא דער צוגעדעקטער גרוב, שיִער ניט אַרײַנגעפֿאַלן. די סאָלדאַטן האָבן דאָרט דערזען אַ קינד, זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט ליודמילען פֿון דער גרוב, זי האָט שוין געהאַט פֿאַרלוירן דעם אויסזען פֿון אַ מענטשן...

דער באַשולדיקער באָריס פּאָלאַנטשיק האָט געזאָגט:

— אַף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיצן דרײַ פּאָליצײַ־טאַליאָנים — גנאַטיוק, געבוירן אין 1913, לעסקאָ — אין 1922 און ריבאַק — אין 1924. אָט די פּאָליצײַען זײַנען ביז דער מילכאָמע געווען בירגער פֿון דער סאָוועטישער אוקראַיִנע. זיי האָבן איצט ניט קיין רעכט מיט די פֿאַרבלוטיקטע פֿיס צו טרעטן אַף אונדזער ערד. דער געריכט האָט צונויפֿגענומען עטלעכע בענדער באַווײַזונגען פֿון זייער שולד. זיי מוזן באַקומען די גערעכטיקע שטראָף.

אַפֿן געריכט זײַנען אַרויסגעטראָטן פֿיל מענטשן, וועלכע האָבן געזען די רעציכעס פֿון די צווייפֿיסיקע כײַעס, זייערע מערדערײַען אין מיראָפּאָל, דזערזשינסק און אין גאַנצן ראַיאָן.

עס זײַנען אָנגערופֿן געוואָרן שרעקלעכע ציפֿער־אָנגאַבן. אין דער צײַט פֿון דער פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע זײַנען אין דזערזשינסקער ראַיאָן אומגעבראַכט געוואָרן פֿיר מיט אַ האַלבן טויזנט מענטשן. דרײַ מיט אַ האַלבן טויזנט האָט מען פֿאַרטריבן קיין דײַטשלאַנד אַף קנעכטשאַפֿט. צו דעם אַלעמען האָבן צוגעלייגט זייערע הענט גנאַטיוק, לעסקאָ און ריבאַק.

די באַנדיטן האָבן געפּרוּווט אָפּלייקענען זייערע רעציכעס, קלוימערשט זיי האָבן ניט געשאָסן. די געריכט־קאָלעגיע האָט דורכגעפֿירט אַן עקסגומאַציע אין די ערטער פֿון מאַסנווער דערמאָרדונג, ווו ס׳האָבן געוועלטיקט גנאַטיוק, לעסקאָ און ריבאַק. אין מיראָפּאָליער פּאַרק זײַנען פֿון 157 דערשאָסענע געווען 62 קינדער, 66 פֿרויען. ניט ווײַט פֿון דעם אָרט, אין אַ צווייטער גרוב, צווישן 94 קאָרבאָנעס — 49 קינדער און 31 פֿרויען. אין דזערזשינסקער פּאַרק — 101 קינד, 89 פֿרויען און 34 מאַנצבילן. אַ פֿראָסט גייט דורך איבערן לײַב פֿון דער שרעקלעכער אַריפֿמעטיק. די רעציכע פֿון די באַנדיטן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען אַ קינד איז איינמאָל אָפּגעשטאַנען פֿון די פֿאַרורטיילטע אַף טויט, האָט איינער פֿון די פּאָליצײַען אָנגעכאַפּט עס בא די פֿיסלעך, מיט קויעך אַ זעץ געטאָן אין אַ בוים און אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער בלוטיקער גרוב.

טראָט נאָך טראָט האָט די געריכט־קאָלעגיע אויפֿגעשטעלט דעם קרומען וועג פֿון די פֿאַרעטער. מיט געדולד האָט זי אויסגעהערט די געליטענע, די פֿילצאָליקע אײדעס, דערלערנט פֿיל דאָקומענטן און עקספּערטיזעס.

אַ מיראָפּאָליער טוישעוו, מיקאָלאַ ראָמאַנאָוויטש ניקיטיוק, האָט דערציילט:

— דאָס איז געשען אין אָנהייב האַרבסט, נאָר ס׳איז נאָך געווען גוט וואַרעם. מיר האָבן געפּאַ־

שעט דאָס פּי לעבן פּארק. פּלוצעם האָבן מיר דערזען א גרויסע גרופּע מענטשן, וועלכע איז קאָנוואָירט געוואָרן פון פּאָליציײַען. דאָס זײַנען געווען ייִדן פונעם שטעטל, אמערסטן פרויען, קינדער און זקיינים. אינגיכן האָבן מיר דערהערט א שיסערײַ. איך און וואָלאָדיע קריזשאַנאָווסקי זײַנען צוגעלאָפן צו דעם אָרט און זיך דערשראָקן: בא דער גרוב זײַנען געשטאנען די שטעטלדיקע ייִדן אין אונטערשטן וועש. באלד האָבן די פּאָליציײַען אָנגעהויבן ווידער צו שיסן, און די מענטשן זײַנען געפאלן אין גרוב ארײַן. צווישן די, וואָס האָבן געשאָסן, האָב איך דערקענט גנאטיוקן, לעסקאָן און ריבאקן. קאָמאנדעוועט מיט זיי האָט זאוואלסקי. נאָכן וואַרמעס האָב איך געטראָגן דעם טאטן עסן, ער איז געווען אױף דער מיל. איך האָב געזען אױף דער גאס ריבאקן, וועלכער האָט גערעדט מיט צוויי דײַטשן, ניט ווײַט פון זיי איז ארויס פון א שטוב א שטעטלדיקער ייִד — איך האָב אים געקענט, מ׳האָט אים גערופן יאנקעוו. ריבאק האָט באלד אראָפּגענומען די ביקס פון דער פּלייצע און אויסגעשאָסן אין אים. יאנקעוו איז אומגעפאלן א טויטער. די דײַטשן האָבן זיך צעלאכט. גנאטיוק האָט זיך ארײַנגעריסן אין שטוב צו אן אנדער ייִד — איציק, ארויסגעפירט אים מיט דער פרוי און מיט די טעכטער אױפן הויף און זיי דערשאָסן, דערבײַ האָבן די באנדיטן זיך נאָך איזדיעקעוועט איבער איציקס טעכטער.

א טוישעוו פון דזערזשינסק — וואסיל אנדרייעוויטש נאזארעץ דערציילט:

— אין איינעם א טאָג פון אָקטיאבער 1941, גאנצפרי, האָבן די פּאָליציײַען אָנגעהויבן נישטערן אין די הײַזער פון דזערזשינסק און טרײַבן די ייִדן צו דער געבײַדע פונעם אלטן וואָיענקאָמאט. צוזאמען מיט די אָרטיקע אײַנוווינער זײַנען געווען ייִדן פון טשודנאָוו און יאנושפּאָל. די פּארורטיילטע זײַנען געגאנגען מישפּאָכעסווײַז: דער מאן, די פרוי און די קינדער. איינע א פרוי איז אָפּגעשטאנען פון דער גרופּע, האָט א פּאָליציײַ זי אזא קלאפּ געטאָן מיטן קאָלבן, אז זי איז אומגעפאלן א טויטע אפן אָרט. ארום צוויי אזייגער באטאָג האָט מען געבראכט די ערשטע גרופּע ייִדן צו דער גרוב, און מע האָט זיי צעשאָסן, דערנאָך א צווייטע און דריטע. אייניקע קינדער, דערזעענדיק אין דער גרוב טויטע קערפּערס, האָבן זיך געלאָזט לויפן, נאָר א קויל האָט זיי גלײַך דעריאָגט...

אין 1942 האָבן גנאטיוק און לעסקאָ ווידעראמאָל אײַנגעטונקען זייערע הענט אין בלוט פון אומשולדיקע מענטשן. דאָס זײַנען געווען די ייִדישע האנטווערקער, וואָס מע האָט זיי צײַטווײַליק געלאָזט לעבן. די מערדער האָבן זיי געבראכט צו א קאלך־גרוב און דאָרט קאלטבלוטיק זיי צעשאָסן.

ווען די דײַטשישע אָקופּאנטן האָבן געמוזט אָפּטרעטן אונטער די קלעפּ פון דער סאָוועטישער ארמיי, זײַנען די פארעטער געלאָפן פון די ערטער, ווו זיי האָבן געפּראוועט זייערע בלוטיקע אָרגיעס. גנאטיוק האָט זיך באהאלטן אין דער כמעלניצקער געגנט, לעסקאָ אין דער דאָנעצקער און ריבאק אין דער קיראָוואָגראדער. זיי האָבן זיך אויסבאהאלטן צווישן ערלעכע מענטשן, האָפנדיק, אז ס׳וועט פארמײַדן זיי די נעקאָמע. נאָר אין פיל יאָרן ארום האָט מען זיי דאָך געפונען, און די געריכט־קאָלעגיע האָט ארויסגעטראָגן דעם גערעכטן פסאק־דין.

כ א ס ק ל ז ײַ ע ן

בראָניק

אן אָוונט, געווידמעט דער ייִדישער פאָלקס־שאפונג

אין טארטו איז אינעם מעלוכע־מוזיי אױף פ. ד. קרייצוואלדס נאָמען בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון דער עסטאָנישער ססר פאָרגעקומען אן אָוונט, געווידמעט דער ייִדישער פאָלקס־שאפונג. אין שמועס האָבן אָנטיילגענומען סטודענטן פונעם פילאָלאָגישן פאקולטעט פון דעם טארטוער אוניווערסיטעט.

די שוישפּילערן פונעם אקאדעמישן מעלוכע־טעאטער „וואנעמוינע” אנא טיורנפו האָט באוויזן מוסטערן פון פארשיידענע זשאנרען פון דעם רײַכן ייִדישן פאָלקלאָר.

מ ו י ש ע מ י כ ע ל ס אָ ן,
טארטו

אלעג געראסימאָוו

אַף די וועגן פון מעסאָפּאָטאַמיע

די אומזיניקע מילכאָמע צווישן איראַק און איראַן האָט היינט פּראַקטיש אומעגלעך געמאַכט צו אונטערנעמען א רייזע איבער איראַק, איינעם פון די צענטערס פון דער אוראַלטער ציוויליזאַציע. די נאָענטקייט פון די ביבלישע מעלוכעס יעהודע און יִיסראָעל צו אשור און באַוול, וועלכע האָבן זיך געפונען אין מעסאָפּאָטאַמיע, איז געווען די סיבע פון דעם, וואָס די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון אָט די אַלע לענדער איז געווען א געמיינזאַמע, אָבער שוין אין 722־טן יאָר פאַר אונדזער ערע האָט אשור פאַרניכטעט די מעלוכע יִיסראָעל, און שפּעטער, אין סאַף פונעם 6־טן יה. פאַר אונדזער ערע, האָט דער באַוולשער קייסער נאַוווכאַדנעצער דער צווייטער פאַרכאַפּט יערושאָלאַיִם, צעשטערט דעם בייס־האַמיקדעש און אַרויסגעטריבן א גרויסן טייל פון דער אַקטיווער באַפעלקערונג קיין מעסאָפּאָטאַמיע.

איך בלעטער מיינע פאַרצייכענונגען וועגן מעסאָפּאָטאַמיע, דערמאָן זיך וועגן די רייזעס איבער די אוראַלטע און היינטצייטיקע שטעט און טראַכט וועגן דעם, אַז מילכאָמעס און האַס שטערן אויך היינט די פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך צו געניסן פון זייער פרידלעכער מִי.

איך מאָסול, וועלכער געפינט זיך 400 קמ. אַף צאָפן פון באַגדאַד, איז פרילינג די בעסטע צייט פונעם יאָר. די שטאָט ליגט אין א באַרגיקן פרוכטבאַרן סטעפּ, ניט ווייט פון די באַרגרוקנס סעפּין, זאַכאָ און סינדזשאַר. וועסנע־צייט טרייבט דער שמעקנדיקער מיט שניי מיזרעך־ווינט גרינגע וואָלקנס, צעשפּריצט דאָס וואַסער איבער די גרינע שפּראָצונגען פון ווייץ און גערשטן, און די מילדע זון גיט צו דעם האַסטיקן טייַך טיגער א שאָקאָלאַדן ביי־קאָליר.

אַף דעם צאָפן־מיזרעכדיקן ראַנד פון מאָסול געפינען זיך די רויִנען פון נינעוויִע — דער לעצטער הויפּט־שטאָט פון דער אשורער אימפּעריע. דער אופשטייג פון דער שטאָט, וואָס איז אַזוי אָנגערופן געוואָרן לעקאָוועד דער גרויכער געטן נין, איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פונעם קייסער סינאַכעריב, וועלכער האָט זי אין 7־טן יה. פאַר אונדזער ערע געמאַכט פאַר דער הויפּט־שטאָט. אין יענער צייט איז אשור געווען איינע פון די מעכטיקסטע מעלוכעס אַפן מיזרעך. זיינע קריגסלייט זיינען געשטאַנען בא די ווענט פון יערושאָלאַיִם און פון די יעהודישע פעסטונגען. זיי האָבן געפירט מילכאָמעס מיט סיריע און אַרמעניע, געשטורמעוועט די באַרג־הייכן אין צאָפן־איראַק. טאַקע אין דעם דאָזיקן פעריאָד האָבן אין מעסאָפּאָטאַמיע זיך באַוויזן די ערשטע מענגעס געפאַנגענע פון דער אָקופּירטער יעהודע. אין 689 יאָר פאַר אונדזער ערע האָבן די אשורער פאַרנומען באָוול, אויסגעהאַרגעט זיינע איינוווינער, צעשטערט די פּאַלאַצן און טעמפּלען, פאַרשאָטן די קאַנאַלן, געמאַכט א טעל פון די דאַמבעס, אָנגעלאָדן אַף שיפן עטלעכע טאָן באָוול־ערד, זי אָפּגעפירט צום אינדזל באַכריין און דאָרט צעזייט זי מיטן ווינט, כּימבאָליזירנדיק מיט דעם די גייסטיקע פאַרניכטונג פונעם קעסיידערדיקן סוינע. די בלוטיקע מייסים פון די אשירישע הערשער דערשטיינען מיט זייער פאַרנעם, מיטן מאַסשטאַב פון די גוואַלדטאַטן.

דעם אשירישן קייסער סינאַכעריב און זיינע הויפלייט האָט פאַרכאַפּט א בויונגס־פּיבער. זיי האָבן צעוואַלגערט גאַנצע קוואַרטאַלן פון אַלטע געביִען, קעדיי באַפרייען דאָס אָרט פאַר גיגאַנטישע פּאַלאַצן, פּלעצער און גאַסן. אין דעם מייִרעוודיקן טייל פון דער שטאָט האָט זיך אופגעהויבן צום הימל דעם קייסערס פּאַלאַץ. אים צו באַשרייבן האָט בא די אוראַלטע אַוטאָרן ניט געקלעקט קיין ווערטער. אין פּאַרק, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם פּאַלאַץ, זיינען געוואַקסן זעלטענע סאָרטןביימער. דאָרט פלעגן אַרומגיין עקזאָטישע באַלעכאַיִם און פייגל, וועלכע דער קייסער האָט געבראַכט פון ווייטע לענדער. נינעוויִע איז געווען אויך דער גרעסטער האַנדלס־צענטער פון דער אימפּעריע. ווי עס האָט גע־

שריבן איינער אַן אוראַלטער אוואַר, זײַנען אין דער שטאָט „געווען מערער כאָכרים, איידער שטערן אין הימל". די שטאָט, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אויפֿן בלוט פֿון די באַהערשטע פֿעלקער, איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט, אַ 25 מעטער די הייך, וואָס „פֿלעגט מיט איר שרעקלעכן גלאַנץ אָפּטרײַבן די סאָנים".

סינאַכעריבס אייניקל אַשורבאַניפּאַל האָט מיט אַלץ געסטאַרעט זיך נאָכפֿאָלגן זײַן זיידן. אין זיקאָרן פֿון די אוראַלטע גריכן, און דורך זיי אויך אין זיקאָרן פֿון אַנדערע פֿעלקער, איז ער פֿאַרבליבן ווי דער בלוטדורשטיקער דעספּאָט מיטן גריכישן נאָמען סאַרדאַנאַפּאַל, אַן אײַנגעזונקענער אין זינד און אין זנוס. אָבער די געשיכטע ווייסט אויך אַשורבאַניפּאַלן, ווי אַ דרייסטן קריגסמאַן, אַ פֿלינקן רײַטער. ער פֿלעגט איינס אויף איינס אַרויסטרעטן קעגן אַ לייב און באַזיגן אים. נינעווע האָט ער פֿאַרוואַנדלט אין אַ צענטער פֿון קולטור־אויצרעס, צווישן אַנדערס, געשאַפֿן דאָרט אַ ביבליאָטעק, וועלכע דינט אויך איצט אַלס אַ וויכטיקער קוואַל פֿאַר דערלערנען מעסאָפּאָטאַמיע אין דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט.

די שטאָט־וואַנט פֿון נינעווע פֿלעגט מען קעסיידער באַנײַען און פֿאַרפֿעסטיקן. איר לענג לויטן פּערימעטער האָט באַטראָפֿן 12 קמ. לעבן איר, הינטערן סינאַכעריבער פּאַלאַץ, פֿלעגן זיצן אין שטײַגן געפֿאַנגענע קייסאָרים און שטויסן אין שטיינערנע שטייסלען די ביינער, אויסגעגראָבענע פֿון די קוואָרים פֿון זייערע אָוועס. נינעווע און אירע הערשער האָבן אַרויסגערופֿן כינע בײַ די אַרומיקע פֿעלקער, וועלכע האָבן געדורשט נאָך נעקאָמע. און אַזאַ צײַט איז געקומען.

די פֿאַרייניקטע אַרמיי פֿון דעם מידישן קייסער קיאַקסאַר און פֿונעם באַווילשן קייסער נאַבאָפּאַלאַסאַר איז אין 612 יאָר פֿאַר אונדזער ערע דערגאַנגען ביז צו נינעווע און נאָך אַ דרײַכאַדאָשימדיקער באַלאַגערונג זי געשטורעמט און פֿאַרכאַפּט. די מידיער און באַווילער זײַנען זיך באַגאַנגען מיט דער שטאָט פּונקט אַזוי, ווי אין זייער צײַט זײַנען זיך באַגאַנגען די אַשורער מיט די באַהערשטע לענדער. דער אַשורישער קייסער סין־שאַרישקון, איינער פֿון אַשורבאַניפּאַלס זין, וועלכער איז אַרויף אויפֿן טראָן אין 630 יאָר פֿאַר אונדזער ערע, האָט אונטערגעצונדן זײַן פּאַלאַץ און איז אומגעקומען אין פֿײַער. די ביבליאָטעק, וועלכע עס האָט צונויפֿגעקליבן זײַן פֿאָטער, איז אײַנגעפֿאַלן. די לעבן־געבליבענע אַשורער האָט מען פֿאַרטריבן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. די שרעקלעכע נעוווע וועגן דער פֿאַרניכטונג פֿון אַשור, וואָס אַנטהאַלט זיך אין טאַנאַך, איז מעקוים געוואָרן. „און ער וועט אויסשטרעקן זײַן האַנט אויף צאָפֿן, און וועט פֿאַרניכטן אַשור, און וועט פֿאַרוואַנדלען נינעווע אין רוינען, אין אַן אָרט אַ טרוקנס, ווי אַ מידבער. און ס׳וועלן אַרומגיין צווישן זיי שאָף און רינדער; אַ פּעליקאַן און אַ שטעכלער וועלן נעכטיקן אין פֿאַרשיידענע אירע באַצירונגען..." די פּאַלאַצן פֿון נינעווע און אירע ווענט זײַנען צעשטערט געוואָרן, און די אויצרעס, געבראַכטע כּמעט אַלע פֿאַרכאַפּטע לענדער, האָבן די זיגער צעטיילט צווישן זיך.

די אַנטדעקונג פֿון דעם אַשורישן אַלטערטום אין דער אומגעגנט פֿון מאָסול איז פֿאַרבונדן מיטן נאָמען פֿונעם פֿראַנצויז פּאָל עמיל באָטאַ, אַ רײַזנדער, דאָקטער און נאַטוראַליסט, אַ פּאָליטישער טוער און דיפּלאָמאַט. נאָך אין די יונגע יאָרן האָט ער דורכגעמאַכט אַ נעסיע אַרום דער וועלט, דערנאָך געדינט באַם עגיפּטישן פּאַשאַ מוכאַמעד אַלי, באַזוכט דאָס אַראַווישע האַלב־אינדזל, געווען אַ פֿראַנצויזישער קאָנסול אין אַלעקסאַנדריע. אין 1840 האָט ער באַקומען די שטעלע פֿונעם פֿראַנצויזישן קאָנסול אין מאָסול.

איך שטיי אויפֿן באַרג כאָרסאַבאַד, וווּהין אַן אַראַבער האָט זײַנערצײַט געבראַכט צו פֿירן באָטאַס געהילפֿן. מע דאַרף האָבן אַ שטאַרקן קויעך־האַדימיען אויף צו דערשפּירן אונטער די גרינע בערג די קאָנטורן פֿון דער הויפּט־שטאָט פֿונעם אַשורישן מײַלעך סאַרגאָן, וועלכע האָט זיך גערופֿן דור־שאַרוקין, און פֿאָרשטעלן זיך סאַרגאָנס פּרעכטיקן הינטערשטאָטישן פּאַלאַץ, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין 709 יאָר פֿאַר אונדזער ערע, נאָכן פֿאַרכאַפּן באַוול. אין 1843—1846 האָט באָטאַ אויסגעגראָבן די גיגאַנטישע ווענט, פֿולע מיט בילדער פֿון ווילדע כײַעס, מיט באַרעליעפֿן פֿון בערדיקע קייסאָרים און פֿון באַפֿליגלטע געטער. די געפֿונענע קעגנשטאַנדן האָבן אָנגעזאָגט וועגן דער גרויסקײַט פֿון דער אַנטדעקטער ציוויליזאַציע. זיי האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז אַראַם נאַכאַראַיִם (סיריע צווישן צוויי טײַכן), ווי עס ווערט אָנגערופֿן דאָס דאָזיקע אָרט אין טאַנאַך, האָט עקזיסטירט אין דער ווירקלעכקײַט — מיט די שרעקלעכע קייסאָרים, וואָס פֿלעגן ברענגען טויט און פֿאַרניכטונג די אַרומיקע שכיינים. באָטאַס אַנטדעקונג איז געוואָרן דער אָנהייב פֿון דער אַסיראָלאָגיע, אַלס איינע פֿון די צווײַגן פֿון דער אַרכעאָלאָגישער וויסנשאַפֿט.

דער סאָף זומער פֿאַלט אויס אין מאָכול אויפֿן 14־טן סעפּטיאַבער, אין דער דאָזיקער צײַט וועט אַ זעלטענער מאָכולער, שמועסנדיק מיטן שאָכן, ניט אַרײַנוואַרפֿן אַ פֿראַזע: „רוק אַוועק די קיילע אויף אָפּקילן וואַסער און נעם דעם וואַסער־מעסטער פֿונעם רעגן". אַנדערש געזעדט: דער זומער איז פֿאַרבײַ — מע דאַרף זיך גרייטן צום רעגן־סעזאָן. דעם 14־טן סעפּטיאַבער קומט פֿאָר אַ גרויסער יאָמטעוו. אייגנטלעך, איז דאָס אַ קריסטלעכער יאָמטעוו, אָבער אַלע מאָסולער מערקן אים אָפּ, ווער זיי זאָלן ניט זײַן לויטן גלויבן. דעם צענטער פֿון דער פּראָגראַם שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גרויסן פֿײַערווערק און קאָלאָסאַלע שײַטערס, וועלכע מע צינדט אָן אין דער פֿאָרשטאָט אין דער נאַכט פֿונעם 13־טן אויפֿן 14־טן סעפּטיאַבער. דאָס אַלץ איז פֿאַרבונדן מיט דער לעגענדע, לויט וועלכער די ביזאַנטישע מאַלקע יעלענע, קאָנסטאַנטינס מוטער, האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין ירושאָלאַיִם, ווו זי האָט נאָך לאַנגע זוכונגען געפֿונען אויף דער גאָלגאָטע דעם צײלעם, אויף וועלכן מע האָט געקרייציקט קריסטוסן. אײַלנדיק זיך מיטצוטיילן דער קריסטלעכער וועלט אָט די נײַעס, האָט זי באַפֿוילן אָנצינדן

א גיגאַנטישן שײַטער, וועמענס פײַער מע זאָל קאָנען זען פונדערווײַטן. די ביזאַנטישע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף עטלעכע צענדליק קילאָמעטער ווײַט פון ירושלים, דערזעענדיק דאָס פײַער, האָבן אָנגעצונדן זייער אייגענעם שײַטער אאַזוי. אַט אַזוי האָט דער אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין שוין אין עטלעכע שעה אַרום זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז עס איז געפונען געוואָרן דער צײלעם.

דער אַלטער וועג פון מאָסול קיין ערביל ציט זיך צוערשט לענגויס דעם טײַך טיגער, און דערנאָך נייגט ער זיך אָפּ אויף מיזרעך. לענגויס דעם טײַך געפינען זיך די סאַמע פרוכטבאַרע פאַסן ערד, וועלכע גיבן פאַנטאַסטישע גערעטענישן. אין א קילאָמעטער צען פון מאָסול, אַראָפּ־צו מיטן שטראָם פונעם טיגער, ליגט דאָס דאָרף סאַליאַמי, ווו עס וואַקסן די באַרימטע מאָסולער אַרבוזן; זיי האָבן דערגרייכט אײנציַיטיק צווײ רעקאָרדן — לויט זייער גרייס און לויט דער צײַט, וואָס מע קאָן זיי פאַרהיטן. די אַרטיקע היסטאָריקער האָבן פעסטגעשטעלט דעם פאַקט, אַז אין סאַליאַמי איז אויסגעוואַקסן אַן אַרבוז, וועלכן ס'האָט ניט געקאָנט שלעפּן אפילע אַן אייזל. עס קאָן זײַן, אַז זיי האָבן א ביסל איבערגעטריבן, אָבער איך אַליין האָב געזען אין באַגדאַד א לאַנגן, ענלעכן אויף א גיגאַנטישער בלאַסגרינער אוגערקע, מאָכולער אַרבוז, וועלכער האָט געוויגן 36 קג. אין א קילבלעכן סירדאַב (קעלער) קאָן מען אַן אַרבוז פאַרהיטן אין מעשעך פון א האַלב יאָר. אין דעם טאַקע באַשטייט די סיבע, פאַר וואָס אַרבוזן פון מאָסול זײַנען געוואָרן באַוווּסט נאָך אינעם מיטלאַלטער, ווײַט פון די גרענעצן פונעם באַגדאַדער כאַליפאַט. די פויערים זייען אַרבוזן אין מײַ, ווען עס גייט אָפּ דאָס הויכוואַסער. מע זייט די קערנדלעך אין דער נאַסער ערד, און אין צוויי כאַדאָשים אַרום קאָן מען שוין אַראָפּנעמען די ערשטע גערעטעניש.

דער טײַך טיגער רעכנט זיך פאַר דעם סאַמע אומרויִקסטן אין איראַק. ווען ער גייט אַרויס פון די ברעגן, ווערן פאַרפלייצט גרויסע שטאָכים פרוכטבאַרע ערד. ער צעשווענקט די ליימענע הײַזקעס, פאַרניכטעט דאָס פי. מיטיילונגען וועגן דעם ניוואָ פונעם וואַסער בײַם דער פרילינג־פאַרפלייצונג דערמאָנען כוואַדקעס פון די שלאַכטפעלדער. אונטער יעדן וואָרט אָדער ציפער איז באַהאַלטן עפּעס זייער וויכטיקס: צי וועלן די פויערים אַראָפּנעמען די גערעטעניש, צי וועלן זיי קאָנען הײַנט רויִק זיך לייגן שלאָפן. אָדער, זײַענדיק געטראָפן פון דער סטיכיי, וועלן זיי דאַרפן זיצן אויף די דעכער פון די הײַזער, וועלכע קאָנען אַט־אַט אײַנפאַלן. ניט אומזיסט איז דער ביבלישער מיף וועגן דעם וועלט־מאַבל פאַרפאַסט געוואָרן אין מעסאָפּאָטאַמיע — אינעם אײנציקן ראַיאָן פון דער פאָדערשטער אַזיע, וואָס פלעגט לײַדן מער פון וואַסער־פאַרפלייצונגען, איידער פון מאַנגל אין וואַסער.

דרײַסיק קילאָמעטער פון מאָסול פאַרקערעוועט דער שליאַך אויף מיזרעך, צו א קליינינק אַראַביש דערפל נימרוד, וואָס געפינט זיך לעבן א הויכן און, ווי עס זעט אויס, קינסטלערישן באַרג מיט א גלאַט־אָפּגעשניטענעם שפּיץ. אונטער אים קוקן אַרויס נאָך עטלעכע, א ביסל קלענערע בערג. אונטער הרודעס גרויער ערד זײַנען דאָ באַגראָבן די רויִנען פון א צווייטער הויפּט־שטאָט פון דער אַשורער אימפּעריע — קאַלאַכאַ (קאַלכו). די דאָזיקע שטאָט האָט אַנטדעקט און אויסגעגראָבן דער ענגלישער רײַזנדער לעיאַרד.

אין 1839 איז ער אָנגעקומען צו די וויסטע ברעגן פונעם טיגער, לעם נימרוד. די קופּעס אָנגעוואַלגערטע ערד, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געטראָפן שפּליטערלעך פון מאַרמאָר און אַלעבאַסטער, דער געהיימניספולער פּיראַמידאַלער באַרג, די פילצאָליקע דערציילונגען פון אַרטיקע אײַנוווינער וועגן פיגורן פון שוואַרצן שטיין און באַזונדערס דער נאָמען פונעם דאָרף, וועלכער קלינגט אַזויווי דער נאָמען פון נויעכס אוריייניקל נימראָד (ער איז אין צענטל קאַפּיטל פון דער טוירע אָנגערופן „א שטאַרקער כײַע־פאַנגער פאַר גאָט"), — דאָס אַלץ האָט געצוווּנגען לעיאַרדן זיך נעמען ערנסט פאַר די פאַנאַנדערגראָבונגען. אין 1845 הייבט ער אָן די אַרבעט און אין מעשעך פון דרײַ יאָר מאַכט ער אַנטדעקונגען, וועלכע האָבן אַוועקגעשטעלט זײַן נאָמען אין איין ריי מיט די נעמען פון די גרעסטע אַרכעאָלאָגן פונעם XIX יה.

אויף א דיסטאַנץ פון א מעטער צען קאָן מען אַרומכאַפּן מיטן אויג דעם גאַנצן פּאַסאַד פון אַשורנאַסיראַפּאַל' דעם צווייטנס פּאַלאַץ מיט זײַנע צוויי פּאָרטאַלן, וואָס פירן צום טראָן־זאַל. די פּאָרטאַלן היטן אָפּ צוויי כקולפּטורן — פון די געטער מאַרדוק און נערגאַל. די סקולפּטור פון מאַרדוקן איז געמאַכט פון גרוי־גרינעם מאָסולער מאַרמאָר. איך זע דײַטלעך דעם בויך, א באַדעקטן מיט שלענג־שופּן, די מעכטיקע פיס און דעם מענטשן־קאָפּ פונעם אַשורער הויפּט־גאָט. זײַן גרויסע נאָז איז אָנגעצייכנט ווייך, די גלאַטע באָרד איז פאַרפלאָכטן אין צעפּלעך, די וואָנצעס זײַנען בראַוו פאַרדרייט. אין אייניקע ערטער איז די צעשפּאָלטענע סקולפּטור פאַרפעסטיקט מיט שוואַרצע מעטאַלענע סקאָבעס. צוויי פיגורן פונעם גאָט נערגאַל — א באַפליגלטער לייב מיט א מענטשיש פּאָנעם — שטייען אַנפּאַס. זיי זײַנען געמאַכט פון דעם זעלבן מאָסולער מאַרמאָר, נאָר זיי זײַנען קלענער און דערגרייכן מאַרדוקן צום קין. איין כקולפּטור פון נערגאַלן האַלט אין דער האַנט א שעפּעלע, די צווייטע — א קיילע מיט ווײַן אָדער אייל.

באַם מיזרעכדיקן פּאָרטאַל, וואָס האָט זיך בעסער פאַרהיט, איז צו דער וואַנט צווישן מאַרדוקן און נערגאַלן צוגעשפּאַרט א שטיינערנע פּליטע מיט א באַרעליעף פון א דריטן אַשורער גאָט — דעם גאָט פון כאָכמע נאַבו. ער זעט אויס ווי א באַפליגלטער מענטש מיט א בייז פּאָנעם: די האָטשיקעוואַטע נאָז הענגט אַראָפּ איבער די פעסט פאַרמאַכטע ליפּן, וועלכע זײַנען פאַרגליווערט אין א בייזן שמייכל, די ברעמען זײַנען אָנגעכמורעט. אין דער רעכטער האַנט האַלט נאַבו א פיניע־שישקע — דעם סימבאָל פון פרוכטבאַרקייט. צום אויער איז צוגעפעסטיקט א לאַנג אוירינגל. אויף די באַרעליעפן,

װעלכע האָבן זיך פאַרהיט לענגויס די װענט פונעם פאַסאַד, קאָן מען געפינען אַ געמעל פון אַ פערטן אַסטראַלן אַשורער גאָט — נינורטע. דער דאָזיקער גאָט — ער איז פאַרגעשטעלט װי אַן אָדלער — איז, װײַזט אויס, געװען דער ייִנגסטער פון די פיר: לויט דער גרייס מאַכט אויס זײַן פיגור בלויז אַ פערטל פונעם מאַסיװן מאַרדוק.

די פיגורן פון די געטער האָבן געדאַרפט אַרויסרופן ייִראַס־האַקאָװעד, אונטערשטרײַכן דעם קויעך און די מעכטיקײַט פון דער אַשורער אימפּעריע און פון אירע הערשער, װעלכע פלעגן זיצן אויף אַ גאָלדענעם טראָן אין דאָרעמדיקן עק פונעם טראָן־זאַל.

איצט איז דער טראָן־זאַל פּוסט. די אָראַפּגענומענע פון די װענט באַרעליעפן אײנעם מיט די געמעלן פון די געטער האָט לעיאַרד אַרופגעלייגט אויף פּליטן, געלאָזט זיי אָראָפּ־צו מיטן טיגער אין אַװעקגעשיקט קיין לאָנדאָן. די באַדעקטע מיט קײַלשריפט גראַניטענע פּליטע, אויף װעלכער עס איז געשטאַנען דער טראָן פון די אַשורער מאָנאַרכן, איז איבערגעשיקט געװאָרן אין מאָסולער מוזיי. די װענט פונעם טראָן־זאַל זײַנען אַקוראַט שטוקאַטורעט און פאַרשמירט מיט צעמענט. אָבער אין אײניקע ערטער, אויף די צונויפגעפּעסטיקטע מיט קאַלך שפּליטערס פון די באַרעליעפן, װאָס זײַנען ניט אַרויסגעפירט געװאָרן בלויז דערפאַר, װאָס פון זיי װאָלט אין װעג געװאָרן אַ פּראָשעק, קאָן מען זען געמעלן פון קריגסלײַט, װעלכע שפּאַנען פאָרויס, װי אויך קאַמפּס־װאָגנס און קרעל־לאַפּעס פון אַ פאַרװונדעטער אַפּן יאַגד כײַע, װאָס דראַפּעט די ערד אין אַ גסיסע־אַגאָניע.

שפּעטער האָט לעיאַרד געמאָלדן דער װעלט, אַז ער האָט געפונען דעם פּאַלאַץ פון אײנעם פון די אַשורער קייסאָרים. דער דאָזיקער פּאַלאַץ, װי עס איז שפּעטער פעסטגעשטעלט געװאָרן, האָט געהערט צו דעם קייסער סינאַכעריב. אָבער לעיאַרדס סאַמע גרעסטע דערפינדונג איז געװען אַשורבאַניפּאַלס ביבליאָטעק, װעלכע באַשטייט פון 30 טויזנט גוט סיסטעמאַטיזירטע און קלאַסיפיצירטע טאַבעלעס מיט קיניגלעכע אוקאַזן, מיט פאַרשרײַבונגען פונעם הויף, מיט רעליגיִעזע טעקסטן און מאַגישע קישעף־שפּרוכן, מיט עפּישע דערציילונגען, לידער און הימנען, מיט טעקסטן װעגן מעדיצין, אַסטראָנאָמיע און אַנדערע װיסנשאַפטן. ס׳איז דאָ געפונען געװאָרן אײנס פון די גרעסטע װערק פון דער װעלט־ליטעראַטור — דער העראָיִשער עפּאָס װעגן דעם גרויסן גילגאַמעש, װעלכער איז געװען „אויף צװײ דריטל אַ גאָט און אויף אײן דריטל — אַ מענטש". די דאָזיקע ביבליאָטעק מיט אירע אוניקאַלע טעקסטן איז געװאָרן דער הויפּט־קװאַל, אַדאַנק װעלכן מע האָט זיך באַקאַנט מיט דער אַשור־באַבולשער קולטור. נאָך דער פּובליקאַציע פונעם עפּאָס װעגן גילגאַמעשן איז פאַרשטענדלעכער געװאָרן די אָפּשטאַמונג פון פיל ביבלישע לעגענדעס און מיפן.

מײַן װעג ליגט קיין באַגדאַד דורך ערביל, קירקוק און כילאַ. איך פאָר אַרויס קיין ערביל פון מאָסול גאַנצפרי. אָט איז אַ נײַע בריק איבערן טיגער, עפּעס אַ הויז פון אַן אָרטיקן גוביר, אויסגעבויט אין דער פאָרם פון אַ בודיכטישן טעמפּל, װײַטער — די מעטשעט יונעס, דה. אין נאָמען פונעם נאָװײינע, דאָס דאָרף נינעװיִע, װאָס געפינט זיך אויפן אָרט פון דער הויפּט־שטאָט פון דער אַשורער מעלוכע. איך קום אַרײַן קיין נינעװיִע דורכן טויער, װעלכן עס האָבן רעקאָנסטרוירט די איראַקישע אַרכעאָלאָגן, שטעל אָפּ דעם אויטאָמאָביל, באַקוק דעם רעקאָנסטרוירטן טויער. מײַן אויפמערקזאַמקײַט ציִען צו צװײ עפענונגען אינעם טויער, דורך װעלכע עס קענען קיים דורכפאָרן האַנט־װעגעלעך. אויף װיפל עס אונטערשיידן זיך אונדזערע פאָרשטעלונגען װעגן גרויסקײַט פון די פאָרשטעלונגען פון די אוראַלטע מענטשן!

דער װעג ציט זיך אויף דאָרעם־מיזרעך, דורך ייִשובים, װו בישכײנעס מיט מעטשעטן שטייען קלויסטערס. אַכוץ קריסטן און מוסולמענער, לעבן אין אָט דעם ראַיאָן פון איראַק פאָרשטייער פון אַ געהיימניספולער סעקטע יעזידן.

װעגן אָפּשטאַם פון דער דאָזיקער סעקטע זײַנען ניט פאַראַן קיין זיכערע ידיִעס. אין זייערע רעליגיִעזע פאָרשטעלונגען האָבן די יעזידן פאַרײניקט פאַרשיידענע עלעמענטן פון זאָראָאַסטריזם, װעלכער איז געװען פאַרשפּרייט אין אוראַלטן איראַן, מיטן יודאַיִזם, נעסטאָריאַנסטװע, איסלאַם און אַנדערע גלויבונגען. דער גלויבן פון די יעזידן באַזירט זיך אויף דער אידיי פון צװײ אורקװאַלן באַם באַשאַפן די װעלט — גוטס און שלעכטס, שײַן און כױשעך. זיי גלייבן אין גאָט, דעם טרעגער פון גוטס, און אין טײַװל, דעם „גײַסט פון נעגירונג", װעלכער װערט אָנגערופן מעלעק־טאַוזאַ. דער דאָזיקער גײַסט טרעט אַרויס אינעם געשטאַלט פון אַ פּאַװע. די יעזידן בוקן זיך צו דעם בילד פון אַ פּאַװע, בײַס די רעליגיִעזע פּראָצעסיעס טראָגן זיי זײַן קופּערנע סטאַטועטקע, רייכערן פאַר אים װײַלגערוך, אָבער אַפן קאָל רופן זיי ניט אָן זײַן נאָמען.

די יעזידן עסן ניט קיין פלייש פון אַ האָן, װײַל ער איז ענלעך אויף אַ פּאַװע, קיין פיש, — קעדיי ניט „דערצאָרענען שלוימען", קיין סאַלאַט, װײַל „אונטער יעדן בלעטל געפינט זיך דער טײַװל", קיין כאַזער־פלייש און קיין פלייש פון אַ דאַמהירש. דער בלאָװער קאָליר ברענגט, לויט זייער מיינונג, צאָרעס, דערפאַר האַלטן זיי פאַר בעסער ניט צו טראָגן קיין האַלבאָשעס פון דעם קאָליר. די יעזידן לאָזן זיך אויף לאַנגע האָר, װעלכע זיי פאַרפלעכטן אין צעפּלעך, און אַפן קאָפּ טוען זיי אָן ענלעכע אויף קאָנוסן הילצערנע קאָלפּעקעס. זיי מאַכן פּיליגרים־נעסיִעס צו די קװאָרים פון זייערע הייליקע שייכן, פאַסטן בלויז דרײַ טעג אין דעקאַבער, דערבײַ האַלטן זיי זיך אין טאָג פונעם טאָנעס מיטן פּאָנעם צו דער אויפגייענדיקער זון. די פרויען בײַ די יעזידן האָבן מער רעכט אין פאַרגלײַך מיט די מוסולמענישע פרויען. מיידלעך קאָנען פרײַ אויסקלײַבן פאַר זיך כאָסאַנים, אַ קאַלע קאָן אָפּזאָגן דעם

כאַסן, און א פרוי איז דערלויבט כאַסענע צו האָבן א צווייט מאָל, אויב איר מאַן איז געווען אַפּוועזנד אין מעשעך פון א יאָר.

די איראַקישע יעזידן לעבן איבערהויפּט אין די ווײַטע באַרגיקע ראַיאָנען פון דער פּראָווינץ מאָסול. איינער פון די צענטערס, ארום וועלכן סע גרופּירן זיך זייערע דערפער, איז דער באַרג מאַ־קלוב. דאָ, אין אײַן־סיפני, לעבט זייער גײַסטיקער ראָש — מיר. ניט ווײַט פון אײַן־סיפני געפינט זיך דער קייווער פונעם גרינדער פון דער סעקטע — דעם שייך אדי און פון זײַנע ערשטע נאָכפאָלגער. אַלס ראַיאָן פון דער קאָנצענטראַציע פון די יעזידן רעכנט זיך אויך די באַרג־קייט סינדזשאַר אף צאָפן־מײַרעוו פון איראַק, לעם דער סירישער גרענעץ.

פונקט אזוי, ווי אײַן־סיפני, איז דער ראַיאָן פון סינדזשאַר באַרימט מיט זײַנע סעדער און רײַכע וואַסער־קוואַלן. דער קאַריפיי פון דער אַראַבישער מיטלאַלטערלעכער געשיכטע אַכמעד אל־כאַמדאַני האָט געשריבן, אַז נויעכס טייווע איז צוגעשטאַנען צום באַרג סינדזשאַר נאָך זעקס כאָדאָשים און אַכט טעג שווימען. נויעך איז געווען צופרידן. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן צו פאַלן, און געזאָגט: „געבענטשט זאָל זײַן די דאָזיקע ערד!" אזוי איז אופגעשטאַנען א שטאָט אין די בערג, ווו עס זײַנען פאַראַן א סאַךביימער און טײַכן.

דער פאַקט, וואָס די יעזידן האָבן זיך פאַרקליבן ווײַט אין די בערג, רופט ניט אַרויס קיין פאַר־וווּנדערונג. עס האָבן זיי פאַרפאָלגט די כאַליפן און די טערקן, וועלכע פלעגן זיי ניט דערלויבן אויס־פילן זייערע רעליגיעזע ריטואַלן.

פון ערביל לאָז איך זיך אַוועק קיין קירקוק. פאַר צוויי שאָ מאַטערנישן אין וועג, וועלכער פירט פון איין באַרג צום צווייטן, ווי פון איין כוואַליע צו א צווייטער, שנײַדן מיר איבער דאָס פרוכטבאַרע ערבילער טיפלאַנד. עס איז דאָס איינציקע אָרט, ווו ס׳זײַנען ביז דער לעצטער צײַט איבערגעבליבן עטלעכע קליינע וואַנדערנדיקע קורדישע שוואָטים. קירקוק צעעפנט זיך מיטאַמאָל; פונעם באַרג זעען זיך אַרויס די פלאַטערנדיקע פאַקעלן פונעם נאַפט־ראַפינירנדיקן זאַוואָד.

דער נאָמען פון דער שטאָט שטאַמט פון באַבאַ גורגור, אָדער באַבאַ קורקור — דער נאָמען פונעם אָרט, ווו עס ברענט נאָך איצט דער גאַז, וועלכער הייבט זיך אוף ביז צום אויבערפלאַך. אין קירקוק בין איך געווען ניט איין מאָל, געשפּאַנט איבער די רוישיקע מערק און שמאָלע קרומע געסלעך פון דער שטאָטישער ציטאַדעל, וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרן אף די כורוועס פון נאַוווּ־כאָדנעצערס פּאַלאַץ. דער דאָזיקער באָוולשער קייסער האָט אין די יאָרן 587—586 פאַר אונדזער ערע פאַרכאַפּט די יעהודישע מעלוכע און אַרויסגעטריבן גרויסע מאַסעס יידן קיין מעסאָפּאָטאַמיע. דאָס לעבן אין גאָלעס האָט געדינט אַלס א סטימול פאַר דער נעוויִיִשער באַוועגונג, וועלכע האָט גע־פּרוּווט דערקלערן דאָס „באָוולשע געפאַנגענשאַפט" אַלס גאָטס א שטראָף פאַר דער ניט־איבערגעגעבנ־קײַט און כילעל־האַקוידעש. דאָ, אין צענטער פון דער ציטאַדעל, אין א קליינינקער, נישטיקער מעטשעט איז צווישן אַנדערע געבראַכט געוואָרן צו קווּרע איינער פון די סאַמע באַוווּסטע נעוויִים — דאַניעל. דער זעלבער דאַניעל, וועלכער איז, לויט דער ביבלישער לעגענדע, אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין באָוול אין א ריוו מיט הונגעריקע לייבן. גאָט האָט געשיקט זײַנעם א מאַלעך און פאַרמאַכט בא די לייבן די פּיסקעס. די מעטשעט רופט זיך טאַקע אזוי אָן — דזשאַמי נאַבי דאַניעל („דזשאַמי" הייסט „מעטשעט").

אַראָפּנעמענדיק די שיך, קאָן מען אַרײַן אין א נידעריקן קליינעם זאַל, ווו עס געפינען זיך די קוואָרים. זיי זײַנען באַדעקט מיט גרינעם צײַג. די מעטשעט איז אָרעם, אָבער זייער באַערט. אַהער קומען אָפּגעבן קאָוועד די ביבלישע נעוויִים מוסולמענער, יידן, קריסטן.

פאַרזעצנדיק די נעסיע, קום איך אָן אין עטלעכע שאָ אַרום אין דער שטאָט כילאַ און אין אוראַלטן באָוול. דער גריכישער געלערנטער געראָדאָט האָט באַזוכט באָוול אין 5־טן יה. פאַר אונדזער ערע און איז געווען איבעראַשט פון זײַן גרייס און גרויסקײַט. ער האָט גערעכנט, אַז דאָס איז די סאַמע שענסטע פון די שטעט, וועלכע ער האָט ווען־ניט־איז געזען. דערפאַר טאַקע האָבן מיר אַדאַנק דעם גרויסן גריך אַזאַ דעטאַלע באַשרײַבונג פון באָוול.

באָוול, וועלכן ס׳האָט באַזוכט געראָדאָט, איז אין די ערשטע יאָרהונדערטער פאַר אונדזער ערע געווען דער גרעסטער האַנדלס־צענטער, ווי אויך א פאָליטישער און קולטור־צענטער פון דער פאָר־דערשטער אַזיע. ער איז געשטאַנען אפן קרייץ פון די וויכטיקסטע האַנדלס־וועגן. פון צאָפן אף דאָרעם פלעגן די פעלקער, וועלכע האָבן באַזעצט דאָס אַרמענישע באַרג־לאַנד, אַראָפּברענגען צום יאַם זייערע פּראָדוקטן אין קײַלעכדיקע, אויסגעפלאָכטענע פון ווערבן־ריטער קוישן, באַדעקטע מיט שאָף־פעלן און באַשמירטע מיט ביטום. פון מײַרעוו אף מיזרעך איז דורך באָוול דורכגעגאַן דער קיניגלעכער וועג פון דער פּערסישער מעלוכע. ער האָט זיך אָנגעהויבן אפן עגעיִשן ברעג פון קליין־אַזיע און געענדיקט זיך, דורכשנײַדנדיק די אויבערגעגנט פונעם יעוופראַט, און ווײַטער — לענגאויס דעם ברעג פונעם טיגער, — לעבן סוז, דער הויפּט־שטאָט פון עלאַם, וועלכע עס האָבן אין 6־טן יה. פאַר אונדזער ערע פאַרכאַפּט די פּערסן. 1400 קמ. פונעם וועג פלעגן די קאַראַוואַנען דורכמאַכן פאַר דרײַ כאָדאָשים.

באָוול איז געלעגן אף ביידע זײַטן פון יעוופראַט און זיך געצויגן לענגאויס דעם טײַך מיט א שמאָלן פּאַס פון 22 קילאָמעטער. די שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט מיט א טיפן ריוו, אָן אָנגעפילטן מיט וואַסער, און מיט צוויי פּאַסן הויכע ציגלנע ווענט, באַקרוינטע מיט טורעמס. די ווענט פון דער ערשטער פעסטונג־ליניע זײַנען געווען באַזונדערס שטאַרק: זייער הייך פלעגט דערגרייכן 7 מ.,



דער מעטשעט אין מאָסול



א גאס אינעם אלטן מאָסול

די רוינען אין כאטרי

א פאסטעך

•

א מיידל פון איראק

•

דער אריינגאנג אין טראָן־זאַל פונעם פּאלאץ אין נימרוד

•

די אוראלטע טויערן פון נינעווע

די ברייט — 15 מ. זיי האָבן געהאַט 100 טויערן פֿון געשמידטן קופּער. בייסן פֿרילינג־געוויסער פֿלעגן די ווענט לעבן יעופֿראַט דינען אַלס דאַמבעס.

די שטאָט־גאַסן זײַנען דורכגעלייגט געוואָרן לויט אַ פּלאַן: אייניקע זײַנען געגאַנגען פּאַראַלעל דעם טײַך, אַנדערע האָבן זיי דורכגעשניטן אונטער אַ גלײַכן ווינקל. אין די ערטער, וווּ די גאַסן זײַנען אַרויסגעגאַן צום יעופֿראַט, האָבן זיי זיך פֿאַרענדיקט מיט טויערן. די באַבילער אײַנוווינער האָבן געבויט דרײַ־ און פֿירשטאָקיקע הײַזער. אין דעם צאָפֿנדיקן טייל שטאָט, אויפֿן לינקן ברעג פֿונעם טײַך, איז געשטאַנען אַ שטיינערנער פּאַלאַץ, וועלכן ס'האָט אויסגעבויט נאַוווּכאַדנעצער אין 4־טן יה. פֿאַר אונדזער ערע; אויף דער אַנדערער זײַט איז געשטאַנען מאַרדוקס פּירעקיקער טעמפּל, אַזוי הויך ווי אַ הײַנטצײַטיק אַכטשטאָקיק הויז. אין דער באַזע האָט דער טעמפּל פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ קוואַדראַט מיט אַ זײַט פֿון 3,5 קמ., אין צענטער פֿונעם קוואַדראַט איז געשטאַנען אַ טרעפּאַרטיקער טורעם, אין וועלכן עס האָט זיך געפֿונען דער הייכל מיטן מיזבייעך.

באַבל פֿלעגט איבעראַשן די פֿרעמדלענדער מיט זײַן אַרכיטעקטור. איינער פֿון די זיבן וווּנדער פֿון דער וועלט זײַנען געווען די באַבילשע הענגענדיקע סעדער. דער ערשטער שטאָק פֿון די דאָזיקע סעדער האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ צימער מיט גראָבע שייד־דעקן, געמאַכטע פֿון אָפּגעברענטע ציגל; איבער אָט דעם צימער האָבן זיך אין דער פֿאָרם פֿון טעראַסעס אויפֿגעהויבן דער צווייטער און דריטער שטאָק. אויף די קינסטלערישע טעראַסעס איז געווען אָנגעשאָטן ערד, אויף וועלכער ס'זײַנען געוואַקסן פּאַלמעס און אַנדערע ביימער. צו די באַבילשע סעדער איז צוגעקלעפּט געוואָרן דער נאָמען „הענגענדיקע סעדער פֿון סעמיראַמידע", כאָטש זי האָט צו זיי קיין שום שײַכעס ניט געהאַט. די סעדער האָט אויפֿגעשטעלט נאַוווּכאַדנעצער פֿאַר זײַן ווײַב, דער מידישער פּרינצעסן אַמיטאַס, וועלכע האָט זיך געפֿילט שלעכט אינעם דושנעם מעסאָפּאָטאַמישן קלימאַט, אינדערווײַטן פֿון די אייגענע בערג און וועלדער.

וועגן דער גרויסקײַט פֿון דער שטאָט זאָגט איידעס אויך אָט וואָס. אַלעקסאַנדער מוקדן, וועלכער האָט פֿאַרכאַפּט באַבל אין 331 יאָר פֿאַר אונדזער ערע, האָט געוואָלט זי פֿאַרוואַנדלען אין דער הויפּטשטאָט פֿון זײַן אימפּעריע. דער גריכישער כאַיל־פֿירער האָט אויפֿגעשטעלט לעם באַבל איינע פֿון די 70 שטעט, וואָס זײַנען אָנגערופֿן מיט זײַן נאָמען. אָבער די אַמביציעזע פּלענער פֿונעם גרויסן כאַיל־פֿירער זײַנען ניט באַשערט געווען צו פֿאַרווירקלעכט ווערן. אַלעקסאַנדער איז געשטאָרבן אין 323 יאָר פֿאַר אונדזער ערע אין באַבל, זײַן גוף האָט מען אַרײַנגעלייגט אין קופּער, און אין מעשעך פֿון צוויי וואָכן האָט מען אים געפֿירט קיין גריכנלאַנד אויף ברענגען צו קווּרע.

נאַוווּכאַדנעצער האָט אויסגעפּוצט די טויערן אישטאַר, וואָס האָבן געפֿירט אין דעם דאָרעמדיקן טייל פֿון דער אוראַלטער שטאָט, מיט פֿילקאָלירטע באַרעליעפֿן פֿון פֿאַרשיידענע באַלעכאַיִם. איך שטיי לעם די דאָזיקע טויערן און באַטראַכט די באַלעכאַיִם, וועלכע האָבן געדאַרפֿט וואַרפֿן אַ מוירע און אַרויסרופֿן דערעפֿורכט בא אַלע דורכגייער. אָט איז אַ פֿאַנטאַסטישער דראַקאָן מיט לאַפּעס פֿון אַן אָדלער און מיט אַן עק פֿון אַ שלאַנג. זײַן גוף איז באַדעקט מיט ליסקעס, דער קליינער פֿלאַכער קאָפּ איז געקרוינט מיט אַ האָרן, אַ פֿאַרפֿלאָכטענעם אין אַ ספּיראַל, פֿונעם פֿאַרביסענעם פּיסק רוקט זיך אַרויס אַ צווייענדיקע צונג. אויף די גיגאַנטישע מויערן מיט די צוויי אַרויסגעשטעלטע פֿאָרויס טורעמס ציילט מען אָן 575 באַרעליעפֿן פֿון פֿאַנטאַסטישע באַלעכאַיִם.

אַ קילאָמעטער פֿופֿצן פֿון באַבל, דאָרט, וווּ עס ליגן די חורבֿות פֿון דער שטאָט באָרסיפּאַ, זעט זיך אַ קליין בערגל, בא וועלכן, לויט דער לעגענדע, ס'איז געבוירן געוואָרן דער אורפֿאָטער אַווראָם. דאָרט איז אויסגעבויט געוואָרן אַ ליימיקע מעטשעט. זי האָט ניט קיין מינאַרעטן און איז מערער ענלעך אויף אַ מאַוויזאָליי מיט אַ קופּאָל, וואָס מע שטעלט אויף די קוואָרים פֿון מוסולמענישע הייליקע. אַגעוו, אַווראָמען (מע רופֿט אים איבראַגים אַל־כאַליל) גיבן אָפּ קאָוועד אויך די מוסולמענער.

איך באַטראַכט די באַשיידענע מעטשעט, אַ באַפּוצטע מיט שפּליטערלעך פֿון אַ שפּיגל און מיט געלע אָפּדרוקן פֿון פּרוויִשע דלאָניעס. די מעטשעט איז זייער פּאָפּולער, פֿרײַטיק קומען פּויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער מיט זייערע ווײַבער, וועלכע טראָגן אויף די פּיס קלינגענדיקע זילבערנע בראַסלעטן. זיי לאָזן זיך אַראָפּ אין פֿינצטערן קעלער, בוקן זיך דאָרט, לייענען טפֿילעס, און ווען זיי קלאָגן זיך אָפּ אויף זייערע אוולעס און צאָרעס, גייען זיי אַרויף.

דאָ, לעם דער מעטשעט, דינגענדיק זיך מיט די קאָראַביינעקעס, קויפֿן זיי אײַן ווײַסע קאָנפֿעטן מיט אַ מיאַטנעם בײַטאַם און אַנדערע זיסע זאַכן, און דערנאָך קערן זיי זיך אום אין די דערפֿער.

איך האָב זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אין דער אונטערערדישער הייל. די ווענט אירע זײַנען באַצויגן מיט שוואַרצן און גרינעם ציִג. אונטערן פּאָרהאַנג דאַוונט אַ פֿרוי, שרײַענדיק אויף אַ קאָל און וויינענדיק. בא איר אין דער מישפּאָכע איז ניט אַלץ אין אָרדענונג: זי בעט אַווראָמען אומקערן איר דעם מאַנס ליבע און פֿאַרטיידיקן זי פֿון בייזע צינגער.

אין מעסאָפּאָטאַמיע זײַנען פֿאַראַן נאָך צוויי ערטער, פֿאַרבונדענע מיטן נאָמען פֿון אַווראָם אָווינו. דאָס איז אור, אויף דאָרעם פֿון איראַק, וווּ אַווראָם האָט געלעבט און פֿונוואַנען, לויטן באַפֿעל פֿונעם אייבערשטן, ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין קאַנאַאַן און על־קורנאַ. אין ראַיאָן על־קורנאַ בין איך ניט לאַנג צוריק געווען, און כ'געדענק אויף אויסווייניק דעם טעקסט, וועלכער איז אָנגעשריבן אויף אַ גרויסער שילד. „אויף דעם דאָזיקן הייליקן אָרט, וווּ דער טײַך טיגער גיסט זיך צונויף מיטן יעופֿראַט, וואַקסט דער הייליקער בוים פֿון אונדזער אורפֿאָטער אַווראָם; דער בוים סימבאָליזירט די סעדער פֿונעם גאַניידן אויף דער ערד. דאָ האָט געדאַוונט מיט צוויי טויזנט יאָר פֿאַר אונדזער ערע אַווראָם". די שילד שטייט

לעבן א צעצווײַגטן בוים, וועלכער באדעקט זיך צוויי מאָל אין יאָר מיט גאָלדענע, די גרייס פון ווײַנשל, פּיירעס, וואָס רופן זיך נאבוק. דאָרט, ווו דער טיגער און דער יעווּפראַט, צונויפגיסנדיק זיך, בילדן דעם פולוואסערדיקן שאט־על־אראב, האָט זיך געפונען דער ביבלישער גאניידן. אין דאָרעם־איראק וואקסן ניט קיין עפּלביימער, און, ווײַזט אויס, נאבוק איז געווען די פּיירע פונעם בוים פון דערקענטעניש, וועלכע עס האָט פארזוכט אָדעם, לויט כאוועס פאָדערונג. דער בוים, וואָס סימבאָליזירט דעם גאניידן, איז ארומגערינגלט מיט א הויכן פּלויט, ווו ס'איז פאראן א קאליטקע פון א מעטאלענער גראטע. די ווײַסע ווענט פונעם פּלויט זײַנען אויסגעפארבט מיט כנא. ווײַזט אויס, דאָס דאָזיקע אָרט איז בעעמעס הייליק בא די אָרטיקע אײַנוווינער.

איך שטיי אַף דער סטרעלקע פון די טײַכן און קוק, ווי דאָס טונקעלע וואסער פונעם טיגער גיסט זיך צונויף מיטן מער העל־בלויעלעכן וואסער פונעם יעווּפראַט. דאָ, אין סאָד, שטייט א קליינער רעסטאָראַן. איצט זיצן דאָ אונטער די געדיכטע, צעשפּרייטע אקאציעס מיט רויטע „בומעראנגען" פון שויטן, אכוץ מיר, נאָך עטלעכע אויסלענדער.

אפן קעגנײַבערדיקן ברעג פונעם טיגער כאפּן קינדער קליינע פישלעך. עס קלאַפּט א דיזעל־פּאָמפּע, לאנגזאם שווימט דורך א שיפל, אן אָנגעלאָדנס מיט קוישן פון פארפלאָכטענעם קאמיש — די דאָזיקע קוישן ארבעטן אויס די אָרטיקע באלמעלאָכעס. עס קומען אָן און פאָרן אוועק אווטאָמאָבילן. צווישן זיי — ניט ווייניק מיליטערישע לאַסט־אווטאָס, וואָס ברענגען פראכט און שיס־מאטעריאלן צו די דאָרעמדיקע סעקטאָרן פונעם פראָנט. די איראן־איראקישע מילכאָמע האָט אויסגעקערט, ווי א בעזעם, די טוריסטן, וועלכע פלעגן קומען צו דער אורא לטער מעסאָפּאָטאמיע. און די שטילע, רויִקע על־קורנא קאָן זיך הײַנט לאכלוטן ניט רעכענען פאר א געפארלאָז אָרט פונעם גאניידן.

יידיש — **י. לאכמאן**

בראָניק

א נײַער בוך וועגן סייפער־האספאָרים

דער מאָסקווער פארלאג „פּאָליטיזדאט" האָט דאָ ניט לאנג ארויסגעלאָזט א נײַעם בוך פונעם באוווּסטן סאָוועטישן סעמיטאָלאָג דאָקטאָר פון היסטאָרישע וויסנשאפטן איליא שיפמאן „דער טאנאך און זײַן וועלט". אינעם אונטערקעפּל ווערט אָנגעוויזן: „דער טאנאך אלס דענקמאָל פון דער ליטעראטור און געזעלשאפטלעכן גע־דאנק פון דער אוראלטער פאָדער־אזיע". דער בוך באשטייט פון פינף קאפּיטלען: „די נע־וויִישע באוועגונג און די סיפריי־נעוויִים", „די טוירע", „די היסטאָרישע ספאָרים פונעם טא־נאך", „טאנאכישע קסאָווים", „דער טאנאך אין דער סיסטעם פון קולטור פון דער אוראלטער פאָדער־אזיע". אפן סמאך פון א דעטאליזירטן אנאליז פון די העברעיִשע טעקסטן, וואָס זײַנען יאָ ארײַן און ניט ארײַן אינעם ביבלישן קאנאָן, אויסניצנדיק ארא מעיִשע טארגומים, ווי אויך די אוראלטסטע גריכישע איבערזעצונג פון דער טוירע — „סעפּטואגינטע" און טאלמודישע מא־טעריאלן, אנטפּלעקט דער אווטאָר דאָס בילד פונעם גײַסטיקן און פּאָליטישן לעבן פון דעם יידישן פאָלק אין פארלויף פון דער ביבלישער און, אין א קלענערער מאָס, אויך אנטישער טקופע. עס ווערן צוגעצויגן אויך אנדערע מע־קוירים, צווישן וועלכע מע קאָן טרעפן ווייניק באוווּסטע אין אונדזער לאנד מאטעריאלן פון די פאָרשונגען פון הײַנטצײַטיקע ייִסראָעלדיקע ארכעאָלאָגן. די אויסגאבע שליסט אין זיך אײַן טערמינאָלאָגישע אָנצײַגערס און פּראָטימדיקע „קורצע קוואלן־קענטענישע אינפאָרמאציע" וועגן דעם טאלמוד און וועגן דער סינאָדאלער איבער־זעצונג פון דער ביבל אין דער רוסישער שפּראך, ווי אויך א ריי אנדערע צוגאָב־מאטע־ריאלן.

א ספּעציִעלן אינטערעס רופט ארויס דער פארגלײַך־אנאליז פון דער אוראלטער העברעיִ־שער און דער נאָענטער גענעטיק צו איר אוגא־ריטישער ליטעראטור.

ניט געקוקט אַף זײַן שטרענג וויסנשאפט־לעכן און פאָרשערישן כאראקטער, איז דער בוך אויסגערעכנט ניט נאָר אַף פאכלײַט, נאָר אויך אַף ברייטע פארינטערעסירטע קרײַזן לייענער. ער איז איליוסטרירט און פײַן אויסגעפאָרמירט. זײַן טיראזש באטרעפט 200.000 עקזעמפּליארן.

קורסן פאַר דערלערנען די יידישע שפּראַך

Бакинский клуб железнодорожников «Ударник»

ПРОДОЛЖАЕТ НАБОР

на курсы еврейского языка.

Время занятий: по понедельникам и четвергам — с 18 час. 30 мин.

За справками обращаться по адресу: г. Баку, ул. Рылеева, 13. Телефон 99-50-92.

Проезд: трамваем № 6.

РАДЯНСЬКИЙ ШЛЯХ

Палац культури і техніки виробничого об'єднання «Прогрес» оголошує набір на курси:

аутогенного тренування — 3 місяці (абонементи продаються в касі ПКіТ),

стенографії — 10 місяців,

німецької мови — 10 місяців,

польської мови — 10 місяців,

група ритмічної гімнастики — 4 місяці,

еврейської мови — 10 місяців.

Клуб «Рукодільниця» з програмою навчання: в'язання крючком, декоративне виготовлення квітів із тканини, художня вишивка (хрестиком, гладдю, «ажурна сітка», бісером) — 6 місяців.

Заяви приймаються до 1 жовтня 1987 року в кабінетах №№ 41, 45.

За довідками звертатися по телефону 95-02-94.

אין פאַרשיידענע שטעט פונעם לאַנד האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קורסן אַף צו דערלערנען יידיש. מיר ברענגען דאָ מוסטערן פון דער אינפאָרמאַציע וועגן אָט דעם אי־ניען, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט אין בערדיטשעוו און באַקו.

אין דער ערשטער מעלדונג איז דער טעקסט אַזאַ:

„דער קלוב פון די אייזנבאַנער אין באַקו „אודאַרניק" זעצט פאָר דעם אופנאַם אַף קורסן פון דער יידישער שפּראַך. די לימודים קו־מען פאָר יעדן מאָנטיק און דאָנער־שטיק פון האַלב זיבן אין אָוונט. מיט אָנפראַגן זיך ווענדן לויטן אַד־רעס: באַקו, רילייעוו־גאַס, 13. טע־לעפאָן: 92־50־99. פאָרן מיטן טראַמוויי נומ. 6".

אין דער צווייטער רעקלאַמע־נאָ־טיץ פונעם פּאַלאַץ פון קולטור און טעכניק בא דער בערדיטשעווער פּראָדוציר־פאַראייניקונג „פּראָגרעס" ווערט, צווישן אַנדערס, געזאָגט, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אופנאַם אַף קורסן פון דער דייטשישער, פּוילישער און יידישער שפּראַכן.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

אין דער לעצטער צײַט באַווײַזן זיך אין אייניקע אָרטיקע צײַטונגען מאַטעריאַלן מיט קריטישע באַמערקונגען וועגן דעם צושטאַנד פֿון דער קולטור־אַרבעט אויף ייִדיש. מיר דרוקן דאָ איבער געקירצט צוויי אַזעלכע אַרטיקלען.

שעצן די נאַציאָנאַלע געפֿילן פֿון אַלע פֿעלקער

אינעם פּעריאָד פֿון דער רעוואָלוציאָנערער איבערבויונג, וועלכע קומט פֿאָר אין אונדזער לאַנד, אין באַדינגונגען פֿון עמעס און עפֿנטלעכקייט דאַרפֿן ניט פֿאַרבלײַבן קיין ווײַסע פֿלעקן אין אונדזער געשיכטע. צווישן די פֿיל אומגעזעצלעכקייטן, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט סטאַלינס פּערזאָנען־קולט, פֿיגורירן אויך די ניט־באַגרינדעטע רעפּרעסיעס אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן בענעגייע אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבער, אַקטיאָרן און אַנדערע קולטור־טוער.

די אידעאָלאָגישע און קולטור־אַרבעט צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז מערקבאַר אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אָפֿט אַפֿילע אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. אין אַן אידעאָלאָגישן קאַמף קאָן קיין וואַקוום ניט געמאָלט זײַן, אויך דאָ פֿונקציאָנירט אַן עלעמענטאַרער קלאַל — דאָרט, ווו עס איז אָפּוועזנד אונדזער אידעאָלאָגישע אַרבעט, פֿאַרכאַפּן באַלד איר אָרט די אידייִשע קעגנער, אין געגעבענעם פֿאַל די ציִעניסטישע עלעמענטן — סײַ אָרטיקע, סײַ אויסלענדישע. עס קומט אויס מיט פֿאַרביטערונג צו קאָנסטאַטירן, אַז זיי האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּצונאַרן, פּאַשעט אַראָפּפֿירן פֿונעם וועג אַ געוויסן טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס זײַנען אַרויסגעפֿאָרן זוכן „גליק" אין ייִסראָעל און אין אַנדערע לענדער. פֿאַרדריסלעך איז, וואָס געשען איז עס אויך מיט יענע, וועלכע האָבן פֿריִער קיין שום געמיינזאַמס מיט דער ציִעניסטישער אָנשויונג ניט געהאַט.

קעדיי אַזוינס זאָל זיך ניט איבערכאַזערן, ווי אויך צוליב באַשיצן די סאָוועטישע ייִדן פֿון פֿײַנטלעכע אידעאָלאָגישע דיווערסיעס, טאָר מען ניט פֿאַרגעסן, אַז דער מענטש לעבט ניט נאָר מיט מאַטעריעלע אינטערעסן. מע דאַרף ווײַטער אַנטוויקלען די ייִדישע סאָציאַליסטישע קולטור אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פֿון דער קולטור פֿון אַלע סאָוועטישע פֿעלקער.

ניט לאַנג צוריק האָבן מיר געקוקט די טעלעוויזיע־בריק „ווילנע—זשענעווע" און געדענקען, ווי איינער אַ שווייצאַרישער בירגער, וועלכער איז געווען צוגאַסט אין דער הויפּט־שטאָט פֿון אונדזער רעפּובליק, האָט פֿירגעוואָרפֿן, אַז אין ווילנע זײַנען ניט פֿאַראַן קיין שום שפּורן, וואָס זאָלן דערמאָנען וועגן דעם, אַז אָט די שטאָט איז אַמאָל געווען אַ צענטער פֿון ייִדישער קולטור. עס האָט אים געענטפֿערט דער ווילנער טוישעוו, דאָקטאָר פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן ס. אַטאַמוקאַס, אַ ייִד. ער האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט דעם אָפּאָנענט אויף דעם באַגאַנגענעם מיצאַד די היטלער־אָקופּאַנטן גענאָציד בענעגייע די ייִדן, דערמאָנט, אַז אין ווילנע פֿונקציאָנירט אַ קאָלעקטיוו פֿון ייִדישער זעלבסטטעטיקייט, און דערמיט האָט ער זיך באַגרענעצט.

נאַטירלעך, אַז ס. אַטאַמוקאַסן איז שווער געווען עקספּראָמט אַרומכאַפּן אַלץ. ער וואָלט געקאָנט דערמאָנען וועגן דעם, אַז ניט לאַנג צוריק איז אויף דער יאָוואַראַס־גאַס פֿײַערלעך אַנטהילט געוואָרן אַ מעמאָריאַל־ברעט דעם אָנגעזעענעם געזעלשאַפֿטלעכן טוער, אָנטיילנעמער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער און פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ליטע, דאָקטאָר פֿון פֿילאָסאָפֿישע וויסנשאַפֿטן, פּראָפֿעסאָר, פֿאַרדינסטפֿולן קולטור־טוער פֿון דער רעפּובליק גענריקאַס זימאַנאַסן, אַז אין ווילנע איז פֿאַראַן אַ גאַס, וואָס איז אָנגערופֿן מיטן נאָמען פֿון שיינע מאַדייסקעריטע, מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פֿון דער ווילנער געטאָ, אַ פֿאַבריק, וואָס איז אָנגערופֿן מיטן נאָמען פֿון אַן אַנדערן העלד פֿון געטאָ, דעם קאָמוניסט איציקאַס וויטענבערגאַס, אַז אין ליטע איז פֿאַרייביקט דער אָנדענק פֿון רעפֿאָעל טשאַרנאַס, אַלטער קליינעריס, העסיע גלעזעריטע, איציקאַס מעסקופּאַס, מאַרק אַנטאָקאָלסקי, איסאַק לעוויטאַן און פֿיל אַנדערע ייִדן — אָנטיילנעמער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און טוער פֿון קולטור. הײַנט מיִען זיך פּרוכטבאַר אין ווילנע און אין אַנדערע שטעט פֿון דער רעפּובליק באַוווּסטע מענטשן, ייִדן לויט דער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע האָבן דערוואָרבן ברייטע אָנערקענונג און אָפּשאַצונג. אָבער די דאָזיקע מאָמענטן קאָנען ניט פֿאַר־

פולן די בלויזן אין פראט פון פארהיטן די יידישע קולטור־ירושע אין ליטע, באזונדערס אין ווילנע.

קוידעמקאל וואלט מען געדארפט ווידערופשטעלן אין ווילנע דעם יידישן מוזיי, וועמענס פאנדן זיינען איבערגעגעבן געווארן פארשיידענע מוזייען, ביבליאטעקן, ארכיוו־אנשטאלטן. עס געדענקט זיך, אז די מוזיי־עקספּאנאטן האבן דערציילט וועגן דעם אנטייל פון יידן אין דער רעוואָליוציאנערער באוועגונג, ווי אויך וועגן דעם ווידערשטאנד אין די יידישע געטאס אין די שוידערלעכע יארן פון דער היטלער־אקופאציע. דא האבן זיך עקספּאנירט ווערטפולע כפייצים פון מאטעריעלער און גייסטיקער קולטור פון דער יידישער באפעלקערונג.

איך מיין, אז אין איינער פון די עפנטלעכע ביבליאטעקן אין ווילנע וואלט מען געקאנט שאפן אן אפטייל פון ביכער אף יידיש. מע וואלט געדארפט אפמערקן מיט א דענקמאל אדער מיט א מעמאריאל־ברעט דאס ארט פון דער געוועזענער ווילנער יידישער געטא. מע דארף א טראכט טאן, וואס וואלט מען נאך געקאנט טאן אין דעם פראט.

בייסן פארווירקלעכן אין לעבן דעם קורס פון איבערבויונג איז נייטיק אנטשיידן זיך אפגרענעצן פון אייניקע אפגעלעבטע באגריפן, אפשטויסנדיקע געוווינהייטן. יארצענדליקער האט זיך איינגעבירגערט די פאלשע פראקטיק, איבער פארשיידענע געלעגנהייטן, באוווסטזיניק ניט דערמאנען יידן, ווי זיי וואלטן ביכלאל ניט עקזיסטירט.

דעם 23 פעווראל 1942 בין איך געקומען פונעם קאלינינער פראנט אין דער גארקער געגנט, ווו עס האט זיך פארמירט די 16־טע ליטווישע שיסער־דיוויזיע. אין אירע רייען האבן צוזאמען מיט די ליטווינער געקעמפט מענטשן פון אנדערע נאציאנאליטעטן. דער קאנדידאט פון היסטארישע וויסנשאפטן י. דאבראוואלסקיס האט אונטערגעכעזשבנט, אז אפן 1 יאנואר 1943 זיינען אין דער דיוויזיע געווען 29 פראצענט יידן (י. דאבראוואלסקיס. ליטווישע שלאכטלייט אף די פראנטן פון דער גרויסער פאטערלענדישער מילכאמע. ווילנע, 1967, ז. 49). ניט איין מאל איז אבער אויסגעקומען צו הערן, ווי אין דער ראדיא און אין די טעלעוויזיע־טראנסליאציעס, געווידמעט דעם קאמפס־וועג פון דער 16־טער ליטווישער שיסער־דיוויזיע, האט מען פארשוויגן, בייסן איבערעכענען דעם נאציאנאלן באשטאנד פון דער דיוויזיע, אז אין אירע רייען האבן געקעמפט אויך יידן. בלויז א געזעצלעכן גרימצארן רופט ארויס אזא, וואלט איך געזאגט, אומפארשטענדלעכן פרווו צו באהאלטן דעם עמעס וועגן דעם אנטייל פון יידן אין די שלאכטן אף די פראנטן פון דער גרויסער פאטערלענדישער מילכאמע, אז א סאך פון זיי זיינען געפאלן ווי העלדן, אז ניט ווייניק יידן האבן באקומען דעם טיטל העלד פון סאוועטנפארבאנד.

אן אנדער ביישפיל. אף דער פארגעקומענער דעם 14 מארט 1987 גרינדונגס־קאנפערענץ פון דער רעפובליקאנישער געזעלשאפט פון וועטעראנען פון מילכאמע און מי האט דער פארזיצער פון דער מאנדאט־קאמיסיע מיטגעטיילט אין זיין פארטראג, וויפל עס באטייליקן זיך אין דער קאנפערענץ ליטווינער, רוסן, אוקראינער, 6 וועטעראנען פון פוילישער נאציאנאליטעט, און דערנאך צוגעגעבן — און 10 אנדערע. צווישן די דאזיקע 10 „אנדערע" זיינען געווען, ווי מיר איז באוווסט, 8 (!) יידן. פארוואס איז עס ניט געזאגט געווארן אינעם פארטראג פון דער מאנדאט־קאמיסיע? צי דען איז עס שווער געווען צו טאן?

אף אט דער קאנפערענץ האב איך דערלאנגט אין פרעזידיום א צעטעלע מיט א באקאשע מיטצוטיילן, וויפל פונדעסטוועגן וועטעראנען־יידן נעמען אין איר אן אנטייל און צי איז ניט צייט היינט, אין באדינגונגען פון עפנטלעכקייט, אופהערן אנצורופן די יידן „אנדערע". צום באדויערן, האט מען מיר אף מיין צעטעלע ניט געענטפערט.

אזא אומטאקטישע איגנארירונג באליידיקט טיף די נאציאנאלע געפילן, די זעלבע, וועגן וועלכע ס'האט אזוי איבערצייגעוודיק גערעדט דער גענעראל־סעקרעטאר פון צק קפסס מ. ס. גארבאטשאוו אינעם פארטראג „דער אקטיאבער און די איבערבויונג: די רעוואליוציע ווערט פארגעזעצט".

די היטלער־אקופאציע האט איבערגעלאזט אין פיל ערטער פון ליטע שפורן פון אן אומגעהערטן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אכזאריעסדיקן גענאציד — ברידערלעכע קווארים פון מאסן־אויסראטונג פון יידן. דא האט מען טויזנטערווייז דערשאסן פרידלעכע, וואפנלאזע, אומשולדיקע מענטשן, דערונטער פרויען, זקיינים, קינדער.

אין אונדזער רעפובליק ווערן דעם 9 מיי און אין אנהייב נאיאבער אפגעמערקט געדענק־טעג פון די אומגעקומענע. יאר־יערלעך קומען מענטשן צו פארן אין די טעג פון צעשיסונגען צו די דאזיקע קווארים, קעדיי בארן דעם אנדענק פון די פאשיסטישע קארבאנעס, קרויווים און נאענטע. עס זאמלען זיך צונויף ארטיקע איינוווינער, עס ווערן דורכגעפירט טרויער־מיטינגען.

אינעם לאזדייער ראיאן, לעבן קאטשקישקיאי, אין יורבאקאס, שווענטשעליאי און אין אייניקע אנדערע ערטער גייען דורך אזעלכע פארזאמלונגען מיטן אנטייל פון די אנפירער פון די אויספירקאמען פון די ארטיקע ראטן פון פאלקס־דעפוטאטן, פון פארשטייער פון די ראיקאמען פון דער פארטיי, עס קומען אהער שילער מיט זייערע לערער.

אבער אין א סאך שטעט און ראיאנען פון דער רעפובליק זיינען אזעלכע טרויער־פארזאמלונגען געלאזט אף זעלבסטפלוס, און דעריבער אנטשפרעכן זיי ניט שטענדיק דעם געהעריקן אידייִשן ניוואָ.

אין פראט פון נאציאנאלע באציונגען דארף מען קעסיידער זיך באזירן אף דער אנווייזונג פון דער קאמוניסטישער פארטיי וועגן דער נויטווענדיקייט צו זיכערן דעם סאמע אקטיוון אנטייל פון די ארבעטנדיקע אין דער לייזונג פון די פילארטיקע אופגאבן אינעם לעבן פון אונדזער פילנאציאנאלער געזעלשאפט. דאס אלץ וואלט מיטגעהאלפן ליקווידירן די אזויגערופענע „יידן־פראגע", וועלכע מע צעבלאזט מיט א בייזער קוואנע אין אויסלאנד.

י ע ו ו ס י י י א צ א ו ו ס ק י ס,
קאנדידאט פון היסטארישע וויסנשאפטן
(„טיעסא", ווילניוס, 5 יאנוואר 1988)

װעגן נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַװוסטזײַן און נאַציאָנאַלער קולטור

1

די לעצטע יאָרצענדליקער פֿון דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע האָבן אַרײַנגעטראָגן אינעם לעבן פֿון דער מענטשהײַט, באַגלײַך מיט אַנדערע מערקװירדיקע סאָציאַלע דערשײַנונגען, אויך אַ שאַרפֿן אָנװוּקס פֿונעם ניװאָ פֿון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַװוּסטזײַן. די דאָזיקע דערשײַנונג איז אַן אַלװעלטלעכע לויט איר כאַראַקטער, און אין פֿאַרשײדענע סאָציאַלע באַדינגונגען האָט זי פֿאַרשײדענע סיבעס און פֿאָלגן.

דער װוּקס פֿונעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַװוּסטזײַן איז אײגנטימלעך פֿאַר אַלע אָן אויסנאַם פֿעלקער. בײַ אונדז איז ער קודעמקאָל אַ רעזולטאַט דערפֿון, װאָס די סאָציאַליסטישע רעװאָלוציע האָט געלײזט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע, געזיכערט באַדינגונגען ניט בלויז יורידישע, נאָר אויך סאָציאַל־עקאָנאָמישע גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון די נאַציעס. אױף דעם יסוד איז אַנטשטאַנען און זיך פֿאַרפֿעסטיקט אַן אוניקאַלע דערשײַנונג אין דער אַלװעלטלעכער געשיכטע — די פֿרײַנטשאַפֿט פֿון די סאָװעטישע פֿעלקער, װעלכע שטעלט מיט זיך פֿאָר אײנער פֿון די װיכטיקסטע יסודות פֿון דער מעכטיקײַט און פֿעסטקײַט פֿון דער סאָװעטן־מלוכע. באַזונדערס אַקטיװ אַנטפּלעקט זיך דער װוּקס פֿון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַװוּסטזײַן הײַנט, אין באַדינגונגען, װען עס פֿאַרברײטערן זיך די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע און עפֿנטלעכקײַט.

די לײזונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אין פּסק באַטײַט אָבער ניט, אַז די ספֿערע פֿון נאַציאָנאַלע באַציִונגען פֿאַרמאָגט ניט קײן פּראָבלעמען. די דאָזיקע באַציִונגען אין אונדזער לאַנד — דאָס איז „אַ לעבעדיקע פֿראַגע פֿונעם לעבעדיקן לעבן". זײ רירן אָן דירעקט און אומיטלבאַר באַליביקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע, קולטורעלע און אַנדערע לײזונגען.

דער פֿאַרגליװערונגס־פּעריאָד האָט נישט געקאָנט זיך ניט אָפּרופֿן אױף דער ספֿערע פֿון די נאַציאָנאַלע באַציִונגען, אײַנגעשלאָסן אויך יענע אַספּעקטן, װעלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער קולטור. װי ס'איז אָפּגעמערקט געװאָרן אױפֿן יאַנוואַר־פּלענום (1987) פֿון קפּסס, באַװײַזן זיך בײַ אונדז נאָך פֿאַלן פֿון אָרטיקײַט, טענדענצן צו נאַציאָנאַלער אָפּגעפֿרעמדטקײַט, שטימונגען פֿון נאַציאָנאַלער גײַװע און אַפֿילע אינצידענטן, ענלעכע אױף די, װעלכע האָבן געהאַט אָן אָרט אין אַלמאַ־אַטאַ. נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקײַט און גאַדלעסדיקײַט, שאָװיניזם און אַנטיסעמיטיזם, דער פּרינציפּיעלער קאַמף מיט װעלכע עס איז קעסײדער געװען אין די טראַדיציעס פֿון באָלשעװיזם, האָבן רעליעף זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער פּראָװאָקאַציאָנעלער טעטיקײַט פֿון אײניקע לידערס פֿון „פּאַמיאַט" און פֿון ענלעכע אױף איר אַנדערע ניט־פֿאָרמעלע אָרגאַניזאַציעס.

הײַנט, אין די באַדינגונגען פֿון איבערבויונג, איז אונדזער געזעלשאַפֿט פֿאַרינטערעסירט, עס זאָלן ברײט זיך פֿאַנאַנדערװיקלען די גײַסטיקע, קולטורעלע פּאָטענצן פֿון יעדער פֿאָלק אױף אַ געמײנזאַמען אידײיִשן אָנשױונגס־יסוד. דאָס רופֿט אַרויס די נויטװענדיקײַט פֿון קאָנסטרוקטיװע מאַכשאָװעס און פֿאָרשלאָגן, װיאַזוי פֿולער אויסניצן די אָביעקטיװ עקזיסטירנדיקע אין אונדזער געזעלשאַפֿט באַדינגונגען פֿאַר אויפֿבלי, פֿאַר דערנענטערונג און אײנהײַט פֿון אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן. דערבײַ דאַרף מען טאָמיד געדענקען, אַז זײ זײַנען ניט בלויז אַ קװאַל, װאָס פֿאַרפֿולט קעסײדער דעם אינטערנאַציאָנאַלן אינהאַלט פֿון דער אַלגעמײן־סאָװעטישער קולטור, נאָר אויך אַ װיכטיק מיטל פֿאַר רעאַליזירן די נאַציאָנאַלע געפֿילן און דעם זעלבסטבאַװוּסטזײַן פֿון די מענטשן, װאָס איז נײטיק און װוּנטשלעך פֿאַר דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע.

אױף די פּראָבלעמען פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור, װעמענס אַקטועלקײַט איז האַסטיק געשטיגן אין אונדזערע טעג, פּרוּװן ספּעקולירן קאָלעריי סאָנים פֿונעם סאָציאַליזם, װעלכע פּרוּװן אונטערטראָגן די זאַך אױף אַזאַ אופֿן, אַז עס עקזיסטירט קלומרשט אײן ייִדישע קולטור — אַ קולטור פֿון ראַבאָנים־קלעריקאַלן און פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער בורזשואַזיע. נעמלעך אָט די קולטור האָבן זײ געװאָלט אָנבינדן די סאָװעטישע ייִדן. אָבער אין דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור, װעלכע איז געשאַפֿן געװאָרן אין די באַדינגונגען פֿון אַן אַנטאַגאָניסטישער געזעלשאַפֿט, האָבן באַגלײַך מיט דער הערשנדיקער בורזשואַזער קולטור זיך אַנטװיקלט אויך עמבריאָנען פֿון אַן אַנדער קולטור. פֿאַרבונדן מיט די אינטערעסן פֿון די האָרעפּאַשניקעס און עקספּלואַטירטע, האָט זי אָפּגעשפּיגלט אַ דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע. גראָד אין איר, האָט אונטערגעשטראָכן װ. אי. לענין, „האָבן זיך קלאָר אָפּגעשפּיגלט די גרויסע אַלװעלטלעך־פּראָגרעסיװע שטריכן אין דער ייִדישער קולטור: איר אינטערנאַציאָנאַליזם, איר אָפּרוף אױף די פֿאָרגעשריטענע באַװעגונגען פֿון דער עפּאָכע (דער פּראָצענט ייִדן אין די דעמאָקראַטישע און פּראָלעטאַרישע באַװעגונגען איז אומעטום העכער פֿונעם פּראָצענט ייִדן אין דער באַפֿעלקערונג בכלל)". די סאָװעטישע ייִדן, װי אויך די ייִדן אין אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, זײַנען געזעצלעכע יאָרשים און פֿאָרזעצער גראָד פֿון אָט דער קולטור.

אין דער אַנטװיקלונג פֿון דער סאָװעטישער ייִדישער קולטור זײַנען פֿאַראַן אומבאַשטרײַטבאַרע דערגרײכונגען. צי קאָן מען אָבער זײ האַלטן פֿאַר גענוגנדיקע הײַנט, װען די גראַנדיעזע אויפֿגאַבן פֿון דער איבערבויונג פֿאָדערן באַזונדערס דרינגענדיק

פולקום אנטפלעקן די גײַסטיקע מעגלעכקײַטן פון יעדער נאציע און פעלקערשאפט? ווארשײַנלעך, אז ניט. לאָמיר זיך ווענדן צו אונדזער שטאָט און צו דער געגנט, ווו אין דער פילנאציאָנאלער מישפּאָכע פון פאָרשטייער פון 116 נאציעס און פעלקערשאפטן לעבן 92 טויזנט ייִדן, דערונטער 86 טויזנט אין אָדעס. אזא באדײַטנדיקע אין דער צאָל ייִדישע באפעלקערונג (אן ערעך 5 פּראָצענט פון אלע סאָוועטישע ייִדן) וואָלט געקאָנט ארײַנטראָגן א פיל גרעסערן צושטײַער אין דער אנטוויקלונג פון דער סאָציאליסטישער ייִדישער קולטור און דערמיט — אויך אין דער אלגעמיינער אינטערנאציאָנאלער קולטור פונעם סאָוועטישן פאָלק.

אין אָט דעם אספּעקט שטעלט מיט זיך פאָר הײַנטצײַטיק און באגרינדעט דער געשפּרעך, וועלכער איז געגאנגען אף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער געגנטלעכער אָפּטיילונג פונעם אוקראַיִנישן פאָנד פון קולטור אין נאָיאבער 1987. ס'איז אָפּגעמערקט געוואָרן, אז דער פאָנד דארף זיכערן די זאָרג וועגן דער אנטוויקלונג פון אלע שפּראכן, אף וועלכע עס רעדן די אײַנוווינער פון אונדזער געגנט: פארשטייט זיך, די רוסישע — די שפּראך פון צווישן־נאציאָנאלע קאָנטאקטן און די אוקראַיִנישע — די שפּראך פון דער אײַנגעוואָרצלטער נאציאָנאליטעט פון אונדזער רעפּובליק, אָבער אויך די ייִדישע, בולגארישע און אנדערע שפּראכן. מע דארף מיינען, אז א באדײַטנדיקע ראָליע אין אָט דער וויכטיקער זאך דארפן נעמען אף זיך די געגנטלעכע אָרגאנען פון מאסן־אינפאָרמאציע, אין דער ערשטער ריי — די טעלעוויזיע און ראַדיאָ. אונדזער שטאָט פארמאָגט ניט ווייניק טראדיציעס, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער פּראָגרעסיווער ייִדישער ליטעראטור און טעאטער. אָבער די דאָזיקע טראדיציעס ווערן אויסגעניצט ניט גענוגנד. אין טאָך גערעדט, האָט מען צו זיי זיך בלויז דערנעענטערט, לעמאָשל, די ספּעקטאקלען „טעוויע דער מילכיקער" אינעם אוקראַיִנישן טעאטער אפן נאָמען פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע און „דער פידלער אפן דאך" אינעם טעאטער פון מוזיקאלער קאָמעדיע.

אונדזערע טעאטראלע קאָלעקטיוון, צווישן וועלכע מיר שליסן ניט אויס אויך די מעגלעכקײַט אין דער צוקונפט פון א טעאטער־סטודיע אף א צוויי־ אָדער אפילע אף א דרײַשפּראכיקן יעסאָד (רוסיש־ייִדיש, רוסיש־אוקראַיִניש־ייִדיש), וואָלטן געקאָנט באהערשן אזעלכע גלענצנדיקע ווערק, ווי דער ראָמאן „דער סטעפּ רופט" פון איינעם פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, פון דעם ניט לאנג צוריק פארשטאָרבענעם לאנדסמאן אונדזערן נאָטע לוריע, אָדער הערשל פּאָליאנקערס ראָמאן „דער בעקער פון קאָלאָמייע"...

2

די גאסטראָלן פון דער שאָו־גרופּע „פריילעכס", וועלכע זײַנען דורכגעגאנגען אין אָדעס בא פולגעפּאקטע זאלן מיט אן אינטערנאציאָנאלן באשטאנד צושויער, האָבן באוויזן נאָכאמאָל, וואָס פאר א גוטן קויעך פון דערציִונגס־ווירקונג עס פארמאָגט די נאציאָנאלע קונסט, ווי ענג זי איז פארבונדן מיט דער פילנאציאָנאלער קונסט פונעם סאָוועטישן פאָלק.

דער דאָזיקער קאָלעקטיוו איז געשאפן געוואָרן ניט לאנג צוריק, אין 1981, אָבער פאר אָט דער צײַט האָט ער שוין באוויזן העכער 1200 ספּעקטאקלען קימאט אין אלע רעגיאָנען פונעם לאנד. העכער א מיליאָן צושויער האָט זיך באקאנט מיט דער קונסט פון „פריילעכס". די פּראָגראם, וועלכע דער אנסאמבל האָט פאָרגעשטעלט בייס די גאסטראָלן אין אָדעס, איז די דריטע לויט דער צאָל. פאר א קורצן צײַט־אָפּשניט פון איר עקזיסטענץ איז די שאָו־גרופּע געוואָרן ניט ווייניק באוווסט, זי איז ארויסגעטראָטן אין טעלעוויזיע, עס גרייט זיך צום ארויסלאָז א דיסק־גיגאנט, אין וועלכן עס וועלן ארײַן די בעסטע לידער פון פארשיידענע פּראָגראמען.

ווי א באליביקער נאציאָנאלער טעאטער אין סאָוועטנפארבאנד, פארשליסן זיך ניט די ייִדישע טעאטערס און אנסאמבלען בלויז אין די נאציאָנאלע טראדיציעס. זיי אסימילירן די בעסטע טענדענצן אין דער אינטערנאציאָנאלער קונסט פונעם לאנד, זײַענדיק אן עלעמענט פון איר פילנאציאָנאלער קולטור. די סאָוועטישע ייִדישע סצענישע קונסט איז שטענדיק געווען א בײַשפּיל פון אינטערנאציאָנאלער מיטארבעט צווישן די טעאטערטוער. פאקטן זײַנען פאראן א סאך. דאָס איז יע. וואכטאנגאָווס אָנפירונג מיט דער ייִדישער טעאטער־סטודיע „האבימא", וואָס איז געשאפן געוואָרן אין 1918 יאָר, דאָס שטעלן מיצאד אים דעם באוווסטן ספּעקטאקל „האדיבוק"; דאָס זײַנען די באמיִונגען פון א. סמירנאָוון און ק. מארדזשאנישווילין, געריכטעטע צו עפענען אין 1919 א ייִדישע טעאטראלע סטודיע בא דער קיִעווער „קולטור־ליגע"; דאָס איז די געמיינזאמע ארבעט איבער „קיניג ליר" אינעם מעלוכישן ייִדישן טעאטער מיצאד צוויי מערקווירדיקע פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער סצענע — דעם אוקראַיִנער ל. קורבאס און דעם ייִד ש. מיכאָעלס.

באגלײַך מיט די ייִדישע אקטיאָרן ארבעטן אין דער שאָו־גרופּע „פריילעכס" פאָרשטייער פון אנדערע נאציאָנאליטעטן. אלע אקטיאָרן פארייניקט דער טיפער וויסן פון דער שפּראך און סטיליסטיק פון דער ייִדישער פּראָפעסיאָנעלער און פאָלקס־קולטור, די ספּעציפיק פון די זיטן, פון דער פּסיכאָלאָגיע, פונעם כאראקטער פון יענעם פאָלק, וועמענס סצענישע קונסט זיי שטעלן פאָר. נאָך מער, אין דער עסטראדע־טעאטראלער פאָרשטעלונג „א גוט־יאָמטעוו" האָבן אלע אָן אויסנאם אָנטיילנעמער באוויזן דעם טיפן וויסן פון דער פאָלקס־קולטור, באזונדערס, די פּורים־שפּילן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן פון דער דראמאטיזאציע פון אלטערטימלעכע סוזשעטן, דערנאָך זיך פארוואנדלט אין פריילעכע פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבן אײַנגעשלאָסן סצענקעס פון פּורים־שפּילן, אימפּראָוויזאציע, פּאראָדירונג, סאָציאלע סאטירע. די פּורים־שפּילער — אָנטיילנעמער פון די דאָזיקע פאָרשטעלונגען — זײַ־

נען די ייִדישע אָרעמשאַפט און באַלמעלאָכעס, א טייל פון וועלכע האָט די פּורים־שפּילן געמאַכט פאַר זייער פּראָפעסיע, זיי זײַנען געווען די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן.

איבערבאַזיניקנדיק די פאָלקס־טראַדיציע, שאַפן די אָנטיילנעמער פון „פריילעכס" אויף דער בינע דאָס געשטאַלט פון א טראַדיציאָנעל ייִדיש שטעטל, מיט זײַנע פריידן און ליידן, מיט די אינדערוואָכנס און יאָמטויווים. אָט די אַלע רעאַליעס האָבן איבערגעגעבן גאַנץ פּינקטלעך די אַקטיאָרן אויף דער בינע, אָבער די מאַלבושים זייערע, כאָטש זיי זײַנען פאַרביקע, זײַנען בלויז אַנערעכדיקע: אין בעסטן פאַל איז אין זיי אונטערגעשטראָכן א דעטאַל פון א נאַציאָנאַלן קאָסטיום, און אָפטלעך איז זי אויך אָפּווענד. ביכלאַל אָבער דיסאָנירן די קאָסטיומען מיט דער נאַציאָנאַלער סטיליסטיק פון דער פאָרשטעלונג.

די פּראָגראַם, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן דעם אָדעסער צושויער, איז געבויט לויטן פּרינציפּ פון א קאָנצערט־לימעד, אין גרונט פון וועלכן עס ליגט די שטרעבונג צו פאַרייניקן דעם עסטראַדעפאַרווײַלונגס־אַספּעקט (אַזוי צו זאָגן, דאָס אָנגענעמע מיטן נוצלעכן), דה. געבן דעם צושויער־זאַל די מעגלעכקײַט צו באַקאַנען זיך מיט אייניקע ווערטער און אויסיִעס פונעם ייִדישן אַלעפבייס. ס'איז א ספק, צי איז פּרוכטבאַר גראָד אַזאַ קאָנצערטמעטאָד פון דערלערנען די שפּראַך, אָבער ווי א סצענישער גאַנג, ווען יעטווידער אָס ווערט באַגלייט מיט אַן אייגנאַרטיקן דיווערטיסמענט אָדער מיט א סצענע, איז עס פולשטענדיק באַרעכטיקט.

דער ספּעקטאַקל „פריילעכס" אַנטוויקלט זיך האַסטיק, ער פאַרמאָגט ניט, אויב זיך באַנוצן מיט וו. מייערכאָלדס אויסדרוק, קיין „טאָרמאָזן", דה. עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דער האַנדלונג. עס שאַפט זיך אַן אײַנדרוק, אַז אויף דער בינע באַווײַזט מען ביכלאַל איין נומער: די ליד גייט פליסיק אַריבער אין א טאַנץ, דער טאַנץ — אין א פּאַראָדיע־סצענקע, די סצענקע — אין א ליד. עס שטערט ניט דער אַנטוויקלונג פון דער האַנדלונג די צווייישפּראַכיקײַט פונעם ספּעקטאַקל: ער גייט אויף רוסיש און אויף ייִדיש.

די טעאַטראַליזאַציע פון די מוזיקאַלע און טאַנץ־נומערן פאַרייניקט אינעם אַקטיאָר די וואָקאַלע, פּלאַסטישע און דראַמאַטישע באַגאַבטקײַט, וועלכע עס פאַרמאָגן אָן שום צווייפל די אַרטיסטן פון „פריילעכס", די סאָליסטן און מוזיקאַנטן. מיר רופן ניט אָן די פאַמיליעס, ווײַל מע וואָלט געדאַרפט אָנרופן אַלעמען. די מוזיקאַנטן און אַקטיאָרן זײַנען אַלציינס גוט סײַ אין די ייִדישע פאָלקסלידער, סײַ אין דער אויספירונג פון די ווערק פון די היינטצײַטיקע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן.

די אַרבעט פון די ביראָבידזשאַנער אַרטיסטן איז, פאַרשטייט זיך, ניט פרײַ פון בלויזן און כעסרוינעס. אַזוי, לעמאָשל, ליידט דער טעקסט פון דעם קאָנפעראַנסיע אין באַזונדערע פראַגמענטן אין א מאַנגל פון געשמאַק, וועגן די קאָסטיומען פון די אַקטיאָרן איז שוין אויבן געזאָגט געוואָרן. און נאָך איין זאַך. דער מוזיקאַלער אַנסאַמבל פאַרמאָגט ניט קיין קוואַליטאַטיווע אַפּאַראַטור. אָט דער פאַרוואָרף איז אַדרעסירט גיכער צו דער אָנפירערשאַפט פון דער ביראָבידזשאַנער פילהאַרמאָניע, ווײַל, אורטיילנדיק לויט די פולגעפּאַקטע צושויער־זאַלן (מיר זײַנען געווען אויף צוויי קאָנצערטן), ברענגט איר די שאָו־גרופּע „פריילעכס" א גוטן רעווען.

איינע פון די וויכטיקסטע באַזונדערקײַטן, מיט וועלכע די שאָו־גרופּע ציט צו זיך צו די אויפמערקזאַמקײַט, איז דאָס, וואָס זי שטעלט דערשטויננענדיק גיך אײַן א קאָנטאַקט מיטן צושויער־זאַל, ציט אים אַרײַן אין דער שפּיל.

שענקענדיק די צושויער די בעסטע דערגרייכונגען פון דער פּראָפעסיאָנעלער און געזאַנג־מוזיקאַלער פאָלקלאָר־קולטור, אָנשטעקנדיק זיי מיט א בליצנדיקן פאָלקס־הומאָר און אָפּטימיזם, טראָגן אַרײַן די אַרטיסטן פון „פריילעכס" זייער צושטײַער אין דער נאָבעלער זאַך פון פּראָפּאַגאַנדירן די סאָציאַליסטישע ייִדישע קולטור, וואָס איז אַן אומאָפּנעמבאַרער טייל פון דער פילנאַציאָנאַלער קולטור פונעם גרויסן סאָוועטישן פאָלק.

גריגאָרי באַקאַנורסקי,
דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן;
אַנאַטאָלי באַקאַנורסקי,
קאַנדידאַט פון קונסט־קענטעניש

(„וועטשערניאַיאַ אָדעסאַ", 28 דעקאַבער 1987)

■ בירָאבידזשאנער זאוואָד פון קראַפט־טראַנספּאָרמאַטאָרס — 50 יאָר ■

פאָטאָ — לעוו גורסקי

אין דער געביידע פון דער זאוואָד־פאַרוואַלטונג געפינען זיך א גאָרקיך, ווו די ארבעטער קאָנען גיך און געשמאַק אָפּעסן, א רעכנצענטער, די לאַבאָראַטאָריע, א קאָנפערענץ־זאַל, דער מוזיי פון ארבעטס־רום

אף דער טאָג־אָרדענונג פונעם זאוואָד און פון זיין דירעקטאָר ו. ו. קאַזאַקאָוו — א קאָמפּליצירטע פראַגע וועגן דעם נייעם ווירטשאַפטלעכן לעבן, וועגן דער עקאָנאָמישער רעפאָרם און זעלבסט־פינאַנסירונג ■

אפן זאוואָד זײַבען טעטיק פיר קינדער־קאָמבינאַטן אף 730 ערטער

■ צוגאַסט בא די אַרבעטער פונעם זאַוואָד איז געקומען א גרופּע קינעמאַטאָגראַפיסטן פון דער ווײַטמיזרעכדיקער קינאָ־כראָניק, קעדיי צוגרייטן א רעפּאָרטאַזש וועגן דער אַרבעט פונעם זאַוואָד אין פעריאָד פון איבערבויונג און פון איבערגיין אף זעלבסט־פינאַנסירונג



וועגן ראָמאַנטיק און ראָמאַנטיזם

אין נומ. 10 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1987 איז אָפּגעדרוקט מוישע מאַרגאָלינס אַרטיקל וועגן אייניקע ליטעראַרישע ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1986 יאָר. מיט באַפרידיקונג וויל איך אָפּמערקן דעם באַדײַט פונעם עצם פאַרטראַכט אונטערצופירן א מין סאַכאַקל פון דעם, וואָס עס האָט זיך באַוויזן אויף די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל פאַר דעם דורכגעגאַנגענעם יאָר. אַזאַ סאַכאַקל איז זייער וויכטיק פאַר דעם אויפמערקזאַמען לייענער, וועלכער וויל זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער ליטעראַטור. ס'איז, דאַכט זיך, דער ערשטער פּרווו צו געבן אַזאַ יאָר־איבערזיכט. דעריבער דאַרף מען אים אין אַלגעמיין פּאָזיטיוו אָפּשאַצן.

פאַרשטייט זיך, אויף וויפל ס'איז דער ערשטער פּרווו, קאָן מען האָבן צו אים געוויסע טענות. די הויפּט־טענה איז מיסטאָמע דאָס, וואָס אין אים פילט זיך ניט דער דויפעק פון דער צײַט, אין וועלכער מיר לעבן איצט, פון דער צײַט פון רעוואָלוציאָנערן איבערבוי. בלויז צום סוף דערמאָנט זיך מוישע מאַרגאָלין וועגן דעם און באַמערקט, אַז „אונדזער הײַנטיקע ווירקלעכקײַט שטעלט פאַר דער ליטעראַטור נײַע אויפגאַבן, וואָס באַזירן זיך אויף אַלזײַטיקער, שטרענגער און פּרינציפּיעלער קריטיק — דעם הויפּטטנאַי פון איבערבוי און ווײַטערדיקע דערגרייכונגען, פון פאַרטיפן שאַפונגס־פּראָצעס אין אַלע זשאַנרען און פאָרמען".

די עצם אויפגאַבע, וואָס האָט געדאַרפט געשטעלט ווערן, איז א ביז גאָר שווערע. אָפּקלײַבן אין די צוועלף נומערן אַזעלכע קינסטלערישע דערשײַנונגען, וועלכע זאָלן פאַרקערפּערן דעם טאָך פונעם זשורנאַל, און דאָס הייסט פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. דער מעכאַבער האָט פאַר זיך אַזאַ אויפגאַבע ניט געשטעלט. ער האָט זיך באַגרענעצט בלויז מיט אָפּשאַצן אייניקע ווערק, וועלכע האָבן אים פאַראינטערעסירט. אַזאַ צוגאַנג איז מעגלעך, האָגאָם ער איז אַן ענג־פּראַקטישער.

צו דעם דאַרף מען צוגעבן, אַז אין דעם אַרטיקל איז פאַראַן אויך א פּרווו צו דיסקוטירן. ביפּראַט פּאָלעמיזירט מוישע מאַרגאָלין מיט אייניקע שטעלן פון מײַן אַרטיקל „דער צוזאַמענבונד פון דורעס". פירן א דיסקוסיע, אַרויסזאָגן פאַרשיידענע מיינונגען אויף די אָדער יענע פּראָבלעמען ווערט איצט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור א געוויינלעכע דערשײַנונג. ס'איז שוין אַוועק די צײַט, ווען מע האָט געמוזט אַרויסזאָגן נאָר אָפיציעל־דירעקטיווע אײַנשטעלונגען. אָבער באַם פירן א פּאָלעמיק דאַרף מען קוידעםקאָל איבערגעבן די אָנשויונגען פונעם אָפּאָנענט ריכטיק אָדער לעכאָלהאַפּאָכעס פּינקטלעך ברענגען זײַנע אַרויסזאָגונגען.

מוישע מאַרגאָלין ציטירט מײַנע א שטעל און פאַרקריפּלט בלויז איין וואָרט. נאָר איבער אַזאַ פאַרקריפּלונג קלינגט די גאַנצע פּראָזע ניט פאַרשטענדלעך, אַפילע אומגעלומפּערט. אויף וויפל עס גייט דאָרט א רייד וועגן א זייער וויכטיקער, מעטאָדאָלאָגיש־קאָמפּליצירטער פּראָבלעם, האַלט איך פאַר נייטיק צו ענטפערן אויף דעם.

ס'ווערט באַהאַנדלט די פּראָבלעם פון ראָמאַנטיזם. אין מײַן אַרטיקל האָב איך באַמערקט, אַז ביז אַדהײַעם כאָזערט מען איבער פּושקינס איראָנישע ווערטער, אַז וועגן דעם ראָמאַנטיזם האָט מען באַ אונדז נאָך א נעפּלדיקן באַגריף. מײַן אָפּאָנענט ווײַזט אָן, אַז פון יענער צײַט, ווען פּושקין האָט עס געשריבן, זײַנען אַדורך קימאַט צוויי הונדערט יאָר. „די ליטעראַטור־וויסנשאַפט האָט געמאַכט א ברייטן שפּאַן פאָרויס", און אַלץ איז שוין אויסגעקלאָרט. פאַרשטייט זיך, בלויז א ניט־באַהאַוונטער מענטש קאָן אָפּלייקענען די דערגרייכונגען פון דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט פאַר די דאָזיקע פיל יאָרן. אָבער אין איר — אין דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור־וויסנשאַפט — איז נאָך פאַראַן גאַנץ גענוג פּראָבלעמען, וועלכע האָבן ניט באַקומען קיין ענדגילטיקע לייזונג. צו זיי געהערט אויך די פּראָבלעם פון ראָמאַנטיזם. אָט איז פאַרהעלטניסמעסיק ניט לאַנג צוריק אַרויס א זאַמלונג טעאָרעטישע אַרטיקלען מיטן נאָמען „די פּראָבלעמען פון ראָמאַנטיזם". דער אַווטאָר פונעם ערשטן אַרטיקל איז דער אָנגעזעענער געלערנטער, פאַרוואַלטער פון דער קאַפעדרע פון ליטעראַטור־טעאָריע אין דעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט ג. נ. פּאָספּעלאָוו, און דער אַרטיקל איז געגעבן אונטערן קעפּל „וואָס זשע איז אַזוינס ראָמאַנטיזם?". ווײַל איז מוישע מאַרגאָלינען, ווײַמען ס'איז שוין אַלץ קלאָר.

אין דעם אָנגערופענעם אַרטיקל האָב איך געשריבן, אַז גאַנץ אָפט פּלאָנטערט מען איבער צוויי באַגריפן „ראָמאַנטיזם". דעם שפּעטערישן מעטאָד אָדער, ווי מע זאָגט אַנדערש, די קינסטלערישע ריכטונג, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט אין א ריי ליטעראַטורן אינעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, און דעם ראָמאַנטיזם, וואָס איז אַן אייגנשאַפט פון יעדער ליטעראַטור פון קאַדמוינים אָן. און ווײַטער קאָנקרע־

טיזיר איך, אַז ראָמאַנטיק איז אַ נאַטירלעכע אייגנשאַפט פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור (זע „ס.ה.", 1986, נומ. 8, ז. 118—119). מוישע מאַרגאָלין זעט ניט קיין שום אונטערשייד צווישן די צוויי באַגריפן. נאָך מער, ציטירנדיק מײַן פּראָזע, פאַרבײַט ער אינעם צווייטן פאַל ראָמאַנטיק אָף דעם זעלבן ראָמאַנטיזם און אַזוי־אַרום פאַרקריפּלט ער אינגאַנצן מײַן געדאַנק, ער האַלט ביכלאַל, אַז „ריידן וועגן ראָמאַנטיזם אַלס אַ קינסטלערישן מעטאָד איז געננוג ריזיקאַל פּאָשעט דערפאַר, ווײַל יעדער ראָמאַנטיקער האָט זײַן טעמע און זײַן נוסעך". ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יעדער גרויסער שרײַבער — זאָל ער זײַן אַ ראָמאַנטיקער צי אַ רעאַליסט — האָט זײַן סטיל, אָבער דאָס לייקנט לאַכלוטן ניט אָפּ די מעגלעכקײַט און נויטווענדיקײַט טעאָרעטיש פאַראַלגעמיינערן דעם נוסעך פון אַ ריי קינסטלער און שרײַבן וועגן דעם קינסטלערישן מעטאָד אָדער וועגן דער ריכטונג, וועלכע זיי שאַפן. ס'איז פאַראַן אַ מעטאָד פון קלאַסיציזם, פון רעאַליזם אין זײַנע מאָדיפיצירונגען ביז דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, אַנדערע מעטאָדן, דערונטער אויך ראָמאַנטיזם.

דאָס איז לאַכלוטן ניט קיין סוביעקטיווע מיינונג. ס'איז, קאָן מען זאָגן, אַן אַלגעמיין אָנגענומענע דעפיניציע. מוישע מאַרגאָלין האַלט, אַז קיין אַלגעמיינער מעטאָד אין דער ליטעראַטור קאָן ביכלאַל ניט זײַן, אַז די דאַטירונג פונעם ראָמאַנטיזם מיטן 19־טן יאָרהונדערט איז ניט קיין ריכטיקע. לאָמיר זיך ווענדן צו אַזאַ אויטאָריטעטער אויסגאַבע, ווי „דער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדישער ווערטערבוך", וואָס איז אָקאָרשט אַרויס אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ". אָט וואָס מיר לייענען דאָרט אָף דער זײַט 334: „ראָמאַנטיזם — איינע פון די גרעסטע (одно из крупнейших) ריכטונגען אין דער אייראָפּעישער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור אינעם סאָף פון 18־טן — ערשטער העלפט 19־טן יה., וואָס האָט באַקומען אַן אַלוועלטלעכע באַדײַטונג און פאַרשפּרייטונג". און ווײַטער, אָף דער זײַט 337, איז אַ ספּעציעלער אַרטיקל געווידמעט דער ראָמאַנטיק, וואָס ווערט דערקלערט אַלס „אַ טיפּ פון אידייִש־עמאָציאָנעלער (אָפּשאַצנדיקער) באַציִונג צום לעבן, אין גרונט פון וועלכער עס ליגט אַ טיף פּערזענלעכע געשפּאַנט־לײַדנשאַפטלעכע שטרעבונג צו אַ דערהויבענעם אידעאַל, וואָס איז ניט באַפרידיקט מיטן פּאַראַנענעם" אאַוו. די באַגריפן „ראָמאַנטיזם" און „ראָמאַנטיק" זײַנען ענג פאַרבונדן. נאָך מער, „פריער און קאָנסעקווענטער איז די ראָמאַנטישע באַציִונג צום לעבן פאַרקערפּערט אין דער ליטעראַטור פון ראָמאַנטיזם".

אָפּלייקענענדיק די דאַטירונג פונעם ראָמאַנטיזם מיטן 19־טן יאָרהונדערט, פאַרופט זיך מוישע מאַרגאָלין אָף בעלינסקיס אַרויסזאָגונג וועגן דעם מיטלאַלטער אַלס אולטראַ־ראָמאַנטישע עפּאָכע. דער גרויסער רוסישער קריטיקער באַזירט זיך טאַקע אָף דער ראָמאַנטישער ליטעראַטור פון זײַן צײַט, וועלכע האָט זיך אָפּט געווענדט צום מיטלאַלטער און שטאַרק אידעאַליזירט די דאָזיקע עפּאָכע.

קעדיי צו באַגרינדן זײַן שטאַנדפּונקט, אַז די דאַטירונג פונעם ראָמאַנטיזם מיטן 19־טן יה. איז אַ פאַלשע, רופט מאַרגאָלין אָן אַ ריי ווערק, געשאַפענע אין פאַרשיידענע צײַטן, בעסויכעם דעם ראָמאַן „טריסטאַן און איזאָלדע", וועלכער איז דערשינען, ווי ער שרײַבט, אין 1484 יאָר. דאָ האָט אונדזער קריטיקער געמאַכט אַ גרויסע אַנטדעקונג. פיל פריער פון פאַרשיידענע לענדער האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם דאָזיקן ראָמאַן און האָבן נאָך דערווײַל ניט פעסטגעשטעלט, ווען ער איז פּינקטלעך דערשינען. ס'איז דאָ קעדײַ צו דערמאָנען, אַז דער ראָמאַן שטאַמט פון די אוראַלטע קעלטישע לעגענדעס. אין די זיבעציקער יאָרן פונעם 12־טן יה. האָבן צום ערשטן מאָל די לעגענדע אויסגענוצט צוויי פראַנצויזישע (יעדערער זעלבשטענדיק) פּאָעטן און אָנגעשריבן זייערע ראָמאַנען „טריסטאַן און איזאָלדע". מער פּאָפּולערער איז געוואָרן דער ראָמאַן פונעם דײַטשישן דיכטער גאָטפריד פון שטראַסבורג, וועלכער איז, אַגעוו, געשטאָרבן אַרום 1220 יאָר. ס'איז ניט נייטיק אָנצורופן אַנדערע באַאַרבעטונגען פונעם ראָמאַן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין 13־טן יה. אין פאַרשיידענע אייראָפּעישע לענדער. אָבער איך וויל אונטערשטרײַכן, אַז קיין איין ראָמאַן פון זיי איז אין פולן פאַרנעם צו אונדז ניט דערגאַנגען, בלויז אין סאָף פון 19־טן יה. האָט אַ פראַנצויזישער געלערנטער בעדע אויסגעפאָרשט אַלע וואַריאַנטן פון „טריסטאַן און איזאָלדע", אופגעשטעלט זיי אין איין גאַנצעס, וואָס איז איצט אַזוי שטאַרק באַוווּסט. „טריסטאַן און איזאָלדע" איז אַ טיפּישער ריטער־ראָמאַן, אין וועלכן מע קאָן געפינען שטריכן פון ראָמאַנטיק. אָבער קיין איין ערנסטן פאָרשער וועט ניט קומען אַפן געדאַנק צוצורעכענען אים צום ראָמאַנטיזם.

אין דעם ענטפער האָב איך געמוזט זיך אָפּשטעלן אָף אייניקע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור־געשיכטע, טעאָרעטישע פּראָבלעמען. עס קאָן זיך דוכטן, אַז זיי האָבן אַ קליינעם שײַכעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער ס'איז ניט אַזוי: אָן אַ טעאָרעטיש־מעטאָדאָלאָגישן גרונט קאָן ניט זײַן קיין עכטע קריטיק און מע קאָן ניט שאַפן קיין געשיכטע פון קיין איין נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, בעסויכעם פון דער ייִדישער. ניט צופעליק האָט הערש רעמעניק אין זײַן אַרבעט „פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור" געווידמעט אַ ספּעציעל קאַפּיטל דעם שעפערישן מעטאָד פון ראָמאַנטיזם, וועלכער הייבט זיך אָן בא אונדז פון י.־ל. פּערעצן. מע קאָן עפּשער באַשטרײַטן אַזאַ באַהויפּטונג. איך האַלט, אַז אַ באַזונדער שעפערישער מעטאָד פונעם ראָמאַנטיזם האָט זיך אין דער ייִדישער ליטעראַטור ניט אויסגעפורעמט, אָבער ראָמאַנטיק איז איר שטענדיק געווען אייגנטימלעך, ווי איך האָב געפּרוּווט באַווײַזן אינעם קאַפּיטעלע „ראָמאַנטישע טענער".

זאַלמען ליבינזאָן

■ ■ ■

דאָס איז טשיקאַווע

הערבערט אועלס קעגן אן אטאָם־מילכאָמע

דאָס שאפן פונעם אטאָם־געווער און די טויט־געפאר פון אָט דעם געווער פאר דער מענטשהײַט האָט פאָרויסגעזאָגט נאָך אין 1913 דער באוווּסטער פאנטאסט הערבערט אועלס אין זײַן ראָמאַן „די באפרײַטע וועלט".

סארא ווײַטזיכטיקער פּראָגנאָזיסט ער איז געווען!

א וועלט־מילכאָמע מיטן אויסניצן אטאָם־געווער — דאָס איז, לויט אועלסן, „די לעצטע מילכאָמע" אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט. זי וועט דערפירן צו קאטאסטראָפאלע פאָלגן און וועט זיך שיר ניט פארענדיקן „מיטן אומקום פון דער ציווילזאציע" (דאָ און ווײַטער ווערן די ציטאטעס גענומען פון דער רוסישער איבערזעצונג פונעם ראָמאַן[1]).

די העלדן פונעם ראָמאַן האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּשטעלן די דאָזיקע מילכאָמע. זיי האָבן געפונען פּאָליטישע לייזונגען, וועלכע האָבן דערמעגלעכט אויסהיטן דעם ערדקײַלעך פון „א נײַעם פּרוּוו פון אן אטאָם־רוינירונג און זיכערן אן אלגעמיינעם און קעסיידערדיקן שאָלעם אין דער גאנצער וועלט".

מיר ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון אָט דעם בעמעס היסטאָרישן ראָמאַן.

„אין פארלויף פון צוויי יאָרהונדערטער — דעם 19־טן און 20־טן — איז די ענערגיע, וועלכע מענטשן האָבן דעראָבערט און אונטערגעאָרדנט, אומופהערלעך געשטיגן. אין מיליטערישן הינזיכט האָט עס באטײַט, אז די פעיִקײַט צו דערלאנגען א קלאַפּ, די פעיִקײַט צו רוינירן האלט אויך אין איין וואקסן. און די מעגלעכקײַט צו ראטעווען זיך, אויסמײַדן די דאָזיקע רוינירונג האָט אָף קיין האָר זיך ניט פארגרעסערט. באליביקע פאָרמען פון פאסיווער שוץ, באליביקע שוץ־מיטלען, באליביקע באפעסטיקונגען ווערן געמאכט צו ניִשט מיצאַד דעם שרעקלעכן וווּקס פון די רוינירנדיקע קרעפטן".

„נאָך ביזן אָנהייב פון דער לעצטער מילכאָמע איז אלעמען געווען באוווּסט, אז דער סכום פון דער פארבאָרגענער ענערגיע, וואָס קאָן פארוואנדלען אין רוינען א האלבע שטאָט, קאָן זיך לײַכט אײַנפּלאצירן אין א האנטסאקוואָיאַזש... און ניט געקוקט דערויף האָט די מענטשהײַט פאָרגעזעצט זיך „באלעווען", לויטן אויסדרוק פון די אמעריקאנער, מיט אזא געפערלעך שפּילכל, ווי מיליטערישע צוגרייטונגען און מילכאָמע־דראָונגען".

„דאָס קעגנשטעלן זיך איינער דעם אנדערן באהאלט קעסיידער אויס אין זיך א מילכאָמע־געפאר, און א מילכאָמע־געפאר פירט, פארשטייט זיך, צו דער אָנזאמלונג פון אן אלץ גרעסערער צאָל אטאָם־באָמבעס".

„נאָך די אטאָם־אופרייסן האָבן אלע צווישנפעלקערלעכע שטרײַטן גלײַך ווי אָנגעווּוירן יעטווידע באדײַטונג... מע דארף געפינען א מיטל אָף צו אָפּשטעלן די אָנווענדונג פון אָט דעם שוידערלעכן געווער, ביזוואנען אָף דער ערד איז נאָך ניט פארניכטעט געוואָרן אלדאָס לעבעדיקע... די דאָזיקע באָמבעס און יענע נאָך מער שרעקלעכע קרעפטן פון רוינירונג, וועמענס פאָרגייער זיי זײַנען, קאָנען אין איין אויגנבליק פארניכטן אלץ, וואָס די מענטשהײַט האָט געשאפן, און צערײַסן אלע עקזיסטירנדיקע צווישן מענטשן פארבינדונגען".

„מיר דוכט, אז מיר זײַנען צו נאריש, קעדיי מאכן ווען־עס־איז א סאָף צו מילכאָמעס. ווען ס׳וואָלט אָף דעם געסטײַעט בא אונדז סייכל, וואָלטן מיר דאָס געדארפט טאָן וואָס פריִער".

ווי הײַנטצײַטיק, ברענענדיק, טראגיש עס קלינגען הײַנט די געדאנקען פונעם גרויסן פאנטאסט, וועלכער האָט זיך באגעגנט און געשמועסט מיט וו. אי. לענינען!

זיי זײַנען אין אײַנקלאנג מיט דער קאָנצעפּציע וועגן א נײַעם פּאָליטישן אויפן פון דענקען אין אונדזער נוקלעארן און קאָסמישן יאָרהונדערט, וועלכע ס׳האָבן פּראָקלאמירט אונדזער פּארטיי, מ. ס. גאָרבאטשאָוו.

אין צוזאמענהאנג דערמיט וועלן מיר אָפּמערקן הערבערט אועלס׳ דרײַ אידייען. די ערשטע: אטאָם־געווער דראָט מיטן אומקום פון דער ציווילזאציע. די צווייטע: דאָס קעגנשטעלן זיך איינער דעם אנדערן טראָגט מיט זיך די געפאר פון א מילכאָמע. די דריטע: בא דער מענטשהײַט האָט נאָך דערווײַל „ניט געסטײַעט קיין סייכל", קעדיי אויסמײַדן אן אטאָם־מילכאָמע. מע דארף עס טאָן וואָס פריִער!

דרײַ אידייען, דרײַ פּראָבלעמען. קעדיי זיך ספּראווען מיט זיי, זײַנען נייטיק, לויט ה. אועלסן, פּאָליטישע לייזונגען.

דער סאָוועטנפארבאנד שלאָגט טאקע פאָר פּאָליטישע לייזונגען. מיר לייגן פאָר א וועלט אָן נוקלעארן געווער. און אין אָט דער נאָבעלער זאך איז הערבערט אועלס — אונדזער פארבינדעטער.

פ. קוזנעצאָוו

[1] Герберт Уэллс. Собр. соч., т. 4, М., 1964.

א פילם פון דער אָקופּאציע־צײַט

אין סאן־פראנציסקאָ ווערט דעמאָנסטרירט א קאָלירטער פילם, וועלכער איז געשאפן געוואָרן לויט דאָקומענטן, וואָס האָבן זיך פארהיט בא היטלערס פערזענלעכן פּילאָט לעאָ דע גאָר קולקאָ.

אין אָנהייב 1945 האָט דער אויסשפירער פארכאפט נאציסטישע דאָקומענטן וועגן די היטלעריסטישע פארברעכנס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די ארכיוון פון בערכטענסגאדען לעבן זאלצבורג.

די אמעריקאנער יוסטיץ־אָרגאנען האָבן זיך באנוצט מיט קאדרען פון אָט דער קינאָ־לענטע אָף די פּראָצעסן פון די היטלערישע קריגס־פארברעכער. כוץ דעם פילם, געפינען זיך אין רעשוס פון דעם געוועזענעם פּילאָט דאָקומענטאלע בילדער פון דער מינסקער געטאָ, דאטירטע אין יאנוואר 1943, דאָס הייסט מיט א כוידעש פארן פארניכטן די געטאָ.

קינסטלער פון געטאָ און פון די טויט־לאַגערן

געמעלן פון דער נאַטור

גאַלינאַ אַלאַמינסקאַ. אין געטאָ

געבוירן אין וואַרשע, דורכגעמאַכט די וואַרשעווער געטאָ און אָשווענטשים. נאָך דער באַפרײַונג זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, וווּ אין 1949 איז באַוויזן געוואָרן איר אויסשטעלונג. זיך געלערנט אין לאָדזשער קונסט־אַקאַדעמיע. אין 1957 איבערגעפאָרן קיין פּאַריזש. אין 1972 עמיגרירט קיין ישׂראל, וווּ זי זעצט פאָר די טעמע פון געטאָ און אומקום. אירע בילדער עקספּאָנירן זיך אין פאַרשיידענע מוזייען.

העגדריק וואָלק.
די מאַסן־דעפּאָרטאַציע

געווען א מיטגליד פון דער האָלענדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ס'איז ניט באַוווּסט, צי ער איז געווען א פּראָפעסיאָנעלער קינסטלער. אין זײַנע בילדער ווערט געשילדערט די טעמע פון דעפּאָרטאַציע פון די ייִדן אין די טויט־לאַגערן. אויף פאָן פון די אומשולדיקע קאָרבאָנעס זעט מען פיגורן אין אַן עסעס־פאָרם.



דאָוויד ברײַנין. פרימאָרגנדיקע דעבאַטן אינעם איזאָליאַטאָר

געבוירן אין כאַרקאָוו אין 1905. געווען א טענצער און קינסטלער פון קינאָפילמען. דעפּאָרטירט קיין קאָמפּיען דעם 5 יוני 1942, דערנאָך איבערגעפירט געוואָרן קיין דראַנסי, פון דאָרטן אינגיכן קיין אַושוויץ און דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן. אין 1944 זײַנען די טורמעס פון פראַנקרײַך געווען פולגעפּאַקט מיט אונטערערדלער. קאָמפּיען איז געוואָרן א לאַגער, פונוואַנען מע פלעגט די אַרעסטירטע אָפּשיקן גלײַך קיין דאַכאַו. ד. ברײַנין האָט געשאַפן א סאַך בילדער, אין וועלכע ער שילדערט דעם ווידערשטאַנד־גײַסט פון די קאַצעטלער.



א. קאַרוואַלאָ (קריס בעקמאַן). דעפּאָרטאַציע פון אַ ייִדישער מישפּאָכע

ס'איז ווייניק־וואָס באַוווּסט וועגן דעם דאָזיקן קינסטלער. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער האָלענדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. די אַקוואַרעל, וואָס ווערט פּובליקירט, האָט ער אָנגעמאָלט לעזיקאָרן דער דעפּאָרטאַציע פון זײַן אייגענער מישפּאָכע אין 1942.

בוזי מילער

פון בּיראָבּידזשאַן איז אָנגעקומען אַ טרויעריקע ידיעה: ס'איז געשטאָרבּן דער אָנגעזעענער פּראָזאַיקער, דראַמאַטורג, פּובּליציסט בּוזי מילער, איינער פון די וועטעראַנען פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

ב. מילער איז געבּוירן געוואָרן דעם 21 אַפּריל 1913 אין דאָרף ראַדאָוועץ אויף פּאָדאָליע (וויניצער געגנט, אוקראַיִנע). די קינדער- און יוגנט-יאָרן האָט ער פאַרבּראַכט אין שטעטל וואָלקאָווינעץ, וווּ ער האָט פאַרענדיקט די זיבּניאָריקע שול, און אין 1929 אַריבּערגעפאָרן אין דער דעמאָלטיקער הויפּט-שטאָט פון אוקראַיִנע — כאַרקאָוו. דאָרט אַרבּעט ער אַלס שלייפער אויף איינער פון די אונטערנעמונגען, און אין 1932 טרעט ער אַרײַן אין כאַרקאָווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. מיט אַ יאָר פריִער דערשײַנט אינעם פאַרלאַג „ליטעראַטור און קונסט" זײַן ערשטע זאַמלונג דערציילונגען „מישמוירעס בײַטן זיך", וואָס האָט באַשטעטיקט, אַז אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך באַוויזן אַ נײַער באַגאַבּטער פּראָזאַיִקער. אין 1933 דערשײַנט אין כאַרקאָוו זײַן דערציילונג „קאָלווירטישע הינער" און אין אַ יאָר אַרום — די פּראָזעזאַמלונג „אונטערן רעגנבויגן". אין יענער צײַט איז ער שוין אַ סטודענט פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויף א. ס. בּובּנאָוס נאָמען.

פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט אין 1936, פאָרט ב. מילער אַריבּער קיין בּיראָבּידזשאַן, אַרבּעט אַלס לערער, דערנאָך אַלס זשורנאַליסט אין די צײַטונגען „בּיראָבּידזשאַנער שטערן" און „בּיראָבּידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ". זינט דעמאָלט איז דאָס גאַנצע לעבּן זײַנס, אין משך פון העכער אַ האַלבּן יאָרהונדערט, פאַרבּונדן מיט דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. דאָרט מאַכט ער דורך דעם וועג פון אַן איבּערזעצער בּיזן פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר פון דער געגנטלעכער צײַטונג. אין 1941 טרעט ער אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. טאָגטעגלעך באַווײַזן זיך אין די בּיראָבּידזשאַנער צײַטונגען זײַנע דערציילונגען, נאָוועלעס, פאַרצייכענונגען, רעפּאָרטאַזשן. בּיראָבּידזשאַן ווערט די הויפּט-טעמע פון זײַנע קינסטלערישע ווערק. אין 1948 גיט אַרויס דער מאָסקווער פאַרלאַג „דער עמעס" זײַן בּוך „בּיראָבּידזשאַן".

אין סאָף פון די פערציקער יאָרן, אין רעזולטאַט פון אויווער זײַן אויף דער סאָוועטישער געזעלשאַפט בײַסן סטאַלין-קולט, איז בּוזי מילער רעפּרעסירט געוואָרן. גלײַך נאָכן אומקערן זיך קיין בּיראָבּידזשאַן, אין די פופציקער יאָרן, שליסט ער זיך אָן אין דער זשורנאַליסטישער אַרבּעט, שאַפט אַ ריי נײַע ווערק, אין וועלכע די הויפּט-טעמע איז, ווי פריִער, דאָס לעבּן אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. איניקע זײַנע בּיכער דערשײַנען אין דער רוסישער איבּערזעצונג. אין 1979 האָט ער אַרויסגעגעבּן דעם ראָמאַן „יעדן דאָר — זײַנס", וועלכער האָט צוערשט זיך געדרוקט, ווי אויך זײַן גרעסערע דערציילונג „ליטערקײַט", אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אין די זיבּעציקער יאָרן שרײַבּט ער אָן די דראַמאַטישע ווערק „פונעם הימל פאַלט גאָרניט אַראָפּ" און „דרײַ און דרײַסיק גיבּוירים", וועלכע עס האָבּן אופגעפירט דער בּיראָבּידזשאַנער ייִדישער פאָלקס-טעאַטער און אַנדערע ייִדישע דראַמאַטישע קאָלעקטיוון.

אַלע זײַנע יאָרן איז ב. מילער געווען אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער. אין משך פון אַ לאַנגער צײַט איז ער געשטאַנען בּעראָש פון דער געגנטלעכער ליטעראַרישער פאַראייניקונג. זינט עס האָט אָנגעהויבּן צו דערשײַנען „סאָוועטיש היימלאַנד" איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע. פאַר די פאַרדינסטן אין געבּיט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „ערן-צייכן" און מיט דער מעדאַל „פאַר מעסירעסנעפעשדיקער מי. אין צוזאַמענהאַנג מיט וו. אי. לענינס 100-טן געבּורטסטאָג".

ערע זײַן אָנדענק!

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו

אין קיִעוו איז געשטאָרבן דער באַוווּסטער ייִדישער פּראָזאַיִקער כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו.

כ. טאַבאַטשניקאָוו איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל אַף אוקראַיִנע. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אַף אַ פאַבריק אין קיִעוו און איינציַיטיק זיך געלערנט. אין דער ליטעראַטור האָט ער דעביוטירט מיט אַ דערציילונג „צווישן באַרזשעס“, וועלכע ס׳האָט פאַרעפנטלעכט די ביַילאַגע צו דער ציַיטונג „יונגע גוואַרדיע“ אין נום. 6 פאַרן 1928 יאָר. פון דעמלט אָן פּובליקירט כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו דערציילונגען און ראָמאַנען וועגן דעם לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין פעריאָד פונעם בירגערקריג און פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. אַן אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, שאַפט ער אַ ריי ווערק, געווידמעט דעם העלדישן קאַמף פון דער סאָוועטישער אַרמיי און פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן קעגן די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן.

דעם ערשטן בוך — „אַפן פראָנט“ גיט כ. טאַבאַטשניקאָוו אַרויס אין 1932. אין 1936 דערשיַינט זיַין זאַמלונג דערציילונגען „אַ שטעטל באַם דניעפּער“. ביז דער מילכאָמע האָט ער אַרויסגעגעבן נאָך צוויי ביכער: „דאָניע“ (1937) און „דער ערשטער שניי“. ווען עס הייבט אָן דערשיַינען דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, ווערט כ. טאַבאַטשניקאָוו אַ באַשטענדיקער אויטאָר זיַינער. ער דרוקט דאָ אָפּ אין אָנהייב פון די 70־ער יאָרן זיַין ראָמאַן „באַרשעווער מאָטיוון“, וועלכער דערשיַינט אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע אינעם פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ אין 1975. אין אָנהייב פון די 80־ער יאָרן פאַרעפנטלעכט דער זשורנאַל זיַינע דערציילונגען „די שוועסטער דוואָרקין“ און „לייזער באַרקוס — דער עלעקטריקער“.

מיטן טויט פון כאַסקל טאַבאַטשניקאָוון האָט די סאָוועטישע שריַיבער־מישפּאָכע פאַרלוירן איינעם פון אירע באַדיַיטנדיקע שעפער.

ערע זיַין אָנדענק!

כראָניק

יובילײ פון אַ ייִדישן קאָמפּאָזיטאָר

אין טשערנאָוויץ איז פאָרגעקומען אַן אָוונט, געווידמעט דעם 100־יאָריקן יובילײ פון שימען שטיינבערג, דעם קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט, מוזיק־לייטער פונעם אַמאָליקן ייִדישן טעאַטער פון דער אוקראַיִנישער ססר אַף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען.

נאָכן אַריַינפיר פונעם דירעקטאָר פון דער טשערנאָוויצער מוזיקאַלער שול וויטאַלי קאַביאַלקאַ איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון שימען שטיינבערגס ווערק.

פון ב.-י.ביאַלאָסטאָצקיס בוך
"ייִדישער הומאָר און ייִדישע לייצים"

כויזעק מיטן לאַמטערן

מע האָט געזען, ווי כויזעק האַלט אַ טונקעלן לאַמטערן אין דער האַנט און ער קריכט אַרום באַנאַכט לעבן בעסמעדרעש, קריכט אַרום און זוכט עפּעס אויף דער ערד.

— כויזעק, וואָס זוכסטו?

האָט ער געענטפערט:

— איך זוך אַ קאָפּיקע. איך האָב פאַרלוירן אַ קאָפּיקע אין דער פינצטערניש.

פרעגט מען ווײַטער:

— זאָג נאָר, כויזעקל, ווו האָסטו עס אַקוראַט פאַרלוירן?

מאַכט כויזעק:

— איך האָב עס פאַרלוירן אָט דאָרט, אינ־מיטן מאַרק.

לאַכט מען פון אים:

— אַ פּאַנעם פון כויזעק! אַז דו האָסט די קאָפּיקע פאַרלוירן אינמיטן מאַרק, פאַרוואָס זוכסטו עס דאָ? וואָס זוכסטו עס ניט דאָרט?

זאָגט כויזעק:

— דאָרט קאָן מען ניט זוכן, דאָרט איז בלאָ־טיק...

•

שלימאַזל און דער כעלעמער

שלימאַזל איז איינמאָל געגאַנגען צוזאַמען מיט אַ כעלעמער. האָט שלימאַזל געזאָגט צום כעלע־מער נאַר:

— די וועלט זאָגט, אַז עס פאַלט שטענדיק נאַר מיט דער פּוטער אַראָפּ. צום סאָף איז נעכטן בא מיר, כאָטש איך בין אַ שלימאַזל, אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער און עס איז, גאָט צו דאַנקען, געפאַלן מיט דער פּוטער אַרויף.

האָט דער כעלעמער געענטפערט:

— וואָס פאַרשטייסטו ניט? מיסטאָמע האָסטו דאָס מאָל אָנגעשמירט אויף דער פאַרקערטער זײַט...

נאָך איין מעשׂה מיט אַ העמד

דאָס ווײַב פון אַ געוויסן שלימאַזל האָט גע־האַט מיט אים צאָרעס. אַז זי פלעגט אים מיטגעבן אַ העמד אין באָד אַרײַן, פלעגט זי אים אַלץ אָנ־זאָגן: „פאַרגעס זשע ניט איבערצוקערן דאָס העמד אויף דער רעכטער זײַט". ער האָט אָבער פאַרגעסן און אָנגעטאָן דאָס העמד אויף דער לינקער זײַט.

איינמאָל האָט דאָס ווײַב זיך באַטראַכט און אַליין, פאַר זײַן אַרויסגיין, איבערגעקערט דאָס העמד אויף דער ריכטיקער זײַט. גראָד דאַן האָט דער מאַן, נאָכן אויסבאָדן זיך, זיך דערמאָנט אין די שטענדיקע רייד פון זײַן ווײַב און איבערגעקערט דאָס העמד. „נו, איצט וועט זי שוין זײַן צופרידן".

אָבער ווי נאָר ער איז אַהיימגעקומען, האָט זײַן ווײַב גענומען שרײַען:

— גוואַלד! איך האָב דאָך אַליין איבערגע־קערט דאָס העמד, ווי זשע קומט עס, וואָס דו טראָגסט עס ווידער אויף דער לינקער זײַט?

האָט דער מאַן געקוקט אויף זײַן אישה מיט זײַנע נאַיִווע אויגן און געזאָגט:

— זעסט דאָך, אַז ס'העלפט ניט! דו האָסט איבערגעקערט, און איך האָב איבערגעקערט, און ס'איז אַלץ אויף דער לינקער זײַט. פאַרפאַלן!

אין באַד

א מײַסע, ווי שמוליק איז געקומען צוריק פון באַד אָן זײַן העמד.

צעשרײַט זיך זײַן ווײַב:

— גוואַלד געשריגן! וואָס איז געוואָרן מיט דײַן העמד?

ענטפֿערט שמוליק א דערשראָקענער:

— שרײַ ניט, ברײַנע, איך האָב זיך מיט עמעצן געביטן מיט די העמדער.

— טאָ ווו איז יענעמס? — שרײַט די ייִדענע.

פּלאַצט שמוליק פון ציטערניש ארויס מיט א טערעץ:

— ס'איז געווען דאָרט אזא שטופּעניש, אזא שטיקעניש, אז יענער האָט, מאשמאָעס, פארגעסן איבערצולאָזן זײַן העמד.

דער כאַקרען

יערוכעם דער באַל־מויער האָט זיך איינמאָל ארײַנגעלאָזט אין א טיפער רײַע, אין א גוואַלדיקער מאַכשאָווע, און ער האָט פון דעם ניט געקאָנט ארויס. טאָג און נאַכט האָט ער געטראַכט און גע־טראַכט. ער האָט נישט געקאָנט ניט עסן, ניט שלאָפן. די גרויסע בקירע האָט אים ניט געלאָזט רוען.

האָבן זײַנע פרײַנט בא אים געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר? ווילסט פון זיך אליין א טעל מאַכן, כאַלילע? זע, ווי דו זעסט אויס!

האָט יערוכעם זיך א גלעט געטאָן די געלע באָרד זײַנע און געזאָגט:

— לאָזט מיך געמאַך! א גרויסע מאַכשאָווע פּיקט זיך בא מיר אין מויער.

אָף מאָרגן זײַנען די פרײַנט ווידער געקומען און זיך געווענדעט צו יערוכעמען:

— זאָג אונדז אויך אויס, ווענגן וואָס דו טראַכסט, עפּשער וועט דיר די זאַך באַם רעדן קלאָ־רער ווערן.

און יערוכעם האָט געזאָגט:

— שטעלט אָן מויל און אויערן. איך וועל אײַך דאָס זאָגן: איך קוק אזוי אָף דער וועלט און אָף די מענטשן און איך טראַכט זיך: וואָס וואָלט געווען, אשטייגער, ווען פון אלע פּויערים זאָל ווערן איין פּויער, וואָס פאַר א פּויער דאָס וואָלט געווען! הײַנט וואָס וואָלט געווען, ווען פון אלע ביימער זאָל ווערן איין בוים, אוי, וואָס פאַר א בוים דאָס וואָלט געווען! הײַנט, מוירע־ווע־ראַבוריסע, שטעלט זיך נאָר פאָר, ווען פון אלע יאַמען וואָלט געוואָרן איין יאַם — וואָס פאַר יאַם וואָלט דאָס געווען! הײַנט לאָמיר נאָר א טראַכט טאָן: וואָס וואָלט געווען, ווען פון אלע העק אָף דער וועלט — יאָ, פון אלע העק — וואָלט געוואָרן איין האַק — אוי, וואָס פאַר א גרויסע האַק דאָס וואָלט געווען! און דערנאָך גיט נאָר ווײַטער א טראַכט, ווען דער גרויסער פּויער וואָלט גענומען די גרויסע האַק און וואָלט געגעבן א זעץ אין דעם גרויסן בוים, און דער גרויסער בוים וואָלט ארײַנגעפאַלן אין דעם גרויסן יאַם! שטעלט זיך נאָר פאָר: דער גרויסער בוים אין דעם גרויסן יאַם!

האָבן די פרײַנט אים איבערגעריסן די רייד און געזאָגט:

— איז וואָס? וואָס אזוינס וואָלט געווען?

יערוכעם האָט א מינוט געשוויגן, אָבער גלײַך דערנאָך האָט ער אויסגעשריִען ניט ווי מיט זײַן קאָל:

— אָט דאָס איז דאָך עס! איך טראַכט און טראַכט און קאָן ניט דערגיין. איך טראַכט: וואָס פאַר א גרויסער פּליוסק דאָס וואָלט געווען!..

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

שאַפּיראָ, מאָטל
(1931 — 1898)

— דיכטער, פּראָזאַיִקער, איבערזעצער. געבוירן אין א שטעטל אין ליטע. געווען א לערער, די לעצטע יאָרן — אינעם קיִעווער ייִדישן קונסט־טעכניקום. דעביוטירט אין דער ליטעראַטור אין 1918 מיט לידער און דערציילונגען וועגן דער רעוואָליוציע און בירגערקריג. זײַנע לידער זײַנען צוזאמען מיט די ווערק פון ד. האָפּשטיין, ש. כאַלאַדענקאָ, פּ. מאַרקיש, אי. פּעפער, ל. קוויטקאָ און אנדערע יונגע דיכטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער זאמלונג „יוגנט" (כאַרקאָוו), וועלכע ס'האָט צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט א. קושניראָוו. אין דעם זעלבן יאָר איז מ. שאַפּיראָ פאָרגעשטעלט מיט לידער אויך אין דער ליטעראַרישער זאמלונג „באַרג־אַרויף" (קיִעוו, פאַרלאַג „ווידערוווּקס"). אין מעשעך פון זײַן קורץ לעבן האָט ער באַוויזן פיל אופצוטאָן אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, אָפּט זיך געדרוקט אינעם זשורנאַל „פּראָליט" (כאַרקאָוו), אין דער צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן" (קיִעוו) און אין אנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, געפירט א גרויסע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. דאָוויד האָפּשטיין האָט וועגן אים געשריבן: „הוילע ניכטערקײַט, פּאַשטעס, טיפע ליבע, וואָס איז פאַרטאָן אין וואָכעדיקײַט, — דאָס איז געווען זײַן סטיכיי, און דערפאַר איז דער ווייכער, דער אינטימער מ. שאַפּיראָ געוואָרן איינער פון די ערשטע קעמפער פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור".

ווערק: פאַרטאָג, לידער. קיִעוו, „ווידערוווּקס", 1922; אין ערשטן יוגנט־הויז, צען קאַפּיטלען פון אונדזערע טעג. כאַרקאָוו, צענטרפאַרלאַג, 1929; לידער (1923 — 1929). קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1929; יונג לעבן, דערציילונגען. מאָסקווע—כאַרקאָוו—מ י נ ס ק, צענטרפאַרלאַג, אלוקראַיִנישער אָפּטייל, 1930; איינער פון מיליאָנען, לידער. כאַרקאָוו, „ליטעראַטור און קונסט", 1932; דערציילונגען. כאַרקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפאַרלאַג, 1932.

איבערזעצונגען: אוידאָ, אין סטעפּ. „קולטור־ליגע", קיִעוו, 1929; ס. גריגאָריעוו, לאָקאָמאָטיוו. דאָרט, 1930; דער זעלבער, דער ווײַסער סוינע. דאָרט, 1930; נאָוויקאָוו־פּריבאָי, אין בוכטע „אָטראַדאַ", דאָרט, 1930; ל. פּיטש־פּערקינס, קינדער פון אָקעאַן. דאָרט, 1929; וו. קאַווערין, די באַלאַגערונג פון נעם ווינטער־פּאַלאַץ. דאָרט, 1930; קודעלי, מײַן ערשטער מײַ. דאָרט, 1929; ראָלינאַטאָ (אי. קוליק), וואַסיל ראָלענקאָ אין אַמעריקע. דאָרט, 1930; וו. רעזניטשענקאָ, דניעפּערבוי. דאָרט, 1930; וו. פּ. דרונין, א. אי. זשעליאַבאָוו. כאַרקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1932.

ביבליאָגראַפיע: נ. אויסלענדער, וועגן די אויסגאַבעס פון „ווידערוווּקס" (מ. שאַפּיראָס „פאַרטאָג"). זשורנאַל „שטראָם", מאָסקווע, נומ. 4, 1923; מ. ליב, וועגן מ. שאַפּיראָס „יונג לעבן". צײַטונג „אָקטיאַבער" (מינסק), נומ. 202, 1930; ש. ש., א גרוס פון יונגע טעג (וועגן מ. שאַפּיראָס „אין ערשטן יוגנט־הויז"). זשורנאַל „פּראָליט", נומ. 5, 1929; ד. האָפּשטיין, מ. שאַפּיראָ (באַם פרישן קייווער). צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן" (קיִעוו), 6 מײַ 1931; דער זעלבער, איינער פון מיליאָנען. דאָרט, נומ. 37, 1933.

שאפּירא, מוישע
(1899 — 1973)

— לינגוויסט. געבוירן אין שטעטל כמעלניק, וויניצער געגנט, בא א פֿאָטער א מעלאַמעד. באַקומען א טראַדיציאָנעלע דערציִונג, זיך געלערנט אין בערדיטשעווער יעשיווע. אין 1917 פֿאַרענדיקט א גימנאַזיע. פֿון זעכצן יאָר געלעבט פֿון פּריוואַטע שטונדן. אין 1923 ווערט ער באַשטימט אַלס פֿאַרוואַלטער פֿון א ייִדישער שול, אײנצײַטיק אונטעריכט ער ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור, רוסישע שפּראַך און ליטעראַטור, מאַטעמאַטיק. אין סאָף פֿון די צוואַנציקער יאָרן פֿאַרענדיקט דעם פּעדאַגאָגישן פֿאַקולטעט פֿונעם קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר פּראָפֿבילדונג, באַקומט הינטער־אויגיק אויך מאַטעמאַטישע הויכבילדונג. אין 1928 דעביוטירט מיט א וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן אַרטיקל אינעם זשורנאַל „ראַטנבילדונג", מיט צוויי יאָר שפּעטער לאָזט ער אַרויס צוזאַמען מיט ר. לערנערן אַן אָרטאָגראַפֿיש הילפֿסביכל פֿאַר דער שול „שרײַב אָן גרײַזן". אין 1933 קומט ער אָן אין דער אַספּיראַנטור פֿון דער לינגוויסטישער סעקציע פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע, באַטייליקט זיך אינעם צונויפֿשטעלן די „מאַטעמאַטישע טערמינאָלאָגיע" (דערשינען אין 1935 אונטער דער רעדאַקציע פֿון עליע ספּיוואַק. אין 1937 פֿאַרטיידיקט ער א דיסערטאַציע „פּעשקאָווסקיס גראַמאַטישע סיסטעם און דער פֿאָרמאַליזם אין דער ייִדישער גראַמאַטישער ליטעראַטור", מע אײגנט אים צו דעם טיטל קאַנדידאַט פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן. אין די יאָרן 1936—1941 פֿאַרעפֿנטלעכט ער א ריי אַנדערע אַרבעטן: „פֿראַגן פֿון איבערזעצן לענינען אין ייִדיש", „דער גראַמאַטישער מין אין ייִדיש", „באַזונדערהײַטן פֿונעם זאַצבוי אין דער ייִדישער פֿאָלקסשפּראַך לויט דער שפּראַך פֿון שאָלעם־אַלייכעמס פּערסאָנאַזשן". גלײַכצײַטיק זעצט ער פֿאָר זײַן שפּראַכמעטאָדישע טעטיקײַט. אין 1938 דערשײַנט זײַנס א לערנביכל פֿאַר דער ייִדישער מיטלשול „מאָרפֿאָלאָגיע" (מיטאַוטאָר — כ. לויצקער), אין 1939 — דאָס הילפֿביכל „אָרטאָגראַפֿיע און פּונקטואַציע" (צוזאַמען מיט מ. מײַדאַנסקין). בײַס דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע אַרבעט ער אין בוכאַרער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, ווו ער אונטעריכט ספּעציִעלע קורסן „אַרײַנפֿיר אין שפּראַכוויסנשאַפֿט" און „היסטאָרישע גראַמאַטיק פֿון דער רוסישער שפּראַך". אומגעקערט זיך אין 1944 קיין קיִעוו, באַנײַט ער זײַן שפּראַכפֿאָרשערישע אַרבעט אינעם קאַבינעט פֿון ייִדישער שפּראַך. ליטעראַטור און פֿאָלקלאָר. אין 1946 נעמט ער זיך, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ע. ספּיוואַק, צו א וויכטיקער לעקסיקאָגראַפֿישער אַרבעט — צונויפֿשטעלן א רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך. אין 1964 קומט ער אָן אויף אַרבעט אין מאָלדאַווישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַלס דאָצענט אויף דער קאַפֿעדרע פֿון רוסישער שפּראַך, פֿאַרעפֿנטלעכט א ריי מעטאָדישע מאַטעריאַלן. זינט 1962 וווינט ער אין מאָסקווע, ווערט אַן אַקטיווער אַווטאָר פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", דרוקט א ריי אַרטיקלען, פֿירט א ספּעציִעלן אָפּטייל „שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך". געשטאָרבן דעם 26 דעקאַבער 1973.

ווערק: אין „סאָוועטיש היימלאַנד" — א וויסנשאַפֿטלעכער אָפּשטאַט פֿון גרויסן קולטור־באַטײַט (וועגן דעם בוך „שפּראַכן פֿון פֿעלקער פֿון פּססר"). 1966, נומ. 11; א פּאָר באַמערקונגען צו אײנעם א שטרײַט. 1970, נומ. 9; אײניקע באַזונדערהײַטן פֿונעם אײנהײַטלעכן ליטעראַרישן ייִדיש אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. 1967, נומ. 3; אַן ענטפֿער דעם כ׳ איטקאָוויטש. 1973, נומ. 9; אויפֿן טאָגסײדער — פֿראַגן פֿון שפּראַך. 1966, נומ. 7; בלעטערנדיק איבערזעצונגען פֿון ייִדיש. 1970, נומ. 4; די שפּראַך פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" און דאָס הײַנטצײַטיקע ייִדיש. 1971, נומ. 7; דער אוצער פֿון ייִדיש (נ. סטוטשקאָווס אָנדענק). 1966, נומ. 3; וועגן אײניקע נאָרמאַטיווע פֿראַגן פֿון ייִדיש. 1973, נומ. 4, 5; וועגן אײנער אַן אויסשטעלונג (אַרום דער אויסשטעלונג אין ניו־יאָרקער „ייִוואָ" „די געשיכטע פֿון ייִדישן אויסלייג"). 1966, נומ. 2; ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע און דער ליטעראַרישער ייִדיש. 1969, נומ. 7, 8; מאַקס ווײַנרײַך. 1969, נומ. 4; ס׳איז דאָ נאָך וועגן וואָס צו טראַכטן (וועגן לאָמדישע, העברעיִשע און דײַטשמערישע ווערטער אין ייִדיש). 1968, נומ. 4; עליע ספּיוואַקס בײַטראָג צו דער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט. 1970, נומ. 10; קײנער „וואַרפֿט ניט" קיין העברעיִזמען. 1967, נומ. 5; שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך. 1969, נומ. 1 — 12, 1970 — נומ. 1. — 12, 1971, נומ. 1 — 11, 1973, נומ. 1 — 12; שפּראַך־פֿראַגן. 1965, נומ. 6; רוסיש־ייִדישער ווערטערבוך (צוזאַמען מיט ע. ספּיוואַק, מ. שולמאַן). מאָסקווע, פֿאַרלאַג „רוסקי יאַזיק", 1984.

ביבליאָגראַפֿיע: מ. איטקאָוויטש, אַן אומדערמידלעכער פֿאָרשער פֿונעם ייִדיש־לאָשן. 1979, נומ. 2; מ. דובינסקי, דער וועג פֿון א שפּראַך־פֿאָרשער. 1973, נומ. 12; מוישע שאַפּיראָ, נעקראָלאָג. 1974, נומ. 2.

Отрицательный артикль [кэйн]

Кроме определенного и неопределенного артикля в идише имеется отрицательный артикль [кэйн], который стоит перед отрицаемым существительным. [кэйн] употребляется в предложении вместе с отрицанием [нит] — «*не*» или со словом [ништó], (*вариант* [нитó]) — *«нет», «не имеется»*, например:

1. Мы не хотим войны. — 1. מיר ווילן נ י ט ק יי ן קריג.
2. У нас нет безработицы. — 2. בא אונדז איז נ י ט׳ אָ ק יי ן ׳ארבעטלאָזיקייט.

Отрицание [кэйн] переводится на русский язык:

1) отрицанием «не» перед сказуемым:

Зимой цветы не цветут. — וו׳ינטער בל׳יִען ניט קיין בל׳ומען.

2) местоимением «ни»:

Я не знаю ни (одного) слова. — איך קען ניט קיין וואָרט.

3) отрицанием «нет» (*не имеется*):

У меня нет времени. — איך האָב ניט קיין צײַט.

Задание 2. а) Спишите нижеследующие предложения и подчеркните отрицание [нит кэйн] и отрицаемое существительное:

1) ער איז ניט קיין של׳אָסער, ער איז א ט׳אָקער, 2) וו׳ינטער בל׳יִען ניט קיין בל׳ומען. 3) וו׳ינטער גר׳ינען ניט קיין ב׳יימער. 4) ז׳ונטיק איז ניט קיין ׳ארבעטסטאָג. 5) מ׳אָנטיק איז ניט קיין ׳אָפּרו־טאָג. 6) ער האָט ניט קיין בר׳ודער, ניט קיין שוו׳עסטער — ער איז א בעני׳אָכיד. 7) זי האָט ניט קיין שוו׳עסטער — זי איז א באסיעכ׳ידע. 8) ער האָט ניט קיין ׳עלטערן — ער איז א י׳אָסעם. 9) זי האָט ניט קיין מאַן, ער איז געשט׳אָרבן. זי איז אַן אלמ׳אָנע. 10) ער האָט ניט קיין פרוי, זי איז געשט׳אָרבן. ער איז אַן ׳אלמען.

б)* Переведите вышеприведенные предложения на русский язык. Используйте при этом перевод новых слов к заданию 2 «б»:

единственный сын — דער בעני׳אָכיד (מצ. בנײ־יעכ׳ידים)
единственная дочь — די באסיעכ׳ידע־ס
сирота — דער י׳אָסעם (מצ. יעס׳וימים)
умер, умерла — איז געשט׳אָרבן
вдова — די אלמ׳אָנע־ס
вдовец — דער ׳אלמען (מצ. אלמ׳אָנים)

Ключ к заданию 2 «б». 1) Он не слесарь, он токарь. 2) Зимой цветы не цветут. 3) Зимой не зеленеют деревья. 4) Воскресенье нерабочий день. 5) Понедельник не день отдыха (*не выходной*). 6) У него нет ни брата, ни сестры, он единственный сын. 7) У нее нет сестры, она единственная дочь. 8) У него нет родителей, он сирота. 9) Она не имеет мужа, он умер, она вдова. 10) У него нет жены, она умерла, он вдовец.

Неопределенно-личное местоимение

[мэн] (*вариант* [мэ])

В IV уроке вы уже встретили предложение

«вывешивают новый календарь». — „הענגט מען א׳וף א נ׳ײַעם קאלענד׳אר“.

В этом и подобных ему предложениях говорится о действии людей, любых лиц, без точного указания, что именно из них выполняет данное действие. Такое предложение называется неопределенно-личным. В русском неопределенно-личном предложении нет подлежащего. В еврейском же предложении подобного типа в роли подлежащего употребляется местоимение [мэн] или его сокращенная форма [мэ], например:

В столовой кушают.	א׳ינעם ׳עסצימער עסט מ ע ן.
В школе учатся.	אין דער שול לערנט מ ע ן.
Роман читают с интересом.	מ ע ל׳ייענט דעם ראָמ׳אַן מיט אינטער׳עס.

Как видно из примеров, местоимение [мэн] отдельным словом не переводится, а глагол-сказуемое переводится соответствующим русским глаголом в форме 3-го лица множественного числа («кушают», «учатся», «читают»).

Задание 3. Переведите следующие предложения:

1) אין דער פאַבר׳יק ׳ארבעט מען. 2) אין דעם קלוב טאַנצט מען. 3) אױף דעם סטאַדי׳אָן שפּילט מען פוטב׳אָל. 4) אין קלאַס ל׳ייענט מען און מע שרײַבט. 5) אין דעם ס׳פּאָרט־זאַל מאַכט מען גימנ׳אַסטיק. 6) אױפן ט׳אַנצפּלאַץ טאַנצט מען. 7) אין אָוונט גייט מען שפּאַצ׳ירן. 8) ש׳אַבעס און ז׳ונטיק ארבעט מען ניט. 9) פינף טעג ׳ארבעט מען. 10) צוויי טעג אין דער וואָך רוט מען.

МОДАЛЬНЫЕ ГЛАГОЛЫ

В этом уроке мы познакомимся с особым видом глаголов — с модальными глаголами. В отличие от других глаголов они обозначают не действие, а отношение к действию (сравните с русскими глаголами «хочу», «желаю», «должен», «могу» и т. п.).

В идише особо употребительны следующие модальные глаголы:

1. долженствовать, иметь надобность	1. ד א ר פ ן
Ему надо идти домой	ער דאַרף גיין אהײ׳ם.
2. желать, хотеть	2. װ ע ל ן
Он хочет изучать идиш	ער וויל ל׳ערנען י׳ידיש
3. быть вынужденным, долженствовать, быть обязанным	3. מ ו ז ן
Больной должен (*обязан*) лечиться	דער קר׳אַנקער מוז זיך היילן
4. должно, следует, предстоит (*делать что-либо*)	4. ז אָ ל ן
Что (следует) ему делать?	וואָס זאָל ער טאָן?
Пусть он придет ко мне.	זאָל ער ק׳ומען צו מיר.
5. (не)разрешено, (не) позволительно	5. (נ י ט) ט אָ ר ן*
Ему не разрешается (*нельзя*) курить.	ער טאָר ניט ר׳ייכערן
6. позволительно, не запрещено	6. מ ע ג ן (מ אָ ג ן)
Он может (*ему не запрещено*) придти	ער מעג (מאָג) ק׳ומען
7. мочь, иметь возможность	7. ק׳אָ נ ע ן (ק׳ע נ ע ן)
Он может хорошо работать	ער קאָן (קען) גוט ארבעטן
8. мочь, уметь; знать	8. ק׳ע נ ע ן
Он умеет уже читать	ער קען שוין ל׳ייענען
Я его знаю (*я с ним знаком*) уже давно.	איך קען אים שוין לאַנג

* *Глагол [торн] употребляется преимущественно с отрицанием [нит].*

Особенности спряжения модальных глаголов

1) Модальные глаголы в 3-м лице единственного числа не получают окончания [-т] (примеры см. выше).

2) Глагол «хотеть» — [вэлн] во всех лицах имеет коренную гласную [-и-]:

איך וויל, דו ווילסט, ער וויל; מיר ווילן, איר ווילט, זיי ווילן

Задание 4. Переведите предложения:

1) זי וויל ל׳ערנען. 2) ער קען שוין שרײַבן אױף י׳ידיש. 3) דער ש׳ילער דאַרף ל׳ייענען י׳ידישע ב׳יכער. 4) א קינד טאָר ניט ר׳ייכערן. 5) ער מעג שוין ׳ארבעטן. 6) מיר מוזן רעאַליז׳ירן דעם פּלאַן. 7) זאָל ער ל׳ייענען דעם טעקסט.

З а п о м н и т е перевод словосочетаний «[мэн] + модальный глагол»!

1) надо, требуется, 2) не надо;	1) מע דאַרף, 2) מע דאַרף ניט;
3) хотят, 4) не хотят;	3) מע וויל, 4) מע וויל ניט;
5) необходимо, 6) не обязательно;	5) מע מוז, 6) מע מוז ניט;
7) следует, 8) не следует;	7) מע זאָל, 8) מע זאָל ניט;
9) можно (*разрешается*),	9) מע מעג,
10) нельзя, (*запрещено*);	10) מע טאָר ניט;
11) есть возможность,	11) מע קאָן
12) невозможно;	12) מע קאָן ניט;
13) могут, умеют,	13) מע קען,
14) нельзя, невозможно.	14) מע קען ניט

Задание 5*. Переведите на русский язык.

1) דעם ראָמ׳אַן קאָן מען ל׳ייענען א׳ינעם זשורנ׳אַל „סאָוו׳עטיש ה׳יימלאַנד“. 2) די זשורנ׳אַלן דאַרף מען א׳ויסשרײַבן אין „סאָיוזפּעטש׳אַט“. 3) אַז מע וויל, קאָן מען. 4) אויב מע קאָן ניט, וואָס מע וויל, מוז מען ווע‌לן, וואָס מע קאָן. 5) אויב מע וויל ק׳ענען י׳ידיש, דאַרף מען סיסטעמ׳אַטיש ל׳ייענען י׳ידישע ב׳יכער.

Слова к заданию 5:

когда; если	אַז
если, в случае если	אויב

Ключ к заданию 5:

1) Роман можно прочесть в журнале «Советиш геймланд». 2) Журналы надо выписывать в «Союзпечати». 3) Когда хотят, (то) могут. 4) Если невозможно (сделать) то, чего хотят, то необходимо хотеть (то), что возможно (сделать). 5) Если хотят знать идиш, надо систематически читать книги на идише.

Личные формы глагола [гэбн] = «давать»

При спряжении глагола [гэбн] коренная гласная [-э-] переходит в [-и-], а перед окончаниями [-ст] и [-т] из корня выпадает согласная [-б-]:

Неопределенная форма: дать	אינפיניט׳יוו: **געבן**
Повелительная форма: дай!	באַפ׳על־מ׳אָדוס: **גיב!**
дайте!	**גיט!**

Настоящее время	ק׳עגנוואַרט
Единственное число	**א י נ צ אָ ל**
Я даю	**איך גיב**
Ты даешь	**דו גי־סט**
Он дает	**ער גי־ט**
Множественное число	**מ׳ ע ר צ אָ ל**
Мы даем	**מיר גיב־ן**
Вы даете	**איר גי־ט**
Они дают	**זיי גיב־ן**

Задание 6. а) Выучите спряжение [гэбн].

б) Проспрягайте устно глагол [гэбн] в предложениях:

1) **איך גיב דעם בר׳ודער א בוך.**
2) **איך גיב דער שוו׳עסטער א זשורנ׳אַל.**

в)* Вместо пропусков поставьте соответствующую форму глагола [гэбн]:

1) **ער — אונדז א בריוו. 2) זיי — דער מ׳אַמע בלומען. 3) מיר — זיי א וו׳ערטערבוך. 4) איך — דיר א ל׳ערנבוך. 5) דו — מיר א בוך.**

Ключ к заданию 6«в»:

1) **ער גיט... 2) זיי גיבן... 3) מיר גיבן... 4) איך גיב... 5) דו גיסט...**

דאָצענט **ש. סאַנדלער**

דאָוויד אָלערע. דער וועג פון טויט, קרעמאַטאָריום

געבוירן אין ווארשע אין 1902. קונסט זיך געלערנט אין דער היימשטאָט, דערנאָך אין בערלין, מינכען, היידעלבערג און פּאריז. געווען אינטערנירט קיין דראנסי און פון דאָרט — קיין אַשוויענטשים, ווו אויף זיין האנט איז אויסגעטאטוירט געוואָרן דער צייכן 106.144. געווען אויך אין בירקענאו, מאטהאוזען, מעלק און עבענסי. פינף מאָל געפּרוווט אנטלויפן. נאָך דער באפרייונג זיך דערוווסט, אז זיין גאנצע מישפּאָכע איז אומגעבראכט געוואָרן. די טעמע פון אומקום איז געוואָרן דער הויפּט־מאָטיוו פון זיין שאפונג. זיינע בילדער זיינען אויסגעשטעלט אינעם פּאריזשער מעלוכע־מוזיי, אינעם יידישן מוזיי אין ניו־יאָרק און אין אנדערע מוזייען. אינעם מוזיי פון די געטאָ־קעמפער זיינען עקספּאָנירט בא 50 זיינע געמעלן און 4 אייל־בילדער, 3 סקולפּטורן, געווידמעט די אומגעבראכטע.



צו אונדזערע לייענער!

אַנהייבנדיק פֿונעם יול־נומער פֿאַר הײַנטיקס יאָר, וועט „סאָוועטיש היימלאַנד“ פֿאַרעפֿנטלעכן שאָלעם־אַליינכעמס ראָמאַן

„דער בלוטיקער שפּאַס“.

דאָס דאָזיקע ווערק איז אויף ייִדיש אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד קיינמאָל ניט דערשינען אין א בוך־פֿאָרם, מאַכמעס דעם ווילן די לייענער, אָן ספֿק, אויפֿנעמען די פּובליקאַציע מיט גרויס אינטערעס.

טיילט וועגן דעם מיט אײַערע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך נאָך ביז איצט ניט אַבאָנירט אויפֿן זשורנאַל אויף דער צווייטער העלפֿט 1988.

אָנהייבנדיק פֿון יאַנואַר 1989, וועט אין זשורנאַל אויך אײַנגעפֿירט ווערן די נײַע רובריק „געשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק“.

די פּרײַז פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ פֿאַר א האַלב יאָר — 4 רובל מיט 80 קאָפּיקעס.

Индекс нашего журнала — 70821

Replicando al artículo de Moishe Margolin “Sobre algunas obras literarias aparecidas en “Soviétish Héimland” en 1986” (véase el N° 10 del año pasado) interviene Zalman Libinzón (Gorki), Doctor en Filología, quien impugna el enfoque del romanticismo en el citado artículo.

En ensayo de Jaskl Zaen (Moscú) comenta el juicio de los secuaces de opresores nacifascistas Gnatiuk, Leskó y Ribak, participantes en matanzas de la población civil durante la segunda guerra mundial. El tribunal, congregado en diciembre último en la ciudad de Dzerzhinsk, región de Zhitómir, condenó a Gnatiuk y Leskó a pena capital, y a Ribak, a 15 años de prisión.

Terminan el número las secciones tradicionales: “Es interesante”, “Líneas alegres”, “Crónica de la vida literaria y cultural”, “Materiales para el lexicón de la literatura judía soviética” y “Manual autodidáctico del idioma yíddish”.

★

Suplemento al número:
Elvira Faguel “La vida salvada”

כראָניק

„דער קיניג מאַטיוש“ אין רוסיש

אין די ביכער־קראָמען פון מאָסקווע און פון אנדערע שטעט פונעם לאנד האָט זיך באוויזן א נײַער בוך פון דעם ווארשעווער פארלאג „נאַשא קסענגארניא“ — יאנוש קאָרטשאקס בארימטע קינדער־מײַסע „דער קיניג מאַטיוש“. אין פאָרוואָרט ווערט צווישן אנדערס געזאָגט: „יאנוש קאָרטשאק — דאָס איז א ליטערארישער פסעוודאָנים. דער עמעסער נאָמען פון אָט דעם ריז פון גײַסט און גוטסקײַט איז הענריק גאָלדשמיט, אָבער די אופטועו פון זײַן מעסירעסנעפעשדיק לעבן און די געשיכטע פון זײַן העראָישן טויט האָבן אים געמאכט בארימט אין דער וועלט אונטער דעם נאָמען קאָרטשאק.

ער איז געבוירן געוואָרן אין ווארשע, אין דער מישפּאָכע פון א באוווּסטן אדוואָקאט. לויט דער אָפּשטאמונג איז ער געווען א ייִד. דאגאם ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער פּויליש קולטור, האָבן אים פאראייניקט מיט די ייִדן זייערע ליידן און אונטערדריקונג...“

די נײַע אופלאגע פון יאנוש קאָרטשאקס מײַסע איז א וווּנדערלעכע מאַטאָנע פאר קליינע און דערוואקסענע לייענער און א זייכער וועגן דעם מענטשן, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן די קינדער.

EL RESUMEN

"Soviétish Héimland" ("La Patria Soviética")
Nº 4, abril, 1988

El artículo de Víktor Afanásiev (Moscú) "Sobre el nuevo pensar político", en la sección "Conferencia teórica", abre el número de abril de la revista abordando los cardinales problemas de democratización y *perestroika* que afectan a cada soviético.

El nuevo modo de pensar en política implica nuevos enfoques de las relaciones internacionales y los problemas de culturas nacionales. Las necesidades vitales y las posibilidades concretas del desarrollo de la cultura judía en la URSS son tema de los artículos "Respetar el sentimiento nacional de todo pueblo" del candidato a Doctor en Historia Evséi Yatsovski (Vilnius) y "Sobre la autoconciencia y cultura nacionales" del Doctor en Filosofía Grigori Bakanurski y el candidato a Doctor en Artes Anatoli Bakanurski (Odesa), que aparecen en la sección "Hojeando revistas y periódicos" reproducidos de los diarios *Tiesa* y *Vechérniaia Odesa,* respectivamente.

El 19 de abril cumplen los 45 años del comienzo de la heroica insurrección en el *ghetto* de Varsovia, que simbolizó la valentía inquebrantable de los luchadores judíos frente a los verdugos fascistas. Encarnizados combates en dicho *ghetto,* donde se emplearon tanques y artillería, duraron hasta el 8 de mayo de 1943, fecha de la toma del Estado Mayor de la organización militar judía por los nazis. Pero algunos grupos insurrectos continuaron la resistencia armada hasta el mes de junio. Esa rebelión fue uno de los mayores levantamientos contra los opresores nazifascistas en Europa Occidental.

Para conmemorar tal hazaña publicamos una serie de escritos bajo el epígrafe tomado del himno de guerrilleros judíos "Zog nit keinmol, az du geist dem letstn weg" ("Nunca digas que es tu último camino") del joven poeta Hirsh Glik, prisionero en el *ghetto* de Vilnius. Incluimos un fragmento de la novela "El andar de las generaciones" del clásico de literatura judía soviética Perets Márkish, otro del libro del escritor israelí Mordejái Tsanin "Fronteras que van hasta el cielo", poesías de Leib Opeskin, Ida Gradzianóvskaia y Kalman Lis bajo el título común "Versos escritos en *ghetto*", memorais de Jaim-Itsl Goldshtéin, autor del libro "Los siete en un refugio" (Varsovia, 1962), quien sobrevivió en el infierno del *ghetto* de Varsovia, tituladas "Judíos en las barricadas de Varsovia", así como "Versos de ira y venganza" de Moishe Shímel, Léizer Eijenrand, Nojem Bomze, Iosef Rubinshtéin e Itsik Féfer.

De poesía presentamos asimismo ciclos rimados "Medida de justicia" de Yosl Bujbínder (Kíev) y "Versos de distintos años" de Avrom Gontar, conocido poeta judío soviético (1908—1980) cuyo 80 aniversario celebramos este año.

En el presente número de "Soviétish Héimland" el lector puede conocer al prosista judío norteamericano contemporáneo Itsjok Bashevis-Singer, premio Nóbel de 1978. Los cuatro relatos que ofrecemos forman parte de su libro "En casa de mi padre".

Aparece también prosa de autores actuales soviéticos: fragmento de "Aquel año", novela de Iosif Rabin (1900—1987), continuación de la novela de Ijil Shraibman (Kishiniov) titulada "Siete años y siete meses" (véase el comienzo en el N° 3 del presente año), noveletas de Hirsh Reles (Minsk) y "La vejez", relato del moscovita Shmuel Gordón.

which was started in issue No 3, of the current year, the story "Old Age" by Shmuel Gordon (Moscow) and novellas by Girsh Reles (Minsk).

Zalman Libinzon, Ph.D. (Philology) of Gorky has contributed comments upon Moishe Margolin's article "About Several Literary Works Published in "Sovietish Heimland" during 1986", featured in issue No 10, of last year.

The essay by Khaskl Zayen (Moscow) deals with the trial held last December in Dzerzhinsk, Zhitomir region, of Gnatyuk, Lesko and Rybak, accomplices of the nazi German invaders, who participated in the mass murders of the peaceful population. Gnatyuk and Lesko were sentenced to death and Rybak—to 15 years' imprisonment.

The issue concludes with the traditional sections: "Items of Interest", "Humourous Lines", "Chronicle of Literature and Culture", "Materials for a Lexicon of Jewish Soviet Literature", "Teach Yourself Yiddish".

★

Supplement to the issue:
"A Life Saved" by Elvira Fagel

כראָניק

אין קולטור־פאָנד פון ליטע

לעצטנס איז אין ליטווישן קולטור־פאָנד פאָרגעקומען א גרינדונגס־פארזאמלונג פון אן איניציאטיוו־גרופּע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „שטיצער פון יידישער קולטור אין ליטע". די פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ האָבן גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט אופצושטעלן דעם פארמאכטן אין 1949 יידישן מעלוכע־מוזיי פון דער ליטווישער ססר. עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אז אין דער ערשטער ריי שטייט פאָר צונויפשטעלן א פולע רעשימע פון די דענקמעלער פון דער געשיכטע און קולטור פון די ליטווישע יידן, וועלכע מע וועט דארפן אָפּהיטן. ס'איז ווינטשנסווערט, אז די אדמיניסטראטיווע אָרגאנען זאָלן ווידער אופשטעלן די היסטאָרישע נעמען פון די גאסן: אין קאָוונע — א. מאפו, אי. עליאשעוו; אין ווילנע — זשידו (יידישע), ה. לעקערט, מ. סטראשון, גאאָן (עליאָהו האגאָען). די ארויסטרעטנדיקע האָבן אקצענטירט די אופמערקזאמקייט אף דעם, אז די געשיכטע פון די ליטווישע יידן איז אומאָפּטיילבאר פון דער אלגעמיינער געשיכטע פונעם קאנט. עס איז פאָרגעלייגט געוואָרן צוגרייטן ספּעציאליסטן, וואָס באהערשן די נאציאָנאלע שפּראך, זיי זאָלן אף א געהעריקן אויפן דערלערנען די מעקוירים, וועלכע זיינען פארבונדן מיט דער געשיכטע פונעם ליטווישן יידנטום.

די פארזאמלונג האָט באשלאָסן צו באווייזן אף קומענדיקע אויסשטעלונגען דעם גאנצן ספּעקטער פון די 600־יאָריקע גייסטיקע דערגרייכונגען פון די ליטווישע יידן, זייער העראָישן קאמף קעגן די אונטערדריקער פונעם פאָלק בעשאס דער אנטיפאשיסטישער מילכאָמע (94 פּראָצענט פון די ליטווישע יידן זיינען אומגעקומען). ס'איז פאָרגעלייגט געוואָרן מיטצוארבעטן מיטן יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק און אויסקלאָרן, וואָסערע קאָלעקציעס איבער יודאיק פונעם ווילנער קאנט פארמאָגט אָט דער אנשטאלט.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("Soviet Homeland")
No 4, April, 1988

The first pages of the current "Sovietish Heimland" issue carry, under the general title of "Theoretical Conference", an article by Victor Afanasyev (Moscow) "New Way of Political Thinking" dealing with problems of democratization and restructuring which are of concern to each Soviet citizen.

The new way of political thinking requires a new approach to the problems of relations between peoples and national cultures. The urgent demands and concrete possibilities of the development of the Jewish national culture in the USSR, are treated of in the articles included in the "Scanning Newspapers and Magazines" section, viz. "Respect for the National Feelings of all Peoples" by Yevsei Yatsovsky, Cand. Sc. (History) of Vilnius, and "National Awareness and National Culture" by Grigori Bakanursky, Ph. D. (Philosophy) and Anatoly Bakanursky Cand. Sc. (Art Criticism) of Odessa, which were first published in the newspapers "Tiesa" and "Evening Odessa" respectively.

On April 19, we will be commemorating the 45th anniversary of the heroic uprising in the Warsaw ghetto which became a symbol of indomitable courage of Jews-fighters against the nazi butchers. Fierce battles with the use of tanks and artillery had been continuing until may 8, 1943, when the nazis succeeded in capturing the headquarters of the Jewish fighting organization. Individual rebellious groups prolonged their armed resistance until June. The uprising in the Warsaw ghetto was a momentous armed combat against the nazi-German troops in occupied Western Europe.

In commemoration of this historical date the magazine publishes a selection of materials, with the lines "Zog nit keinmol az du geist dem letstn veg" ("Never say that you are going your last path") from the Jewish partisan hymn by the young poet Hirsh Glik, a prisoner of the Vilnius ghetto, serving as an epigraph. The selection features a passage from the novel "The March of Generations" by the classic of Jewish Soviet literature Perets Markish, a fragment from the book "Borders to the Very Sky" by the Israeli writer Mordechai Tsanin, poems by gretto prisoners Leib Opeskin, Ida Gradzianovska and Kalman Lis (united under the title of "Ghetto Lines"), the memoirs entitled "Jews on the Warsaw Barricades" by Chaim-Itsl Goldshtein, a Warsaw ghetto prisoner who survived the hell of the occupation, author of the book "Seven in the Bunker" (Warsaw, 1962), and the poems by Moishe Shimel, Leizer Eikhenrand, Nochem Bomze, Josef Rubinshtein and Itsik Fefer, united under the title of "Lines of Wrath and Vengeance".

Poetry is also represented by Iosl Bukhbinder's (Kiev) poems "A Measure of Justice" and Avrom Gontar's "Poems of Different Years" (to commemorate the 80th birthday anniversary of the prominent Jewish Soviet poet (1908-1980).

The April "Sovietish Heimland" issue introduces the readers to the work of the modern Jewish American writer Itschok Bashevis-Singer, 1978 Nobel Prize Winner. The four stories have been taken from his book "In my Father's House".

Modern Jewish prose is represented in the issue by the works of Soviet writers: the novel "In that Year" by Josif Rabin (1900-1987), the continuation of the novel "Seven Years and Seven Months" by Ikhil Shraibman (Kishinev),

В этом номере «Советиш геймланд» читатели получают возможность ознакомиться с творчеством современного еврейского американского писателя, лауреата Нобелевской премии за 1978 год, Ицхока Башевиса-Зингера. Цикл из его четырех рассказов взят из книги «В доме моего отца».

Современная еврейская художественная проза представлена в номере и произведениями советских писателей: романом Иосифа Рабина (1900—1987) «В тот год», продолжением романа Ихила Шрайбмана (Кишинев) «Семь лет и семь месяцев» (см. начало в № 3 за текущий год), рассказом Шмуэла Гордона (Москва) «Старость» и новеллами Гирша Релеса (Минск).

С репликой по поводу статьи Мойше Марголина «О некоторых литературных произведениях, опубликованных в «Советиш геймланд» за 1986 г.», напечатанной в № 10 журнала за прошлый год, выступает доктор филологических наук Залман Либинзон (Горький). Автор спорит с постановкой проблемы романтизма в вышеназванной статье.

Очерк Хаскла Заена (Москва) рассказывает о суде над пособниками немецко-фашистских оккупантов Гнатюком, Леско и Рыбаком, принимавших участие в массовых убийствах мирного населения. Суд сотоялся в декабре прошлого года в городе Дзержинске, Житомирской области. Гнатюк и Леско были приговорены к смертной казни, Рыбак — к 15 годам лишения свободы.

Номер завершается традиционными рубриками «Это интересно», «Веселые строки», «Хроника литературной и культурной жизни», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «Самоучитель языка идиш».

★

Приложение к номеру:
Эльвира Фагель. «Спасенная жизнь»

כראָניק

צו פֿאַרפֿולקומען דאָס דערלערנען די ייִדישע שפּראַך

אינעם אָפּטייל פֿון פֿאָלקס־בילדונג פֿון דעם בירָאָבידזשאַנער געגנט־אויספֿירקאָם איז פֿאָר־ געקומען א פֿארברייטערטע בּאראטונג, אין וועל־ כער עס האָבּן זיך באטייליקט פּעדאגאָגן פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, אָנפֿירער פֿון די אָרטיקע שולן און פֿון דעם געגנטלעכן אינסטיטוט אַף פֿאַרפֿולקומען די לערער־קאַדרען. דער ציל פֿון דער בּאראטונג איז געווען — פֿאַר־ נאַנדערארבעטן נײַע מעטאָדן אין געביט פֿון פֿאַרפֿולקומען און דערלערנען די ייִדישע שפּראַך אין די לערן־אנשטאַלטן פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן די דערפֿארונג פֿון דערלערנען ייִדיש אין די מיטלשולן נום. 1, 3 פֿון דער שטאָט בירָאָבידזשאַן און אין ייִשעוו וואַלדהיים. ס'עפֿענען זיך ספּעציעלע סע־ מינאַרן פֿאַר לערער פֿון ייִדישער שפּראַך באַם געגנטלעכן אינסטיטוט פֿון פֿאַרפֿולקומען פּעדאַ־ גאָגן און באַ דער בירָאָבידזשאַנער פּעדאַגאָגי־ שער שול.

אַף דער באַראַטונג איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די וויכטיקייט פֿון צונויפֿפּאָרן די פֿאַ־ קולטאַטיווע פֿאָרם צו דערלערנען די ייִדישע שפּראַך מיט דער אָבליגאַטאָרישער לער, אום־ אָפּהענגיק פֿון דער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט פֿון די שילער.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 4, апрель, 1988

Апрельский номер «Советиш геймланд» открывается рубрикой «Теоретическая конференция», в которой помещена статья Виктора Афанасьева (Москва) «О новом образе политического мышления». В этой работе затронуты принципиальные проблемы демократизации и перестройки, касающиеся каждого советского человека.

Новый образ политического мышления требует нового подхода к проблемам межнациональных отношений и национальных культур. Насущные потребности и конкретные возможности развития еврейской национальной культуры в СССР являются предметом рассмотрения в статьях, напечатанных под рубрикой «Листая журналы и газеты»: «Уважать национальные чувства всех народов» кандидата исторических наук Евсея Яцовского (Вильнюс) и «О национальном самосознании и национальной культуре» доктора философских наук Григория Баканурского и кандидата искусствоведения Анатолия Баканурского (Одесса). Впервые эти материалы были опубликованы в газетах «Тиеса» и «Вечерняя Одесса» соответственно.

19 апреля текущего года отмечается 45-летие со дня начала героического восстания в Варшавском гетто, ставшего символом непоколебимого мужества евреев — борцов против фашистских палачей. Ожесточенные бои в Варшавском гетто с применением танков и артиллерии продолжались до 8 мая 1943 года, когда фашистам удалось захватить штаб еврейской боевой организации. Отдельные группы повстанцев продолжали вооруженное сопротивление вплоть до июня. Восстание в Варшавском гетто было одним из наиболее крупных вооруженных выступлений против немецко-фашистских войск в оккупированной Западной Европе.

В память этой исторической даты журнал публикует подборку материалов. Эпиграфом к ним служат строки из еврейского партизанского гимна «Зог нит кэйнмол, аз ду гэйст дэм лэцтн вэг» («Никогда не говори, что ты идешь в последний путь»), написанного узником Вильнюсского гетто — молодым поэтом Гиршем Гликом. Подборка включает отрывок из романа классика еврейской советской литературы Переца Маркиша «Поступь поколений», фрагмент из книги израильского писателя Мордехая Цанина «Границы до самого неба», стихи, написанные узниками гетто Лейбом Опескиным, Идой Градзиановской и Калманом Лисом (они объединены под заголовком «Строки, написанные в гетто»), воспоминания одного из узников Варшавского гетто, пережившего ад оккупации, автора книги «Семеро в бункере» (Варшава, 1962), Хаима-Ицла Голдштейна «Евреи на баррикадах Варшавы», объединенные под заголовком «Строки гнева и мести» стихи Мойше Шимеля, Лейзера Эйхенранда, Нохема Бомзе, Йосефа Рубинштейна и Ицика Фефера.

Поэзия представлена в номере также циклами стихов Йосла Бухбиндера (Киев) «Мера справедливости» и Аврома Гонтаря «Стихи разных лет» (в связи с 80-летием со дня рождения этого видного еврейского советского поэта (1908—1980).

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Х. Меламуд, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Б. Сандлер, А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 928-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Чернина
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.01.1988. Подписано к печати 18.03.1988. Формат $70\times108^{1}/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л.11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 780.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1988

Цена 70 коп.
70821

issn 0134—4315

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

Теоретическая конференция «Советиш геймланд». В. Афанасьев. О новом образе политического мышления.

К 45-ой годовщине восстания в Варшавском гетто. П. Маркиш. Поступь поколений. М. Цанин. Варшава в те дни. **Строки, написанные в гетто** (стихи Л. Опескина, И. Градзяновской, К. Лиса). Х.-И. Голдштейн. Евреи на баррикадах Варшавы. **Строки гнева и мести** (стихи М. Шимла, Э. Эйхенранда, Н. Бомзе, И. Рубинштейна, И. Фефера).

И. Шрайбман. Семь лет и семь месяцев (роман, конец первой части).

И. Бухбиндер. Мера справедливости (стихи).

С. Гордон. Старость (рассказ).

Г. Релес. Очерки наших дней.

Памятные литературные даты. А. Гонтарь. Стихи разных лет.

И. Рабин. В том году (роман).

Наши публикации. И. Башевис-Зингер. Рассказы.

Х. Заен. Суд (репортаж).

По странам и континентам. О. Герасимов. По дорогам Мессопотамии.

Листая журналы и газеты. Наша реплика. Это интересно. Веселые строки. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. Самоучитель еврейского языка. Хроника.

Резюме на русском, английском и испанском языках.

1988

№ 4